STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08212

# SEFER HA-ZIKHRONOT

Joseph Isaac Schneersohn

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ספרי׳ – אוצר החסידים – ליובאוויטש

קובץ
שלשלת האור

היכל שמיני | שער שלישי

# ספר הזכרונות

●

# ליובאַוויטשער רבינ׳ס זכרונות

●

זכרונות פון כבוד קדושת

## אדמו״ר יוסף יצחק

זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע

## שניאורסאהן

מליובאוויטש

צווייטער טייל

ארויסגעגעבן דורך
„אוצר החסידים״
770 איסטערן פּאַרקוויי ברוקלין (13), נ. י.
יאָהר פינף טויזענט זיבען הונדערט פינף און צוואַנציג לבריאה

## אַלגעמיינער אינהאַלט:

| | |
|---|---|
| איינלייטונג פון אַרויסגעבער | IV |
| הקדמה פון כ"ק אדמו"ר שליט"א (צום ערשטן טייל) | V |
| ביאָגראַפישע דאַטן | VI |
| אינהאַלט | X |
| אַריינפיר | 1 -8 |
| ספר הזכרונות — צווייטער טייל | 9 -425 |
| הוספות און באַמערקונגען | 426-442 |
| פערזאָנען־אינדעקס | 443-447 |

# SEFER HAZICHRONOS

MEMOIRS OF

## RABBI JOSEPH I. SCHNEERSOHN

### of Sainted Memory

OF LUBAVITZ

Volume II

*Published and Copyrighted,* 1965, *by*
"KEHOT" PUBLICATION SOCIETY
770 Eastern Parkway Brooklyn, N. Y. 11213
Tel. HYacinth 3-9250 — PResident 8-4600

*Printed in the U. S. A. by*
EZRA PRINTING AND OFFSET CO.
480 SUTTER AVENUE, BROOKLYN, N. Y. 11207

# זכרונות פון ליובאַוויטשער רבי'ן
# אדמו"ר יוסף יצחק
זצוקללה"ה נבג"מ זי"ע

## שניאורסאהן

•

איבערזעצט אין אידיש און צוגעגרייט צום דרוק

דורך

## ד. ל. מעקלער

•

צווייטער טייל

# איינלייטונג פון אַרויסגעבער

ב״ה.

לויט דער אָנווייזונג פון כ״ק אדמו״ר שליט״א גיבן מיר דאָ אַרויס דעם צווייטן טייל[1]) פון ספר הזכרונות פון ליובאַוויטשער רבי'ן, כ״ק אדמו״ר ר׳ יוסף יצחק זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע.

ווי אין ערשטן טייל, זיינען די זכרונות געשריבן געוואָרן פון כ״ק אדמו״ר (מהוריי״צ) נ״ע אין לשון הקודש, און דערנאָך איבערזעצט אין אידיש און צוגעגרייט צום דרוק דורך רעדאַקטאָר ד. ל. מעקלער, און פאַרעפענטליכט געוואָרן אין וועכענטליכן צייטונג „אַמעריקאַנער״[2]).

* * *

אין צוגאַב צו אייניגע ענדערונגען, זיינען דאָ צוגעגעבן געוואָרן: א) הקדמה פון כ״ק אדמו״ר שליט״א צום ערשטן טייל. ב) קורצע ביאָגראַפישע דאַטן וועגן כ״ק אדמו״ר (מהוריי״צ) נ״ע. ג) הוספות און באַמערקונגען. ד) אינדעקס פון די מענטשן וועלכע זיינען דערמאָנט אין די זכרונות.

מערכת „אוצר החסידים"

עש״ק ר״ח טבת, ה׳תשכ״ה, ברוקלין, נ. י.

---

1) ערשטער טייל — געדרוקט אין תש״ו.

2) אדר תשי״ב — אלול תשי״ג (ענטהאַלט אויך די פרקים וועלכע זיינען זיינערצייט געדרוקט געוואָרען אין מאָרגען זשורנאַל און ניט אריין אין ערשטן טייל).

# הקדמה

## פון כ"ק אדמו"ר מנחם מענדל שליט"א צו דער ערשטער אויסגאבע פ.ז ערשטן טייל פון יאָהר ה'תש"ז

●

ב"ה

זומער ה'תש"ה, אין צוזאמענהאנג מיט דעם דרייענדיגען יובל פון כ"ק מו"ח אדמו"ר שליט"א: א) פופציג יאָהר עסקנות הכלל. ב) פינף און צוואנציג יאָהר נשיאות פון חסידי חב"ד. ג) ח"י יאָהר זינט דער באפרייאונג פון תפיסה, וואו ער איז געזעסען פאר זיין איבערגעגעבענער ארבעט בחזוק התורה והיהדות,

איז די לייטונג פון „אוצר החסידים" צוגעטראָטען צו דער זאמלונג און צום צוגרייטען צום דרוק פון א יובל אויסגאבע פון די מאמרים, בריף, שיחות, א. א. וו. פון כ"ק מו"ח אדמו"ר שליט"א.

די זאמלונג איז איינגעטיילט אין פאָלגענדע חלקים:

היכל שמיני (דער אכטער נשיא זינט דעם מיסד פון תורת החסידות — דעם בעל שם טוב). שער ראשון: מאמרים [א: מאמרים געשריבען אין לשון הקדש. ב: מאמרים געשריבען אין אידיש]. שער שני: בריף. שער שלישי: שיחות. שער רביעי: זכרונות.

* * *

אין דעם „ספר הזכרונות — ליובאוויטשער רבינ'ס זכרונות" גייט אריין א גרויסער טייל פון די זכרונות פון כ"ק מו"ח אדמו"ר שליט"א, וועלכע ער האָט געשריבען קומענדיג אין אמעריקע. די זכרונות זיינען געשריבען אין לשון הקודש און אין פאַרשידענע צייטען. זיי זיינען געוואָרען איבערזעצט אין אידיש און צוגעגרייט צום דרוק דורך רעדאקטאָר ד. ל. מעקלער און דאן פאַרעפענטליכט אין „מאָרגען זשורנאל" *).

אחוץ קליינע ענדערונגען, זיינען דאָ צוגעגעבן געוואָרען: א) איינינע ביאָגראַפישע דאַטען וועגען כ"ק מו"ח אדמו"ר שליט"א. ב) הוספות און באמערקונגען. ג) אינדעקס פון די מענשען וועלכע זיינען דערמאָנט אין די זכרונות.

* * *

אין נאָמען פון די טויזענטער לעזער פון די „זכרונות" וויל איך דאָ זאָגען א הערצליכען יישר כח דעם זעהר געעהרטען רעד. ד. ל. מעקלער פאַר זיין איבערגעגעבענער אַרבעט אין דעם צוגרייטען צום דרוק און אין דער פאַרעפענטליכונג פון די זכרונות פון כבוד קדושת מו"ח אדמו"ר שליט"א.

**מנחם שניאורסאהן**

יב־יג תמוז, ברוקלין, נ. י.

---

*) פון ה' תשרי תש"א ביז ו' אדר תש"ב (7־טער אָקטאָבער 1940 — 23־טער פעברואַר 1942). אין דעם פאָרליגענדען בוך גייען אַריין די קאַפּיטלאך פאַרעפענטליכט ביז ג' תשרי תש"ב (24־טער סעפּטעמבער 1941).

# ביאָגראַפישע דאַטען

●

איינינגע ביאָגראַפישע דאַטען [1]) וועגען דעם ליובאַוויטשער רבי'ן, כ"ק אדמו"ר ר' יוסף יצחק זצוקללה"ה נבג"מ זי"ע שניאורסאָהן: געבאָרען יב תמוז תר"ם אין ליובאַוויטש. צו פופצען יאָר — תרנ"ה — הייבט ער אָן צו נעמען אַן אַקטיווען אָנטייל אין דער געזעלשאַפטליכער כלל ארבעט. אין תרנ"ז — י"ג אלול — האָט ער חתונה מיט הרבנית נחמה דינה שליט"א, די טאָכטער פון הרה"צ והרה"ח הר' אברהם נ"ע. אין תרנ"ח ווערט ער דער מנהל־פועל פון ישיבת תומכי־תמימים. אין תרס"ו פאָרט ער אין אויסלאַנד און ווירקט אויס די אינטערוועניץ פון פאַרשידענע קרייזען אויף אָפּשטעלען די פּאָגראָמען אויף אידען אין רוסלאַנד. פון יאָר תרס"ב ביז תרע"א, צוליב זיין געזעלשאַפטליכער כלל אַרבעט, ווערט ער אַרעסטירט פיר מאָל אין פאַרשידענע צייטען אין מאָסקווע און פעטערבורג. תר"פ, נאָך דער הסתלקות — מוצאי שבת קודש ב' ניסן — פון זיין פאָטער — כ"ק אדמו"ר מוהר"ר שלום דובער נ"ע [2]) נעמט ער איבער די נשיאות פון חסידי חב"ד. תרפ"א — איז מסדר אַ ברייט־פאַרצווייגטע אַרבעט, איבער גאַנץ רוסלאַנד, אין חיזוק התורה והיהדות. גרינדעט ישיבת תומכי־תמימים אין וואַרשאַ. תרפ"ד — איבער אַ מסירה פון די „יעווסעקציע" ווערט ער געצוואונגען צו פאַרלאָזען זיין דענסטמאָלדיגע וואוין־שטאָט — ראָסטאָוו און באַזעצט זיך אין פעטערבורג. פאַרנעמט זיך מיט חיזוק התורה והיהדות, דורך גרינדען און שטאַרקען חדרים, ישיבות, רבנים, שובי"ם און מגידי שיעורים און גרינדען מקוואות. גרינדעט ספּעציעלע קאָמיטע צו העלפען די האַנט־אַרבעטער צו היטען שבת. גרינדעט אגודת חסידי חב"ד אין אַמעריקע און קאַנאַדע. תרפ"ז — גרינדעט ישיבות אין בוכאַרא. ט"ו סיון — ווערט אַרעסטירט, אויף אַ מסירה פון די „יעווסעקציע" פאַר זיין אַרבעט אין תורה ויהדות. ג' תמוז — ווערט געשיקט קיין קאָסטראָמאַ, ווערט אָבער באַפרייט יב־יג תמוז. תרפ"ח — באַזעצט זיך אין ריגאַ (דאַמאָלסט הויפּט־שטאָט פון לעטלאַנד). גרינדעט דאָרט אַ ישיבה. תרפ"ט־תר"ץ — באַזוכט צום ערשטען מאָל ארץ ישראל און דאַן אַמעריקע. תרצ"ד — באַזעצט זיך אין פוילען (וואַרשאַ און שפּעטער — אָטוואָצק). גרינדעט איגוד התמימים. גרינדעט אָפּטיילונגען פון ישיבת תומכי־תמימים אין פאַרשידענע שטעט אין פוילען. תרצ"ה — הייבט אָן ערשיינען דער קובץ „התמים". תרצ"ט — גרינדעט אגודת חסידי חב"ד העולמית. ת"ש — ט אדר שני — קומט אָן און באַזעצט זיך אין ניו־יאָרק. פאַרנעמט זיך אין דער רעטונג פון זיינע געבליבענע תלמידים אין אייראָפּע. גרינדעט דאָרט צענטראַלע ישיבת תומכי־תמימים. תש"א —

---

1) פאַר מער פּרטים זע: שלשלת היחס פרק ואו (אין קובץ „היום יום" ע' 9), סאָם אַספּעקטס (אין ענגליש), „דער ליובאַוויטשער רבי" (קורצע ביאָגראַפיע).

2) קורצע ביאָגראַפישע ידיעות וועגען כ"ק אדמו"ר מהרש"ב נ"ע, זע „חנוך לנער" (ברוקלין, נ. י., תש"ג).

הייבט אָן ערשײנען די מאָנאַטליכע אויסגאַבע „הקריאה והקדושה". גרינדעט „מחנה ישראל" אויף שטאַרקען תורה, עבודה און גמילות חסדים. תש"ב — ערעפענונג פון פאַרלאַג „קה"ת" (קרני הוד תורה — ליובאַוויטש). גרינדעט „מרכז לעניני חינוך". גרינדעט ישיבת תומכי־תמימים אין קאַנאַדע. גרינדעט בתי־ספר פאַר מיידלעך „בית רבקה" און „בית שרה". פאַרנעמט זיך לטובת די אידישע סאָלדאַטן אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי. גרינדעט ישיבות אחי־תמימים אין די פּראָווינץ שטעט פון אַמעריקע. תש"ג — גרינדעט „ספרי' — אוצר החסידים — ליובאַוויטש". תש"ד — הייבט אָן ערשײנען „קובץ ליובאַוויטש". גרינדעט חברת „ביקור חולים". גרינדעט חברת „ניחח" (זאַמלונג פון ניגוני חסידי חב"ד). תש"ה — גרינדעט חברת „עדינו". גרינדעט „ועד מרכזי לעזרה ליהודי אירופא" מיט אַן אָפּטײלונג אין פּאַריז. גרינדעט ועד „של"ה" (שיעורי לימוד הדת — רעליגיעזע שטונדע פאַר אידישע קינדער אין די פּאַבליק סקולס). אָרדענט איין די אַרבעט אויף צו שטאַרקען דעם רוחניות'דיגען מצב פון די אידישע פאַרמערס אין אַמעריקע. יב־יג תמוז (אין יאָר תש"ה) פייערונג, איבער גאָר דער וועלט, פון דעם דרייסיקסטן יובל פון כ"ק אדמו"ר: א) פופציג יאָר עסקנות הכלל. ב) פינף און צוואַנציג יאָר נשיאות חסידי חב"ד. ג) אַכצען יאָר זייט זיין באַפרייאונג פון תפיסה, וואו ער איז געזעסען פאַר זיין איבערגעגעבענער אַרבעט בחיזוק התורה והיהדות, עס ווערט אויך צוגעטראָטען צו דער זאַמלונג און צוגרייטונג צום דרוק פון אַ יובל־אויסגאַבע פון די מאמרים, בריף, שיחות, א. א. וו. פון כ"ק אדמו"ר (די דאָ געדרוקטע זכרונות זיינען אַ טייל פון דער יובל־אויסגאַבע). גרינדעט כפר ספריא חב"ד (לעבן תל־אביב אין אה"ק ת"ו) פאַר די רוסישע פליכטלינגען. תש"ט — דערוועקט צו גרינדען „ועד המסדר" צו ראַטעווען די ערציאונג פון קינדער אין די מחנות המעבר אין אה"ק ת"ו. תש"י — אין די וואָכען פאַר זיין הסתלקות ליינט ער דעם יסוד און דעם סדר פאַר די אַרבעט פון ערציאונג און שטאַרקען תורה אין די לענדער פון צפון־אפריקא, וואָס אַלס פועל־יוצא פון דעם זיינען געגרינדעט געוואָרען דאָרט בתי־מדרש פאַר לערערינס, ישיבות, תלמוד תורה'ס פאַר אינגלעך און מיידלעך, אַלע אונטער דעם אַלגעמיינעם נאָמען „אהלי יוסף יצחק — ליובאַוויטש".

* * *

אום שבת קודש פ' בא, יו"ד שבט ה'תש"י, אַכט אזייגער אינדערפרי, איז ער נסתלק געוואָרען ומנוחתו כבוד אין ניו־יאָרק. זכר צדיק וקדוש לברכה לחיי העולם הבא נשמתו בגנזי מרומים זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל, ובמהרה בימינו נזכה ליעוד המקווה והקיצו ורננו שוכני עפר והוא בתוכם, אמן כן יהי רצון.

## ערשינען אין דרוק*) פון ליובאַוויטשער רבי'ן כ"ק אדמו"ר מהוריי"צ זצוקללה"ה נבג"מ זי"ע:

קונטרסים: קונטרס א' ביז קכ (תרפ"ח—תשי"ז).

לקוטי דבורים: לקוט א' ביז לח (תרצ"ג—תשי"ח).

ילמדנו רבנו: אין „הקריאה והקדושה". חוברת א' ביז ס"א (תשרי תש"א—אלול תש"ה).

אגרות קודש: אין „התמים" חוברת א' ביז ח' (וורשא, תרצ"ה—צ"ח).
מהני מילי מעלייתא: אין קובץ „ליובאַוויטש" חוברת א' ביז י"א (ברוקלין, תש"ד—תש"ו).

קובץ מכתבים: קובץ א—ג (תרצ"ז—תשי"ב).

זכרונות: אין „מאָרגען זשורנאַל" (ה' תשרי תש"א ביז ו' אדר תש"ב). אין „אַמעריקאַנער" (אדר תשי"ב—אלול תשי"ג).

איינצעלנע מאמרים**): גדולים מעשה צדיקים (וורשה, תרפ"ה). ביום השני הקריב (וורשה, תרפ"ה). לך אמר לבי (וורשה, תרצ"ו). וקבל היהודים („התמים" ח"ז). מאמר ב' אלול תרצ"ז (נ. י. תרצ"ז).

איינצעלנע שיחות: באַגריסונג (ריגא, תרצ"ב). רייד פאַר פרויען (ריגא, תרצ"ה). באַזוך אין גלובאָקע (וורשא, תרצ"ה). שביעי ש"פ תרח"ץ (אין „שמע ישראל", נ. י. תרצ"ט). ז' אדר שני תש"ג, י"ט כסלו תש"ד, י"ד אדר תש"ד, ב' אדר תש"ה (ברוקלין, תש"ג—תש"ה). אין „הקריאה והקדושה" (תש"א—תש"ה).

איינצעלנע בריף: לאיגוד התמימים (וורשה, תרצ"ה). קיום נפש מישראל (ריגא, תרצ"ט). מעסעדזש צו סאָלדאַטען (ברוקלין, תש"ה). אין „חכמי ישראל" (נ. י. תרפ"ד). פוקח עורים (י. י. ת"ש). קונטרס ומעין (ברוקלין, תש"ג). קובץ חידושי תורה (ברוקלין, תש"ה). קונטרס עץ החיים, קונטרס העבודה (ברוקלין, תש"ו) א. אַ. וו.

יובל אויסגאַבע: ספר המאמרים — קונטרסים (א—מג) (ברוקלין, תשכ"ב). ספר המאמרים — אידיש (ברוקלין, תש"ו). ספר המאמרים ה'ש"ת (ברוקלין, תשי"א). ספר המאמרים ה'תש"א (ברוקלין, תשכ"ד). ספר המאמרים ה'תש"ב (ברוקלין, תשכ"ד). ספר המאמרים ה'תש"ג (ברוקלין, תשי"ג). ספר המאמרים ה'תש"ד (ברוקלין,

---

*) פאַר מער פרטים זע קונטרס תורת החסידות ז. 30—32. ספר המפתחות (אין דרוק).

**) דאָ ווערט אָנגעגעבן בלויז דער אָרט און יאָהר פון דער ערשטער אויסגאַבע.

תשי"ד). ספר המאמרים ה'תש"ח (ברוקלין, תשי"ח). ספר המאמרים ה'תש"ט (ברוקלין, תשי"ב). ספר המאמרים ה'תש"י (ברוקלין, תשי"א). ספר המאמרים ה'תשי"א (ברוקלין, תשי"א). ספר המאמרים ה'תש"ה (אין דרוק). לקוטי דבורים — ד' כרכים (לקוט א—לח מיט הוספות) (ברוקלין, תשי"ז—תשי"ח). ספר השיחות — קייץ ה'ש"ת (ברוקלין, תש"ז). ספר השיחות ה'תש"א (ברוקלין, תשכ"ד). ספר השיחות ה'תש"ב (ברוקלין, תשכ"ד). ספר השיחות ה'תש"ג (אין דרוק). ספר הזכרונות — אידיש — ערשטער טייל (ברוקלין, תש"ז). צווייטער טייל (ברוקלין, תשכ"ה). ספר הזכרונות — לה"ק (אין דרוק). ספר הקיצורים — קיצורי שערי אורה (ברוקלין תש"ח).

**איבערזעצונגען:** ספר הזכרונות — אנגלית. חלק ראשון (ברוקלין, תש"ט). חלק שני (ברוקלין, תש"כ). קונטרס תורת החסידות — אנגלית (ברוקלין, תשי"ט). קונטרס לימוד החסידות — אנגלית (ברוקלין, תשי"ט). אדמו"ר הצמח צדק ותנועת ההשכלה — אנגלית (ברוקלין, תשכ"ב).

# אינהאלט

## ליובאוויטשער רבינ'ס זכרונות — צווייטער טייל


סב. דער פרוש פון דובראָוונע ........................ 9 -15
אַ פרוש צו זעכצען יאָר. — דער שונא־ישראל וואָס וויל זיך שפּילן מיט דעם פרוש. — שמיץ אָן ווייטאָג.

סג. דעם אכזר'ס שטראָף ........................ 15 -19
דער דורכפאַל פון אַ שליח. — דעם אכזר'ס שטראָף. — די עקרות בויען דעם „קלויז פון אַלטען פרוש" און ווערן געהאָלפן.

סד. טאַטע און זון ........................ 19 -25
דער „ווילדער" בעטלער. — אַ טאַרבע פול מיט חשבונות. — די אַנטפּלעקונג פון דעם נסתר. — דער בעל־שם־טוב נעמט אַ האַנט.

סה. פּסח דער פראַנצויז ........................ 25 -31
פּרינץ ראַדזיוויל און זיין חבר. — דעם בעל שם טוב'ס תורה. — דער פאַרזיגעלטער קאָנווערט. — ראַדזיוויל אין הארקי.

סו. דעם בעל שם טוב'ס רפואה ........................ 31 -37
דער בעל־שם־טוב שיקט אַ רפואה פאַר פּרינץ ראַדזיוויל. — שיקט אויך אַ רפואה פאַר אַ בעל־תשובה. — דער געוועזענער פראַנצויז העלפט שעפּן „מים שלנו".

סז. דער יונגער שותק ........................ 37 -42
ברוך, דער צוקונפטיגער פאָטער פון בעל התניא, הערט אַ מעשה וועגן אַ צווייטען ברוך. — ברוך וויאזנער'ס דרך. — בייגעקומען אַ נסיון.

סח. תורה און עבודה ........................ 43 -48
ברוך וויאזנער פאַראינטערעסירט זיך אין קבלה. — וויל אָנקומען אין דער בריסקער ישיבה. — אויף יחידות ביים ראש־ישיבה.

סט. רבי און תלמיד ........................ 48 -53
דער ראש־ישיבה איז מקרב ברוך'ן. — ברוך'ס סיגופים. — רבי און תלמיד.

ע. ברוך'ס נייער דרך ........................ 53 -57
ברוך נעמט זען זיינע חסרונות. — ברוך'ס נייער דרך.

עא. מענטש און וועלט ........................ 57 -61
ברוך פאַראייניגט זיך מיט דער נאַטור. — וואָס ער האָט געלערענט פון זיין רבי'ן וועגן דער יצירה. — אלול טעג און ימים נוראים.

# א י נ ה אַ ל ט


עב. ברוך האָט חתונה ........ 62-67

ברוך'ס סוד ווערט אַנטפּלעקט און ער פאַרלאָזט בריסק. — ברוך באַקענט זיך מיט אַ נסתר אין סמילע. — ברוך'ס חתונה.

עג. די סלוצקער קנאים ........ 67-71

ברוך באַזוכט ר' יואל'ן, דעם בעל־שם פון זאמאשטש. — באַזעצט זיך לעבן סלוצק. — זיין אייגנאַרטיגע ישיבה. — סלוצקער קנאים. — ברוך'ס השפעה.

עד. ר' אדם בעל שם ........ 72-76

אַ חשובער אורח אין סלוצק. — דער „גאַליציאַנער" מאַכט אַ רושם. — די „אָפּגענאַרטע" קנאים.

עה. סלוצקער היץ־קעפּ ........ 77-81

די היץ־קעפּ זיינען גרייט מקיים־פּסק זיין אויף דעם אורח. — ר' אדם בעל שם דערציילט וועגן זיך. — סלוצקער פעסטונג וואַקלט זיך.

עו. דער געהיימניספולער עילוי ........ 81-86

ר' ברוך וויאזנער פאַרטיילט זיין פאַרמעגן. — אַן אומבאַקאַנטער ראש־ישיבה. — קבלה מיט פאַרזיכטיקייט.

עז. איד וואָס האָט פיינט דרשנים ........ 86-91

דער אומבאַקאַנטער נעמט זיך דערציילן וועגן זיך. — דער בעל צדקה פון שווינציאַן. — פאַרוואָס ער האָט פיינט דרשנים.

עח. דער בעל־שם־טוב ווערט מנהיג ........ 92-97

דער אורח וואָס האָט דעם עושר צוריק אַרויפגעפירט אויפן וועג. — ר' ברוך דערגייט ווער דער ראש־ישיבה איז. — ר' ברוך פאָרט צום בעל־שם־טוב.

עט. דער בעל־שם־טוב אין סלוצק ........ 97-102

ר' ברוך לאָזט איבער די ישיבה צו זיינע זין און פאָרט קיין ארץ־ישראל. — דער בעל־שם־טוב זאָרגט וועגן פרנסה פאַר אידן. — אַ חסידישע ישיבה אין סלוצק.

פ. אַ לומדישע פּרוי און איר טאָכטער ........ 102-107

ר' ברוך, דער פאָטער פון בעל התניא, און זיין שוועסטער דבורה־לאה. — זייער פאָטער ר' שניאור זלמן. — זייער מוטער רחל. — זייער זיידע ר' ברוך בטלן. — אַ מעשה נורא אין פויזען.

פא. דעם בעל שם'ס סגולה ........ 108-112

ווי צו פאַרטרייבען „ניט גוטע". — ר' יואל בעל שם'ס סגולה. — די „ניט גוטע" קערן זיך אום.

פב. אַ טשיקאַבע דין־תורה ........ 113-117

דעם מתנגד'ס זון גייט אַראָפּ פון זינען, ר"ל. — ר' יואל בעל שם אין פויזען. — אַ דין־תורה מיט די „ניט גוטע".

פג. דער מהר"ל פון פּראָג ........ 118-123

ר' שניאור זלמן, דער זיידע פון בעל התניא, פינפטער דור פון מהר"ל. — די געשיכטע פון מהר"ל. — ר' יעקב פּאָלאַק'ס ישיבה. — פערל, דעם מהר"ל'ס פרוי.

פד. דער כהן און די גרושה ........................ 128-123
די שטאָט קראָקע. — אַ מעשה פלא. — דער כהן וואָס האָט געוואָלט נעמען אַ גרושה. — דער אַלטער רב וואָס האָט זיך געגענגעשטעלט אַ פרינץ און בישאָף.

פה. לעגענדע לשון של חירוף וגידוף .................. 133-128
דער כהן באַקומט קורח׳ס סוף. — דער בישאָף גייט אַראָפּ פון זינען. — דער פרינץ בעט זיך איבער.

פו. דעם מהר״ל׳ס אייניקל ............................ 138-133
פערל באַקומט אַ משכון. — דער אוצר. — פערל די מלומדת. — דעם מהר״ל׳ס אייניקל ר׳ שמואל אַ זעלטענער קינסטלער.

פז. אידישע חכמה און גוי׳אישע שנאה .................. 142-138
דער קעניג פערדינאַנד דער ערשטער. — די גזירה פון גירוש. — אַ וויכוח פון אַ פרינץ און זיין אידישן פאַרוואַלטער.

פח. דער מהר״ל און דער פרינץ ....................... 148-143
דער פרינץ לאַדעט איין דעם מהר״ל. — דער מהר״ל לייזט אַן אַסטראָנאָמישע פּראָבלעם. — פרינץ פערדינאַנד און פרינץ מאקסימיליאן.

פט. די העצע געגען אידן ............................ 154-148
ווער צאָלט מער שטייערן. — דער דאַנקבאַרער פרינץ. — אַ קעניגלעכע אסיפה. — דער קעניג פאַרטיידיקט די אידן.

צ. די שבועה געגען שמד ............................ 158-154
דער קאַרדינאַל האָט די אויבערהאַנד. — אידן מוזן הערן קריסט־ליכע דרשות. — דער מהר״ל באַשווערט די אידן מקדש השם צו זיין.

צא. אידן ווערען ניצול פון אַ גזירה .................... 163-158
אַ דעלעגאַציע צום פּויפּסט. — ר׳ שמואל, דעם מהר״ל׳ס אייניקל ווערט ראש הקהל. — דער וואונדער אויף דעם בית הקברות. — די ישיבה פון ר׳ אליהו בעל שם. — דער מהרש״א געגען קבלה. — ר׳ משה, דעם בעל התניא׳ס עלטער זיידע.

צב. דעם מהר״ל׳ס נצחון ............................. 167-163
קעניג רודאלף׳ס פּריינטשאַפט צום מהר״ל. — דעם מהר״ל׳ס וויכוח מיט קדרדינאַלען. — אַ נצחון פאַרבונדען מיט אַ סונה. — דער מהר״ל אין פּויזען. — ר׳ משה ראש הקהל פון פּויזען הונדערט יאָר שפּעטער. — זיין זון ר׳ שניאור זלמן.

צג. די פרוי וואָס האָט גע׳פסק׳נט שאלות ................ 172-168
רחל, דעם בעל התניא׳ס באָבע. — אַ פרוי וואָס איז קלאָר אין שלחן ערוך. — רחל פסק׳נט אַ שאלה. — איר טאָכטער דבורה לאה.

צד. תנאים אויפן בית עולם ........................... 177-173
ר׳ ברוך און דבורה לאה. — דער בעל שם טוב אַלס שדכן. — ר׳ יוסף יצחק, דבורה לאה׳ס חתן, דעם בעל שם טוב׳ס אַ חסיד. — תנאים אויפן בית עולם.

# אינהאלט


צה. דער רבי פון עם־הארצים ........................ 183־177
דאָס שטעטעל שאריי. — דער רב פראַוועט סיגופים. — ר׳ יעקב קערפיל. — אלף־בית מיט עלטערע אידען.

צו. שטומע ווערען רעדעוודיג ........................ 188־183
אַ משל וועגן שטומע. — ר׳ הערש לייב דער מלמד פאַרענטפערט אַ שווערע סוגיא. — כבוד און אומ׳כבוד. — יעקב קערפיל איז מצליח.

צז. דער לעבעדיגער משכון ........................ 192־188
אַן אַרענדאַר ווערט אַ יורד. — אַ קינד אַלס משכון. — דער גלח זוכט אַ קרבן. — פדיון שבויים.

צח. געראַטעוועט אַ אידישע נשמה ........................ 198־193
צרות אויף צרות. — יעקב קערפיל קומט צו הילף. — מסירות נפש פון אַ קינד. — די ישועה.

צט. ר׳ ישראל בעל שם טוב ........................ 204־198
צווישן די נסתרים. — דעם בעל שם טוב׳ס פּלאַן. — יעקב קערפיל ווערט געהאָלפען. — אַ קינד אויף דעם עלטער. — דבורה לאה׳ס מאַן.

ק. די שטאָט מינסק ........................ 209־205
יוסף יצחק, דער עילוי פון שאריי. — מינסק אַ צענטער פון תורה און חסידות. — נאָך די גירושים פון שפּאַניען און פּאָרטוגאַל.

קא. דער ועד ארבע הארצות ........................ 216־209
דער מצב פון אידן אין פּוילען. — גרינדונג פון „ועד ארבע הארצות״. — דער מנהג פון „עסען טעג״. — ר׳ יחיאל היילפּערין. — דער עילוי פון סעלץ, צוקינפטיגער ווילנער גאון.

קב. אַ באַשערטער שידוך ........................ 224־216
יונגער גאון פראַוועט גלות און סיגופים. — ר׳ יוסף יצחק אין וויטעבסק. — די אומדערוואַרטע גזירה.

קג. רדיפות אויף אידן ........................ 229־224
אַן עת צרה אין וויטעבסק. — אַ פאַרשטערטער ראש השנה. — די באַציאונג צו אידען.

קד. דעם בעל שם טוב׳ס רוח הקודש ........................ 234־229
דעם בעל־שם־טוב׳ס שליח. — די געהיימניס פון דער גזירה ווערט אויפגעדעקט. — די משפחה סגל.

קה. פון טרויער צו פרייד ........................ 239־234
אַ נייער בלבול. — ר׳ זאב וואָלף עטינגער, דער שתדלן. — פון טרויער צו פרייד.

קו. די סודות פון קבלה ........................ 244־239
דבורה לאה׳ס טאָגבוך. — די געשיכטע פון קבלה. — די קבלה ספרים פון ר׳ מאיר ן׳ גבאי. — „קבלה מעשיית״ און „קבלה עיונית״.

קז. פון קבלה צו חסידות ........................ 249-245
דער אר״י הקדוש און דער רמ״ק. — ר׳ אליהו פון ווירמייזע פאַרשפּרייט קבלה. — געגנער און אָנהענגער פון קבלה.

קח. תורה און גדולה ........................ 255-250
די באַציאונגען פון די פּויפּסטען. — רדיפות אין פּויזען. — די געשיכטע פון ר׳ משה פון פּויזען. — ר׳ משה אין רוים.

קט. דער ויכוח מיטן וואַטיקאַן ........................ 261-255
קאַרדינאַלן אַן צלמים. — אַ אידישער יונגערמאַן צווישן די קאַרדינאַלן. — ר׳ משה זוכט אַ פאַרבינדונג.

קי. אויפן שוועל פון שמד ........................ 267-262
ר׳ משה באַקענט זיך מיט׳ן פּוילישען יונגערמאַן. — דער פאַר־בלאָנדזשעטער סטודענט. — ר׳ משה׳ס השפעה.

קיא. דער אידישער נצחון ........................ 274-268
דער ויכוח ווערט באַנייט. — ר׳ משה׳ס באַדינגונגען. — אידישע סטודענטען ווערען בעלי־תשובה.

קיב. דער נזיר אין רוים ........................ 280-274
ר׳ משה׳ס וואַנדערונגען און פּלענער. — דער נזיר קומט זען דעם פּויפּסט. — דער געהויבענער גאַסט ווערט נעלם.

קיג. דער גר צדק ........................ 286-280
די מיספאַרשטענדעניש. — דער נזיר אין פּריוואַטער אודיענץ ביים פּויפּסט. — דער גר צדק.

קיד. ר׳ משה ווערט פאַרלאָזן פון חסידים פון מינסק ........ 293-287
רדיפות אין פּויזען. — פון פּראָג קיין פּוילען. — ר׳ משה אין מינסק. — אַ געגנער פון קבלה.

קטו. זיידע און אייניקלעך ........................ 298-293
דבורה־לאה און ברוך זיינען דערוואַרטערט פון זייער זיידען ר׳ משה. — ברוך וויל באַזוכען מינסק. — ברוך׳ס פריינטשאַפט מיט דעם דאַבראַמיסלערס שמיד׳ס איידעם.

קטז. דער מינסקער בעדער און זיין זון ........................ 303-298
דאָס שטעטל הארקי. — אַ מגיפה אין שטעטל. — די שטעטלשע „מאַמע״ און „באָבע״. — דער מינסקער בעדער.

קיז. דער שמש און זיין בת יחידה ........................ 309-304
אַ געהיימער שידוך. — אַ מערקווירדיקע חתונה. — די נסתרים פון מינסק. — אַ בעדער׳ס זון אַ גאון.

קיח. פון בעדער צו רבנות ........................ 315-310
דער בעדער אַנטזאָגט זיך צו ווערען ראש ישיבה. — פאַרלאָזט מינסק. — רב און מלמד אין הארקי. — ברוך שעפּט פון דעם שמיד׳ס איידעם.

קיט. געזיכערט מיט גן עדן ........................ 321-316
ברוך הערט וועגן זיין שוואָגער. — אַ מעשה מיט אליהו הנביא׳ן. — ברוך דערוויסט זיך וועגן אַנדערע מיוחסים אין זיין משפּחה.

# אינהאַלט


קכ. אַ קאָלאָניע פון מקובלים ........................ 328-322

אַ ישוב פון אידישע פויערים. — מזל׳דיגע סחורה. — ר׳ ברוך בטלן׳ס שוואָגער ר׳ דוד און זיין זון קדיש.

קכא. ליבע צו קינדער ........................ 334-328

ר׳ ישראל חיים און זיין פרוי. — צער גידול בנים. — דער „מטורף״.

קכב. דעם צדיק׳ס תנאי ........................ 340-334

דער „מטורף״ אויף דער לוי׳. — אַ מערקווירדיגער תנאי. — דער צדיק געזעגענט זיך.

קכג. דאָס וואונדער־קינד ........................ 347-341

אַ נאָמען נאָכ׳ן צדיק. — אַ וואונדער קינד. — נחת פון עלטערן.

קכד. רבי און תלמידים ........................ 352-347

דער פעהיגער ראש הקהל. — די אידישע דעלעגאַציע. — ר׳ משה דערשרעקט זיך ניט.

קכה. דער שטאָלצער איד ........................ 358-352

גויאישע האַס. — דער אמת׳ער שולדיגער. — קעגען־זייטיגע משפחות ווערן פאַראייניגט דורך זייערע קינדער.

קכו. צוויי שידוכים ........................ 364-359

ר׳ יונה שמואל׳ס התמדה. — קדיש איז מנצח. — ר׳ משה קלייבט זיך אויס דעם בעסטן בחור פאַר אַן איידעם. — ר׳ ברוך בטלן׳ס מערקווירדיגער שידוך.

קכז. דעם בעל שם׳ס שליח ........................ 370-365

דעם שליח׳ס פאַרדינטער כבוד. — ר׳ משה׳ס בושה. — ר׳ ברוך בטלן׳ס גליק.

קכח. אייגענע און קהל׳שע צרות ........................ 376-370

דער שליח אַנטפּלעקט זיין אמת׳ן פנים. — ר׳ משה׳ס איידעם פאַרלירט זיין זכרון. — ר׳ שניאור זלמן בייט אום עשירות אויף עניות.

קכט. גוי׳אישע גוטסקייט און רשעות ........................ 383-376

אַ נייער בישאָף און אַ נייע וועג ווי צו פאַנגען אידישע נשמות. — די געפאַר פון אויסמישונג. — דער „גוטער״ בישאָף ווייזט זיינע אמת׳ע קאָלירען. — ר׳ משה פאַרלאָזט פויזען.

קל אידן אַנטלויפען פון פויזען ........................ 388-383

ר׳ משה באַזעצט זיך אין מינסק און אַ טייל פון זיין משפחה אין וויטעבסק. — ברוך דערוויסט זיך וועגן זיין אייגענער משפחה פון פרעמדע. — אַ באַגער צו באַקענען זיך מיט זיין אייגענעם זיידן.

קלא. תורה און מלאכה ........................ 394-389

ברוך טרעפט זיך מיט זיין משפּחה. — פאַרטרויט זיין שוועסטער צו שליסען שידוך. — דעם צוקונפטיגענס שווער׳ס יחוס. — פינסקער ישיבות. — טעוועל דער פשוט׳ער אָבער פרומער בחור׳ל.

קלב. די יתומה ........................ 394-399
טעוועל׳ס ברייטע האַנט אין מתן בסתר. — חוה דבורה בלייבט אַ קיילעכדיקע יתומה. — פון אַ שלעכטען באַלעבאָס צו אַן ערגערען.

קלג. דער שידוך ........................ 399-405
טעוועל הערט ווי חוה־דבורה די יתומה גיסט אויס איר האַרץ פאַר׳ן אויבערשטן. — דער רב ווי אַ פאָטער צו די יתומים און אַ שדכן. — טעוועל האָט חתונה מיט חוה־דבורה׳ן. — ברייינגען אַראָפּ צו זיך אַ רבי׳ן צו לערנען תורה בסוד.

קלד. דער אוצר ........................ 405-410
דער סוד פון טעוועל און חוה־דבורה׳ס צדקה ווערט אַנטפּלעקט און די ישיבה באַקומט זייער נאָמען. — אַ צווייטע ישיבה אין פינסק וואָס טראָגט דעם נאָמען פון ר׳ שמעון בעל האוצר. — וואָס מערער ר׳ שמעון טיילט צדקה אַלץ מער וואַקסט זיין עשירות. — ר׳ שמעון אַנטדעקט אַן אוצר.

קלה. גאָלדע לאה׳ס ישיבה ........................ 410-415
גאָלדע לאה גיט זיך אָפּ מיט פאַרשידענע מצוות. — מאַכט פון מרחץ כמעט אַ חדר. — שטיצט אַ נייע ישיבה וואָס טראָגט איר נאָמען.

קלו. דער נצחון איבער מתנגד׳ישער פינסק ........................ 415-420
פינסקער גאונים אין התפעלות פון ר׳ אלי׳ בעל־שם׳ס גאונות. — זיינע אָפּטע באַזוכער בלייבען שוין זיינע תלמידים מקובלים. — מתנגד׳ישע צאָרען און קאַמף געגען די מקובלים.

קלז. אין גאַנג פון די דורות ........................ 421-425
ר׳ אלי׳ בעל־שם פאַרלאָזט פינסק. — די השפעה פון די געגנער צו קבלה אויף ר׳ אברהם׳ן. — ר׳ אברהם׳ס משפחה. — ר׳ ברוך׳ס שווער.

הוספות און באַמערקונגען ........................ 426-442

פערזאָנען־אינדעקס ........................ 443-447

## דער ליובאוויטשער רבי און זיינע זכרונות

(ארייננפיר)

פון

# ד. ל. מעקלער

### א

די הפסקה צווישען דער צוגרייטונג צום דרוק פון דעם ערשטען טייל פונ'ם ליובאוויטשער רבינ'ס זכרונות, וואס זיינען פארעפענטליכט געווארען אין "מארגען זשורנאל", און דעם צווייטען טייל וואס מיר פאנגען איצט אן דרוקען אין „אמעריקאנער" — פון תש"א ביז תשי"ב — א משך פון עלף יאר, באצייכענט א גאנץ לענגליכע צייט אין א תקופה, וואס צייכענט זיך אויס מיט דער שנעלקייט מיט וועלכער אירע מרעיש־עולמ'דיגע פאסירונגען האבען געפאלגט איינע נאך די אנדערע. גרויסע ענדערונגען זיינען פארגעקומען אינ'ם אידישען לעבען אין די עלף יאר. דער ליובאוויטשער רבי אליין, אדמו"ר יוסף יצחק שניאור־סאן זצ"ל, איז שוין מער ניט מיט אונז. ער איז מיט צוויי יאר* צוריק נפטר געווארען און זיין ארט ווערט פארנומען פון זיין איידעם, אדמו"ר ר' מנחם מענדל שניאורסאן שליט"א.

אין מיין ארייננפיר צום ליובאוויטשער רבינ'ס זכרונות פון ערשטען טייל, וואס איז דערשינען אין „מארגען זשורנאל" און דערנאך אין בוך־פארם, האב איך זיך אפגעשטעלט אויף דעם טרויעריגען פאקט, וואס מיר האבען זיך דאמאלט געהאט געפונען אין צווייטען יאר פון דער וועלט־מלחמה. כאטש מיר האבען נאך דאמאלט ניט געוואוסט ווי גרויס עס וועט זיין דער חורבן, וואס די מלחמה וועט ברענגען פאר'ן אייראפעאישען אידענטום, האבען מיר שוין געהאט א פארגעפיל וועגען דעם. דער ליובא־

*) געמיינט פון דער צייט ווען דער דאזיגער ארייננפיר איז געשריבען געווארען (תשי"ב).

וויטשער רבי, וועלכער האט געהאט דורכגעמאכט די שרעקען פון קריג, ווען די נאַצים האבען איינגענומען פוילען, האט זיך ערשט געהאט געראטעוועט קיין אמעריקע, וואוהין ער איז געקומען בויען א נייעם לעבען און העלפען באפעסטיגען תורה־אידישקייט.

ניט געקוקט אויפ'ן חורבן אין אייראפע האט דער ליובאוויטשער רבי געגלויבט אין די גרויסע מעגליכקייטען וואס אמעריקע גיט צו ראטעווען דער אידישער שארית הפליטה אין אייראפע און דא אויפ'ן ארט, אויפצו־בויען א תורה־טריי'ע אידישקייט. דער רבי האט זיך דערפאר באלד פערנומען אויף א צוויפאכע טעטיגקייט — הצלה און הרבצת תורה — הצלה פאר די אידען אין אייראפע וואס האבען געקענט דערגרייכט ווערען און ארויס־געראטעוועט ווערען פון פייער, און הרבצת תורה דא אויפ'ן ארט.

איצט, שרייבענדיג מיין ארייננפיר צום צווייטען טייל פון דעם ליובאוויטשער רבינ'ס זכרונות, עלף יאר שפעטער, דארף אונטערשטראכען ווערען דער פאקט, וואס אין משך פון דער צייט האבען מיר געזען א גרויסע אידישע אויפלעבונג אין אמריקע. תורה־אידישקייט האט ענדליך געפונען אן אנהאלט דא אין לאנד. דער בייטראג וואס דער ליובאוויטשער רבי האט צו דעם געמאכט קען קוים ווי געהעריג אפגעשאצט ווערען.

די ספיקות וואס מאנכע האבען געהאט ווען דער ליובאוויטשער רבי האט דא געגרינדעט זיין ישיבה „תומכי תמימים", זיינען שוין לאנג פאר־שוואונדען. דער רבי האט באוויזען, אז ער האט ניט געמאכט קיין טעות אין אמעריקע און דער עיקר, אז דארט וואו דאס פעלד ווערט געאקערט און געזייט, מוז קומען פרוכט.

ניט ווייניגער צו באוואונדערען איז אויך דעם רבינ'ס הצלה ארבייט וואס האט זיך אנגעפאנגען ניט מיט'ן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, נאר מיט'ן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה און האט ניט אויפגעהערט זינט דאמאלט. די לעצטע עטליכע יאר האבען געבראכט דער וועלט א גרויסע און זעלטענע אנטפלעקונג.

פון הינטער דער „אייזערנער וואנט", וואס רינגעלט ארום סאוויעט־רוסלאנד, האבען זיך נאך דער מלחמה ארויסגעריסען הונדערטער ליובא־וויטשער חסידים וואס האבען ארויסגערופען די גרעסטע באוואונדערונג מיט דעם וואס זיי האבען פרעזערווירט תורה־אידישקייט אין סאוויעט רוסלאנד פאר דרייסיג יאר צייט אונטער די שווערסטע באדינגונגען.

אט די ליובאוויטשער חסידים וואס האבען זיך געראטעוועט פון סאוויעט־רוסלאנד און האבען געדארפט דורכמאכען, און מאכען נאך איצט

דורך, דעם שווערען וועג פון דער אידישער שארית הפליטה אין אייראָפּע, שטעלען מיט זיך פאר א גאַר אנדער עלעמענט ווי די אומגליקליכע אידען, וואָס האָבען דורכגעמאכט די היטלער אינקוויזיציע. זיי זיינען געזונטע אידען, אין קערפער און אין גייסט, — מענשען וואָס האָבען זיך פאר צענדליגער יאָרען מוסר נפש געווען פאר אידישקייט אין סאָוויעט רוסלאנד און זיינען גרייט ווייטער זיך מוסר נפש צו זיין פאר אידישקייט אין די לענדער וואו זיי וועלען איבערגעפלאנצט.

דער גאנצער מארשרוט פון זייערע וואנדערונגען איבער אייראָפּע, זינט זיי האָבען זיך ארויסגעריסען פון סאָוויעט רוסלאנד, איז איין לאַנגע קייט פון קאָנסטרוקטיווע מעשים, צו בויען און באפעסטיגען אידישקייט, צי דאָס איז בלויז פאר דערווייל אָדער פאר שטענדיג. ארויסקומענדיג פון סאָוויעט רוסלאנד מיט זייערע ישיבות און חדרים האָלטען זיי ווייטער אין איין שאפען ישיבות און חדרים וואו זיי זאָלען ניט קומען.

מיט אַן אויג אויף דער גאנצער אידישער וועלט, האָבען אָט די ליובאוויטשער חסידים אויך ניט פארקוקט די געלעגענהייט טיילווייז צו באזעצען זיך אויך אין ארץ ישראל, מיטן פועל יוצא, וואָס אָט די פליטים האָבען שוין זייער אייגענע קאָלאָניע — כפר חב״ד — און זיינען לשם ולתהלה ווי א בויענדיגער עלעמענט, אין גייסטיגען און מאטעריעלען זין.

## ב

דער כח וואָס האָט די ליובאוויטשער חסידים דורכגעטראָגען אין סאָוויעט־רוסלאנד פאר דריי צענדליג יאָר, און וואָס טראָגט זיי דורך אויף זייערע וואנדערונגען איבער אייראָפּע און מאכט זיי פאר א שאפענדיגען כח אין ארץ ישראל און אומעטום וואו זיי קומען איז דער כח, וואָס דער ליובאוויטשער רבי אליין האָט געוויזען אין איבער־פלאנצען זיך און זיין שיטה אין אידישקייט אין אמעריקע.

עס איז דער כח פון חב״ד׳ישער חסידות. חב״ד איז תמיד געווען א קאָנסטרוקטיווער כח אין אידישען לעבען. צוזאמען מיט די גייסטיגע אייגענשאפטען וואָס חב״ד האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט פאר דורות, האָט חב״ד אויך געהאט אָרגאניזאטאָרישע פעאיגקייט. חב״ד איז תמיד געווען באוואוסטזיניג און צוועקמעסיג.

דער עיקר, חב״ד האָט שטענדיג געהאט אַן אידעאל — א פּראָגראם, פאר וועלכען אירע מנהיגים זיינען געווען גרייט זיך מוסר נפש צו זיין. דער גייסט וואָס האָט באוואויגען די גרינדער פון חב״ד

באוועגט אויך אירע פירער היינט צו טאָג. דער איצטיגער ליובאוויטשער רבי שפּינט ווייטער דעם גאָלדענעם פאָדים פון זיין שווער און אַלע פריערדיגע דורות רביים.

* * *

דער שרייבער האָט געהאַט די געלעגנהייט זיך צו באַקענען און פאַרברענגען מיט די ליובאוויטשער חסידים, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון סאָוויעט רוסלאַנד, סיי אין די דייטשע לאַגערן און סיי אין זייערע צייטווייליגע היימען לעבען פּאַריז. מיט א באַגער זיך צו דערגרונטעווען צום „סוד״, פאַרוואָס אַט די חסידים האָבן, אפשר מער ווי אַלע אנדערע אידישע גרופּירונגען, באַוויזען דעם וואונדער צו בלייבן גאַנצע אידען אין גוף און אין נשמה, טראָץ זייערע מורא׳דיגע איבערלעבונגען, האָט אויף מיר קיין אַנדער דערקלערונג — טאַקע מצד די זעלביגע חסידים — ניט געמאַכט, ווי די דערקלערונג פון איינעם, וואָס האָט עס אַלץ צוגעשריבען צום ליובאוויטשער רבי׳ן, וועלכער האָט ערשט אין די לעצטע פון די צוואַנציגער יאָרען זיך אַליין געהאַט געראַטעוועט פון סאָוויעט רוסלנד.

— דער רבי, זאָל לעבען (דאָס איז געווען מיט פיר יאָר צוריק) — האָט יענער חסיד מיר געזאָגט פייערלעך — האָט אונז אַלעמען אָנגעזאָגט: „נאָר ניט קיין פּשרות״ און ביי דעם האָבן מיר זיך געהאַלטען. מיר האָבען זיך אנטזאגט איינצוגיין אויף פּשרות. ווי שווער עס זיינען ניט געווען די באַדינגונגען אונטער וועלכע מיר האָבען געלעבט, און ווי גרויס עס איז ניט געווען די געפאַר, וואָס האָט אונז געדראָאָט, האָבען מיר זיך אנטזאגט צו מאכען פּשרות. אויב אידען, מוזען מיר זיין גאַנצע אידען, שטאָלצע אידען, אומקאָמפּראָמיסליכע אידען.

„נאָר ניט קיין פּשרות״, און די ליובאוויטשער חסידים האָבען טאַקע ניט געמאַכט קיין פּשרות אפילו אונטער׳ן סאָוויעטישען טעראָר. זיי האָבען ניט געמאַכט קיין פּשרות וואַנדערנדיג איבער אייראָפּע, אונטער די שווידערליכסטע באַדינגונגען, און זיי מאַכען ניט קיין פּשרות באַזעצענדיג זיך אין ארץ ישראל אָדער אין וועלכען עס איז אַנדער לאַנד.

דער ליובאוויטשער רבי האָט זיינע חסידים אַליין געוויזען דעם וועג פון אומקאָמפּראָמיסלעכקייט. ער האָט קיינמאָל ניט געמאַכט קיין פּשרות. דאָס איז אויך אַזוי דער פאַל מיט די זכרונות. טאַקע דערפאַר זיינען אַט די זכרונות אַזוי אַנדערש, אַזוי אייגנאַרטיג.

אין שייכות מיט דעם וויל איך זאָגען אַ פּערזענליך וואָרט וועגען אַט די זכרונות און וועגען דעם חלק וואָס מיין אייגענע וועניגקייט האָט אין צוגרייטען זיי צום דרוק.

עס איז נאָך געווען אין 1929, בעת דעם ליובאוויטשער רבינ'ס ערשטען באזוך אין אמעריקע. כ'האָב דאמאָלט געהאט דעם כבוד זיך צו באפריינדען מיט'ן ליובאוויטשער רבין און זיינע באגלייטער, באזונדער זיין איידעם הרב שמריהו גור אריה און ר' מרדכי דובין ז"ל, וועלכער האָט דעם רבי'ן זצ"ל באגלייט אויף זיין באזוך דאָ. שוין האָבענדיג זיך פארנו־מען א לענגערע צייט מיט שרייבען וועגען חסידות, האָבען די דאמאָלסדיגע רעדאקטאָרען פון „מאָרגען זשורנאל", פּרץ ווירניק און יעקב פישמאן, ביידע שוין אויפ'ן עולם האמת, מיר געבעטען צו פארהאנדלען מיט'ן רבי'ן, אז ער זאָל אליין שרייבען די געשיכטע פו חב"ד פאר'ן „מאָרגען זשורנאל", אָדער זאָל מיר געבען דעם מאטעריאל פאר אָט דעם צוועק.

אלץ צו וואָס דער רבי האָט צוגעשטימט איז געווען מיר צו געבען די גענויע געשיכטע פון זיינע ביטערע דערפארונגען אין סאָוויעט רוסלאנד און דאן מאטעריאל פאר א סעריע ארטיקלען איבער חב"ד, וואָס איך האָב דאמאָלט געשריבען פאר דער צייטונג אונטערן פסעוודאָנים „בן שלמה".

דער רבי האָט מיר אבער צוגעזאָגט, אז ביי אן אנדער געלעגענהייט וועט ער מיר איבערגעבען זיינע זכרונות וואָס ער וועט אליין שרייבען. די געלעגענהייט איז געקומען ווען ער איז צום צווייטען מאָל, און דאָס מאָל להשתקע, געקומען קיין אמעריקע.

וואָלטען אָט די זכרונות געווען צוגעגרייט אין פאָראויס און איך וואָלט זיך געהאט פריער באקאנט מיט זייער אינהאלט און דעם אופן ווי זיי זיינען געשריבען, וואָלט איך באלד געהאט געראטען דעם רבי'ן, אז זיי דארפען און זאָלען ארויס אין בוך־פאָרם און ניט אין המשכים אין א צייטונג. דעם רבינ'ס פּארנעם איז אזוי גרויס און אזוי ברייט, אז די זכרונות קענען קוים איינגעצוימט ווערען אין ארטיקלען באזונדער ווען דאָס דארף נעמען יאָרען איידער זיי וועלען ארומנעמען אפילו א באדייטענדיגען פעריאָד פון חב"ד אָדער די פעריאָד וואָס האָט געפירט צו חב"ד.

דער רבי האָט אָבער זיינע זכרונות ערשט געהאלטען אין שרייבען און איך האָב זיי באקומען טיילווייז צוגעגרייטען צום דרוק. איך האָב זיך באלד ארומגעזען, אז דער רבי האָט זיין אייגענעם סדר אין שרייבען און אז ביי אים בינדען זיך די פארשיידענע עפּאָכען און פּערזאָנען, שיטות און געשעענישען, אויף א גאנץ אנדער אופן ווי דאָס וואָלט געטאָן געוואָרן פון איינעם וואָס האָט דעם צייטיגגס לייענער אין זינען.

כאטש דער רבי האט אנגעפאנגען מיט דער גרינדונג פון ליובאוויטש ווי א שטעטל, האט ער אבער אין אמת'ן געהאט דער־ציילט די געשיכטע פון א רייע אנדערע שטעט און שטעטלאך, ממש די געשיכטע פון ליטווישען און פוילישען אידענטום פון דער צייט וואס די גולי שפאניע און פארטוגאל האבען דארט אנגעהויבען אריינשטראמען און זינט יענע לענדער האבען אנגעהויבען ווערען צענטערן פון תורה.

די צענטראלע פערזאן וועלכע דער רבי האט אויסגעקליבען, איז געווען ר' ברוך, דער פאטער פון דעם אלטען רבי'ן ר' שניאור זלמן זצ"ל, דער בעל התניא און גרינדער פון חב"ד. אבער ניט באנוגענדיג זיך מיט דערציילען די געשיכטע פון ר' ברוך'ן, איז דער ליובאוויטשער רבי, אין זיינע כתבים, צוריקגעגאנגען אויף א רייע דורות און דערציילט וועגען די אבות פון דער שניאורסאן משפחה און דער עיקר וועגען דער גאנצער אנטוויקלונג פון דעם לימוד פון קבלה, די אנטשטייאונג פון נסתרים און דאן די דערשיינונג פון די פארשיידענע בעלי שם ביז צו דער דער־שיינונג פון ר' ישראל בעל שם טוב, דער גרינדער פון חסידות.

דאס האט געשאפען אזא קאלירפול בילד און א געשיכטע רייך אין געשעענישען און אין איבערלעבונגען — א גאלעריי פון אויסערגעוויינ־לעך אינטערעסאנטע און וויכטיגע פערזענליכקייטען, אז דאס האט דעם לייענער פשוט געמוזט בלענדען פאר די אויגן.

ג

דער ערשטער טייל האט ווייט ניט אפגעשלאסען אפילו קיין ספעציעלען אפשניט אין ר' ברוך'ס לעבען. ברוך איז נאך א יונגער בחור'ל און האט נאך אפילו זיך ניט ווי געהעריג באקאנט מיט דער נייער חסידישער לערע ווי זי איז דאמאלט פארשפרייט געווארען פון דעם בעל שם טוב און זיינע תלמידים, הויפטזעכליך נסתרים.

זוכענדיג זיין אייגענעם דרך אין אידישקייט, האט ער זיך אין דאבראמיסל, ווייס־רוסלאנד, באקאנט מיט'ן שמיד, ר' אליעזר ראובן, וועמען ער האט פאר א צייט ארויסגעהאלפען ביי דער ארבייט כדי צו פארדינען זיין ברויט און די איבעריגע צייט צו לערנען תורה, ווי ער האט זיך נוהג געווען. ברוך האט ביי פארשידענע געלעגענהייטען באזוכט דעם דאזיגען שמיד, ווען נאר עס איז אים אויסגעקומען צו זיין אין דאבראמיסל, באזונדער אויף יום טוב, דאס רוב פסח.

ברוך'ס ליבע צו פשוט'ע אבער ערליכע אידען, באזונדער די וואס לעבען מיגיעת כפם, איז תמיד געווען גרויס. אבער ברוך האט געהאט

צום שמיד אויך אן אנדער צובונד. דאָס איז געווען צוליב זיין איידים ר' יצחק שאול וועלכער האָט געשטאַמט פון שטעטל הארקי און וועלכער, טראָץ זיין לומדות, האָט ער זיך אויסגעלערענט די מלאכה פון זיין איינגענעם טאטען, וועלכער האָט געהערט צו די נסתרים וואָס האָבען אין געהיים פארשפרייט דעם בעל שם'ס לערע. אנטפלעקענדיג פאר אים דאָס וואָס איז דאמאָלט נאָך געווען א סוד, ווענגען די געהיימע נאָכפאָלגער פון בעל שם טוב, איז דער יונגער ברוך געווען פארגאפט.

ר' יצחק שאול האָט ביי ברוך'ן ארויסגערופען א באגער זיך בעסער צו בעקענען מיט חסידות, דער עיקר ר' ישראל בעל שם טוב, וועלכער האָט די לערע פארשפרייט דורך זיינע תלמידים אין דער פאָרמע ווי זי איז אונז איצט באקאנט. ר' יצחק שאול איז פאר ברוך'ן געוואָרען א קוואל פון ידיעות, דער עיקר פון מעשיות וואָס האָבען געשטאמט פון בעל שם טוב און זיינע נאָכפאָלגער.

באַזונדערס האָט ברוך'ן אינטערעסירט אויסצוגעפינען פון ר' יצחק שאול'ן ווענגען שטעטעל הארקי, פון וואנען ער, דעם שמיד'ס איידים, האָט געשטאמט און וואָס איז געווען פאר יאָרען א נעסט פון חסידות, מיט ר' יצחק שאול'ס איינגענם טאטען, ר' ניסן, איינער פון די געהיימע נאָכפאָלגער פון בעל שם טוב און פארשפרייטער פון זיין תורה, בראש.

ביים דאבראמיסלער שמיד אין הויז האָט ברוך אויך געהאט אנדערע מענשען פון וועמען ער האָט א סך געלערענט. דער דאָזיגער שמיד האָט געהאט אנדערע צוויי איידימס, וועלכע באַטש פון דעם מתנגדיש־לומדישן מין, האָבען געהאט א סך וואָס צו זאָגען און דערציילען. ברוך האָט געקענט אויפן אָרט מאכען א פארגלייך צווישען דעם מתנגדיש־לומדישען דרך און דעם נייעם דרך פון חסידות מיט וועלכען ער האָט זיך אלץ מער און מער באקאנט דורך ר' יצחק שאול'ן.

אן אַנדער, גאָר אינטערעסאנטע דערפארונג פאַר ברוך'ן, איז געווען דאָס וואָס דעם שמיד'ס בן יחיד, שמואל נחום, וועמען ער, ברוך, האָט אליין צוגערעדט צו נעמען זיך צום לערנען און איז אוועק לערנען אין ישיבות, האָט אויך געהאט א סך צו דערציילען.

דער ערשטער טייל פון דעם ליובאוויטשער רבינ'ס זכרונות ווערען פארענדיגט מיט ברוך'ס א נייעם באזוך ביים דאבראמיסלער שמיד. ער קומט דאָרט אויף פסח, ווען אלע דריי איידימס און שמואל נחום, דער בן יחיד, זיינען אין הויז.

ברוך זאפט איין אלץ וואס ער הערט און זעט. ער איז באזונדערס פארגאפט פון דעם וואס ר׳ יצחק שאול האט אים צו דערציילען.

פאר ברוך׳ן איז ר׳ יצחק שאול ממש א מעין הנובע. זיינע מעשיות שעפען זיך גאר ניט אוים. דאס זיינען אבער ניט סתם מעשיות נאר פאסירונגען מיט מענשען וואס האבען עקזיסטירט אין פלייש און בלוט.

ברוך הערט אויך אן אויסטערלישע געשיכטע וואס שמואל נחום האט צו דערציילען, און מיט אט דעם ספור המעשה פאנגען מיר אן דעם צווייטען טייל פון דעם ליובאוויטשער רבינ׳ס זכרונות.

# ליובאוויטשער רבי'נס זכרונות

## סב.

### דער פרוש פון דובראָוונע

**אַ פרוש צו זעכצען יאָר. — דער שונא־ישראל וואָס וויל זיך שפּילן מיט דעם פרוש. — שמיץ אָן ווייטאָג.**

ברוך, וועמען די השגחה האָט באַשטימט צו זיין דער פאָטער פון דעם אַלטען רבי'ן, דער גרינדער פון חב"ד, ר' שניאור זלמן פון ליאַדי זצ"ל, איז נאָך דאַמאָלט געווען אַ גאָר יונגער בחור'ל. ער האָט שוין אָבער לאַנג געוואוסט דעם אמת'ן מיין פון דעם „מכל מלמדי השכלתי" און ער האָט גערן אויפגעכאַפּט אַלץ וואָס ער האָט געהערט פון מענשען און געלערענט אין ספרים.

ער האָט געהאַט דערגרייכט די מדרגה ווען ער האָט געקענט, און טאַקע געוואָלט, פאַרשטעהן און געהעריג אָפּשאַצען די פאַרשיידענע שיטות אין אידישקייט, — צי דאָס זיינען געווען שיטות אין לימוד התורה אָדער אין עבודת הבורא. דערפאַר איז דער רושם געווען אויף איהם נאָך גרעסער ווען ער האָט זיך אָנגעהערט מעשיות פון פאַרשידענע צדיקים, באַזונדערס פון די וואָס האָבען אין געהיים אָדער אין דער אָפען נאָכגע־פאָלגט דעם דרך פון דעם בעל שם טוב, וועמעס נאָמען עס האָט אויך אָנגעהויבען גרייכען ברוך'ס אויערען.

אין הויז פון דעם שמיד אליעזר ראובן אין דאָבראָמיסעל, וואו ברוך האָט פאַרבראַכט אַ געוויסען פּסח, האָט ער געהאַט אַ באַזונדערען שעת הכושר זיך אָנצוהערען, און זיך אויך פאַנאַנדערקלייבען, וועגען אַלטע און נייע צדיקים, וועגען אַלטע און נייע שיטות אין עבודת הבורא.

אַט האָט ער זיך פון דעם שמיד'ס איידעם, ר' יצחק שאול'ן, וועלכער איז געווען פון די ערשטע חסידים, — אַ זוהן פון איינעם פון דעם בעל שם טוב'ס תלמידים און פאַרשפּרייטער פון בעל שם טוב'ס תורה, ר' ניסן פון האַרקי — זיך אָנגעהערט גאָר אַ סך וועגען בעל שם טוב און זיינע נאָכפאָלגער. ברוך איז געווען פאַרגאַפט. ער האָט אויך געהערט דאָרט פון דעם שמיד'ס זוהן, שמואל נחום'ן, — אַ ישיבה בחור —

מעשיות פון צדיקים, וואס האבען נאכגעפאלגט אן אנדער שיטה אין אידישקייט. ברוך האט געהאט וועגען וואס נאכצוטראכטען. ער האט געקענט מאכען פארגלייכען און אונטערציהען סך הכל'ען.

אויף איהם האט באזונדער געמאכט א גרויסען רושם שמואל נחום'ס מעשה וועגען דעם פרוש פון דובראוונע.

שמואל נחום איז געפארען קיין דובראוונע לערנען אין דער דארטיגער ישיבה. אבער איידער ער האט געקענט אריינגענומען ווערען אין דער ישיבה, האט מען איהם געדארפט פארהערען אין לערנען. דאס האט געדארפט נעמען צייט און דערווייל האט ער זיך ערגעץ געדארפט אויפהאלטען. האט איהם ר' אברהם משה דער שמש גע'עצה'ט, אז ער זאל זיך פארקלייבען אין „קלויז פון אלטען פרוש", וואס האט זיך געפונען אין דער „קאלטער געסעל" פון דובראוונע.

אנגעקומען אין יענער קלויז, האט שמואל נחום דארט געפונען דעם אלטען פרוש און צדיק ר' חיים'ן. שמואל נחום האט געמיינט, אז אט דער ר' חיים איז עס דער פרוש אויף וועמעס נאמען דער בית מדרש ווערט גערופען. אויסגעפונען האט ער, אז די קלויז איז שוין א סך עלטער ווי אט דער אלטער ר' חיים איז געווען, און אז דער פרוש אויף וועמעס נאמען די קלויז רופט זיך, האט נאך געהערט צו א פריהערדיגען דור.

דאס האט געמוזט זיין מיט א יאר אכציג־ניינציג פריער. אין דובראוונע איז געווען א אינגעל מיט'ן נאמען פייוויש הענעך, וועלכער האט זיך אויסגעצייכענט מיט זיין יראת שמים.

תורה האט ער געלערענט ווייניג און קוים געהאט די כשרונות זיך צו פארטיפען אין די שווערע סוגיות פון ים התלמוד. דערפאר האט ער אבער מיט גרויס חשק און אויסערגעוויינליכער מתיקות כסדר געזאגט תהילים. ער האט ממש ניט אויפגעהערט זאגען תהילים און מיט תמיד שטייגענדיגער התלהבות און השתפכות הנפש.

פון שעהנעם אויסזעהען און מיט א געזונטען גוף, איז פייוויש הענעך געווען געבענשט מיט א זיסען קול. איז דער בית מדרש, וואו ער איז תמיד געזעסען און געזאגט תהילים, ממש פארקלונגען געווארען פון איהם. האט ער געזאגט די מזמורים מיט א פרייליכן קול, האבען אלע געקענט פיהלען די פרייד וואס זיין קול האט מיט זיך צעטראגען. איז ער געקומען צו יענע קאפיטלעך, אין וועלכע דער משורר גיסט אויס זיין שווער הארץ פאר'ן רבונו של עולם, איז פייוויש העניך'ס קול דורכגענומען געווארען מיט עצבות און תחנונים און די צוהערער האבען געפיהלט ווי

זייערע הערצער ווערען דערדריקט פון צער און אז טרערען שטעלען זיך זיי אין די אויגען.

אז פיזוויש הענעך איז געוואָרען זעכצען יאָר אַלט, האָט ער זיך אָפּגעזונדערט פון דער וועלט און אויפגעהערט ריידען צו מענשען. ער האָט געהאַלטען פאַרשטאָפּט זיין נאָז, אז עס זאָלען זיך צו איהם ניט דערטראָגען די ריחות פון מאכלים און ער זאָל האָבען וואָס א קלענערען באגעהר צום עסען. אויך די אויערען האָט ער געהאַלטען פאַרשטאָפּט, כדי ער זאָל ניט דאַרפען הערען קיין מענשליך קול. זיינע אויגען האָט ער געהאַלטען פאַרבונדען מיט א פאַטשיילקע, כדי ער זאָל גאָרניט קענען זעהן.

תהילים און תפילות האָט ער געקענט אויף אויסענווייניג. אַלע וואָכעדיגע טעג האָט ער געפאַסט. יעדען אָוונט האָט ער אונטערגעלעגט דאָס האַרץ מיט א טרוקן שטיקעל ברויט און פאַרטרינקען מיט וואַסער. דאָס איז געווען אַלץ וואָס ער האָט געהאַלטען פאַר נויטיג כדי צו האַלטען די נשמה און גוף צוזאַמען.

פרייטאָג צו נאַכט האָט ער געמאַכט קידוש אויף א ברויטעל און גע־געסען מיט עטליכע כזית'ן מעהר ווי אין דער וואָכען. אזוי האָט ער אויך געטאָן שבת. קיין אַנדערע מאכלים האָט ער ניט טועם געווען אפילו שבתים און ימים טובים.

ער פלעגט זיך אויך אַנטאָן א כח צו שלאָפען וואָס וועניגער. ער האָט זיך געהיט פון אַלץ וואָס וואָלט געקענט זיין גוף פאַרשאַפען תענוג. דער וואונדער דערביי איז געווען וואָס, ניט קוקענדיג אויף די אַלע פייניגונגען, איז זיין גוף געוואָרען שטאַרקער און זיין אויסזעהן שעהנער. דאָס איז פאַר מענשען געווען א פלא, און אזוי האָט ער זיך געפירט פילע יאָהרען.

פאַרשטעהט זיך, אַז גאַנץ דובראָוונע האָט פון איהם גערעדט. זיין נאָמען איז אויך געוואָרען באַוואוסט אין די אַלע אַרומיגע שטעט און שטעטלעך. אפילו גוים אין די דערפער האָבען גערעדט פון דעם וואונדער מיט'ן יונגען תהילים־זאָגער.

ניט ווייט פון דובראָוונע האָט זיך געפונען א פריצישער גוט, וואָס איז פאַרוואַלטעט געוואָרען פון א גרויסען שונא ישראל. איז יענעם צורר היהודים איינגעפאַלען, אז ס'וואָלט געווען א גוטע שטוקע פון זיין זייט אַרונטערצוברענגען דעם דאָזיגען פּרוש אויפ'ן גוט, ווען ער וועט דאָרט האָבען פאַרקליבען די אַרומיגע גוט־באַזיצער, און פון אָט דעם פּרוש טרייבען שפּאַס.

האָט ער אויסגעקליבען איינעם פון זיינע מענשען, אז יענער זאָל זיך ארונטערלאָזען אין דובראָוונע און ברענגען מיט זיך דעם פרוש. דער שליח האָט אָבער נאָר געדאַרפט צוקומען צום בית מדרש, וואו דער פרוש איז געזעסען און מיט גרויס התלהבות געזאָגט תהילים, און עס איז אויף איהם געפאַלען א פחד, אז ער האָט ניט געוואגט אריינקומען אינעווייניג. דער קול וואָס האָט זיך געטראָגען פון בית מדרש, דער קול פון פרוש זאָגענדיג תהילים מיט התלהבות און דבקות — איז געווען געגוג, אז יענער זאָל א דערשראָקענער זיך צוריקקערען אין פריצישען הויף און איבערגעבען זיין האר, אז דאָ האנדעלט זיך וועגען א מענשען וועמען אלע פארהייליגען און צו וועמען קיינער וואגט ניט צוצוקומען. זיכער קען דאָ ניט זיין קיין רייד פון מזלזל זיין איהם און איהם ארויס פאָדערען, און ווער רעדט פון נעמען מיט געוואלד, אין הויף אריין.

דער אכזריות'דיגער פאַרוואַלטער פונ'ם פריצישען גוט איז אריין אין א גרימצאָרן. סטייטש, ווי האָט עס דער דינער זיינער געוואגט ניט אויסצופירען די שליחות צו ברענגען אין הויף אריין דעם פרוש? האָט ער דעם דינער געהייסען איינטיילען פופצען שמיץ און טאקע עפענטליך, כדי אַלע זאָלען וויסען, אז מ'ווערט באַשטראָפט אויב מ'פאָלגט ניט אויס זיינע באַפעלען.

ער האָט ארויסגעשיקט רייטער מיט טרומפייטען אָנצוזאָגען די באַפעלקערונג פון דער גאנצער שכונה, אז מ'זאָל קומען צוקוקען ווי דער פאַרזינדיגטער שליח וועט באַקומען זיין שטראָף פאַר ניט אויספירען זיין שליחות.

עס האָט געזאָלט הייסען אַז נאָכדעם ווי ער וועט זיך אָפּפאַרטיגען מיט אָט דעם שליח, וועט ער, דער צורר היהודים, ערשט אַלעמען ווייזען, אז דער פרוש האָט ביי איהם קיין באַטרעף ניט און וועט איהם דווקא ארונטערברענגען אין הויף אריין כדי מיט איהם צו טרייבען שפּאַס.

דער פאַרוואַלטער האָט שוין זיינע פּלענער געהאַט פאַרטיג. ער האָט געלאָזט אויפבויען א גרויסע, הילצערנע פּלאַטפאָרמע אונטער'ן פרייען הימעל און אויף אָט דער פּלאַטפאָרמע האָבען געזאָלט פאַרקומען צוויי ספּעקטאַקלען אין איינעם און דעם זעלביגען טאָג פאַר דעם פאַרקליבע־נעם עולם פון דער גאנצער ארומיגער געגענט: צוערשט האָט דער פאַרזינדיגטער דינער געזאָלט געשמיסען ווערען און דאַן האָט געזאָלט געבראַכט ווערען דער פרוש פון דובראָוונע און אויף דער זעלביגער פּלאַט־פאָרמע זיין אויסגעשטעלט צו חוזק.

דער דינער איז ארויפגענומען געוואָרען אויף דער פּלאַטפאָרמע פאר די שמיץ. ער איז צוגעבונדען געוואָרען צו א סלופּ מיט'ן נאַקעטען רוקען צום פארזאמעלטען עולם.

פאַראַבקעס מיט ספּעציעל־צוגעגרייטע ריטערנע קאַנטשיקעס זיינען געשטאַנען פארטיג איינצוטיילען די שמיץ. דער שרייבער פון הויף האָט אָנגעהויבען אויסציילען די שמיץ: איינס, צוויי, דריי, פיר.

די שמיץ האָבען אָנגעהויבען קומען איינס נאָכ'ן צווייטען. א פּאָך דורך דער לופט מיט'ן געפלאָכטענעם ריטערנעם קאַנטשיק און ס'האָט אָפּגעקלונגען א מעכטיגער קלאַפּ אויף א נאַקעטען מענשליכען לייב.

געוויינליך האָט מען אין אזוינע פאַלען, ביי די ערשטע עטליכע שמיץ, געקענט זעהן ווי אויפ'ן לייב לויפען אויף פליאמעס — „סיניאַקעס" — און א ווײַלע שפּעטער האָט אָנגעהויבען שפּריצען מיט בלוט. דער געשמיסינער פלעגט פון סאַמע ערשטען שמיץ האַלטען אין שרייען, וויינען און בעטען רחמים. זיין קערפּער האָט זיך געוואָרפען אין קאָנ־וואולסיעס. עס איז געווען א ספּעקטאַקעל פון א מענשען וואָס ווערט פארפייניגט ביז צו חלשות אָדער גאָר צום טויט.

די אַנגענומענע פּראָצעדור ביים איינטיילען שמיץ אין יענע צייטען איז געווען, אז נאָכדעם ווי דער געשמיסענער איז אָפּגעפּלייצט געוואָרען מיט בלוט און איז נאָך די שמיץ געבליבען ליגען א צעקיילטער און צעביילטער, קוים זשיפּענדיג, האָט ער ערשט דאַמאָלט, מיט זיינע לעצטע כחות, געמוזט צוקריכען אויף „אַלע פיר" צום פּריץ, וועלכער איז געזעסען אויבען־אָן, און קושען זיינע שיך. דאָס רוב פלעגט דער געש־מיסענער דאָן בלייבען ליגען א פאר'חלש'טער און מ'האָט איהם געמוזט אוועקטראָגען אהיים, וואו ער איז געלעגען טעג און אָפט וואָכען ביז ער איז געקומען צו זיך.

אין פאַל מיט יענעם דינער זיינען אָבער אַלע געווען פארגאַפט וואָס די שמיץ, וועלכע מ'האָט איהם אָנגעהויבען איינטיילען האָבען קיין סימן ניט איבערגעלאָזט אויף זיין נאַקעטען קערפּער. מ'האָט איהם שוין געהאַט אויסגעציילט צעהן שמיץ און אויף זיין לייב האָבען זיך ניט געוויזען קיין פּליאמעס. זיין קערפּער האָט אונטער די מעכטיגע קלעפּ פונ'ם קאַנטשיק אפילו קיין ציטער ניט געטאָן ווי דער בעל דבר וואָלט גאָר קיין יסורים ניט געפילט.

וואָס זאָל עס האָבען באַדייט? זיינען אפשר די ריטער געווען צו ווייכע? האָבען אפשר די פּאַראַבקעס זיך ניט פארמאָסטען מיט גענוג כח?

דער פאַרוואַלטער, זיצענדיג אויבען־אָן, האָט באַפוילען צו נעמען נייע ריטערנע־קאַנטשיקעס און ברענגען שטאַרקערע פּאַראָבקעס וועמען ער האָט באַפוילען צו געבען די שמיץ מיט'ן גאַנצען כח וואָס זיי האָבען געהאַט. אָבער אויפ'ן געשמיסענעם האָט עס אַלץ קיין ווירקונג ניט געהאַט. ער האָט מקבל געווען די שמיץ ווי זיי וואָלטען איהם ניט אַנגערירט.

אַז די צאָהל שמיץ איז געווען אויסגעטיילט און ער איז לויז געמאַכט געוואָרען פון סלופּ, איז ער געבליבען שטעהן אויף די פיס ווי ס'וואָלט גאָרניט געהאַט פּאַסירט. ער האָט דאַן אַליין זיך אויסגעצויגען אויף דער פּלאַטפאָרמע און איז אויף „אַלע פיר" צוגעקראָכען צום פאַרוואַלטער און געוואָלט קושען זיינע שיך. דאַן האָט ער זיך צוריק אויפ־געהויבען, און ווי ניט איהם וואָלט עס געמיינט איז ער זיך אַוועק, קענטיג א פרישער און געזונטער.

ווי האָט זיך עס אַלץ דערקלערט? נאָר ווער האָט בעת מעשה געוואָלט הערען א תירוץ אויף די קשיות. אוודאי איז קיינעם ניט איינגע־פאַלען, אַז אין דעם האָט געשטעקט דער כח פון דעם הייליגען פּרוש.

דער פאַרזאַמעלטער עולם האָט איצט אַרויסגעקוקט פאַר'ן צווייטן ספּעקטאַקעל — און דער פּרוש זאָל באַלד געבראַכט ווערען אויף דער פּלאַטפאָרמע און אַז דאָרט זאָל מיט איהם געטריבען ווערען שפּאַס, אַט ווי פּריצים פּלעגען עס געוועהנליך טאָן מיט אידען, ווען זיי האָבען געוואָלט אונטערהאַלטען זיך און אונטערהלאַטען אַנדערע.

דער פאַרוואַלטער האָט קיין דובראָוונע געהאַט געשיקט אַנדערע שלוחים — פינף רייטער, אונטער דער אָנפירונג פון אַן עלטסטען — מיט'ן שטרענגען באַפעהל, אַז זיי זאָלען אומבאַדינגט ברענגען מיט זיך דעם פּרוש, אפילו ווען זיי זאָלען איהם דאַרפען פון קלויז נעהמען מיט געוואַלד.

אָבער אַט זיינען די רייטער צוריקגעקומען, נאָר מיט ליידיגען.

דער פאַרוואַלטער איז געווען אש להבה. אָבער דער אָנפירער פון די רייטער האָט געהאַט א פאַרענטפערונג.

ער האָט געהאַט עפּעס צו דערציילן.

## סג.

## דעם אכזר'ס שטראָף

**דער דורכפאַל פון אַ שליח. — דעם אכזר'ס שטראָף. — די עקרות בויען דעם „קלויז פון אַלטען פרוש" און ווערן געהאָלפן.**

— ס'איז געווען אוממעגליך צו איהם צוצוקומען, — האָט דער עלטסטער פון די רייטער זיך פאַרענטפערט. — ווען מיר זיינען אריין אין בית מדרש, וואו דער פרוש געפינט זיך, האָט זיך צו אונז דערטראָגען זיין זיסער קול. ס'האָט אונז צענומען. אז איך האָב זיך צו איהם דערנענטערט און איהם דערזעהן ווי ער זיצט מיט פאַרבונדענע אויגען און זינגט אויס זיינע תפילות, ניט הערענדיג און ניט זעהענדיג וואָס ארום איהם טוט זיך, האָב איך נעקראָגען גרויס יראת הכבוד פאַר איהם. ער איז געווען איינגעוויקעלט אין אַ טלית און געטראָגען אויפ'ן קאָפּ אַ „שווארצען פעלענעם קעסטעלע" (תפילין).

— איך האָב דאָך זיך אָנגעטאָן אַ כח צוצוקומען נאָהענטער צו איהם און איהם זאָגען נאָך וואָס מיר זיינען געקומען — איהם צו נעמען אין הויף אריין, אָבער עפּעס האָבען זיך מיינע פיס ניט געקענט רירען פון אָרט און מיין קול איז פאַרגליווערט געוואָרען אין האַלז.

דער פאַרוואַלטער האָט בייז און אומגעדולדיג איהם אונטער־געבראָכען. — און וואָס איז דער סוף? — האָט ער געפאָדערט מיט צאָרען.

— איך האָב אַ פּאַך געטאָן מיט'ן קאַנטשיק אין דער לופט. איך האָב געוואָלט כאָטש, אַז יענער זאָל וויסען, אַז מיר זיינען געקומען צו איהם מיט אַ באַפעל. דער פרוש האָט ווייטער געזאָגט תהילים מיט זיין שטענדיגען ניגון, ווי עס וואָלט איהם גאָרניט אָנגעגאַנגען. מיינע באַגלייטער, זעהענדיג ווי איך בין געבליבען שטעהן אַ פאַרגלי־ווערטער, זיינען ארויסגעלאָפען פון בית מדרש אין טויט־שרעק. איך האָב דאַן אליין אָנגעהויבען טראַכטן ווי פון דאָרט וואָס שנעלער צו אנטלויפען, און איך האָב עס פשוט באַטראַכט פאַר אַ חסד, וואָס איך האָב עס טאַקע געקענט באַווייזען. ווארום געמיינט האָב איך שוין, אַז איך וועל אויף שטענדיג בלייבען צוגעשמידט צום אָרט וואו איך בין געשטאַנען מיט מיין האַנט אויסגעשטרעקט אין דער לופט.

דער פארוואלטער איז אריין אין א גרימצארן.

— דו ביסט א פייגלינג. דו האסט מיין באפעהל ניט אויס־געפירט — און האט איהם אויפן ארט געהייסען איינטיילען דרייסיג פייערדיגע שמיץ.

דאס מאל האבען די שמיץ געהאט זייער ווירקונג אויף דעם געשמיסענעם. דער עלטסטער פון די רייטער האט זיך געקאטשעט פון יסורים. זיין לייב איז פארלאפען געווארען מיט פליאמעס. בלוט האט אנגעהויבען צו שפריצען. אז די שמיץ זיינען געווען פארענדיגט, איז דער גוי געבליבען ליגען א פאר'חלש'טער און פארבלוטיגטער. מ'האט אויף איהם געמוזט גיסען עמערס מיט קאלטען וואסער כדי ער זאל קענען קריכען אויף אלע פיר צו גרייכען דעם אכזריות'דיגען פארוואלטער און קושען זיינע שיך.

זיך אפגעפארטיגט מיט שמייסען דעם פארזינדיגטען רייטער, האט דער פארוואלטער — ווי דאס וואלט פאר איהם געווען א ענין פון נצחון, מודיע געווען, אז ער וועט אליין זיך לאזען קיין דובראוונע אום פון דארט צו ברענגען דעם פרוש.

— איך וועל אייך ווייזען אז אט די נפשות, מיינענדיג זיינע דינער, זיינען ניט מעהר ווי פאראבקעס, איבערגלויביגע. דער פרוש איז ניט קיין הייליגער, נאר א בטלן און משוגענער. ער וועט נאך דא פאר אונז אלעמען מוזען טאנצען און ווייזען אנדערע שטוקעס אום אונז צו אונטערהאלטען.

דער פארוואלטער האט געהייסען אנזאטלען פערד פאר זיך און זיינע באגלייטער. ער האט אויך געהייסען שפאנען א קארעטע, אין וועלכער ער האט געהאט בדעה צוריקפארענדיג מיט זיך מיטברענגען דעם פרוש.

ער האט אויך געשיקט נאכ'ן גלח און געוואלט, אז יענער זאל איהם באגלייטען אין שטאדט אריין צום פרוש. איז עס געווען דערפאר וואס דעם פארוואלטער האט דאך אנגעהויבען שרעקען דאס הארץ און דערפאר געוואלט האבען מיט זיך דעם גלח, וועלכער זאל איהם „באשי־צען" פון דעם וואס האט געקענט זיין „כישוף", אדער אן אנדער „שווארצער" כח ?, אדער ער האט פון דעם סתם געוואלט מאכען א ספעקטאקעל.

דער גלח, וועלכער האט געהאט א סך געהערט פון פרוש און האט גראד געהאט א געפיל פון יראת הכבוד צו איהם, האט זיך אפגעזאגט

פון דעם פארוואלטער'ס פארלאנג. ער האט איהם אפילו גע'עצה'ט זיך אפצוזאגען פון זיין געדאנק דעם פרוש מבזה צו זיין.

— דו וועסט ניט אפשניידען גוט! — האט דער גלח איהם מתרה געווען און דערביי זיך גע'צלם'ט.

אבער דעם פארוואלטער איז עס שוין פשוט געגאנגען אין לעבען. ער האט געמוזט אויספירען זיינס.

אין דובראווונע האט מען זיך שוין געהאט דערוואוסט אין פאר־אויס אז דער פארוואלטער אליין קומט אונטער דער באגלייטונג פון א מחנה רייטער, ארויסצונעמען דעם פרוש פון בית־המדרש, און איהם מיט גוטען אדער מיט בייזען ברענגען אין פריצישען הויף אריין. דער רב און ראשי הקהל האבען שנעל אפגעהאלטען אן אסיפה.

ס'איז געבליבען אז מ'זאל דעם אידישען עולם אין שטאדט אנזאגען צו בלייבען אין די הייזער און אפילו ניט ארויסקוקען דורך די פענסטער. ווער ווייסט צו וואס דאס קאן פירען! זאלען די גויים ניט האבען קיין אויסרייד צו שלאגען אידען.

דער רב און די ראשי הקהל זיינען אוועק אין בית מדרש, וואו דער פרוש איז געזעסען, און האבען דארט געווארט אויפן אנקומען פון פארוואלטער מיט זיינע רייטער. זיי האבען געהאפט מיט תחנונים ביי איהם צו פועל'ן ניט צו טשעפען דעם הייליגען ר' פייוויש הענעך'ן.

אז דער פארוואלטער, מיט א קאנטשיק אין האנט, האט זיך באוויזען אין בית מדרש, נאכגעפאלגט פון זיינע חוצפה'דיגע און פיינט־ליכע פאראבקעס, איז איהם דער רב געקומען אנטקעגען און אויסגעדריקט זיין פארלאנג, אז דער פרוש זאל ניט באלעסטיגט ווערען.

— אט קוק איהם אן דעם הייליגען מענשען, — האט דער רב געזאגט, אנווייזענדיג פון דער ווייט אויפ'ן פרוש ווי ער איז געזעסען אין זיין ווינקעל מיט פארבונדענע אויגען און געזאגט תהלים, — הער זיך צו צו זיין זאגען תהלים. ווער קען דען האבען דאס הארץ איהם צו דערנידעריגען?

— איך מוז איינמאל פאר אלע מאל באווייזען, אז דער מענש איז א חסר דעה, — האט דער פארוואלטער זיך צום רב ניט געוואלט צוהערען.

און ווי ער וואלט טאקע דעם רב און די ראשי הקהל אליין געוואלט איבערצייגען, אז מ'דארף זיך מיט אט דעם „בטלן" ניט רעכענען,

האט ער זיך א ריס געטאָן צום פרוש און הויך אויפ׳ן קול פרובירט איבערשרייען יענעמ׳ס זינגענדיגען תהלים־זאָגען. אז דער פרוש האט מיט קיין צייכען ניט געוויזען, אז ער האט עפעס געהערט אָדער געוואוסט, אז אימיצער איז לעבען איהם אָדער, אז ער ווערט בכלל פון אימיצען און עפעס געדראָהט, איז דער פארוואלטער געוואָרען אויפגעבראכט און א פאָך געטאָן מיט׳ן קאנטשיק.

אָט־אָט און ס׳האט אויסגעזעהן ווי ער וועט דעם פרוש טרעפען מיט׳ן קאנטשיק. אָבער פלוצים איז פון פארוואלטער׳ס האנט דער קאנטשיק ארויסגעפאלען. די האנט האט זיך מאכטלאָז ארונטערגעלאָזט און דער פארוואלטער האט זיך פלוצים א וואָרף געטאָן אין קאָנוואולסיעס.

אין האנט, ווי דורך זיין גאנצען קערפער האט א שאָס געטאָן א שניידענדיגע וועהטאָג וואָס האט ביי אים, ניט ווילענדיג ארויסגערופען א ווילדען אויסגעשריי פון שרעק און פיין.

— ראטעוועט! — האט שוין דער פארוואלטער געשריען אומבאַהאָלפען.

דער פרוש האט ווייטער אויסגעזוגגען פסוק נאָך פסוק, קאפיטעל נאָך קאפיטעל, ווי ס׳וואָלט גאָרניט פאסירט און ווי ער וואָלט פון גאָרניט געוואוסט, אז עפעס האט לעבען אים פאסירט.

דעם פארוואלטער׳ס באגלייטער האבען שוין מעהר ניט געטראכט פון פרוש נאָר פון זייער האר, וועמעס אויסגעשרייען פון פיין און יסורים האבען אויף זיי געוואָרפען אן אימה. זיי האבען דעם פארוואלטער געמוזט ארויסטראָגען פון בית מדרש און אנשטאָט איהם ארויפצוזעצען אויף זיין געזאָטעלטען פערד, איהם אויסגעצויגען אין דער קארעטע, קאָרטשענדיג זיך פון יסורים.

זיי זיינען מיט איהם צוריקגעפאָהרען אין הויף אריין „אבל וחפוי ראש”. און דער נאָמען פון פרוש איז ביי אלעמען פארהייליגט געוואָרען.

זעקס וואָכען איז דער פריץ געלעגען קראנק מיט זיין האנט און דערצו מיט געוואלדיג גרויסע יסורים. דער פריץ האט פיל מאָל געשיקט שלוחים צום פרוש ביי אים בעטען מחילה, אָבער ס׳איז געווען אומ־מעגליך צו ריידען מיט׳ן פרוש, ווארום ער האט שטענדיג געהאלטען פארמאכט זיינע אויגען און פארשטאָפט זיינע אויערן. ער פלעגט זיי עפענען נאָר צו קריאת התורה און ביים דאווענען.

דער פריץ האט אָנגעהויבען זוכען א רפואה פאר זיינע וועהטאָגען ביי דאָקטוירים. יענע האבען אָבער קיין אנדער אויסוועג ניט געהאט ווי

איהם אָפּצושניידען די האנט מיט וועלכער ער האָט זיך געהאַט פאַר־מאָסטען נעגען פּרוש. זיי האָבען געזאָגט, אַז אויב זיי וועלען די האנט ניט ארונטערנעמען, וועט דער גאנצער גוף פארגיפטעט ווערען.

פון דאמאָלט אָן האָט שוין מעהר קיינער ניט געצווייפעלט אין דער הייליגקייט פון פּרוש. גוים ווי אידען אין דער גאנצער סביבה זיינען געווען איבערצייגט אין דער געטליכקייט פון אָט דעם תהלים־זאָגער.

אין דובראָוונע האָט זיך דאמאָלט געפונען א געוויסער ר׳ זונדעל משה. ער האָט געהאַט א ווייב אָן עקרה. איז איהר איינגעפאַלען, אַז זי זאָל צוזאמענעמען אַלע עקרות פון שטאָט און אָנהויבען קלייבען געלד כדי פאַר ר׳ פּייוויש הענעך׳ן צו בויען אַן אייגענעם בית מדרש מיט א חדר מיוחד פאַר איהם.

אָט דער בית המדרש איז אויפגעבויט געוואָרען אויף דער קאַלטער געסעל און איז געוואָרען באַקאנט מיט׳ן נאָמען „די קלויז פון אַלטען פּרוש״.

די עקרות וואָס האָבען דעם בית מדרש אויפגעבויט פאַר׳ן פּרוש זיינען אַלע געהאָלפען געוואָרען און געבאָרען קינדער, איינגלעך און מיידלעך, צווישען וועלכע עס איז אויך געבאָרען געוואָרען ר׳ אברהם משה.

עס איז שוין צוואַנציג יאָר זינט ר׳ אברהם משה האָט זיך איבערגעקליבען פון דאָרף אין שטאָט אריין, און איז געוואָרען דער שמש פון דער דאָזיגער קלויז און פלעגט דעם פּרוש אַרומזעהן און באַדינען. אויף וויפיל ער האָט זיך געלאָזט אַרומזעהן און באַדינען.

אין אָט דער שול זיצט דאָס דער פּרוש ר׳ חיים שוין דרייסיג יאָר, און מ׳זאָגט וועגען אים אַז ער איז א גרויסער תלמיד חכם.

## סד.

## טאַטע און זון

דער „ווילדער״ בעטלער. — אַ טאַרבע פול מיט חשבונות. — די אַנטפּלעקונג פון דעם נסתר. — דעם בעל־שם־טוב נעמט אַ האַנט.

אַ מעשה וואָס האָט אויף ברוך׳ן געמאַכט א גרויסען רושם, איז געווען וועגען געציל שלמה׳ן פון הארקי און זיין זוהן חיים שמואל׳ן. ר׳ יצחק שאול, דעם דאָבראָמיסלער שמיד׳ס אײדעם וואָס האָט אָט די מעשה דערציילט, האָט ברוך׳ן דורך דעם נענטער באַקאַנט מיט די ערשטע

חסידים, די נאָכפאָלגער פון ר' ישראל בעל שם טוב, אין א צייט ווען חסידות איז נאָך געווען אָן ענין פאַר יחידי סגולה.

פאַר ברוך'ן איז עס אַלץ געווען ניי. דאָס שטעטל הארקי פונוואַנען ר' יצחק שאול האָט געשטאַמט, האָט זיך פאַר אים אַנטפּלעקט ווי א געהיימער צענטער פון חסידות מיט פאַרבאָרגענע צדיקים, וואָס זיינען געשטאַנען אין ענגער פאַרבינדונג מיטן בעל שם טוב אין מעזעבוזש און האָבען אויסגעפאָלגט אַלע זיינע באַפעלען און אויסגעפירט אַלע זיינע שליחות'ן.

פון אָט דער מעשה וועגען געציל שלמה'ן און זיין זוהן חיים שמואל'ן האָט ברוך אויך געלערנט ווי אַזוי פּשוט'ע אידען קענען זיין גרויסע צדיקים און אָפט אויך פאַרבאָרגענע לומדים.

געציל שלמה איז אין הארקי געווען באַקאַנט ווי אַן אָרימאַן וואָס גייט איבער די הייזער. דאָס איז אָבער נאָך ניט געווען אַלץ. מען האָט אים אויך געהאַלטען פאַר אַן עם הארץ און חסר דעה.

ער האָט מיט קיינעם קיין וואָרט ניט אויסגערעדט און קיינער האָט זיך ניט אינטערעסירט צו וועלען הערען א וואָרט פון אים. מען האָט אפילו ניט געוואוסט צי ער קען א אידיש וואָרט.

מען האָט אים אַמאָל געזען אין בית מדרש, אָבער מען האָט ניט געוואוסט צי ער קען דאַווענען. אַלץ וואָס מ'האָט פון אים געהערט איז געווען „שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד". דאָס פלעגט ער אויסרופען אָהן א וועלכען עס איז שייכות צו דעם וואָס מען האָט צו אים געזאָגט אָדער ער האָט געהאַט בדעה צו זאָגען אַנדערע.

פלעגט מען אים געבען א נדבה, האָט ער אויף דעם געענטפערט מיט „שמע ישראל"; האָט מען אים קיין נדבה ניט געגעבען, האָט ער אויך געזאָגט „שמע ישראל". אַזוי איז געווען מיט אַלץ. עס האָט אויסגעזען ווי „שמע ישראל" וואָלטען געווען די איינציגע ווערטער וואָס ער ווייס און קען אַרויסזאָגען.

געציל שלמה האָט געהאַט א זוהן, א בן יחיד, חיים שמואל. פאַרשטייט זיך, אַז ווייב און קינד האָבען געלעבט אין גרויס דחקות. דעם גרעסטען טייל פון יאָר איז געציל שלמה ניט געווען אין דערהיים, וואַנדערנדיג איבער שטעט און שטעטלאָך.

וואָס ער האָט געבראַכט אַהיים צו ווייב און קינד ווען ער פלעגט צוריקקומען קיין הארקי, האָט קיינער נישט געוואוסט און דאָס האָט אויך קיינעם ניט אינטערעסירט.

געציל שלמה האט זיין חיים שמואל'ן קיינמאל ניט געשיקט אין א חדר. קיינער אין שטעטל האט זיך אויף אים ניט אומגעקוקט. אז חיים שמואל האט געדארפט ווערען בר מצוה, האט זיך א מלמד אויף אים מרחם געווען און אים אויסגעלערנט לייגען תפלין און די ברכות ביים לייגען תפלין.

אז חיים שמואל איז אלט געווארען פערצען יאר, האט ער זיך ארויסגעלאזט וואנדערען איבער שטעטלאך און דערפער, אבער ניט נאכצוטאן זיין טאטען וואס איז געגאנגען איבער די הייזער, נאר צו טאן פארשידענע ארבייט, ממש עבודת פרך, כדי זיך צו דערנערען. דא האט ער זיך פארדונגען ביי אימיצען פאר א פאסטוך און דארט האט ער אימיצען געהאלפען אין גארטען, אין פעלד, אדער גאר אין שטאל ביי די בהמות.

אזוי זיינע אריבער צען יאר צייט. חיים שמואל איז שוין געווען א בחור פון פיר־און־צוואנציג יאר און ער האט זיך נאך אלץ צו גארנישט דערשלאגען. ער האט נאך אלץ זיך דערנערט פון פיטערען בהמות און שאף זומער און פון טאן עבודת־פרך ווינטער.

אויסגעוואקסען איז חיים שמואל אן אמת'ער „פארשוין", הויך, שלאנק און געזונט. אבער דערפאר פראסט, קוים א ווארט עברי געקענט.

ער איז אבער אין הארצען געווען א ווארימער איד און האט געהאט גרויס צער פון דעם וואס ער וויים אזוי ווייניג פון אידען און אידישקייט.

געפינענדיג זיך שטענדיג צווישען גוים, האט ער געהאט גרויסע נסיונות. ער איז אבער אט די נסיונות שטענדיג בייגעשטאנען.

זייענדיג שטענדיג אין מורא, אז ער קען דורך זיין עם הארצות, חלילה, מיט עפעס געשטרויכעלט ווערען, האט ער אפט געפאסט תעניתים און דעם גאנצען טאג האט ער געזאגט חומש און תהלים.

חיים שמואל האט שוין געמוזט זיין א יאר דרייסיג ווען ער האט חתונה געהאט מיט א ישובניק'ס א טאכטער און זיך באזעצט אין זעלביגען דארף פון זיין שווער און ווייטער געטאן אלע שווערע ארבייטען כדי צו פארדינען אויפן שטיקעל ברויט פאר'ן ווייב און זיך.

דערווייל איז זיין טאטע געציל שלמה, ווידער געגאנגען איבער די הייזער און מ'האט פון אים ניט געהערט מער ווי „שמע ישראל". קיינער האט ניט געוואוסט צי געציל שלמה האט ווען עס איז זיך אינטערעסירט

מיט׳ן גורל פון זיין זוהן און צי האָט ער בכלל געוואוסט וואו ער געפינט זיך און וואָס עס איז פון אים געוואָרן.

אז געציל שלמה איז אַלט געוואָרען און זיינע לעצטע טעג האָבען זיך דערנענטערט, איז ער פארבליבן אין הארקי. ער האָט שוין פון בעט ניט געקענט ארונטערגיין, האָט ער געשיקט רופען צו זיך איינעם פון די קברנים און צו אים אזוי געזאָגט:

— גיב איבער דעם גבאי פון דער חברה קדישא מיין לעצטע בקשה: מען זאָל מיך באגראָבען דאָרט וואו ס׳ווערען באגראָבען אַלע אָרימע און פּראָסטע מענשען. איך בעט נאָר, אז מען זאָל מיט מיר אָנפאנגען א נייע שורה קברים אויפ׳ן בית עלמין און אז מיין קבר זאָל זיין דער ערשטער אין דער שורה.

ער האָט דעם קברן אָנגעוויזען אויף א טאָרבע ביים בעט און ווייטער געזאָגט:

— נעם אָט די טאָרבע און זע, אז דאָס זאָל אריינגעלייגט ווערען מיט מיר אין קבר. קיין קבורה־געלט לאָז איך ניט איבער, וויל איך אז חברה קדישא זאָל האָבען צוליב מיר וואָס ווייניגער טרחה. איך האָב דאָ צוגעגרייט א פּעסעל מיט וואסער פאר מיין „טהרה". איך האָב זיך אויך באזאָרגט מיט לייווענט פאר תכריכים.

דער קברן, אליין א פּראָסטער מענש, האָט די רייד פונ׳ם גוסס׳ן געציל שלמה׳ן אָנגענומען ווי א שטיקל שפּאַס. עס איז בכלל געווען א נייעס, אז געציל שלמה זאָל האָבען געקראָגען לשון פאר׳ן טויט און אז מען זאָל פון אים הערען עפּעס מער ווי די ווערטער „שמע ישראל".

דער קברן האָט געבראַכט די טאָרבע צום גבאי פון דער חברה קדישא און אים דערביי איבערגעגעבען די בקשה פון דעם גוסס.

— וואָס א מענשען קען איינפאַלען — האָט ער דערביי באמערקט, ווי דאָס וואָלט געווען א מעשה־חוזק — מ׳זאָל אים מיטגעבען אויף יענער וועלט א טאָרבע!

— איז די טאָרבע א ליידיגע? — האָט דער גבאי א פרעג געטאָן וואַרפענדיג אן אויג אויפן זאַק.

דער קברן האָט אריינגערוקט די האנט אינווייניג און פון דאָרט ארויסגעצויגען פארשידענע פּאַפּירען.

—כ׳קען שווערען, אז דאָס איז געציל שלמה׳ס א חיבור וואָס

ער וויל מיטנעמען אין קבר אריין! — האָט דער קברן נאָך אלץ פּרובירט טרייבען שפּאַס פון גאנצען ענין און זיך צעלאכט.

דער גבאי האָט איבערגענומען די כתבים און דעם קברן צוריק־געשיקט צום גוסס׳ן געציל שלמה׳ן, כדי אימיצער זאָל כאָטש זיין ביי יציאת נשמה.

אימיצער דארף אויך מיט אים זאָגען וידוי — האָט ער באמערקט.

דער גבאי האָט אריינגעקוקט אין די כתבים און דאַן זיי גענומען צום רב ר׳ נחמן יצחק.

נאָך א גענויער חקירה ודרישה האָט זיך ארויסגעוויזען, אז דאָס זיינען געווען חשבונות — געציל שלמה׳ס חשבונות פון די אלע נדבות וואָס ער האָט זיין גאנצען לעבען אריינגעקראָגען גייענדיג איבער די הייזער. דאָס איז נאָך ניט געווען אלץ. ער האָט דאָרט אויך געהאַט פארשריבען צו וועמען ער האָט דאָס געלט אָפּגעגעבן.

געציל שלמה האָט פשוט קיין איין פּרוטה ניט גענומען פאַר זיך. ער האָט געקליבען פאַר אנדערע אָרימע אידען, וואָס האָבען זיך געשעמט אויסצושטרעקען א האנט צו אימיצן. דאָס האָט ער אזוי געטאָן זיין גאנצען לעבען. אָט די חשבונות, האָט ער אָנגעזאָגט, זאָל מען אים מיטגעבען אין קבר אריין.

דער רב און דער גבאי זיינען איצט, מיט יראת הכבוד, אוועק צום גוסס׳ן געציל שלמה׳ן. ער איז שוין אָבער געווען טויט.

— מאָדנע — האָט דער קברן געזאָגט — דאכט זיך קיינמאָל פון אים ניט געהערט מער ווי „שמע ישראל”, אָבער פאַר׳ן טויט האָט ער געקראָגען לשון און אליין געזאָגט מיט גרוים כונה וידוי. קיין איין וואָרט האָט מען אים ניט געדאַרפט אונטערזאָגען.

די לויה פאַר געציל שלמה׳ן איז שוין געווען גאָר א גרויסע און א בכבוד׳ע. דער רב האָט געזאָגט נאָך אים א הספּד. ער האָט אים שוין ניט גערופען סתם געציל שלמה נאָר ר׳ געציל שלמה.

אלע אין הארקי האָבען געוואוסט, אז מען האָט דאָ געהאַט צו טאָן מיט א נסתר.

ר׳ געציל שלמה׳ס אָנזאָג אים צו באגראָבען צווישען די אָרימע און פּראָסטע, איז דערפילט געוואָרען, אָבער זיין קבר איז באלד פון אָנפאנג פארהייליגט געוואָרען.

איצט האָט מען זיך אויך דערמאָנט אָן דעם זוהן חיים שמואל'ן זאָל כאָטש זיין ווער ס'זאָל זאָגען קדיש נאָכ'ן נפטר. דער רב הגאון ר' נחמן יצחק האָט געזאָגט, אַז ביז מ'וועט געפינען חיים שמואל'ן וויל ער זוכה זיין אין דער מצוה און זאָגען קדיש פאַר די נשמה פון ר' געציל שלמה, וואָרום ער איז זיכער אַז ער איז געווען אַ צדיק נסתר.

עס איז ניט געווען אַזוי לייכט צו געפינען חיים שמואל'ן. מ'האָט אים אָבער דאָך געפונען אין אַ ווייטען דאָרף.

חיים שמואל האָט זיך שפּעטער אריינגעקליבען אין האַרקי און כאָטש זיין טאַטע איז שוין געווען פאַרהייליגט, האָט מען זיך אָבער אויף אים ווייניג־וואָס אומגעקוקט.

חיים שמואל איז געווען אַ גרויסער אָרימאַן, ממש אַ מחוסר־לחם. ער האָט זיך אָבער פאַר קיינעם ניט באַקלאָגט. אַ חוץ דחקות האָט ער אויך געהאַט אַ סך אויסצושטיין פון זיין פּלונית'טע וועלכע איז געווען אַן אמת'ע שלעכטע פּרוי.

ער וואָלט שוין מסתמא אַזוי אויסגעלעבט זיינע יאָרען. האָט אָבער עפּעס פּאַסירט, וואָס האָט געבראַכט אַן ענדערונג אין זיין לעבען.

ר' אברהם מענדעל און ר' עזריאל יוסף זיינען געווען די אָנפירער פון די פאַרבאָרגענע חסידים אין האַרקי. זיי פלעגען פון צייט צו צייט, בשתיקה, באַזוכען דעם בעל שם טוב אין מעזעבוזש און אויספירען פאַר אים אַלערליי שליחות'ן.

איינמאָל האָט דער בעל שם טוב אַ זאָג געטאָן צו ר' אברהם מענדל'ען בזה הלשון:

— אַז דו וועסט זיך צוריקקערען קיין האַרקי זאָלסטו מקרב זיין חיים שמואל'ן און אים דערנענטערען צו חסידות. לערן מיט אים און זיי אים מדריך.

דער בעל שם טוב האָט דאַן זיין חסיד און תלמיד פון האַרקי מסביר געווען:

— חיים שמואל האָט אַ הויכע נשמה. זיין נשמה איז אין צווייטען גלגול — כדי מתקן צו זיין אין דעם ענין פון צדקה. ער איז ביינעשטאַנען אַ סך נסיונות. איצט איז עס דעם אויבערשטענ'ס רצון, אַז ער זאָל נתעשר ווערען.

ר' אברהם מענדעל האָט, ווי מען קען זיך משער זיין, דערפילט דעם בעל שם טוב'ס שליחות. ער האָט מיט חיים שמואל'ן געהאט א לאנגען שמועס און זיך אָנגעבאָטען מיט אים צו לערנען בשתיקה.

חיים שמואל איז געווען אין זיבעטען הימעל. ביסלעכווייז איז ער געוואָרען א מלומד און א חבר פון די באהאלטענע חסידים אין הארקי.

דערווייל האָט אים אויך אָנגעהויבען מצליח זיין און ער איז געוואָרען א גרויסער עושר.

ער איז געוואָרען מפורסם פאַר א גרויסען בעל צדקה, בעל מידות און צו אלעמענם איבעראשונג, אויך אלס א למדן. וואָרום מיט ר' אברהם מענדעל'ס הילף איז שוין חיים שמואל, וועמען אלע האָבען איצט גערופען ר' חיים שמואל, טאַקע באמת געוואָרען א ידען אין די שווארצע פינטעלאך.

וואָס מ'האָט אין הארקי נאָך ניט געוואוסט, איז אז ר' חיים שמואל איז א באהאלטענער חסיד און א חשוב'ער חבר פון דער כיתה חסידים. ער איז שוין עטליכע מאָל געווען ביים בעל שם טוב אין מעזעבוזש און איז געוואָרען אָנגעזען צווישען די חסידים. די צייט פאַר דער אנטפּלעקונג פון די חסידים אין הארקי איז נאָך ניט געווען געקומען. געקומען איז עס שפּעטער ביי אן אנדער געלעגענהייט.

## סה.

### פסח דער פראַנצויז

**פרינץ ראַדזיוויל און זיין חבר. — דעם בעל שם טוב'ס תורה. — דער פאַרזיגעלטער קאָנווערט. — ראַדזיוויל אין הארקי.**

די אנטפּלעקונג פון די פארבהאלטענע חסידים אינ'ם שטעטל הארקי, איז געקומען אומגעריכט, דורך א מאָדנעם צופאל — דורך דער געשיכטע, וואָס איז זיך פארלאָפען מיט'ן „פראַנצויז", וואָס איז שפּעטער געוואָרען באקאנט צווישען אידען ווי „ר' פסח דער פראנצויז", און מיט איינעם פון דער פוילישער פּרינצליכער ראדזיוויל פאמיליע.

הארקי האָט זיך געפונען אויף די גיטער פון אָט דעם פּרינץ ראַדזיוויל, וועמעס ערשטער נאָמען איז געווען בענעדיקט. די דאָזיגע גיטער זיינען באשטאנען פון גרויסע וועלדער און פון א סך דערפער און שטעטלאך.

כאַטש אַט די גיטער האָבען געהאַט אַ גרויסען ווערט, האָט אָבער בענעדיקט זיך דאָרט זעלטען געוויזען. ער האָט זיך די מערסטע צייט אויפגעהאַלטען אין פראַנקרייך, וואו ער איז פאַקטיש אויפגעבראַכט גע־וואָרען.

אין פראנקרייך האָט ער פון זיין סאַמע יוגענט זיך גע'חבר'ט מיט איינעם פון זיין עלטער, אַ געוויסער פּיער לואי. צי פּרינץ ראַדזיוויל האָט געוואוסט, אַז אָט דער פּיער לואי שטאַמט פון אידען איז אין ספק. פּיער לואי אַליין האָט עס אויך שוין פאַרגעסען. זיין טאַטע, אַ פאַרגויאישטער איד, האָט אים אויפגעהאָדעוועט ווי אַ גוי.

פּיער לואי איז אין אויסזען און אין אויפירונג ווי אויך אין דערציאונג, געווען אַ פולשטענדיגער פראַנצויז. ער איז דעם פּרינץ ראַדזיוויל געווען באַזונדער צום האַרצען דערפאַר וואָס ער האָט געוואוסט ווי צו לעבען אַ גוטען טאָג און איז דערפאַר פאַר'ן פוילישען פּרינץ געווען אַן אויסגעצייכענטער קאָמפּאַניאָן.

בענעדיקט איז שפּעטער פאַר'שדכנ'ט געוואָרען מיט דער עכט־רוסישער פירסטליכער פאַמיליע דמיטראַוו, וועלכע האָט געהאַט גרויסע גיטער אין פאַרשיידענע טיילען פון רוסלאַנד און פּאַלאַצען אין מאָסקווע. בענעדיקט האָט זיך נאָך דער חתונה באַזעצט אויף די גיטער פון זיין ווייב'ס פאַמיליע. ניט וועלענדיג זיך שיידען מיט זיין חבר פּיער לואי'ן אין פראַנקרייך, האָט ער אים מיטגענומען מיט זיך קיין רוסלאַנד און אים ביסלעכוויז רוסיפיצירט.

כדי זיין חבר פון אידישען אָפּשטאַם צוצובינדען צו רוסלאַנד, האָט פּרינץ ראַדזיוויל פאַרהייראַט פּיער לואי'ן צו אַ רוסישער פרוי, די טאָכטער פון איינעם פון די פאַרוואַלטער פון די דמיטראַוו־גיטער.

בענעדיקט און פּיער־לואי האָבען איצט געקענט פאַרזעצען זייער פרייליך לעבין. זיי פלעגען צוזאַמען פאַרברענגען אין מאָסקווע און אָפט אויך מאַכען רייזעס קיין פראַנקרייך און אין אַנדערע לענדער וואו זיי האָבען זיך געלאָזט וואויל־באַקומען אויף אַ הולטאַיסקע־פּריצישן אופן.

אזוי זיינען יאָרען פאַרגאַנגען. פּיער לואי איז שוין געווען פינף און פופציג יאָר אַלט. זיין רוסישע פרוי איז אים געשטאָרבען, און ווי אַ „פרייער מענש" האָט ער זיך ערשט דאַמאָלט אריינגעוואָרפען אינ'ם הול־טאַיסקן לעבען פון די הויכע אדעליגע. ווי אַ חבר פון פּרינץ ראַדזיוויל האָט ער דערצו געהאַט אַלע געלעגענהייטען.

אודאי איז אים גאָר אויפן געדאנק ניט געקומען, אז זיין לעבען וועט נעמען אן אנדער קורס, און אז ער וועט צוריקגעקערט ווערען צו דער אידישער אומה פון וועלכער ער איז געווען אן אפּגעריסענער אבר.

הארקי, ווי געזאָגט, איז געווען ארומגערינגעלט פון גרויסע וועל־דער. האָט בענעדיקט אָנגעהויבען קומען אין יענע וועלדער פאר יאגד. פריער איז עס געווען זעלטען, שפּעטער איז עס געוואָרען צוויי מאָל א יאָר רעגלמעסיג — איינמאָל ווינטער און א צווייטען מאָל זומער.

פּרינץ ראדזיוויל פלעגט נאטירליך ניט קומען אליין, נאָר מיט א גאנצער סוויטע, אין וועלכער עס האָט אויך ניט געפעלט פּיער לואי. אין אמת'ן איז פּיער לואי תמיד געווען דער הויפּט־מחותן. פּרינץ ראדזיוויל האָט זיך אָהן אים קיין ריר ניט געטאָן.

פאר'ן יאגד און נאָכ'ן יאגד — דערהויפּט נאָכ'ן יאגד — פלעגען געפּראוועט ווערען גרויסע הוליאנקעס אויף אן אמת־הולטאיסקן שטייגער. די פּריצים פון דער גאנצער געגענט, פלעגען צו אָט די הוליאנקעס זיין געלאדען. די הוליאנקעס פלעגען אָנהאלטען פון צוויי ביז דריי וואָכען צייט.

סיי אין יאגד און סיי אין די הוליאנקעס האָט פּיער־לואי זיך אזוי אויסגעצייכענט, אז ניט בלויז זיין פריינט פּרינץ ראדזיוויל, נאָר אויך אלע אנדערע האָבען צו אים ארויפגעקוקט מיט א גרויסער מאָס פארערונג. קיינער האָט נאטירליך ניט געוואוסט, אז אָט דער וואויל־יונגערישער פּיער־לואי שטאמט פון אידען.

די אידען פון הארקי ווען עס איז אויסגעקומען צו זען דעם פּרינץ ראדזיוויל און זיינע באגלייטער אויף די באזוכען, האָבען אויך ניט פארדאכט, אז פּיער לואי דער רוסיפיצירטער פראנצויז איז א איד.

דערוויל האָט עפּעס פּאסירט:

ר' ניסן, דער טאטע פון דעם דאבראמיסלער שמיד'ס איידעם, ר' יצחק שאול, וועלכער, ווי ידוע, איז געווען א געהיימער חסיד, האָט געמאַכט א נסיעה צום בעל שם טוב אין מעזעבוש. פאַר זיין אוועק־פאָרען צוריק אהיים, האָט דער בעל שם טוב ר' ניסן'ען אריינגערופען צו זיך אין חדר און צו אים אזוי געזאָגט:

— ס'שטייט געשריבען: "יורדי הים באניות עושי מלאכה במים רבים" (די וואָס לאָזען זיך אויפן ים אין שיפען און טוען זייער ארבייט אויפן וואסער). "אניה" — האָט דער בעל שם ווייטער געזאָגט —

קען געטייטשט ווערען אויף צוויי אופנים: ״אניה״ איז שיף און ״אניה״ איז אויך קלאָג. „יורדי הים״ זיינען די נשמות, וואָס נידערן אַרונטער פון הימעל אַנגעטאָן צו ווערען אין גופים. דער מענשליכער גוף איז געגליכען צום ים. אזוי ווי דער ים דעקט צו אַלץ וואָס איז אין אים, אזוי דעקט דער גוף צו די געטליכע נשמה וואָס איז אין אים. עס ווערט וועגען די נשמות וואָס נידערן אַרונטער פון הימעל, גערעדט ווי ״יורדי הים״, ווייל עס זיינען פאראן צווייערליי ״ירידות״ פאר די וואָס לאָזען זיך איבערן ים און פאר די נשמות וואָס באהעפטען זיך מיט מענשליכע גופים. פאראן אזוינע וואָס פאָרען אויף ימים אין א שיף, עס הייסט אזוינע וועמעס לעבען איז קלאָר און באשטימט; זיי געפינען זיך צווישען אידען, קענען לערנען תורה און אָפּהיטען מצוות. אזעלכע „יורדי הים״ זיינען גליקליכע.

— אנדערש איז אָבער מיט די ״יורדי הים״, מיט וועלכע עס טרעפט אן אומגליק. די שיף זינקט און זיי מוזען זיך ראטעווען ווי ס׳לאָזט זיך. דאָס מיינט נשמות וואָס ווערען פארטראָגען דאָרט וואו זיי זיינען ווייט פון אידען און אידישקייט. פאר אָט די פארבלאָנדזשעטע נשמות מוז מען האָבען ״עושי מלאכה במים רבים״, אנשי מעשה, וואָס זאָלען זיי ראטעווען און צוריקברענגען צו אידען און אידישקייט, זיי צוריק פאַרבינדען מיט׳ן אידישען כלל פון וועלכען זיי זיינען דורך געוויסע סיבות אָפּגעריסען געוואָרען.

ר׳ ניסן האָט מיט גרויס יראת־הכבוד זיך צוגעהערט צום בעל שם׳ס רייד, אָבער האָט קוים געכאפּט צו וואָס דער צדיק צילט דאָ. דער בעל שם האָט אָבער דאָס מאָל גראָד געוואָלט זיין קלאָר און באשטימט און באלד מסביר געווען ר׳ ניסנ׳ען וואָס ער איז אויסען מיט זיינע ווערטער.

דער בעל שם טוב האָט דאָ פּשוט אין זינען געהאַט פּרינץ ראַדזיוויל׳ס פּאַרגוי׳אישטען חבר פּיער לואי׳ן, און ווי דער בעל שם טוב האָט ווייטער געזאָגט צו ר׳ ניסן׳ען: אָט דער פּיער לואי איז אַ איד און זיין אידישער נאָמען איז פּסח צבי — אַ נאָמען נאָך זיין מאַמע׳ס זיידען, וועלכער איז געווען א גדול בתורה און א ירא שמים.

פון בעל שם טוב, פאַר וועמען ס׳זיינען ניט געווען קיין סודות, האָט ר׳ ניסן זיך אויך דערוואוסט, אַז אָט דער פּאַרגוי׳אישטער פּיער לואי איז פון געבורט געווען א כשר אידיש קינד. ניט בלויז האָט אים זיין מאַמע געלאָזט מל זיין און געגעבען א אידישען נאָמען נאָך איר זיידען, נאָר האָט אפילו געהאט בדעה אים אויפצוברענגען ווי א איד.

אָבער איר מאַן, פּיער לואי׳ס טאַטע, איז געווען א בעל עבירה׳ניק און איז אוועק אויף אנדערע דרכים. ער איז אליין אוועק פון אידען און האָט זיין זוהן דערצויגען אין ניט־אידישען גייסט.

דער בעל שם טוב האָט געהאַט פאַר ר׳ ניסן׳ען א באַשטימטע שליחות אין שייכות מיט אָט דעם פּיער לואי׳ן.

ער האָט אים דערלאַנגט א פאַרזיגעלטען קאָנווערט און צו אים אַזוי געזאָגט:

— ס׳קומט אָן דער ווינטער. ראַדזיווויל וועט קומען פאַר יאַגד אין די וועלדער ארום האַרקי. ווי תמיד וועט זיין אידישער פּריינט פּיער לואי זיין מיט אים. זיי וועלען ארונטערקומען אין שטעטל אריין. אויפ׳ן צווייטען טאָג וואָס זיי וועלען זיך געפינען אין שטעטעל וויל איך, אַז דו ניסן, זאָלסט עפענען דעם קאָנווערט, וואָס איך האָב דיר דאָ דערלאַנגט און איבערלייענען דאָס צעטיל וואָס איך האָב דאָרט אריינגעטאָן. דו וועסט דאַן וויסען וואָס דו האָסט צו טאָן.

כדי עס זאָל ביי ר׳ ניסן׳ען, דעם געהיימען חסיד פון האַרקי, ניט זיין קיין ספק וואָס ער וועט דאַן האָבען צו טאָן, האָט אים דער בעל שם טוב אָנגעזאָגט, אַז ווען ער וועט האָבען געעפענט דעם קאָנווערט און איבערגעלייענט דאָס צעטל, זאָל ער מקיים זיין דאָס וואָס שטייט אין צעטיל. אויך זאָל ער זיך מעלדען צו פּיער לואי׳ן און אים זאָגען בפה מלא, וואָס ער ווייס אליין ניט, אַז ער שטאַמט פון אידען, אַז זיין אידישער נאָמען איז פסח צבי — א נאָמען נאָך זיין מאַמע׳ס זיידען. טאַמער וועט עס פאַר אים ניט זיין קלאָר זאָל ר׳ ניסן אים אויפקלערען, אַז פּיער איז פאַר פסח און לואי פאַר לוי דערפאַר ווייל ער איז א לוי.

— און טאַמער וועט זיך אָט דער פּיער לואי צו דיר ניט וועלען צוהערן — האָט אים דער בעל שם צוגעגרייט — זאָלסטו צו אים קומען טאָג נאָך טאָג דורך דער צייט וואָס ער וועט זיך אויפהאַלטען מיט׳ן פּרינץ אין האַרקי. פאָלג דערביי אויס אלץ וואָס עס איז געשריבען אין צעטל פון דעם פאַרזיגעלטען קאָנווערט. ער האָט אים אויך אָנגעזאָגט ניט צו מגלה זיין פאַר מענשען וועגען דעם אַלעם.

עס איז איבעריג צו זאָגען, אַז ר׳ ניסן, וועלכער האָט שוין געהאַט דורכגעפירט א סך שליחות׳ן פאַר׳ן בעל שם — א סך פון אָט די שליחות׳ן גאַנץ ריזיקאַלישע — האָט פייערלעך צוגעזאָגט צו טאָן אלץ וואָס דער הייליגער צדיק און מנהיג פאַרלאַנגט פון אים. דער בעל שם האָט ר׳ ניסן׳ען אין פאָראויס מבטיח געווען, אַז ער וועט מצליח זיין.

ווען ר׳ ניסן האָט זיך צוריקגעקערט פון מעזשעבוזש קיין האַרקי, איז געווען אין מיטען כסלו. אין שטעטל האָט מען זיך שוין געהאַלטען אין גרייטען פאַר׳ן אָנקומען פון פּרינץ ראַדזיוויל מיט זיין סוויטע פאַר׳ן יאַגד.

פאַר האַרקי האָט אָט דער יאַגד, ווען אין שטעטל האָט געשוויבלט און געגריבעלט מיט פּריצים פון אַלע מינים און זייערע באַגלייטער, געמיינט אַ קוואַל פון פּרנסה. קרעמער און סוחרים האָבען זיך געהאַט צוגעגרייט מיט אַלערליי סחורות וואָס די פּריצים פלעגן ביי אָט דעם שעת הכושר קויפן.

פּרינץ ראַדזיוויל פלעגט זיך נוהג זיין צו פאַרברענגען אין שטעטל אַ טאָג אָדער צוויי פאַרן יאַגד און דאָרט פּראַווען אַ גרויסע סעודה פאַר די אַרומיגע פּריצים וואָס האָבען אים דערנאָך געדאַרפט באַגלייטען אויפן יאַגד אין די דערבייאיגע וועלדער. נאָכ׳ן יאַגד זיינען פאַרגעקומען גרויסע הוליאַנקעס אינ׳ם שלאָס ניט ווייט פון האַרקי. נאָך די הוליאַנקעס פלעגט דער פּרינץ, באַגלייט פון פּיער לואי׳ן, ווידער קומען קיין האַרקי פאַר אַ טאָג אָדער צוויי און פון דאָרט אָפּפאָרען קיין מאָסקווע.

אויף זייערע באַזוכען אין האַרקי האָבען זיי זיך תמיד אויפגע־האַלטען ביים גלח.

האָט יענעם ווינטער, נאָכ׳ן יאַגד, פּאַסירט אָט וואָס:

פּרינץ ראַדזיוויל, באַגלייט פון פּיער לואי׳ן, איז אָנגעקומען צום גלח׳ס הויז. און איבערטרעטענדיג די שוועל פון גלח׳ס היים, האָט זיך פּרינץ ראַדזיוויל פאַרטשעפּעט אַ פוס און איז אומגעפאַלען. באוואפּענט מיט אַ פּיסטאָלעט אריינגערוקט אין גאַרטעל, האָט דאָס כלי־זיין פון זיך אויסגעשאָסען און די קויל איז דעם פּרינץ אריין אין בויך. ראַדזיוויל איז אָפּגענאַנגען מיט בלוט און איז געבליבען ליגען באַוואוסטלאָז.

עס איז געוואָרען אַ מהומה. מיט׳ן פּרינץ פלעגט תמיד מיטפאָרען אַ דאָקטאָר. ער האָט געזאָלט זיין גרייט פאַר אַלערליי מעגליכע אומגליקען בשעת׳ן יאַגד.

דער דאָקטאָר האָט באַלד אָנגעווענדעט די נויטיגע מיטלען צו פאַרהאַלטען דאָס פלייצען פון בלוט, אָבער עס האָט ניט געהאָלפען. דער פּרינץ האָט כסדר געהאַלטען אין בלוטיגען. דערווייל האָט ער אויך געקראָגען היץ און זיין מצב איז געוואָרען קריטיש.

פאַרצווייפעלט, האָט דער דאָקטאָר ארויסגעשיקט רייטער אין די

דערבייאינע שטעט צו ברענגען פון דארט אנדערע דאקטוירים. ער האט מער ניט געוואגט שטעלען אויף זיך אליין.

דער פארוואונדעטער פרינץ איז געלעגען אין גרויסע יסורים.

צווישען די אידען אין הארקי האט די געשעעניש ארויסגערופען א רעש, אידען זיינען געווען אין גרוים צער.

דער פרינץ איז געווען גוט צו אידען. ער איז בכלל געווען א גוטער מענש. אידען האבען זיך פארזאמעלט אין בית מדרש מתפלל צו זיין פאר׳ן קראנקען שררה.

ר׳ ניסן האט דאמאלט דערפילט, אז דאס איז די צייט ער זאל עפענען דעם פארזיגעלטען קאנווערט וואס דער בעל שם האט אים מיטגעגעבען, און לייענען דאס צעטל וואס דער באגרינדער פון נייעם דרך החסידות האט דארט ארייגעטאן.

## סו.

## דעם בעל שם טוב׳ס רפואה

**דער בעל־שם־טוב שיקט א רפואה פאר פרינץ ראדזיוויל. — שיקט אויך א רפואה פאר א בעל־תשובה. — דער געוועזענער פראנצויז העלפט שעפן „מים שלנו".**

גרוים איז געווען ר׳ ניסנ׳ס פארוואונדערונג צו לייענען אין בעל שם טוב׳ס בריוו וואס פאר רפואות עס זאלען אנגעווענדעט ווערען פאר איינעם וואס איז פארוואונדעט, אט ווי דאס איז געווען פרינץ ראדזיוויל. דער בעל שם טוב האט געהאט גענוי אויסגערעכענט ווי אזוי אט די רפואות זאלען צוגעגרייט ווערען און ווי אזוי זיי זאלען געברויכט ווערען פאר׳ן חולה.

האט עס ניט געוויזען, אז דער בעל שם טוב האט דורך רוח הקודש פאראויסגעזעהן וואס ס׳וועט געשעהן מיט׳ן פרינץ ראדזיוויל און געוואלט אז ר׳ ניסן זאל זיין דער שליח דורך וועמען דער פרינץ זאל קריגען זיין רפואה?

ר׳ ניסן איז געווען פארגאפט.

דער בעל שם טוב האט ניט דערמאנט דעם פרינץ ראדזיווילביים נאמען. ער האט אבער גענוי אויסגעשריבען, אז ווען ר׳ ניסן וועט א פארוואונדעטען געבען די רפואה און די רפואה וועט ברענגען די געוואונ־שענע רעזולטאטען, זאל ער פון בעל דבר ניט נעמען קיין באלוינונג,

אפילו ווען יענער וועט עס אים אָנבאָטען, נאָר זאָל פון אים פאַרלאַנגען צו זיין גוט צו אידען. און זיי געבן פון וואָס צו פאַרדינען.

איז פון דעם ניט געווען צו דרינגען, אַז דער בעל שם טוב האָט טאַקע געהאַט אין זינען דעם פּרינץ ראַדזיוויל און האָט מכוון געווען פּונקט אַזאַ שעת הכושר ווען ער וועט שוועבען צווישען לעבען און טויט אַ פאַרוואונדעטער פון אַ קויל פון זיין אייגענעם פּיסטאָלעט?

דער בעל שם טוב האָט ר' ניסנ'ן ווייטער געהאַט אָנגעזאָגט, אַז אויב מען וועט ביי איהם פרעגען ווי אַזוי די רפואות קומען צו איהם, זאָל ער ניט מאַכען קיין סוד, אַז דאָס קומט פון זיין רבי'ן, דעם באַגרינ־דער פון אַ נייעם דרך אין אידישקייט — ר' ישראל בעל שם טוב פון מעזעבוזש.

אינ'ם בריוו האָט דער בעל שם טוב אויך געהאַט דערמאָנט ר' ניסנ'ן ניט צו פאַרגעסען צו טאָן וואָס ער האָט איהם שוין געהאַט אָנ־געזאָגט בעל פּה — צו זאָגען פּרינץ ראַדזיוויל'ס פריינט און באַגלייטער פּיער לואי'ן, אַז ער איז אַ איד.

פאַר ר' ניסנ'ען איז איצט אַלץ געווען קלאָר. ער האָט גענוי גע־וואוסט וואָס ער האָט צו טאָן: ער האָט איצט געזאָלט באַלד געהן צום גלח, אין וועמעס הויז דער פּרינץ איז געלעגען אַ פאַרוואונדעטער, און זיך מעלדען מיט די רפואות וואָס ער האָט שוין געהאַט צוגעגרייט לויט דעם בעל שם טוב'ס אָנווייזונגען.

דאָס איז געווען פּונקט אויפ'ן צווייטען טאָג וואָס דער פּרינץ איז פאַרוואונדעט געוואָרען. דער שררה איז געוואָרען ערגער יעדע שעה. די היץ האָט זיך געשטאַרקט און ער איז געלעגען איינגאַנצען באַוואוסטלאָז.

דער דאָקטאָר וואָס האָט איהם באַגלייט איז געווען פאַרצווייפעלט. ער האָט ניט געזעהן קיין מעגליכקייט דעם פּרינץ צו ראַטעווען פון טויט. די דאָקטוירים נאָך וועלכע ער האָט געשיקט אין די דערבייאיגע שטעט זיינען נאָך ניט געווען אָנגעקומען. ס'האָט אויסגעקוקט, אַז ווען זיי וועלען אָנקומען וועט שוין זיין צו שפּעט, און אויב אפילו ניט, וועלען זיי סיי ווי מיט גאָרניט קענען העלפען דעם גוסס'ן שררה.

מיט אַמאָל באַווייזט זיך ר' ניסן אין גלח'ס הויז. שוין זיין אויס־זעהן און הילוך — אַ איד אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע און מיט באָרד און פּאות — האָבען צוגעצויגען אויפמערקזאַמקייט פון די וואָס זיינען געווען פאַרזאַמעלט אַרום דעם פאַרוואונדעטען פּרינץ.

דער ערשטער וואס האט באמערקט ר' ניסנ'ען איז געווען פיער לואי. ער האט דעם באהאלטענעם חסיד אנגעקוקט מיט פארוואונדערונג און אויך מיט ניט ווייניג שפאט.

ס'איז ניט געווען דאס ערשטע מאל וואס פיער לואי האט געזעהן א איד אין אידישען טראכט. עס איז אבער געווען דאס ערשטע מאל וואס ער איז געקומען מיט א אידען פון ר' ניסנ'ס מין פנים אל פנים.

וואלט ער ניט געווען אזוי פארצער'ט איבער דער קריטישער לאגע פון פרינץ ראדזיוויל, וועלכער האט געפאכעט מיט דער נשמה, וואלט ער אפשר אויף ר' ניסנ'ס חשבון פרובירט טרייבען אביסעל שפאס. איצט האט ער איהם אנגעקוקט מיט רוגזה, ווי ער וואלט געוואלט איהם פרעגען: נאך וואס איז ער געקומען אומגעבעטענערהייט אין אזא ערנסטען מאמענט?

ר' ניסן האט אבער ניט געווארט אז אימיצער זאל איהם דארפען עפעס פרעגען. אזוי ווי פיער לואי איז געווען דער ערשטער וואס איז איהם געקומען אנטקעגען, האט ער באלד איהם אויפגעקלערט די שליחות מיט וועלכער ער איז געקומען:

— איך האב געהערט אין וואס פאר א מצב דער פרינץ געפינט זיך — האט ער געזאגט — בין איך געקומען מיט רפואות, וואס איך בין בטוח, אז מיט'ן אויבערשטענ'ס הילף וועלען זיי ברענגען די ריכטיגע פעולה.

פיער לואי האט שיער ניט אויסגעשאסען מיט א געלעכטער. גע־הערט א מעשה? דער דאקטאר האט שוין פאקטיש אויפגעגעבען אלע האפענונגען פאר דעם פארוואונדעטען פרינץ. קומט א „אידעל" און זאגט אז ער האט פאר איהם א רפואה!

פרינץ ראדזיוויל'ס קאמפאניאן וואלט ר' ניסנ'ען באפוילען וואס שנעלער זיך פון דארט אפצוטראגען. אבער דער דאקטאר האט צופעליג געהאט געהערט וואס ר' ניסן האט געזאגט, אז ער האט א רפואה פאר'ן חולה. אין זיין פארצווייפלונג איז ער געווען להוט זיך אנצוכאפען אין וואס ניט איז.

— לאמיר הערען וואס ער האט צו זאגען! — האט דער דאקטאר זיך אריינגעמישט. — מיר האבען ניט וואס צו פארלירען.

פיער לואי האט איבערגעלאזט ר' ניסנ'ען צום דאקטאר און יענער האט דעם אידען אנגעהויבען אויספרעגען וואס ער האט אין זינען.

ר' ניסן איז געקומען באלאדען מיט די רפואות וועגען וועלכע ער האט גערעדט.

— לאָזט מיר צו צום חולה און איך וועל אייך מיט'ן אויבערש־טענ'ס הילף וויזען וואָס ס'קען געטאָן ווערען — האָט ר' ניסן, פאַרלאָזענדיג זיך אויפ'ן בעל שם טוב, גערעדט מיט פולען בטחון.

אין צוויפעל, איז אָבער דער דאָקטאָר דאָך געווען גרייט אויס־צופרובירען יעדע תרופה און ער האָט אריינגעבראַכט ר' ניסנ'ען אין צימער וואו פרינץ ראדזיוויל איז געלעגען מער טויט ווי לעבעדיג.

אויספאָלגענדיג וואָס דער בעל שם טוב האָט אָנגעזאָגט, האָט ר' ניסן קודם אויסגעשמירט ראדזיוויל'ס קערפער מיט א זאלב. ער האָט עפּעס צוגעטאָן צו דער וואונד און דאן איהם אריינגעגעבען אין מויל עטליכע טראָפּענס.

ס'האָט לאַנג ניט געדויערט און מען האָט אָנגעהויבען מערקען אין פרינץ אַן ענדערונג צום גוטען. א שעה איז אוועק און דער חולה האָט געעפענט די אויגען. די טעמפּעראַטור האָט ביי איהם אָנגעהויבען ארונ־טערגעהן. די וואונד האָט אויפגעהערט צו בלוטיגען.

דער דאָקטאָר, און אַלע אנדערע וואָס האָבען זיך געפונען ביים בעט, איינשליסענדיג פּיער לואי, זיינען געווען פארגאַפט.

זיי האָבען צוגעזעהן עפּעס אַזוינס וואָס האָט נאָר געקאָנט באַט־ראַכט ווערען ווי א נס.

— ער וועט לעבען! — האָט דער דאָקטאָר אויסגערופען מיט פרייד. דער קריזיס איז געווען פאַראיבער.

— איך בין אין דעם געווען בטוח באַלד ווי איהר האָט מיר צוגעלאָזט צום פרינץ — האָט ר' ניסן געזאָגט מיט פולער איבערצייגונג.

— מיט וואָס זייט איהר עס געווען אַזוי בטוח? — האָט דער דאָקטאָר אָנגעקוקט דעם חסיד אין שטוינען.

— דערפאַר וואָס די רפואות קומען פון מיין הייליגען רבי'ן און ער האָט מיר זיי געהייסען באַנוצען — איז געווען ר' ניסנ'ס ענטפער.

— און ווער איז עס אייער הייליגער רבי וועגן וועמען איהר רעדט מיט אַזוי פיל יראת הכבוד? האָט שוין פּיער לואי געשטעלט א פראַגע אין א גאַנץ פריינטליכען טאָן.

— זיין נאָמען איז ר' ישראל בעל שם טוב. ער איז דער באַגרינ־דער פון א נייעם דרך אין עבודת הבורא.

ר' ניסן האָט זיך שוין געפיהלט היימיש און האָט אַ זאָג געטאָן צו פּיער לואי'ן אַז ער וויל עפּעס מיט איהם ריידען, אָבער אונטער פיער אויגען.

פּיער לואי האָט איהם אריינגענומען אין אַ באַזונדערען חדר.

— איך האָב אייך פריהער געזאָגט, אַז דאָס שטאַמט אַלץ פון מיין הייליגען רבי'ן, דעם בעל שם טוב — האָט ר' ניסן אָנגעפאַנגען. — איצט וויל איך אייך זאָגען אין נאָמען פון מיין רבי'ן אַז איהר זאָלט וויסען, אַז איהר זייט אַ איד און אַז אייער אידישער נאָמען איז פּסח צבי — אַ נאָמען נאָך אייער מאַמע'ס זיידען. דער בעל שם טוב האָט מיר אויך געהייסען אייך זאָגען, אַז איהר זייט ביז אהער געגאַנגען אויף אַ שלעכטען דרך. איהר מוזט זיך גלייך צוריקקערען צו אייער ג־ט!

ר' ניסן איז אַוועק. פּיער לואי האָט איצט געדאַרפט אַליין פאַר־נעמען אַלץ וואָס ער האָט געזעהן און געהערט.

אויפ'ן דריטען טאָג — ס'איז געווען ערב שבת — איז פּרינץ ראַדזיוויל שוין געווען גענוג שטאַרק זיך אויפצוזעצען. נאָך שבת איז ער שוין געווען אויף זיינע פיס.

איצט האָט ער געשיקט נאָך ר' ניסנ'ען און האָט זיך ביי איהם אָנגעהויבען גענוי פאַרנאַנדערפרעגען וועגען די רפואות וואָס ער האָט אָנגעווענדעט אויף איהם און וועלכע האָבען אַזוי וואונדערליך געווירקט. ער האָט אויך געוואָלט וויסען מעהר וועגען בעל שם טוב און דעם נייעם חסידישען דרך.

ר' ניסן האָט איהם אויף אַלץ געגעבען אַ קלאָרע תשובה.

— און וואָס פאַר אַ באַלוינונג וואָלסטו פאַרלאַנגט? — האָט ראַדזיוויל געוואָלט וויסען.

— קיין באַלוינונג — האָט ר' ניסן געזאָגט — אַלץ וואָס איך בעט איז אַז דו זאָלסט זיין גוט צו אידען און זיי געבען אַ מעגליכקייט צו האָבען פּרנסה.

אין עטליכע טעג אַרום איז פּרינץ ראַדזיוויל געווען שוין פולקאָם געזונט און ער האָט געקענט פאַרלאָזען הארקי. אויך פּיער לואי האָט איהם נאָכגעפאָלגט.

ס'האָט אָבער לאַנג ניט געדויערט און קיין הארקי איז פּיער לואי ווידער אַרונטערגעקומען. ער איז גלייך אַוועק צו ר' ניסנ'ען.

— פון דעם טאג וואס איך בין פון דאנען אוועק — האט ער איהם דערצעהלט — האב איך מעהר ניט געקענט רוהען. איך האב מעהר זיך ניט געקענט צוריהרען צו טרפות און האב ניט געקענט בלייבען צווישען גוים. מיין הארץ האט מיר געצויגען צו אידען. עפעס האט מיר געשטויסען צוריק צו מיין אמונה. איך האב דאן אלץ אנטפלעקט צו פרינץ ראדזיוויל און ער האט מיר געזאגט, אז ניט געקוקט אויף דעם וואס ער וואלט ניט געוואלט זיך שיידען מיט מיר, האלט ער אבער, אז איך דארף טאן וואס מיין געוויסען דיקטירט מיר.

פיער לואי, אדער פסח צבי, ווי ער האט זיך איצט געוואלט רופען מיט זיין אידישען נאמען, האט שוין געהאט באשלאסען וואס צו טאן — בלייבען אין הארקי צווישען אידען. דאס ערשטע האט ער געוואלט לערנען אידישקייט. ער האט זיך אויסגעזוכט א לומדישען יונגערמאן, וואס האט אויך געקענט ריידען גויאיש, און יענער איז געווארען זיין רבי, אנפאנגענדיג מיט איהם פון אלף בית.

אין משך פון א יאהר צייט האט ער שוין געוואוסט אלע ברכות און געקענט דאווענען, ווי אויך חומש.

די פסח טעג האבען זיך דערנענטערט און אין הארקי האט זיך אפגעשפילט אזא סצענע:

ווען מ׳האט געדארפט געהן שעפען אין טייך „מים שלנו" פאר מצות, איז דער אלטער רב פון הארקי, ר׳ נחמן יצחק, געוועזען אין פארוים. ר׳ ליפע ברוך, דער אידישער פריץ וואס איז אויף דער עלטער געווארען א בעל־תשובה, האט איינגעשפאנט זיין קארעטע און גענומען דעם אלטען רב צום טייך. אויך פסח צבי איז געזעסען אין דער קארעטע און זיין פנים האט געשטראלט פון שמחה וואס ער באטייליגט זיך אין א מצווה.

אנגעטאן אין די הויכע שטיוועל, וואס ער פלעגט פריהער טראגען בשעת דעם יאגד, איז פסח צבי, דער פריהערדיגער פיער לואי, אריין אין טייך צוהאלטענדיג אונטער׳ן ארעם דעם אלטען רב, וועלכער איז געגאנגען אויף דער „קלאדקע" צו זיין דער ערשטער אנצושעפען דעם „מים שלנו" פאר מצות.

פרינץ ראדזיוויל האט זיין פריינט פסח צבי׳ן אפגעגעבען דעם גוט ביי הארקי און די דארטיגע אידען האט ער געשענקט די ערד אויף וועלכער זייערע הייזער זיינען געשטאנען.

איצט האָט שוין גאַנץ האַרקי געוואוסט פון בעל שם טוב און זיינע נאָכפאָלגער. ניט ר' ניסן און ניט אימיצער אַנדערש האָט געדאַרפט האַלטען בסוד אַז זיי זיינען חסידים. אַט אַזוי זיינען די חסידים אין האַרקי ענטפּלעקט געוואָרען.

## סז.

### דער יונגער שותק

**ברוך, דער צוקינפטיגער פאָטער פון בעל התניא, הערט אַ מעשה וועגן אַ צווייטען ברוך. — ברוך וויאזנער'ס דרך. — בייגעקומען אַ נסיון.**

דער פסח, וואָס ברוך, דער טאַטע פון קינפטיגען גרינדער פון חב"ד, האָט פאַרבראַכט ביים שמיד ר' אליעזר ראובן אין דאַבראַמיסל, איז געווען צו ענד. דעם שמיד'ס עלטערע צוויי איידימס זיינען צוריקגעפאָהרען אין די ישיבות וואו זיי האָבען געזאָגט שיעורים.

דעם שמיד'ס זוהן, שמואל נחום, איז אויך אוועקגעפאָהרען. ער איז איצט געפאָהרען לערנען אין דער וויטעבסקער ישיבה. אין אַט דער ישיבה האָט ברוך'ס אייגענער שוואָגער, ר' יוסף יצחק, געזאָגט א שיעור. ברוך וואָלט איצט געקענט מיטגעבען שמואל נחום'ן א בריוו צו זיין שוואָגער.

דאָס וואָלט אָבער געמיינט, אַז זיין שוואָגער און דורך איהם אויך די שוועסטער, וואָלטען זיך דערוואוסט וואו ער איז און אין וואָס פאר א מצב ער געפינט זיך. דאָס האָט ברוך ניט געוואָלט.

ער האָט נאָך ניט געהאַט געפונען דעם דרך וואָס ער האָט געזוכט. זיינע וואַנדערונגען זיינען נאָך ניט געווען פאַרענדיגט.

דערווייל איז ער געבליבען אין דאַבראַמיסל. ער האָט געוואָלט הע־רען וואָס דעם שמיד'ס דריטער איידים ר' יצחק שאול האָט ווייטער צו דערצעהלען וועגען חסידות בכלל און דעם בעל שם טוב בפרט.

עפּעס האָט ברוך געפיהלט ווי ר' יצחק שאול וואָלט פאר איהם גע־עפענט א נייע וועלט. ער, ברוך, האָט אַזוי ווייניג געהאַט געוואוסט וועגען דעם נייעם דרך החסידות, און דאָ האָט ער געהאַט פאר זיך ר' יצחק שאול'ן וואָס איז געווען ווי א מעין הנובע. זיינע ידיעות וועגען בעל שם טוב און זיינע נאָכפאָלגער האָבען זיך קיינמאָל נישט אויסגעשעפּט. די מעשיות וואָס ער האָט געהאַט צו דערצעהלען האָבען זיך קיינמאָל ניט גע־ענדיגט.

ברוך האָט געמיינט, אז אויך נאָך יום טוב וועט ר' יצחק שאול קענען מיט איהם פארברייגגען ווי אין די יום־טוב'דיגע טעג און איהם ווייטער פיהרען פון חדר צו חדר אין די גינגאָלדענע פּאַלאצען פון חסידות. ר' יצחק שאול אין אָבער איצט געווען פארנומען אין קוזניע.

דער שווער האָט זיך געהאט ארויסגעלאָזט צווישען די גוים אין די דערבייאיגע דערפער. ר' יצחק שאול האָט געדארפט אָנפירען מיט דער ארבייט אין קוזניע און ארבייט איז געווען לרוב. ווארום זינט ר' יצחק שאול האָט פארפאָלקאָמט א נייעם סאָרט אקער, האָט מען איהם פארוואָרפען מיט ארבעט.

איצט האָט דעם שמיד'ס איידים אויך געהאלטען אין פארפולקאָמען א נייע סאָרט „בראנא", וואָס האָט בעסער צעברעקעלט דעם פאראקערטען ערד. ער האָט די „בראנא" שוין געהאט אויספּרובירט ביי עטליכע פּויערים אויף זייערע פעלדער און יענע זיינען געווען אנטציקט.

האָט ברוך אויסגענוצט די טעג, ווען ר' יצחק שאול איז געווען פארנומען אין דער קוזניע, נאָכצודענקען וועגען דעם וואָס ער האָט שוין געהאט געהערט און פּרובירען קומען צו אַ מסקנא וועגען דעם באַדייט פון חסידות. אין די אָוונטען, ווען ר' יצחק שאול איז געווען פריי פון מלאכה און האָט געוועהנליך פארבראכט אין לערנען, האָט ברוך ווידער מיט איהם געשמועסט און ביי איהם געמאָנט נייע סיפּורים פון וועלכע מען קען עפּעס לערנען.

האָט איהם ר' יצחק שאול דערצעהלט א מעשה — פון א צווייטען ברוך'ן — ר' ברוך וויאזנער ווי מען האָט איהם גערופען.

האָט דער ספּור המעשה האָט אויף אונזער ברוך'ן געמאכט א נייעם רושם.

ברוך וויאזינער איז געווען דער זוהן פון אַ געוויסען ר' יוסף'ן, און געשטאַמט פונ'ם שטעטעל איליא, ניט ווייט פון ווילנע. ברוך איז נאָך אלס אינגעל געוואָרען מפורסם פאר זיין לומדות.

אז ער איז געוואָרען בר־מצוה האָט איהם זיין טאטע אוועקגע־פיהרט קיין סלוצק אין דער דאָרטיגער ישיבה וועלכע איז אָנגעפיהרט גע־וואָרען פון ר' אלחנן זאלקאווער און גע'שם'ט ווי א מקום תורה. ר' אלחנן איז געווען אַ תלמיד מובהק פון דעם לובלינער גאון ר' שכנא.

אז ר' אלחנן האָט פארהערט דעם יונגען ברוך'ן איז ער געווען אנטציקט פון זיין בקיאות און חריפות און ער האָט איהם באלד אריינ־גענומען אין דער ישיבה וואו ער איז געווען דער אינגסטער.

ר' יוסף האָט פון שטוב מיטגענומען אַ זאַק מיט געטריקענטע ברויט און טרוקענעם קעז און האָט דאָס אוועקגעגעבן זיין זון ברוך'ן, ער זאָל האָבן פון וואָס זיך צו דערנערען ביז מ'וועט אים איינאָרדענען צו גלייך מיט אַלע אַנדערע תלמידים פון ישיבה.

ווי דער מנהג איז דאַן געווען, האָבן זיך די תלמידי הישיבה אויפגעהאַלטען אויפ'ן חשבון הקהל אָדער ביי פּריוואַטע בעלי בתים. ברוך אָבער האָט ניט געוואָלט נהנה זיין פון ווּעמען ס'איז, האָט ער ביי זיך אָפּגעמאַכט אַליין צו פאַרדינען זיין ברויט. דעריבער ווען דאָס עסען וואָס זיין טאַטע האָט איהם איבערגעלאָזט איז אויסגעגאַנגען, פלעגט ער פון צייט צו צייט אַרוים אין דעם דערבייאיגען וואַלד, דאָרט אָנהאַקען האָלץ און עס ברייגגען אויף די אייגענע פּלייצעס אין שטאָט אַריין צום פאַרקויפען און מיט דעם האָט ער זיך דערנערט.

דערביי האָט ער אַרויסגעוויזען זעלטענע מדות. ער האָט קיינמאָל ניט געזאָגט דעם קונה וויפיל ער פאַרלאַנגט פאַר זיין סחורה. וויפיל מען האָט איהם געגעבען, האָט ער צוגענומען. פון אָרימעלייט, האָט ער אינגאַנ־צען ניט גענומען קיין געלט. האָט ער זיך דערוואוסט אַז ערגעץ איז דאָ אַן אָרימע משפחה, וואָס האָט ניט קיין האָלץ פאַר באַהייצונג אָדער צו מאַכען דעם אויוועז אויף שבת, האָט ער דאָרט געבראַכט בינטלעך האָלץ און זיי איבערגעלאָזט ביים טיהר און איז נעלם געוואָרען.

פאַרטיג געוואָרען מיט זיין „מלאכה", האָט ער זיך באַלד צוריק־געקעהרט אין דער ישיבה און געלערנט מיט גרוים התמדה.

ניט ווי די אַנדערע ישיבה־בחורים האָט זיך ברוך מיט קיינעם נישט געחבר'ט. ער האָט בכלל ווייניג גערעדט. אָט דערפאַר האָט מען איהם גערופען דער שותק.

קיין קוואַרטיר, ווי די אַנדערע ישיבה־בחורים, האָט ברוך ניט גע־דאַרפט. ער איז געשלאָפען אין בית מדרש.

צוויי יאָהר האָט ברוך פאַרבראַכט אין דער סלוצקער ישיבה און האָט זיך צוריקגעקעהרט אַהיים קיין איליא מיט אַ גרוים פאַרמעגען פון ידיעת התורה.

ביי דער צייט האָט ער זיך שוין געהאַט אַ נדר געטאָן, אַז ער וועט זיך דערנערען פון דער פראַצע פון זיינע אייגענע הענט. אפילו ביי זיין טאַטענ'ס טיש האָט ער ניט געוואָלט עסען אומזיסט.

ברוך האָט אָבער געוואָלט מקיים זיין די עצה פון חכמינו ז"ל להיות גולה למקום תורה, דעריבער ניט קוקענדיג אויף דעם וואָס די שטאָט איליא האָט פאַרמאָגט גרויסע לומדים וועלכע האָבען געלערנט תורה מיט התמדה, און ברוך'ן איז געווען ליב צו הערן פון זיי חידושי תורה, פונדעסטוועגען האָט ער פאַרלאָזט איליא, און האָט זיך געלאָזט געהן צופוס קיין ווילנא, וועלכע האָט גע'שמ'ט ווי אַ מקום תורה.

כאָטש ווילנע איז ניט ווייט פון איליא, האָט עס אָבער ברוך'ן גענומען עטליכע וואָכען ביז ער האָט דערגרייכט די שטאָט. ניט נאָר האָט ער געדאַרפט געהען צופוס, נאָר האָט געמוזט אונטערוועגנס זיך אָפּשטעלען דאָ און דאָרט כדי צו פאַרדינען גענוג צום עסען און אנדערע הצטרכות'ן.

ווילנע האָט אויף ברוך'ן געהאַט אַ גרויסען רושם מיט איהר לומדות און עבודת הבורא. ער איז אָבער דאָרט פאַרבליבען נאָר דריי חדשים. דאָס איז געווען דערפאַר וואָס דאָרט איז איהם אָנגעקומען שווער צו פאַרדינען זיין ברויט.

ברוך האָט ניט נאָר געוואָלט זיך דערנעהרען פון דער אייגענער פּראַצע נאָר האָט אויך געוואָלט, אַז ער זאָל פון קיינעם דערביי ניט אוועקנעהמען קיין פּרנסה. דאָס איז געווען שווער. עס האָט איהם אויסגעזעהן, אַז צו וואָס ער האָט זיך ניט צוגעריהרט, האָט ער מקפּח פרנסה געווען ביי אימיצען.

איז ער געקומען צו דער מסקנא, אַז אין אַ קליין שטעטעל וועט איהם אָנקומען לייכטער צו פאַרדינען זיין ברויט. איז ער צוערשט אוועק קיין טראָקי, אָבער דאָס שטעטעל איז באַשטאַנען פון פּראָסטע מענשען. עס איז לחלוטין דאָרט ניט געווען קיין מקום תורה.

האָט ער אָנגעהויבען געהן פון שטעטעל צו שטעטעל ביז ער איז אָנגעקומען אין וויאזין, וואו עס האָט זיך געפונען דער גאון ר' שאול וועלכער האָט זיך אויסגעצייכענט ווי אַ מרביץ תורה און אָנגעפיהרט מיט אַ ישיבה, וואָס האָט אין יענער צייט געהאַט אַ גרויסען שם.

לעבען וויאזין האָט זיך געפונען אַן אלמנה, וואָס האָט געהאַלטען אַ פּאַכט. האָט זי געדאַרפט האָבען אַן ארויסהעלפער, וואָס זאָל ברייננגען דאָס מילך, פּוטער און קעז אין וויאזין אריין. האָט זיך ברוך ביי איהר פאַרדונגען צו טאָהן די אַרבייט.

זיין עובדא איז געווען צו ברענגען קיין וויאזין צוויי מאָל אַ וואָך די מילכיגע סחורה און עס פאַרטיילען צווישען דער אלמנה'ס קונדען און דאַן

צוריק ברענגען פאר זיין בעל הבית'טע סחורה פאר'ן קלייטעל וואס זי האט געהאלטען אין צוגאב צו דעם פאכט.

ברוך האט געהאט פרנסה בריוח. ער האט נאך געקענט אפלייגען אביסעל געלט אפילו נאכדעם ווי ער האט א צענטל פון זיינע פארדינסטען פארטיילט אויף צדקה.

צוויי חדשים האט ברוך פארבראכט אין ר' שאול'ס ישיבה און גע־לערענט מיט גרויס התמדה. ברוך איז געווען צופרידען אי פון דעם ראש ישיבה, פון וועמען ער האט א סך געלערענט, און אי פון די תלמידים.

א גרויסע השפעה האבען אויף ברוך'ן געהאט צוויי תלמידים — איינער פון בריסק און דער צווייטער פון פינסק. נאך א גרעסערע השפעה האט אויף איהם געהאט דער זקן ר' ליפע וואלף, וועלכער האט זיך אויפגע־האלטען אין איינעם פון די בתי מדרשים פון שטאט. ברוך, וועלכער האט לכתחילה געשלאפען אין א צווייטען בית מדרש, האט זיך שפעטער אריבער־געקליבען אין דעם בית מדרש וואו ר' ליפע וואלף האט זיך אויפגעהאלטען כדי צו זיין נאהענט צו איהם און לערנען זיינע מדות, באזונדער די סגופים וואס דער זקן האט אויף זיך גענומען און די תפילות וועלכע ער פלעגט זאגען מיט גרויס השתפכות הנפש און ביטערען געוויין.

ברוך וואלט מסתמא ווייטער געבליבען אין וויאזין, וואו ער האט זיך שוין אנגעהויבען פיהלען היימיש, האט אבער אין מיטען פון יענעם ווינטער מיט איהם עפעס פאסירט, וואס האט פארביטערט זיין לעבען.

אין א קאלטען ווינטערדיגען טאג האט ברוך געבראכט קיין וויאזין דער אלמנה'ס מילכיגע סחורה און דאן גענומען א פאק סחורה אויף צוריק פאר איהר קלייטל. ווען ער איז אנגעקומען אין דער אלמנה'ס הויז אינ'ם דארף וואו זי האט געוואוינט, איז שוין געווען שפעט אין אווענט. ער איז געווען מיד און דורכגענומען פון קעלט.

זיך אפגערוהט און דערוואַרימט האט ברוך געדאווענט מעריב און דאן האט די אלמנה איהם געגעבען א מאלצייט. ברוך איז שוין געווען גרייט זיך צוריקצוקעהרען אין שטאט אריין און פארברייינגען די נאכט אין לערנען.

זאגט די אלמנה צו איהם אזוי:

— ס'איז אזוי שפעט, און אין דרויסען איז אזוי קאלט. בעסער שלאף איבער די נאכט דא. דו וועסט צוריקגעהן אין שטאט אריין אין דער פרי.

האָט ברוך צו דעם מסכים געווען.

די אַלמנה האָט פאַר איהם צוגעגרייט א געלעגער און, נאָכדעם ווי ער האָט געלייענט קריאת שמע מיט גרוים כוונה, האָט ער זיך געלייגט שלאָפען.

ברוך האָט אָבער ניט געקענט איינשלאָפען. געגען זיין ווילען און צו זיין גרויס שרעק, האָבען איהם אָנגעהויבען קריכען אין קאָפּ ניט קיין גוטע מחשבות. ער האָט פּלוצים דערפילט, — פון וואָס ער האָט נאָך קיינמאָל פריער ניט געוואוסט — א הרהור עבירה.

דאָס האָט אויף איהם אָנגעיאָגט אזא פּחד, אז ער האָט זיך א הויב געטאָן פון געלעגער, ארויסגעלאָפען אין דרויסען און אָנגעהויבען זיך קיי־קלען א האלב נאַקעטער אין שניי, ווי א טייל פון די סגופים וואָס ער האָט שוין געהאט באשלאָסען צו נעהמען אויף זיך ווי א תשובה פאַר די זינדיגע מחשבות וואָס זיינען איהם געקומען אין מוח.

א דערפראָרענער איז ער צוריק אריין אין הויז, האָט זיך שנעל אָנגעטאָן און איז באלד צוריק אוועק אין שטאָט אריין.

עס איז געווען נאָך האלבע נאַכט ווען ער איז אָנגעקומען אין בית מדרש וואו ער האָט שטענדיג געשלאָפען. אנשטאט זיך צו לייגען שלאָפען, האָט ער אָנגעהויבען זאָגען תהילים מיט יללות און תחנונים. זיין הארץ האָט איהם וועה געטאָן פאַר דעם וואָס ער האָט זיך געלאָזט צורעדען פון דער אַלמנה צו איבערשלאָפען די נאַכט אונטער איין דאך מיט איהר, און עובר זיין אויף „יחוד", און אזוי דורך דעם קומען צו א הרהור עבירה.

ער האָט דאן ביי זיך אָפּגעמאכט מעהר צו דער אַלמנה ניט צוריק־קערען. ער האָט אפילו געהאט בדעה זיך מתודה צו זיין פאַר'ן זקן ר' ליפּע וואָלף'ן, אָבער ער האָט ביי זיך ניט געקענט פועל'ן עס צו טאָן. ער איז פאַר דעם געווען צו שעמעוודיג.

ברוך האָט איצט געדארפט זוכען א נייעם מקור פאַר פּרנסה, און ער האָט עס טאַקע באלד געפונען.

# סח.

## תורה און עבודה

**ברוך וויאזוי פאראינטערעסירט זיך אין קבלה. — וויל אנקומען אין דער בריסקער ישיבה. — אויף יחידות ביים ראש־ישיבה.**

ברוך האט זיך איצט פארדונגען ביי דעם ישוב'ניק ר' אליהו שלמה, וועלכער האט געוואוינט אין א דערבייאיגען דארף און האט געדארפט אז עמיצער זאל פאר איהם טאן אומגעפער די זעלביגע ארבייט וואס ברוך האט פריער געטאן פאר דער אלמנה. נאר אנשטאט צו טראגען דאס מיל־כיגס פון דארף אין שטאדט און דאן די סחורה פון שטאדט אין דארף אויף די אייגענע פלייצעס, האט איהם דער בעל־הבית געהאט געגעבען פאר דעם פערד און וואגען.

ס'האט ברוך'ן גענומען צוויי טעג, זונטאג און מיטוואך, צו דערפילען זיינע עובדות פאר ר' אליהו שלמה'ן. די איבעריגע צייט האט ער געהאט פריי צו לערנען אין דער ישיבה.

ברוך וואלט אוודאי געווען צופרידען מיט זיין מערכה, באזונדערס וואס זיין באלעבאס ר' אליהו שלמה האט איהם אויסגעזעהן צו זיין א נסתר. ווארום ער האט איהם געטראפען אפט מאל לערנענדיג ביחידות מיט גרוים התמדה. ברוך האט אבער דערפילט א באגעהר פאר עפעס מעהר ווי בלויז צו לערנען גמרא. זיין הארץ האט געגארט צו געפינען א נייעם דרך אין עבודת הבורא.

עס איז איהם געקומען צו האנט דער ספר עבודת הקודש וואס האט דעם באגעהר דערוועקט אין זיין הארצען. דער ספר האט איהם אבער ניט צופרידענגעשטעלט.

ער האט געהאט געהערט, אז אין בריסק געפינט זיך א ישיבה אנגעפירט פון דעם גאון און צדיק ר' שלמה'ן. דארט האט ער געזאלט געפינען וואס זיין הארץ האט געגארט און ער האט זיך געלאזט צופוס קיין בריסק.

ר' שלמה איז געווען ידוע ניט נאר פאר זיין לומדות, נאר אויך פאר זיין דרך אין עבודת הבורא. אין זיין ישיבה האט ער געהאט זעכציג תל־מידים, אלע עלטערע פון ברוך'ן — אייניגע שוין פארהייראטע, — איידימס אויף קעסט.

צוהערשט האָט ברוך ניט געוואָגט זיך צו מעלדען צום ראש ישיבה און פאר איהם אנטפּלעקען, אז דאָס וואָס ס'האָט איהם געצויגען צו איהם איז זיין, ר' שלמה'ס דרך אין עבודת הבורא וועגען וועלכען ער האָט זיך א סך אָנגעהערט. ברוך האָט זיך איינינע טעג ארומגעדרעהט אין דער ישיבה, וואו עס האָט זיך געפונען א באזונדערער חדר פול מיט ספרים, אזעלכע פון וועלכע ברוך האָט ביז דעמאָלט אפילו ניט געהאט געהערט.

ווי א דורשטיגער האָט ער זיך א וואָרף געטאָן צו די דאָזיגע ספרים, וועלכע זיינען באשטאנען ניט נאָר פון פירושים אויף דער גמרא, נאָר אויך פון חקירה, קבלה און מוסר. ברוך האָט איצט זיך געקענט באקענען מיט ענינים וועגען וועלכע ער האָט פריער קיין ידיעה ניט געהאט.

צוויי ספרים האָבען געמאכט אויף איהם א באזונדערען רושם — איינער דער ספר „המפואר" פון ר"י כלץ און דער ספר „ראשית חכמה" פון ר"א די ווידאש. די דאָזיגע ספרים האָבען פאר איהם אנטפּלעקט א נייע וועלט. פונ'ם ערשטען ספר האָט ער געלערענט ווי מדקדק צו זיין אין די מזמורים פון די תפילות, ווי אריינצוגעבען כוונות אין יעדעס וואָרט און אין יעדען אות און ווי אזוי די תפילות צו זאָגען מיט א קלאָרער שפּראַך און מיט א ריינעם מויל, ווי עס פּאסט ווען מ'וויל אז די תפילות זאָלען גריכען אזש צום כסא הכבוד. פון צווייטען ספר האָט ער גע־לערענט ווי צו רייניגען זיך דאָס הארץ און ווערען א בעל מדה.

איידער מ'איז אריינגענומען געוואָרען אין דער בריסקער ישיבה, האָט מען געדארפט פארהערט ווערען אין לערנען פון איינעם פון די ראשי ישיבה, א געוויסער ר' חיים אורי. ברוך האָט איצט געדארפט וואַרטען ביז ר' חיים אורי וועט איהם פארהערען. דערווייל האָט ער זיך געקענט צו־הערען צו די שעורים און זיך ארומקוקען אין דער ישיבה. ביי מערסטע צייט האָט ברוך אָבער פארבראכט אין דעם חדר וואו ס'האָבען זיך געפונען די אלמערס און פּאָליציעס, אלע אָנגעפּיקעוועט מיט ספרים. ער האָט זיך פון דאָרט נישט געקענט אוועקרייסען.

דער חדר איז געווען קליין. דאָרט זיינען געווען צוויי פענסטער, איינער האָט ארויסגעקוקט אין חצר און דער צווייטער אין גאָרטען אריין. ברוך האָט זיך אויסגעקליבען דעם פענסטער וואָס קוקט ארויס צום גאָרטען און פלעגט אָפּזיצען שעה'ן נאָכאנאַנד, פארטיפט אין דעם אָדער יענעם ספר.

איינמאָל אז ברוך איז געזעסען פארטיפט אין דעם ספר „ראשית חכמה", איז אין חדר אריינגעקומען דער גאון ר' שלמה. ברוך האָט אפילו ניט באמערקט אז אימיצער איז אריינגעקומען אין חדר און אז יענער שטעקט

איהם אויפמערקזאמקייט. פלוצים האט ער דערהערט ווי מען רעדט צו איהם.

— ווער ביזטו בחור'ל? אין וואס פאר א ספר ביזטו אזוי פאר־טיפט? — האט א שטימע צו איהם גערעדט.

ברוך האט אוועקגעריסען די אויגען פון ספר. פאר איהם איז געש־טאנען דער ראש ישיבה ר' שלמה. ברוך איז געבליבען א פארציטערטער. פון פחד און יראת הכבוד איז ביי איהם אפגענומען געווארען דאס לשון.

ברוך האט זיך געהאט פארטיפט אין שער היראה פרק י"ד פון יענעם ספר, וואו עס רעדט זיך וועגען דעם ענין פון יראה. ס'ווערט דארט געבראכט די מכילתא אויפ'ן פסוק „ויאמר משה זה הדבר אשר צוה ה' תעשו וירא אליכם כבוד ה'". אויף דעם זאגט די מכילתא, אז משה האט אנגעזאגט די אידען, אז זיי זאלען ארויסרייסען פון זייערע הערצער דעם יצר הרע און פילן די יראה פאר'ן רבונו של עולם; זיי זאלען אלע האבען איין געדאנק ווי צו דינען דעם אויבערשטען, ווארום „כשם שהוא יחיד בעולם", פונקט ווי דער אויבערשטער איז דער איינציגער אויף דער וועלט, „כך היא עבודתכם מיוחדת לפניו", אזוי דארף אייער דינען איהם זיין איינציג אין מין.

אויף דעם זאגט דער „ראשית חכמה", אז אין דעם מענשענס האר־צען געפינען זיך צוויי „בתים" (אפטיילונגען): איינער פאר'ן יצר טוב און דער צווייטער פאר'ן יצר הרע. מיט דעם דערקלערט זיך וואס אין די גוטע מעשים פון מענשען איז אויך פאראן א חלק פון יצר הרע. דאס איז די „עבודה זרה", וואס געפינט זיך אין מענשענ'ס הארצען. וואס דערפאר מוז דער מענש רייניגען זיין נשמה, אינגאנצען ארויסצוזעצען דעם יצר הרע פון זיין הארץ. דעם מענשענ'ס עבודת הבורא וועט דעמאלט דורכאויס זיין באהערשט פון דעם יצר טוב.

דאס האט אויף ברוך'ן געמאכט א רושם. ער האט דערפאר קוים פארנומען וואס דער גאון און צדיק רעדט צו איהם.

אז ער איז געקומען צו זיך, האט ער דעם ראש ישיבה געענטפערט אויף זיינע פראגען. ער האט איהם געזאגט ווער ער איז און אין וועלכען ספר ער איז געווען פארטיפט.

ר' שלמה האט מעהר גארניט געזאגט און איז ארוים פון חדר. ברוך איז א גאנצען טאג געווען אונטער'ן רושם פון זיין באגעגעניש מיט'ן גאון וועגען וועמען ער האט אזוי פיל געהאט געהערט, און איז ביז דעמאלט מיט איהם נאך ניט געקומען פנים אל פנים.

אין אָוועגט האָט ברוך געהאַט אַ נייע איבערראַשונג. דער שמש פון דער ישיבה, ר' אברהם שאול, האָט ברוך'ן אוועקגענומען אין אַ זייט און איהם איבערגעגעבען, אַז דער ראש ישיבה בעט איהם, אַז ער זאָל אריינ־קומען צו איהם אין חדר, אָבער דאָס מוז זיין בסוד.

ברוך איז געווען פאַרגאַפט.

אַז ער איז אריין צו ר' שלמה'ן אין חדר, האָט איהם דער גאון אָנגעהויבען אויספרעגען וועגען זיינע ידיעות אין לערנען, אויף ווי וויט ער איז באַהאַוועגט אין גמרא מיט רש"י און תוספות און האָט איהם גלייך אויפ'ן אָרט פאַרהערט אין עטליכע מסכתות. ברוך האָט געפילט, אַז ר' שלמה איז צופרידען.

ר' שלמה האָט דאַן אָנגעהויבען אויספרעגען ברוך'ן ווי אַזוי ער דערנערט זיך, צי ער קריגט עפּעס פון דער אַלגעמיינער קאַסע פון דער ישיבה, אָדער ער עסט „טעג" ביי די בעלי־בתים פון שטאָדט. ער האָט אויך געוואָלט וויסען וואו ער שלאָפט.

אויף דעם האָט איהם ברוך מודיע געווען, אַז ער איז זיך מפרנס פון דער פּראַצע פון זיינע אייגענע הענט און אַז שלאָפען שלאָפט ער אין אַ דערבייאיגען בית מדרש. פאַר איינוועגס האָט ער דעם גאון שוין אויך דער־צעהלט, וואָס אַזוינס ס'האָט איהם געבראַכט קיין בריסק. ער איז ניט נאָר געקומען לערנען תורה, נאָר אויך געפינען אַ נייעם דרך אין עבודת הבורא. דערווייל האָט ער שוין אַליין גענומען אויף זיך סגופים און זיך געפּייניגט. יעדען טאָג האָט ער שעה'ן לאַנג געפּראַוועט התבודדות אין פעלד און וואַלד, וואו ער האָט געקוקט אויפ'ן הימעל און דערביי פאַרגאָסען טרערען.

דער גאון איז געווען פאַראינטערעסירט. ברוך האָט ווייטער דער־צעהלט.

— אַ האַלב יאָהר — האָט ברוך געזאָגט — האָב איך זיך געפּיי־ניגט דורך אַלערליי סגופים, אָבער האָב דערביי ניט אויפגעהערט צו לערנען תורה. אין ר' שאול'ס ישיבה אין וויאַזין בין איך געווען געזעסען צווישען די תלמידים פון צווייטען טיש, כאָטש איך בין געווען דער אינגסטער.

דאָס איז אָבער פאַר ברוך'ן נישט געווען גענוג, אַז ער זאָל ווייטער בלייבען אין וויאַזין, האָט ער מסביר געווען ר' שלמה'ן.

— עפּעס האָט מיר געזאָגט דאָס האַרץ. עפּעס האָט מיר געצויגען צו אַ נייעם דרך אין דינען דעם אויבערשטען. איך האָב אין וויאַזין ניט געקענט געפינען קיין רו פאַר מיין נשמה.

און כדי זיך צו מאכען מעהר פארשטענדליך צו ר' שלמה'ן, האָט ברוך ווייטער געזאָגט:

— ס'איז מיר אריינגעפאלען דער ספר „מראות אלקים" און ווען איך האָב אין איהם אריינגעקוקט, איז מיך באפאלען א פחד. איך האָב געפילט, אז אין אָט דעם ספר ווערען אנטפלעקט גרויסע סודות, אָבער האָב אָט די סודות ניט געקענט אויסגעפינען. דאָס האָט מיר פארשאפט צער. פון דער אנדערער זייט האָב איך פשוט מורא געהאט אין די סודות אריינצודרינגען. אפשר בין איך גאָרניט ראוי דערצו. האָב איך אויף זיך גענומען נייע סיגו־פים, געפאסט תעניתים און געפראוועט חצות. איך האָב געוואָלט דורך דעם רייניגען מיינע מחשבות פון א שמץ פון זינד און אויף אזא אופן דער־הויבען זיך צו דער געהעריגער מדרגה, אז איך זאָל קענען פארנעמען די סודות פון יענעם ספר.

ברוך האָט ווייטער דערצעהלט ווי אזוי מיט אלע זיינע מאטערנישען האָט ער דאָך ניט געקענט אריינדרינגען אין די פארבאָרגענישען פונ'ם דערמאָנטען ספר. ער האָט אין וויאזין געהאט צוויי חברים, תלמידים פון דער ישיבה. האָט ער זיך אין זיי פארטרויט און געוואָלט אז צוזאמען זאָלען זיי זיך דערגרונטעווען צו די סודות פונ'ם ספר. פאר א צייט האָבען אלע דריי זיך געמאטערט אויפ'ן ספר. די צוויי חברים זיינען באלד מיד געוואָרען און מעהר דעם ספר ניט געוואָלט לערנען. ברוך האָט אָבער צום ספר געקראָגען נאָך א גרעסערע תשוקה און ביי זיך אָפגעמאכט, אז ער מוז זוכען א רבי'ן וואָס זאָל מיט איהם לערנען יענעם ספר און איהם אריינ־פירען אין די חדרי חדרים פון די סודות וואָס אָט דער ספר אנטהאלט.

ברוך איז אנטשוויגען געוואָרען. ער האָט געוואָרפען א בליק אויפ'ן גאון, ווי ער וואָלט געוואָלט אויסגעפינען אויב ער האָט שוין זיך ניט פארערדט צופיל.

— דערצעהל ווייטער, — האָט ר' שלמה איהם דערמוטיגט מיט א צוגעלאָזטען שמייכעל.

— צו מיינע אויערען האָט זיך דערטראָגען וועגען דער ישיבה אין בריסק, — האָט ברוך גערעדט ווייטער. — איך האב אויך געהערט וועגען אייך, רבי, אז מ'קען פון אייך לערנען דאָס וואָס מיין הארץ און נשמה גארען אזוי שטארק צו וויסען. האָב איך פארלאָזט וויאזין און בין צופוס געגאנגען פון שטעטעל צו שטעטעל ביז איך בין אָנגעקומען אהער. אונטער־וועגס בין איך קראנק געוואָרען. דאָס האָט מיר אָבער ניט צוריק געהאלטען פון געהן ווייטער. איצט בין איך, ברוך השם, שוין אין אייער ישיבה, רבי, און איך ווארט אויפ'ן שעת הכושר, אז איך זאָל קענען לערנען פון אייך

אייער דרך אין עבודת הבורא. איך האָב ניט געוואָגט קומען צו אייך וועגען דעם ביז איך וועל זוכה זיין אז איר וועט נאָך מיר שיקען רופען.

## סט.

### רבי און תלמיד

**דער ראש־ישיבה איז מקרב ברוך'ן. — ברוך'ס סיגופים. — רבי און תלמיד.**

בעת ברוך האָט געהאַלטען אין אויסגיסען זיין הארץ פאַר ר' שלמה'ן האָט דער ראש ישיבה פון איהם ניט אַרונטערגענומען די אויגען. עס איז געווען קלאָהר, אז דער ראש ישיבה איז געווען שטאַרק פאַראינטערעסירט אין דעם בחור'ל. ברוך אַליין האָט געפיהלט ווי דער גאון וואָלט איהם געהאַט דורכגענומען דורך און דורך, אָפּמעסטענדיג איהם פון קאָפּ ביז די פיס און אַריינקוקענדיג אין דער סאַמע טיפעניש פון זיין נשמה.

וועט אָבער דער גאון איהם האַלטען ראוי צו נעהמען פאַר א תלמיד און לערנען מיט איהם פאַרבאָרגענע ענינים? ברוך האָט געפיהלט ווי זיין גורל וואָלט געהאַנגען אויפ'ן וואָגשאָל. דאָס האָט איהם אזוי צעגומען, אז ער האָט זיך פאַנאַנדערגעוויינט. דאָס געוויין איז געקומען פון דער סאַמע טיפעניש פון זיין נשמה.

— צו וואָס וויינסטו? — האָט ר' שלמה געפרעגט מיט רחמנות.
— האָסט דאָך דערגרייכט דאָרט וואו דו האָסט געוואָלט זיין און ביזט ענד־ליך אויפ'ן ריכטיגען וועג פון עבודת הבורא!

ברוך האָט עפּעס געוואָלט זאָגען. איהם האָט נאָך געפעהלט שלמות. איהם האָבען אויך געפעהלט ידיעות און פאָלגליך אויך די נויטיגע זיכער־קייט און פעסטקייט. ער האָט זיך גענויטיגט אין א מדריך, אין איינעם ווי ר' שלמה'ן אין וועמען ער האָט געהאַט גרויס אמונה. אָבער זיין הארץ איז געווען פול און טרערען האָבען איהם געשטיקט אין האַלז. ער האָט ניט גע־קענט מעהר זאָגען קיין וואָרט.

ר' שלמה האָט זיך פאַרטראַכט און נאָך א וויילע שטילשווייגען זיך אָפּגערופען צו ברוך'ן, אז ער זאָל קומען צו איהם אין חדר מאָרגען נאָך מעריב.

ברוך האָט פאַרלאָזען ר' שלמה'ן דורך א הינטער טיר. קיינער האָט ניט געזאָלט וויסען, אז ער איז געוועזן ביים צדיק ביחידות.

דערווייל האָט ברוך גענומען אויף זיך א תענית פון דריי מעת־לעת — 72 שעה — לויט דעם מספר „חסד". עס איז געוועזן זיין טיפער וואונש אז דער אויבערשטער זאָל מיט איהם טאָן חסד און איהם געבען לייט־זעליגקייט אין די אויגען פונ'ם גאון. ער האָט אויף זיך אויך גענומען פאַר די גאַנצע דריי מעת לעת ניט צו שלאָפען און מיט קיינעם קיין וואָרט ניט צו ריידען.

די נאכט האָט ער פאַרבראַכט אין בית מדרש, וואו ער פלעגט נעכטיגען, אין תורה און תפלה. ער האָט דערפיהלט א גרויסע שוואַכקייט אין קערפּער, אליין ניט וויסענדיג פון וואַנען דאָס נעהמט זיך, ווייל תע־ניתים זיינען ביי איהם, אייגענטליך, ניט געווען קיין נייעס און קיין סגופים אויך ניט. ער איז אויך געווען געוואוינט צו שווערע ארבייט פון וואָס ער האָט זיך דערנערט.

ווען איך האָב אָנגעהויבען — דערציילט ברוך — ריכטען תקון חצות האָב איך געפילט אז מיין הארץ איז פאַרמאַכט געוואָרען. נאָך א לענגערע צייט פון שטאַרקע אָנשטרענגונג האָב איך געפילט אז ענדליך האָט זיך מיין הארץ געעפענט צו עבודת הבורא. אָבער, פון יענעם מאָמענט האָט אָנגעהויבען אריינפאַלען צו מיר שלעכטע געדאַנקען, עס האָבען זיך מיר אויך פאָרגעשטעלט אַזוינע שוידערליכע בילדער, וואָס אין מיין גאַנצען לעבען האָב איך דאָס ניט געזעהן.

מיין גאַנצע אָנשטרענגונג אויף פּטור צו ווערען פון די שלעכטע געדאַנקען און די שוידערליכע פאָרשטעלונגען האָט ניט געהאָלפען. האָב איך אָנגעהויבען בעטען זיך ביים אויבערשטען אז ער זאָל פון מיר אוועקנעמען די שלעכטע געדאַנקען און פאָרשטעלונגען, און איך האָב פון זיך אויסגעשריען „אוי, רבונו של עולם!" און דאָס האָט געהאָלפען. און פון יענעם מאָמענט בין איך באַפרייט געוואָרען פון די ניט גוטע גע־דאַנקען, און איך האָב אָפּגעריכט תקון חצות מיט גרוים געוויין.

דאָס האָט איהם ענדליך טאַקע לייכטער געמאַכט אויפ'ן הארצען. מיט א שפּראַץ אויף טאָג, האָט ער געדאַווענט „ותיקין" און איז ארוים אין דרויסען זיך עטוואָס אָפּצורוהען.

דעם גאַנצען טאָג האָט ער ווייטער פאַרבראַכט אין תורה און עבודה. דאָס אַלץ האָט געזאָלט זיין א צוגרייטונג פאַר דעם וואָס ער האָט געזאָלט הערען פון ר' שלמה'ן, צי ער איז גרייט איהם צו מאַכען פאַר זיין תלמיד.

נאָך מעריב האָט איהם דער שמש א וואונק געטאָן. עס איז געווען צייט, אז ער זאָל בשתיקה ווידער קומען צום ראש ישיבה אין חדר אריין.

דאָס הארץ האָט איהם שטארק געקלאפּט. ער האָט זיך אָבער גע־פיהלט דערמוטיגט, ווען ער האָט געזעהן דעם צדיק'ס פריינדליכען פנים. ר' שלמה האָט צו איהם גערעדט בנעימות ווי א טאטע צו א קינד.

ר' שלמה האט צוערשט געוואָלט וויסען וועלכע פּרקים ער האָט געלערענט אין די ספרים „עבודת הקודש" און „ראשית חכמה". ברוך האָט אויף דעם געענטפערט אז אין „ראשית חכמה" האָט ער געלערענט דעם „שער היראה" און האָלט דאָרט ביי פּרק י"ד. אין „עבודת הקודש" האָט ער שוין געהאַט אויסגעלערענט אלע פיער־און־פערציג פּרקים פון דעם צוויי־טען חלק. דערביי האָט ער מוסיף געווען, אז ער האָט זיך שטארק געמאַ־טערט צו פארשטעהן אלץ וואָס ער האָט דאָרט געלערענט אָבער גאָר א סך איז איהם געבליבען אומפארשטענדליך, איבער זיינע השגות.

ר' שלמה האָט איהם געפרעגט:

— איצט זאָג מיר, צי דען אז מ'לערנט עטליכע פּרקים אין „עבודת הקודש" און אין „ראשית חכמה" דארף מען זיך פארנעמען מיט תעניתים און סיגופים, ווער האָט דיר דאָס מתיר געווען? די חכמים האָבען דאָך געזאָגט „עשה לך רב", כדי א מענש זאָל ניט טאָן קיין זאך מיט זיין אייגענער דעה. וואָרום אויך אַזוינע זאכען — ווי פאסטען און פראוועז סיגופים — זיינען אָפטמאָל נאָר די מעשים פון יצר הרע, ער וויל דורך דעם מבטל זיין דעם מענשען פון תורה און אז מען זאָל זיך אין די אייגענע אויגען אָנהויבען פיהלען ווי א צדיק.

ר' שלמה זאָגט אים ווייטער: דעם מאָל וועל איך ניט צושטערען דיין נדר פון צו פאסטען 72 שעה אָהן אויפהער. אָבער אויף ווייטער זאָלסטו אליין אַזוי ניט טאָהן סיידן מיט רשות פון א רב מובהק.

— די חז"ל — האָט ר' שלמה איהם מסביר געווען — זאָגען אויפ'ן יצר הרע, אז ער איז א גרויסער „קינצלער" אָנצורייזען מענשען ניט צו טאָהן דעם רצון פון בורא עולם. יעדען מענשען פּרובירט דער יצר הרע צוצורייזען צו אן עבירה לויט זיין אייגענעם דרך און לויט זיינע אייגענע מדרגות. דערפאר איז אין יעדען דרך פון עבודת הבורא אויך דאָ א שטיקעל סכנה, אז דורך אָט דעם דרך, ווי שלמות'דיג ער זאָל ניט זיין, ווערט מען חלילה קומען צו א קלקול.

פון דעם גאון'ס ווערטער האָט ברוך קלאָהר געזעהן, אז ר' שלמה ווייס אלץ ברוח הקודש. ר' שלמה האָט גערעדט ווי ער וואָלט געגוי גע־

וואוסט אז ער, ברוך, האט גענומען אויף זיך א תענית און סגופים. ווער האט עס איהם דערצעהלט. בכלל האט עס אויסגעזעהן ווי ער וואלט גע־וואוסט אלע ברוך'ס מחשבות, אפילו וועגען זיין אמאליגען נסיון מיט דער אלמנה אין וויאזין.

ר' שלמה האט איהם אבער ניט פארשטויסען. ער האט געמאכט אט דעם אויספיהר:

— דייןביישטיין דעם נסיון אין הויז פון דער אלמנה, און איבערהויפט, דיין החלטה טובה אפצולאזען דיין ארבעט דארט, האט מיטגעבראכט אז דער בית דין של מעלה האט אפגע'פסק'ענט אז דיין הארץ זאל ערוועקט ווערען צו וועלען דינען דעם אויבערשטען אין דעם ריכטיגען וועג.

ברוך האט די ווערטער אויסגעהערט פארגאפט. הייסט עס אז ער האט דערגרייכט זיין ציל?

דער צדיק האט ווייטער געזאגט:

— איצט וועגדעט זיך אויב דו ביסט גרייט איינצוגעהן אויף די תנאים וואס איך וועל דיר שטעלען כדי איך זאל בעזרת השם, קענען מיט דיר לערנען דעם דרך פון עבודת הבורא. די תנאים זיינען, אז דו זאלסט לערנען און מתפלל זיין מיט א גאנץ און ריכטיג הארץ; דו זאלסט זיך האלטען עניוות'דיג. מיין הויפט תנאי איז אבער, אז קיינער זאל ניט וויסען אז איך לערנען מיט דיר עפעס. עס זאל אויף דיר אויך ניט זיין קענטיג אז דו האסט מיט מיר א מגע ומשא.

— איך נעהם אויף זיך אלע תנאים — האט ברוך באלד מסכים געווען.

אין ר' שלמה'ס ישיבה האט זיך געפיהרט, אז ווען נאר א תלמיד האט זוכה געווען, אז דער גאון זאל איהם רופען צו זיך און מיט איהם ריידען, אזוי האבען אלע פון די גרעסטע ביז די קלענסטע תלמידים, ביי זיין ארויסקומען פון גאון'ס חדר, איהם אפגעגעבען א מזל טוב און יענער האט געדארפט איבערזאגען די תורה וואס ער האט זוכה געווען צו הערען פון ראש ישיבה. עס איז געווען א זעלטענהייט אז אימיצער זאל האבען די זכיה ארייגערופען צו ווערען צום גאון אין חדר. עס זיינען געווען תלמידים וואס האבען שוין אין דער ישיבה געהאט געלערנט יאהרען און האבען נאך אזא זכיה ניט געהאט.

כאָטש ברוך'ס צווייטער באַזוך ביים גאון האָט געזאָלט זיין א סוד ווי דער ערשטער באַזוך, האָט מען זיך אָבער אין דער ישיבה דאָך דער־וואוסט דערפון. באַלד ווי ברוך איז אַרויסגעקומען פון ר' שלמה'ס חדר האָבען די ישיבה־לייט איהם אַרומגערינגעלט און איהם אָפּגעגעבען א הארציגען „מזל טוב!"

ברוך איז געווען געפּלעפט. ער האָט ניט געוואוסט וואָס צו זאָגען. די תלמידים האָבען ביי איהם געפאָדערט, אַז ער זאָל איבערזאָגען די תורה וואָס ער האָט געהערט פון גאון. ער איז געווען מבולבל.

דער סאַמע וויכטיגסטער תלמיד פון ר' שלמה'ס ישיבה איז געווען דער עילוי שמואל גדליה פון פּינסק. מען האָט אויף איהם געזאָגט, אַז ר' שלמה האָט איהם עטליכע מאָל מכבד געווען מיט זאָגען א פּלפּול פאַר די אַנדערע תלמידים.

א צווייטער וויכטיגער תלמיד איז געווען יחיאל גרשון. ברוך האָט גוט געדענקט ווי אַט דער יחיאל גרשון איז אַמאָל אַרויסגעקומען פון ר' שלמה'ס חדר און ווי אַלע האָבען איהם אָפּגעגעבען מזל טוב. שפּעטער האָבען אַלע תלמידים זיך אַרומגעקליבען אַרום איהם און זיך צוגעהערט צו דער תורה וואָס ער האָט איבערגעזאָגט פון רבי'ן.

איצט האָט עס געזאָלט הייסען, אַז ברוך דאַרף איבערזאָגען די תורה, וואָס ער האָט אַליין געהערט פון ר' שלמה'ן. וואָס האָט ער דאָ געזאָלט טאָן?

בכלל איז עס פאַר די תלמידים געווען א גרויסע פּלא וואָס ער, ברוך, דער איינגסטער פון זיי און דערצו נאָך גאָר ניט לאַנג אין דער ישיבה האָט שוין געהאַט די זכיה צו זיין ביים ראש ישיבה ביחידות!

מ'האָט ברוך'ן דערביי דערצעהלט, אַז עס האָט פּאַסירט נאָר איינ־צעלנע מאָל, אַז ר' שלמה זאָל רופען צו זיך נייע תלמידים. איינמאָל איז עס געווען מיט א שעמעוודיגען בחור'ל וואָס האָט זיך פּשוט באַהאַלטען פון מענשען. ווען ער איז אַרויסגעקומען פון ר' שלמה'ס חדר איז ער געווען גאָר אַן אַנדערער.

מען האָט זיך דאַן דערוואוסט, אַז ער איז א קיילעכדיגער יתום. זיין פאָטער איז געווען א באַוואוסטער צדיק. דער בחור'ל איז שפּעטער געוואָרען איינער פון די וויכטיגסטע תלמידים אין דער ישיבה.

אַן אַנדער פאַל איז געווען מיט א בחור גאָר ניט קיין בעל מידה. ער איז געווען א פּרעסער און א בעל גאווה. דערצו א כעס'ן און א ליגנער.

ער האָט אָבער געהאט גרויסע כשרונות אויך. אָט דער בחור האָט זיך איינגאנצען געענדערט נאָך זיין באזוך ביי ר' שלמה'ן.

ברוך'ן איז געוואָרען ענג אין מוח.

## ע.

## ברוך'ס נייער דרך

**ברוך נעמט זען זיינע חסרונות. — ברוך'ס נייער דרך.**

ברוך איז געווען אין א פארלעגענהייט. ער האָט ניט געטאָרט דער־צעהלען דעם אמת, וועגען זיין באזוך ביים ראש ישיבה, און קיין ליגען האָט ער ניט געוואָלט זאָגען. ער האָט א ווייל־ע נאָכגעטראכט און דאן דערצעהלט די ישיבה לייט, וואָס האָבען איהם ניט אָפגעלאָזט, אז נאָכדעם ווי ער האָט זיך דערקונדיגט וועגען דער צדקות און הנהגה פון ר' שלמה'ן, האָט זיך ביי איהם דערוועקט א באגעהר צו טאָן תשובה פאר זינד וואָס ער האָט אמאָל באגאנגען.

עס איז איהם נאָך שווערער מיה געלונגען צוגעלאָזט צו ווערען צום גאון ביחידות און ער האָט פון ר' שלמה'ן געהערט דברי מוסר וועגען דעם ענין פון עניוות און אמת, ווייל ביידע זיינען א צוגרייטונג צו ריכ־טיגער עבודת הבורא.

ביי דער געלעגענהייט האָט ברוך איבערגעזאָגט עטליכע געדאנקען וואָס ער האָט געלערנט אין „ראשית חכמה" און אין „עבודת הקודש". דאָס האָט אויף די תלמידים געמאַכט א גרויסען רושם. ברוך האָט אויף אזא אופן נישט געזאָגט קיין ליגען און אין דער זעלביגער צייט האָט ער נישט ארויסגעגעבען אז דער צדיק האָט זיך אונטערגענומען מיט איהם צו לערנען ביחידות.

צוריקקומענדיג אין בית מדרש, וואו ער האָט גענעכטיגט, איז ברוך איבערגעגאנגען אין רעיון דאָס וואָס ער האָט געהערט פון ר' שלמה'ן און איז געקומען צו דער מסקנא, אז ערשט איצט דארף ער וויזען עניוות און זיך דערווייטערען פון שקר. ער האָט ארויסגענומען פון ר' שלמה'ס רייד אז ער, ברוך, איז נאָך ניט פריי פון גרויסהאלטעריי און פון שקר.

ברוך האָט קוים געקענט משיג זיין ווי אזוי גאווה און שקר, האָבען נאָך געקענט בלייבען אין איהם נאָכדעם ווי ער האָט אויף זיך געהאַט גענומען אזוי פיל תעניתים און האָט דורכגעמאַכט אזוי פיל סגופים.

ער האָט דערפאַר זיך אליין אָנגעהויבען מוסר'ן און זיך גערופען „שקרן" און „בעל גאוה" און דערביי פאַרגאָסען א סך טרערען. די טרערען האָט ער צונויפגענומען אין זיינע הויפענס און געוואַשען מיט זיי זיין פּנים. דאָס האָט געזאָלט הייסען, אז מיט דעם וואַשט ער אָפּ די איינדרוקען וואָס די חטאים מאַכען אויפ'ן שטערן און פּנים.

ברוך האָט דאָס נאָכגעפאָלגט דעם דרך פון די בעלי מוסר פון יענער צייט און פון די פריהערדיגע צייטען. ער האָט נאָך וועגען דעם געהערט פון זיין עלטערען ברודער זלמן ליב, א מוסר'ניק. ער האָט אויך געהאַט געהערט וועגען דעם אלטען פּרוש ר' זלמן חיים שרגא, וועלכער איז אָפּגעזעסען זיבעציג יאָהר אין פּרישות, אז ווען ער פלעגט פּראַווען חצות, פלעגט ער פאַרגיסען טרערען און די טרערען אָנזאַמלען און מיט זיי דערנאָך זיך וואַשען דעם פּנים.

זיין זיידע דער צדיק ר' ישראל אלי' האָט דערציילט ברוך'ן, אז ווען ער איז נאָך געווען אין דער יוגענט איז שוין ר' זלמן חיים שרגא געווען א פּרוש און איז געווען אָנגענומען ביי אלעמען אלס א קדוש, און כאָטש דער פּרוש איז שוין געווען א זקן מופלג האָט ער אויס־געזעהן ווי אין די זעכציגער, און ברוך'ס זיידע האָט דאָס ערקלערט, אז ווען מ'וואַשט אָפּ די פלעקען פון די זינד קען איינער וואָס איז אלט הונדערט יאָהר אויסזעהן ווי ער וואָלט אלט געווען מער ניט ווי זעכציג.

דער תענית פון דריי מעת־לעת, וואָס ברוך האָט אויף זיך גענומען, האָט זיך געדאַרפט ענדיגען פרייטאָג ערב שבת „בחוקותי". כאָטש דער תענית האָט איהם געהאַט אָפּגעשוואַכט, איז ער די גאַנצע נאַכט דאָנער־שטאָג אויף פרייטאָג געזעסען און געלערענט מיט גרויס התמדה.

פרייטאָג האָט ער געמאַכט אלע הכנות פאַר'ן הייליגען שבת. גע־לייענט די סדרה פון דער וואָך „שנים מקרא ואחד תרגום". ער האָט עס געטאָן מיט גרויס התעוררות און דבקות. מען וואָלט אויף איהם ניט דערקענט, אז דאָס טוהט ער אלץ נאָך א תענית פון דריי מעת־לעת.

ר' שלמה האָט זיך נוהג געווען אז יעדען זמן האָט ער אויסגעקליבען איינעם פון די נייע תלמידים פון דער ישיבה איהם צו באדינען אין הויז. דער דאָזיגער תלמיד פלעגט דאַן שלאָפען אין ראש ישיבה'ס הויז און עסען ביים צדיק'ס טיש.

דעם קומענדיגען זונטאָג האָט מען ברוך'ן מודיע געווען, אַז ער איז דער דאָזיגער וועמען ר' שלמה האָט אויסגעקליבען פאַר זיין משמש אין משך פון זמן. דינסטאָג האָט ער שוין געדאַרפט זיין אין גאון'ס שטוב.

מען קען זיך משער זיין, אַז ברוך האָט זיך געפיהלט גאָר לעילה'דיג פאַר אָט דער אויסצייכענונג. עס האָט איהם אָבער געמאַטערט דער געדאַנק, ווי אַזוי ער וועט זיך אַרויסדרעהען אַז ער זאָל נישט דאַרפען עסען ביים גאון'ס טיש ווי אַלע אַנדערע תלמידים, וואָס האָבען איהם באַדינט, האָבען עס געטאָן. ברוך האָט דאָך געהאַט גענומען אויף זיך, אַז ער זאָל ניט עסען ביי קיין פרעמדען טיש און זיך דערנעהרען נאָר פון דער פּראַצע פון זיינע אייגענע הענט. דאָס האָט איהם שטאַרק געמאַטערט. ער האָט ניט געוואוסט וואָס ר' שלמה וועט פון איהם פאַרלאַנגען.

יענעם דינסטאָג אין דער פריה האָט ברוך געדאַוונט מיט'ן ערשטען מנין, און איז דאַן געקומען צום ראש ישיבה אין הויז, גרייט צו טאָן וואָס מען וועט איהם הייסען. ר' שלמה האָט געהאַלטען ביים ענדיגען זיין טעג־ליכען שיעור משניות און גמרא וואָס ער האָט געלערענט ביחידות.

עס איז געקומען די צייט פון עסען. אָבער ר' שלמה האָט ברוך'ן ניט גערופען צום טיש. דאָס האָט ברוך'ן פאַרשאַפט נחת רוח. עס האָט איהם אַרויסגענומען פון אַ פאַרלעגענהייט. ער האָט ניט געדאַרפט טאָן עפּעס וואָס איז ניט געווען לויט זיין רצון.

איצט האָט ר' שלמה געקענט האַלטען זיין צוזאָג צו לערנען מיט ברוך'ן דאָס וואָס ער האָט אַזוי שטאַרק געגאַרט צו לערנען, און קיינער זאָל דערפון ניט וויסען. ווארום ברוך'ס זיין ביים גאון אין הויז איז דאָך, לפנים, געווען אַ גאַנץ געוועהנליכער ענין — כדי דעם ראש ישיבה משמש צו זיין ווי אַ סך אַנדערע תלמידים האָבען עס געטאָן פריהער.

ר' שלמה האָט מיט ברוך'ן געלערענט אַ סך ספרים, באַזונדער די וואָס האָבען אַ שייכות מיט עבודת הבורא — מוסר און מדות טובות.

ברוך האָט געהאַט אָפּגעשפּאָרט אַ קליינע אַפּותיקי פון די פאַרשי־דענע מלאכות וואָס ער האָט געטאָן איידער ער איז געקומען קיין בריסק. אפילו נאָכדעם ווי ער האָט אָפּגעגעבען מעשר אויף צדקה, איז איהם אַלץ געבליבען אויף זיינע הצטרכות'ן פאַר אַ לענגערע צייט. ער האָט דערפאַר קיין דאגות וועגען אויסקומעניש ניט געהאַט.

ברוך האָט ליב געהאַט התבודדות. ער האָט זיך אויך געהיט אויסצו־ריידען אַן איבעריג וואָרט מיט אימיצען. דערפאַר אָבער, ווען ער האָט

געלערענט, האָט ער עס געטאָן הויך אויפ׳ן קול. ער איז דערצו געווען געבענשט מיט א זיסען קול. אז ער האָט געלערענט האָט מען איהם געהערט ממש איבער׳ן גאנצען בית מדרש.

אין לערנען האָט ברוך אויך ליב געהאט צו ריידען געננוי און קלאָהר. די רייד פון די תנאים און אמוראים זיינען פאר איהם געווען ווי פון לעבעדיגע מענשען וואָס וואָלטען געשטאנען לעבען איהם און מיט איהם זיך דורכגעשמועסט. ער האָט יעדענ׳ס רייד און סברות איבערגעזאָגט גענוי ווי דאָס וואָלט געקומען גלייך פון יענעמ׳ס מויל.

מענשען פלעגען זיך אָפט אָפשטעלען און מיט טיפען אינטערעס זיך צוהערען ווי ברוך לערענט און ווי ער טענה׳ט זיך אוים מיט די חכמי התלמוד.

הינטער ר׳ שלמה׳ס הויז האָט זיך געפונען א גאָרטען. אין אָט דעם גאָרטען האָט ברוך, יעדען טאָג, א שעה אָדער צוויי זיך פארקליבען אין א ווינקעל און האָט געפראוועט התבודדות.

ברוך׳ן וואָלט געווען ליבער אָט די התבודדות צו פראווען אין פעלד און וואלד, ווייט פון מענשען. אָבער דאָס האָט ער ניט געקענט. ער האָט געמוזט בלייבען אין גאָנ׳ס הויז אָדער ארום זיין הויז.

איינגיכען האָט זיך אָבער געמאכט א געלעגענהייט אז ברוך זאָל קענען טאקע זיין אין פעלד און וואלד. דאָס איז געווען דעמאָלט ווען ר׳ שלמה האָט איהם מיטגענומען צו דער חתונה פון זיינע א פלימעניצע, די טאָכטער פון זיין אינגערן ברודער, ר׳ חיים ישראל. דער דאָזיגער ר׳ חיים ישראל איז געווען דער איידים פון א רייכען פּאָסעסאָר, וואָס האָט געהאט זיין גוט ארום דרייסיג וויאָרסט פון בריסק. ר׳ חיים ישראל איז נאָך דאַ־מאָלסט געזעסען ביי זיין שווער אויף קעסט און פארבראכט זיין צייט על התורה ועל העבודה.

פאר זיין איידים האָט ר׳ חיים ישראל אויסגעקליבען דעם עילוי שמואל גדליה, א תלמיד פון ר׳ שלמה׳ס ישיבה. ר׳ שלמה מיט א צאָהל פון זיינע תלמידים, זיינען געפאָהרען אויף דער חתונה, און ווי געזאָגט, איז ברוך אויך ר׳ שלמה׳ס פארלאנג אויך מיטגעפאָהרען.

צעהן טעג איז ר׳ שלמה פארבליבען אויפ׳ן גוט פון זיין ברודער׳ס שווער. האָט ברוך אין די דאָזיגע צעהן טעג דערווייל געהאט א געלעגענ־הייט צו דערנעהנטערען זיך צו ג־ט׳ס יצירה וואָס ער האָט אזוי ליב געהאט. גאנצע שעה׳ן האָט ער פארבראכט אין פעלד און וואלד.

אין גרוים התלהבות פאַר ג־ט׳ס יצירה איז ברוך אריין ווען ער איז איינמאָל, אַ נאָכמיטאָג, אַוועק אין פעלד און פאַרגאַנגען צו אַ פּונקט וואו ער איז פאַרכאפּט געוואָרען פון די וואונדער פון דער טבע. ער איז פאַר־גאַנגען אויף אַ בארג פון וואנען ער האָט געקענט אַרונטערקוקען אויף דער גאַנצער לאַנדשאַפט אויף מיילען ווייט. פּרעכטיגע פעלדער האָבען זיך אויסגעשפּרייט אויף ווי ווייט זיין אויג האָט געקענט זעהען. אַ שטראָמיגער טייך האָט געפלאָסען אונטען ביים בארג. דאָס גערויש פונ׳ם שטראָמיגען וואַסער האָט זיך צעגאָסען אין אַ געזאַנג ווי אַ מחנה מלאכים וואָלטען געזונגען שירה.

# עא.

## מענטש און וועלט

**ברוך פאַראייניגט זיך מיט דער נאַטור. — וואָס ער האָט געלערנט פון זיין רבי׳ן וועגען דער יצירה. — אלול טעג און ימים נוראים.**

ברוך איז אריין אין התפעלות.

— „הללו את ה׳ מן הארץ״ — האָט ער אויסגערופען אנטציקט. ער האָט זיך פון דער שיינקייט פון ג־ט׳ס יצירה ניט געקענט אָוועקרייסען. ער האָט ממש פאַרגעסען, אַז ער דאַרף זיך צוריקקערען צו זיין רבי׳ן כדי איהם משמש צו זיין.

וואונדערליך איז געווען דער זון־אונטערגאַנג. גלייכצייטיג האָט איהם אַרומגענומען אַ פּחד ווען דער בין־השמשות איז אָנגעקומען. די טבע האָט זיך געביטען אין קאָליר און אין געמיט. ברוך איז געבליבען ווי צוגעקאָוועט צו זיין אָרט.

באַלד האָט זיך איבער זיין קאָפּ אויסגעשפּרייט אַ הימעל מיט מיל־יאָרדען פינקלענדיגע שטערען. די לבנה, ווי אַ מלכה, איז אַרויס צווישען די שטערען און האָט באַגאָסען דעם גאַנצען כדור הארץ מיט איהרע זילבער־נע שטראַלען.

אָנשטאָט דעם אומעט וואָס דער בין השמשות האָט געבראַכט, האָט איצט די לבנה אין ברוך׳ן דערוועקט אַ פרייד — אַ פרייד וואָס ער האָט

נאָך קיינמאָל פריער אין זיין יונגען לעבען ניט געהאט געפילט. דאָס איז געוועזן די פרייד פון דער יצירה, די פרייד פון דער ג־ט׳הייט זעלבסט.

ברוך האָט גאָרניט געדאַרפט געדענקען, אַז עס איז געקומען די צייט צו דאווענען מעריב. די תפילות האָבען זיך אַליין ארויסגעגאָסען פון „כל עצמותי תאמרנה ה׳".

אַז ס׳איז געקומען צו „שמע ישראל ה׳ אלקינו, ה׳ אחד" האָט ברוך עס ארויסגעזאָגט מיט אַזוי פיל עקסטאַז און אַזוי פיל כוונה ווי ער וואָלט אַליין געווען אַ טייל פון דעם „אחד", וועלכען ער האָט איצט אויף גאָר אַ באַזונדערען אופן מכוון געווען.

ער האָט דעם „אחד" געהאַלטען אין אויסציען. זיין קול האָט זיך געקרייזעלט אין דעם חלל פון דער וועלט און האָט דעם חלל אָנגעפילט. ברוך׳ס „אחד" האָט זיך געקייקעלט איבער באַרג און טאָל, איבער פעלד און וואַלד, זיך צוזאַמענגעבונדען מיט׳ן געזאַנג פונ׳ם לויפענדיגען וואַסערל אונטערן באַרג און איז געוואָרען דאָס געזאַנג פון דער גאַנצער וועלט, טראָגענדיג זיך אַלץ העכער און העכער ביז דאָס האָט זיך אָנגעשלאָסען אין די פינקעלדיגע שטערן און אין דער זילבערנער לבנה צעגעהענדיג זיך ווי אַ באַלזאַם און אריינגיסענדיג זיך אין דער גאַנ־צער געטליכער יצירה.

ברוך איז אַנטשוויגען געוואָרען ווי ער וואָלט פון גרויס התפעלות געבליבען אָהן לשון. אָבער ערשט דאַן האָט זיך פונדערווייטענס דערטראָגען צו איהם דער בת־קול פון זיין אייגענעם „אחד". ווידער איז דער „אחד" פון בת־קול אויפגענומען געוואָרען פון באַרג און טאָל, פון פעלד און וואַלד, פון טייך און פעלז, פון בוים און גראָז, אריינציהענדיג אין דעם ברוך׳ן אַליין. אַלץ איז געוואָרען צוזאַמענגעשמאָלצען אין דעם „אחד". אַלץ איז געוואָרען אַ טייל פון דעם „מלא כל הארץ כבודו".

אַ היילגער ציטער האָט ארומגענומען ברוך׳ן. עס איז פאַר איהם געווען אַ צייכען, אַז זיין קול איז געהערט געוואָרען אין די הימלען און אַז פון דאָרט, אַזש פון סאַמע כסא הכבוד קומט דער בת־קול מיט׳ן „ה׳ אחד" אויף צוריק, ווי אַן ענטפער צו איהם.

אַז ברוך האָט זיך שפּעט אין דער נאַכט צוריקגעקערט אויף דער פּאָסעסיע, האָט ער זיך געפילט ווי ער וואָלט געווען אַ נייער מענש אַ מעהר געליטערטער, אַ מעהר דערהויבענער, ער האָט דעם רושם פון יענעם אָוונט קיינמאָל ניט פארגעסען זיין גאַנץ לעבען.

איז משך פון יענעם זומער האָט ברוך א סך געלערנט פונ'ם גאון ר' שלמה'ן. בעת אין דער ישיבה האָט ער געלערנט גמרא און פירושים, האָט ער ביי ר' שלמה'ן געלערנט מוסר און מדות, דעם דרך פון עבודת הבורא. אלץ וואָס ער האָט געלערנט האָט ברוך געמאכט אלע אָנשטרענגונגען אָפצוהיטען; ווארום דער עיקר איז ביי איהם געווען דאָס מקיים זיין די מצוות — לא המדרש הוא העיקר אלא המעשה.

מיט'ן אָנקומען פון חודש אלול האָט מען אין דער ישיבה, ווי דאָס איז געווען דער מנהג, אויפגעהערט זאָגען און לערנען די שיעורים. די תלמידים האָבען פון דעמאָלט ביז נאָך יום כפור, זיך אָפגעגעבען מערסטענס מיט ענינים פון יראת שמים און עבודת הבורא. א סך תלמידים האָבען געפאַסט תעניתים, געפראוועט חצות, דער עיקר, זיך אָפגעגעבען מיט ענינים פון חשבון הנפש, מוסר און תשובה.

פאַר ברוך'ן איז עס געווען א שעת הכושר נאָך מעהר זיך אָפצוגעבען מיט די לימודים פון מוסר און מדות. ער האָט די צייט אויך אויסגענוצט פאַר התבודדות אין פעלד און וואלד. פון דער צייט וואָס ער האָט מיט זיין רבי'ן פאַרבראַכט אויף זיין ברודער'ס שווער'ס פּאַסעסיע און האָט דאָרט פאַרנומען דעם באַדייט פון ג־ט'ס יצירה, האָט ברוך געקראָגען נאָך א גרעסערע תשוקה און גרעסערע ליבע צו דער טבע. די גרויסע „אנטפּלעקונג" וואָס ער האָט געהאַט יענעם אָווענט אויף דער פּאַסעסיע, האָט אויף איהם איבערגעלאָזט אזא רושם, אז ער האָט איצט, אין די אלול טעג, אָנגעהויבען אָפטער ארויסגעהן אויסערען שטאָדט צו פאַרברענגען אין פעלד און וואלד, פילענדיג אז אויף אזא אופן דערנענטערט ער זיך מעהר צום באַשאַפער פון דער וועלט.

פון דעם וואָס ער האָט געלערנט פון ר' שלמה'ן האָט ברוך געהאַט א געגויע פאָרשטעלונג פון דער גאַנצער יצירה. אלץ וואָס דער אויבערשטער האָט באַשאַפען, האָט אים ר' שלמה געלערנט, איז צעטיילט אין „צבא השמים" (די הערשאַפט פון הימעל) און „צבא הארץ" (די הערשאַפט פון דער ערד). אָט די צוויי הערשאַפטען האָבען יעדע געהאַט זייערע אייגענע פאַרטיילונגען:

דער עולם התחתון ווערט פאַרטיילט אין פיר חלקים: דער „דומם" (מאַטעריע), דער „צומח" (דאָס וואָס וואַקסט), דער „חי" (דאָס וואָס לעבט) און דער מדבר (דאָס וואָס רעדט — דער מענש). יעדער פון די דאָזיגע פיר חלקים האָט זיך זיין אייגענעם „נפש" — דער לעבענס־כח וואָס האַלט עס אלץ אויף. די פיר חלקים וואָס שטעלען צוזאַמען דעם „צבא הארץ", זיינען, ווי מ'קען זיך משער זיין, ניט גלייך אין זייערע מדרגות. איינער איז

העכער פון צווייטען. דער „צומח" איז העכער פונ'ם „דומם" און דער „חי" איז העכער פונ'ם „צומח". דער „מדבר" — דער מענש — איז העכער פון זיי אלעמען.

דעם העכערען אין מדרגה רופט מען „עליון" און דעם נידעריגערען — „תחתון". עס איז די אויפגאבע פון „תחתון" צו דינען דעם „עליון". אין אנדערע ווערטער — דאָס העכערע פון דער יצירה שפּייזט זיך אויף דאָס נידעריגערע. אזוי שפּייזען זיך די פלאנצען — פון דער ערד און די שטומע באשעפענישען — פון די פלאנצען. דער מענש, שפּייזט זיך — פון די שטומע באשעפענישען. עס איז דער תכלית פון דער יצירה, אז דאָס וואָס איז נידעריגער אין מדרגה זאָל ברענגען נוצען דאָס, וואָס איז העכער אין מדרגה אין ג-ט'ס באשאף.

כאָטש אָט די פיער „כתות", ווי מ'רופט זיי, האָבען זיך יעדע אן אייגענעם „נפש" זיינען אָבער די „נפשות" פון אלע פיער פון באזונדערע מינים. די דאָזיגע נפשות האָבען טאקע זייער שורש אין דעם אויבערשטען אליין, דעם יחיד ומיוחד, דער וואָס האָט ניט קיין אָנפאנג און קיין סוף, קיין עליון און קיין תחתון, אָבער זייערע מדרגות זיינען לויט זייער שטאנד אין דער יצירה. א „דומם" האָט א „נפש" פון א „דומם", א „צומח" האָט א „נפש" פון א „צומח". אזוי איז אויך מיט'ן „חי" און מיט'ן „מדבר". דאָס מיינט פשוט, אז דער „נפש" פון מענש — די מענשליכע נשמה — איז די העכסטע.

פאר ברוך'ן איז עס געווען אן אנטפּלעקונג וואָס האָט איהם פשוט געעפענט די אויגען. ער האָט איצט אין אלץ געזעהן א טייל פון דער יצירה און אין אלץ האָט ער געזעהן די חכמה און די גבורה פון דעם אויבער־שטען. ער האָט געפיהלט אין אלץ דעם „חלק אלוקה ממעל".

די זון אין איהר גאנצער מאכט און די לבנה און די שטערען אין זייער מאיעסטעטישער שעהנקייט האָבען ביי ברוך'ן ארויסגערופען די זעל־בּיגע באוואונדערונג ווי דאָס ווערימעל וואָס קריכט אויף דער ערד און ווי די מוראשקע וואָס בויט איהרע אייגענע וועלטען. אלץ האָט דערצעהלט די „מעשי אלקים" און די „נפלאות הבורא".

אין אלץ האָט ברוך געזעהן א נשמה און דורך אלץ האָט ער גע־לערנט ווי צו ליבען און מורא האָבען פאר'ן רבונו של עולם.

עס איז שוין געווען אין צווייטען העלפט פון חודש אלול. ברוך איז ארוים אין פעלד פאר התבודדות. אָט האָט ער זיך געפונען אויף א פעלד פון וועלכען די תבואה איז געווען ארונטערגענומען. דאָ און דאָרט האָבען זיך געוואלגערט זאנגען. דאָ און דאָרט איז געלעגען א פארגעסענער

„סנאָפּ״. אביסעל ווייטער האָט זיך געפונען א סאָד, פון וועלכען די פּירות זיינען שוין געווען אַרונטערגענומען. אויפ׳ן גראָז, ביי די בוימער, האָבען זיך דאָ און דאָרט געוואַלגערט עפּעל און בארען, וואָס האָבען געהאַלטען אין פוילען. אויף די צווייגען פון די ליידיגע בוימער זיינען געשטאַנען קראָהען און געקראַקעט. אן אומעט האָט ברוך׳ן אָנגעהויבען דריקען אויפ׳ן הארצען. די וועלט איז געשטאַנען ביים גרעניץ, ווען איין יאָר האָט זיך געדאַרפט פאַרענדיגען און א צווייטער האָט זיך געדאַרפט אָנפאַנגען. די וועלט האָט זיך געדאַרפט באַנייען. כ״ה אלול איז, ווי חז״ל זאָגען, דער טאָג ווען דער אויבערשטער האָט באַשאַפען די וועלט. ראש השנה איז דערפאַר דער זעקסטער טאָג פון דער יצירה לויט אָט דעם חשבון. דאָס איז דער טאָג ווען עס איז באַשאַפען געוואָרען דער בחיר היצורים — דער מענש. אויב דאָס אַלטע יאָהר ווערט אַרויסבאַגלייט מיט אומעט, דאַרף אָבער דאָס נייע יאָהר אויפגענומען ווערען מיט פרייד.

פאַרנומען מיט אָט די געדאַנקען האָבען בליצען אָנגעהויבען דורכ־שניידען די טונקעלקייט פון די וואָלקענס אין וועלכע דער הימעל האָט זיך פּלוצים געהאַט איינגעוויקעלט. דונערען האָבען אָנגעהויבען קנאַלען. א רעגען האָט אָנגעהויבען גיסען. ברוך האָט ניט געפיהלט קיין מורא פאַר די בליצען און דונערען און זיך ניט געקימערט פאַר׳ן רעגען. אין די דונערען האָט ער געהערט די שטימע פון דער יצירה און אין די בליצען האָט ער געהערט דעם אָפּשיין פון דער ג־טליכקייט אַליין. באַלד זיינען די וואָלקענס צעשי־פּאַלטען געוואָרען. שטיקלאַך בלויער הימעל האָבען זיך באַוויזען. די זון האָט אָנגעהויבען אַרויסשיינען פון צווישען די וואָלקענס. געגענאיבער דער זון, וואו א וואָלקען איז נאָך געהאנגען, האָט זיך איבער׳ן הימעל באַוויזען א רעגענבויגען אין זיין גאַנצער מאַיעסטעטישער און מיסטיפיצירענדיגער שעהנקייט.

מיט גרויס יראת הכבוד און עקסטאַז האָט ברוך געמאַכט די ברכה איבער׳ן רעגענבויגען. א געדאַנק איז ברוך׳ן דורכגעלאָפען, אַז דער מענש איז אייגענטליך ווי דער בוים אין פעלד. ער האָט זיין צייט פון אויפגאַנג, זיין צייט פון ברענגען פרוכט און פון אָנהאַלטען זיין גלייכגעוויכט און דאַן זיין צייט פון ירידה. דער מענש איז ביי איהם געוואָרען א טייל פון דער גאַנצער ג־טליכער יצירה.

אַז די ימים נוראים זיינען אָנגעקומען, האָט ברוך שוין געפיהלט ווי ער וואָלט אַליין געווען א טייל פון דער יצירה. די תפילות פון ראש השנה און יום כפור האָבען זיך אַליין אַרויסגעגאָסען פון איהם. זיין נשמה איז דורך אָט די תפילות געקומען צום פולען אויסדרוק. ער איז געווען איינגאַנצען רוחניות.

# עב.

## ברוך האָט חתונה

**ברוך׳ס סוד ווערט אַנטפּלעקט און ער פאַרלאָזט בריסק. — ברוך באַקענט זיך מיט אַ נסתר אין סמילע. — ברוך׳ס חתונה.**

די ימים נוראים זיינען פאַראיבער. נאָך סוכות האָט ברוך געדאַרפט פאַרלאָזען ר׳ שלמה׳ס הויז. זיין עובדא אַלס משמש פון׳ם גאון האָט זיך געענדיגט. אימיצער אַנדערש פון די תלמידים האָט געדאַרפט פאַרנעמען זיין אָרט אַלס דעם ראש ישיבה׳ס משמש.

נאָך יום טוב האָט ברוך שוין אויך געדאַרפט זוכען אַ מקור צו פאַרדינען זיין ברויט. ער איז עטליכע מאָל אין וואָך אַרוים אין מאַרק און געטראָגען משאות און געטאָן אַנדערע שווערע אַרבייט. אין דער זעלביגער צייט האָט ער נאָך מיט מעהר התמדה געלערנט אין דער ישיבה, און באַהאַלטענערהייט — די לימודים וואָס ר׳ שלמה האָט מיט איהם געלערענט.

ברוך האָט זיך איצט אַ סך אָפּגעגעבען מיט לערנען קבלה. כדי קיינער זאָל ניט אויסגעפינען וועגען דעם, האָט ער מעהר ניט געוואָלט נעכטיגען אין בית מדרש וואו מענשען וואָלטען באַמערקט וואָס ער טוט, און האָט זיך געדונגען אַ קוואַרטיר וואו ער האָט די נעכט פאַרבראַכט אין לערנען די פאַרבאָרגענע לערע.

זיין קוואַרטיר איז באַשטאַנען פון אַ דאַך־שטיבעל, וואו קיינער האָט אים ניט נאָכגעקוקט וואָס ער טוט. ברוך האָט געקענט זיין זיכער, אַז מ׳מיינט אַז ער שלאָפט די נעכט בעת אין דער אמת׳ן איז ער גאָר געזעסען און געלערענט קבלה.

אַזוי איז אַוועק דער ווינטער. אין חודש אדר האָט עפּעס פּאַסירט. אין זעלביגען הויז וואו ברוך האָט זיך אָפּגעדונגען דאָס דאַך־שטיבעל, האָט אַן אַנדער תלמיד פון דער ישיבה זיך אָפּגעדונגען אַ חדר. ברוך האָט גאָר־ניט געוואוסט, אַז ער האָט איצט אַ שכן.

איינמאָל, אינמיטען נאַכט, ווען ברוך, איז ווי תמיד געווען פאַרטיפט אין אַ קבלה ספר, האָט ער מיטאַמאָל דערפילט, אַז ער איז ניט אַליין. ער האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און דערזעהן פאַר זיך דעם ישיבה־בחור, דעם קוואַרטיראַנט פון הויז. יענער האָט איהם אָנגעקוקט אין שטוינען ער האָט געהאַט אַנטפּלעקט ברוך׳ס סוד.

ברוך איז געווען געפּלעפּט. ער האָט שנעל פאַרמאַכט דעם ספר און פּרובירט מאַכען אַן אָנשטעל ווי ס'וואָלט גאָרניט געשעהן. ס'איז אָבער געווען צו שפּעט.

ברוך, ווי דאָס וואָלט איהם געגאַנגען אין לעבען, האָט אָנגעהויבען זיך בעטען ביים ישיבה־בחור, אַז ער זאָל איהם געבען אַ תקיעת־כף צו קיינעם נישט אַנטפּלעקען וואָס ער האָט אויסגעפונען.

דער ישיבה־בחור האָט איהם דאַן מודיע געווען, אַז ער האָט ניט דעם רשות איהם צו געבען אַזאַ צוזאָג. דאָס איז דערפאַר וואָס ער האָט ברוך'ן נאָכגעפאָלגט אין זיין דאַך־שטיבעל אום אויסצוגעפינען וואָס ער טוט, ניט אויף זיין אייגענעם חשבון, נאָר אין שליחות פון די אַנדערע תלמידים אין דער ישיבה.

דערביי האָט זיך ארויסגעוויזען, אַז זינט ברוך האָט זיך ארויס־געצויגען פון בית המדרש, וואו ער פלעגט נעכטיגען, און זיך געדונגען דווקא אַ דאַך שטיבעל, האָט מען אין דער ישיבה אָנגעהויבען צו רעדען, אַז אוודאי האָט ער עפּעס אַ סוד צו באַהאַלטען.

זיינען די תלמידים געקומען צו דער מסקנא, אַז מ'זאָל אויסגעפינען וואָס ברוך טוט אין באַהאַלטעניש. מ'האָט געוואָרפען גורל און אויף יענעם ישיבה־בחור איז געפאַלען, אַז ער זאָל נאָכהיטען ברוך'ן. פאַר אָט דעם צוועק האָט ער זיך אריינגעצויגען אין זעלביגען הויז וואו ברוך האָט גע־וואוינט, אָבער ער האָט אויסגענומען אַ תנאי מיט דעם בעל הבית, אַז ער זאָל נישט דערציילען ברוך'ן, אַז אימיצער אַנדערש פון דער ישיבה איז דאָרט געוואָרען אַ קוואַרטיראַנט.

איינזעהענדיג, אַז דער ישיבה־בחור איז מחויב איבערצוגעבען צו די חברים אין דער ישיבה וואָס ער האָט אויסגעפונען, האָט ברוך פון איהם פאַרלאַנגט נאָר דריי טעג צייט כדי ער זאָל זיך איבערלייגען אויב ער אַליין זאָל ניט דערציילען ווענען אַלץ מיטאַנאַנדער. אין דער אמת'ן האָט ברוך נאָר געוואָלט האָבען אַ געלעגענהייט איבערצורייידען דעם ענין מיט ר' שלמה'ן. וואָרום דאָס האָט מען נאָך אין דער ישיבה ניט געהאַט אויסגע־פונען, אַז ער, ברוך, האָט זיך גענומען צו קבלה ניט מיט זיינע אייגענע כחות און זיין אייגענער דעה.

דאָס האָט איהם דער ישיבה־בחור צוגעזאָגט. ווען ברוך האָט דעם ענין איבערגערעדט מיט זיין רבי'ן ר' שלמה'ן, איז יענער געקומען צו דער מסקנא, אַז די צייט איז געקומען פאַר איהם, ברוך'ן, צו פאַרלאָזען בריסק.

פאר ברוך׳ן האבען זיך ווידער אנגעפאנגען וואכן און חדשים פון וואנדערונגען. ער איז געגאנגען צו פוס פון שטאדט צו שטאדט, און פון שטעטעל צו שטעטעל. אומעטום וואו ער האט זיך אפגעשטעלט האט ער זיך אפגעזוכט עפעס א מלאכה כדי זיך צו מפרנס צו זיין. דערווייל האט ער אויך בסוד געלערענט קבלה.

אויף זיינע וואנדערונגען האט ברוך זיך באגעגענט מיט גאונים און צדיקים און סתם נסתרים וואס האבען אפגעריכט גלות. ער אליין איז געווא־רען איינער פון זיי. יעדער האט זיך געהאט זיין אייגענע שליחות אין לעבען. דאס זעלביגע איז איצט געווען מיט ברוך׳ן.

נאך לאנגע וואנדערונגען איז ברוך אנגעקומען אין סמילע. דארט האט ער זיך, ווי זיין שטייגער, פארקליבען אין בית מדרש, וואו ער האט געלערענט און זיך דערנערט פון די איבערגעבליבענע פארדינסטען.

אין זעלביגען בית־מדרש האט זיך אויך אויפגעהאלטען אן אורח אויף וועמען ברוך האט געהאט אן אויג. פאר ווי ווייט ברוך האט געוואוסט, איז אט דער אורח געגאנגען איבער די הייזער. ברוך האט אבער געפילט, אז דער איז עפעס מעהר ווי א חוזר על הפתחים.

ברוך האט געהאט צו זארגען וועגען פרנסה. האט ער זיך איינ־געקויפט א וועגעלע, א זעג און א האק. ער פלעגט מיט אט די מכשירים ארוים אין וואלד אריין, אנהאקען האלץ און עס אויפ׳ן וועגעלע ברענגען אין שטאדט אריין און עס פארקויפען.

אזוי ווי ס׳איז געווען זומער, ווען קיין בעלנים אויף האלץ זיינען נישט געווען קיין סאך, האט ער דערווייל אוועקגעלייגט אין זאפאס אין א שטיבעל לעבען בית מדרש דאס האלץ, און ווען דער ווינטער איז געקומען האט ער געהאט גרייטע סחורה צום פארקויפען בינטעלווייז.

עס איז געווען אין מיטען ווינטער. שפעט ביינאכט איז דער אורח אנגעקומען אין בית מדרש. ברוך האט באמערקט אז ער האט זיך פארקלי־בען אין א ווינקעל און געוויינט. דאס איז עפעס ניט געווען יענעם אידענ׳ס דרך. איז ברוך צו איהם צוגעגאנגען און איהם געפרעגט, וואס אזוינס עס דריקט איהם אויפ׳ן הארצען.

דער איד האט אים געענטפערט, אז דא אין שטאדט איז הייגט נפטר געווארען ר׳ יוסף אברהם דער אויוועז־מאכער. דערביי האט דער איד ברוך׳ן אנטפלעקט, אז אט דער אויוועז־מאכער איז געווען א נסתר. ניט נאר איז ער געווען א גרויסער צדיק נאר אויך א מקובל.

ער האָט זיך נוהג געווען — האָט דער אורח געזאָגט — אז ער האָט קיינמאָל ניט איבערגעלאָזט פון איין טאָג אויפ'ן צווייטען א פרוטה. דאָס וואָס ער האָט אָפּגעשפּאָרט פון זיינע קליינע פאַרדינסטען, האָט ער אוועק־געגעבען אויף צדקה און אלץ בסתר.

דער נסתר, — האָט דער אורח ווייטער דערציילט, — איז געווען 58 יאָהר אלט. ער האָט איבערגעלאָזט אן אלמנה און א בת יחידה. אין הויז איז א גרויסער עלענד. די פענסטער זיינען צעבראָכען ווייל עס איז קיינמאָל ניט געווען קיין געלט אריינצושטעלען שויבען. די קעלט דאָרט איז מורא'דיג. עס איז נישטאָ מיט וואָס צו קויפען א בינטעל האָלץ. קיין ברויט איז אויך נישטאָ. מען האלט זיי אין שטאָדט פאר אזוי שפל, אז קיינער קוקט זיך אויף זיי ניט אום.

ברוך האָט פון דעם אורח'ס רייד שוין פארשטאנען, אז ער אליין איז אויך א נסתר. צום ערשטען מאָל האָט ער איהם געפרעגט זיין נאָמען.

— מ'רופט מיך נחום אהרן דער שניידער — האָט יענער געענט־פערט.

ברוך האָט דעמאָלט געהאלטען אין לערנען דעם „זוהר". ער איז צוגעקומען צו א פונקט וואָס איז איהם געווען שווער צו באנעמען; האָט ער איצט גאָר אהן וויטערדיגע צערעמאָניעס אויסגעדריקט דעם פארלאנג, אז אָט דער איד, ר' נחום אהרן דער שניידער, זאָל איהם מסביר זיין דעם שטיקעל זוהר. ר' נחום אהרן האָט זיך ניט געלאָזט בעטען און האָט ברוך'ן געגעבען די אויפקלערונג וואָס ער האָט פארלאנגט. ברוך איז אריין אין התפעלות. ער האָט שוין געוואוסט אז ער האָט פאר זיך ניט סתם א נסתר נאָר א גרויסען בעל מקובל.

ברוך האָט איצט געהאט אויך עפּעס צו זאָגען וועגען דער אלמנה און איר טאָכטער:

— איהר ווייסט דאָך, ר' נחום אהרן, — האָט ער געזאָגט, — אז איך האָב צוגעגרייט האָלץ. קודם לאָמיר מאַכען וואַרים דאָרט אין הויז.

האָבען ביידע גענומען צו בינטלעך אויף די פּלייצעס און זיינען אוועק צום הויז וואו די אלמנה און טאָכטער האָבען געוואוינט. דאָס הויז איז פשוט געווען א חורבה. ר' יוסף אברהם דער אויווען־מאַכער האָט דאָרט געהאט געלעבט גאנצע דרייסיג יאָהר.

אין משך פון שבעה זיינען ר' נחום אהרן און ברוך אהין געגאנגען יעדען טאָג דאווענען און לערנען. זיי האָבען מיט גרויס מי צוזאמענגע־

נומען א מנין אידען כדי צו דאווגען בציבור און זאגען קדיש. שבנ'ישע אידען האבען קוים געוואלט קומען צום מנין. וואס פאר א באטרעף האט געהאט פאר זיי יאסע אברהם אויוועגמאכער! אויסצוזאגען אז ער איז געווען א נסתר, האט ר' נחום אהרן פארבאטען אפילו נאכ'ן אויוועגמאכער'ס פטירה.

צווישען ברוך'ן און דעם נסתר ר' נחום אהרון דעם שניידער האט זיך דערווייל פארקניפט א נאענטע פריינדשאפט. זיי האבען אנגעהויבען לערנען צוזאמען און האבן עס אנגעהאלטען דעם גאנצען ווינטער.

איינמאל גיט ר' נחום אהרן א זאג צו ברוך'ן:

— דער אלמנה'ס טאכטער וואלט גערארפט טאן א שידוך. איך האלט, אז דו ביסט איהר ריכטיגער זיווג.

ברוך איז געווען מרוצה אויפ'ן שידוך און גאר אין גיכען איז נעפראוועט געווארען די חתונה. ברוך האט זיך מיט'ן ווייב און שוויגער ארויסגעקליבען אין א דערבייאיגען דארף. ס'איז איהם ניט שווער געווען צו געפינען א מקור פאר פרנסה.

אפגעבענדיג זיך אזוי לאנג מיט האקען האלץ און עס פארקויפען צו סוחרים האט ברוך גענומען האנדלען מיט האלץ און עס האט איהם באלד פון אנפאנג מצליח געווען. ער האט אנגעהויבען אפקויפען שטיקלעך וואלד און שפעטער אויך אפדינגען פעלדער און וועלדער. ברוך איז גע־ווארען אן עושר, און האט געטיילט א סאך צדקה.

ברוך האט געזארגט אז אין דארף זאלען זיך ארייגקלייבען אויך אנדערע אידען. ער האט יעדען פון זיי באזארגט מיט פרנסה און אויך אכטונג געגעבען אויף זייערע רוחניות'דיגע באדערפענישען. ער האט מיט זיי געלערענט תורה.

אין משך פון דער צייט האט ברוך דארט אויך אויפגעבויט א בית מדרש און דארט אריינגעזעצט עשרה בטלנים אויסהאלטענדיג זיי מיט זייערע משפחות.

אלע האבען שוין געוואוסט וואס פאר א גוטע נשמה ברוך איז. מ'האט אויך געוואוסט אז ער איז א גרויסער למדן; אבער אז ער איז אויך א מקובל און אז לערענט וייטער קבלה, איז געווען א סוד.

ברוך, אדער ר' ברוך, ווי מען האט איהם שוין גערופען, איז אפשר געווען דער איינציגער נסתר וואס איז דערביי אויך געווען א גרויסער עושר. ער האט געהאט אויפגעבויט א גרויס הויז פאר אורחים וואוהין עס פלעגען אפט אויך קומען נסתרים, מיט באזונדערע שליחות'ן צו ר' ברוך'ן.

אין יענער צייט האָט איבער דער וועלט אָנגעהויבען שם'ן ר' יואל דער בעל שם פון זאמאָשטש, א תלמיד און נאָכפאָלגער פון ר' אליהו'ן דעם בעל שם פון ווירמייזע.

דער נסתר ר' נחום אהרן דער שניידער, וועלכער איז געווען אן אָפטער גאסט ביי ר' ברוך'ן, איז געווען א מקורב מיט ר' יואל'ן און האָט וועגען איהם א סך דערציילט ר' ברוך'ן. ר' ברוך האָט ביי זיך אָפּגעמאכט, אז ער זאָל זיין ביי ר' יואל בעל שם און זיך נאָענטער באקאנען מיט איהם.

## עג.

### די סלוצקער קנאים

**ברוך באַזוכט ר' יואל'ן, דעם בעל־שם פון זאמאשטש. — באַזעצט זיך לעבן סלוצק. — זיין אייגנאַרטיקע ישיבה. — סלוצקער קנאים. — ברוך'ס השפעה.**

באשלאָסען צו פאָהרען צום בעל שם פון זאמאשטש, ר' יואל'ן, האָט ר' ברוך וויאזנער אָנגעהויבען מאכען הכנות צו דער נסיעה. אָנגעקומען קיין זאמאשטש, איז ר' ברוך פארבליבען ביי ר' יואל'ן גאנצע זעקס חדשים.

ווען ער האָט זיך צוריקגעקעהרט אויף זיין גוט, האָט מען גלייך באמערקט, אז ר' ברוך איז שטארק אויפגעלעבט. עס איז געווען קענטיג, אז ער איז געווען צופרידען מיט דער נסיעה.

ר' ברוך האָט זיך נאָך מעהר אָנגעהויבען אָפּגעבען מיט קבלה און האָט אין אָט דעם געהיימען לימוד אויך אריינגעצויגען די צעהן בטלנים, וואָס ער האָט אויסגעהאלטען אין בית מדרש אויף זיין גוט.

צעהן יאָהר זיינען אוועק זינט ר' ברוך האָט געמאכט זיין נסיעה צום בעל שם אין זאמאשטש. אין אָט די אלע יאָהרען איז ער תמיד געווען אין פארבינדונג מיט'ן בעל שם'ס תלמידים, וועלכע האָבען אומגעוואנדערט איבער אידישע שטעט און שטעטלאך ווי נסתרים. ר' ברוך איז פאר דער צייט געוואָרען מפורסם פאר א גרויסען מקובל.

פלוצים האָט ר' ברוך מודיע געווען, אז ער האָט בדעה צו פארלאָזען זיין גוט אויף וועלכען ער האָט געהאט אָפּגעלעבט פופצעהן יאָהר און האָט דאָרט געהאט אויפגעבויט א אידישען ישוב. ער האָט פארקויפט

זיינע נחלאות און אוועקגעשענקט די צעהן בטלנים פון זיין בית מדרש הייזער און גערטנער. ער האט אויך געגעבען גרויסע נדבות פאר די וויכטיגע אידישע מוסדות אין דער דערבייאיגער שטאט סמילע. ווען אלץ איז געווען באזארגט האט ער זיך מיט זיין משפחה פון דארט ארויסגעקליבען.

ר' ברוך האט זיך דאן באזעצט אויף א נחלה, אין ערך צעהן וויארסט פון סלוצק. דארט האט ער זיך אויפגעבויט א בית מדרש און א הכנסת אורחים. אין משך פון עטליכע חדשים האט ער שוין אין זיין בית מדרש געהאט נייע צעהן בטלנים, וועמען ער האט אויסגעהאלטען מיט אלע זייערע הצטרכות'ן. ער האט געוואלט אז זיי זאלען אהן זארג קענען רוהיג זיצען און לערנען.

אויף זיין נייעם מקום האט ר' ברוך קיינעם ניט געהאט דערצעהלט פון וואנען ער איז געקומען. אלץ וואס מען האט געוואוסט וועגען איהם איז, אז ער איז א גדול בתורה און א גרויסער צדיק דערצו.

ר' ברוך האט נאך פון פריהער געהאט חשק צו זאגען א שיעור פאר געקליבענע תלמידים. איצט האט ער באשלאסען איז געקומען די צייט פאר דעם און ער האט אויף זיין נחלה געגרינדעט א ישיבה.

די דאזיגע ישיבה איז געווען אויף א גאר נייעם שטייגער. די תלמידים האבען ניט נאר געמוזט האבען גרויסע כשרונות נאר אויך זיין פון א געוויסען עלטער — ניט אינגער פון פופצעהן יאהר און ניט עלטער פון זעכצעהן. יעדער תלמיד האט זיך געדארפט מתחייב זיין, אז ער וועט אין דער ישיבה זיצען נישט ווייניגער פון זעקס יאהר. אין אט די זעקס יאהר האט ער די ישיבה ניט געטארט פארלאזען אפילו פאר איין טאג. זיי האבען אויך געמוזט צוזאגען זיך ניט צו רעכענען מיט קיין זאך, נאר כסדר זיצען און לערנען בהתמדה און זיך נוהג זיין לויט דעם דרך וואס מען וועט זיי לערנען אין דער ישיבה.

ר' ברוך, פון זיין זייט, האט גענומען אויף זיך אויסצוהאלטען די תלמידים מיט עסען און טרינקען, מיט קווארטיר און מיט שוכען און קליידען.

פון די צעהן בטלנים, וואס ר' ברוך האט געהאט אויף זיין גוט אין סמילע, האט ער מיטגענומען אויף זיין נייער נחלה ר' מנשה ישראל, א גרויסער למדן און דערצו ר' ברוך'ס אן אנפארטרויטער. ר' מנשה ישראל איז געווען א תלמיד מובהק פון ר' יואל'ן דער בעל שם פון זאמאשטש. זיינע קינדער האט ער פאר יאהרען לאנג געהאלטען אין ר' יואל'ס ישיבה.

ר' מנשה ישראל האט געהאט דריי זיהן, וואס האבען זיך שוין געהאט צוריקגעקעהרט פון בעל שם'ס ישיבה — אלע דריי יראים ושלמים און גרויסע לומדים אין נגלה און אין נסתר. צו ר' מנשה ישראל'ן און זיינע דריי זיהן, האט ר' ברוך איבערגעגעבען די הנהלה פון זיין ישיבה. ער, ר' ברוך אליין האט געזאלט פאר די תלמידים זאגען די שיעורים.

זעקס און צוואנציג בחורים'לאך האט ר' ברוך אויסגעקליבען פאר זיין ישיבה. באלד אין ערשטען יאהר האט מען געקענט זעהן, אז ער האט מיט זיינע תלמידים געטאן א גרויסע פעולה. די הנהגה איז געווען פונקט ווי ער האט געוואלט און דאס האט ר' ברוך'ן שטארק געפרעהט.

אויפ'ן צווייטען יאהר האט ער אריינגענומען נאך צוואנציג תלמידים. אזוי האט ער געטאן יעדעס יאהר פאר א משך פון זעקס יאהר. דאס מיינט, אז די צאהל תלמידים האבען כסדר געהאלטען זיך אין פארגרעסערען. נאך די זעקס יאהר, ווען די ערשטע זעקס און צוואנציג תלמידים האבען זיך נעדארפט צוריקקעהרען אהיים, זיינען, מיט די ניי־צוגעקומענע תלמידים, דארט פארבליבען די זעלביגע צאהל תלמידים ווי אין זעקסטען יאהר און אזוי כסדר.

בעת ר' ברוך האט זיך אפגעגעבען מיט דער ישיבה, האט ער אויך ניט פארגעסען אין זיינע עסקים. ער האט געדונגען, און אין עטליכע פאלען געקויפט, נייע נחלאות, און תמיד מיט איין צוועק כדי אויף אט די נחלאות צוצוציהען אידען און זיי באזארגען מיט פרנסה.

א סך אידען האט ער באזעצט אויפ'ן לאנד און זיי געלאזט בעאר־בייטען די פעלדער. אנדערע האט ער פארדונגען די אזערעס צו פאנגען פיש. נאך אנדערע האט ער אפגעגעבען אין ארענדע מילען און קרעטשמעס אדער זיי געזעצט אויף מלאכה, אזוי, אז יעדער האט געהאט א מקור פון פרנסה. אייניגע זיינען געווארען עשירים.

אלע האבען זיי געוואוסט וועגען ר' ברוך'ס ישיבה. ר' ברוך האט אכטונג געגעבען, אז א סך פון די תלמידים זאלען פון די אידען אויף זייערע נחלאות גענומען ווערען פאר איידימס. אזוי איז די השפעה פון זיין ישיבה כסדר געוואקסען.

פופצעהן יאהר זיינען אוועק און די צאהל פון ר' ברוך'ס תלמידים האט זיך פארמעהרט. די מעהרסטע זיינען געווארען איידימס אויף קעסט אין דער סביבה. אזוי ווי אלע זיינען זיי געווען גרויסע לומדים און דערצו יראים ושלמים, נאכפאלגענדיג דעם באשטימטען דרך אין עבודת הבורא, וואס ר' ברוך האט זיי געלערענט אין דער ישיבה, און אין דער גאנצער סביבה האט זיך געהערט דער קול התורה.

צו יענער צייט האָט דער „ועד הארצות", וואָס האָט געהאט א גרויסע השפּעה אויפ'ן אידישען לעבען, אָפּגעהאַלטען א גרויסע אסיפה אין סלוצק. אָט דער ועד האָט געפונען פאר נויטיג צו שיקען זיין ברכה צו ר' ברוך'ן פאר דעם פיינעם אופן ווי ער איז מרביץ תורה, פאַרבינדענדיג תורה מיט דרך ארץ און זאָרגענדיג ניט נאָר פאר די רוחניות נאָר אויך פאַר די גשמיות פון די אידען. ר' ברוך'ס עובדות זיינען שוין געווען גוט און גע־וואָרען גרויס געלויבט.

סלוצק איז דאַמאָלסט געווען איינע פון די שטעדט, וואָס האָט ארויסגעוויזען גרויס התנגדות צו די וואָס גיבען זיך אָפּ מיט קבלה און באזונדערס צו די נסתרים, וועלכע פלעגען ארומוואנדערען פארשטעלטער־הייט און אומעטום וועקען און רופען דעם אידישען המון צו עבודת הבורא. ניט איינמאָל איז אין סלוצק אָט דער ענין פון די נסתרים אויפגעשוואומען געוואָרען אויף גרויסע אסיפות ווען דאָרט זיינען פאָרגעקומען די יארידען. אויף די אסיפות האָט מען זיך א סך מתוכח געווען און טאקע אויך זיך ארומגעקריגט וועגען די נסתרים. ניט אלע זיינען געווען מיט דער זעלביגער דעה.

סלוצק איז אין יענער צייט געווען מפורסם פאַר איהרע לומדים. אין קהל־שטיבעל האָבען זיך געפונען ספּעציעלע חדרים פאר לומדישע אורחים, פאר וועמען עס האָט ניט געזאָלט זיין לפי כבודם זיך אויפצור־האַלטען אין דעם שטאָטישען הכנסת אורחים. זאָל דערביי געזאָגט ווערען, אז אויך אין דעם הכנסת אורחים איז געווען א באזונדער אָרט פאר לומ־דים. אין אמת'ן איז דער הכנסת אורחים אין סלוצק — און אַזוי האָט מען זיך נוהג געווען אין אנדערע אידישע קהלות — געווען איינגעטיילט אין 3 חלקים — פאַר סתם אורחים, פאַר בני תורה און פאַר גדולי תורה.

— אויך די חדרים אין קהל־שטיבעל זיינען געווען אין צוויי חלקים — פאַר מופלגי תורה, וואָס זיינען געקומען אין שטאָדט און פאַר גאָר באַרימטע גדולים.

די סלוצקער לומדים זיינען געווען ידוע פאר זייער קנאות. האָבען זיי זיך ביי עפּעס געהאַלטען, איז עס תמיד געווען מיט גרויס קנאות. זיי האָבען תמיד געפונען א טעם פאר דעם וואָס זיי האָבען געהאַלטען פאַר ריכטיג. אזוי איז עס אויך געווען מיט זייער התנגדות צו מקובלים און נסתרים, פּשוט מבזה געווען און אויף זיי אויסגעטראַכט כל דבר אסור.

ר' אליהו, דער בעל שם פון ווירמייזע, און זיין נאָכפאָלגער ר' יואל דער בעל שם פון זאמאשטש, פלעגען אין סלוצק אָנגערופען ווערען מיט די ערגסטע נעמען. האָט מען דאָרט געכאַפּט א מקובל אָדער א נסתר, האָט

מען איהם געזידעלט כאחד מן הרקים. עס איז געקומען אזוי ווייט, אז ווען מען האָט אימיצען גערופען „סלוצקער", האָט עס געמיינט ווי צו זאָגען, אז יענער איז א געשוואָרענער און פארביסענער געגנער פון די דערמאָנטע צוויי בעלי שם און זייערע נאָכפאָלגער.

די מקובלים און די נסתרים האָבען זיך גאָר ווייניג־וואָס גערעכענט מיט דער שנאה און דער התנהגות אין סלוצק. זיי פלעגען גראד אָפט קומען אין שטאָט כדי מתקן צו זיין דאָס, וואָס די סלוצקער קנאים האָבען קאַליע געמאכט. זיי האָבען אָבער דאָרט גאנץ ווייניג געקענט אויפטאָן. אזוי פאר־סמ'ט זיינען דאָרט געווען די מוחות מיט שנאה און בטול צו די מקובלים און די נסתרים.

א שינוי האָט זיך אָנגעהויבען מערקען נאָכדעם ווי ר' ברוך האָט זיך באזעצט לעבען סלוצק און האָט אָנגעפאנגען זיין ישיבה. וויסענדיג ווי גרויס עס איז די שנאה מצד די סלוצקער תושבים צו מקובלים און נסתרים, האָט ר' ברוך געמאכט א סוד פון דעם וואָס ער איז אליין א מקובל און האָט פארבינדונגען מיט די נסתרים, די נאָכפאָלגער פון בעל שם פון זאמאשטש.

ער האָט זיך געהיט ניט צו לערנען קיין קבלה מיט די תלמידים פון זיין ישיבה. אנדערש וואָלט ער באלד געשטעלט געוואָרען מחוץ למחנה. ערשט דורך דעם וואָס ער האָט באזייטיגט אלע חששות, אז ער איז אליין א מקובל און האָט צו טאָן מיט נסתרים, האָט ער געקענט צוגרייטען די תלמידים פון זיין ישיבה פאר א נייער עובדא — אָפצושוואכען די השפעה פון די סלוצקער קנאים.

דאָס איז, אייגענטליך געווען דער הויפט צוועק פון זיין קומען אין יענער געגענט. ר' ברוך וויאזנער האָט פשוט, אין די גרעניצען פון סלוצק, אָנגעהויבען צוגרייטען דעם כח וואָס האָט מיט דער צייט געדארפט אונ־טערמינעווען דאָס וואָס סלוצק האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט — התנגדות געגען די מקובלים און נסתרים.

עס איז געווען א שווערע עובדא אָבער ער האָט זיין עובדא דער־פילט און אויף אזא אופן געטאָן אין דער אָפען — כאָטש פארשטעלטער־הייט — דאָס וואָס די נסתרים האָבען פרובירט טאָן פארבאָרגענערהייט. ווארום אפילו די מקובלים און נסתרים האָט ר' ברוך אויסגעהאלטען אין דעם הכנסת אורחים וואָס ער האָט ספּעציעל געבויט פאר אָט די פארבאָר־גענע וואנדערער.

## עד.

## ר' אדם בעל שם

**אַ חשובער אורח אין סלוצק. — דער „גאליציאנער" מאַכט אַ רושם. — די „אָפּגענאַרטע" קנאים.**

כאַטש מיט זיין ישיבה האָט ר' ברוך וויאזינער געהאט געשאַפען א גענגען־כח פאר די פאנאטישע געגנערם פון די נסתרים און מקובלים אין דער דאמאָלסדיגער סלוצק, איז ער אָבער נאָך ניט געווען זיכער, אויב די מחלקה, וואס האָט דאמאָלט געהאט צוטיילט די אידישע מחנה, וועט זיך אויך ניט ארייגרייסען אין זיין אייגען הויז, אויף זיינע קינדער. ר' ברוך האָט געהאט צוויי זיהן, יוסף און אברהם.ביידע זיינען דערצויגען געוואָרען אין זייער פאָטער'ס ישיבה און זיינען אייגענטליך, געגאנגען אין זייער פאָטער'ס פוסטריט.

אָבער עס איז געקומען די צייט זיי חתונה צו מאכען. מען האָט זיי גערעדט שידוכים מיט באַלעבאַטישע טעכטער אין סלוצק. זיי האָבען נאָך געקענט אריינפאלען צו די קנאים און אזוי ארום אליין ווערען אָנגע־שטעקט מיט התנגדות צו מקובלים און נסתרים. דאָס וואָס ר' ברוך האָט פרובירט אויפבויען מיט אזוי פיל מיה, האָט נאָך געקענט צושטערט ווערען פון זיינע אייגענע קינדער.

ווי אזוי באוואָרענט מען זיך געגען דעם? ר' ברוך האָט זיך גע־האַלטען אן עצה מיט די נכבדים, צווישען זיי די נסתרים וואָס פלעגען איהם באזוכען, און עס איז געבליבען אז ער זאָל שיקען זיינע זיהן נאָך לעמבערג, וואו זיי האָבען חתונה געהאט מיט די טעכטער פון גרויסע לומדים און צדיקים אָבער אָרימעלייט. כדי עס זאָל הייסען אז זיינע זיהן זיצען אויף קעסט, האָט ר' ברוך אויסגעהאלטען נישט נאָר זיינע זיהן נאָר אויך די מחותנים.

די ערשטע עטליכע יאָהר נאָך דער חתונה זיינען די זיהן געזעסען און געלערענט. שפּעטער האָבען זיי זיך גענומען צו מסחר און איבער־גענומען די פּאָסעסיע אין ארענדע, פיהרענדיג זיך ווי זייער טאַטע. זיי האָבען אויפ'ן גוט אויסגעבויט א בית מדרש און אן הכנסת אורחים. זיי האָבען אויך געגעבען צדקה מיט א ברייטער האנט.

דערוויל זיינען פארגעקומען ענדערונגען אין דער קנאי'שער סלוצק. ויט נעקוקט אויף דער התנגדות צו די נסתרים און מקובלים, האָבען אין די

יאָהרען צווישען תס"ד און תס"ט דאַך אָנגעהויבען אריינקומען אין שטאָט נסתרים און מקובלים און אַלץ אין א גרעסערער צאָל און אַלץ אָפטער. אוודאי איז עס געווען צו פארדאנקען ר' ברוך'ן און זיין ישיבה. א סך תלמידים זיינען געוואָרען תושבים אין און ארום סלוצק. זייער השפעה האָט זיך אָנגעהויבען פיהלען.

דאָס האָט דערמוטיגט די נסתרים און די מקובלים דאָרט צו קומען. זיי האָבען שוין אפילו זיך געפיהלט בכח צו פארמעסטען זיך געגען די קנאים כדי צו שטארקען זייערע אייגענע פאָזיציעס.

דאָס איז זיי ניט אָנגעקומען לייכט. די התנגדות אין שטאָדט איז געווען אזוי גרויס, אז מען האָט אויף יעדען אורח געקוקט מיט חשד, אז ער איז א נסתר אָדער מקובל. די וואָס מען האָט אָנגענומען פאר נסתרים און מקובלים האָט מען שטארק גע'רודפ'ט. אין א סך פאַלען האָט מען זיי פשוט ארויסגעטריבען פון שטאָט.

די נסתרים פון זייער זייט האָבען אויך ניט געשוויגען. זיי האָבען געגען אַלע רדיפות אריינגעדרונגען אין שטאָט. דאָס האָט געפיהרט צו ביטערע צוזאמענשטויסען. די מחלוקת'ן אין שטאָט האָבען זיך צופלאקערט.

איינמאָל האָט פאסירט אזוינס וואָס האָט אויף די בני תורה פון סלוצק און פון דער נאנצער סביבה איבערגעלאָזט אַן אומפארגעסליכען רושם.

אין א געוויסען טאָג האָט זיך אין סלוצק באוויזען אַן אורח וואָס האָט מיט זיין אויסזעהן באלד ארויסגערופען גרויס יראת הכבוד. זיין הדרת פנים איז ממש געווען געטליך. זיין באָרד און פאות האָבען איהם צוגעגעבען חן און אויסזעהן. זיינע אויגען האָבען אויסגעדריקט שטארקייט און אנטשלאָסענקייט.

זיין גרויסע לומדות האָט מען געקענט זעהן באלד ביים ערשטען שמועס מיט איהם. ער איז געווען אַן אויסערגעוועהנליכער בקי און חריף. ווי דאָס איז געווען דער שטייגער מיט אזוינע בכבוד'יגע אורחים, האָט מען איהם באלד אָפגעגעבען דעם חדר מיוחד אין קהל־שטיבעל און מען האָט איהם צוגעטיילט גרויס כבוד. מען האָט איהם געהאט אָנגענומען פאר א גאון וואָס ריכט אָפּ גלות. ווי עס האָט זיך געפיהרט אין אזוינע פאַלען, האָט מען איהם אפילו ניט געפרעגט זיין נאָמען. ער אליין האָט זיין נאָמען ניט אָנגעגעבען.

די ראשי הקהל האָבען צווישען זיך באשלאָסען אַז מען זאָל פאר דעם גאונישען אורח צוגרייטען א פאסיגען קבלת פנים. עס איז באשטימט

געוואָרען א טאָג ווען דער אורח האָט געזאָלט זאָגען אין דער גרויסער שוהל א פלפול.

כדי די לומדים פון סלוצק זאָלען זיין געהעריג צוגעגרייט פאר די חדושי תורה וואָס מען האָט דערוואַרט צו הערען פון דעם אורח, האָט מען אין פאָראויס מודיע געווען וועגען וואָס פאר א סוגיא דער פלפול וועט זיין. אזוי האָט מען זיך תמיד נוהג געווען אין סלוצק מיט גדולי תורה וואָס זיינען דאָרט געקומען.

אין צווישענצייט האָבען שטאָטישע לומדים געהאַלטען אין קומען אין קהל־שטיבעל מקבל פנים זיין דעם אורח ביחידות, אָדער מען האָט עס געטאָן צו עטליכע מיט אמאָל. פארשטעהט זיך אז מען האָט נאָר גערעדט תורה. א סך זיינען געקומען מיט פארטיגע שאלות. אַנדערע האָבען סתם געוואָלט זיין זיכער אויב זיי האָבען דאָ טאַקע צו טאָן מיט אן אמת׳ן למדן.

דער אורח האָט אַלעמען ממש איבערראַשט מיט זיין גרויסער לומדות. עס איז גאָר ניט געווען קיין ווינקעל אין דעם ים התלמוד וואו ער איז ניט געווען באַהאַוועגט. עס האָט מעהר ביי קיינעם ניט געקענט זיין קיין ספק אז מען האָט צו טאָן מיט א גדול בישראל.

אין דעם טאָג, ווען אָט דער אורח האָט גערעדט האַלטען זיין דרשה אין דער גרויסער שוהל, איז אָנגעקומען א ריזיגער עולם. מען איז אין שוהל ממש געשטאַנען קאָפּ אויף קאָפּ. עס זיינען געקומען ניט נאָר די תושבים פון סלוצק, נאָר אויך פון די שטעטלאַך און דערפער ארום. אויך ר׳ ברוך וויאזינער און ר׳ מנשה ישראל מיט זיינע קינדער האָבען ניט גע־פעהלט. די תלמידים פון ר׳ ברוך׳ס ישיבה זיינען געבראַכט געוואָרען כדי צו הערען די לומדות פונ׳ם אורח.

ווען דער אורח איז אַרויף אויף דער בימה איז אין שוהל געוואָרען שטיל. דער עולם האָט געוואַרט מיט פארכאַפּטע אָטעמס, אז דער אורח זאָל אָנפאַנגען זיין דרשה.

דער אורח האָט אָנגעפאַנגען מיט א סוגיא אין „נגעים". ר׳ ברוך און ר׳ מנשה ישראל, וועלכע זיינען געווען ווייט פון דער בימה, האָבען געמוזט זיך שטאַרק אָנשטרענגען אָנצוקוקען דעם אורח׳ס הדרת פנים און אויפצוכאַפּען זיינע רייד.

ר׳ מנשה ישראל האָט געכאַפּט דעם ערשטען בליק אויפ׳ן אורח און ער איז בלייך געוואָרען. ער האָט זיך צוגעבויגען צו ר׳ ברוך׳ן און האָט אַריינגערוימט אין אויער:

— ווייסט איהר ווער ער איז? — האָט ער געזאָגט אַ פּאַרציטער־טער. — דאָס איז דאָך ניט קיין אַנדערער ווי ר' אדם בעל שם פון ראָפּשיץ. צו איהם האָט דאָך ר' יואל, דער בעל שם פון זאַמאָשטש איבער־געגעבען די הנהלה פון די נסתרים. שוין זעקס־זיבען יאָהר ווי ער איז אונזער מנהיג!

ר' ברוך האָט שוין געהאַט געהערט, אַז ר' יואל האָט פאַר זיין פּטירה איבערגעגעבען די הנהלה צו איינעם פון זיינע תלמידים מיט'ן נאָמען ר' אדם בעל שם וואָס האָט געשטאַמט פון ראָפּשיץ, גאַליציע. ער האָט אָבער קיינמאָל ר' אדם'ן ניט געהאַט געזעהן. ער האָט ניט געהאַט קיין פאָרשטעלונג פון זיין אויסזעהן.

ר' אדם בעל שם, ווען נאָר די צוויי, ר' ברוך און ר' מנשה ישראל, האָבען געקענט, האָט זיך אַריינגעלאָזט אין אַ טיפען פּלפּול. ער האָט גערעדט מיט אַ קלאָהרען חתוך הדבור. כאָטש ער האָט גערעדט „גאַליציאַניש" האָבען איהם אָבער די סלוצקער אידען גוט פאַר־שטאַנען. ער האָט אַלעמען באַצויבערט הן מיט'ן תוכן פון זיין פּלפּול און הן מיט'ן אופן ווי ער האָט אַלץ מסביר געווען. אַזאַ פּלפּול האָט מען שוין אין דער לומדישער סלוצק לאַנג ניט געהאַט געהערט.

ר' אדם בעל שם האָט שוין געהאַט פאַרענדיגט זיין פּלפּול, אָבער דער עולם איז געשטאַנען פאַרגאַפט. איצט האָט מען דעם גאונישען אורח געוויזען נאָך אַ גרעסערען יראת הכבוד. מען האָט איהם ממש אויף די הענט אַריינגעטראָגען אין קהל־שטיבעל אין זיין חדר אריין.

אַלע זיינען איצט געווען שטאַרק נייגעריג צו וויסען ווער ער איז, אָבער קיינער האָט ניט געוואַגט צו פרעגען זיין נאָמען. אַז ער איז ניט קיין נסתר אָדער מקובל, האָט מען אָנגענומען אויפ'ן סמך פון דעם וואָס נסתרים און מקובלים האָבען געוועהנליך באַהאַלטען זייער לומדות און האָ־בען זיך פאַר קיינעם ניט געוואָלט אַנטפּלעקען.

די פּני פון שטאָט האָבען איצט איינגעאָרדענט אַ גרויסאַרטיגע סעודה לכבוד דעם אורח. די סעודה איז גפּראַוועט געוואָרען טאַקע אין קהל־שטיבעל. צו אַלעמענס איבעראַשונג האָט דער אורח מודיע געווען אַז יענעם טאָג ווען די סעודה איז געווען איינגעאָרדענט איז ביי איהם אַ תענית. נאָך מעריב, האָט ער פון זיין קלומיק ארויסגענומען אַ שטיקעל פאַרטריקענט ברויט, איינגעטונקט עס אין זאַלץ און מיט דעם האָט ער אָפּגעפאַסט פאַרטרינקענדיג דערנאָך מיט וואַסער. דערביי האָט ער געלאָזט וויסען, אַז ער איז זיך נוהג פון קיינעם גאָר ניט נהנה צו זיין.

אין מיטען דער נאכט האָט דער אורח געפּראוועט חצות. ער האָט פאַרגאָסען א סך טרערען און האָט געהאַלטען אין זאָגען תפילות ביז א שפּראָץ אויף טאָג. דאַן איז ער אַוועק אין בית מדרש דאַוונען „ותיקין". נאָכ'ן דאַוונען האָט ער זיך פאַרשלאָסען אין זיין חדר און געלערענט ביחידות ביז האַלבען טאָג.

צי דאָס איז געווען דערפאַר, וואָס פון אָט דער הנהגה, האָט עמי־צער אָנגעהויבען חושד צו זיין, אַז דער אורח איז ניט קיין געוועהנליכער גאון נאָר א מעגליכער מקובל, צי אימיצער האָט געהאט אויפגעכאפּט וואָס ר' מנשה ישראל האָט אריינגערוימט ר' ברוך'ן אין אויער, איבער סלוצק איז באַלד פאַרשפּרייט געוואָרען, אַז דער אורח איז איינער פון די מקובלים און נסתרים און תלמיד פונ'ם בעל שם פון זאמאשטש.

דאָס האָט אַרויסגערופען א שטורעם אין שטאָט. ווי אַזוי האָבען די קנאים פון סלוצק זיך געקענט אַזוי טועה זיין און אָפּגעבען אָט דעם מקובל און נסתר אַזוי פיל כבוד? עס איז גאָר ניט געווען זייער דרך.

דאָס וואָס ר' אדם בעל שם האָט זיי אַזוי איבערראַשט מיט זיין לומדות, האָט פאַר זיי קיין באַטרעף ניט געזאָלט האָבען. מען האָט דעם אורח ניט געטאָרט פאַרגעבען פאַר דעם וואָס ער זאָל האָבען געווען א מקובל און נסתר.

איז געוואָרען א געשריי איבער'ן שטאָדט, אַז מען זאָל דעם אורח מחרים זיין, איהם אַרויסטרייבען פון קהל־שטיבעל און איהם מבזה זיין ברבים. מען האָט דעם אורח ניט געטאָרט פאַרשווייגען פאַר דעם „נבלה" וואָס ער איז באַגאַנגען אין „אָפּנאַרען" די לומדישע קנאי'שע סלוצק!

א סך פון די גאָר גרויסע לומדים אין שטאָט, וואָס זיינען אויך געווען פאַררופען ווי צדיקים, האָבען צו זיי מסכים געווען. דער אורח האָט געדאַרפט קריגען זיין פּסק.

עס זיינען אָבער אין סלוצק אויך געווען אַנדערע, מעהר געלאָסענע און מעהר איבערלייגטע מענשען, וואָס האָבען געזאָגט, אַז דער אורח האָט געוויזען אַזוינע גאונות, אַז עס איז פּשוט זיין גלייכען ניטאָ אין דער לומדישע וועלט, היינט ווי קען מען עס האָבען די העזה איהם שלעכטס צו טאָן און באַזונדערס איהם מבזה צו זיין?

יענע האָבען גע'טענה'ט, אַז דער אורח איז א גאון איז דאָך זיכער. אויב ער איז א נסתר און א מקובל דאָס איז אין ספק. איז עס א פאַל פון ברי ושמא ווען ברי איז עדיף.

זיינען אין שטאָט די מחנות געוואָרען צעטיילט, איין מחנה האָט געפיהרט א שטרייט מיט דער צווייטער.

# עה.

## סלוצקער היץ־קעפּ

**די היץ־קעפּ זיינען גרייט מקיים־פּסק זיין אויף דעם אורח. — ר' אדם בעל שם דערציילט וועגן זיך. — סלוצקער פעסטונג וואקלט זיך.**

די קנאים אין סלוצק זיינען געווען צו גרויס אין צאהל, אז זיי זאָלען זיך וועלען צוהערען צו די, וואָס האָבען גע'עצה'ט, אז מ'זאָל דעם גאונ'־שען אורח, דעם פאַרשטעלטען ר' אדם בעל שם פון ראָפּשיץ, באַהאַנדלען מיט'ן געהעריגען דרך ארץ. די קנאים, אין וועמען ס'האָט געברענט די שנאה צו די מקובלים און נסתרים, האָבען געליאַרמעט, אז דער אורח, ווי־באַלד ער איז איינער פון די מקובלים און נסתרים, איז אין גדר פון א פּושע ישראל, מיט וועמען מ'דאַרף ניט האָבען קיין אייזעהעניש.

סלוצק האָט קיינמאָל ניט געהאַט קיין איינזעהעניש מיט די וועמען מען האָט אָנגענומען פאַר מקובלים און נסתרים. האָט אָט דער אורח, ניט געקוקט אויף זיין גאונות, אויך ניט פאַרדינט קיין בעסערע מערכה.

האָבען די קנאים זיך געשטאַרקט און האָבען צו זיך אינגאַנצען ניט געוואָלט לאָזען ריידען. קיינער האָט מער אויף זיי קיין השפעה ניט געהאַט. זיי זיינען געווען גרייט אויף דאָס ערגסטע.

ארום קהל־שטיבעל, וואו דער אורח האָט זיך אויפגעהאַלטען, האָט זיך פאַרקליבען א געזעמעל. עס איז געוואָרען א טומעל און א געפּילדער. היץ־קעפּ האָבען שוין געשריען בקול רם, אז מען דאַרף דעם אורח אָנלער־נען אויף אַן אופן, אז ער זאָל עס האָבען צו געדענקען. עס האָבען זיך געפונען עטליכע עזות פּנים'ער, ביטערע יונגען, וואָס האָבען זיך א לאָז געטאָן צום טיר פונ'ם אורח'ס חדר, גרייט די טיהר אויפצוברעכען און דעם אורח ארויסשלעפּען און איהם פּשוט שלאָגען כאחד מן הריקים.

ס'איז ניט געווען קיינער, וואָס זאָל זיי צוריק־האַלטען אָדער זיין בכח אויף זיי משפּיע צו זיין. זיי האָבען שוין געהאַט די טיר אויפגעריסען. אָבער ווען זיי האָבען אריינגעקוקט אין חדר אריין זיינען זיי געבליבען אָפּהענטיג און פאַרגאַפט. דער אורח איז געשטאַנען אין טלית און תפילין און געדאַווענט מיט גרויס כוונה. ער איז געווען אזוי פאַר'דבקה'ט, אז ער האָט גאָרנישט געהערט וואָס ס'קומט פאָר ארום איהם. ער האָט ניט גע־הערט דעם טומעל און ניט געזעהן דעם אויפגעקאָכטען און אויפגערעגטען המון.

א פחד איז באפאלען די קנאים. קיינער האָט ניט געוואגט לייגען א האנט אויף דעם אורח אין מיטען פון זיין תפילה.

— לאָמיר ווארטען ביז ער וועט אָפּדאווענען, — האָבען זיי גע־מורמלט איינער צום אנדערען, אָבער שוין מיט וויניגער אנטשלאָסענקייט.

דעם אורח׳ס תפילה האָט גענומען עטליכע שעה. ר׳ אדם בעל שם איז געווען פארטראָגען אין אנדערע וועלטען, אין דרויסען האָט זיך דערווייל געקאָכט און געטומעלט. יונגעלייטלאך און אויך עלטערע היץ־קעפּ האָבען ניט געזשאַלעוועט קיין זידעל־ווערטער פאר׳ן אורח. נאָר טלית און תפילין האָבען איצט געשיצט דעם אורח פון המונ׳ס צאָרן.

ענדלאָך האָט דער אורח פארענדיגט זיין תפילה. ערשט איצט האָט ער זיך אין טלית און תפילין, געזעצט לערנען זיין טעגליכען שיעור, ווי ער האָט זיך תמיד נוהג געווען. באלד האָט זיך צוטראָגען זיין מתיקות׳דיגער ניגון מיט וועלכען ער האָט געלערנט. ווידער זיינען די קנאים געווען מאכט־לאָז. זייער צאָרען האָט אָבער נאָך אלץ געברענט. ערשט איצט האָט זיי פארדראָסען, וואָס זיי קענען גאָרניט טאָן צו איהם ווי ער האָט עס, אין זייער מיינונג „פארדינט״.

אָבער דאָ האָבען זיך ארויסגערוקט עטליכע פון די סלוצקער גדולי תורה, אליין באוואוסטע קנאים, וואָס זיינען אריין צום צדיק אין חדר און, ניט ווארטענדיג ביז ער וועט פארענדיגען לערנען, איהם געפרעגט די דאָזיגע שאלה:

איז ער טאַקע א מקובל און א חבר פון די נסתרים? זאָל ער זאָגען דעם אמת.

דער אורח האָט ניט געלייקענט. ער האָט דרייסט דערקלערט, אז ער געהערט צו די נסתרים און איז א תלמיד פון דעם בעל שם פון זאמאָשטש ר׳ יואל׳ן. אז ער איז ר׳ אדם בעל שם, ר׳ יואל׳ס ממלא־מקום, האָט ער ניט געזאָגט. ער האָט עס מסתמא ניט געהאלטען פאר נויטיג.

דער אורח האָט זיך אויפגעהויבען פון זיין ספר און איז מיט די סלוצקער בני תורה ארויס אין דרויסען וואו עס האָט געשווייבעלט און געגריבעלט מיט דערצאָרענטע קנאים, ווארטענדיג נאָר אויף א שעת הכושר, זיך א וואָרף צו טאָן אויף דעם „פושע ישראל״.

די יונגעלייטלעך האָבען ר׳ אדמ׳ן באגעגענט מיט אן אויסגעשריי פון זידלערייען, דער צדיק איז געבליבען רוהיג און אויפגעלייגט.

ער האָט אָנגעהויבן רעדן צום עולם געלאַסן און מיט גרויס פריינטליכקייט. עס האָט זיך אין זיינע רייד אפילו געפילט א טאָן פון רחמנות.

צו ערשט איז דער טומל געווען צו גרויס, אז מען זאָל איהם קענען הערן. אָבער באַלד האָט זיין קול אלעמען גובר געווען און מ'האָט פון איהם געהערט די פאָלגענדע ווערטער:

— פון אייער השקפה — האָט ער גערעדט לאַנגזאַם און מיט ישוב הדעת — זייט איהר אוודאי גערעכט. אין אמת'ן קומט אייך א יישר כח פאַר דעם, וואָס איהר האלט זיך ביי דעם, וואָס איהר באַטראַכט פאַר אמת. איהר זייט אויסגעהאַלטען, ניט אחד בפה ואחד בלב, דאָס איז א הויכע מדרגה. אויך איך, ווען איך בין געווען יונג, בין איך געווען אזוי ווי איהר. דאָס איז געווען דאַמאָלסט ווען איך האָב געלערנט אין דער ישיבה פון דעם גאון ר' שלמה שמואל אין פּאָלאָצק. ר' שלמה שמואל, כידוע, איז געווען א תלמיד מובהק פון ר' שמאי זונדעל, דער זון פון ר' פּנחס זעליג, דער גאון פון שפּייער, וועלכער האָט געפירט מלחמה געגען דעם בעל שם פון ווערמייזע, ר' אליהו'ן. אויך זיין זוהן ר' שמואל זונדעל און דאַן מיין רבי ר' שלמה שמואל, זיינען געווען גרויסע געגענער פון די מקובלים און נסת־רים. האָב איך געהאַלטען מיט מיין רבי'ן און בין געווען א ביטערער שונא פון מקובלים און נסתרים. אָבער געווען אָפּגעהיט ניט צו זינדיגן מיט מיין מויל און ניט ארויסצוברייננגען אויף מיינע ליפּען קיין זידלערייען און שימפּ־ווערטער.

דער אורח האָט זיך אָפּגעשטעלט, קענטיג צו כאַפּען א בליק צו זעהן אויף ווי וויט זיינע ווערטער האָבען געהאַט א ווירקונג אויף זיינע צוהערער. דער עולם איז געווען פאַרגאַפט. קיינער האָט נאָך ניט געקענט אויסמאַכען צו וואָס דער אורח צילט און ווי אזוי ער וועט פאַרענדיגען זיינע רייד.

— אין משך פון יאָהרען, — האָט ער ווייטער גערעדט, — בין איך געקומען צו דער מסקנא, אז סיי מיין רבי און סיי די אנדערע, וואָס האָבען געפירט מלחמה געגען די מקובלים און נסתרים, האָבען זיך טועה געווען. איך בין דאַמאָלט געווען דריי־און־דרייסיג יאָהר אלט. איך בין אוועק לערנען אין דער ישיבה פון ר' יואל'ן דער בעל שם פון זאַמאָשטש. אין אָט דער ישיבה בין איך פאַרבליבען פופצעהן יאָהר, איך האָב דאָרט געלערנט קבלה. איך בין דאַן געוואָרען א חבר פון די נסתרים.

— אָט ווייסט איהר אלץ, וואָס עס איז דאָ צו וויסען וועגען מיר. איר, וואָס זייט דאָ פאַרזאַמעלט, זייט מערסטענס יונגעלייט. עס איז נאָך צו פרי פאַר אייך צו האָבען א געהעריגע מיינונג וועגען אזא ענין, דער טאָג וועט אָבער קומען ווען איהר וועט ווערען קליגער און אויסגעפינען דעם אמת.

וואָס איז נוגע מיר אליין — האָט ער פאַרענדיגט — זיינען אייערע היינטיגע זידעל־ווערטער מיר טייערער ווי דער כבוד וואָס איר האָט מיר צוגעטיילט נעכטען.

די דאָזיגע רייד האָבען געמאכט א גרויסען רושם אויף די צוהערער, קיינער האָט שוין ניט געוואגט עפענען א מויל געגען אים. א טויטע שטיל־קייט האָט געהערשט.

דער אורח איז צוריק אריין אין זיין חדר. אין א שעה ארום איז ער שוין געווען מיט זיין שטעקען אין האנט און מיט זיין פעקעל אויף דער פּלייצע, גרייט צו פאַרלאָזען סלוצק.

די עלטערע לומדים פון שטאָט, וועלכע האָבען געפילט, אז ס'איז באַגאַנגען געוואָרען אן אומרעכט געגען אים, האָבען דעם אורח אָנגעהויבען בעטען, אז ער זאָל נאָך פאַרבלייבען אין שטאָט. ער האָט זיך אָבער ניט געלאָזט ריידן. ער האָט פאַרלאָזען סלוצק און מיט אים זיינען פון שטאָט אויך אוועק ארום 20 אנדערע אידען.

ערשט דאמאָלט האָט מען אויסגעפונען, אז אָט די מענשען זיינען אַלע נסתרים, וואָס האָבען די גאַנצע צייט אָנגעפירט מיט זייער ארבייט אין געהיים אין און ארום סלוצק דאָרט צו פאַרפּלאַנצען דעם לימוד פון קבלה און די הנהגה פון די נסתרים.

דאָס זיינען געווען די נסתרים, וואָס האָבען געהאַט צוגעגרייט דעם וועג פאַר דעם אורח, ר' אדם בעל שם. זיי זיינען אויך געווען די וואָס האָ־בען געלאָזט וויסען, אז אָט דער אורח, וועלכער האָט אליין ניט געוואָלט אָנגעבען זיין נאָמען, איז געווען ניט קיין אַנדערער ווי ר' אדם בעל־שם פון ראפּשיץ. ער איז געווען ניט סתם א נסתר נאָר דער סאמע מנהיג פון די נסתרים, דער ממלא מקום פון דעם בעל שם פון זאמאָשטש און דער וואָס האָט נאָכהער איבערגעגעבען די הנהגה צו ר' ישראל בעל שם טוב, דער גרינדער פון חסידות. אָט־די געשעהעניש האָט אין סלוצק געמאַכט אן איבער־קערעניש. קיינמאָל זיינען די דאָרטיגע קנאים נאָך נישט געהאַט געקומען אזוי פּנים אל פּנים מיט א נסתר ווי ר' אדם בעל שם. די גאַנצע באַגעגעניש מיט איהם איז געווען אזוי איינדרוקספול.

א סך האָבען איצט אָנגעהויבען ווערען ווייכער צו די מקובלים און נסתרים, האָבען זיי דאָך געהאַט פאַר זיך איינעם, וועלכער האָט זיי ממש איבערגעוועלטיגט מיט זיין גאונות און צדקות. זיי האָבען אויך געהאַט גע־הערט פון ר' אדם'ן אליין, אז ער איז אין זיין יוגענד געווען א מתנגד פון די מקובלים און נסתרים. ער איז געקומען צו דער איבערצייגונג, אז ער איז געווען אומגערעכט. די סלוצקער קנאים האָבען געהאַט וואָס נאָכצודענקען.

לכל הפחות האָבען זיי געדאַרפט אריינקוקען טיפער אין דעם ענין און ניט זיין סתם בלינד אין דעם. פון דער צווייטער זייט זיינען אנדערע געוואָרען נאָך מעהר פארביטערט געגען די מקובלים און נסתרים. זיי האָבען זיך איצט געפילט ווי „אָפּגענאַרטע" אָדער גאָר „אָפּגעשמיסענע".

איז סלוצק נאָך אַלץ געבליבען א פעסטונג פון התנגדות אָבער שוין ניט אזוי שטאַרק ווי פריער. ר' אדם בעל שם האָט מיט זיין באזוך אין שטאָט די דאָזיגע פעסטונג איינגעבראָכען אויב ניט איינגענומען.

אויף דער סביבה איז דער רושם פון ר' אדם בעל שם'ס באזוך געווען נאָך גרעסער. דאָרט האָבען זיך געפונען, ווי מיר ווייסען שוין א סך געוועזענע תלמידים פון ר' ברוך וויאזינער'ס ישיבה, און אויב זיי זיינען ניט דערצוויגען געוואָרען צו זיין מקובלים און נסתרים, ווייל ר' ברוך האָט ניט געוואָלט, אז מ'זאָל זיך כאַפּען, אז ער אליין געהערט צו די מקובלים און נסתרים, זיינען זיי אָבער געווען גרייט צו פארנעמען די דאָזיגע לעהרע און אזוי ארום פריער, שפּעטער ווערען נאָכפאָלגער פון ר' אדם בעל שם. אויף אזא אופן האָט ר' ברוך וויאזינער אויס געפירט א גאָר וויכטיגע שליחות — די שליחות פון צוגרייטען סלוצק אין די סביבה פאַר די מקובלים און נסתרים און דאַן פאַר דעם קומענדיגען דרך החסידות פון ר' ישראל בעל שם טוב.

## ע.

### דער געהיימניספולער עילוי

**ר' ברוך וויאזנער פארטיילט זיין פארמעגן. — אַן אומבאַקאַנטער ראש־ישיבה. — קבלה מיט פארזיכטיקייט.**

אז ר' ברוך וויאזינער איז געוואָרען זעכציג יאָהר אַלט, — אין יאָהר תע"ח — האָט ער באַשלאָסען אויפצוגעבען זיינע געשעפטען און זיך גאָר אָפּגעבען מיט תורה און עבודה. האָט ער ארונטערגעבראַכט זיינע צוויי זיהן, ר' יוסף און ר' אברהם, פון לעמבערג און צוזאמען מיט זיין פלונית'טע, האָט ער מיט זיי געמאַכט א חשבון פון זיין פארמעגען.

זיין פרוי, וועלכע איז געווען, ווי מיר ווייסען, די טאָכטער פון א נסתר אין סמילע, האָט ער באטראַכט ווי די, וואָס האָט איהם געבראַכט הצלחה אין לעבען. ער האָט דערפאַר מיט איהר זיך תמיד גע'עצה'ט אין ענינים פון מסחר און בכלל גאַרנישט געטאָן אָהן איהר ווויסען און אָהן איהר הסכמה. ער האָט זי אויך געהאַלטען פאַר א פולבארעכטיגטע שותפ'טע אין זיין פארמעגען.

אויסגערעכענט וויפיל זיין פארמעגען באטרעפט אין מזומנים און אין גיטער, האט ר' ברוך, קודם, ארונטערגענומען א פינפטעל פאר צדקה. דאס איבעריגע — 4 חלקים — האט ער צוטיילט אין פינף גלייכע חלקים, א חלק, יעדען — די צוויי זיהן דעם ווייב און זיך — און דאס פינפטע חלק, ווידער פאר צדקה.

דאס מיינט, אז פאר צדקה האט ר' ברוך געהאט אוועקגעלעגט א גאר גרויסען טייל פון זיין פארמעגען. פארוואנדלענדיג עס אין מזומנים, האט ער א העלפט פון דעם איבערגעגעבען צום מנהיג פון די נסתרים ר' אדם בעל שם, וועלכער איז שוין געווען באוואוסט איבער די אידישע תפוצות, און דאס צווייטע העלפט, האט ער אליין פארטיילט צווישען פארשיידענע מוסדות און אויף פארשידענע צוועקען.

די געשעפטען און גיטער האט ער איבערגעגעבען צו זיינע צוויי זיהן. די הכנסה איז יעהרליך צעטיילט געווארען אין פיר חלקים, נאכדעם ווי א צעהנטעל איז ארונטערגענומען געווארען פאר צדקה.

אין יענער צייט האט זיך אויף ר' ברוך'ס גוט, וואו עס האט זיך געפונען די ישיבה און איז געווען גוט באזעצט מיט אידען, באוויזען א יונגערמאן פון א יאהר דרייסיג. קיינער האט ניט געוואוסט פון וואנען ער איז געקומען און ווער ער איז געווען. ער האט זיך געהאלטען אפגעזונדערט פון אלעמען און קיינעם ניט אנגעגעבען זיין נאמען. ער האט אנגעהויבען אריינקומען אין דער ישיבה, זיך צוגעהערט צו די שיעורים, וואס די ראשי ישיבה האבען געזאגט און דאן, ווען די תלמידים האבען איבערגע'חזר'ט די שיעורים, אפט מיט זיי מפלפל געווען ווי ער וואלט זיי געוואלט ארויס-העלפען.

האט מען באלד געקענט זעהן, אז דער יונגערמאן איז א גרויסער למדן. ר' ברוך און אויך דער מנהל פון דער ישיבה, ר' מנשה ישראל, האבען זיך פאראינטערעסירט אין דעם דאזיגען יונגערמאן. זיי האבען פרובירט פון איהם אויסגעפינען וועגען זיין אפשטאם אבער האבען גאר נישט געקענט דערגעהן. זיינע ליפען זיינען געווען פארזיגעלט בנוגע זיך אליין.

ר' ברוך האט זיך שוין געהאט איבערצייגט, אז דער יונגערמאן איז א גדול בתורה. ער האט געוואלט אז ער זאל זאגען א שיעור אין דער ישיבה.

— זאגט מיך אבער ווער איהר זייט? — האט ער זיך ביי איהם געבעטען.

— אויב איהר ווילט אז איך זאָל זיך דאָ אָפּשטעלען און זאָגען אַ שיעור, מוזט איהר מיר צוזאָגען, אז איהר וועט מיר ניט פרעגען, און אויך ניט פּרובירען אויסגעפינען ווער איך בין און פון וואנען איך קום. דאָס גאַנצע וואָס איך קען אייך דערציילען, אַז מיין נאָמען איז אהרן יעקב ב"ר יוסף, — איז געווען יענעמ'ס ענטפער. ר' ברוך האָט וועגען דעם זיך דורכגערעדט מיט ר' מנשה ישראל'ן.

— עס קען זיין, אז ער איז גאָר אהער געשיקט געוואָרען פון די מתנגדים, אויסגעפינען גענויערס וועגען אונזער ישיבה און וועגען אונזערע פארבינדונגען מיט די מקובלים און נסתרים — האָט ר' מנשה ישראל ארויסגעזאָגט זיין פארדאכט.

אין ר' ברוך'ס ישיבה האָט מען טאקע ניט געלערענט קיין קבלה. מען האָט דאָרט בכלל גאָר ניט געטאָן וואָס זאָל משפיע זיין אויף די תלמי־דים לטובת די נסתרים און די מקובלים. מען האָט בלויז פון צייט צו צייט דאָרט דערצעהלט מעשיות וועגען נסתרים און מקובלים. די האלטונג צו נסתרים און מקובלים מצד די ראשי ישיבה איז געווען אַ פריינדליכע. דאָס אליין איז געווען אין היפּוך צו דעם וואָס די מתנגדים פלעגען טאָן. עס איז אָבער געווען קלאָהר, אז אין ר' ברוך'ס ישיבה גרייט מען צו די תלמי־דים פאר אַ נייעם דרך אין עבודת הבורא — אַ דרך וואָס איז נוטה צו דעם דרך פון די נסתרים און מקובלים.

אָבער נישט קוקענדיג אויף וואָס ר' מנשה ישראל האָט אָפען זיך ארויסגעזאָגט געגען דעם געהיימניספּולען יונגערמאן, האָט ר' ברוך אזוי שטארק געהאלטען פון זיין לומדות, אז ער האָט דאָך באשלאָסען איהם אָנצושטעלען פאר אַ ראש ישיבה. ר' ברוך האָט געחשבונ'ט, אז ווער דער יונגערמאן זאָל ניט זיין, דאַרף ער איהם ניט אוועקלאָזען. אפשר האָט ר' ברוך געמיינט, אז מיט דעם וואָס ער וועט דעם עילוי'שען יונגערמאן מקרב זיין, וועט ער איהם אריבערציהען אויף זיין זייט, אפילו ווען ער זאָל האָבען געווען אַ שליח פון די מתנגדים. בדרך כלל, האָט ר' ברוך געהאלטען, אז אין משך פון דער צייט, וועט ער פון איהם ארויסקריגען וועגען זיין אָפּ־שטאַם.

איז דער יונגערמאן באשטימט געוואָרען צו זאָגען אַ שיעור פאר די סאַמע בעסטע תלמידים, ווייל וועגען זיין לומדות האָט מעהר קיין ספק ניט געקענט זיין. ער איז געווען ראוי דערצו.

דריי מאָל אַ וואָך האָט דער יונגערמאן געזאָגט אַ שיעור, וואָס האָט זיך אויסגעצייכענט מיט הגיון און עמקות. די תלמידים, און טאקע ר' ברוך אליין, וואָס האָבען בטבע פיינט געהאט פלפּול, פלעגען אריין אין התפּעלות

פון זיינע שיעורים. ר' ברוך איז אָבער דאָך געווען אנטוישט, ווייל דריי חדשים זיינען שוין געווען אוועק און ער האָט נאָך גאָר נישט געהאט אויס־געפונען וועגן יונגען ראש ישיבה.

ר' מנשה ישראל און זיינע זיהן האָבען כסדר געהאלטען אן אויג אויפ'ן ראש ישיבה. זיי האָבען געוואָלט דערגעהען צי עס איז טאקע ניטאָ קיין גרונט פאר זייער חשד, אז ער איז אהער געשיקט געוואָרען ווי א שליח פון די מתנגדים. זיי פלעגען זיך צוהערען צו יעדעס וואָרט וואָס ער האָט ארויסגעזאָגט סיי אין לערנען און סיי אין שמועסען. זיי האָבען אָבער גאָר ניט געקענט אויסגעפינען.

פאר ר' ברוך'ן איז עס געווען א שטיקעל נחמה. עס האָט געוויזען, אז ער, ר' ברוך, איז נישט געווען אומגערעכט מיט דעם וואָס ער האָט דעם יונגען עלוי פארהאלטען אין דער ישיבה. און עס איז נישט געווען קיין גרונט איהם צו האלטען אונטער חשד.

ר' ברוך'ן איז אָבער שוין געגאנגען אין נצחון, אז ער זאָל דאָך זיך דערגרונטעווען ווער ער איז. ווי האָט זיך עס געשיקט, אז ר' ברוך, וואָס איז געווען פארבונדען מיט די נסתרים פון יענער צייט, זאָל ביי זיך האָבען אזא „נסתר" וועגען וועלכען ער קען גאָר ניט אויסגעפינען. עס האָט ר' ברוך'ן אויך געלאָקט דער געדאנק, וואָס ער האָט נאָך אפילו ניט געוואוסט וועגען סאמע מהות פון יונגערמאן. ער האָט געוואוסט געגנוי אז ער איז א גרויסער למדן, אָבער האָט גאָר ניט געוואוסט וועגען זיין דרך אין עבודת הבורא און די שיטה אין אידישקייט וואָס ער פאָלגט נאָך.

איז ר' ברוך געפאלען אויף א המצאה. ער האָט אויסגעדריקט א פארלאנג, אז דער יונגער ראש ישיבה זאָל קובע זיין א צייט אז ביידע זאָלען לערנען צוזאמען רמב"ם. ר' ברוך האָט זיך משער געווען, אז נאָכדעם ווי ער וועט מיט'ן יונגערמאן זיין נאָהענט, לערנען צוזאמען, וועט ער פון איהם דערגעהן ווער ער איז און וואָס ער שטעלט מיט זיך פאָר.

דריי וואָכען זיינען אוועק זינט זיי האָבען אָנגעהויבען לערנען רמב"ם צוזאמען. ר' ברוך פון זיין זייט, האָט דעם יונגען ראש ישיבה שטארק מקרב געווען. אָבער אלץ וואָס ער האָט פאר דער צייט אויסגעפונען איז געווען, אז ער, דער יונגערמאן, איז בקי אין חקירה און מוסר ספרים און אז אלץ איז ביי איהם מיט א סדר.

ער איז געווען קלאָהר אין די שיטות פון רמב"ן און דעם בחיי, פון רמב"ם און דעם רלב"ג. פון דעם, וואָס ר' ברוך האָט פון איהם ארויסגע־קראָגען, האָט ער געוואוסט, אז ער האָט געהאט א סך צו זאָגען וועגען די

שיטות פון די אויבענדערמאָנטע גדולים. בעת דער רמב"ן און דער בחיי זיינען געווען מקובלים, האָט זיך דער רמב"ם ניט אָפּגעגעבען מיט קיין קבלה. דער יונגער ראש ישיבה האָט אָבער געקענט באווייזען אז אויך אין דעם ענין קבלה איז דער רמב"ם ניט געווען פרעמד.

דאָס האָט ר' ברוך'ן שוין אינגאנצען צעטומעלט. ער האָט נישט געקענט זאָגען באשטימט מיט וועלכער שיטה דער יונגער ראש ישיבה האלט און צו וועלכער פון זיי ער איז מעהר נוטה. איין זאך האָט ער יאָ ארויס־באקומען, אז ניט נאָר איז ער נישט פרעמד אין קבלה נאָר אויך, אז ער איז נוטה צו אָט דער דאָזיגער געהיימער לעהרע.

דאָס האָט ר' ברוך'ן דערפרעהט. אויב אזוי האָט ער דאָך נישט געקענט זיין קיין שליח פון די וואָס זיינען געגען קבלה. קיין פארזיכערונג איז עס אָבער ווייט ניט געווען. עס איז נאָך אלץ נישט געווען באשטימט אויב דער יונגערמאן איז אליין דורכגעדרונגען מיט דער לעהרע פון קבלה באזונדער ווי דאָס איז אויפגעפאסט געוואָרען פון די נסתרים און מקובלים פון זייער צייט — די נאָכפאָלגער פון ר' אדם בעל שם.

א לענגערע צייט איז אוועק און ר' ברוך האָט זיך נאָך אלץ ניט געהאט דערגרונטעוועט אין דעם יונגערמאן. ער האָט ארויסגערופען ר' ברוך'ס באוואונדערונג מיט זיינע גרויסע ידיעות אָבער ער האָט דאָך נישט געקענט ארויסבאקומען וואָס ער אליין שטעלט מיט זיך פאָר. האָט ר' ברוך איהם געשטעלט די פראגע, איינמאָל פאר אלעמאָל, וואָס האלט ער וועגן קבלה?

אויף דער דאָזיגער פראגע האָט ער געגעבען א קלאָהרע תשובה: ניט נאָר האָט ער געהאלטען פון קבלה נאָר האָט טאַקע אויך געקענט קבלה. ער האָט געקענט ריידען ברייט און טיף וועגען אזוינע קבלה ספרים ווי „עבודת הקודש", „דרך אמונה", „תולעת יעקב" און „פרדס רמונים" פון ר' משה קורדיבירו. ער האָט אויך געוואוסט גענוי וועגען די כתבים פון דעם אר"י הקדוש. און האָט דערביי ערקלערט דעם חילוק פון די אויבענדערמאָנטע קבלה ספרים ביז די כתבים פון אר"י הקדוש, אז די אויבענדערמאָנטע ספרים איז אין א געוויסער מאָס ערקלערען זיי די ענינים וואָס קענען ערקלערט ווערען. אנדערש אָבער די כתבים פון אר"י הקדוש, אין וועלכע עס ווערען איבערגעגעבען הויכע און טיפע ענינים, אָבער אָהן קיינע ערקלערונגען.

ער האָט ממשיך געווען, אז דעריבער איז גרינגער א טעות צו האָבען אין די כתבי האריז"ל ווי אין די אנדערע ספרים.

דערביי האָט ער אָבער באמערקט, אז מען קען וועגן אָט די כתבים ניט ריידען מיט קלאָרקייט און באשטימטקייט דערפאר וואָס זיי זיינען פון עמיצען איבערגעשריבען געוואָרען. ער האָט אויך ארויסגעזאָגט דעם געדאנק, אז קבלה מוז מען לערנען פאָרזיכטיג און מיט א געהעריגען „ביאור", ווייל דער קלענסטער טעות אין אויסטייטשען א געוויסען געדאנק קען גורם זיין גרויס שאָדען.

דער יונגער ראש ישיבה האָט דערביי זיך סומך געווען אויף דעם וואָס די גמרא דערצעהלט אין סוטה (דף כ׳ עמוד א׳), אז ווען ר׳ מאיר איז געקומען צו ר׳ ישמעאל׳ן, האָט איהם יענער געפרעגט וואָס עס איז זיין מלאכה, האָט ער געענטפערט אז ער איז א „לבלר" (איינער וואָס שרייבט איבער תורה, נביאים און כתובים) האָט אויף דעם ר׳ ישמעאל באמערקט:

— מיין קינד, זיי פאָרזיכטיג, ווייל דיין מלאכה איז א הייליגע. אויב דו וועסט אויסלאָזען איין אות אָדער צושטעלען אן אות, וועסטו חרוב מאכען די גאנצע וועלט.

דער ראש ישיבה האָט מיט דעם געוואָלט ארויסברייגען דעם געדאנק, אז וואָס איז נוגע די כתבים פון אר"י הקדוש, קען מען דאָרט מאכען גרויסע און שעדליכע טעות׳ן אויב מען לערענט ניט די דאָזיגע חכמה מיט׳ן געהעריגען וויסען און מיט׳ן געהעריגען צוגאנג.

— אָט דערפאר — האָט ער אויסגעפיהרט — האָט ער מורא צו־צוטרעטען צו דער לעהרע פון אר"י, ווייל זיין שיטה אין קבלה איז ניט גענוי פארשריבען און עס איז מעגליך אז עס איז איבערגעשריבען געוואָרען מיט טעותים.

## עז.

### איך וואָס האָט פיינט דרשנים

**דער אומבאַקאַנטער נעמט זיך דערציילן וועגן זיך. — דער בעל צדקה פון שווינציאַן. — פאַרוואָס ער האָט פיינט דרשנים.**

ר׳ ברוך וויאזינער איז געקומען צו דער מסקנא, אז דער געהיימניס־פולער יונגער ראש ישיבה, מיט וועמען ער האָט געלערנט א שיעור ביחי־דות, איז ניט קיין געגנער פון קבלה. ער האָט טאקע געהאט א גאנץ קליינע ידיעה וועגן דער קבלה־שיטה פונ׳ם אר"י, אויף וועלכער דער שפעטער־דיגער דרך פון חסידות איז געבויט געוואָרען. דאָס איז אָבער געווען נאָר

דערפאַר, ווי דער יונגער עילוי האָט עס מסביר געווען, וואָס כדי צו דער־גרונטעווען זיך צו דעם אר"י'ס שיטה, מוז מען זיין געהעריג צוגעגרייט און ער האָט זיך נאָך ניט געהאַלטען צו זיין געהעריג צוגעגרייט פאַר דעם.

פון דער צווייטער זייט איז ער געווען גוט באַ'הבנ'ט אין די שיטות פון די מקובלים פאַר'ן אר"י, באַזונדער יענע מקובלים וואָס האָבען געהאַט פּירושים אויף זיך און וועמענס שיטות זיינען געווען גענוי באַשטימט. דאָס האָט ר' ברוך'ן שטאַרק הנאה געטאָן. ער האָט דאָ ניט געהאַט צו טאָן מיט קיין מתנגד פון קבלה.

ר' ברוך האָט דערפאַר ביי זיך אָפּגעמאַכט, אז ער וועט מיט'ן יונ־גערמאַן פאַרפירען א שמועס וועגען נסתרים, אָט די וואָס האָבען נאָכגע־פאָלגט און דורכגעפירט די שליחות'ן פריער פון ר' יואל'ן דעם בעל שם פון זאַמאָשטש און נאָך זיין פּטירה פון ר' אדם בעל שם פון ראָפּשיץ. עס האָט דאַן געזאָלט קלאָר ווערען, צי ער האַלט מיט די נסתרים אָדער איז זייערער א מתנגד.

ר' ברוך האָט שוין ביי זיך געהאַט באַשלאָסען, אז אויב נויטיג וועט ער מיט'ן יונגערמאַן אריינקנעלען און אים אויפקלערען וואָס די נסתרים שטעלען מיט זיך פאָר און וואָס עס איז זייער עובדא אין לעבען. ער האָט אים געוואָלט מקרב זיין און אים צוזאַמענברענגען מיט ר' אדם בעל שם, וועלכער האָט אָנגעפירט מיט די נסתרים.

כדי צו זיין זיכער, אז ער מאַכט ניט קיין טעות, האָט ר' ברוך וועגען דעם איבערגערעדט מיט'ן מנהל פון דער ישיבה ר' מנשה ישראל. דער מנהל האָט שוין אליין געהאַט א גוטע מיינונג פון דעם יונגען ראש ישיבה. ער האָט זיך איבערגעצייגט, אז דער יונגער עילוי איז, א חוץ א גרויסער למדן אויך א גרויסער בעל־מידות. אין ר' מנשה ישראל'ס אויגען איז דער יונגערמאַן געשטאַנען אויף א מדרגה פון שלימות.

האָט ר' ברוך לאַנג ניט געוואַרט און געפרעגט דעם יונגען ראש ישיבה, וואָס עס איז זיין דעה וועגען די נסתרים און זייער שיטה וועגען וועלכע די אידישע וועלט איז דאַמאָלט געווען צעטיילט.

דער יונגערמאַן האָט לאַנג ניט געטראַכט און געענטפערט:

— איך האָב דריי יאָהר אָפּגעריכט גלות און אויסגעוואַנדערט א וועלט. פאַר דער צייט האָב איך זיך איבערצייגט, אז די נסתרים טוען א גרויסע אַרבעט וואָס ברענגט גאָר גרויסע נוצען דעם כלל ישראל.

ר' ברוך האָט געקליבען נחת. ער האָט אין דעם יונגען ראש ישיבה ניט געזעהן קיין מתנגד. מען האָט אים פאַרדעכטיגט אומזיסט.

דערביי האָט ר׳ ברוך צום ערשטען מאָל געהערט ווי דער יונגערמאַן רעדט וועגען זיך אליין. ער האָט אָנגעהויבען ארויסגעבען פּרטים וועגען זיך.

ער האָט, למשל, דערציילט, אז מיט פיר יאָהר צוריק האָט ער באַש־לאָסען איבערצולאָזען זיין ווייב און קינדער אויף פינף יאָהר צייט: דריי יאָהר אָפּצוריכטען גלות, און צוויי יאָהר צו זיצען און לערנען מיט גרויס התמדה. די דריי יאָהר גלות האָט ער שוין געהאַט פאַרענדיגט איידער ער איז אָנגעקומען אויף ר׳ ברוך׳ס „גוט״. ווען ער איז אריין אין ר׳ ברוך׳ס ישיבה און זיך באַקענט מיט די ראשי ישיבה און די תלמידים האָט ער דערפילט, אז דאָרט איז דער ריכטיגער אָרט וואו ער זאָל פאַרברענגען די צוויי יאָהר און לערנען תורה. אָט דערפאַר האָט ער אזוי גערן מסכים געווען דאָרט זיך אָפּצושטעלען ווי א ראש ישיבה.

און אז דער יונגערמאַן האָט שוין אָנגעהויבען דערציילען וועגען זיך, האָט ער אויך דערציילט וועגען זיינע דערפאַרונגען פאַר דער צייט וואָס ער האָט אָפּגעריכט גלות.

אין דעם ערשטען שטעטל וואו ער איז אָנגעקומען, ווען ער האָט אָנגעפאַנגען אָפּריכטען גלות, האָט ער זיך דאָרט באַגעגענט מיט פינף אנ־דערע, וואָס האָבען אָפּגעריכט גלות. האָבען זיי אלע געוואַנדערט צוזאַמען. צוויי פון זיי האָבען ארויסגעוויזען זייער לומדות. האָט ער מיט זיי גערעדט תורה. די אנדערע דריי האָבען מיט גאָרניט זיך געוואָלט ארויסגעבען. זיי האָבען געמאַכט דעם אָנשטעל, אז זיי זיינען פּראָסטע מענשען. וואו זיי זיינען אָנגעקומען האָבען אָט די דריי זיך נאָר גע׳חבר׳ט מיט די פּשוט׳ע פאָלקס־מענשען.

שפּעטער האָט ער אויף זיינע וואַנדערונגען באַגעגענט אַנדערע, וואָס האָבען אָפּגעריכט גלות. צווישען זיי זיינען געווען גרויסע גאונים און מקובלים. געווען אזוינע וואָס האָבען גענומען אויף זיך סגופים. עס זיינען צווישען זיי אויך געווען פּראָסטע מענשען פּשוט׳ע עם־הארצים. ער האָט זיך אָנגעהערט א סך מעשיות וועגען נסתרים, אָבער קיין נסתרים גופא האָט ער קיינמאָל ניט באַגעגענט, אָדער זיי האָבען זיך צו אים ניט ארויסגעגעבען.

דער יונגער עילוי האָט ווייטער דערציילט, אז אין משך פון זיינע וואַנדערונגען איבער שטעט און שטעטלאַך האָט ער זיך נוהג געווען אויפצו־האַלטען אין די קברנים־שטיבלעך. דאָס האָט ער געטאָן מיט א באַשטימטער כוונה. די קברנים־שטיבלאַך האָבען זיך תמיד געפונען אין עק שטאָט, ביי די בית עלמין׳ס. זעלטען אז מען האָט דאָרט געהאַט א מנין. פאַר איינעם וואָס האָט אָפּגעריכט גלות זיינען אָט די קברנים־שטיבלאַך געווען דאָס

בעסטע אָרט זיך אויפצוהאַלטען. מען האָט דאָרט געקענט לערנען וויפיל דאָס הארץ האָט געגלוסט און פון קיינעם ניט „געכאַפּט" ווערען ביים האַנט.

ר' ברוך האָט געוואָלט וויסען פאַרוואָס ער האָט אויסגעמידען די הכנסת אורחימ'ס און די הקדש'ן, וואָס זיינען פאַראַן אין אידישע שטעט און שטעטלאַך פאַר אורחים.

— אין די הכנסת אורחימ'ס און די „הקדש'ן" — האָט דער יונג־ערמאַן געענטפערט — האָט מען לומדישע אורחים צוגעזעהן אַ סך מער ווי פּראָסטע. איך האָב אָבער ניט געוואָלט, אַז מען זאָל מיט מיר האָבען וועלכע עס איז איינזעעניש ווייל איך בין אַ בן תורה און אַז מען זאָל בכלל אין מיר דערקענען דעם בן תורה.

און אַז דער יונגער ראש ישיבה האָט זיך שוין צורעדט וועגען זיינע דערפאַרונגען אין משך פון אָפּריכטען גלות, האָט ער דערציילט אַזאַ מעשה:

איינמאָל איז ער אָנגעקומען אויף אַ פּאָסעסיע לעבן שווינציאַן — אַ שטעטעל ניט ווייט פון ווילנע. די דאָזיגע פּאָסעסיע איז געהאַלטען געוואָרען אין ארענדע פון אַ באַוואוסטען שווינציאַנער גביר און נכבד מיט'ן נאָמען ר' צדוק יחיאל וועלכער האָט דאָרט געמאַכט זיין היים.

ר' צדוק יחיאל האָט אויפן גוט אויפגעבויט אַ בית מדרש און דאָרט אריינגענומען תלמידי חכמים, וואָס זיינען געזעסען על התורה ועל העבודה און זיינען פון אים אויסגעהאַלטען געוואָרען מיט אַלע זייערע הצטרכות'ן. ר' צדוק יחיאל איז אויך געווען אַ גרויסער בעל צדקה און מכניס אורח, אַזוי אַז זיין נאָמען איז געווען לשם ולתהלה אין דער גאַנצער סביבה.

אָבער ווי ליב דער פּאָסעסאָר האָט געהאַט אורחים, אַזוי האָט ער פיינט געהאַט מגידים און מוסר־זאָגער, וואָס פלעגען וואַנדערען איבער שטעט און שטעטלאַך. ווען נאָר אַ בעל־דרשן און מוסר־זאָגער האָט זיך באַוויזען אויף זיין „גוט" און געוואָלט האַלטען אַ דרשה אין בית מדרש, האָט ר' צדוק יחיאל איהם געגעבען אַ פיינע נדבה און איהם באַלד משלח געווען. ער האָט יענעם אפילו ניט געלאָזט איבערנעכטיגען אויף דער פּאָסעסיע.

אויף דער פּאָסעסיע האָבען געוואוינט אַ היבש ביסעל אידען. עס האָבען זיך אויך געפונען אידען אין די דערבייאיגע דערפער. אַלע האָבען זיי גראָד געלעכצט צו הערען אַ מגיד און אַ מוסר־זאָגער. זיי פלעגען אָפט צושטיין צו ר' צדוק יחיאל'ן, אַז ער זאָל ניט אוועקשיקען די דרשנים. פאַרוואָס זאָלען זיי, די פּראָסטע אידען, נישט הערען אַ דבר־תורה, אַ משל און סתם אַ ווערטל פון אַ מגיד!

ר׳ צדוק יחיאל פלעגט זיך אנברוגז׳ן:

— צו וואס דארפט איר די נארישע דרשות פון די מגידים? פלעגט ער פרעגען. — קוקט בעסער אריין אין א גמרא אדער אין א וועלכען עס איז ספר. אויב איר קענט אליין ניט לערנען, זיצען אין בית מדרש לומדישע אידען און זיי וועלען מיט אייך לערנען אלץ וואס איר ווילט, היינט צו וואס אוועק׳פטר׳ן צייט אויף הערען פוסטע דרשות?

אין אמת׳ן האט טאקע ר׳ צדוק יחיאל געזארגט, אז אויף זיין גוט זאל מען לערנען סיי מיט עלטערע און סיי מיט אינגערע, מיט יעדען איינעם לויט זיינע השגות. אלץ איז געווען אויף זיין חשבון. טאמער האט זיך געפונען אימיצענס א אינגעל וואס האט ארויסגעוויזען כשרונות צום לערנען, האט ער איהם געשיקט אין א ישיבה אויף זיינע הוצאות.

— אז איך בין אנגעקומען אויף ר׳ צדוק יחיאל׳ס פאסעסיע — האט דער יונגער עלוי דערציילט ר׳ ברוך׳ן — און האב געהערט וועגען דער מאדנער, כמעט ניט פארשטענדליכער שנאה זיינער צו דרשנים און מוסר־זאגער, בין איך געווען שטארק פארוואונדערט. אין אמת׳ן האט מען מיך אליין חושד געווען, אז איך בין א מגיד און מען האט מיר באלד גענומען אויפן צימבעל. מען האט מיר אנגעבאטען א געהעריגע נדבה מיט׳ן פאר־לאנג, אז איך זאל זיך פון דארט גלייך אפטראגען. איך האב אבער פארזי־כערט, אז איך בין ניט קיין מגיד. איך האב נאר געוואלט וויסען פון וואנען עס נעמט זיך, אז אזא בעל צדקה און בעל־מידות, ווי דער פאסעסאר ר׳ צדוק יחיאל, זאל טראגען אזא שנאה צו דרשנים און מוסר־זאגער!

אויף דעם האט מען מיר געגעבען אזא אויפקלערונג:

ר׳ צדוק יחיאל איז אין זיינע פריערדיגע יאהרען געווען א גרויסער עם־הארץ. ער האט זיך דערווארבען א גרוים פארמעגען, אבער זיין גייסטי־גער באגאזש איז געבליבען אזוי ארים ווי פריער. ער האט ממש קיין עברי ניט געקענט. ער האט ניט געקענט אונטערשיידען צווישען א „ב״ און א „כ״ און צווישען א „ד״ און „ר״. מען קען זיך פון דעם משער זיין ווי אזוי ער האט „אוועקגע׳הרג׳עט״ א דאוונען און אלץ וואס עס איז ארוים פון זיין מויל... עס האט זיך בכלל ביי איהם כסדר פארטשעפעט די צונג... מענשען וואס פלעגען זיך צוהערן פון דער זייט ווי ער דאווענט האבען פשוט זיך געהאלטען ביי די זייטען לאכענדיג. קיין גרויסער זהיר אין מצוות איז ער אויך ניט געווען, פשוט דערפאר וואס ער האט ניט געוואוסט בעסער.

זיין עם הארצות האט זיך אויך גענומען דערפון וואס ער האט תמיד געהאנדעלט מיט פריצים און האט זיך פון זיי אפגעלערנט א סך פון זייערע

מעשים. עס איז געווען דורך זיין האנדעל מיט פריצים וואס עס האט איהם מצליח געווען און ער איז געווארען א גרויסער עושר.

אבער ווי פראסט און ניט אפגעהיט ר׳ צדוק יחיאל איז געווען אין מצוות, איז ער געווען א גוט־הארציגער מענש. ער האט געהאט א ברייטע האנט. ער האט געגעבן צדקה אויף גאר א גרויסען שטייגער.

זיין ווייב איז געווען אן עקרה. אזוי ווי ער האט שטארק געבענקט נאך קינדער האט ער אויפגעשטעלט א בית יתומים וואס ער האט אליין אויסגעהאלטען.

איינמאל איז קיין שווינציאן אנגעקומען א בעל דרשן פון דעם מין וואס איז געווען גוט באקאנט אין יענער צייט. ר׳ צדוק יחיאל איז געווען צווישען עולם וואס איז געקומען הערען דעם בעל דרשן.

יענער האט גע׳דרש׳נט אויפן שטייגער פון די אנדערע דרשנים. ער האט געשטראפט די בעל עבירה׳ניקעס און געמאלען פאר זיי דעם גיהנום מיט אלע זיינע גרוילהאפטיגקייטען. א גרויסע פארציע מוסר האט ער געהאט פאר די עם הארצים. זייער גרעסטע זינד האט געזאלט זיין, ווי דער בעל דרשן האט געזאגט, דאס וואס זיי טיילען ניט צו גענוג כבוד די תלמידי־חכמים. ער האט דערביי געבראכט א מאמר חז״ל צו באווייזען, אז די דאזיגע עם הארצים דערווארט א גאר שווערע שטראף אויפן עולם האמת.

אט די דרשה האט שווער געטראפען דעם פראסטען אבער גוטהא־ציגען ר׳ צדוק יחיאל׳ן. ער האט אנגעהויבען נאכטראכטען וועגען דעם, וואס דער בעל דרשן האט געזאגט. אויב אזוי, איז דאך קיין פעולה ניט וואס ער טוט גוטס! זיין גורל איז שוין סיי ווי א פארזיגעלטער. צוליב זיין עם־הארצות וועט ער זיך סיי ווי מיט גארניט קענען אויסקויפען. אויב אזוי האט ער כאטש, לפחות, געדארפט הנאה האבען פון דער וועלט. יענע וועלט איז דאך אים שוין געווען א פארלארענע.

# עח.

## דער בעל־שם־טוב ווערט מנהיג

**דער אורח וואָס האָט דעם עושר צוריק ארויפגעפירט אויפן וועג. — ר' ברוך דערגייט ווער דער ראש־ישיבה איז. — ר' ברוך פאָרט צום בעל־שם־טוב.**

פון דעם טאָג וואָס ר' צדוק יחיאל האָט געהערט יענע מוסר־דרשה, האָט ער זיך איינגאַנצן געביטען. ער האָט זיך אוועקגעקערט פון אידישקייט, וואָס ער האָט שטענדיג אָפגעהיט און האָט אָנגעהויבן לעבען א גוטען טאָג. קומענדיג, צוליב מסחר, שטענדיג אין פארבינדונג מיט פריצים און סתם רייכע גוים, האָט ער געהאט אַלע מעגליכקייטען צו פארברייננגען און לעבען א גוטען טאָג אויפ'ן שטייגער פון די פריצים און די אנדערע רייכע גוים.

אפילו די הנהגה פון זיין הויז איז געוואָרען אנדערש. מ'האָט דאָרט אָנגעהויבען הולטייעווען אויף גאָר ניט קיין אידישליכען שטייגער. מען האָט דאָרט געפראוועט הוליאנקעס און פארבראכט די צייט אין שכור'ן און אין שפילען קאָרטען.

ר' צדוק יחיאל האָט זיך איצט נאָר גע'חבר'ט מיט ליידאקעס, לצים און סתם „גוטע־ברידער". אין איין פרט האָט ער זיך ניט געענדערט: ער איז נאָך אַלץ געווען גוטהארציג און געטיילט צדקה מיט א ברייטער האַנט.

גראד האָט זיין עשירות געהאַלטען אין שטייגען, און כאָטש ער האָט מער ניט געהאַלטען פון קיין פרומקייט, האָט ער אָבער נאָך אַלץ געהאַלטען פון גוטסקייט.

וואָלט ער שוין מסתמא אזוי אויסגעלעבט אַלע זיינע יאָהרען. האָט ער אָבער געטראָגען א באהאַלטענעם צער אין הארצען. זיין ווייב האָט איהם ניט געבאָרען קיין קינדער און ר' צדוק יחיאל האָט שטארק געגארט האָבען קינדער. אויך זיין פלונית'טע האָט געבענקט נאָך קינדער.

— צו וואָס טויג אונז די עשירות? — פלעגט זי זיך אָפט באקלאָגען, — אז מיר וועלען עס אפילו ניט האָבען פאר וועמען איבערצולאָזען?

פאסירט אזא מעשה:

קיין שווינציאַן קומט אן אורח וואָס האָט, דאכט זיך, גאָרניט געוואָלט, אז מ'זאָל זיך אויף איהם אומקוקען. מען האָט אָבער נאָר גע־

דארפט רעדען מיט איהם עטליכע ווערטער און מען האט באלד געקענט איינזעהן, אז מען האט דא צו טאן ניט מיט אבי־וועמען, כאטש ער האט בשום אופן ניט געוואלט מאכען פון זיך א וועזען, אדער, אז אימיצער זאל איהם מיט וואס ניט־איז מהנה זיין.

צי דאס איז געווען על פי צופאל, צי ער האט טאקע געהאט אן אויג אויף דעם וואויל־יונגערישען אבער גוט־הארציגען ר׳ צדוק יחיאל׳ן, דער אורח האט אויף דעם קינדערלאזען עושר געמאכט א טיפען רושם מיט זיינע רייד און מיט זיין צוגאנג צו פארשידענע ענינים.

אנשטאט אז דער אורח זאל זיך צו ר׳ צדוק יחיאל׳ן, דעם הולטיים־קען גביר, באציהען ווי צו אן עם הארץ אויף וועמען דער אמאליגער בעל־דרשן האט געזאגט, אז ער וועט ניט האבען קיין חלק עולם הבא, האט יענער גאר צו איהם גערעדט ווי ער וואלט געווען א מענש מיט הויכע מדרגות, אויב ניט צוליב עפעס אנדערש, איז עס צוליב דעם וואס ער טיילט אוים צדקה מיט א ברייטער האנט.

— צדקה איז א גרויסער ענין, — האט דער אורח מסביר געווען ר׳ צדוק יחיאל׳ן, — בכלל איז אידישקייט גיכער אן ענין פון מעשים טובים איידער פון בלויז לערנען תורה: לא המדרש הוא העיקר אלא המעשה, זאגען די חכמים.

דערביי האט דער אורח גענוי מסביר געווען ר׳ צדוק יחיאל׳ן דעם געדאנק פון דאזיגען מאמר און אוועקגעלייגט די הנחה, אז דאס וואס א איד דארף האבען, זיינען אמונה אין אויבערשטען און א ריין הארץ. צוליב אמונה, האט דער אורח איהם געגעבען צו פארשטעהן, זיינען אידען אויס־געלייזט געווארען פון מצרים.

די דאזיגע רייד — דער היפוך פון דעם וואס ער האט געהאט גע־הערט פון דעם אמאליגען בעל דרשן, זיינען אריינגעדרונגען טיף אין ר׳ צדוק יחיאל׳ס געדעכעניש. ער האט דעם אורח אנגעהויבען מקרב צו זיין. ער האט איהם באזארגט מיט א דירה און איהם נאר געוואלט האבען לעבען זיך און ממש געשלונגען יעדעס ווארט וואס איז ארויס פון דעם אורח׳ס מויל.

די השפעה וואס דעם אורח׳ס רייד האבען געהאט אויף ר׳ צדוק יחיאל׳ן האט מען גאר איינגיכען געקענט זעהן. דער גביר האט זיך אנגע־הויבען דערווייטערען פון זיינע הולטייסקע גוטע־ברידער און האט זיך צוריק אנגעהויבען פיהרען אידישלעך און כסדר אלץ שטרעננער.

אין משך פון א פאר יאהר, איז ער שוין געווען א גרויסער ירא שמים.

אין א געוויסען טאג האבען ר׳ צדוק יחיאל און זיין פלונית׳טע זיך ארויסגעלאזט אויף א וויטער נסיעה צו א געוויסען מקובל, אט דער מקובל האט זיי געבענטשט מיט קינדער און די ברכה איז גאר אינגיכען מקוים געווארען. ר׳ יצחק יחיאל איז געווארען א טאטע.

שפעטער האט מען זיך דערוואוסט, אז דער אורח וואס האט ר׳ צדוק יחיאל׳ן ארויפגעבראכט אויפ׳ן דרך הישר, איז געווען איינער פון די וואנדערענדיגע נסתרים. דער אופן, ווי ער האט גערעדט צו ר׳ צדוק יחיאל׳ן און דעם אורח׳ס נייער דרך אין אידישקייט האבען געוואונען דעם עושר׳ס הארץ און איהם מחזיר למוטב געווען.

ר׳ צדוק יחיאל פלעגט זאגען, אז דער מגיד מיט זיינע שטראף רייד האט אים פארטריבען פון „בית ה׳", און דער צדיק, דער נסתר, מיט זיינע זיסע רייד, האט אים צוריקגעבראכט צום „בית ה׳".

— אז איך האב זיך דערוואוסט די דאזיגע געשיכטע — האט דער יונגער געהיימניספולער ראש ישיבה דערצעהלט ר׳ ברוך וויאזינער, — האב איך געקראגען גרוים דרך ארץ פאר די נסתרים. פון דעמאלט אן האב איך אויף מיינע וואנדערונגען געהאלטען אן אויג אויף זיי. איינינע פון זיי האב איך טאקע באגעגענט אונטערוועגנס. איך האב זיך תמיד צוגעהערט צו זייערע רייד און זיך צוגעקוקט צו זייער הנהגה. דער עיקר האט מיך אינטערעסירט צו וויסען ווי אזוי זיי האבען מעורר געווען די פשוט׳ע פאלקס־מענשען צו היטען די תורה.

פאר ר׳ ברוך׳ן איז דאס וואס דער יונגער ראש ישיבה האט איהם דערצעהלט וועגען די נסתרים ניט געווען קיין נייעס. ער האט גוט געוואוסט וואס די נסתרים טוען און ווי אזוי זיי זיינען משפיע אויף דעם פשוט׳ען פאלקס־מענשען. וואס ר׳ ברוך האט פון דעם אלעם ארויסגעדרונגען איז, אז דער יונגער עלוי איז גוט באקאנט מיט׳ן דרך פון די נסתרים און אז ער באציהט זיך צו זיי מיט פריינטליכקייט. עס איז אבער געווען קלאר, אז ער איז נאך ניט אינגאנצען באקאנט מיט זייערע מעשים און הנהגה.

ר׳ ברוך האט דערפאר בלויז אויסגעדריקט זיין באדויערען וואס ער, דער ראש ישיבה האט זיך אויף זיינע וואנדערונגען ניט באקאנט געהנטער מיט די נסתרים, אז ער זאל וויסען א סך מעהר וועגען זיי.

איינמאל איז אויף ר׳ ברוך׳ס גוט, לעבען סלוצק אנגעקומען איינער פון די נסתרים וועמען ר׳ מנשה ישראל האט גוט געקענט. יענער האט

באלד דערקענט דעם יונגען ראש ישיבה, וועלכער איז פאר ר׳ ברוך׳ן און פאר ר׳ מנשה ישראל׳ן געווען אזא רעטעניש.

— ווייסט איהר ווער ער איז? — האט דער נסתר געפרעגט ר׳ מנשה ישראל׳ן, — דאס איז דאך דער גאון ר׳ אהרן יעקב פון פינטשאוו. מען רופט איהם דער פינטשאָווער עילוי און ער שטאמט פון גרוים יחוס.

דער נסתר האט דאן דערצעהלט אלץ וואס ער האט געוואוסט וועגען דעם יונגען עלוי, אז ער איז געווען פופצעהן יאהר אלט האט ער שוין גע׳שם׳ט פאר זיין גאונות. צו דריי־און־צוואנציג יאהר האט מען איהם אנגעבאָטען דעם כסא הרבנות אין פּאָלאָצק, אויפ׳ן אָרט פונ׳ם באוואוסטען גאון ר׳ צבי.

פארשטעהט זיך, אז ר׳ מנשה ישראל האט עס באלד איבערדער־צעהלט צו ר׳ ברוך׳ן, אָבער ביידע האָבען עס געמוזט האלטען ווי א סוד. זיי האָבען דעם יונגען גאון ניט געוואָלט ווייזען מיט קיין זאך, אז זיי האָבען אויסגעפונען זיין סוד. דער אָפּמאך מיט איהם איז דאך געווען, אז מ׳זאָל איהם ניט פרעגען ווער ער איז און קיינער זאָל ניט פּרובירען זיך נאָכפרעגען וועגען איהם. אנדערש האט ער ניט געוואָלט בלייבען אין דער ישיבה פאר די צוויי באשטימטע יאָהר וואס ער האט געהאט צו בלייבען אין דער פרעמד נאָך זיין אָפּריכטען גלות.

אז די צוויי יאָהר זיינען פאַראיבער האט ר׳ אהרן יעקב, דער יונגער ראש ישיבה, געלאָזט וויסען ר׳ ברוך׳ן, אז די צייט איז געקומען אז ער זאָל פארלאָזען די ישיבה און זיך צוריקקערען צו זיין משפחה. ר׳ ברוך האט איהם אָנגעבאָטען א באדייטענדיגען סכום געלד פאר שכר לימוד. ער האט זיך אָבער אנטזאגט צו נעמען אפילו א פּרוטה.

— אויב אזוי, — האט ר׳ ברוך געהאט אן אנדער אָנבאָט, — שלאָג איך אייך פאָר, אז איהר זאָלט דאָ ווערען א שטענדיגער ראש ישיבה. איך וועל אייך באזארגען מיט אלע אייערע הצטרכות׳ן. איך וועל שיקען נאָך אייער משפּחה און אויף מיינע הוצאות אלעמען אהער ברענגען.

ר׳ אהרן יעקב האט אָנגענומען דעם אָנבאָט צו ווערען ראש ישיבה, אָבער די משפחה, האט ער געזאָגט, וועט ער אליין ברייננגען. ער האט ניט געוואָלט אז דורך שיקען שלוחים זאָל מען זיך דערוויסען צופיל וועגען זיין גרויסען יחוס.

עטליכע חדשים זיינען פאַראיבער און ר׳ אהרן יעקב האט זיך צוריק־געקערט מיט זיינע בני בית. ר׳ ברוך האט דאן איבערגעגעבען די ישיבה

אין זיינע און אין ר' מנשה ישראל'ס הענט. ר' ברוך אליין האָט באַש־לאָסען צו דערפילען זיין אלטען וואונש — צו פאָהרען צו ר' אדם בעל שם און לערנען ביי איהם תורה און מעשים טובים.

ביי ר' יואל'ן, דעם בעל שם פון זאמאָשטש האָט ר' ברוך געהאט פארבראכט א לענגערע צייט. איצט האָט ער אויך געוואָלט פארברענגען א לענגערע צייט ביי ר' יואל'ס ממלא מקום, ר' אדם'ן, וועמען ער האָט געהאט געזעהן אין סלוצק, אויף ר' אדם'ס באזוך, אָבער האָט דאמאָלט קוים געהאט א שעת הכושר מיט איהם זיך צו באקענען.

ר' ברוך האָט דאן אויך געהאט באשלאָסען איבערצוגעבען ר' אדם'ן א גרויסען טייל פון זיין פארמעגען אויסצוהאלטען די נסתרים. אין צוגאָב האָט ער אויפ'ן וועג צו ר' אדם'ן אויך מיטגענומען אן אנדער סכום געלד, כדי אליין צו קענען פארטיילען אויף צדקה.

דריי יאָהר איז ר' ברוך געווען אוועק פון דעם היים. אין יאָהר תפ"ב האָט ער זיך צוריקגעקערט. ביי ר' אדם בעל שם, וועלכער האָט געהאט זיין היים אין ראפשיץ, האָט ר' ברוך פארבראכט אכט חדשים צייט. ער האָט ביים בעל שם געלערנט קבלה און זיך אויך באקאנט מיט די סאמע וויכטיגסטע נסתרים און מקובלים, דעם בעל שם'ס תלמידים.

ר' ברוך האָט ר' אדם'ן דערצעהלט וועגען דעם גאונישען ראש ישיבה זיינעם ר' אהרן יעקב און איהם איבערגעגעבען דעם טעם פארוואָס ער, ר' אהרן יעקב, וויל ניט לערנען דעם אר"י'ס קבלה — ווייל ער האלט, אז אין דער לעהרע פון אר"י זאָלען זיך האָבען אריינגעכאפט גרייזען ווען דאָס איז איבערגעשריבען געוואָרען.

אויף דעם האָט ר' אדם בעל שם גאָרניט געענטפערט. ר' ברוך האָט אָט דעם שטילשווייגען פון בעל שם געהאלטען פאר א פלא.

ווען ר' ברוך איז אלט געוואָרען זיבעציג יאָהר איז ער ווידער געפאָהרען צו ר' אדם בעל שם. דאָס מאָל האָט זיין נסיעה געדויערט נאָר א יאָהר. דערווייל איז נפטר געוואָרען ר' מנשה ישראל, דער מנהל פון דער ישיבה, און ר' ברוך האָט זיך פון דעם שטארק מצער געווען. ער האָט ר' מנשה ישראל'ן געהאלטען פאר זיין נאָהענטסטען פריינט.

אין פינף יאָהר ארום האָט ר' ברוך געקראָגען צו וויסען, אז ר' אדם בעל שם האָט זיך אליין אָפגעזאָגט אלס מנהיג פון די נסתרים און האָט די הנהגה איבערגעגעבען צו ר' ישראל בעל שם טוב, וועלכער האָט דאמאָלט געהאט זיין היים אין טלוסט.

ווי עס איז דאמאלס דערצעהלט געווארן האט ר' אדם בעל שם געהאט געזאגט, אז זיין רבי, אחיה השילוני, האט איהם געלאזט וויסען, אז אין הימעל וויל מען, אז ר' ישראל בעל שם טוב זאל ווערען דער מנהיג הדור.

איצט, אז די הנהגה פון די נסתרים איז איבערגעגאנגען אין נייע הענט, האט ר' ברוך געקראגען חשק צו פארען צום נייעם מנהיג — צו ר' ישראל בעל שם טוב אין טלוסט.

צי דאס איז געווען צוליב זיין הויכען עלטער, צי צוליב אנדערע טעמים, ר' ברוך האט די נסיעה געמאכט ניט אליין. ער האט אויך מיטגע־נומען זיינע צוויי זיהן. ער האט געוואלט, אז אויך זיינע זיהן זאלען זיך באקאנען מיט'ן נייעם מנהיג און זיין שיטה.

שטארק פארוואונדערט זיינען ר' ברוך און זיינע צוויי זיהן געווען, וואס ווען זיי זיינען אריבער די שוועל פון דעם בעל שם טוב'ס חדר, האט דער צדיק זיי באלד געזאגט ווער זיי זיינען און אלץ וואס ס'האט מיט זיי פאסירט אין זייער לעבען.

דער בעל שם טוב האט אנגעזאגט ר' ברוך'ן, אז באלד ווי ער וועט זיך צוריקקערען אהיים זאל ער אנהויבען מאכען הכנות צו פאהרען קיין ארץ ישראל. ער האט איהם פארגעזאגט אריכת ימים אין הייליגן לאנד.

# עט.

## דער בעל־שם־טוב אין סלוצק

**ר' ברוך לאזט איבער די ישיבה צו זיינע זין און פארט קיין ארץ־ישראל. — דער בעל־שם־טוב זארגט וועגן פרנסה פאר אידן. — א חסידישע ישיבה אין סלוצק.**

ר' ברוך וויאזינער און זיינע צוויי זיהן האבען פארבראכט ביי ר' ישראל בעל שם טוב אין טלוסט א חודש צייט.

ווען זיי האבען זיך צוריקגעקערט אהיים, אויף זייער גוט ביי סלוצק, האט ר' ברוך באלד זיך אנגעהויבען גרייטען אין וועג אריין קיין ארץ ישראל, ווי דער בעל שם טוב האט איהם געהאט אנגעזאגט.

ער און זיינע זיהן זיינען שוין געווען פולשטענדיג באקאנט מיט'ן חסידישען דרך פון ר' ישראל בעל שם טוב.

ר' ברוך האט איצט, אויף דאס ניי איבערגעגעבען זיינע עסקים און זיין פארמעגען צו די זיהן. ער האט זיי אויך איבערגעגעבען זיין גייסטיגע ירושה — די ישיבה.

אט די ישיבה איז שוין געווען פערציג יאהר אלט. בעת פריהער האט זי צוגעגרייט תלמידים וואס זאלען קענען פארנעהמען די שיטה פון די נסתרים און די מקובלים, האט זי איצט אנגעהויבען צוגרייטען תלמידים וואס זאלן פארנעהמען די שיטה פון חסידות.

ר' ברוך האט אנגעזאגט זיינע זיהן אז זיי זאלען פיהרען די ישיבה אין זעלביגען גייסט ווי ער האט זי געפיהרט און אז זיי זאלען אויך בלייבען נאכפאלגער פון ר' ישראל בעל שם טוב.

לפחות איין מאל אין דריי יאהר האבען זיי געזאלט פאהרען צום בעל שם טוב.

אז ר' ברוך האט זיך אפגעפארטיגט מיט אלע זיינע הכנות פאר זיין נסיעה קיין ארץ ישראל, האט ער פארלאזען זיין גוט און איז ווידער גע־פאהרען צום בעל שם טוב, נאכהער ווי ער האט פארבראכט ביים בעל שם טוב פיר וואכען צייט, איז ער פון דארט געפאהרען קיין ארץ ישראל.

דער בעל שם טוב האט איבערגעגעבען ר' ברוך'ן א סך שליחות'ן קיין ארץ ישראל. עס איז אבער ניט געגוי באקאנט וואס אט די שליחות'ן זיינען געווען. עס איז אויך ניט באקאנט וואס עס האט מיט ר' ברוך'ן ווייטער פאסירט אין הייליגען לאנד.

מען קען זיך משער זיין, אז ר' ברוך האט אין הייליגען לאנד פאר־שפרייט דעם נייעם דרך פון בעל שם טוב און האט זיך אפט דורכגעשריבען מיט'ן בעל שם טוב.

עס איז קיין דריי יאהר ניט אוועק און ר' ברוך'ס זיהן זיינען ווידער געפאהרען קיין טלוסט צום בעל שם טוב, ווי זייער פאטער האט זיי אנגע־זאגט. דער בעל שם טוב האט פאר זיי געהאט א וויכטיגע עובדא.

ער האט זיי אנגעזאגט, אז ווען זיי וועלען זיך צוריקקעהרען אהיים, זאלען זיי אפדינגען די גיטער פון פרינץ ראדזיוויל מיט די טייכען, וועלען, קרעטשמעס, ציגעלניעס און אלע אנדערע איינריכטונגען. אט די גיטער זאלען באנוצט ווערען דארט צו באזעצען אידען כדי יענע זאלען האבען א מקור פאר פרנסה.

— אז אידען וועלען האבען פרנסה — האט דער בעל שם טוב געזאגט, — וועלען זיי בעסער זיך קענען אפגעבען מיט דינען דעם אויבער־שטען.

דער בעל שם טוב האָט ר׳ ברוך׳ס זיהן אויך אָנגעזאָגט, אז עס איז געקומען די צייט, אז זיי זאָלען די ישיבה איבערפיהרען קיין סלוצק גופא.

סלוצק, די שטאָדט פון מתנגדישע קנאים, פריהער מתנגדים פון די נסתרים און מקובלים און שפעטער פון די חסידים, האָט זיך שוין געהאט א סך געענדערט. מען האָט שוין מעהר ניט אזא ישיבה ווי די וואָס ר׳ ברוך און זיינע זיהן האָבען אזוי לאנג אויסגעהאלטען, געדארפט האָבען ווייט אוועק פון סלוצק. מען האָט שוין געקענט די ישיבה האָבען אין סלוצק גופא און פאר קיינעם מעהר קיין מורא ניט האָבען.

דאָס האָבען ר׳ ברוך׳ס זיהן טאקע געטאָן. זיי האָבען אין סלוצק אויפגעבויט א גרויסען מויער וואוהין זיי האָבען אריבערגעטראָגען די ישיבה.

אין חודש סיון פון יאָהר ת״ק איז פאָרגעקומען דער חנוכת הבית פון דעם דאָזיגען בנין.

א גרויסער יום טוב איז געפראוועט געוואָרען צו דער געלעגענהייט.

ר׳ ברוך׳ס זיהן האָבען אויסגעדריקט א וואונש, אז ר׳ ישראל בעל שם טוב זאָל קומען צום חנוכת הבית פון דער ישיבה. עס איז געווען דער שעת הכושר, אז מתנגד׳ישע סלוצק זאָל זיך באקענען מיט׳ן מנהיג פון דער נייער חסידישער שיטה.

דער בעל שם טוב האָט צו דעם מסכים געווען און איז ארונטער־געקומען קיין סלוצק און איז דאָרט פארבליבען א חודש צייט.

סלוצק איז שוין מעהר ניט געווען די זעלביגע ווי אין דער צייט, ווען ר׳ אדם בעל שם איז דאָרט געווען. די קנאים זיינען איהם ניט באפאַ־לען. אויב אין שטאָדט זיינען נאָך אלץ געווען מתנגדים, האָבען זיי אָבער ניט געהאַט די העזה און אויך ניט דעם כח ארויסצוטרעטען מיט שטורם געגען בעל שם טוב און זיינע חסידים.

אין דעם חודש צייט וואָס דער בעל שם טוב האָט פארבראכט אין סלוצק, זיינען צו איהם געקומען זיינע חסידים פון ווייט און פון נאָהענט.

סלוצק איז געוואָרען א צוזאמענטרעף־אָרט פאר די חסידים. דאָרט האָבען זיי אויך געהערט נייע תורה׳ס פונ׳ם בעל שם טוב און זיינע נאָ־הענטע תלמידים האָבען יעדער באקומען נייע שליחות׳ן.

קיין סלוצק זיינען דאמאָלט אויך געקומען צום בעל שם טוב די באהאלטענע חסידים פון שטעטעל הארקי, פון וואנען עס האָט געשטאמט

ר' יצחק שאול, דער איידים פון דעם שמיד אין דאבראמיסעל, פון וועמען ברוך, דער פאטער פונ'ם קינפטיגען גרינדער פון חב"ד, האט געשעפט זיינע ערשטע ידיעות וועגען בעל שם טוב און זיין נייע שיטה אין עבודת הבורא.

פון דעם, וואס ברוך האט געהערט פון ר' יצחק שאול'ן, איז אויך ר' ניסן, ר' יצחק שאול'ס טאטע געקומען צום בעל שם טוב אין סלוצק.

ר' ניסן האט דאמאלט געהאט פארשריבען א סך תורה'ס פונ'ם בעל שם טוב און האט זיי כסדר געהאלטען אין איבער'חזר'ן. אט די תורה'ס האט איצט ר' יצחק שאול אויך איבערגעזאגט פאר דעם יונגען ברוך'ן.

אויף אזא אופן האט ברוך מיט אמאל זיך דערפיהלט פארבונדען, לפחות דערנעהנטערט, צום בעל שם טוב און זיינע חסידים.

דער גאנצער סדר ווי אזוי די הנהגה פון די נסתרים און די מקור־בלים איז געקומען צום בעל שם טוב איז קלאר געווארען פאר ברוך'ן. ער האט שוין אויך געהאט א ידיעה ווי אזוי חסידות איז אויסגעוואקסען פון די פריערדיגע נסתרים און מקובלים און וואס ר' ישראל בעל שם טוב האט דא מחדש געווען.

ר' ברוך וויאזינער, וועגען וועמען ר' יצחק שאול האט איהם געהאט דערצעהלט אזוי פיל, איז פאר דעם יונגען ברוך'ן געווארען דאס רינגעלע וואס האט פאר איהם פארבונדען עטליכע דורות פון בעלי שם, אנפאנגענדיג מיט ר' אליהו דעם בעל שם פון ווירמייזע, דאן זיין ממלא מקום ר' יואל דער בעל שם פון זאמאשטש, פון וועמען די הנהגה איז אריבער צו ר' אדם בעל שם פון ראפשיץ און צולעצט צו ר' ישראל בעל שם טוב אליין, אונטער וועמענס הנהגה חסידות האט געקראגען פרסום און האט אנגעהויבען פארשפרייט צו ווערען אין די אידישע תפוצות.

דער יונגער ברוך האט איצט געהאט א סך נאכצוטראכטען. האט ער טאקע שוין געפונען דעם נייעם דרך אין עבודת הבורא, וואס ער האט אזוי געזוכט?

איז טאקע ר' יצחק שאול, דער יונגער איידים פון א פשוט'ן שמיד און איינער וואס האט זיך אליין גענומען צו זיין שווער'ס מלאכה, געווען דער וועמען דער אויבערשטער האט אויסגעקליבען איהם צו ברייננגען אויפ'ן דרך החסידות?

ברוך האט שוין לאנג געהאט געפילט, אז ער דארף דווקא ניט געהן צו די וואס שם'ן פאר זייער לומדות און גרויסען זיך מיט זייער תורה,

אויסצוגעפינען דאָס וואָס זיין יונגע נשמה האָט געוואָלט וויסען. ער האָט דעם ענטפער אויף אַ סך שאלות, וואָס האָבען איהם געמאַטערט, אָפט געפונען ביי פשוט'ע אידען — אידען מיט הארץ און געפיהל.

אין ר' יצחק שאול'ן האָט ער געפונען אַלץ וואָס זיין הארץ האָט געגאַרט. ער איז געווען אַ למדן, אַ צדיק און דערצו איינער מיט זעלטענע מדות טובות. ער האָט ניט געוואָלט מאַכען תורה פאַר אַ „קרדום לחפור בה", און האָט פאַרדינט זיין ברויט „בזיעת אפיו" דורך ארבייט אין זיין שווער'ס קוזניע.

ער האָט געהאַט אַזוי פיל צו דערצעהלען, אַזוי פיל צו אַנטפּלעקען. און ברוך האָט עס אַלץ פאַרנומען. ווי אַ דורשטיגער האָט ער פאַרשלונגען אַלע רייד פון דעם יונגען שמיד, וועלכער איז געווען אַ פייערדיגער חסיד פון ר' ישראל בעל שם טוב.

האָט ברוך נאָך גענדאַרפט ווייטערדיגע ידיעות?

אפשר האָט ער גאָר געזאָלט אַליין זיך אוועקלאָזען צום בעל שם טוב?

ער איז נאָך געווען אַזוי יונג. ער האָט געהאַט פאַרלאָזען זיין אייגענע פאַמיליע, זיין שוועסטער דבורה לאה'ן וועלכע האָט שטאַרק געוואָלט, אַז ער, ברוך, זאָל זיין פסח ביי איהר אין וויטעבסק וואו זי האָט געוואוינט מיט איהר מאַן ר' יוסף יצחק, דער ראש ישיבה.

ברוך האָט איהר און איהר מאַן אויסגעמידען. ער האָט קוים אַליין געוואוסט פאַרוואָס. איהם האָט געצויגען קיין דאַבראָמיסעל צום שמיד און זיין איידים ר' יצחק שאול, פון וועמען ער האָט געקענט הערען וועגען חסידות און איהר מנהיג.

ברוך'ן האָט זיך געדוכט, אַז ער האָט דאָ אויפגעדעקט אַ נייע וועלט, וועלכע וואָלט אַנדערש געבליבען פאַר איהם פאַרבאָרגען.

אין אמת'ן וואָלט ער פון זיין אייגענער שוועסטער און טאַקע אויך פון איר מאַן, אויב ער וואָלט זיך נאָר מיט זיי נאָהענטער באַקאַנט, גע־קענט האָבען אויסגעפונען, אַז זיין גאַנצע משפחה האָט געהאַט אַ שייכות מיט אָט די שיטות אין אידישקייט וואָס האָבען צוגעגרייט דעם וועג און ממש דערפיהרט צו דער שיטה פון חסידות.

ברוך'ס גלוסטונג צו וואַנדערען האָט איהם אוועקגענומען אין דער פרעמד ווען ער איז נאָך געווען אַ יונגער אינגעל, אַ קיילעכדיקער יתום. אָבער זיין אייגענע שוועסטער וואָלט איהם געקענט גאָר אַ סך דערציילען

וואָס וואָלט איהם צוניץ געקומען אין זיינע זוכענישען פאר עפעס וואָס זאָל איהם אריינגעבען א נייעם רוח חיים און א נייע פארשטענדיגונג פאר דער תורה און איהרע מצוות.

ברוך איז ניט נאָר געבליבען פרעמד צו דער טראדיציע פון זיין משפחה נאָר אויך צו זיין איינציגע שוועסטער וועלכע האָט אָט די טראדיציע געהאט אין איהר זכרון און טאקע אויך בכתב אזוי אז זי האָט תמיד געקענט דערצעהלען די פארכאפענדיגסטע געשיכטעס וועלכע וואָלטען פאר ברוך'ן ממש געווען אן אנטפלעקונג.

## פ.

## אַ לומדישע פרוי און איר טאָכטער

**ר' ברוך, דער פאָטער פון בעל התניא, און זיין שוועסטער דבורה־לאה. — זייער פאָטער ר' שניאור זלמן. — זייער מוטער רחל. — זייער זיידע ר' ברוך בטלן. — אַ מעשה נורא אין פויזען.**

ווען ברוך, דער פאָטער פונ'ם קינפטיגען גרינדער פון חב"ד'ישער חסידות, ר' שניאור זלמן זצ"ל, דער „בעל התניא", האָט זיך אָנגעהויבען באקענען מיט דעם דרך פון חסידות, האָט ער נאָך קוים געוואוסט, אז איי־גענטלעך איז חסידות פארוואָרצעלט אין פריערדיגע דורות און איז דער פועל־יוצא פון א לאנגען פראָצעס פון אנטוויקלונגען.

גאָר ווייניג האָט ער געוואוסט, אז זיין אייגענע משפחה האָט פאר א משך פון דורות געהאט צוגעגרייט דעם באָדען פאר חסידות ווי אָט די לערע איז שפעטער אנטפלעקט געוואָרען דורך ר' ישראל בעל שם טוב. ברוך איז אוועק פון דערהיים ווען ער איז געווען נאָך גאָר א יונגער אינגעל. ער האָט אפילו ניט געהאט קיין שעת הכושר זיך צו באקענען מיט זיין שוועסטער דבורה לאה'ן, וועלכע האָט גראָד יאָ געוואוסט וועגען די אלע זאכען און וואָלט פאר אים געווען א קוואל פון ידיעות.

דבורה לאה, וואָס איז געווען פארהייראט צום וויטעבסקער ראש ישיבה ר' יוסף יצחק, איז געווען אַ מערקווירדיגע פרוי, אַן אמת'ע צדקנית און א גרויסע מלומדת. פון איר סאמע קינדהייט האָט זי אין זיך איינגע־זאפט קדושה און האָט זיך געפירט לויט די שענסטע מידות ווי זיי ווערען געלערענט דורך אונזערע חכמים.

ווען זי איז נאָך געווען א מיידעל פון א יאָהר זיבעןְ־אכט האָט זי שוין ארויסגעוויזען איהר גוט־הארציגקייט און איינזעעניש פאר אנדערע. זי פלעגט ארויסהעלפען די שכנישע אָרימע פרויען מיט זייער הויז־ארבעט און מיט ניאנטשען זייערע קינדער. פון העלפען איהר אייגענער מוטער איז קיין רייד ניט געווען. זי איז געווען געהאָרכזאם און גוטהארציג. זי האָט אפילו געהאט גרויס איינזעעניש מיט דער ציג וואָס זייערע עלטערן האָבען פאר־מאָגט. דבורה לאה פלעגט איהר טרייבען אין פעלד אריין און פארנאכט ברענגען זי צוריק אין הויז. זי האָט דער ציג צוגעזעהן ווי זי וואָלט געווען א צוויי־פיסיגע באשעפעניש.

אז דבורה לאה איז אלט געוואָרען צעהן יאָהר, איז זי שוין געווען די גאנצע באלעבאָסטע אין הויז. מען האָט אויף איהר געזאָגט, אז זי האָט „גאָלדענע הענט". זי איז געווען די אמת'ע עקרת הבית. שכנים האָבען זיך ממש מיט איר געבענשט.

איהר גוטהארציגקייט האָט געהאט א שם. דער פאָטער, ר' שניאור זלמן, וועמען מען האָט גערופען דער פויזנער מלמד, האָט פון זיין מלמדות קוים פארדינט געגנוג אויף חיונה. ווען אן אָרעמאן איז געקומען פאר א נדבה איז זעלטען געווען א מטבע איהם צו געבען.

אין אזא פאל האָט מען אן אָרעמאן געגעבען א שטיקעל ברויט. אָבער אויך ברויט האָט געפעלט אין הויז. דאָס ביסען ברויט איז געווען אן אויסגעציילטער.

דבורה לאה איז תמיד געווען די ערשטע אָפּצוגעבען אן אָרימאן איהר „המוציא" ברויט, באמערקענדיג דערביי, אז זי איז ניט הונגעריג אָדער, אז זי האָט שוין געגעסען. פלעגט זי דערפאר אָפט אונטערהונגערען, אָבער זי האָט עס קיינמאָל ניט ארויסגעוויזען וואָרום זי איז תמיד געווען מונטער און פריילעך, גרייט צו טרייסטען און דערמוטיגען יעדען מר נפש.

א חוץ וואָס זי האָט אָפט אונטערגעהונגערט דערפאר וואָס זי האָט אָרימעלייט אוועקגעגעבען איהר ברויט, האָט זי אויך ניט געהאט קיין רוה, ווייל זי האָט תמיד געהאט אימיצען ארויסצוהעלפען מיט דער הויז־ארבייט.

פונדעסטוועגען האָט איהר פנים געלויכטען. איהר פנים האָט אויך אָפּגעשפּיגעלט דעם גאנצען אידישען אָדעל.

ווען זי האָט געהאט פרייע צייט איז זי אין די זומער־טעג געזעסען אויפ'ן גאניק און עפּעס גענייט אָדער פארלאטעט. פאראיינם האָט זי זיך צוגעהערט ווי דער שכן ר' נח, א דרדקי מלמד, לערנט מיט די קינדער.

איהר אייגענער פאָטער, וועלכער האָט געלערנט מיט גמרא־אינגלעך, איז געווען איבער איהר השגה. דערפאַר אָבער האָט זי געקענט פארנעמען אלץ וואָס ר׳ נח האָט געלערנט מיט זיינע תלמידים. אזוי האָט זיך דבורה לאה אויסגעלערנט די תפילות און דעם פירוש־המילות פון געוויסע פסוקים. זי האָט דערנאָך אליין געקענט אריינקוקען אין א סידור, דערנאָך אין א חומש און שפעטער אין גאנץ תנ״ך.

איהר פאָטער ר׳ שניאור זלמן, האָט געהערט צו די וואָס האָבען געהאלטען, אז מיידלעך דארף מען ניט לערנען קיין תורה. פון זיין זייט וואָלט דבורה לאה אפילו ניט געדארפט קענען קיין עברי. דבורה לאה האָט פון דעם געהאַט גרויס צער. זי האָט זיך אָנגעכאַפּט אין דער געלעגנהייט וואָס דורך צוהערען זיך צו דעם דרדקי מלמד ר׳ נח׳ן, האָט זי זיך אויסגע־לערנט דאָס וואָס זי האָט אזוי שטארק געגארט צו קענען.

דאָס איז אָבער פאר איר ניט געווען גענוג. ערשט איצט האָט זיך אין איהר דערוועקט א תשוקה צו לערנען. אָבער ווי אזוי וועט זיך פאר איר עפענען די טיהר צו תורה? פון איהר פאָטער האָט זי געמוזט באהאלטען אפילו וועגען דאָס ביסעל וואָס זי האָט זיך אויסגעלערנט צוהערענדיג זיך ווי ר׳ נח לערנט מיט די תלמידים.

איהר מוטער, רחל, איז גראָד געווען א למדנית, אָבער אויך זי, רחל, האָט מיט איהר ניט געלערנט.

דבורה לאה איז אָפטמאָל געווען געפּלעפט פארוואָס איהר מוטער קימערט זיך ניט, אז זי זאָל אויך ווערען א למדנית. פון דער צווייטער זייט האָט זי זיך געוואונדערט ווי אזוי דאָס קומט אז איהר מוטער׳ס טאטע האָט יאָ מעגלעך געמאכט אז זיין טאָכטער זאָל לערנען תורה, בעת איהר אייגע־נער טאטע, רחל׳ס מאן, איז לחלוטין געגען, אז זיין טאָכטער זאָל עפּעס לערנען!

אז איהר מוטער איז א למדנית און טאקע פון גאָר א גרויסען פאָרנעם, האָט דבורה לאה זיך שנעל דערקונדיגט. יעדעס מאָל ווען ר׳ שניאור זלמן איז ניט געווען אין דערהיים פלעגט רחל נעמען א ספר און לערנען מיט גרויס כוונה. פון אָנפאנג האָט דבורה לאה גאָרניט געוואוסט וואָס פאר א ספר דאָס איז. שפעטער האָט זי אויסגעפונען, אז דאָס איז געווען א גמרא.

רחל פלעגט לערנען גמרא מיט׳ן זעלביגען ניגון און מיט דער זעל־ביגער התמדה ווי מאנסבילען.

דבורה־לאה פלעגט זיצען אין א ווינקעל און עפעס נייען אָדער „פארצירעווען" א זאך בעת איהר מוטער איז געזעסען איבער דער גמרא און געלערנט מיט גרוים מתיקות און התמדה. דבורה לאה פלעגט דאמאָלט פילען א קנאה צו איהר מוטער. עס האָט איהר געעגבערט אין מח די שאלה, פארוואָס איהר מוטער קימערט זיך ניט, אז אויך זי זאָל לערנען. דבורה לאה'ן פלעגען זיך דאמאָלסט שטעלען טרערען אין די אויגען.

איינמאָל האָט עס דבורה לאה'ן אזוי פארדריקט ביים הארצען, אז זי האָט זיך צעוויינט, אָבער שטילערהייט אום ניט צו שטערן איר מוטער, דעריבער איז זי אויך אריין אין אַ צווייטען חדר און דאָרט זיך שטארק פאנאנדערגעוויינט. די מוטער, זעענדיג אַז איר טאָכטער פארזאמט זיך אין חדר שני, איז צו איר אריינגעגאנגען, און זעענדיג דבורה לאה'ס רויטע פארוויינטע אויגען איז זי געוואָרען זייער דערשראָקען און צוטומעלט, און פרעגט ביי איר: וואָס איז דיר, וואָס וויינסטו, טאָכטערשע?

דבורה־לאה האָט צום ערשט, צוליב כיבוד אם, ניט געוואָלט דער־ציילען איר מוטער די אמת'ע אורזאך פון איר וויינען, אָבער נאָכקומענדיג איר מוטער'ס פארלאנג האָט זי פאר איהר געעפנט דאָס הארץ:

ווי קומט עס וואָס זי, רחל, קען יאָ תורה, און איהר, דבורה לאה'ן, לערנט מען ניט, און דאָס ביסעל וואָס זי קען האָט זי געמוזט אויפכאפען אליין?

רחל האָט איר טאָכטער צוגעטוליעט צו זיך און איהר געגעבען א לאנגע אויפקלערונג וועגען אָט דעם ענין.

איהר פאָטער, עס הייסט דער זיידע, ר' ברוך פון פויזען אָדער ווי מען האָט איהם גערופען ר' ברוך בטלן, האָט געהאלטען פון א גאָר אנדער שיטה ווי ס'האלט ר' שניאור זלמן, דבורה לאה'ס פאָטער, וואָרום עס האָט געהערשט א צעטיילונג אין די שיטות בנוגע חינוך, באזונדערס בנוגע דעם חינוך פון מיידלעך.

ר' ברוך בטלן, רחל'ס פאָטער, האָט דבורה לאה זיך דערוואוסט צו איהר שטוינען, איז געווען א נאָכפאָלגער פון ר' אליהו בעל שם פון וויר־מייזע. ער האָט זיך שפּעטער אָנגעשלאָסען אין די מקובלים און נסתרים און איז געוואָרען א נאָכפאָלגער פון ר' יואל'ן, דעם בעל שם פון זאמאָשטש.

רחל האָט פאראיינס שוין אויך דערציילט איהר טאָכטער א מעשה נורא וואָס האָט זיך פארלאָפען אין פויזען פונוואנען די משפחה האָט געשטאמט. די מעשה, האָט רחל דערציילט, איז געווען פארשריבען אין פויזנער פנקס.

ר' ברוך בטלן האָט מיט זיין משפחה דאמאָלט געוואוינט אין א דירה אויף דער פּאָרטוגאַלער גאס אין פּויזען. גערופען האָט מען די גאס מיט אָט דעם נאָמען דערפאר וואָס די מערסטע באוואוינער פון גאס זיינען געוועזן די גולי פּאָרטוגאל, אידען וואָס זיינען אנטלאָפען פון יענעם לאנד צוליב דער אינקוויזיציע.

די גאס איז געוועזן א שיינע, די הייזער אימפּאָזאנטע. דאָס הויז וואו ר' ברוך בטלן האָט געהאט זיין דירה האָט געהערט צו א געוויסען גאָלד־שמיד, אביגדור טוביה און זיין ווייב שרה גיטעל. אחוץ דעם בעל הבית פון הויז, האָבען דאָרט געוואוינט נאָך זיבען משפחות, אלע בעל הבית'שע מענשען, פרומע און לומדישע אידען. ר' ברוך בטלן האָט אין הויז געהאט אָפּגעוואוינט גאנצע דרייסיג יאָהר.

אביגדור טוביה, דער בעל הבית פון הויז, איז גראָד ניט געוועזן אזא לייטישער ווי זיינע שכנים. ער איז געוועזן א קאָרטען שפּילער און האָט האָלט געהאט דעם ביטערען טראָפּען.

אין משך פון א קורצער צייט זיינען מאן און ווייב געשטאָרבען. קיין קינדער האָבען זיי ניט געהאט. איז זייער דירה געבליבען ליידיג.

באלד אָבער האָט זיך צוטראָגען איבער'ן הויז און טאקע איבער דער גאנצער גאס, אז אין אָט דער ליידיגער דירה פונ'ם פארשטאָרבענעם פּאָרעל, האָבען זיך פארקליבען ניט־גוטע, רחמנא לצלן.

קיין ראיות האָט מען פאר דעם ניט געדארפט. ווארום יעדער איינער אין דער שכונה האָט געוואוסט, אז עפּעס טהוט זיך דאָרט אויף טיש און בענק.

ווי נאָר עס איז צוגעפאלען די נאכט, האָט מען פון דאָרט געהערט ווילדע געשרייען ווי פון מענשען וואָס שכור'ן און הוליענען אויף א הול־טייסקען אופן. מען האָט געהערט א טאָפּטשען פון פיס און א פּליאסקען פון הענט, ווי פון באזויפענע מענשען וואָס לאָזען זיך אוועק אין א ווילדען טאנץ. מען האָט אויך געהערט שפּילען און זינגען.

איז דאָס גאנצע הויז געגאנגען כאָדאָראָם. די שכנים האָבען קיין רוה ניט געהאט. זיי האָבען דורך די נעכט ניט געעקנט צוטאָן מיט אן אויג.

ר' ברוך בטלן איז געוועזן דער ערשטער וואָס האָט אָנגעהויבען זוכען א נייע דירה. אין עטליכע חדשים ארום האָט ער זיך אויפגעבויט אן אייגען הויז אויף דער שוהל גאס און האָט זיך דאָרט מיט זיין משפחה אריבערגעקליבען.

ר' ברוך האָט זיך נוהג געווען, איינמאָל אין דריי יאָהר צו פּאָהרען צו זיין רבי'ן ר' יואל דעם בעל שם פון זאמאָשטש. אויף זיין נייעם באזוך

ביים בעל שם האָט ער איהם דערצעהלט וועגען די ניט־גוטע אין יענעם הויז אויף דער פּאָרטוגאַלער גאַס וועלכע האָבען גורם געווען, אז ער זאָל זיך מיט זיין משפחה ארויסקלייבען פון דער דירה.

ר׳ יואל האָט זיך אָנגעהויבען פאַנאַנדערפרעגען וועגען דעם פאַר־שטאָרבענעם גאָלדשמיד אביגדור טוביה און זיין ווייב שרה גיטעל. ר׳ ברוך האָט דעם בעל שם געקענט איבערגעבען אַלע פּרטים.

אביגדור טוביה האָט געהאַט געגוג הכנסה פון הויז. דערצו האָט ער אויך געהאַנדעלט מיט צירונג, באַזונדערס ווייבערישע צירונג און דערפאַר האָט ער געהאט דעם נאָמען גאָלדשמיד.

געהאַנדעלט האָט ער מעהרסטענס מיט פּריצה׳טעס און אַנדערע גבירענטעס. א קאָרטענשפּילער, א שיכור און אויך א ניבול פּה׳ניק, האָט ער אָבער געהאט א פרייע האנט און געגעבען צדקה.

זיין ווייב שרה גיטעל איז אויך געווען א גוט־הארציגע. זי האָט זיך אָפּגעגעבען מיט הכנסת אורחים און הכנסת כלה, דער עיקר מיט העלפען אָרעמע קימפּעטאָרינס. זי האָט אָבער געהאט א „גרוים מויל״, זי האָט כסדר געשאָלטען מיט טויטע קללות, רחמנא לצלן. „זאָל איך דער טייוועל נעה־מען!״ איז ביי איהר געווען א שטענדיגע קללה.

שרה גיטעל׳ס „מויל אויף שרויפען״ און איהרע טויטע קללות האָבען געהאַט א שם אין גאַנץ פּויזען. מענשען האָבען פאַר איהרע קללות געציטערט ווי פאַר פייער, ווייל מען האָט געזאָגט, אז ווען איהרע קללות קומען אָן, זאָל דער אויבערשטער שומר ומציל זיין.

מ׳האָט געזאָגט, אז ניט איינער אָדער איינע איז פון דער וועלט אוועק צוליב איהרע קללות.

אויסגעהערט וואָס ר׳ ברוך האָט געהאט צו דערצעהלען וועגען דאָס פּאָרעל, האָט ר׳ יואל בעל שם געהאט צו זאָגען אָט וואָס:

מ׳זאָל די פארשטאָרבענע מאַן און ווייב וואָס האָבען ניט איבער־געלאָזט קיין קינדער געבען א תיקון. דאָס זאָל געטאָן ווערען דורך דעם, וואָס מען זאָל דאָס הויז איבערגעבען צו קהל פאַר א בית מדרש. נאָר אויף אזא אופן וועט מען פון דאָרטען פארטרייבען די ניט גוטע.

אזוי ווי דאָס הויז האָט איצט געהערט צו איינעם פון די יורשים האָט מען געדאַרפט אויפזוכען אָט דעם יורש און איהם צוריידען אוועקצו־געבען דעם בנין פאַר א שוהל.

# פא.

## דעם בעל שם'ס סגולה

**ווי צו פאַרטרייבן „ניט גוטע". — ר' יואל בעל שם'ס סגולה. — די „ניט גוטע" קערן זיך אום.**

ר' יואל דער בעל שם פון זאמאָשטש האָט פאר ר' ברוך'ן מסדר געווען ווי זיך נוהג צו זיין ביים פארוואנדלען דעם גאָלדשמיד'ס הויז אין א בית מדרש און אזוי ארום געבען א תיקון צו די נשמות פון דעם פאר־שטאָרבענעם פאָרל און גלייכצייטיג פארטרייבן פון הויז די „ניט־גוטע".

דעם נייעם בית מדרש האָט מען געדאַרפט, אויפ'ן בעל שם'ס אָנזאָג, מחנך זיין אויף אזא אופן:

צען פון ר' יואל'ס תלמידים אין פויזען, מיט ר' ברוך'ן בראש, האָבען דעם זונטאָג פון יענער וואָך געדאַרפט אָנפאַנגען מיט א תענית און מיט לייענען „ויחל". די נאַכט האָבען זיי געזאָלט זיין אויף און לערנען תורה. אויף מאָרגען האָבען זיי געדאַרפט געהן טבילה און מכוון זיין געוויסע כוונות וואָס דער בעל שם האָט ר' ברוך'ן איבערגעגעבען בכתב.

דאן האָבען זיי געזאָלט געהן אין דער שטאָטישער שוהל און דאָרט נעמען דריי ספרי תורה און, איינגעוויקעלט אין טליתים, זאָל זיי דער גאַנ־צער מנין ברענגען אינ'ם גאָלדשמיד'ס הויז, וואָס האָט געדאַרפט ווערען א בית מדרש. ביים טיר, איידער זיי געהען אריין אינעווייניג, האָבען זיי געדאַרפט זאָגען קאַפּיטלעך תהלים און דאן אויסרופען אז די רוחות וואָס געפינען זיך אינעווייניג זאָלען זיך אָפּטראָגען און לאָזען פלאַץ פאר די הייליקע תורה. דאָס האָבען זיי געדאַרפט טאָן דריי מאָל. נאָכן דריטן מאָל, ניט רעכענענדיג זיך מיט די ניט־גוטע, זאָלן צוויי מענשען עפענען דעם טיר און די וועלכע טראָגען די ספרי תורה זאָלן אריינגיין אין דירה פון אביגדור טוביה'ן, אוועקשטעלען די ספרי תורה און דאווענען שחרית, נאָך שחרית זאָל מען מאַכען א סעודת מצוה.

דער בעל שם האָט אָנגעזאָגט אז אין נייעם בית מדרש זאָל מען דאַווענען 3 מאָל א טאָג און קובע זיין א צייט צו לערנען תורה און מען זאָל דאָרט אויך איינפירען א חדר פאר קליינע קינדער.

ווען ר' ברוך האָט זיך צוריקגעקערט קיין פויזען פון זיין באזוך ביים בעל שם אין זאמאָטשט, האָט ער זיך דערוואוסט, אז די „ניט־גוטע" אין גאָלדשמיד'ס הויז האָבען אָנגעהויבען פראווען נאָך ווילדערע שטוקעס ווי פריער. די גאנצע שכונה איז געווען אין שרעק.

די שכנים האָבען אַלע זיך שוין ארויסגעקליבען פון הויז. קיינער האָט ניט געוואָלט ריזיקירען דאָרט צו בלייבען וואוינען. יעדע נאכט האָבען זיך פון יענעם הויז געטראָגען ווילדע קולות.

עס איז דערגאנגען אזוי ווייט, אז דער שר פון פויזען, א פרומער קריסט, איז אליין ארונטערגעקומען אויף דער פּאָרטוגאַלער גאס, צום גאָלד־שמיד'ס הויז, אויסצוגעפינען אויב ס'איז טאקע אמת וואָס ס'האָט זיך צו איהם דערטראָגען וועגען די ניט־גוטע רחמנא לצלן. ס'האָט זיך איהם ניט געוואָלט גלויבען, אז דאָס וואָס מ'האָט איהם דערצעהלט זאָל זיין אמת.

ווען ער האָט דערהערט ווי פון הויז טראָגען זיך געשרייען, קוויטשערייען, א זינגען און קלאַפּען, האָט ער זיך שטארק דערשראָקען. ער האָט געלאָזט רופען דעם בישאָף און פון איהם פארלאנגט, אז ער זאָל עפּעס טאָן די רוחות צו פארטרייבען.

דער בישאָף האָט צוזאמענגענומען גלחים און אָפּגעהאַלטען א תפילה אין קלויסטער. נאָכהער האָט ער איינגעאָרדענט א פּראָצעסיע מיט צלמים און הייליגע בילדער און פאָנען ביים הויז פון פארשטאָרבענעם גאָלדשמיד. די פּראָצעסיע האָט עטליכע מאָל ארומגערינגעלט דאָס הויז און דערנאָך זיך אָפּגעשטעלט ביי די פענסטער פון אביגדור טוביה'ס דירה. דער בישאָף אליין האָט אָנגעהויבען ארויסשיקען זיילען ווייררויך און באשפּריצט מיט „הייליגען" וואסער די ווענט פונ'ם הויז בעת די גלחים האָבען געפּרעפּעלט תפילות.

אין מיטען פון אָט דער קריסטליכער צערעמאָניע האָבען זיך די פענסטער פון אביגדור טוביה'ס דירה פּלוצים אָן עפען־געטאָן און ס'האָבען זיך פון אינעווייניג באוויזען פּנים'ער וואָס האָבן געוואָרפען א שרעק מיט זייער אויסזעהן. זיי האָבען ארויסגעשטעקט לאַנגע, רויטע צינגער, באַגלייט פון הילכיגע, שפּיציגע געלעכטערס, פאַרוואַרפענדיג די גלחים מיט אַלערליי זידעל־ווערטער.

אויף די גלחים איז געפאלען א טויט־שרעק. איינגע פון זיי האָבען גע'חלש'ט אויפ'ן אָרט. די אנדערע זיינען זיך צעלאָפען העגדום־פּעגדום. דער בישאָף אליין איז ממש געבליבען אָהן לשון.

פּויזען איז צוליב דעם דעמאָלט געגאנגען אויף רעדלעך.

ר' ברוך איז איצט געווען איבערצייגט, אז ס'איז געקומען דער שעת הכושר מקדש השם צו זיין דורך ווייזען דעם כוח פון זיין רבי'ן, דער בעל שם פון זאמאָשטש.

ער האָט צוזאַמענגערופען די ראשי הקהל און זיי דערציילט וואָס ר' יואל האָט איהם אָנגעזאָגט. זיי זיינען געווען גרייט צו טאָן וואָס דער בעל שם האָט פארלאַנגט. די ראשי הקהל האָבען גע'פועל'ט ביים גאָלדשמיד'ס יורש אז ער זאָל אָפּגעבען דאָס הויז פאר א בית מדרש אויפ'ן נאָמען פון אביגדור טוביה'ן און זיין ווייב שרה־גיטעל, און ר' ברוך און נאָך ניין פון דעם בעל שם'ס נאָכפאָלגער אין פויזען האָבען זיך גענומען צו דער ארבייט מחנך צו זיין דעם נייעם בית מדרש אין הסכם מיט'ן בעל שם'ס פארזאָג.

ווען דער מנין פון ר' יואל'ס תלמידים האָבען גענומען פון דער שטאָטישער שוהל די דריי ספרי תורה און זיך געלאָזט געהן צום נייעם בית מדרש, זיינען זיי באגלייט געוואָרען פון הונדערטער מענער און פרויען, אידען און ניט־אידען, אלע שטארק נייגעריק צו זעהן וואָס ס'וועט געשעהן.

אז דער מנין מיט די ספרי תורה איז אָנגעקומען צו דער טיר פון גאָלדשמיד'ס הויז, איז דער געפּילדער פון אינעווייניג געוואָרען שטארקער. עס האָבען זיך געהערט געשרייען און ווילדע געלעכטערס: א בילען פון כלבים, א קרייען פון הענער, א מיוקען פון קעץ, א קראַקען פון זשאַבעס און א הירזשען פון פערד און אנדערע משונה'דיגע קולות.

אויפ'ן באגלייטענדיגען עולם איז געפאַלען א פחד, אָבער ניט אויף ר' ברוך'ן און די אנדערע ניין פון בעל שם'ס תלמידים. זיי האָבען זיך געפילט באַשיצט דורכ'ן בעל שם'ס כח.

דריי מאָל האָבען די צען אויסגערופען צו די רוחות, אז זיי זאָלען פון דאָרט אוועק. אז דער געפּילדער אינעווייניג איז ניט איינגעשטילט גע־וואָרען, האָבען די צוויי אידען וועלכע זיינען געגאַנגען אין פאָראויס, א שטויס געטאָן די טיר מיט זייער גאַנצען כח און זי האָט זיך באַלד געעפענט און האָבען גלייך אריינגעלאָזען די זעקס אידן מיט די דריי ספרי תורה.

ווי נאָר די אידען מיט די ספרי תורה האָבען זיך באוויזען אויפ'ן שוועל, האָט זיך דערהערט א בריאזג פון צעבראָכענעם גלאָז. אלע שויבען זיינען צעשמעטערט געוואָרען און דורך די פענסטער האָט זיך א ריס־געטאָן אין דרויסען ארויס א מחנה פון כל־ערליי משונה'דיגע ברואים, וואָס האָבען מיט זייער אויסזעהן אָנגעוואָרפען א פחד. איצט זיינען זיי אליין געווען אין טויט־שרעק און זיך געאיילט צו אנטלויפען ווי זייערע לעבענס וואָלטען דערביי געשטאַנען אין קאָן.

דאָס הויז איז געוואָרען אויסגערייניגט. עס איז נאָר איבערגעבליבען נאָך די אלע באַשעפענישען א געשטאַנק און א שטיקענדיגער רויך, וואָס

זיינען שנעל פארשווינדען באלד ווי דער מנין אידען האט אנגעהויבען זאגען תפילות.

באלד האט גאנץ פויזען געוואוסט וואס ס׳איז געשעהן און אז דאס איז אלץ געשעהן מיט׳ן כח פונ׳ם בעל שם פון זאמאשטש. אויך דער שר פון שטאט און דער בישאף האבען געהערט וועגען דעם וואונדער און זיי האבען מיט התפעלות גערעדט וועגען דעם צדיק פון זאמאשטש.

איצט וואלט מען געקענט האבען דערוואַרט, אז ר׳ יואל׳ס נאכ־פאלגערשאפט אין פויזען זאל פארגרעסערט ווערען און אז די מתנגדים פון דעם דרך פון די נסתרים און די מקובלים זאלען אנשוויגען ווערען און אויפהערען קריגען אויפ׳ן בעל שם און זיין שיטה.

דאס האט אבער ניט פאסירט. די מתנגדים זיינען נאך אלץ געבליבען פארביסען, אין אמת׳ן, זיינען זיי איצט געוואָרען נאך פייערדיגער אין זייער התנגדות. זיי האבען ניט געוואלט, אז דורך דער געשיכטע מיט די ניט־גוטע, זאל דער נייער דרך פון די נסתרים און מקובלים קריגען א שטארקערען אנהאלט אין פויזען און פון דארט אין אנדערע אידישע שטעט און שטעט־לעך.

גאר שטארק האט זיך איצט געקאכט געגען ר׳ יואל׳ן און זיינע תלמידים, ר׳ שלמה משה, וועלכער האט אין פויזען געהאט א שם פאר זיין לומדות.

ר׳ שלמה משה איז אליין געווען איינער פון די שכנים אין אביגדור טוביה׳ס הויז. ער האט גוט געוואוסט אלע פרטים וועגען די ניט־גוטע און ווי אזוי זיי האבען „געקעגינגט” אין הויז. ער האט דערפאר בעסער ווי אימיצער אנדערער איינגעזעהן וואס דער בעל שם פון זאמאשטש האט דא אויפגעטאן. ר׳ שלמה משה האט עס אבער אלץ מבטל געווען. ער האט צום גאנצען ענין ניט געוואלט צוגעבען קיין חשיבות.

ער האט איינגאנצען אפגעלייקענט, אז דאס איז געווען מיט׳ן כח פון בעל שם, וואס די ניט־גוטע זיינען פארטריבען געוואָרען פון הויז, נאר אז דאס איז געווען ניט מעהר ווי א סיבה. ס׳איז פשוט געווען געקומען די צייט, אז דאס הויז זאל אפגערייניגט ווערען בפרט ווען עס איז געוואָרען א בית מדרש.

האט מען אין פויזען זיך מתוכח געווען, צי דער בעל שם פון זאמאשטש האט דא יא אדער ניט מיט וואס ניט איז מחדש געווען.

זעקס וואכען זיינען אוועק און מיט אמאל האט מען אין זעלביגען הויז ווידער דערהערט א פיפעריי און א בילען פון כלבים. די משונה׳־

דיגע קולות זיינען איצט געקומען פון קעלער, פונ'ם סקלאד וואו מ'האָט געהאַלטען האָלץ. ס'האָט אויסגעזעהן, אַז די ניט־גוטע האָבען זיך געהאַט פאַרקליבען אין קעלער.

ס'האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז ווען אביגדור טוביה'ס יורש האָט אָפּגעשריבען דאָס הויז צו קהל פאַר אַ בית מדרש, האָט ער ניט דערמאָנט דעם קעלער און סקלאַד.

האָט דער יורש איצט אונטערגעשריבען אַ נייעם כתב און איבער־געגעבען צו קהל אויך דעם קעלער. דאָס האָט אָבער ניט געהאָלפען, די רוחות האָבען ווייטער געאַרבייט אויף אַלע כלים.

איז געוואָרען אַ נייע מהומה אין דער שכונה. מ'האָט שוין גערעדט אָפען, אַז די ניט־גוטע געוועלטיגען אויף דאָס ניי אין הויז. אין בית מדרש וואָגען זיי טאַקע ניט אַריינצושטעלען אַ פוס. אָבער דערפאַר פילען זיי זיך פראַנק און פריי אין אַנדערע טיילען פון בנין, דערהויפּט אין קעלער.

ר' שלמה משה האָט זיך איצט געפילט ווי ער וואָלט אָפּגעהאַלטען אַ נצחון. אויב אַזוי איז ער דאָך טאַקע גערעכט, אַז דער בעל שם פון זאַמאָשטש האָט דאָ גאָרניט אויפגעטאָן, אַ ראיה אַז די ניט־גוטע זיינען צוריקגעקומען, גאָרניט קימערענדיג זיך איבער דעם בעל שם'ס סגולות.

ר' שלמה משה האָט דערפאַר פאַרשטאַרקט זיין התנגדות געגען בעל שם און זיינע נאָכפאָלגער. אויך די אַנדערע מתנגדים זיינען ביי זיך געוואָרען תקיף'ער.

ר' יואל'ס תלמידים איז איצט געגאַנגען אין לעבען, אַז זיי זאָלען באַווייזען דעם כח פון זייער רבי'ן. זיי האָבען דערפאַר ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז זיי זאָלען איצט אַרונטערברענגען קיין פויזען ר' יואל'ן אַליין און זאָל ער ווייזען זיינע כחות. זאָלען די מתנגדים מעהר ניט האָבען קיין אויסרייד צו קריגען אויף איהם.

האָבען אָבער ר' שלמה משה און די אַנדערע מתנגדים אויפגעהויבען אַ געשריי, אַז מ'טאָר עס ניט טאָן, מ'זאָל דעם בעל שם ניט אַרונטער־ברייגנען, ווייל דער גאַנצער ענין איז אַ חילול השם און קען ברייגנען צו לייטישע געלעכטער. אמת'ע אידישקייט קען ניט האָבען צו טאָן מיט אַזוינע זאַכען ווי צו פירען מלחמות מיט ניט־גוטע.

# פב.

## אַ טשיקאַווע דין־תורה

**דעם מתנגד׳ס זון גייט אַראָפּ פון זינען, ר״ל. — ר׳ יואל בעל שם אין פויזען. — אַ דין־תורה מיט די „ניט גוטע״.**

די ביטערע געגנערשאפט מצד די מתנגדים ארײנצובריינגען אין פויזען ר׳ יואל׳ן דעם בעל שם פון זאמאָשטש, כדי צו פארטרייבען די ניט־גוטע פונ׳ם קעלער פונ׳ם גאָלדשמיד׳ס הויז, האָט געהאט א ווירקונג אפילו אויף ר׳ ברוך בטלן און די אנדערע נאָכפאָלגער פון בעל שם וואָס האָבען איהם יאָ געוואָלט האָבען אין שטאָט. דעם בעל שם׳ס נאָכפאָלגער האָבען אָנגעהויבען מורא האָבען, אז אין אנגעזיכט פון דער גרויסער התנגדות קען נאָך קומען דערצו, אז אימיצער זאָל דעם בעל שם פוגע בכבוד זיין. הײנט צו וואָס דעם צדיק מטריח זיין און איהם בריינגען אין שטאָט?

בעת ר׳ ברוך און די אנדערע פון ר׳ יואל׳ס תלמידים האָבען זיך געהאלטען אין ישוב׳ן וועגען דעם, האָט דערוויל עפּעס פאסירט וואָס האָט אויפגעברויזט גאנץ פויזען. ר׳ שלמה משה, וועלכער איז געווען דער אָנפיה־רער פון די מתנגדים און האָט אזוי געשטורמט געגען ארונטערבריינגען דעם בעל שם, אויסלאָזענדיג זיך אז ער דער בעל שם, האָט פריהער פארטריבען די ניט־גוטע און אז ער איז עם ביכולת צו טאָן אויף דאָס ניי, האָט גע־האנדעלט מיט פעלען. זיין סחורה האָט ער תמיד געהאלטען אין קעלער פון דעם גאָלדשמיד׳ס הויז פון וועלכען די ניט־גוטע זיינען פארטריבען געוואָרען און וואו זיי האָבען זיך פון דאָס ניי פארקליבען, דאָס מאָל טאקע אין קעלער, וואו ער, ר׳ שלמה משה האָט געהאלטען זיינע פעלען.

פון צייט צו צייט פלעגט אין שטאָט אונטערקומען א סוחר וואָס האָט אָפּגעקויפט די פעלען וואָס ר׳ שלמה משה האָט אָנגעזאמעלט אין משך פון א געוויסער צייט. ר׳ שלמה משה האָט געשיקט זיין זוהן מנשה׳ן אז ער זאָל דעם סוחר ארונטערנעהמען אין קעלער און איהם ווייזען די סחורה. זיי האָבען געדארפט פארבייגעהן די טיהר פון דעם סקלאַד, וואו די ניט־גוטע האָבען זיך געהאט פארקליבען אויף דאָס ניי.

פלוצים האָט זיך די טיהר פון סקלאַד אן עפען געטאָן און א מענ־שעלע מיט א גוף פון א קינד, פיס פון אן עוף, א קאָפּ גרויס ווי א פעסעל, פליגעל פון אן אָדלער, אן עק פון א האָז און א פנים שווארץ ווי קויל — האָט זיך פאר זיי באוויזען. דאָס באשעפעניש האָט אן עפען געטאָן דאָס מויל און ארויסגעשטעקט א צונג רויט ווי בלוט, שטשירענדיג צייהן ווי פון

א פערד. דער ניט־גוטער האָט אונטערגעבראָכט ווי א ליב און דערביי געמאכט אלערליי משונה׳דיגע העויות.

אויפ׳ן פרעמדען סוחר איז אַנגעפאלען אזא פחד, אז ער איז שיער נישט געפאלען אין חלשות. זיין פנים איז געבליבען צוקרימט. מנשה, ר׳ שלמה משה׳ס זוהן איז פון שרעק ארונטער פון זינען. ביידע האָבען אָנגע־הויבען לויפען אין טויט שרעק, שרייענדיג מיט ווילדע קולות. ווען זיי זיינען ארויס פון קעלער אין הויף אריין, זיינען זיי ביידע געפאלען אין חלשות.

מיט גרויס מיה האָט מען זיי אויפגעמינטערט. מען האָט זיי געמוזט לאָזען צאַפען בלוט און טאָן אנדערע סגולות כדי זיי צו ברייננגען צו זיך. דעם סוחר האָט אינגאנצען אָפגענומען דאָס לשון. מנשה האָט גערעדט ווי א משוגענער. ער איז געווען אזוי ווילד, אז ער האָט געשלאָגען מענשען און קיינעם ניט צוגעלאָזט צו זיך. מען האָט איהם געמוזט בינדען מיט שטריק.

איצט, אז אימיצער האָט דערמאָנט, אז עס איז צייט ארונטערצו־ברייננגען דעם בעל שם פון זאמאָשטש כדי די ניט־גוטע צו פארטרייבען, האָט שוין ר׳ שלמה משה גאָר ניט געהאט אויסצוזעצען. אויך די אנדערע מתנגדים האָבען געהאלטען מויל.

אז ר׳ יואל בעל שם איז ארונטערגעקומען קיין פויזען, האָט ער זיך דווקא פארקליבען אינ׳ם הויז וואו די ניט־גוטע האָבען געבושעוועט — אין דעם בית מדרש, וואָס האָט זיך געפונען אין דער פריהערדיגער דירה פונ׳ם גאָלדשמיד אביגדור טוביה. ער האָט אָנגעהויבען מאכען א גענויע חקירה ודרישה וועגען דעם גאנצען ענין.

עס איז געווען מיטוואָך ווען דער בעל שם האָט גערופען צו זיך דעם בית דין פון פויזען און פארלאנגט פון די דיינים, אז זיי זאָלען אויף זיך נעהמען א תענית און צוגרייטונג צו א דין תורה.

צו ערשט זיינען אלע געווען געפלעפט. וואָס פאר דין תורה דארף דאָ פאָרקומען? באלד האָט דער בעל שם זיי מודיע געווען אז די דין תורה וועט זיין צווישען איהם, דער בעל שם, און די ניט־גוטע רחמנא לצלן און טאקע אין בית מדרש.

געהערט אזא מעשה, האָבען די דיינים געגאפט אָבער געטאָן וואָס דער בעל שם האָט פון זיי פארלאנגט. זיי האָבען אָנגעהויבען פאסטען פון מנחה אָן אין זעלביגען טאָג. אויף מאָרגען, דאָנערשטאג, נאָכ׳ן דאַווענען האָבען זיך די דיינים אויסגעזעצט גרייט צו הערען די טענות.

דער בעל שם פון זאמאָשטש האָט פאר זיי ארויסגערופען די מזיקים און בת לצנים צו א דין תורה. דערביי האָט דער בעל שם די מזיקים און בת לצנים פארשוואָרען מיט פארשיידענע השבעות אז זיי זאָלען קיינעם ניט מזיק׳ן ניט ביי זייער אָנקומען און ניט ביי זייער אוועקגעהן.

אלע האָבען איצט געוואַרט מיט פארכאַפּטע אָטעמס. אין א ווייל׳ע ארום האָבען זיך באוויזען די ניט־גוטע פאר׳ן בית דין. דער בעל שם האָט זיך אויפגעשטעלט און אויסגערופען:

— רוחות רעות, איך פאָדער אייך אויף צו א דין תורה דערפאר וואָס איהר האָט עובר געווען אויף דעם וואָס איהר זייט איבערגעטראָטען די גרעניץ וואָס דער אויבערשטער האָט באַשטימט פאר אייך, רוחות. איהר האָט זיך פארקליבען צווישען מענשען וואו איהר האָט ניט קיין רשות צו זיין.

עס האָבען זיך באלד פון די מזיקים דערהערט משונה׳דיגע קולות. אָבער קיין ווערטער האָט מען ניט געקענט אויפכאַפּען.

ר׳ יואל האָט געזאָגט צום הויפּט פון די דיינים:

— מיט׳ן כח פון דער תורה הקדושה און מיט׳ן כח פון בית דין זייט גוזר, אז איינער פון די רוחות זאָל ריידען און אז זיינע רייד זאָלען זיין קלאָהר.

דער ראש פונ׳ם בית דין האָט זיך אויפגעשטעלט און גוזר געווען אז דעם בעל שם׳ס פארלאַנג זאָל דערפילט ווערען. באלד האָט זיך דערהערט א קול וואָס איז געווען קלאָהר. עס איז געווען אן ענטפער אויפ׳ן בעל שם׳ס טענה:

אויב די רוחות האָבען איבערגעטראָטען די גרעניץ און זיך פאר־קליבען צווישען מענשען וואו זיי האָבען ניט קיין רשות צו זיין, האָבען זיי עס געטאָן ע״פ דין תורה און מיט דער הסכמה און טאַקע אויסדריקליכען פארלאַנג פון דעם אשמדאי, דעם שר פון אלע שדים און רוחות.

— אָבער דער אשמדאי האָט ניט קיין רשות אייך צו שיקען צווישען מענשען, — האָט דער בעל שם באלד אָפּגעענטפערט. — אייער אָרט איז אין די מדבריות און פוסטע פעלדער און וועלדער!

ווידער איז געקומען א קול פון די ניט־גוטע:

— מיר האָבען יאָ רשות. מיר האָבען דאָ נאָר איבערגענומען אונזער אייגענער נחלה — האָט דער ניט־גוטער גע׳טענה׳ט. — מיר זיינען די

קינדער פונ׳ם פּאָרעל אביגדור טוביה און שרה גיטעל... מיר זיינען געקומען אויף דער וועלט דורך די שלעכטע און זינדיגע מחשבות מיט וועלכע אביגדור טוביה האָט זיך שטענדיג ארומגעטראָגען און זיינע שלעכטע מעשים, און דאן די טויטע קללות וועלכע פלעגען זיך כסדר שיטען פון שרה גיטעל׳ס מויל. על פי דין געהערט דאָס הויז צו אונז.

דער בעל שם האָט אויף דעם געהאט א פארטיגען ענטפער:

די ניט-גוטע קענען ניט באטראכט ווערען פאר די געזעצליכע יורשים פון פארשטאָרבענעם גאָלדשמיד און זיין ווייב, אויף וועלכען אופן זיי זאָלען ניט האָבען געקומען אויף דער וועלט. ניט די גוטע מלאכים וואָס ווערען באשאפען דורך א מענשענ׳ס גוטע מעשים זיינען דעם מענשענס יורשים. די גוטע מלאכים זיינען נאָר דעם מענשענ׳ס סניגירים. די שלעכטע מלאכים די מלאכי חבלה — וואָס ווערען געבאָרען דורך א מענשענ׳ס חטאים זיינען דעם מענשענ׳ס מקטרגים לאחר מאה שנים. זיינע יורשים זיינען זיי ניט.

די ניט-גוטע זיינען אָבער, דורך זייער בעל טענה, דעם בעל שם אויך ניט געבליבען שולדיג קיין ענטפער:

— מיר וועלען אָבער דעם קעלער ניט פארלאָזען — האָט זייער מליץ יושר געזאָגט — ווייל דער אשמדאי האָט אונז אָנגעזאָגט דאָרט צו בלייבען. מיר פאָלגען דעם אשמדאי און ניט אימיצען אנדערש. מיר זיינען פריער געווען אין אביגדור טוביה׳ס דירה אויבען. מיר זיינען פון דאָרט אוועק צוליב דעם גרויסן ליכט וואָס איז געוואָרען ווען מען האָט דאָרט געבראַכט ספרי תורה און די דירה געמאַכט פאַר אַ בית מדרש. איצט זיינען מיר אין קעלער און פון דאָרט וועלען מיר ניט ארויס.

אז דער ניט-גוטער האָט געהאט פארענדיגט זיין פזמון האָט ער אָנגעהויבען קרייען און קוויטשען. דאָס איז אויפגעכאַפּט געוואָרען פון דער גאנצער כנופיה ניט-גוטע.

אויפ׳ן סטעליע און אויף די ווענט האָבען זיך באוויזען ווערים: גרינע, רויטע, שווארצע. עס האָבען אָנגעהויבען קריכען זשאבעס און פליגען און זשוקעס פון פארשיידענע גרויסען און קאָלירען. עס האָט זיך דערהערט א זשומען פון ביהנען, א קראקען פון זשאבעס און אנדערע מאָדנע קולות. דורך דער לופט האָבען זיך אָנגעהויבען טראָגען געשטאַלטען פון קליינע קינדער, שווארצע און איינגעדארטע, מיט פליגעל און מיט עקען.

אויף די פארזאמעלטע אין בית מדרש איז געפאַלען א גרויס פחד. עס האָט יעדען ממש געקלאַפּט א צאָן אָן א צאָן פון שרעק. דער איינציגער

וואָס איז געבליבען רוהיג איז געווען דער בעל שם. ער האָט אויסגערופען הויך, אויפ׳ן קול:

— איך פארשווער אייך, שדים און רוחות רעות און בין גוזר אויף אייך אין נאָמען פון דעם שם וואָס קומט ארויס פונ׳ם פסוק: „יפול מצדך אלף ורבבה מימינך אליך לא יגש״, אז איהר זאָלט איינגעשטילט ווערען און זאָלט פארבאָרגען ווערען פון מענשליכע אויגען. איהר זאָלט זיך צו־הערען און זיך צוגרייטען אויסצוהערען און מקיים צו זיין דעם פסק פון דעם בית דין צדק. איהר זאָלט ניט מזיק זיין קיין מענשען און איהר זאָלט ניט ארויסגעבען פון זיך קיין שלעכטע ריחות מטמא צו זיין די לופט.

עס איז געוואָרען שטיל אין בית מדרש. די ברואים זיינען פאר־שוואונדען פון די ווענט פון דיל און פון סטעליע. די געשטאַלטען זיינען נעלם געוואָרען. די דיינים און דער פארקליבענער עולם אין בית מדרש האָבען פרייער אָפגעאָטעמט.

די דיינים האָבען זיך איצט מיישב געווען וועגען א פסק דין און באַלד איז זייער פסק דין ארויסגעטראָגען געוואָרען קלאָהר און באַשטימט:

די ניט־גוטע האָבען ניט קיין חלק און קיין נחלה אין דער ירושה וואָס אביגדור טוביה און זיין ווייב האָבען איבערגעלאָזט.

דער פסק דין איז ארויס פון בית דין און אין דער לופט האָט זיך צעטראָגען א שטילער געוויין.

— האָט איהר געהערט דעם פסק דין? — האָט דער בעל שם געפרעגט. — פארלאָזט באַלד דאָס הויז און דערביי זאָלט איהר קיינעם ניט מזיק׳ן און קיין שאָדען ניט אָנטאָן.

אָפגעזאָגט די דאָזיגע ווערטער און דער בעל שם האָט דעם עולם געהייסען זאָגען „קטרת״ און דערנאָך דאַוונען מנחה.

פון דעמאָלט אָן זיינען די ניט־גוטע פארשוואונדען און מעהר זיך ניט געוויזען.

# פג.

## דער מהר"ל פון פראַג

**ר' שניאור זלמן, דער זיידע פון בעל התניא, פינפטער דור פון מהר"ל. — די גע͏שיכטע פון מהר"ל. — ר' יעקב פּאָלאַקס ישיבה. — פּערל, דעם מהר"ל'ס פרוי.**

נאָך דער גרויסער עובדא מיט די ניט־גוטע איז ר' יואל דער בעל שם פון זאַמאָשטש, פאַרבליבען א וואָך צייט אין פויזען. אלע, קינד און קייט, זיינע נאָכפאָלגער אזוי גוט ווי פריערדיגע מתנגדים, זיינען געקומען פאַר זיין ברכה.

צווישען די חולאים וועמען ער האָט געבראַכט א רפואה שלמה איז געווען דער סוחר און ר' שלמה משה'ס זוהן מנשה, וועלכער איז אַרונטער פון זינען ווען ער איז איבערגעשראָקען געוואָרען דורך די ניט־גוטע.

אויך ר' ברוך בטלן, דער אָנפירער פון דעם בעל שם'ס נאָכפאָלגער אין פויזען, איז צו ר' יואל'ן געקומען פאַר א ברכה. ער האָט מיט זיך מיטגעבראַכט זיינע צוויי קינדער רחל און בנימין, וועלכע זיינען ביי אים געבליבען פון ניין.

רחל האָט שפּעטער געקענט איהר טאָכטער דבורה לאה'ן דערציילען אלץ וואָס זי האָט געדענקט פון אָט דעם באזוך איר'ן ביי ר' יואל'ן. איר פאָטער האָט פון ר' יואל'ן געוואָלט א ברכה, אז אָט די צוויי קינדער זיינע, רחל און בנימין, זאָלען האָבען אריכת ימים. דער בעל שם האָט זיי געגעבען די ברכה און ער און זיין פלונית'טע זיינען געווען אין זיבעטען הימעל.

דער הויכער עלטער וואָס רחל און בנימין האָבען דערגרייכט האָט באַוויזען, אז דעם בעל־שם'ס ברכה איז מקוים געוואָרען.

רחל האָט דערביי אויך דערציילט איר טאָכטער וועגען דעם חילוק וואָס עס איז תמיד געווען צווישען די וואָס זיינען געגאַנגען מיטן דרך פון די מקובלים און די וואָס זיינען געגאַנגען מיט'ן דרך פון די מתנגדים, בנוגע דער דערציהונג פון קינדער, באַזונדער מיידלעך.

ר' יואל בעל שם'ס תלמידים — און אזוי אלע אנדערע וואָס האָבען נאָכגעפאָלגט דעם דרך פון די מקובלים — האָבען געהאַלטען, אז מען דאַרף לערנען תורה מיידלעך אזוי גוט ווי אינגלעך, נאַטירלעך צו־פּאַסענדיג די לימודים צו מיידלעך לויט זייערע השגות.

ווי אן איבערגעגעבענער תלמיד פון דעם בעל שם פון זאַמאָשטש,

האָט ר׳ ברוך בטלן, נאַטירלעך, אויך ניט פאַרפעלט צו לערנען תורה זיין טאָכטער רחל. רחל איז געוואָרען א מלומדת. ר׳ ברוך האָט מיט איהר אָנגעפאַנגען לערנען ווען זי איז געווען פינף יאָהר אַלט. ברוך אַליין האָט אויפגעפּאַסט אויף איהרע למודים. ער האָט איהר אָפט פאַרהערט אין לערנען. צו פופצען יאָהר האָט זי געקענט גוט לערנען גמרא. זי האָט אָנגעהאַלטען איהרע לימודים ביז זי איז פאַר׳קנס׳ט געוואָרען צו שניאור זלמנ׳ען.

ווידער שניאור זלמן, מיט וועמען זי האָט חתונה געהאַט, האָט גראָד געהערט צו די מתנגדים פון די מקובלים, און געהאַלטען אז מען טאָר מיט מיידלעך ניט לערנען קיין תורה. דערפאַר האָט עס געקענט געשעהן, אז בעת רחל די מוטער, איז געווען א מלומדת, איז דבורה לאה, די טאָכטער, געבליבען אומוויסענד.

דבורה לאה הערענדיג אָט די אויפקלערונג פון איהר מוטער, האָט געוואָלט וויסען מעהר וועגען איהר אָפּשטאַם סיי פון איהר מוטער׳ס צד און סיי פון איהר פאָטער׳ס צד.

זי האָט אויסגעפונען, אז ר׳ ברוך איהר זיידע פון איהר מאַמע׳ס צד, האָט אָפּגעשטאַמט פון שפּאַניע און פּאָרטוגעזישע אידען, וואָס זיינען אַרויסגעטריבען געוואָרען פון זייערע לענדער. אָט די שפּאַנישע און פּאָרטוגעזישע אידען האָבען געהאַלטען פון קבלה, וואָס איז שטענדיג געווען א טייל פון זייער לימוד. ר׳ ברוך אַליין איז פון זיין יוגענט דערצויגען געוואָרען אין גייסט פון דער קבלה.

רחל׳ס מוטער, ווידער, האָט געשטאַמט פון א באוואוסטער משפחה אין פּויזען. אָט די משפחה האָט זיך גע׳יחוס׳ט מיט׳ן גרויסען גאון ר׳ שלמה לוריא ווי דער שטאַם־פאָטער פון דער דאָזיגער משפחה. אויך ר׳ שלמה לוריא, וועלכער איז באַקאַנט אין דער אידישער וועלט ווי דער מהרש״ל, איז אויך געווען ידוע ווי א מקובל און דערפאַר א נאָכפאָלגער פון דרך הקבלה.

וואָס איז שייך רחל׳ס מאַן און דבורה לאה׳ס פאָטער, ר׳ שניאור זלמן, האָט ער געשטאַמט פון דעם באַרימטען מהר״ל פון פּראָג. ר׳ שניאור זלמנ׳ס פאָטער ר׳ משה, איז געווען דער פערטער דור פונ׳ם מהר״ל אָדער ווי זיין נאָמען האָט געהייסען ר׳ יהודא ליוואַ.

דער מהר״ל איז געבאָרען געוואָרען אין יאָהר רע״ב. זיין פאָטער איז געווען דער גאון ר׳ בצלאל, וועלכער איז געווען דער פינפטער דור פון דעם גאון ר׳ יהודא ליוואַ פון ווערמייזא. ער איז נפטר געוואָרען אין יאָהר

ה' אלפים ר'. אויף זיין מצבה איז געווען אויסגעקריצט, אז ער האט געש־טאמט פון דוד המלך.

רחל האט איהר טאכטער דבורה לאה'ן דערציילט גאר א סך זאכן וואס זיינען אין דער פאמיליע איבערגעגאנגען פון דור צו דור וועגען דעם מהר"ל פון פראג. צו זיבען יאהר האט ער זיך שוין מתוכח געווען מיט באוואוסטע גאונים וואס פלעגען קומען צו זיין פאטער ר' בצלאל'ן און זיין זיידען ר' חיים'ן.

ר' בצלאל איז געווען א איד אן ארימאן. ער האט דערפאר געוואלט משדך זיין זיינע פיר זיהן פון וועלכע דער מהר"ל איז געווען איינער, ווען זיי זיינען נאך געווען גאר יונג. די אנדערע דריי זיהן, עס הייסט די ברידער פון דעם מהר"ל, זיינען געווען ר' חיים, ר' סיני און ר' שמשון.

דער פאטער האט געזוכט פאר זיינע זיהן שידוכים מיט באלעבאטישע אידען וואס זאלען זיך מתחייב זיין צו שיקען זייערע איידימס אין ישיבות פאר דער חתונה און נאך דער חתונה זיי אויסהאלטען מיט קעסט, זיי זאלען וויטער זיצען און לערנען.

אזוי איז עס געשען, אז צו צען יאהר איז דער מהר"ל פאר'שדכנ'ט געווארען צום גביר און למדן ר' שמואל בן ר' יעקב רייך פון פראג, א מקורב למלכות, דורך וועמעס שתדלנות טויזענטער אידען זיינען געהאלפען געווארען.

צו יענער צייט איז געווען שטארק מפורסם די ישיבה אין פרעמיש־לע. דער ראש פון דער דאזיגער ישיבה איז געווען דער גאון ר' יעקב פאלאק, וועלכער איז געווען א תלמיד און געגאנגען אין דעם דרך פון ר' יעקב מרגלית פון נירענבערג.

ר' יעקב פאלאק האט געהאט זיין אייגענארטיגע שיטה אין לערנען. ער האט פארפולקאמט דעם דרך פון פלפול, איינטיילענדיג יעדע סוגיא אין דער גמרא לויט איהרע ענינים און יעדען ענין מדקדק געווען און עס צעטיילט לויט זיינע סברות און יעדער סברא אויפגענומען באזונדער און איהר מברר געווען ביז צו דער סאמע העכסטער מדרגה.

זיין ישיבה האט געהאט אזא גרויסען שם, אז מען האט זיך פון אומעטום געריסען צו איהר. אבער דער ראש ישיבה, ר' יעקב, האט שטארק מדקדק געווען ביים ארייננעהמען תלמידים.

ער האט געוואלט אין זיין ישיבה האבען געקליבענע תלמידים מצויינים, די שארפסטע מוחות, ער פלעגט אויסקלייבען פאר זיין ישיבה

איינעם פון צוואנציג אָדער פינף און צוואנציג וואָס האָבען געוואָלט אָנגענומען ווערען.

אין אָט דער ישיבה איז דער מהר״ל געשיקט געוואָרען דורך זיין קינפטיגען שווער און איז באלד אריינגענומען געוואָרען. ער איז דאמאָלט געוועזן ניט מעהר ווי צוועלף יאָהר אלט.

אין אָט דער ישיבה איז ער פארבליבען פיר יאָהר צייט. ער האָט, פארשטעהט זיך, געלערענט מיט גרויס התמדה.

עס איז געווען א טראדיציע אין דער משפחה, אז דער ראש ישיבה ר׳ יעקב האָט געזאָגט אויף זיין יונגען תלמיד — אפשר דער אינגסטער אין זיין ישיבה — אז ער איז דער דריטער פינטעלע פון דעם „סגל" וואָס ער האָט מיט דער הילף פון השם יתברך אויפגעשטעלט ביי אידען. פון די טויזענטע תלמידים וואָס ר׳ יעקב פּאָלאַק האָט געהאט, האָט ער באזונ־דערס שטאָלצירט מיט אָט די דריי תלמידים: ר׳ מאיר קאצענעלענבאָגען — דער מהר״ם פון פאדובא; ר׳ שלום שכנא פון לובלין און דער מהר״ל פון פראג.

דער מהר״ל פון זיין זייט, פלעגט אין די שפּעטערדיגע יאָהרען זאָגען וועגען זיין רבי׳ן ר׳ יעקב, אז אין דער ישיבה אין פרעמישלע האָט ער ניט נאָר געלערענט ווי אויסצוטרעטען א שטעזשקע דורך די פיינסטע און איידעלסטע סברות, נאָר אויך אויפצובויען א פאלאץ פון דריי שטאָק.

אין יאָהר רפ״ב האָט ר׳ יעקב פארלאָזט פרעמישלע און איז געוואָ־רען רב אין פראג. דער יונגער מהר״ל איז דאן אוועק אָפּריכטען גלות.

ער האָט אָפּגעריכט גלות צוויי יאָהר צייט און איז דאן צוריק־געקומען קיין פראג. צו יענער צייט איז ר׳ יעקב ווי דער רב פון פראג, אָפּגעפאָהרען קיין לובלין דאָרט צו באקוקען די ישיבה וואָס זיין תלמיד, דער פריהערדערמאָנטער ר׳ שלום שכנא, האָט אָנגעפיהרט. אין לובלין איז ר׳ יעקב געוואָרען קראנק און נפטר געוואָרען. ער איז געווען אין נאָר א הויכען עלטער.

זיין מחותן ר׳ שמואל רייך, האָט געוואָלט אז דער מהר״ל זאָל חתונה האָבען מיט זיין טאָכטער און נאָך דער חתונה ווידער פאָהרען אין א ישיבה וואָס ער אליין וועט אויסקלייבען. דער מהר״ל האָט אָבער געהאלטען אז זיין כלה, פערל, וועלכע איז געווען פערצעהן יאָהר אלט, איז צו יונג חתונה צו האָבען. ער האָט דערפאַר פארלאנגט אז מען זאָל איהם שיקען אין א ישיבה פאר נאָך פיר, פינף יאָהר צייט און ערשט דאן זאָל ער חתונה האָבען און זיצען ביי זיין שווער אויף קעסט.

די כלה פערל, האָט זיך געהאט אויסגעצייכענט מיט איהרע זעלטענע כשרונות און מיט איהר לומדות. ווען זי איז פאַר'קנס'ט געוואָרען צום מהר"ל איז זי אינגאנצען געווען זעקס יאָהר אַלט.

זי האָט געוואוסט, אז איהר חתן איז אַ גרויסער למדן און אַ זעלטענער בעל מוח. האָט זי דערפאר ביי זיך אָפּגעמאכט, ווי יונג זי איז דאמאָלט ניט געווען, אויך צו ווערען אַ מלומדת כדי איהר חתן זאָל זיך מיט איהר ניט דארפען שעהמען. האָט זי אָנגעהויבען לערנען אין געהיים און האָט אזוי געלערנט זעקס יאָהר ביז איהר חתן האָט זיך צוריקגעקעהרט פון דער ישיבה. זי האָט אים דאן וועגען דעם דערציילט און דער מהר"ל האָט שטארק הנאה געהאט פון דעם.

איידער דער מהר"ל איז אָפּגעפאָהרען אין אַ ישיבה פאר נאָך פיר, פינף יאָהר, האָט ער אליין מסדר געווען פאר זיין כלה איהרע לימודים און זי האָט איהם צוגעזאָגט ווייטער צו לערנען מיט דער זעלביגער התמדה וואָס פריהער.

אין די צוויי יאָהר וואָס דער מהר"ל האָט אָפּגעריכט גלות האָט ער אונטערוועגענס זיך באגעגענט מיט באוואוסטע גאונים. בעת ער אליין האָט באהאלטען זיין נאָמען, האָט ער אָבער אומעטום זיך צוגעהערט צו דער תורה פון די גרויסע לומדים וואָס ער האָט באגעגענט און ער האָט די תורה פארשריבען.

זייענדיג אונטער וועגענס האָט ער געהערט, אז אין פויזען געפינט זיך אַ גרויסער גאון מיט'ן נאָמען ר' יצחק קלובער וועלכער האָט געש־טאמט פון ווירמייזא. אָט דער גאון האָט געזאָלט האָבען אַ נייע שיטה אין לערנען נאָכפאָלגענדיג דעם דרך פון די גאונים אין דייטשלאנד און פראנ־קרייך. האָט דער מהר"ל ביי זיך אָפּגעמאכט, אז ער זאָל לערנען תורה ביי אָט דעם גאון און דערפאר געזאָלט פאָהרען קיין פויזען אויסצופיהרען זיין באשלוס. אָנגעקומען אין פויזען, האָט ער זיך באקענט מיט ר' יצחק'ס אייניקעל, ר' שלמה בן יחיאל לוריא פון בריסק, וועלכער איז דאמאָלסט געווען זיבעצען יאָהר אלט, צוויי יאָהר אינגער פון מהר"ל.ביידע זיינען געוואָרען חברים און תלמידים פון ר' יצחק'ן, ר' שלמה'ס זיידע.

ר' יצחק איז שוין דאמאָלט געווען אַ זקן. ער האָט אויף אָט די צוויי תלמידים זיינע געזאָגט, אז אַ סך האָט ער געלערענט פון זיינע אייגענע רביים אָבער נאָך מעהר האָט ער געלערענט פון אָט די צוויי תלמידים זיינע, זיין אייניקעל און דעם מהר"ל.

די פיר יאָהר זינט דער מהר"ל איז געפאָרען לערנען אין ישיבות,

זיינען אוועק. ער האָט אָבער נאָך ניט געוואָלט זיך צוריקקעהרען אהיים קיין פראג חתונה צו האָבען מיט פערל'ען. ער האָט זיך פשוט נישט געקענט שיידען מיט זיין רבי'ן און מיט זיין חבר. האָט ער אוועקגעשריבען צו זיין מחותן און צו זיין כלה, פארלאַנגענדיג פון זיי א דערלויבעניש צו פאַר־בלייבען אויף נאָך דריי יאָהר אין פויזען. די דאָזיגע ערלויבעניש איז איהם געגעבען געוואָרען.

אין משך פון אָט די דריי יאָהר וואָס דער מהר"ל איז געבליבען אין פויזען איז זיין מחותן דערוויייל פאראָרימט געוואָרען. ער האָט געמוזט אַלץ אויספארקויפען כדי צו באַצאָהלען חובות. ער איז ממש געבליבען בעירום ובחוסר כל.

האָט ער געלאָזט וויסען דעם מהר"ל אין פויזען וואָס עס איז מיט איהם געשעהען און אז ער וועט ניט קענען דערפילען זיינע התחייבות'ן צו איהם וואָס איז נוגע קעסט און אנדערע ענינים. דער מחותן האָט איהם דערפאר מתיר געווען אָפּצוזאָגען זיך פון דעם שידוך מיט זיין טאָכטער און זיך אָפּזוכען אַן אנדער שידוך.

אויף דעם האָט דער מהר"ל געענטפערט זיין מחותן מיט א טרייסט־בריוו און גלייכצייטיג אויך געשריבען א באזונדערען בריוו צו זיין כלה, אז סיידען זיי אליין ווילען אויף איהם מעהר ניט ווארטען, אנדערש איז ער גרייט צו באשטעהן אויפ'ן שידוך אָרים צי רייך.

## פד.

### דער כהן און די גרושה

**די שטאָט קראָקע. — אַ מעשה פלא. — דער כהן וואָס האָט געוואָלט נעמען אַ גרושה. — דער אַלטער רב וואָס האָט זיך געגעגנגעשטעלט אַ פרינץ און בישאָף.**

ווען זייער רבי, דער גאון ר' יצחק קלובער, איז נפטר געוואָרען — אין יאָהר רצ"ח — האָבען דער מהר"ל און זיין חבר ר' שלמה לוריא צוזאמען מיט אנדערע תלמידים באשלאָסען צו פארלאָזען פויזען און פאָרען קיין קראָקע, וואָס איז אין יענער צייט געווען א מקום תורה. פינף יאָהר האָט דער מהר"ל פארבראכט אין קראָקע. דריי יאָהר האָט ער געלערענט מיט זיין חבר ר' שלמה'ן, וועלכער איז שפעטער בארימט געוואָרען אלס דער מהרש"ל, און צוויי יאָהר האָט ער געלערנט מיט ר' משה בן ר' ישראל איסערליש, וועלכער איז שפעטער באוואוסט געוואָרען אלס דער רמ"א.

דער מהר"ל פלעגט אין זיינע שפעטערדיגע יאָהרעןריידען מיט גרוים התפעלות וועגען קראָקע. ער האָט געזאָגט, אז ער האָט נאָך קיינמאָל ניט געהאט געזעהן אזא שטאָט ווי קראָקע, וואו מען זאָל אזוי פארערן און ליב האָבען תלמידי חכמים.

קצבים, וואסערטרעגער און האָלצהעקער זיינען דאָרט געווען גרויסע לומדים. די באציאונג פון מענש צו מענש איז אין קראָקע געווען א זעל־טענע. קראָקע איז געווען א מוסטער פון תורה און מידות טובות. מ'האָט דאָרט געלערענט אי נגלה און אי נסתר.

אויפ'ן מארק, אינמיטען שטאָט פון קראָקע, האָט זיך דאמאָלט געפונען א קיילעכדיגער שטח פון ארום דרייסיג איילען ארומגערינגעלט מיט א מויער. שוין דאמאָלט האָט מען געזאָגט, אז אָט דער מויער איז געווען הונדערט און זעכציג יאָהר אלט.

מען האָט וועגען אָט דעם ארומגערינגעלטען שטח געזאָגט, אז איינמאָל האָט זיך דאָרט די ערד געעפענט און פארשלונגען א מאן און א פרוי פאר די אויגען פון א גרויסען עולם.

די מעשה פלא, ווי זי איז דערציילט געוואָרען איז אזא:

עס איז געווען אין יאָהר פינף טויזענט הונדערט און דריי און צוואנציג. אין קראָקע איז אויפגענומען געוואָרען פאר רב דער גאון ר' יצחק, וועלכער איז ארויסגעטריבען געוואָרען פון דייטשלאנד אין דעם גירוש וואָס איז דאָרט פאָרגעקומען אויף אידען. קראָקע האָט דאמאָלט געהערט צו איינעם פון די פוילישע פרינצען. דער פארוואלטער פון די גיטער פון דעם פרינץ איז געווען א דייטשער איד א כהן, שלמה זעליגמאן, א לייכט־זיניגער מענש און א בעל עבירה'ניק. אָט דער שלמה האָט געהאט געענדערט זיין אידישען נאָמען שלמה אויף זיגמונד. דערצו איז ער געווען א מחלל שבת, אן אוכל טריפות און בכלל געטאָן כל דבר אסור.

אָט דער חטאת'ניק האָט געוואָרפען אן אויג אויף א קראָקער אידישער פרוי, א גרושה. ניט געקוקט וואָס א כהן איז פארבאָטען חתונה צו האָבען מיט א גרושה, איז שלמה אָדער זיגמונד געקומען צום קראָקער רב, ר' יצחק'ן און פון אים פארלאנגט אז ער זאָל איהם געבען חופה וקדושין מיט דער גרושה.

פארשטייט זיך, אז דער רב האָט זיך אנטזאגט און דערביי פרובירט אויפקלערען דעם בעל־עבירה'ניק, אז דאָס איז א בפירוש'ער פארבאָט פון דער תורה.

אויף דעם האָט זעליגמאַן חוצפה'דיג געענטפערט, אַז ער איז מוחל די כהונה אַבי ער זאָל קענען חתונה האָבען מיט דער פרוי. דערביי האָט ער דעם רב מתרה געווען, אַז אויב ער וועט ניט טאָהן זיין רצון און זיי געבען חופה וקדושין וועט ער מיט דער פרוי אַוועק אין אַן אַנדער שטאָט און דאָרט מיט איהר חתונה האָבען.

האָט דער רב געלאָזט צו זיך רופען דאָס פרוי און איהרע קרובים וועלכע זיינען געווען נכבדים אין שטאָט, און זיי מתרה געווען, אַז זיי זאָלען פאַר קיין פאַל ניט דערלאָזען צו אַזא נבלה. אין פאַל דאָס זאָל חלילה געשעהן, וועט ער איר מחרים זיין.

דער גרושה'ס קרובים, וועלכע האָבען געפירט מסחר מיט זעליג־מאַנ'ען, האָבען איהם גראָד געוואָלט האָבען אין דער משפחה. האָבען זיי אָנגעהויבען „איינטענה'ן" מיט'ן רב, אַז ער זאָל פאַרבויגען דעם דין. זעליגמאַן אליין, האַלטענדיג זיך פאַר א גרויסען תקיף, איז אריין אין א גרימצאָרן, בפרט אַז דער רב האָט געלאָזט אויסרופען אין שוהל די התראה, אַז די גרושה זאָל זיך ניט דערוועגען חתונה צו האָבען מיט'ן כהן זעליגמאַן.

ווי א פועל־יוצא איז קראָקע צעטיילט געוואָרען אין צוויי מחנות. די לומדים און סתם ג־ט'ספאָרכטיגע האָבען אַלע, ווי מען קען זיך משער זיין, געהאַלטען מיט'ן רב. דער גרושה'ס רייכע קרובים און אַנדערע וואָס האָבען תמיד געזוכט א „היתר" אויף זאַכען, האָבען געהאַלטען מיט זעליג־מאַנען, האָבענדיג מסתמא דערביי אין זינען, אַז דורך דעם וועלען זיי זיך ביי איהם איינקויפען אין לאַסקע און כאַפּען ביי איהם א פאַרדינסטל.

זעליגמאַן האָט דערוויל ניט גערוט. א חשוב ביים פוילישען פרינץ וועמעס גיטער ער האָט פאַרוואַלטעט, האָט ער דעם שררה דערציילט די גאַנצע מעשה און דערביי אונטערגעהעצט דעם גוי געגען דעם רב פאַר זיין „פאַנאַטיזם" און „עקשנות" ניט צו וועלען טאָהן אַזא „קליינינקייט" ווי צו געבען חופה וקדושין צו א כהן מיט א גרושה.

האָט דער פרינץ אַרויסגערופען צו זיך דעם רב און געוואָלט ניט אַנדערש אַז דערביי זאָל אויך זיין דער בישאָף. דער רב וועלכער איז שוין געווען אויף די עלטערע יאָהרען, איז געקומען צום פרינץ אין באַגלייטונג פון איינעם פון די קראָקעווער ראשי הקהל.

דער פרינץ האָט געוואָלט וויסען פאַרוואָס דער רב דערלאָזט ניט, אַז צוויי מענשען, ווי זעליגמאַן און די גרושה, וואָס האָבען זיך אַזוי גערן, זאָלען חתונה האָבען. האָט דער רב מסביר געווען דעם פרינץ דעם דין וואָס פאַרבאָט א כהן חתונה צו האָבען מיט א גרושה און דערביי דער־

קלערט, אז דאָס איז א ענין וואָס איז ניט אָפּהענגיג פון זיין אייגענעם ווילען. א דין איז א דין.

אויסגעהערט וואָס דער רב האָט געהאַט צו זאָגען, האָט דער פּרינץ זיך געווענדעט צום בישאָף און געוואָלט וויסען צי האַלט ער, אז דער רב האָט רעכט, און צי איז טאַקע דאָ אזא דין אין דער תורה אז א כהן טאָהר ניט חתונה האָבען מיט א גרושה.

דער בישאָף וועלכער איז געווען א שונא ישראל האָט געענטפערט, אז אין תורת משה געפינט זיך טאַקע אזא פאַרבאָט, אָבער די רבנים, האָט ער געזאָגט, אז זיי ווילען קענען זיי מתיר מאַכען דאָס וואָס עס איז אין דער תורה גע'אסר'ט און אסר'ן דאָס וואָס איז אין דער תורה ערלויבט. די חכמי התלמוד האָבען עס שטענדיג געטאָהן, האָט דער בישאָף געוואָלט ווייזען זיין „קענטשאַפט" אין אידישע ענינים.

דאָ האָט הרב ר' יצחק ווידער גענומען דאָס וואָרט און געלייקענט דעם בישאָף'ס באהויפּטונג, אז רבנים קענען מתיר מאַכען דאָס וואָס עס איז פאַרבאָטען אין דער תורה און פאַרבאָטען דאָס וואָס עס איז דערלויבט.

— ווען דער אויבערשטער האָט געגעבען די תורה צו משה רבנו — האָט דער רב מסביר געווען — איז אַלץ געווען בכתב. אָבער צו דער תורה בכתב האָט דער אויבערשטער אויך צוגעגעבען א סך אויפקלערונגען און פּירושים בעל פּה. אָט די אויפקלערונגען און פּירושים זיינען איבערגעגאַנגען פון דור צו דור אין משך פון הונדערטער יאָהרען, ביז די צייטען פון די חכמי התלמוד, וועלכע האָבען עס ענדלעך פאַרשריבען.

אויף אזא אופן, האָט דער קראָקעווער רב געוואָלט פעסטשטעלען, אז תורה שבכתב און תורה שבעל פּה זיינען ניט קיין באַזונדערע זאַכען נאָר דערגאַנצעווען איינע די אנדערע.

דאָ האָט דער בישאָף מיט א טאָן פון חוזק און ביטול אָנגעהויבען שטעלען דעם רב שאלות מיט דער כוונה דעם זקן צו שטעלען אין א פאַרלעגענהייט און איהם סתם מאַכען לעכערליך אין די אויגען פונ'ם פּרינץ.

דער רב וועלכער איז געווען גוט באַקאַנט מיט די געננג פון די שונאי־ישראל, האָט זיך ניט פאַרלאָרען. ער איז געווען גענוג קלאָהר אין ים התלמוד צו קענען ענטפערען אויף שאלות פון בישאָף, צי קלוג צי נאַריש. דערצו איז דער רב אויך געווען באַהאַוועגט מיט דעם וואָס פריערדיגע, אזוי ווי דער רמב"ן, למשל, וועלכע האָבען געהאַט וויכוחים מיט באוואוסטע קריסטליכע פירער, האָבען געענטפערט אויף ענליכע שאלות. דערצו האָט

דער רב גערעדט געלאסען און געהאט א צחת־הלשון און זיינע ענטפערס צום בישאף זיינען ארויס קלאָהר און פול מיט חכמה. כאָטש ער האָט גערעדט דורך א דאָלמעטשער איז אלץ געווען איינדרוקספול.

אויפ'ן פרינץ האָבען דעם רב'ס רייד געמאכט א גרויסען רושם. אָבער דערפאר איז דער בישאָף אריין אין א גרימצאָרן. איהם האָט פאר־דראָסען וואָס דער רב, וועלכער האָט ניט גערעדט די שפּראך פון פרינץ, זאָל דאָך האָבען געמאכט א רושם אויפ'ן שררה מיט זיין גרויסען וויסען. האָט ער אָנגעהויבען ווארפען זלזולים אויפ'ן רב און אויף אלע אידען.

דער רב איז ווייטער געבליבען רואיג און געלאסען, כאָטש אין הארצען האָט איהם געערגערט וואָס ער דארף אויסהערען אזוינע זלזולים. ער האָט דערמאָנט דעם בישאָף, אז אייגענטליך וואָלט ער געדארפט ריידען מיט מעהר דרך ארץ וועגען אידען און אידישקייט, ווייל דער דרך העולם איז, אז מען שפייט ניט אין ברונעם פון וועלכען מען טרינקט. ניט נאָר האָבען די קריסטען געשעפּט פון אידישען ברונעם, האָט דער רב געזאָגט, נאָר אויך איז דער וואָס האָט זיי געגעבען זייער אמונה, געקומען פון אידען.

דאָ איז דער בישאָף שוין ארויס פון די כלים.

— ניט גלויביגער וואָס דו ביזט! — האָט ער זיך צעשריען אויפ'ן רב — דו וואגסט פאר מיר אין די אויגען צו לעסטערן אונזער גאָט? און ווער איז דען געווען אייער משה?!

— משה — האָט דער רב געענטפערט געלאסען ,— איז געבאָרען געוואָרען ווי אלע שטערבליכע מענשען. ער האָט געהאט א טאטען עמרם און א מאמען יוכבד. ער איז געבאָרען געוואָרען דעם זיבעטען טאָג אין אָדר אין יאָהר צוויי טויזענט דריי הונדערט און אכט און זעכציג נאָך בריאת העולם. ער האָט געלעבט הונדערט מיט צוואנציג יאָהר און איז נסתלק געוואָרען דעם זיבעטען אָדר צוויי טויזענט פיר הונדערט און אכט און אכציג יאָהר נאָך בריאת העולם.

— ווי עס זעהט אוים ביזטו א מאדים צו גערענקען ווען משה איז געבאָרען געוואָרען און ווען משה איז געשטאָרבען — האָט דער בישאָף פּרובירט חוזק'ן פון רב.

— אלע אידען ווייסען עס — האָט דער רב ניט פארלאָרען זיין גלייכגעוויכט — ווייל זינט מיר זיינען א פאָלק געוואָרען ווערט עס איבער־געגעבען פון דור צו דור.

— און וואָס איז מכח דעם קריסטליכען גאָט? — האָט דער בישאָף איהם געוואָלט כאפּען.

— עס איז דאָ נאָר איין גאָט פאר אלעמען — האָט דער רב געענטפערט און האָט אָנגעהויבען ברענגען ראיות ניט נאָר פון אידישע נאָר אויך פון קריסטליכע מקורים.

דער בישאָף האָט שוין איינגעזעהן, אז ער איז ארייגעפאלען. דער רב איז געווען מעהר באקאנט אפילו אין די קריסטליכע כתבים, ווי ער, דער הויכער קריסטליכער גייסטליכער...

דאָ האָט שוין דער פּרינץ זיך אריינגעמישט. כאָטש ער האָט גוט געוואוסט אז דער רב האָט די אויבערהאנט אין וויכוח, האָט ער אָבער ניט געוואָלט אז דער בישאָף זאָל באזיגט ווערען. ער האָט אָפּגעשטעלט דעם וויכוח און זיך צוריקגעקערט צום ענין זעליגמאן מיט דער גרושה.

אין א טאָג פון איינעם וואָס קוקט אויפ'ן רב פון אויבען אראָפּ, האָט דער פּוילישער פּרינץ ארויסגעזאָגט באפעלעריש:

— זאָל זיין ווי דו זאָגסט, אז די תורה פארבאָט א כהן חתונה צו האָבען מיט א גרושה. אָבער וויבאלד זעליגמאן איז מוותר אויף דער כהונה, הייס איך אז דו זאָלסט איהם געבען די פארלאנגטע חופה וקדושין און איהם לאָזען רואיג לעבען מיט דער פרוי וועלכע ער האָט שטארק גערן.

## פה.

### לעגענדע לשון של חירוף וגידוף

**דער כהן באַקומט קורח'ס סוף. — דער בישאָף גייט אַראָפּ פון זינען. — דער פּרינץ בעט זיך איבער.**

דער אלטער רב פון קראָקע, דער גאון און צדיק ר' יצחק, האָט זיך ניט דערשראָקען פאר'ן פּרינץ און זיין באפעהל. ער האָט געלאסען אָבער אנטשלאָסען דערקלערט דעם פּרינץ:

— איך וואָלט טאקע געווען גערן צו דערפילען דיין ווילען, אָבער איך האָב א העכערע מאכט וועמעס ווילען צו דערפילען — דער האר פון דער וועלט. — די תורה פארבאָט א כהן חתונה צו האָבען מיט א גרושה און איך וועל קיינמאָל ניט געהן געגען דער תורה און חתונה מאכען זעליגמאנ'ען מיט דער גרושה.

הערענדיג די דאָזיגע ווערטער איז דער פּוילישער פּרינץ אריין אין א גרימצאָרן.

— און איך באשטעה נאָך אַלץ אז דו זאָלסט טאָן וואָס איך הייס, — האָט ער אויסגערופען באפעהלעריש. — דו מוזט זיך בויגען פאר מיין ווילען.

עטליכע טעג זיינען אוועק און דער רב פון קראָקע האָט, נאַטיר־ליך, זיך געהאַלטען ביים אידישען דין. דער פּרינץ האָט דאַן געשיקט באוואָפענטע זעלנער צום רב, מיט'ן אָנזאָג, דעם מרא דאתרא צו ברענגען אויף דעם מארק אין מיטען שטאָדט.

אויפ'ן באפעהל פונ'ם פּרינץ האָט דער אַלטער רב דאָרט, אויפ'ן אָפענעם מארק, אונטערן פרייען הימעל, פאר די אויגען פון אַלע וואָס ווילען זיך פארזאַמלען, אידען ווי ניט־אידען, געזאָלט געבען חופּה וקדו־שין שלמה'ן אָדער זיגמונד זעליגמאַנ'ען און דער גרושה.

ווען דער רב איז, אין באגלייטונג פון די באוואָפענטע זעלנער, אָנגעקומען אויפ'ן מארק, האָבען שוין דאָרט אויף איהם געוואַרט זעליג־מאַן און די גרושה. דאָרט זיינען אויך געווען דער גרושה'ס רייכע קרובים און א גרויסער עולם פון אידען און ניט־אידען, וואָס איז זיך אָנגעלאָפען ווי אויף א בייז־וואונדער. אַלע זיינען געווען נייגעריג צו זעהן וואָס דאָ וועט געשעהן; ווער פון די צוויי עס וועט זיך אונטערגעבען, דער פּרינץ אָדער דער רב.

דער אַלטער רב האָט אָנגעקוקט דעם חתן, די כלה און איהרע קרובים און האָט צו זיי געזאָגט מיט פעסטער אַנטשלאָסענקייט:

— איך בין אייך מתרה, אז איך וועל ניט עובר זיין אויף א געבאָט פון דער תורה, אפילו ווען איך זאָל דארפען דערביי פארלירן דאָס לעבען. איך וועל אייך קיין חופּה און קדושין ניט געבען, וואָס עס זאָל מיט מיר ניט געשעהן.

דער רב האָט דאַן ביי זיי אָנגעהויבען בעטען תחנונים, אז זיי זאָלען חרטה האָבען אויף דעם וואָס זיי האָבען זיך אריינגענומען אין קאָפּ — חתונה צו האָבען.

— אויב איהר וועט לאָזען וויסען, אז איהר ווילט ניט חתונה האָבען, — האָט דער רב גערעדט צו חתן־כלה, — וועט דער פּרינץ מעהר ניט באשטעהן, אז איך זאָל דערפילען אייער רצון. דאָס גאַנצע אומגליק נעמט זיך אין אמת'ן נאָר פון אייך.

אָבער זעליגמאַן און די גרושה זיינען געבליבען פאר'עקשנ'ט.

איינזעהענדיג אז ער וועט ביי זיי גארניט פועל׳ן, האט דער רב אויסגערופען הויך אויפ׳ן קול:

— רבונו של עולם, זיי ווילען מיך צווינגען, אז איך זאל עובר זיין אויף דיין געבאט. איך בעט דיר, זיי מקדש דיין נאמען, כדי די וואס היי־טען אפ דיין תורה און האלטען הייליג דיין נאמען מיט פולער און ריינער אמונה אין דיר, האר פון דער וועלט, זאלען זיך פילען געשטארקט. קוק ארונטער, באשעפער פון דער וועלט, פון דיין הייליגער הויך, און ווייז חסד צו די וואס געהען אין דיינע וועגען און באשטראף די וואס שטעלען זיך אנטקעגען דיר מיט קופערנע שטערענס.

אפגעזאגט זיין איינגעפארפאסטע תפילה, האט ר׳ יצחק ווידער אמאל פרובירט פועל׳ן ביי חתן־כלה, אז זיי זאלען חרטה האבען. אבער יענע האבען זיך מיט חוצפה אפגעזאגט. זיי האבען דערביי אפילו געוויזען, אז זיי באציען זיך צום אלטען רב מיט פחיתת הכבוד.

דער אלטער רב האט אנגעהויבען שטיל אבער מיט גרויס דבקות שעפטשען א תפילה:

— ענני, ה׳ ענני! — האט דער רב אויסגעבראכען אין א געוויין.
— עשה למען שמך הקדוש, הגדול והנורא!

נאך איידער דער רב האט פארענדיגט זיין תפילה, האט זיך דורך דער לופט צעטראגען אן אויסגעשריי פון חתן־כלה און די מחותנים. די ערד האט זיך אנגעהויבען עפענען אונטער זייערע פיס. א תהום האט מורא׳דיג אויף זיי ארויסגעקוקט און באלד, כהרף עין, איידער זיי האבען צייט געהאט זיך אוועקצורוקען פון תהום, זיינען זיי שוין געווען פארש־לונגען ביז זייערע העלזער.

דער גרויסער עולם, וואס האט עס אלץ צוגעזעהן, איז געווען פארגאפט. א פחד האט אלעמען ארומגענומען, עס האט געדויערט נאר עטליכע רגע׳ס און חתן־כלה זיינען געווען איינגאנצען פארשלונגען פונ׳ם תהום. די געעפנטע ערד האט זיך ווידער פארשלאסען און אלץ איז געווען אפגעווישט ווי ס׳וואלט גארניט געהאט פאסירט.

די באוואפענטע זעלנער האבען זיך צוגעקוקט מיט שרעק צו דעם וואס ס׳איז געשעהן פאר זייערע אויגען. זיי האבען געמיינט, אז זיי קענען עפעס טאן דערביי. זיי האבען אריינגעשטעקט זייערע פיקעס אין דער ערד צו באצייכענען דעם ארט וואו דאס פארל איז אזוי געהיימניספול פאר־שלונגען געווארען.

באלד האט זיך די אימה־אניאגענדיגע פאסירונג פארשפרייט איבער'ן שטאדט און עס איז געווארען א גרויסער רעש. קינד־און־קייט זיינען זיך אנגעלאפען אויפ'ן מארק. די ידיעה האט אויך דערגרייכט דעם פרינץ. ער איז געווען געפלעפט. ער האט שוין געמוזט איינזעהן דעם כח פון קדושה, דעם כח פון דעם אלטען קראקאווער רב, וועלכער האט ניט געוואלט עובר זיין אויף דער תורה.

דער פרינץ האט געשיקט נאכ'ן בישאף, צו הערען וואס ער האט וועגען דעם צו זאגען. דער פרינץ האט שוין געוואלט זיך איבערבעטען מיט'ן רב, ביי איהם בעטען מחילה. ער האט מורא געהאט, אז די שטראף וואס איז צוגעטיילט געווארען צום פארזינדיגטן פארל, וועט מעגליך אויך איהם צוגעטיילט ווערען.

ווען דער שליח פונ'ם פרינץ איז אנגעקומען צום בישאף האט ער יענעם געפונען אין א צושטאנד פון משוגעת. ער איז אין אט דעם צו־שטאנד אריינגעשליידערט געווארען באלד ווי עס האט איהם דערגרייכט די ידיעה וועגען דעם וואס ס'איז געשעהן מיט זעליגמאנ'ען און דער גרושה אויפ'ן מארק.

דער שליח האט זיך צוריקגעקערט צום פרינץ מיט דער טרויעריגער ידיעה וועגען בישאף. דער פרינץ האט דאן באשלאסען באלד צו פארען צום קראקעווער רב און האט ביי איהם געבעטען מחילה פאר דעם וואס ער האט איהם מבזה געווען און זיך אזוי לייכטזיניג באצויגען צום אידישען גלויבען און צו תורת משה.

דער פרינץ האט געבעטען א תשובה אויף זיינע זינד.

אויף דעם האט דער אלטער רב איהם געענטפערט, אז אייגענטליך האט דער פרינץ פאר גארניט איהם צו בעטען מחילה. ער האט איהם, דעם רב, מיט גארניט מבזה געווען. וואס איז נוגע דער אידישער אמונה, איז דער פרינץ אין דעם ניט שולדיג. ער איז דאך דערצויגען געווארען אין א גאנץ אנדער אמונה.

דער רב האט צום פרינץ געהאט א פארלאנג: היות ווי דער דין פארבאט כהנים צו זיין דארט וואו עס געפינען זיך קברים, זאל דער פרינץ באפעלעהן, אז דאס ארט אויפ'ן מארק וואו דאס פארל איז פארזונקען געווארען, זאל ארומגעצוימט ווערען מיט א דיקער שטיינערנער וואנט.

דאס האט דער פרינץ באלד צוגעזאגט און טאקע געהאלטען זיין צוזאג. א וואנט איז אויפגעבויט געווארען ארום דעם ארט וואו זעליגמאן און די גרושה זיינען פארשלונגען געווארען אין דער ערד.

דער ראש הקהל פון קראָקע איז דעמאָלט געווען דער גביר און בעל צדקה ר' ישראל איסערליש. זיין זוהן איז געווען דער עילוי ר' משה, דער שפּעטער וועלט־באַרימטער רמ"א.

ווען דער מהר"ל און דער מהרש"ל זיינען אָנגעקומען אין קראָקע לערנען תורה, איז דער רמ"א געווען אכצען יאָהר אלט. ער איז געווען דער איידעם פון הגאון ר' שלום שכנא פון לובלין.

זיין פאָטער, דער ראש הקהל, האָט געהאט אויפגעבויט פאַר איהם א באזונדערען בית מדרש, וואו דער יונגער עילוי איז געזעסען על התורה ועל העבודה.

פארשטעהט זיך, אז ווי פאַר דעם זוהן פון א גרויסען גביר, האָט דעם רמ"א גאָרניט געפעלט. די צוויי אָנגעקומענע יונגע עילויים, דער מהר"ל און דער מהרש"ל האָבען געלערענט צוזאמען מיט'ן רמ"א בערך דריי יאָהר צייט. ווען דער מהרש"ל האָט, נאָך די דריי יאָהר, פארלאָזט קראָקע, איז דער מהר"ל דאָרט געבליבען און האָט געלערענט מיט'ן רמ"א פאַר נאָך צוויי יאָהר.

אין יאָהר ש"ג איז אין בעהמען פאָרגעקומען א מלחמה. דער הער־שער פון פראג האָט געפירט מלחמה מיט זיינע שכנ'ישע הערשער. דער מהר"ל האָט זיך דעמאָלט צוריקגעקערט קיין פראג צו זיין משפחה און צו זיין כלה און מחותן.

צוליב דעם וואָס דער מחותן איז פאַראָרימט געוואָרען, האָט פּערל, די כלה, זיך געהאט געעפענט א קלייטל און דערנערט זיך און איהרע עלטערן.

צוועלף יאָהר זיינען געווען אוועק זינט דער מהר"ל איז אוועק אין דער פרעמד לערנען תורה. פאַר אָט די 12 יאָהר צייט איז פּערל געוואָרען א פול־אנטוויקעלטע פרוי. זי האָט באוויזען איהר בריה'שקייט אין ווערען די ברויט־געבערין פאַר איהרע פאַראָרימטע עלטערן. גלייכצייטיג האָט זי זיך אויך פארפולקאָמט אין לערנען און געקענט גאָר פיין שמועסען מיט איהר חתן אין תורה.

דער מהר"ל איז דעמאָלט שוין געווען צוויי און דרייסיג יאָהר אלט. פּערל איז געווען מיט פיר יאָהר אינגער. עס איז געווען צייט, אז זיי זאָלען חתונה האָבען.

נאָך דער חתונה איז פּערל געבליבען די ברויט־געבערין פאַר איהר מאן: פארשטעהט זיך, אז זיי האָבען קוים געהאט אויסצוקומען.

אָבער דאָס האָט ניט געאַרט ניט דעם מהר"ל און ניט זיין פרוי. דער מהר"ל איז ווייטער געזעסען און געלערענט און פערל האָט אָנגעפירט אַ מיט'ן קלייטעל און אַ געלערענט תורה אין דער פרייער צייט.

## פו.

### דעם מהר"ל'ס אייניקל

**פערל באַקומט אַ משכון. — דער אוצר. — פערל די מלומדת. — דעם מהר"ל'ס אייניקל ר' שמואל אַ זעלטענער קינסטלער.**

דעם מהר"ל'ס פרוי די למדנישע פערל, האָט פון איהר שפּייז־קלייטעל אין פראג ניט נאָר מפרנס געווען איהר מאַן און זיך, נאָר אויך איהר פאַראָרימטען טאטען ר' שמואל רייך, און די גאַנצע משפחה. פאַר־שטעהט זיך, אַז די פרנסה פונ'ם קלייטעל איז געווען בצמצום. אָלע האָבען זיי אָבער געדאַנקט השם יתברך פאַר'ן חסד, וואָס זיי האָבען צו קיינעם ניט געדאַרפט אָנקומען.

ווי פריער דערציילט האָט אין יענער צייט אין בעהמען אויסגע־בראָכען אַ קריג און לאַנגזאַם האָט זיך דער קריג דערנעהנטערט צו פראג.

איינמאָל, ווען דער קריג האָט שוין געפּלאַקערט ממש ביי די טויערען פון פראג, איז צו פערלען אין קלייטעל אַריינגעקומען אַ באַוואָפּנטער זעלנער. ס'איז געווען קלאָר, אַז ער קומט פון שלאַכט־פעלד.

ער האָט זיך געהייסען געבען ברויט און אַנדערע עסענוואַרגען. דער זעלנער האָט עס אַלץ אָנגעלאָדען אינ'ם וואָגען מיט וועלכען ער איז געקומען.

אַז עס איז געקומען צום באַצאָלען און פערל האָט איהם צוגעשטעלט אַ חשבון, האָט דער זעלנער געלאָזט וויסען, אַז ער האָט ניט קיין געלט.

פערל האָט דעם זעלנער געגעבען צו פאַרשטעהן, אַז זי האָט איהם אוועקגעגעבען איהר גאַנצע סחורה, וואָס איז אַלץ וואָס זי פאַרמאָגט. אויב זי זאָל ניט קריגען באַצאָלט פאַר דער שפּייז וואָס דער זעלנער האָט גענומען, וועט זי און איהר גאַנצע משפחה פשוט מוזען הונגערען און ניט האָבען מיט וואָס צו קויפען נייע סחורה פאַר'ן קלייטעל.

דער זעלנער איז געווען גערירט. ער האָט איהר דערלאַנגט אַ מלבוש, וואָס ער האָט געהאַט מיט זיך. דער מלבוש איז געווען פיין אויסגענייט און באַצירט.

— האלט עס פאר א משכון, — האט דער זעלנער געזאגט. — אויב איך וועל אין א צוויי־דריי טעג ארום נישט צוריקקומען מיט׳ן געלט אויס־צולייזען דעם משכון, וועט דער מלבוש זיין דיינער.

וואס פאר א ווערט ס׳האט אט דער מלבוש, האט פערל ניט געוואוסט. זי האט אבער געהאפט, אז דער זעלנער וועט קומען אויסלייזען דעם משכון.

ס׳זיינען אוועק עטליכע טעג און דער זעלנער האט זיך ניט געוויזען, האט פערל געהאט א שמועס וועגען דעם מיט איהר מאן מהר״ל.

— אין מלחמה צייט, — האט דער מהר״ל געזאגט, באהאלטען שררות און סתם הויכע אפיצירען אין אט אזוינע מלבושים דימענטען און אנדערע איידעלשטיינער. קוק אריין, אפשר וועסטו דארט געפינען עפעס פון א גרויסען ווערט.

האט פערל אויפגעריסען די נוטען פונ׳ם מלבוש און עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז דארט זיינען טאקע געווען איינגענייט טייערע שטיינער און בריליאנטען.

קיינער איז ניט געווען וואס זאל אט דעם אוצר מאנען. דער נאמען פון דעם צו וועמען אט דער מלבוש האט געהערט אדער פונ׳ם זעלנער, וואס האט איהם איבערגעלאזט, איז פערל׳ען און דעם מהר״ל געווען אומ־באקאנט. דאס וואס זיי האבען געפונען אין בגד איז געווען א כשר׳ע מציאה.

אין די משפחה אויפגעריכט געווארען און דעם מהר״ל׳ס אמאל עושר׳דיגער שווער, ר׳ שמואל רייך, וואס האט אין די לעצטע יאהרען גע־דארפט לעבען אויף זיין טאכטער׳ס פדיון אין קלייטעל, האט אויף דאס־ניי געקענט פאנאנדערפירען די הענט אין מסחר.

ווען דער קריג איז פארענדיגט געווארען, האט ר׳ שמואל אנגענומען ביי דער ממשלה דעם פאדריאד צוריק אויפצובויען איהרע געביידעס און פעסטונגען ארום שטאט, וואס זיינען אין משך פון קריג צעשטערט געווארען. ר׳ שמואל איז דערפון נתעשר געווארען.

האט ר׳ שמואל ווידער אנגעהויבען טיילען צדקה מיט א ברייטער האנט, און די פראגער אידישע קהילה האט ווידער אנגעהויבען ארויסקוקען צו איהם פאר פירערשאפט.

דער מהר״ל האט איצט געקענט ווייטער לערנען אהן זארג.

אויך פערל האט איצט אפגעגעבען א סך צייט צום לערנען. יעדען

טאָג האָט זי געלערנט א שיעור מיט איהר מאן, וועלכער האָט איהר באטראכט פאר א חבר אין לערנען. זיי האָבען געלערנט צוזאמען ניט נאָר גמרא און פוסקים נאָר אויך מוסר און חקירה.

פערל האָט געהאט געזאָגט אויף זיך, אז זינט זי איז געוואָרען אכט יאָהר אלט, איז ניט אוועק קיין איין טאָג וואָס זי זאָל ניט האָבען געלערנט תורה לכל הפחות פינף שעה.

שפעטער אז דער מהר״ל איז געוואָרען וועלט-בארימט און עס פלעגען צו איהם קומען שאלות פון פארשידענע קהילות, פלעגט פערל פאר איהם לייענען די דאָזיגע שאלות און דערנאָך אויסשרייבען איהר מאנ׳ס תשובות אויף אָט די שאלות. זי האָט אויך מסדר געווען און פאקטיש רעדאגירט דעם מהר״ל׳ס אלע פיר און צוואנציג חיבורים. עס ווערט אפילו דערציילט, אז ניט וויינעגער ווי אין אכט ערטער האָט זי אין מהר״ל׳ס חיבורים געפונען גרייזען; דאָ איז עס געווען אין לשון פון א מאמר חז״ל און דאָ אין דעם לשון פון רש״י אָדער תוספות.

דער מהר״ל האָט זיין ווייב שטארק הויכגעשעצט פאר דעם. ער האָט אויף איהר געזאָגט דעם פסוק „רבות בנות עשו חיל ואת עלית על כולנה״.

פערל האָט געבוירען דעם מהר״ל איין זוהן — ר׳ בצלאל — און דריי טעכטער: רייכיל, טילע און רעאלינם.

ר׳ בצלאל איז געווען א גרויסער חריף און האָט זיך אויסגעצייכענט מיט זיינע זעלטענע כשרונות. ער האָט באזונדער שטארק ליב געהאט צו לערנען מיט אנדערע. ער האָט געהאט אן אויסערגעוויינליכען טאלאנט אין זאָגען א שיעור פאר תלמידים.

אין דער פראגער ישיבה איז צו יענער צייט גענומען געוואָרען אלס ראש ישיבה ר׳ אפרים, דער מחבר פון „עוללות אפרים״, האָט ר׳ בצלאל, וועלכער איז געוואָרען דער איידים פון א גרויסען מיוחס און איז ביי זיין שווער געזעסען אויף קעסט צוועלף יאָהר צייט, זיך איבערגעקליבען קיין קעלן און דאָרט געעפענט זיין אייגענע ישיבה. די דאָזיגע ישיבה האָט שפעטער געקראָגען גרוים פירסום און צוגעצויגען א גרויסע צאָל תלמידים.

ר׳ בצלאל האָט געהאט צוויי זיהן, מנחם און שמואל, און א טאָכטער ליפט. מנחם דער בכור, איז נפטר געוואָרען אלס קינד. שמואל איז געווען באגאבט מיט גרויסע כשרונות. עס האָט איהם אָבער געפעלט דער חשק צו לערנען. ער האָט זיך אויסגעצייכענט מיט א זעלטען שעהנער האנטשריפט, מיט א טאלאנט צו מאָלען און מיט אויסארבעטען פארשיידענע האנט ארבעטען. באזונדער אין מעטאלען, ווי גאָלד, זילבער און קופער.

צו זעכצען יאָהר, ווען ער האָט געלערנט אין זיין פאָטער'ס ישיבה, האָט ער אָנגעשריבען א ספר תורה אויף פּארמעט, א טפח און א האלב די לענג און ווייניגער ווי א טפח די ברייט.

דער כתב איז געווען קלאָר און אלץ על פי דין. דער כתב איז אָבער געווען אזוי קליין, אז מ'האָט אין אָט דער ספר תורה געדארפט לייענען דורך א פארגרעסער גלאָז.

שמואל האָט פאר אָט דער קליינער ספר תורה'לע אויך געמאכט עץ-חיים'ס וואָס זיינען געווען פיין אויסגעשניצט. אויף זיי זיינען געווען אויסגעקריצט די פאָלגענדע ווערטער:

„וזאת התורה אשר שם משה לפני בני ישראל על פי ה' ביד משה, עץ חיים היא למחזיקים בה ותומכיה מאושר, דרכיה דרכי נועם וכל נתיבו־תיה שלום: אורך ימים בימינה, בשמאלה עושר וכבוד, ה' חפץ למען צדקו יגדיל תורה ויאדיר. תורה צוה לנו משה מורשה קהלת יעקב".

שמואל האָט געמאכט א „יד" פאר דער דאָזיגער ספר תורה'לע לויט איהר גרויס און האָט אויף דעם אויסגעקריצט אנדערע פסוקים פון דער תורה און אויך א בילד פון קריעת ים סוף, ווי די מצרים ווערען דער־טרונקען אין ים בעת די אידען ראטעווען זיך לעבעדיגע. ער האָט אויך געלאָזט אויסגיסען א „כתר" פאר דער תורה און אויסגעקריצט אויף דעם דאָס בילד ווי די אידען נעמען די תורה ביים בארג סיני.

ר' שמואל האָט דאן ווייטער געוויזען זיין גרויסען טאלאנט דורך דעם וואָס ער האָט פאר דער ספר תורה'לע מיט איהר „כתר" געמאכט א ספּעציעלען ארון קודש'ל, וואָס איז געווען איינגאנצען אויסגעשניצט פון איין שטיק עלעפאנט-ביין. אויפ'ן מערב-זייט פון דאָזיגען ארון קודש'ל איז געווען אויסגעשניצט דאָס בילד פון בית המקדש און אויפ'ן דרום-זייט — דאָס בילד פון דעם מזבח הנחושת. אויפ'ן צפון זייט איז געווען דער שלחן מיט'ן לחם הפנים און אויפ'ן מזרח-זייט, דאָרט וואו ס'זיינען געווען די צוויי טירעלעך פון ארון קודש'ל, האָט ער אויסגעשניצט די לוחות און דעם ארון פון דרויסען. און די מנורה און דעם גאָלדענעם מזבח פון אינעווייניג.

מיט דעם איז דער יונגער קינסטלער ר' שמואל נאָך ניט געווען פארטיג. ער האָט גענומען א גרויסען מארמאָר שטיין און האָט אין איהם אויסגעהאקט אן עפענונג וואָס זאָל זיין גרויס גענוג פאר'ן עלעפאנט ביינערנעם ארון קודש'ל. דערביי האָט ער אויסגעהאקט פון שטיין א „כפו־רת".

אויפ'ן שטיינערנעם ארון האט ר' שמואל אויסגעקריצט א בילד פונ'ם חורבן בית המקדש און א צווייטבילד ווי אידען געהען אין גלות. דאן אן אנדער בילד פון חנה מיט איהרע זיבען זיהן וואס זיינען זיך מקריב פאר קידוש השם. אן אנדער בילד איז דארט אויסגעהאקט געווארען אין שטיין פון א אידען מיט א פעקעל אויף זיין פלייצע און מיט א וואנדער שטעקען אין איין האנט און א ספר תורה אין דער צווייטער האנט — א סימבאל פון דעם איד אין גלות. דריי יאהר צייט האט געווערט בא ר' שמואל'ן שרייבן דאס ספר תורה'לע און מאכן די פארשידענע ארונות.

צו ניינצען יאהר האט ר' שמואל'ן זיין פאטער משדך געווען מיט דער טאכטער פון א באוואוסטן אידישען מנהיג און בעל צדקה פון דייטש-לאנד — ר' מרדכי זאלצהיים. די חתונה איז פארגעקומען אין פראג ביי זיין זיידען דעם מהר"ל, וועלכער איז שוין דעמאלט געווען דריי און אכציג יאהר אלט.

זיין גרויסע קונסט-ווערק, די ספר תורה'לע מיט איהרע ארונות, האט ר' שמואל אוועקגעגעבען אלס מתנה זיין זיידען דעם מהר"ל וועלכער האט זיך מיט דעם שטארק געצאצקעט און דערפון געהאט גרויס הנאה.

אין יאהר ש"ס איז ר' בצלאל נפטר געווארען אין קעלן און ר' שמואל האט זיך איבערגעקליבען אין פראג. אין קעלן האט ר' שמואל געהאט געצווינגען זיין פרנסה פון דעם וואס ער האט געהאנדעלט מיט גאלד, זילבער און טייערע שטיינער. די הויפט פרנסה האט ער געהאט פון דעם וואס ער פלעגט איינפאסען טייערע שטיינער און פערל און פון מאכען אנדערע צירונג וואס זיינען געווען אמת'ע קונסט שטיקער.

אין פראג האט ר' שמואל אנגעהאלטען דעם זעלביגען מסחר און די זעלביגע מלאכה. באזונדער האט ער זיך אפגעגעבען מיט אויסקריצען ביל-דער אין פארשיידענע קאלירען אויף מעטאלען. ער האט זיך פון דעם דערוואָרבען א פארמעגען.

אין דער צייט וואס דער מהר"ל האט אין פראג און איבער דער גארער וועלט גע'שם'ט מיט זיין גדלות אין תורה און זיינע מעשים טובים, האט זיין שוועער ר' שמואל רייך זיך דערהויבען צו א גאר גרויסער הויך אין דער פאליטישער וועלט. ער איז געווארען א מקורב למלכות.

דער מושל פון פראג איז דעמאלט געווען פערדינאנד דער ערשטער. ר' שמואל רייך האט ביי איהם געפונען חן אין די אויגען פאר זיין שכל הישר און זיינע גרויסע פעהיגקייטען.

פארשטייט זיך, אז די גדולה זיינע האָט ארויסגערופען גרויס קנאה און שנאה מצד א סך הויפּלייט וועלכע האָבען ניט געקאָנט פארטראָגען וואָס א איד איז אזוי עולה לגדולה געוואָרען.

מ'האָט געגען איהם אָנגעהויבען פירען אינטריגעס און ס'זיינען געמאכט געוואָרען אויף איהם מסירות. ר' שמואל'ס מערכה איז אָבער ניט קאַליע געוואָרען אין קעניגליכען הויף.

## פז.

## אידישע חכמה און גוי'אישע שנאה

**דער קעניג פערדינאנד דער ערשטער. — די גזירה פון גירוש. — אַ וויכוח פון אַ פּרינץ און זיין אידישן פּאַרוואַלטער.**

קעניג פערדינאנד דער ערשטער איז געווען א פרומער קאטוילי'ק. דאָס האָט אָבער ניט געשטערט זיין פריינטשאפט צו דעם אידען שמואל רייך, דעם מהר"ל'ס שוועה. ער איז אויך געווען פריינטליך צו אנדערע אידען. עס איז אָבער געקומען א צייט ווען דעם קעניג'ס מוח האָט אָנגע־הויבען פאַר'סמ'ט צו ווערען געגען אידען.

אין יאָהר שט"ז האָבען די קאטוילי'קען אין רוים, אויפ'ן פּויפּסט'ס באַפעהל, אָנגעהויבען עפענטליך פארברענען דעם תלמוד און אנדערע אידישע הייליגע ספרים. די אינקוויזיציע האָט טראומפירט, און דער גייסט פון דער אינקוויזיציע האָט זיך אָנגעהויבען פארשפרייטען פון רוים איבער דער גאנצער קאטוילישער וועלט. האָט דער גייסט פון דער אינקוויזיציע אויך דערגרייכט קעניג פערדינאַנד'ס הויף אין פּראָג. קאטוילישע פאנאַ־טיקער האָבען אָנגעפאנגען א העצע געגען אידען און קעניג פערדינאַנד האָט זיך געלאָזט פון זיי באאיינפלוסען.

אין יאָהר שי"ז האָט דער קעניג געלאָזט צו זיך רופען די אידישע פיהרער פון פּראג און זיי מודיע געווען, אז פאר'ן קומענדיגען יאָהר וועט ער ניט באנייען דעם שוץ־טראקטאט וואָס זיי האָבען אין זיין קעניגרייך. על כן וועלען אַלע אידען מוזען פארלאָזען בעהמען, מעהרען און שלעזיע וועלכע זיינען געווען אונטער זיין ממשלה.

ר' שמואל רייך, וועלכער האָט זיך אין פאָראויס דערוואוסט וואָס עס ווערט צוגעגרייט פון די שונאי־ישראל, האָט געהאַט בדעה צו אונטער־קויפען געוויסע הויפּלייט. ער האָט גוט געוואוסט וועלכע פארשוינען עס

וועלען זיך לאָזען אונטערקויפען. ער איז געוועזן גרייט אָפּצוגעבען זיין גאנצען פארמעגען אבי ראטעווען אידען פון דעם וואָס האָט געשמעקט מיט א גירוש.

ער האָט זיך וועגען דעם מיישב געווען מיט זיין איידים דעם מהר"ל. דער מהר"ל איז געווען געגען דעם. ער האָט געהאַלטען, אז עס שטעקט פאר אידען א גרויסע סכנה אויב זיי זאָלען זיך דארפען דערוועגען זייער רעכט צו בלייבען אין א לאנד דורך אונטערקויפען זייערע שונאים.

אין יענע צייט איז דעם קעניג'ס זוהן פרינץ פערדינאנד, דער הער־צאָג פון בעהמען, געווען צו גאסט ביי הערצאָג יאָהאן פון מעהרען.ביידע פאראינטערעסירט אין אסטראָנאָמיע האָבען זיי זיך מתוכח געווען א וויכטיגען מאטעמאטישען פּראָבלעם וואָס זיי האָבען זיך באמיהט צו לייזען. קיינער פון די געלערנטע האָט ניט געהאט דעם ריכטיגען ענטפער. האָבען די צוויי הערצאָגען געמאכט א וועט, אז דער וואָס וועט דעם פּראָבלעם לייזען זאָל ווערען דעם צווייטענ'ס גייסטיגער האר און דער צווייטער דעם ערשטענ'ס גייסטיגער שקלאף. זיי האָבען זיך געגעבען א האלב־יאָהר צייט צו געווינען, אָדער פארלירען דעם וועט.

קומענדיג צוריק צו זיך אין פּאַלאַץ אין פּראָג, האָט פּרינץ פערדינאנד צוזאמענגערופען די גרעסטע געלערענטע פון זיין געגענד און האָט פאר זיי פאָרגעלייגט דעם מאַטימאַטישען פּראָבלעם, אָבער צו זיין באדויער האָבען אויך די גרויסע וויסענשאַפטליכע ניט געפונען קיין לייזונג. אזוי איז אַ דורך אַ חודש, צוויי, דריי, ביז פינף חדשים און קיין לייזונג האָט דער פרינץ נאָך ניט געהאָט.

אחוץ זיינע אייגענע גיטער, איז פּרינץ פערדינאַנד, הערצאָג פון בעהמען, דעם קעניג'ס זוהן געווען באשטימט צו ירש'נען די גיטער פון א געוויסען קינדערלאָזען הערצאָג. די דאָזיגע ירושה איז באשטאנען פון שלע־סער, דערפער, שטעטלאך, מילען, וועבערייען, גאסט־הייזער וכדומה. דער פארוואלטער פון אָט די אלע גיטער איז געווען א פּראגער איד מיט'ן נאָמען ר' משה יצחק סאָבעל. ער איז געווען שטארק חשוב ביי דעם פריהער־דיגען אייגענטימער פון די דאָזיגע גיטער און שפּעטער אויך ביי דעם נייעם יורש זייערען, קעניג פערדינאנד'ס זוהן — פּרינץ פערדינאנד.

נאָך זיין וועט מיט'ן הערצאָג פון מעהרען, האָט דער הערצאָג פון בעהמען פרינץ פערדינאנד, באזוכט די דאָזיגע גיטער און, פארשטעהט זיך, אז ער האָט זיך צוזאמענגעטראָפען מיט'ן אידישען פארוואלטער ר' משה יצחק'ן. האָט דער אידישער פארוואלטער באמערקט, אז דער פּרינץ איז עפּעס פארזאָרגט. האָט ער געוואָלט וויסען וועגען וואָס אזוינס עס האנדעלט

זיך, אז דער פרינץ זאָל זיין פארזאָרגט. פרינץ פערדינאנד האָט איהם דער־צעהלט וואָס עס דריקט איהם אויפ'ן הארצען.

— דו האָסט זיך, ווי איך זעה, געווענדעט צו אלע געלערענטע, אָבער ניט צו קיין אידישע געלערנטע, — האָט ר' משה יצחק סאָבעל געזאָגט.

דער פרינץ האָט זיך צולאכט.

— וואָס ווייסען דען אידען פון אזוינע ענינים? — האָט דער פרינץ געזאָגט אין א טאָן פון חוזק. — אידען קענען זיך פייניגען און קלאָגען אויפ'ן חורבן פון זייער בית המקדש. זיי ווייסען אויך ווי צו חלום'ען וועגען גאולה, וואָס דארף, לויט זייער פאָרשטעלונג, קומען דורך נסים. אָבער וואָס ווייסען זיי וועגען וויסענשאפטליכע ענינים?

ר' משה יצחק וועלכער האָט דעם פרינץ געקענט פון זיין יוגענט, האָט פאר איהם געהאט א פארטיגע תשובה:

— דו האָסט א פאלשע פאָרשטעלונג וועגען אידען — האָט ער געזאָגט. — די שולד איז פון דיין דערציהער וועלכער איז א שונא ישראל. ער האָט דיר דערצעהלט וועגען אידען זאכען וואָס זיינען לחלוטין פאלש. אוודאי קלאָגען אידען אויפ'ן חורבן בית המקדש און מיר ריכטען אָפּ חצות. מיר גלויבען אויך, אז אונזער גאולה וועט קומען מיט'ן אויבער־שטען'ס הילף. אָבער דאָס מיינט ניט אז מיר האָבען ניט צווישען אונז קיין גרויסע געלערנטע און וויסענשאפטלער. אויב דו ווילסט זיך באגעגענען מיט אן אמת גרויסען אידישען געלערנטען האָסטו איהם אין דער פערזאָן פון דעם פראגער רב. עס איז ניטאָ די חכמה אויף דער וועלט אין וועלכער ער זאָל ניט זיין בא'הבינ'ט.

—אויב דו ביזט איבערצייגט, אז דער פראגער רב איז ביכולת צו לייזען פאר מיר מיין מאטימאטישע פראָבלעם — האָט דער פרינץ געזאָגט — ברענג איהם צו מיר. אָבער איך בעט דיר, אז דאָס זאָל געטאָן ווערען בשתיקה. זאָל קיינער פון דעם ניט וויסען. ווארום עס וועט פאר מיר זיין א חרפה, אויב מען וועט זיך דערוויסען אז איך האָב געדארפט אָנקומען צו אזא שפּל'ן און אומוויסענדען פאָלק ווי אידען, צו לייזען א וויסענ־שאפטליכען פּראָבלעם.

דער פרינץ האָט עס ארויסגעזאָגט געלאסען און זאָגאר פריינטליך, ווי ער וואָלט דערביי גאָר ניט געפיהלט, אז דערמיט באליידיגט ער זיין אידישען פארוואלטער ר' משה יצחק'ן. ר' משה יצחק האָט זיך טאקע דערפיהלט שטארק געקרענקט פון די דאָזיגע ווערטער און ער איז דעם פרינץ ניט געבליבען שולדיג קיין ענטפער.

— מיין האר — האט ער געזאגט. — אויב איך וואלט ניט גע־וואוסט, אז דו ביזט א מענש מיט יושר און איינזעהעניש און דו האסט בכלל א גוט הארץ און פיינע מדות, וואלט איך אנגענומען, אז דו פאר־אורטיילסט מענשען גאר ניט קענענדיג זיי און דו האנדעלסט לויט דיינע פאראורטיילען און ניט לויט דיין פארשטאנד און דיינע איבערצייגונגען. נאך ערנסטער איז דער ענין, ווייל עס האנדעלט זיך דאך ניט וועגען א יחיד, נאר וועגען א גאנץ פאלק. פארוואס זאלסטו אזוי ריידען וועגען אידען, אז דו קענסט זיי אפילו ניט? דו האסט ניט קיין ידיעה וועגען זייער לעבען און וועגען זייער תורה. עס רעדט פון דיר ארויס די שנאה פון די גלחים און אנדערע שונאי ישראל, וואס האבען קיין אנדער גרונט פאר זייער שנאה צו אידען ווי קנאה. דער מינדסטער צווישען אידען ווייס מעהר ווי דיינע גלחים.

ר' משה יצחק סאבעל האט גענומען אויפקלעהרען דעם הערצאג, אז ער איז פארפיהרט פון די גלחים וועלכע קענען ניט פארגעסען אידען דאס וואס זיי האלטען זיך ביי דער תורה און שטייען אויף א העכערער מדרגה פון וויסען און מאראל ווי זיי.

— און פארוואס זאלסטו אידען באצייכענען אלס שפל דערפאר וואס זיי טוען כל עבודת פרך צו פארדינען זייער ברויט? — האט ר' משה יצחק שוין גערעדט מיט היץ. — און פארוואס זאלסטו זיי באצייכענען אלס אומוויסענד, דערפאר וואס זיי פארברענגען זייער צייט אין תורה און עבודה? ווער נאך איז אזוי ארבעטזאם ווי אידען? ווער נאך פארברענגט שבתים און ימים טובים אויף אזא גייסטיגען אופן ווי א איד?

דא איז שוין דער פרינץ ארויס מיט טענות געגען אידען, ווי ער וואלט געוואלט איבערצייגען זיין אידישען פארוואלטער, אז ער ווייס וואס ער רעדט:

— אידען זיינען געלט־מענשען — האט ער געזאגט. — זיי יאגען זיך נאך געלט און זיינען אלע רייך!

ר' משה יצחק האט אנגעהויבען אויפקלעהרען דעם פרינץ אז ער איז זיך טועה. אידען האבען מעהר ארימע לייט ווי אנדערע. דער חילוק איז נאר וואס אידען, אפילו די ארימסטע, לעבען מיט א חשבון. זיינען ניט קיין פארשווענדער. וויסענדיג שטענדיג, אז עס קענען קומען שלעכטע צייטען זיינען זיי שפארזאם און לייגען תמיד עפעס אפ אויף שפעטער. דאגעגען זיינען גוים פארשווענדער. ווען זיי פארדינען עפעס פארטרינקען און פאר־הוליען זיי דאס. זיי קימערען זיך נישט פאר'ן מארגענדיגען טאג. און דער־פאר דוכט זיך תמיד די גוים, אז אידען זיינען אנגעשאטען מיט גאלד.

פאראיינס האָט ר׳ משה יצחק שוין אָנגעוויזען דעם פּרינץ, אַז אידישע בעל־מלאכה׳ס און אפילו קליינע הענדלער מוזען שטענדיג ארבייטען שווער פאר זייער ברויט און דאָך ווערען אויף זיי געלייגט שווערע שטייערען.

— און טראָץ דעם אַלעמען זיינען מיר אין דיינע אויגען שפּל און אומוויסענד — האָט ר׳ משה יצחק פארענדיגט מיט טרערען אין זיינע אויגען.

דער הערצאָג האָט ארונטערגעלאָזט דעם קאָפּ. ער איז געווען גערירט פון זיין פארוואלטער׳ס ווערטער.

ר׳ משה יצחק האָט אויסגענוצט די געלעגענהייט און האָט ווייטער זיך אויסגעטענה׳ט מיט׳ן הערצאָג.

— פארנעהמסטו ניט אונזער גרויסע טראגעדיע? ניט גענוג וואָס מיר זיינען פארטריבען געוואָרען פון אונזער לאַנד דארפען מיר איצט וואנדערען איבער דער וועלט און אומעטום אוועקגעבען אונזערע כחות פאר אנדערע, אָנפילען די שאצקאמערען פון פרעמדע, און ווען עס קומט צו עפּעס, בארויבט מען אונז פון דאָס לעצטע וואָס מיר פארמאָגען און מען טרייבט אונז איננאנצען ארויס פון די לענדער וואו מיר וואוינען, ווי מיר וואָלטען געווען פארברעכער! אָט שטעהען מיר פאר א גזירה, אַז מיר זאָלען מוזען פארלאָזען בעהמען, מעהרען און שלעזיען וואו מיר האָבען געלעבט הונדערטע יאָהרען און וואו מיר האָבען געשאפען גרויסע עשירות פאר די לענדער. פון דעסטוועגען באקלאָגען מיר זיך ניט געגען די וואָס זיינען שולדיג אין אָט דער גזירה, נאָר מיר זיינען מתפלל צום רבונו של עולם און נעהמען די זינד אויף זיך ווי מיר אליין וואָלטען געווען שולדיג אין אָט דער געפּלאנטער רשעות צו אונזער פאָלק!

ר׳ משה יצחק איז איצט אריבער צו דער גזירה גופא און האָט אָנגעהויבען באווייזען דעם פּרינץ ווי גרויס עס איז די אומרעכט וואָס דאָ ווערט באגאנגען געגען אידען.

# פח.

## דער מהר"ל און דער פרינץ

**דער פרינץ לאַדעט איין דעם מהר"ל. — דער מהר"ל לייזט אן אַסטראָנאָמישע פּראבלעם. — פרינץ פערדינאנד און פרינץ מאקסימיליאן.**

די רייד פון ר' משה יצחק'ן, דער אידישער פארוואלטער פון זיינע גיטער, האָט אויף פרינץ פערדינאנד, הערצאָג פון בעהמען און זוהן פון קעניג פערדינאנד דעם ערשטען, געמאכט א גרויסען רושם. דער פרינץ האָט צום ערשטען מאָל געהערט וועגען אידען אזוינס וואס ער האָט ניט געוואוסט.

דער פרינץ האָט געהאט א ידיעה, אז אין קעניגליכען הויף קומען פאר אינטריגעס און אז די קאטוילישע גלחים פירען אָן א העצע געגען אידען. ער האָט אויך גוט געוואוסט וועגען דעם כח פון די גלחים און ווי אזוי זיין אייגענער פאָטער, דער קעניג, איז אָפטמאָל הילפלאָז געגען זיי.

ר' משה יצחק'ס אויפקלערונג האָט דערפאר געמאכט אויף איהם א באזונדערע ווירקונג. דאָס איז איהם אריין אין קאָפּ. ער האָט אָנגעהויבען פילען, אז עפּעס ווערט געגען אידען באגאנגען אן אומגערעכטיגקייט.

עטליכע טעג, איז דער פרינץ ארומגעגאנגען פארזונקען אין מחשבות, ווי ער וואָלט עפּעס געדארפט באשליסען. דאן האָט ער געשיקט רופען צו זיך ר' משה יצחק'ן. דער פארוואלטער פון זיינע גיטער האָט שוין געהאט גע'עצה'ט דעם פרינץ, אז ער זאָל איינלאדען צו זיך דעם פראגער רב דעם מהר"ל, אין שייכות מיט זיין וועט.

ער האָט דעם מהר"ל פאר איהם פאָרגעשטעלט, ווי איינער פון די גרעסטע קענער ניט נאָר אין אידישע לימודים נאָר אויך אין וועלטליכע, און דערפאר דער ריכטיגער מענש, מיט וועמען ער זאָל זיך בעראטען וועגען דעם אסטראָנאָמישען פּראָבלעם אויף וועלכען ער האָט געדארפט האָבען אן ענטפער כדי ניט צו פארלירען דעם וועט, וואס ער האָט געמאכט מיט הערצאָג יאהאן פון מעהרען.

דער פרינץ האָט פארלאנגט פון זיין אידישען פארוואלטער, אז ער זאָל צו איהם ברענגען דעם מהר"ל.

— זיי דער שליח, וואס זאָל דעם רב איבערגעבען מיין פארלאנג, אז איך וויל איהם האָבען ווי מיין גאסט.

ר' משה יצחק האָט אויך וועגען דעם געהאט עפּעס אויפצוקלערען דעם פרינץ:

— אנטשולדיג מיר, מיין האר, — האט ער געזאגט, — איך קען נישט אונטערנעמען די דאזיגע שליחות. איך קען ניט קומען צו אט דעם גרויסען גאון און איהם זאגען, אז ער זאל צו דיר קומען. צו ערשט מוז איך זיך מיט איהם בעראטען אויב ער איז מרוצה צו דיר צו קומען. נאך אלעם, פירט זיך עס דאך ניט, אז אפילו צו א פרינץ זאל מען אימיצען באפוילען צו קומען, בפרט ווען מ'האט צו טאן מיט אזא גרויסען מענשען ווי דער מהר"ל.

דער פרינץ האט עס אויסגעהערט פריינטלאך. ער האט עס ניט אנגענומען ווי א באליידיגונג מצד זיין אידישען פארוואלטער. פארקערט, ערשט איצט איז ער געווארען נייגעריג צו וויסען וואס פאר א מענש עס איז דער מהר"ל און ווי אזוי ער קומט צו דאס רבנות פון פראג. ער האט בכלל געוואלט וויסען מעהר וועגען אידישע גדולים.

ביי דער ערשטער געלעגענהייט האט ר' משה יצחק באזוכט דעם מהר"ל און האט איהם איבערגעגעבען דעם פארלאנג פון פרינץ, אנווייזענדיג, אז אויב דער גאון איז מרוצה צו מאכען דעם באזוך, וועט דער פרינץ שיקען נאך איהם זיין קארעטע צו ברענגען איהם אין שלאס אריין. דער מהר"ל האט איינגעוויליגט צו באזוכען דעם פרינץ, אבער האט זיך אנטזאגט צו פאהרען אין דער קארעטע, וואס דער פרינץ האט געזאלט שיקען נאך איהם. ער האט געהאלטען, אז עס וועט זיין גלייכער, אז ער זאל פאהרען צום פרינץ אין א פשוט'ן וואגען.

אין א וואך ארום, איז שוין דער מהר"ל געוועז ביי דעם פרינץ אין שלאס, און ווען יענער האט פאר איהם פארגעלייגט די אסטראנאמישע פראבלעמען אויף וועלכען ער האט געזוכט אן ענטפער, האט איהם דער מהר"ל, גאר אהן שוועריגקייטען, באלד געגעבען די נויטיגע אויפקלערונגען.

דער מהר"ל האט דעם ענטפער דערצו אנגעשריבען אין דעם פרינץ פערדינאנד'ס אייגענער שפראך, וואס איז פאר יענעם געווען נאך א גרעסערע איבערראשונג.

דער פרינץ האט אנגעבאטען דעם מהר"ל א באלוינונג פאר זיין מיה, אבער יענער האט זיך אנטזאגט עפעס צו נעמען. ער האט דערקלערט: אז עס איז א קבלה ביי אידען, פון די צייטען פון משה רבנו, אז תורה און וויסענשאפט זאל מען לערנען אומזיסט. בלויז די, וואס נויטיגען זיך אין פרנסה מעגען קריגען באלוינט פאר דעם ווי שכר בטול מלאכה.

א וואך צייט איז דער מהר"ל פארבליבען ביים פרינץ אין שלאס. געגעסען און געשלאפען האט ער ביי ר' משה יצחק'ן אין הויז וואס האט

זיך געפונען לעבען דעם פרינצליכען שלאָס. אָבער די גאנצע צייט האָט ער פארבראכט אין שלאָס אין שמועסען מיט׳ן פרינץ וועגען פארשיידענע חכמות און וויסענשאפטען. עס איז פאקטיש ניט געווען קיין ענין מיט וועלכען דער מהר״ל זאָל ניט זיין באקאנט.

פאראיינוועגס האָט שוין דער מהר״ל געשמועסט מיט׳ן פרינץ וועגען אידען. דער פרינץ איז געווען נייגעריג צו וויסען מעהר וועגען דער אידישער אמונה, וועגען דער אידישער געשיכטע און וועגען אידישען לעבען.

— ווי קומט צו אייך אזוי פיל וויסען? — האָט דער פרינץ גע־פרעגט מיט פארוואונדערונג און פארהערונג.

ווען די זעקס חדשים פון דער טערמין פאר׳ן וועט, וואָס די צוויי הערצאָגען האָבען געמאכט צווישען זיך זיינען געווען פאריבער, האָט פערדינאנד איינגעלאדען צו זיך דעם הערצאָג יאהאן פון מעהרען. ער האָט אויך געלאדען צו זיך דעם בישאָף און זיין ברודער מאקסימיליאן. פערדי־נאנד האָט אין זייער אלעמענס געגענוואָרט געגעבען יאהאנ׳ען דעם ענטפער אויף דער פראגע וועגען וועלכער זיי האָבען זיך געוועט.

אלע זיינען געווען אנטציקט. אין דעם ענטפער איז געווען גרויס חכמה און וויסען.

— מיינט אָבער ניט, — האָט פרינץ פערדינאנד געזאָגט — אז דאָס איז מיין אייגענע חכמה און וויסען. דער ענטפער איז מיר געגעבען געוואָרען פון אימיצען אנדערש. איך וואָלט אייך גערן אויסגעזאָגט ווער ער איז, אָבער יענער האָט פון מיר פארלאנגט, אז איך זאָל זיין נאָמען ניט ארויסגעבען.

אין א קורצער צייט ארום האָט דער קעניג איינגערופען אן אסיפה פון אלע זיינע ראטגעבער און פרינצען. זיינע צוויי זיהן, די פרינצען פער־דינאנד און מאקסימיליאן זיינען אויך געווען געלאדען. עס האָט געדארפט באהאנדעלט ווערען די פראגע ווי אזוי אָנצופילען די אויסגעליידיגטע קאסע פון דער מלוכה. אן אנדער פראגע, וואָס איז געשטאנען אויפ׳ן סדר היום, איז געווען די פאָדערונג פון די גלחים, אז מ׳זאָל פון לאנד ארויסטרייבען אלע אידען.

די צוויי פרינצען זיינען געווען ניט צו פריינטלאך צווישען זיך. זיי זיינען אויך געווען מענשען מיט באזונדערע כאראקטערען און געוואוינ־הייטען. איינער האָט ניט געוואוסט וואָס ביים צווייטען טוט זיך. אָפט זיינען זאָגאר געפירט געוואָרען אינטריגעס פון איינעם געגען צווייטען.

זייענדיג איצט צוזאמען אין זייער פאטער׳ס קעניגליכען פאלאץ, האבען זיי זיך דאך ברידערליך דורכגערעדט וועגען פארשיידענע ענינים. איינער האט געוואלט וויסען ווי דעם צווייטענ׳ס גיטער ווערען פארוואלטעט. מאקסימיליאן האט זיך באקלאגט, אז זיינע גיטער ברענגען איהם גארנים אריין און אז ער לעגט גאר צו געלט צו זיי.

— אין אמת׳ן בין איך איצט א גרויסער בעל חוב, — האט ער זיך אפען מודה געווען פאר זיין ברודער. — און ווי געהט עס דיר? — האט ער געוואלט וויסען.

פערדינאנד האט איהם דערקלערט, אז ער האט זיך ניט אויף וואס צו באקלאגען. וואס איז נוגע זייערע גיטער ברענגען זיי איהם אריין גאר א סך.

מאקסימיליאן איז געווען פארוואונדערט.

— ווי קומט עס? — האט ער געוואלט וויסען. — מיינע גיטער זיינען, דאכט זיך, נאר גרעסערע און רייכערע ווי דיינע, הייגט ווי דער־קלערט זיך עס, וואס דו האסטו פון דיינע גיטער יא ריוח בעת איך לעג צו זיי צו געלד?

— דעם ענטפער וואלט דיר, צום בעסטען, געקאנט געבען מיין פארוואלטער, — האט פערדינאנד געזאגט.

— און ווער אזוינס איז עס דיין פארוואלטער, אז ער זאל קענען וויזען אט דעם וואונדער? — האט דער איגגערער ברודער געוואלט וויסען.

— ער איז אן אלטער איד וואס פארוואלטעט די גיטער פאר די לעצטע פופציג יאהר. איך האב איהם גע׳ירש׳ענט צוזאמען מיט די גיטער. — האט פערדינאנד געזאגט.

מאקסימיליאן האט אנגעקוקט זיין ברודער אין גרויס פארוואונ־דערונג.

— איך וואלט קיינמאל ניט געגלויבט, אז דו וועסט האבען א אידען ווי דער פארוואלטער פון דיינע גיטער! — האט מאקסימיליאן געזאגט, — מיין פארוואלטער איז א דייטש, א מענש מיט וויסען און אן אמת׳ער ריטער.

פרינץ פערדינאנד האט א שמייכעל געטאן.

— איצט זעה איך נאך מעהר בולט דעם אונטערשייד פון מיין פארוואלטער און דיין פארוואלטער, — האט ער באמערקט. — עס איז ניט

דער אונטערשייד אין מענשען נאר אויך אין דעם פאקט וואס מיין פאר־וואלטער איז א איד און דיינער איז א דייטש.

דערווייל האט דער קעניג אנגעהויבען מאהנען ביי זיין זוהן, מאק־סימיליאן, אז ער זאל אריינטראגען אין דער מלוכה קאסע די סומע וואס ער האט פון דארט געליען. אן אויספארשונג האט באוויזען, אז דער פרינץ איז געווען פארשולדיגט איבער'ן קאפ און אז ער קען ממש ניט ארויס־קריכען פון זיינע חובות.

דער קעניג האט עס ניט געקענט פארשטעהן.

— און וואס איז געשעהן מיט דיינע גיטער? זאל עס הייסען אז דו ביסט אזא פארשווענדער, אז וויפיל גיטער דו זאלסט ניט האבען קלעקען זיי ניט פאר דיר? — האט דער פאטער געמאנט אן אויפקלערונג ביי זיין זוהן.

דער קעניג איז גראד געווען א מענש מיט חשבון און האט ליב געהאט צו דערגרונטעווען זיך אין זאכען. ער האט ניט געוואלט אפלאזען אט דעם ענין וואס זיין זוהן מאקסימיליאן זאל זיין פארזונקען אין חובות בעת ער האט אזוינע רייכע גיטער.

האט דער קעניג ארויסגעשיקט זיינע אנפארטרויטע אויסצוגעפינען גענוי וואס עס קומט פאר מיט מאקסימיליאנ'ס גיטער און פארוואס זיי ברענגען איהם ניט אריין קיין ריוח.

די דאזיגע אנפארטרויטע האבען נאך א לאנגער חקירה ודרישה אויסגעפונען, אז דער דייטשער פארוואלטער פון פרינץ מאקסימיליאן'ס גיטער איז א גנב. ער האט דעם פרינץ פשוט באשווינדעלט.

דער קעניג האט דעם דאזיגען שווינדלערישען פארוואלטען באלד געלאזט ארעסטירען. דאס האט אבער דעם פרינץ דערווייל ווייניג וואס געהאלפען. ער האט נאך אלץ ניט געהאט מיט וואס צו באצאלען זיינע חובות. אויף א באזוך ביי זיין ברודער פערדינאנד האט מאקסימיליאן אויסגעגאסען זיין ביטער הארץ.

— איך וועל האבען א שמועס מיט מיין פארוואלטער, — האט פערדינאנד איהם פרובירט טרייסטען. — איך בין זיך משער, אז מיט זיין חכמה און וויסען, וועט ער געפינען אן עצה ווי איינצושטעלען ארדענונג אין דיינע פינאנציעלע ענינים.

מאקסימיליאן האט שוין מעהר ניט גערעדט מיט קיין גרינגשעצונג

וועגען אידען און האָט געדאנקט זיין ברודער, וואָס ער נעמט זיך די מיה צו פאראינטערעסירען אין זיינע ענינים זיין אידישען פארוואלטער.

אז פערדינאנד האָט אויפגענומען דעם ענין פון זיינע ברודער'ס גיטער מיט ר' משה יצחק'ן, האָט יענער איהם צוגעזאָגט, אז ער וועט אין דעם אריינקוקען.

אין א קורצע צייט ארום, האָט ר' משה יצחק שוין געהאט א פּלאַן ווי צו ראטעווען פּרינץ מאקסימיליאנ'ען פון באנקראָט. ער האָט אָבער וועגען דעם נאָך ניט געוואָלט ריידען געגנוי ביז וואנען ער וועט ניט זיין פולשטענדיג זיכער וועגען דער דורכפירבארקייט פון זיין פּלאַן.

## פּט.

## די העצע געגען אידען

**וועד צאָלט מער שטייערן. — דער דאנקבארער פּרינץ. — אַ קעניגלעכע אסיפה. — דער קעניג פארטיידיקט די אידן.**

נאָכדעם ווי ר' משה יצחק האָט זיך גענויער באקענט מיט מאקסי־מיליאן'ס רואינירטע גיטער, האָט ער מיט זיין שארפען מח און לאנגער דערפארונג אויסגערעכענט, אז אייגענטליך קען גאנץ ליכט געבראכט ווערען אָרדענונג אין דער פארוואלטונג פון די דאָזיגע גיטער אנשטאט היזוק זאָלען זיי גאָר אריינברענגען ריוח. צו ערשט האָט אָבער געדארפט איינגעשטעלט ווערען א נייע פערוואלטונג.

ער האָט אפילו געהאט די מענשען וועלכע וואָלטען זיך אויסגעצ־טויגט איבערצונעמען די פערוואלטונג פון מאקסימיליאן'ס גיטער. דאָס זיינען געווען די דריי באוואוסטע פּראגער אידען: ר' מרדכי מייזעל, ר' מרדכי צמח און ר' אלחנן בראנדיס. אלע דריי זיינען געווען באוואוסטע גבירים און געשעפטסלייט.

ר' משה יצחק האָט באשלאָסען צו רעקאָמענדירען צו פּרינץ מאק־סימיליאן'ע'ן, אז ער זאָל די פארוואלטונג פון זיינע גיטער איבערגעבען צו אָט די דריי אידען. ר' משה יצחק אליין האָט שוין געהאט א גענויעם פּלאַן און גענויע ציפערען וועגען דעם, וואָס די דאָזיגע גיטער קענען אריינברענגען הכנסה.

ער האָט אפילו געקענט אָנווייזען דעם פּרינץ ווי אזוי זיינע חובות זאָלען אויסגעצאָלט ווערען אין משך פון א באשטימטען טערמין און זאָל

דערביי אויך האָבען גענוג אויף אַלע זיינע באַדערפענישען. כדי דעם פּרינץ צו באַפרייען פון זיינע חובות האָט ר' משה יצחק געהאַט א פּלאַן, אַז די דריי דערמאָנטע אידען פון פּראג זאָלען זיינע חובות אויסצאָלען אין פאַראויס און אזוי ארום דעם פּרינץ ארויסשלעפּען פון דער בלאָטע אין וועלכער ער האָט געשטעקט.

מיט אָט דעם פּלאַן אין זינען, האָט ר' משה יצחק פריער געוואָלט ריידען מיט די דריי דערמאָנטע אידען אין פּראג כדי צו זיין זיכער, אַז זיי וועלען זיין מרוצה איבערצונעמען די פאַרוואַלטונג פון די גיטער און אַז זיי וועלען אויך איינגעהן אויף די באַדינגונגען, וואָס ער האָט געהאַט בדעה זיי פאָרצושלאָגען.

נאָך א חקירה ודרישה, האָבען די דריי סוחרים זיך איבערצייגט, אַז ר' משה יצחק'ס אָנבאָט צו זיי איז געווען גענוי אויסגערעכענט און האָט זיך געלוינט אי פאַר זיי און אי פאַר'ן פּרינץ. זיי זיינען דערפאַר געווען מרוצה איבערצונעמען די גיטער אויף די תנאים וואָס ר' משה יצחק האָט זיי פאָרגעלייגט.

ר' משה יצחק האָט איצט געקענט קומען צו פּרינץ פערדינאַנד, מאַקסימיליאַנ'ס ברודער, און איהם לאָזען וויסען ווי אזוי מאַקסימיליאַן קען געהאָלפען ווערען און טאַקע אויף אַן אופן וואָס ער דאַרף ניט האָבען קיינעמ'ס טובות. פּרינץ פערדינאַנד האָט איצט צוזאַמענגעבראַכט זיין ברודער מיט ר' משה יצחק'ן און, האָבענדיג אַליין אויסגעהערט פון איהם וואָס ער האָט בדעה צו טאָן, איז מאַקסימיליאַן געווען שטאַרק צופרידען.

אין עטליכע טעג שפּעטער זיינען שוין געווען די דריי אידען פון פּראָג, וועלכע האָבען זיך דערקלערט גרייט איבערצונעמען די גיטער אויף די תנאים וואָס זיינען זיי פאָרגעשלאָגען געוואָרען. מאַקסימיליאַן איז געווע; אזוי לעילה'דיג, וואָס ער קען ענלאַך ארויסקריכען פון זיינע חובות, אַז ער איז באַלד אוועק צו זיין קעניגליכען פאָטער און איהם אַלץ דערציילט און דערביי אויך דערציילט פון וואַנען זיין ישועה איז געקומען.

אָבער איידער דער קעניג האָט זיך געקענט גענוי פאַנאַנדערקלייבען וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך דאָ, האָט דערוויי'ל דער הויפּט פון דער קאַטוילישער קירך אין זיין קעניגרייך זיך געמעלדעט און געלאָזט וויסען דעם קעניג, מיט גאָרניט ווייניג תקיפות, אַז די צייט איז געקומען אַז ער, דער קעניג, זאָל באַצאָלען די קעניגליכע צינזען צו דער קירך פון וועלכע א טייל דאַרפען איבערגעשיקט ווערען צום פּויפּסט אין רוים. אזוי ווי דער טערמין פאַר אָט די צינזען איז שוין געווען פאַריבער, האָט דער הויכער

גייסטליכער געמאָנט אז דער קעניג זאָל באַצאָלען ניט בלויז דעם קרן, נאָר אויך דעם פּראָצענט וואָס איז פאַר דער צייט אָנגעוואַקסען אויף דער סומע.

דער קעניג האָט זיך געפילט שטארק געטראָפען. עס האָט איהם פאַרדראָסען ווי אַזוי דער הויכער גייסטליכער מאָהנט ביי איהם די צינזען און די תקיפות וואָס ער ווייזט דערביי אַרויס.

ער האָט אָבער זיין פּאַריבעל נישט געוויזען, נאָר געזאָגט געלאַסען, אז ער האָט בדעה אַלץ צו באַצאָלען. אָבער די רעגירונגס קאַסע איז ליידיג, האָט דער קעניג געלאָזט וויסען. ער האָט דערפאַר אָנגעבאָטען דעם הויכען גייסטליכען אַז די קירך זאָל דערווייל אויסלייען דאָס געלט פון איהר אייגענע קאַסע. דער חוב וועט צו דער קירך שפּעטער צוריקגעקערט ווערען.

אויף דעם האָט דער הויכער גייסטליכער געענטפערט, אז אויך די קאַסע פון דער קירך איז אַ ליידיגע.

— און ווי אַנדערש קען עס זיין, — האָט דער הויכער גייסטליכער געמאַכט אַ באַמערקונג, — אז די קריסטליכע באַפעלקערונג איז אַזוי אָרים. אידען נעמען אַוועק די גאַנצע עשירות פון לאַנד.

דער הויכער גייסטליכער האָט דאָ געהאַט געפונען אַ געלעגענהייט צו סמ'ן דעם קעניג'ס מח געגען אידען.

— אָבער מאָדנע, — האָט דער קעניג אויף דעם געענטפערט, — ערשט נעכטען האָב איך געהאַט פאַר זיך די רשימה פון די שטייער־צאָלער, איז לויט אָט דער רשימה, זיינען ניינציג פּראָצענט פון די וואָס צאָלען שטייערען אידען. פון דער צווייטער זייט זיינען די פיהרער פון דער קירך און אַלע טיטולירטע פאַרשוינען פריי פון שטייערען.

דער גייסטליכער האָט דערפילט דעם שטאָך פון קעניג'ס ווערטער, אָבער האָט עס פאַרשוויגען.

דער קעניג, פון דער צווייטער זייט, האָט איצט געגויער אָנגעהויבען נאָכטראַכטען וועגען דעם וואָס זיין זוהן האָט איהם דערצעהלט וועגען די אידען וואָס זיינען גרייט צו שטעלען איהם אויף די פיס פינאַנציעל בלויז דורך אַ געהעריגע פאַרוואַלטונג פון די גיטער.

דאָס וואָס ער האָט פריער ניט געהאַלטען פאַר צו וויכטיג איז ביי איהם פּלוצים אויסגעוואַקסען אין גאָר גרויסע וויכטיגקייט. הייסט עס דאָך,

אז אידען האָבען די פייהיגקייט און דעם וויסען ווי צו פארוואלטען מיט גיטער און ווי צו ברענגען עשירות פאר אנדערע און פאר זיך.

דער פּרינץ מאקסימיליאן האָט געוואָלט זיך טרעפען מיט אָט די דריי אידען פון פּראג פּנים אל פּנים. נאָך אין זעלבּיגען טאָג זיינען שוין די דריי אידען געווען ביי איהם אין פּאלאץ.

זיי זיינען געקומען מיט'ן געלט, וואָס זיי האָבען געהאט צוגעזאָגט פּרינץ מאקסימיליאנ'ען אין פאראויס. די קאָנטראקטען זיינען דאן אונטערגעשריבען געוואָרען אין אָנוועזנהייט פון פּרינץ, און די דריי אידען, מייזעל, צמח און בראנדיס, זיינען געוואָרען די פארוואלטער פון פּרינץ מאקסימיליאנ'ס רייכע גיטער. פאר א טערמין פון פופצען יאָהר.

פּרינץ מאקסימיליאן, וויסענדיג, אז דאָס אלץ איז געקומען דורך דער רעקאָמאָנדאציע און די באמיאונגען פון זיין ברודער'ס אידישען פּארוואלטער, ר' משה יצחק סאבעל, האָט ער יענעם געהאט אָנגעבאָטען א גרויסע סומע מעקלעריי. ר' משה יצחק האָט אָבער זיך אנטזאָגט צו נעמען וועלכע עס איז באלוינונג.

— איך האָב עס ניט געטאָן פאר געשעפט, — האָט ער געזאָגט. — איך האָב עס נאָר געטאָן אויס פריינטשאפט צו דיין ברודער און צו דיר.

פּרינץ מאקסימיליאן האָט שוין געפילט אזא פארהערונג פאר דעם אידען ר' משה יצחק, אז ער האָט וועגן איהם דערציילט זיין פאָטער. דאָס האָט אויפ'ן קעניג געמאכט א גרויסען איינדרוק.

מאקסימיליאן האָט איצט געוואָלט כאָטש ווייזען זיין דאנקבארקייט צו ר' משה יצחק'ן דורך דעם וואָס ער האָט זיך אָנגעבאָטען גרייט צו פּראווען פאר איהם א שמחה אין זיין שלאָס און איינלאדען געהויבענע געסט צו אָט דער געלעגענהייט. ר' משה יצחק האָט אָבער זיך אנטזאָגט פון דעם כבוד.

— מיר אידען האָבען א סך שונאים, — האָט ער אויפגעקלערט דעם פּרינץ. — מען איז אונז מקנא אונזער דערפאָלג. אויב מ'וועט זעהן ווי דו טיילסט מיר צו כבוד, אָדער ווייזט מיר ארויס דאנקבארקייט, וועלען זיי נאָך ווערען אונז גרעסערע שונאים. זאָל דערפאר אָט דער ענין בלייבען בלויז צווישען אונז. מיין באלוינונג איז גענוג גרויס, וואָס דו ווייזט אנערקענונג און בינסט מיין פריינט.

אייניגע יאָהר זיינען אריבער זינט די דריי אידען האָבען איבערגענומען די פארוואלטונג פון פּרינץ מאקסימיליאנ'ס גיטער. אלץ איז גע־

גאנגען כשורה. דער פרינץ האָט געקראַנגען זיינע יערליכע צאָהלונגען און די אידען האָבען דערביי געמאכט ריוח.

איינמאָל האָט קעניג פערדינאנד איינגערופען א מלוכה־ראט צו וועלכן, ווי דאָס האָט זיך שטענדיג געפירט, ער האָט אויך געלאַדען זיינע זיהן, די פרינצען פערדינאנד און מאקסימיליאן. דאָרט איז אויך געווען דער קארדינאל, וועלכער האָט די געלעגענהייט אויסגענוצט אויסצופּעקלען זיין גאנצען גיפט געגען אידען. אייגענטליך איז עס ניט געווען ניי. ווען נאָר ער האָט געהאט א געלעגענהייט האָט ער געגאָסען פעך און שוועבעל אויף אידען. דאָס מאָהל איז ער אָבער געווען נאָך גיפטיגער און נאָך פארביטערטער ווי ווען עס איז פריער.

דער קארדינאל איז איצט ארוים מיט אן אָפענער פאָדערונג, אז מ'זאָל די אידען ארויסטרייבען פון לאנד.

— ווי לאנג וועלען מיר פון די אידען ליידען? האָט דער קאר־דינאל געפרעגט. — זיי זיינען שונאים פון אונזער אמונה און זיי זיינען שונאים פון לאנד אלס אזעלכעס. מיר טאָרען זיי לענגער ניט דולדען. לאָמיר זיי ארויסטרייבען און קאָנפעסקירען זייערע פארמעגענס. דאָס איז דער איינציגער וועג ווי אזוי מיר וועלען אויסלייזען זייערע זינדיגע נשמות און דאָס איז אויך דער אופן ווי אזוי מיר וועלען אָנפילען די קאסעס פון דער רעגירונג און פון דער קירך.

די פרינצען פערדינאנד און מאקסימיליאן זיינען געווען די ערשטע צו זאָגען א גוט־וואָרט אין פארטיידיגונג פון די אידען.

— די אידען זיינען נוצליך פאר'ן לאנד, — האָבען זיי גע'טענה'ט.
— אלע וויסען וואָס אידען טוען אויף. פארקערט, לויט אונזער מיינונג וואָלט מען גאָר די אידען געדארפט געבען נייע און מעהר הנחות. דאָס לאנד וואָלט פון דעם א סך געוואונען.

דער קעניג אליין האָט אויך געהאט צו זאָגען עטליכע פריינטליכע ווערטער וועגען אידען.

די אידען זיינען גוטע סוחרים, פלייסיגע בעל מלאכה'ס. זיי זיינען אויך די גרעסטע און פינקטליכסטע צאָלער פון שטייערן. וואָס זיי טוען, טוען זיי גרונטלאך און מיט גרוים דערפאָלג. די גיטער וואָס זיי נעמען איבער אין ארענדע, פארוואלטען זיי אויפ'ן בעסטען מעגליכען אופן. קיי־נער קען זיך מיט זיי ניט פארגלייכען. דאָס לאנד ווערט פון זיי רייך. היינט פארוואָס זאָלען מיר זיי וועלען ארויסטרייבען פון דאנען? דאָס וואָלט דאָך פשוט רואינירט דעם לאנד?

דער קעניג האָט נאָך געהאט צו זאָגען א סך מעהר וועגען אידען און די ברכה וואָס זיי זיינען פאר׳ן לאנד. דאָ האָט אָבער פרינץ מאקסי־מיליאן זיך נאָך מעהר צעוואָרימט און האָט אָנגעהויבען דערציילען וואָס ער האָט וועגען די אידען געוואוסט פון זיין אייגענער דערפארונג:

—אָט נעמט די דריי אידען, מייזעל, צמח און בראנדיס, —האָט ער אָנגעהויבען דערציילען פון דער ווירקליכקייט. — זיי פארוואלטען מיינע גיטער. אלע ווייסען אין וואָס פאר א צושטאנד זיי זיינען געווען, ווען זיי זיינען פארוואלטעט געוואָרען פון ניט קיין אידען. איך בין ארייגעגעש־טויסען געוואָרען אין חובות. איך בין פשוט געווען רואינירט. איצט, אָבער, האָב איך א גרויסע איינקונפט פון מיינע גיטער. אלע מיינע חובות זיינען באצאָלט. דאָס איז אָבער נאָך ניט אלץ: די אידישע פארוואלטער פון מיינע גיטער האָבען אין משך פון דער צייט פשוט באוויזען וואונדער. זיי האָבען אויפגעבויט מילען און קרעטשמעס און אונטערנומען פארשיידענע אנדערע זאכען, וואָס איז א ברכה פאר׳ן לאנד, פאר מיר און אויך פאר זיי אליין. הונדערטע מענשען האָבען פרנסה. זיי האָבען אריינגעבראכט לעבען אין דער גאנצער סביבה. וואָס וואָלט געוואָרען אויב, חלילה, די אידען זאָלען ארויס־געטריבען ווערען פון לאנד. וואָלט איך געדארפט ווידער איבערגעבען מיינע גיטער צו דער פארוואלטונג פון דעם דייטש, וועלכער האָט מיר באשווינ־דעלט און פשוט רואינירט? דאָס קען בשום אופן ניט דערלאָזט ווערן.

אָבער דער פרינץ איז ניט געווען דער וואָס דאָמינירט די קעניגליכע אסיפה. עס זיינען געווען אזוינע פון וועמען מען האָט געהערט גאָר אנדערע דיבורים — ביטערע און גיפטיגע אָנפאלען אויף אידען. די שונאי ישראל האָבען געשריען, אז עס וואָלט געווען די גרעסטע טובה פאר׳ן לאנד אויב מ׳זאָל פון די אידען פטור ווערען. דער עיקר, האָט מען זיך דאָ געדארפט קוואפען אויפ׳ן רויב — אויף די פארמעגענס וואָס מ׳וועט פון אידען אוועקנעמען. די רעגירונג און די קירך וועלען קענען קומען צו זיך.

די מיינונג איז אויך ארויסגעזאָגט געוואָרען, אז אויב מען באשליסט די אידען ארויסצוטרייבען, דארף און זאָל עס געטאָן ווערען באלד, אָהן אפליינעניש און טאקע פלוצים איידער זיי, די אידען, האָבען צייט צו פארוואנדלען זייערע פארמעגענס אין גאָלד און דימאנטען און דאן עס מיטנעמען מיט זיך אין אנדערע לענדער.

די גזירה פון דעם גירוש, האָבען די שונאי ישראל גע׳עצה׳ט, דארף קומען ווי א דונער פון קלאָהרען הימעל כדי די אידישע פארמעגענס זאָלען קענען איבערגענומען ווערען אין גאָר א קורצער צייט.

די דאָזיגע רייד האָבען געהאט א באזונדערען אפיל צו יענע רשעים, וואָס האָבען ניט געהאט ג־ט אין הארצען.

דער קעניג איז אָבער געוואָרען שטארק אויפגעבראכט געגען אָט די עצות. ער האָט די אידען ווידער פארטיידיגט און זיך ארויסגעזאָגט געגען דער פראָיעקטירטער גזירה.

## צ.

## די שבועה געגען ישמד

**דער קאַרדינאַל האָט די אויבערהאַנד. — אידען מוזן הערן קריסטליכע דרשות. — דער מהר״ל באשווערט די אידען מקדש השם צו זיין.**

ניט קוקענדיג אויף דעם וואָס קעניג פערדינאנד איז געווען געגען דער פאָדערונג ארויסצוטרייבען די אידען פון זיין קעניגרייך און וואָס די צוויי פרינצען, פערדינאנד און מאקסימיליאן, האָבען די אידען אָפען פאר־טיידיגט, איז אָבער דער הויפט פון דער קאטוילישער קירך באשטאנען, אז די גזירה זאָל אָנגענומען ווערען. ער האָט דערקלעהרט, אז דאָס איז דער אויסדריקליכער פארלאנג פונ׳ם פאָפּסט, וועלכער האָט גע׳שמ׳ט פאר זיין שנאה צו אידען. אגב, האָט עס געזאָלט הייסען, אז דורך א פּראָקלאמירטען גירוש וועט מען ניט נאָר קענען ארייגבאקומען די אידישע פארמעגענס נאָר אויך אידישע נשמות. דער חשבון איז געווען, אז א סך אידען וועלען איבערגעהן צום קריסטענטום.

דער קעניג איז געווען הילפלאָז. אויך זיינע זיהן האָבען גאָר ניט געקענט טאָהן אָפּצושטעלען די גזירה. עס איז נאָר געווען א פראגע, וויפיל צייט מען זאָל געבען צו פארלאָזען דעם לאנד. דער באשלוס איז געווען, אז דער טערמין זאָל זיין ניט מעהר ווי צוויי יאָהר צייט.

אויפ׳ן פארלאנג פון די גלחים איז אויך באשלאָסען געוואָרען, אז דערוויל זאָלען אידען אויפגעפאָדערט ווערען צו קומען אין די קלויסטערס צו הערען די גלח׳ישע דרשות, און אז די אידישע ראשי הקהל זאָלען פאר־באָטען ווערען צו שטערען וועלכען עס איז אידען, וואָס וועט וועלען קומען הערען די דאָזיגע דרשות. דאָס האָט געזאָלט זיין א צוגרייטונג אָפּצושמד׳ן אידען.

באלד האָבען די ראשי הקהל געקראָגען דעם נייעם דעקרעט. די אידען האָבען אויפגענומען מיט מעהר פיין די גזירה, אז זיי מוזען קומען הערען די דרשות פון די גלחים אין די קאטוילישע קירכעס, ווי די גזירה, אז זיי וועלען נאָך אַ טערמין פון צוויי יאָהר מוזען פארלאָזען בעהמען, מעהרען און שלעזיען די לענדער איבער וועלכע קעניג פערדינאנד דער ערשטער האָט געקעניגט.

ווען דער ראש הקהל פון פראג האָט באקומען דעם דאָזיגען דעקרעט, איז ער באלד אוועק צום מהר״ל. אין דער זעלביגער צייט זיינען די אידען פון פראג אויפגעפאָדערט געוואָרען דורך דער ממשלה דעם קומענדיגען זונטאָג צו קומען אין די קירכען הערען די דרשות פון די גלחים.

דער מהר״ל האָט באלד געהייסען איינרופען אן אסיפה פון אלע מענער, פרויען און קינדער. די אסיפה איז פאררופען געוואָרען אויפ׳ן שוהל־הויף באלד נאָכ׳ן ערשטען מנין אויפ׳ן קומענדיגען פריהמאָרגען. יונגעלייט זיינען ארויסגעשיקט געוואָרען איבער׳ן שטאָט אָנצוזאָגען די אידען, אז קיינער פון זיי, מאן אָדער פרוי און אפילו א קינד טאָר ניט פעהלען ביי דער אסיפה.

דערוייל האָט נאָך קיינער ניט געוואוסט וועגען וואָס עס האנדעלט זיך און פאר וועלכען צוועק די אסיפה איז איינגערופען געוואָרען. יעדער האָט שוין אָבער געפיהלט, אז עס האנדעלט זיך וועגען עפּעס ערענסטעס. ווארום נאָך קיינמאָל פריהער איז אזא אסיפה גערופען געוואָרען אין פראג.

אין משך פון דער נאכט, איז אויפ׳ן פראגער שוהל־הויף אויפגע־שטעלט געוואָרען א בימה, און ווען דער עולם האָט זיך גאנץ פריה אָנגע־הויבען צו פארזאמלען, איז אלעמען באפאלען א מורא. די בימה איז געווען אן אָנזאָג, אז עס האנדעלט זיך וועגען אן אויסגעוועהנליכען ענין.

באלד ווי מען האָט אין דער גרויסער שוהל פארענדיגט דעם ערשטען מנין, האָבען זיך די טירען פון שוהל געעפענט און דער ערשטער וואָס איז פון דאָרט ארויסגעקומען, איז געווען דער מהר״ל. ער איז געווען אָנגעטאָן אין טלית און תפילין. ער האָט געטראָגען א ספר תורה אין דער האנט. נאָך איהם האָט נאָכגעפאָלגט דער ראש הקהל ר׳ מרדכי מייזעל, אויך אָנגעטאָן אין טלית און תפילין און מיט אַ ספר תורה אין דער האנט. אזוי זיינען אויך געגאנגען די אנדערע שטאָטישע רבנים און די ראשי ישיבה פון פראָג, וואָס האָבען נאָכגעפאָלגט איינער נאָכ׳ן אנדערען. אלע האָבען זיי זיך אויסגעשטעלט אויף דער בימה.

אויפ׳ן עולם איז געפאלען א פחד. וואָס האָט עס געזאָלט באדייטען? האָט איינער געפרעגט דעם צווייטען.

לאנג האָט דער עולם ניט געדארפט ווארטען אויף קיין ענטפער.

דער מהר"ל איז געווען דער ערשטער וועמענס קול עס איז געהערט געוואָרען.

— שמע ישראל, ה' אלקינו ה' אחד — האָט דער מהר"ל אויסגע־שריען אין גרויס דבקות.

דער עולם האָט אויסגעבראָכען אין א געוויין. מען האָט שוין געקענט זיך אָנשלאָגען, אז עס האנדעלט זיך וועגען עפּעס אן אומגליק. אויך דער מהר"ל און די אנדערע רבנים און ראשי הקהל אויף דער בימה האָבען זיך צעוויינט.

אז דער עולם האָט זיך בארוהיגט און זיך איינגעשטילט האָט דער מהר"ל געהאט צו זאָגען דאָס פאָלגענדע:

— הערט זיך איין, אידען. מיט אָט דעם „שמע ישראל" האָבען אונזערע אבות מנצח געווען די יונים וועלכע האָבען געוואָלט צושטערען דעם אידישען דת און האָבען געהאט פאראומרייניגט דעם בית המקדש. מיט'ן „שמע ישראל" האָבען אידען זיך געוואָרפען אין פייער פון שלאכט געגען זייערע שונאים און האָבען מקדש השם געווען. זאָל אָט דער „שמע ישראל" אָנצינדען דאָס פייער פון מסירת נפש אויך אין אונזערע הערצער און געבען אונז כח און מוט בייצושטיין אלע נסיונות.

דער מהר"ל האָט דאן ווייטער געזאָגט:

— דאָס פאָלק צווישען וועלכען מיר לעבען דאָ, איז גראד פריינדליך צו אונז. אויך דער קעניג און זיינע שרים זיינען פריינטליכע מענשען. אָבער צום באדויערען, זיינען די גלחים אונזערע שונאים. זיי האָבען זיך פארמאָסטען געגען די קינדער פון אברהם יצחק און יעקב.

דער מהר"ל האָט דאן פאָרגעלייענט דעם דעקרעט פון קעניג, אז אידען זאָלען קומען הערען די גלח'ישע דרשות אין די קלויסטערס און אז קיינער פון די אידישע מנהיגים זאָל זיי אין דעם ניט שטערען.

געהערט וועגען וואָס עס האנדעלט זיך האָט אויף דאָס ניי אויס־געבראָכען א געוויין. איצט איז דאָס געוויין געווען ממש עד לב השמים. פרויען האָבען גע'חלש'ט. עלטערע אידען האָבען זיך געבאָדען אין זייערע אייגענע טרערען.

אז דער עולם האָט זיך גוט אויסגעוויינט, האָט דער מהר"ל בא־פוילען עס זאָל ווערען שטיל. און ווידער האָט זיך צעטראָגען זיין קול:

— לאָמיר אויפהערען וויינען און ניט ווייזען קיין שוואכקייט — האָט ער געזאָגט. — לאָמיר אלע, אלט און יונג, מענער און פרויען ווייזען אונזער שטארקייט און מקדש השם זיין. לאָמיר אלע שווערען פאר אָט די

דריי ספרי תורה וואָס מיר האָבען דאָ פאַר זיך, אַז קיינער פון אונז וועט ניט געהן הערען קיין דרשה פון אַ גלח, און אויב מען וועט אונז מיט געוואַלד וועלען נעהמען אין קירך, זאָלען מיר זיך פאַרשטאָפּען די אויערען. זייט איהר אַלע מסכים דערצו און זייט איהר גרייט צו נעהמען אויף זיך די שבועה?

— מיר שווערען, מיר שווערען — האָבען אַלע בקול אחד אויסגע־רופען — מיר שווערען מיט אונזערע לעבענס און מיט די לעבענס פון אונזערע קינדער. מיר וועלען קיינמאָל ניט הערען די דרשות פון די גלחים וועגען אמונה ענינים.

דער מהר"ל האָט דאַן דעם עולם געהייסען נאָכזאָגען וואָרט ביי וואָרט דעם חזן וועלכער האָט פאָראויס געזאָגט דאָס פאָלגענדע:

— שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד; ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד; ה' הוא האלקים!

מען האָט געבלאָזען שופר און די כהנים האָבען זיך אויסגעשטעלט און אויפהויבענדיג זייערע הענט האָבען זיי געבענשט די פאַרזאַמעלטע עדה אידען.

ווען דאָס איז געווען פאַרענדיגט, האָט דער מהר"ל צוזאַמען מיט די אַנדערע רבנים און די ראשי הקהל צוגעגרייט אַ פּעטיציע צום קעניג, פאַר־לאַנגענדיג, אַז די גזירה זאָל אָפּגעשאַפט ווערען. אין דער פּעטיציע איז אָנגעוויזען געוואָרען אַז דאָס וואָס די ראשי הקהל ווערען פאַרבאָטען צו־ריקצוהאַלטען אידען פון געהען אין די קירכען, איז אַזוינס וואָס זיי זיינען טאַקי מחויב צו טאָן. אָבער גלייכצייטיג האָבען די אידען געשוואָרען צו בלייבען טריי זייער אמונה. אויב אַזוי מיינט די קעניגליכע גזירה, אַז אידען וועלען זיך דאַרפען מקריב זיין פאַר זייער אמונה. דאָס מיינט, אַז די גזירה קען פיהרען צו אַ טראַגעדיע און דערפאַר האָט די פּעטיציע פאַרלאַנגט אַז די גזירה זאָל צוריקגעצויגען ווערען.

אין זעלביגען טאָג האָט דער מהר"ל אין באַגלייטונג פון די ראשי הקהל, באַזוכט דעם פרינץ פערדינאַנד און צו איהם פּראָטעסטירט געגען דער חוצפה פון די גלחים וועלכע האָבען באַלד אָנגעהויבען אריינדרינגען אין די אידישע גאַסען און באַליידיגט אידען און זייער אמונה. דאָס האָט שוין אפילו געהאַט געפיהרט צו צוזאַמענשטויסען.

גראַד זיינען די אידען ארויסגעהאָלפען געוואָרען פון זייערע גוי'־אישע שכנים, וועלכע האָבען ניט געקענט צוקוקען צו דער שרעקליכער האַנדלונג פון די גלחים. און מער ווי אין איין פאַל, זיינען די גלחים מיט

געוואלט פארטריבען געווארען פון די אידישע גאסען. די גלחים האבען עס אויסגענוצט ווי א שעת הכושר און געמאכט בלבולים אויף אידען. אבער די גוי׳אישע שכנים האבען זיי פארטיידיגט און מ׳האט ארעסטירט די גוי׳אישע טומלער.

אזוי איז עס אנגעגאנגען טאג אין טאג. די גלחים וועלכע האבען געמיינט, אז אין משך פון דער צייט וועלען זיי קענען אפ׳שמד׳ן א סך אידען זיינען געוועז ביטער אנטוישט. זיי האבען גאר ניט געקענט דער־גרייכען. טראץ דעם באפעהל, אז אידען מוזען קומען אין די קלויסטערס הערען די גלח׳ישע דרשות, האט קיין איד אין קיין קירכע אריינגעשמעקט. די גלחים האבען געהאט גערודנגען בויאנעס וועלכע זיינען געקומען אין די אידישע גאסען און פון דארט געשלעפט אידען מיט געוואלד אין די קירכען אריין. אבער ווען מען האט די אידען געגען זייער ווילען געבראכט אין די קלויסטערס האבען זיי פארשטאפט זייערע אויערען און צו די גלח׳ישע דרשות זיך ניט צוגעהערט.

די גלחים האבען געוואלט ווייזען, אז זיי קענען דאך פאנגען אידישע נשמות. אבער, נאך אלע אנשטרענגונגען, האבען זיי באוויזען אפצו׳שמד׳ן ניט מעהר ווי דריי אידען. און ווער מיינט איהר זיינען אט די דריי אידען געוועזן? איינער איז שוין פאר פופצעהן יאהר געוועזן משוגע. דער צווייטער איז פון זיין געבוירענטאג אן געוועזן א מטורף און דער דריטער איז געוועזן א באוואוסטער שיכור וואס האט זיך שטענדיג געוואלגערט אין די גאסען באטרונקען.

כדי אריינצוקריגען אט די דריי אידען האבען די גלחים זיך געלאזט קאסטען א פארמעגען. די גלחים האבען שוין געמוזט איינזעהן, אז מען קען אידען ניט שמד׳ן ניט מיט גוטען און ניט מיט בייזען.

## צא.

## אידען ווערען ניצול פון א גזירה

**א דעלעגאציע צום פויפסט. — ר׳ שמואל, דעם מהר״ל׳ס אייניקל ווערט ראש הקהל. — דער וואונדער אויף דעם בית הקברות. — די ישיבה פון ר׳ אליהו בעל שם. — דער מהרש״א געגען קבלה. — ר׳ משה, דער בעל התניא׳ס עלטער זיידע.**

דריי חדשים אידער דער צוויי־יאהריגער טערמין ארויסצוטרייבען די אידען פון פערדינאנד׳ס קעניגרייך איז געוועזן פאראיבער, איז דער הויפט פון דער קאטויל׳ישער קירך געקומען צום קעניג און איהם דערמאנט

אין זיין צוזאָג דורכצופירען דעם גירוש אויף אידען. דער פינאנציעלער מצב פון דער מלוכה איז דאמאָלט געווען א סך ערגער ווי פריער. דער קעניג האָט גוט געוואוסט, אז אויב די אידען זאָלען טאקע ארויסגעטריבען ווערען פון לאנד, וועט דער פינאנציעלער קריזיס אין לאנד ווערען נאָך שארפער. דער איינקונפט פון די צינזען וועט דאן נאָך מער פארקלענערט ווערען.

פון דער צווייטער זייט האָט אָבער דער קעניג געפילט, אז ער האָט נישט קיין ברירה און מוז האלטען זיין צוזאָג. איז ער דערפאר געווען אין א גרויסער פארלעגענהייט.

זיינע זיהן, די פרינצען פערדינאנד און מאקסימיליאן, האָבען גע־עצה׳ט, אז אימיצער פון די אידישע מנהיגים זאָל פאָרען קיין רוים צום פאפסט און ביי איהם זיך משתדל זיין, אז ער זאָל מתיר מאכען דעם קעניג צו ברעכען דעם נדר וואָס דער קארדינאל האָט אויף איהם ארויפגעצוואונגען — דורכצופירען דעם גירוש.

אויסגעקליבען פאר אָט דער שליחות האָט מען ר׳ מרדכי צמח׳ן פון פראג.

דער פאפסט איז דעמאָלט געווען פיוס דער פערטער, ער האָט איבער־גענומען דעם פאפסטליכען טראָן פון פאול דעם פערטען. פיוס איז געווען א סך פריינטליכער צו אידען ווי זיין פאָרגענגער.

ווען ר׳ מרדכי צמח האָט זיך דערשלאָגען צום פאפסט האָט ער אויף פיוס׳ן געמאכט א גוטען איינדרוק. דער פאפסט האָט מסכים געווען צו געבען דעם קעניג פון בעהמען און מעהרען דעם פארלאנגטען היתר ניט דורכצופירען דעם גירוש אויף אידען.

אז ר׳ מרדכי איז צוריקגעקומען קיין פראג מיט דעם היתר פון פאפסט, איז די שמחה צווישען אידען געווען אין לשער. דער קעניג האָט איצט איבערגעגעבען דעם גאנצען ענין וועגען די אידען צו זיין זוהן מאקסימיליאן, וועלכער האָט, אין יאָהר שכ״ג, אינגאנצען בטל געמאכט די גזירה געגען די אידען.

אין יאָהר שס״א איז ר׳ מרדכי מייזעל, דער ראש־הקהל פון פראָג נפטר געוואָרען און אויף זיין אָרט איז באשטימט געוואָרען אלס ראש־הקהל דעם מהר״ל׳ס אייניקעל ר׳ שמואל. דער מהר״ל איז נפטר געוואָרען י״ח אלול, שס״ט, אין עלטער פון זיבען און ניינציג יאָהר.

דער מהר״ל האָט געהאט צוגעגרייט אויפ׳ן פראָגער בית־עלמין דריי קברים — פאר זיך, פאר זיין פרוי, די למדנית פערל, און פאר זיין איינציגען

זוהן ר' בצלאל. אָבער, היות ווי ר' בצלאל איז נפטר געוואָרען און געקומען צו קבורה אין קעלן וואו ער איז געווען ראש ישיבה, האָט דער מהר"ל דעם דריטען קבר אָפּגעזאָגט פאַר זיין אייניקעל ר' שמואל'ן.

ר' שמואל האָט געהאט א זוהן וועמען ער האָט א נאָמען געגעבען נאָכ'ן זיידען דעם מהר"ל — יהודה ליב. דאָס אייניקעל איז געווען באַגאַבט מיט גרויסע כשרונות און איז אויסגעוואקסען א גרויסער למדן.

אָט דער ר' יהודה ליב האָט אין זיין פאמיליען־לעבען געהאט גרויס צער. צוויי פרויען זיינען איהם געשטאָרבען אוןביידע האָבען איהם אי־בערגעלאָזט קינדער.

ווען ר' שמואל איז געוואָרען ניין און זיבעציג יאָהר אלט און האָט דערפילט, אז ער ווערט שוואכער יעדען טאָג, האָט ער גערופען דעם גבאי פון חברה קדישא און איהם דערמאָנט, אז דער דריטער קבר לעבען מהר"ל געהערט צו איהם.

— אָבער דאָס פּלאַץ איז אזוי ענג — האָט דער גבאי פון דער חברה קדישא באמערקט — ס'קוים מעגלעך דאָרט צו האָבען נאָך א קבר.

דאָס איז טאקע געווען אמת. אין משך פון די יאָהרען איז דער פּראגער בית־עולם אזוי פארלעגט געוואָרן און עס זיינען געווען אזוי פיהל נכבדים, וואָס האָבען דווקא געוואָלט ליגען לעבען מהר"ל, אז פאַר'ן דריטען קבר וואָס דער מהר"ל האָט איבערגעלאָזט פאַר זיין אייניקעל איז קוים געבליבען אן אָרט.

— איך באשטיי אויף מיין רעכט צו האָבען דאָרט מיין קבר — האָט ר' שמואל געלאָזט וויסען מיט תקיפות — אלץ וואָס איך קען עצה'ן איז, אז מען זאָל גיין אויפ'ן קבר פון מיין הייליגען זיידען און איהם דער־מאָנען וועגען דעם קבר וואָס ער האָט איבערגעלאָזט פאַר מיר און געוויס וועט ער מקיים זיין זיין הבטחה אין דעם.

ר' שמואל'ס עצה איז אויסגעפאָלגט געוואָרען און ווען דעם מהר"ל'ס אייניקעל איז נפטר געוואָרען אין תט"ו, איז דאָס שמאָל שטיקעל ערד, לעבען דעם מהר"ל'ס און זיין רביצינ'ס קברים אויס־געברייטערט געוואָרען פון זיך אליין, אזוי אז עס איז געווען גענוג אָרט דאָרט אויסצוגראָבען א קבר פאַר זייער אייניקעל.

ר' שמואל'ס זוהן, ר' יהודה ליב, האָט פון זיין טאטען גע'ירש'נט א גרויסען פארמעגען. נאָכ'ן טויט פון זיין צווייטער פרוי האָט מען איהם פאַר'שדכנ'ט צו א דריטער פרוי פון פּויזען. צוליב דעם האָט ער זיך איבערגעקליבען אין יענער שטאָט.

ער איז דאמאלט געווען זעקס־און־פופציג יאהר אלט. זיין דריט ווייב האט איהם געבארען א זוהן משה אין יאהר תכ"ז.

ר' אליהו דער בעל שם פון ווירמייזע, איז געווארען מפורסם נאך אין די צייטען פון מהר"ל. נאכדעם ווי ר' אליהו האט ארויסגעגעבען פון זיינע ישיבות, צו ערשט אין ווירמייזע און דערנאך אין כעלם, פוילען, הונדערטער תלמידים, האט ער זיך געהאט באזעצט אין פראג וואו ער האט איבערגעטראגען זיין ישיבה.

דעם מהר"ל'ס אייניקעל, ר' שמואל, וועלכער איז געווען א גרויסער עושר, האט אויסגעהאלטען די דאזיגע ישיבה, וואו מען האט געלערנט נסתר פונקט ווי נגלה, מיט גרויסע סכומים געלט.

אין זיין ישיבה אין פראג האט דער בעל שם פון ווירמייזע מחדש געווען דאס וואס ער האט דארט אויך איינגעפירט א מכינה פאר אינגערע בחורים און זיך ניט באגרעניצט נאר צו יונגעלייט ווי אין ווירמייזע און כעלם. ר' שמואל האט דארט אויך געהאט אריינגעגעבען זיין זוהן ר' יהודה לייב'ן און ער האט געטאן א גרויסע פעולה.

ווען ר' שמואל איז נפטר געווארען איז ר' אליהו געווען הונדערט און אכט יאהר אלט. ווען מען האט געדארפט גיין אויפ'ן מהר"ל'ס קבר צו דערמאנען דעם צדיק וועגען דעם קבר, וואס ער האט איבערגעלאזט פאר זיין אייניקעל, האט ר' אליהו געשיקט צען פון זיינע תלמידים, צו דערמאנען דעם מהר"ל וועגען זיין הבטחה צו זיין אייניקעל ר' שמואל, און איז אליין געגאנגען צו זיין לויה און האט איהם מספיד געווען.

דער זוהן משה, וואס שרה האט געבארען ר' יהודה־לייב'ן, איז עס געווען דער עלטער־זיידע פון ר' שניאור זלמנ'ען דער בעל התניא, דער גרינדער פון חב"ד.

פויזען איז אין יענער צייט געווען א מקום תורה. ר' יהודה לייב האט דארט געפונען געגוג לומדים מיט וועמען צו פארברענגען אין תורה. ספעציעל מיט די תלמידים פון ר' יצחק קלובר'ס תלמידים, וועלכע זיינען געווען גרויסע גאונים סיי אין נגלה סיי אין קבלה. (ר' יצחק קלובר איז געווען דער רבי פונ'ם מהרש"ל).

איינער פון די ילידי פויזען איז געווען דער גאון ר' שמואל אליעזר הלוי איידיל, באקאנט אלס מהרש"א. ער איז געווען רב אין טיקטין און דערנאך אין אוסטרא. ער האט זיך בארימט געמאכט מיט זיין ישיבה וועלכע האט ארויסגעגעבען גדולי תורה.

דער מהרש"א איז געווען א געגענער פון קבלה. אזוי זיינען אויך געווען זיינע תלמידים. אזוי ווי א סך פון אָט די תלמידים זיינען געווען פון פויזען האָט פויזען געהאט א גאָר שטארקען צד וואָס איז געווען זעהר נעגען דעם לימוד פון קבלה.

די התנגדות צו קבלה אין פויזען איז געווען פיל שטארקער ווי אין א סך אנדערע אידישע קהלות, נאָך די טרויעריגע געשעעענישען מיט שבתי צבי דער פאלשער משיח. א סך האָבען געמיינט, אז אין אָט דעם טרויערי־גען פאל מיט שבתי צבי איז שולדיג געווען דער לימוד פון קבלה. עס האָט געזאָלט הייסען, אז ווען ניט קבלה וואָלט ניט געקומען צו דעם, אז שבתי צבי זאָל זיך דערקלערען פאר משיח'ן און א סך אידען זאָלען דורך איהם פארפירט ווערען.

פאר צוואנציג יאָהר צייט האָט געפלאקערט די מלחמה צווישען די אָנהענגער און די געגנער פון קבלה. דאָס זיינען געווען די צוואנציג יאָהר וואָס ר' משה, ר' יהודה לייב'ס זוהן, האָט זיך געהאלטען אין אנטוויקלען. צוליב אָט דער מלחמה איז ר' משה דערצויגען געוואָרען נאָר אויף די לי־מודים פון נגלה און ניט נסתר. ער האָט זיך אָנגעזאפט מיט תורה, דער־הויפט מיט הלכה און חקירה אָבער ניט מיט קיין קבלה.

צו זיבעצען יאָהר איז ר' משה פאר'שדכנ'ט געוואָרען צו דער יתומה שרה, די טאָכטער פון ר' שלמה זלמנ'ען, וועלכער האָט געצווייגען זיין יחוס פון ר' יצחק כ"ץ, דעם מהר"ל'ס אן איידעם. אויף אזא אופן האָבען זיך דאָ פארבונדען אָפּשטאמער פון מהר"ל'ס איינציגען זוהן און איינציגע טאָכטער.

ר' שניאור זלמן איז געווען א סוחר פון דימאנטען און פערל. זיין טאָכטער, כאָטש נאָך גאָר א יונג מיידעל, האָט ווען איהר פאָטער איז נפטר געוואָרען, איבערגענומען איהר פאָטער'ס מסחר און האָט זיך אין איהם שטארק אויסגעצייכענט. זי האָט זיך דערוואָרבען א פארמעגען, אחוץ די ירושה פון איהר פאָטער.

ר' משה איז שפּעטער געוואָרען דער ראש הקהל פון פויזען. דאָס איז געווען אין יאָהר תנ"ב, פונקט הונדערט יאָהר נאָכדעם ווי דער מהר"ל האָט געהאט באזוכט פויזען.

ר' משה איז געווען דער פאָטער פון א זוהן וועמען ער האָט א נאָמען געגעבען נאָך זיין ווייב'ס פאָטער שניאור זלמן און וועלכער איז געווען דער זיידע פון דעם קינפטיגען ר' שניאור זלמן — דער גרינדער פון חב"ד.

ווען ר' משה איז געוואָרען א פאָטער איז ער געווען צוויי און צוואנציג יאָהר אלט. דריי יאָהר שפּעטער איז ער געוואָרען ראש הקהל פון פּויזען — אן אויסצייכנונג וואָס קיין אנדערער האָט נאָך ניט געהאט אין אזא עלטער.

דאָס איז ניט געווען צוליב זיין יחוס און לומדות און אויך ניט צוליב זיין עשירות, נאָר הויפּטזעכליך צוליב זיינע אַנדערע גרויסע מעלות. ער האָט גאָר אין א פריען עלטער ארויסגעוויזען גרויסע פעאיגקייטען צו זיין א מנהיג ביי אידען.

## צב.

## דעם מהר"ל'ס נצחון

**קעניג רודאלף'ס פריינטשאפט צום מהר"ל. — דעם מהר"ל'ס וויכוח מיט קארדינאלען. — אַ נצחון פאַרבונדען מיט אַ סכנה. — דער מהר"ל אין פויזען. ר' משה ראש הקהל פון פויזען הונדערט יאָר שפעטער. — זיין זון ר' שניאור זלמן.**

ווען ר' משה, דער עלטער־זיידע פון דעם גרינדער פון חב"ד, איז אויסגעקליבען געוואָרען אין יאָהר תנ"ב ווי דער ראש הקהל פון דער דעמאָלט בארימטער אידישער שטאָט פּויזען, איז געווען פּונקט הונדערט יאָהר ווי דער מהר"ל פון פּראָג, פון וועמען ר' משה האָט געשטאמט האָט פאר א יאָהר צייט פארבראכט אין אָט דער שטאָט. דער מהר"ל איז געקומען קיין פּויזען דערפאר וואָס ער איז פאר א צייט געווען געצוואונגען צו פארלאָזען פּראָג, וואו ער איז געווען רב און איז פארהערט געוואָרען פון אידען און ניט־אידען.

די סיבות, וואָס האָבען געפירט צו דעם, אז דער מהר"ל זאָל זיין געצוואונגען צו פארלאָזען פּראג, זיינען געווען ווי פאָלגט:

עס איז געווען דעמאָלט ווען רודאָלף דער צווייטער איז געזעסען אויפ'ן טראָן אין פּראג. רודאָלף איז געווען א מענש מיט פרייע געדאנקען און האָט זיך דערפאר וויניג וואָס געלאָזט באאיינפלוסען פון די גלחים. ער האָט געוויזען באזונדערע פריינטשאפט צו אידען און האָט גאָר שטארק געהאלטען פונ'ם מהר"ל, וועלכער איז ביים קעניג געווען א יוצא ונכנס.

דער קעניג פלעגט שעה'ן לאנג פארברענגען מיט'ן מהר"ל און שטארק הנאה געהאט פון זיין חכמה און וויסען. דער קעניג פלעגט מיט'ן גאון

און צדיק דיסקוטירען וועגען אלע וויכטיגע ענינים, רעליגיעזע און וויסענ־שאפטליכע.

דעם קעניג'ס קאלטקייט, און אפשר טאקע געגנערשאפט, צו דער קריסטליכער אמונה זיינען צוגעשריבען געווארען צו דעם וואס ער האט זיך גע'חבר'ט מיט'ן מהר"ל. האבען די גלחים זיך וועגען דעם געווענדעט צום פויפסט, זאל ער עפעס טאן כדי דעם קעניג צו מאכען פרומער און איהם מעהר פאראינטערסירען אין דער קאטוילישער קירך.

אין יאהר ש"ך האט דער פויפסט ארונטערגעשיקט קיין פראג דריי קארדינאלען. ער האט פאר אט דער שליחות אויסגעקליבען די סאמע וויכ־טיגסטע פון זיינע קארדינאלען. זייער אויפגאבע האט געזאלט זיין אויסצור־מוסר'ן קעניג רודאלף פאר זיין אפיקורסות און ארויסרופען ביי איהם מעהר ווארימקייט צום קאטוליציזם. זיי האבען אויך געדארפט געפינען א מיטעל ווי דעם קעניג צו דערווייטערען פון דעם מהר"ל, וועמענס איינפלוס, ווי דאס איז איבערגעגעבען געווארען צום פויפסט, איז געווען א „שעדלי־כער".

די קארדינאלען זיינען אנגעזאגט געווארען, אז זיי זאלען איינאר־דענען אין קעניגליכען הויף אין פראג אן עפענטליכען וויכוח מיט דעם מהר"ל כדי איהם צוצונאגלען פאר'ן קעניג אין די אויגען צום „שאנד־קלאץ" און אזוי ארום איבערצייגען רודאלפ'ן, אז דער רב פון פראג איז פשוט „אומוויסענד".

דאס איז ניט געווען דאס ערשטע מאל וואס קאטוילישע גייסטליכע האבען געהאט וויכוחים מיט אידישע פירער. דער פויפסט איז געווען זיכער, אז וואס איז נוגע דעם מהר"ל וועלען זיינע דריי אויסגעקליבענע קארדינאלען איהם זיכער מנצח זיין.

קעניג רודאלף האט די פויפסטליכע שלוחים אויסגעהערט מיט א שמייכעל. ער איז געווען בטוח, אז דער מהר"ל וועט צעקלאפען אלע זייערע טענות. האט ער דערפאר באלד צוגעשטימט צו זייער פארלאנג איינצור־ארדענען דעם וויכוח. ער איז געווען גערן אט דעם וויכוח צו האבען, ווייל ער האט גראד ערווארט אויף אזא אופן די קארדינאלען אפצושמייסען אין דער עפענטליכקייט.

קעניג רודאלף האט געוואלט צו דעם עפענטליך וויכוח צוציען וואס מעהר צושויער און טאקע די וויכטיגסטע מענשען אין לאנד. ער האט ארויסגעשיקט שטאפעטען איבער'ן לאנד און פארבעטען צום וויכוח די סאמע געהויבענסטע פארשוינען אין דער קאטוילישער קירך און אלע

אדעליע. אויב שוין יאָ אַן עפּענטליכער וויכוח, זאָל ער זיין אַ גרויסער ספּעקטאַקעל וואָס אַלע וועלען האָבען צו געדענקען.

אין הסכם מיטביידע צדדים, האָבען געזאָלט באַשטימט ווערען שרייבער וואָס זאָלען פאַרנאָטירען יעדעס וואָרט פון ביידע זייטען, כדי עס זאָל דערנאָך ניט קענען געזאָגט ווערען, אַז עפּעס איז מיט׳ן וויכוח ניט צוגעגאַנגען ווי ס׳באַדאַרף צו זיין.

צען טעג האָט זיך געצויגען דער וויכוח. די קאַרדינאַלען האָבען דעם מהר״ל ממש פאַרהאַגעלט מיט שאלות. דער מהר״ל האָט אָבער אויף יעדער שאלה געהאַט דעם ריכטיגען ענטפער. ווען די צען טעג פון וויכוח זיינען געווען פאַראיבער, איז פאַר אַלעמען געווען קלאָר, אַז דער מהר״ל האָט זיינע געגנער מנצח געווען.

די קאַרדינאַלען וואָלטען שוין געווען מרוצה דעם גאַנצען ענין צו מאַכען צו־נישט, אַבי ס׳זאָל ניט צעפּויקט ווערען, אַז מ׳האָט זיי צעקלאַפּט. קעניג רודאָלף איז אָבער באַשטאַנען, אַז דער פּראָטאָקאָל, וואָס איז געהאַל־טען געוואָרען פון די שרייבער מיט גרויס פּינקטליכקייט, זאָל באַשטעטיגט ווערן פון ביידע צדדים און פון זיי גע׳חתמ׳ט ווערען.

די קאַרדינאַלען האָבען קיין ברירה נישט געהאַט. דאָרט איז געווען פאַרשריבען יעדעס וואָרט וואָס זיי האָבען געזאָגט פּונקט ווי דאָס וואָס דער מהר״ל האָט געזאָגט. זיי האָבען גאָרניט געקאָנט פאַרלייקענען.

נאָך דעם ווי די קאַרדינאַלען, פון איין זייט, און דער מהר״ל, פון דער צווייטער זייט, האָבען געגעבען זייערע חתימות אויפ׳ן פּראָטאָקאָל, האָט דער קעניג געלייגט זיין פּעטשאַט אויפ׳ן דאָקומענט און דער ענין איז געווען אַ געשלאָסענער. איצט האָט מען שוין אומעטום געוואוסט, אַז די קאַרדינאַלען זיינען דורכגעפאַלען.

די ידיעות וועגען מהר״ל׳ס גרויסען נצחון האָבען זיך פאַרשפּרייט איבער׳ן לאַנד. זיי האָבען אויך דערגרייכט דעם פּויפּסט אין רוים.

דער עלסטער פון די דריי קאַרדינאַלען, אויף וועמען דער פּויפּסט האָט געלייגט אַלע האָפענונגען, אַז ער וועט באַזיגען דעם אידישען מנהיג, האָט זיין דורכפאַל שטאַרק גענומען צום האַרצען. ער האָט עס באַטראַכט אי פאַר אַ פּערזענליכען דורכפאַל אי פאַר אַ דורכפאַל פאַר זיין אמונה. ער האָט פּשוט ניט געוואַגט צו ווייזען זיין פּנים פאַר׳ן פּויפּסט.

האָט ער זיך איינגעשלאָסען אין אַ חדר אין אַ פּראַגער קירך און האָט קיינעם ניט געוואָלט צולאָזען צו זיך און זיך מעהר ניט געוואָלט ווייזען

אויף דער ווייסער וועלט. אין א קורצער צייט ארום האָט מען איהם אין זיין חדר געפונען אן אויפגעהאנגענעם. פאר חרפה און עגמת נפש האָט ער זיך גענומען דאָס לעבען.

דאָס האָט דעם וויכוח צוגעגעבען נאָך גרעסערע וויכטיגקייט. די גלחים זיינען געווען דערשלאָגען. קעניג רודאָלף האָט שמייכעלדיג געשוויגען. דער מהר״ל האָט זיך אָבער געפילט שטארק געטראָפען.

ער האָט געהאט א נצחון, אָבער דער נצחון האָט געקענט זיך שווער אָפּרופען אויף אידען. ווענען זיין איינענעם גורל האָט איהם ווייניג וואָס געאַרט. ער האָט גוט געוואוסט, אז די גלחים וועלען ערשט איצט ווערן פארביטערט געגען איהם. זיי וועלען איהם קיינמאָל נישט פארגעבען וואָס ער האָט באזיגט די קארדינאלען. אוודאי וועלען זיי זוכען מיטלען ווי אין איהם זיך נוקם צו זיין.

האָט ער באשלאָסען צו פארלאָזען פראָג ביז וואַנען דער „אינ־צידענט״ וועט פארגעסען ווערען. דריי יאָהר צייט האָט דער מהר״ל פאר־בראכט וואנדערענדיג אין דער פרעמד. פון דעם האָט ער איין יאָהר צייט — שנת שנ״ב — פארבראכט אין פויזען.

פאר דער צייט וואָס דער מהר״ל איז געווען אוועק פון פראג, האָט ער געהאט איבערגעלאָזט זיין זוהן, ר׳ בצלאל׳ן, פאר זיין ממלא מקום. ער האָט איהם געהאט אָנגעזאָגט, אז אויב ער וועט האָבען עפּעס א שווערע שאלה זאָל ער זיך ווענדען צו זיין לומדישע מוטער פערל, וואָס ווייזט ווי גרויס עס איז געווען פערל׳ס לומדות און אין וואָס פאר א חשיבות דער מהר״ל האָט זי געהאלטען.

פאר דער צייט וואָס דער מהר״ל האָט פארבראכט אין פויזען האָט ער דאָרט איינגעפירט א חברה צו לערנען משניות יעדען טאָג. ער האָט איינגעפירט א פנקס אין וועלכען ער האָט פארצייכענט געוויסע תקנות, ווי אויך די נעמען פון די חברים פון חברה משניות. פון דעמאָלט אָן האלט זיך אָט דער מנהג צו לערנען משניות און צו האָבען באזונדערע חברות פאר׳ן דאָזיגען צוועק פארשפרייט איבער אלע אידישע קהילות.

טאקע דערפאר, ווען עס איז געוואָרען פונקט הונדערט יאָהר זינט ער מהר״ל האָט פארבראכט אין פויזען, איז די געשעהעניש געפייערט געוואָרען דורך דער קהילה מיט׳ן אָנטיילנעמונג פון אלע רבנים, ראשי ישיבות, בעלי בתים, און הגאון ר׳ יהודה ליב — וועלכער איז יענעם יאָר אויסגעקליבען געוואָרען אלס ראש הקהלה — בראשם.

ר׳ משה׳ס זוהן, ר׳ שניאור זלמן, האָט זיך פון זיין סאמע קינדהייט אויסגעצייכענט מיט גרויסע כשרונות. זיין זיידע ר׳ יהודה לייב איז געווען זיין מדריך און האָט פאר יאָהרען לאנג מיט איהם געלערענט תורה, דער־הויפט האָט ער מיט איהם געלערענט מוסר. ר׳ יהודה לייב איז נפטר געוואָרען אין תס״ד אין עלטער פון דריי און ניינציג יאָהר.

ווען ר׳ שניאור זלמן איז געווען זעכצען יאָהר אלט, איז ער געפאָרען קיין הוראדנע, ליטע, צו לערנען אין דער דאָרטיגער ישיבה, וואו ער איז פארבליבען פינף יאָהר צייט. פון דאָרט איז ער געפאָרען לערנען אין דער פראגער ישיבה און דאָרט פארבראכט צוויי יאָהר צייט. אין תע״ב האָט ער חתונה געהאט מיט דער מלומדת רחל, די טאָכטער פון ר׳ ברוך בטלן.

כל זמן ר׳ שניאור זלמן איז געזעסען ביי זיין גביר׳ישען פאָטער ר׳ משה׳ן, האָט איהם גאָרניט געפעהלט. שפעטער אָבער אז זיי האָבען אלע געמוזט פארלאָזען פויזען און אויסוואנדערען קיין פוילען, האָט ער אָנגע־הויבען ליידען דחקות.

האלטענדיג זיך מיט דער שיטה, אז מיט קיין פרויען דארף מען ניט לערנען קיין תורה, האָט ר׳ שניאור זלמן איבערגעלאָזט זיין טאָכטער דבורה לאה׳ן אין אומוויסענדהייט, נישט געקוקט אויף דעם וואָס זיין אייגען ווייב, רחל, איז געווען א גרויסע למדנית.

רחל אליין, כאָטש זי האָט ניט געהאלטען פון אָט דער שיטה פון איהר מאן האָט אָבער רעספעקטירט זיינע וואונשען, אז זי זאָל איהר אייגענע טאָכטער ניט לערנען.

ווען דבורה לאה האָט געקראָגען די אופקלערונג וועגען דעם פון איהר אייגענער מוטער, האָט זי אָנגעהויבען פארשטעהן ווי אזוי דאָס איז געווען מעגליך, אז איהר מוטער זאָל זיין א מלומדת און זי, דבורה לאה, זאָל אליין האָבען געדארפט אויפכאפען ידיעות.

רחל האָט אָבער שוין געהאט איינגעזעהן ווי גרויס עס איז איהר טאָכטער׳ס באגעהר צו לערנען תורה, האָט זי באשלאָסען אָנצוהויבען לער־נען מיט איהר טאָכטער בשתיקה אזוי, אז איהר מאן, ר׳ שניאור זלמן, זאָל פון דעם נישט וויסען.

## צג.

## די פרוי וואָס האָט גע'פסק'נט שאלות

**רחל, דעם בעל התניא'ס באָבע. — אָ פרוי וואָס איז קלאָר אין שלחן ערוך. — רחל פסק'נט אָ שאלה. — איר טאָכטער דבורה לאה.**

רחל, די באָבע פונ'ם גרינדער פון חב"ד דער בעל התניא, איז געווען א זעלטענע פרוי. מיר ווייסען שוין פון איהר גרויסער לומדות. א חוץ איהר לומדות האָט זי אויך נאָכגעפאָלגט דעם זעלביגען דרך וואָס איהר פאָטער, ר' ברוך בטלן, וועלכער איז געווען א נאָכפאָלגער פון בעל־שם פון זאמאָשטש און דערפאר פארבונדען מיט די נסתרים און מקובלים פון יענער צייט.

אויב רחל האָט נאָכגעפאָלגט דעם דרך פון איהר פאָטער, האָט זי אויך געהאט א מוטער פון וועמען זי האָט א סך געלערענט. וואָרום אויך רחל'ס מוטער איז געווען א זעלטענע פרוי — א גרויסע מלומדת און א גרויסע צדקנית. זי איז געווען אָפגעהיט אין אַלע מצוות פון דער תורה און האָט, ממש פון געבורט, אריינגעפלאנצט א ליבע צו אידישקייט אין אירע קינדער.

זי פלעגט בייגאכט האלטען לעבען בעט א כלי מיט וואסער. ווען א קינד האָט זיך אויפגעכאפט צו זויגען און מיט א געוויין אויפגעוועקט די מוטער פון שלאָף, האָט זי צוערשט אָפגעגאָסען נעגעל־וואסער זיך אליין און אויך דאָס קינד. ערשט דאמאָלט האָט זי איהם געגעבען זויגען.

סיי די מוטער און סיי דער פאָטער האָבען זייערע קינדער פון סאמע קינדהייט, צוויי מאָל א טאָג, צוגעטראָגען צו דער מזוזה כדי עס א קוש צו טאָן — איינמאָל אין דער פרי ביים אויפשטיין פון שלאָף און א צווייטען מאָל אין אָוונט, פארן גיין שלאָפען.

דער מוטער'ס השפעה אויף רחל'ען איז געווען גרויס.

ר' ברוך בטלנ'ס פאמיליע־נאָמען איז געווען פאָרטוגאלער, ווייל ער האָט געשטאמט פון די אידישע גרושים פון פאָרטוגאל. „בטלן" איז געווען א צונאָמען. אָט דער צונאָמען איז אזוי „צוגעקלעפּט" געוואָרען צו ר' ברוך'ן, אז רחל, זיין טאָכטער, האָט א לאנגע צייט געמיינט, אז דאָס איז טאקע זייער פאמיליע־נאָמען. אָבער דער צונאָמען „בטלן" איז ניט געווען צוליב גרינגשעצונג אָדער חלילה לגנאי, נאָר גראָד לשבח.

רחל האָט אָנגעהויבען לערנען תורה ממש פונ'ם טאָג וואָס זי האָט אָנגעהויבעןריידען. אין אָנפאַנג האָט מען איהר געלערענט „מודה אני" די נויטיגע ברכות און אנדערע זאכען וואָס א אידישע טאָכטער דאַרף וויסן. שפּעטער האָט איהר פאָטער מיט איהר אָנגעהויבען לערנען אידישע למודים בהדרגה — עברי, חומש, נ"ך, דאן משנה און גמרא. פון גמרא איז ער מיט איהר אריבער צום רמב"ם און שולחן ערוך.

רחל האָט באזונדער זיך אָפּגעגעבען מיט'ן שולחן־ערוך, אזוי אז זי האָט געגוי געוואוסט אלע דינים.

עס איז כאראקטעריסטיש וואָס כאָטש ר' ברוך בטלן האָט אליין געלערענט תורה מיט זיין טאָכטער און האָט אויך געהאַט אָנגעשטעלט א מלמד מיט איהר צו לערנען אין צוגאָב, האָט ער אָבער פונדעסטוועגען געהאלטען, אז דאָס דאַרף זיין בסוד. צי דאָס איז געווען צוליב עניוות אָדער צוליב דעם וואָס ער האָט געמיינט, אז אין די אויגען פון אנדערע קען עס גאָר זיין א חסרון וואָס זיין רחל איז א מלומדת, איז ניט קלאָר. מעגליך, אז ער האָט געהאלטען, אז אימיצער קען זיין גראָטענער טאָכטער פשוט געבען אן עין־הרע.

יעדענפאלס, ווען רחל איז צו ניינצען יאָהר פאר'קנס'ט געוואָרען צו דעם לומדישען ר' שניאור זלמן, האָט קיינער ניט געוואוסט אז די כלה איז א גרויסע למדנית. אויך דער חתן האָט פון דעם ניט געוואוסט.

האָבענדיג אויסגעפונען, אז איהר חתן שניאור זלמן געהערט צו די וואָס האלטען, אז פרויען דאַרפען ניט לערנען קיין תורה און אז עס איז זיי ממש פארבאָטען צו לערנען תורה, האָט רחל פון איהם באהאלטען איהר לומדות. זי האָט מיט קיין וואָרט זיך ניט ארויסגעגעבען אז זי וויים מער ווי עס וויים די געוויינליכע אידישע טאָכטער.

רחל האָט געשמייכעלט ווען נאָך דער חתונה האָט שניאור זלמן געמאכט צו איהר א באמערקונג, אז מסתמא האָט איהר מוטער זי שוין אויסגעלערענט אלע דינים וואָס א אידישע פרוי דאַרף וויסען נאָך דער חתונה. עס איז איהם ניט איינגעפאלען, אז ער האָט פאר זיך א למדנית.

אָבער מיט איהר גאנצער לומדות, איז זי געווען א זעלטענע בעל הבית'טע.

רחל'ס באהאווענטקייט אין שולחן ערוך איז געווען אזא, אז זי האָט געגוי געוואוסט, אז עס זיינען פאראן דינים וואָס ווערען אָפּגעהיט לויט דעם מנהג פון א געוויסער שטאָט, אמאָל לקולא און אמאָל לחומרא.

אין דער סביבה פון פויזען, למשל, האָט מען זיך נוהג געווען לויט דעם „שבלי לקט", אז מען זאָל ניט ארויס שבת אין גאס מיט הענטשקעס וואָס זיינען ניט צוגעניט צו די ארבעל. מען פלעגט דערפאר אבטונג געבען, אז די הענטשקעס זאָלען צוגעניט ווערען פרייטאָג. אין פויזען גופא האָט מען געהאט אן עירוב און דערפאר איז מען געגאנגען מיט הענטשקעס אפילו ווען זיי זיינען ניט געווען צוגעניט צו די ארבעל.

האָט פאסירט אז א קורצע צייט נאָך רחל'ס חתונה איז די גאנצע משפחה געגאנגען אהיים פון בית המדרש. אין פאָראויס זיינען געגאנגען די מאנסבילען: ר' ברוך בטלן, זיין זוהן בנימין און דער איידים ר' שניאור זלמן. נאָך זיי האָבען נאָכגעפאָלגט די פרויענצימער, רחל בתוכם.

די פרויען האָבען געטראָגען הענטשקעס לכבוד שבת, ווי דאָס איז געווען דער מנהג אין פויזען, און ווי דער שטייגער, ניט קיין צוגענייטע צו די ארבעל. בנימין האָט נאָך דערצו געטראָגען אונטערן אָרים א פאָר ספרים וואָס ער האָט מיטגענומען פון בית מדרש אהיים ארייננצוקוקען אין זיי נאָך דער שבת'דיגער סעודה.

זיי זיינען שוין געווען אינמיטען וועג, ווען עס איז אָנגעלאָפען א פארסאָפּעטער דער שמש און אויסגערופען, אז דער עירוב איז פלוצים איבערגעריסען געוואָרען. הייסט עס, אז מען טאָר אין שטאָט ניט טראָגען. זיינען אלע געבליבען שטיין און נישט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט די הענטשקעס. זאָל מען זיי אוועקוואַרפען? און וואָס זאָל בנימין טאָן מיט די ספרים. זאָלען זיי בלייבען שטיין און זיך ניט רירען פון אָרט?

ר' ברוך בטלן האָט זיך געווענדעט, האלב אין שפּאס און האלב אין ערנסט, צו זיין לומדישער טאָכטער רחל'ען:

— נו, רחל, דו ביסט דאָך עפּעס קלאָר אין שלחן ערוך און קענסט דאָך פּסק'נען א שאלה, ווי דארף מען זיך נוהג זיין?

דערביי האָט ר' ברוך באמערקט צו די מאנסבילען וועלכע האָבען איהם באגלייט:

— מיר, מאנסלייט, זיינען צופיל פארטאָן אין גמרא און אנדערע לימודים, אז עס קומט צו א דין ווייסען מיר אָפטמאָל ניט. בלייבט דעריבער ניט קיין אנדער ברירה ווי פרעגען ביי רחל'ען.

ר' שניאור זלמן, וועלכער איז געווען מיט פיר יאָהר עלטער פון זיין פרוי, האָט אויסגעשטעלט א פאָר אויגען, וואונדערנדיג זיך וואָס זיין שווער'ס ווערטער באדייטען? האָט ר' ברוך בטלן טאקע געמיינט וואָס ער

האָט געזאָגט, אָדער איז עס נאָר געווען אין שפּאס? ווי קומט צו זיין פרוי אזוינע ידיעות? ער האָט דאָך איהר אָנגענומען פאר א גאַנץ פּשוט׳ער פרוי און זי, רחל, פון איהר זייט, האָט קיינמאָל ניט ארויסגע־וויזען איהר לומדות?

רחל האָט אָנגעהויבען רויטלען, ווי מען וואָלט דאָ אנטפּלעקט א ניט־אָנגענמען סוד וועגען איר. זי האָט געוואוסט, אז פאר איהר מאן מוז עס זיין א גרויסע איבעראשונג. ווער ווייסט, אפשר וועט ער נאָר צוליב דעם וואָרפען אן אומ׳חן אויף איהר. זי האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אז ער איז געגען דעם, אז פרויען זאָלען לערנען תורה!

רחל איז בכלל געווען א שעמעוודיגע און צוריקגעהאלטענע. זי וואָלט אזוי שנעל נאָך דער חתונה ניט געוואָלט ארוים מיט׳ן סוד, אז זי קען די שווארצע פּינטעלעך!

אָבער איהר פאָטער האָט איהר געהאלטען ווי צוגענאָגעלט. ער האָט אנדערש ניט געוואָלט, ווי נאָר אז זי זאָל די שאלה פּסק׳נען אויפ׳ן אָרט פאר איהר איז עס געווען א גאַנץ לייכטע שאלה צו פּסק׳נען.

— מען דארף ניט אויסטאָן די הענטשקעס — האָט רחל גע׳פּסק׳נט — דאָס איז דאָך אן ענין פון בדיעבד און דאָ קען ניט זיין קיין חשש, אז טאָמער וועט זיי אימיצער אויסטאָן און טראָגען אין האנט און מיט דעם טאָן אן עבירה! מיר גייען דאָך דאָ אין א חבורה (קאָמפּאניע) און אויב אימיצער זאָל די הענטשקעס אומגערן אויסטאָן, וועט באלד זיין ווער עס זאָל יענעם דערמאָנען. וואָס שייך די ספרים, דארף מען זיי איבערגעבען איינעם צום צווייטען, אין א שטח פון ווייניגער ווי פיר איילן, און פון רשות הרבים אין הויף דארף דאָס א גוי אריינטראָגען.

קיינער פון די מאנסלייט האָט ניט געקענט באשטעטיגען, אויב רחל האָט ריכטיג גע׳פּסק׳נט, כאָטש איהר פּסק איז אויף ר׳ ברוך׳ס וואָרט אויס־געפאָלגט געוואָרען.

אז מען איז געקומען אין הויז האָבען ר׳ שניאור זלמן און בנימין אריינגעקוקט אין שלחן ערוך, ווי זיי וואָלטען זיך דאָך ניט געוואָלט פאר־לאָזען אויף רחל׳ען. דאָרט איז געשטאנען פּונקט ווי רחל האָט געזאָגט אויף אויסעווייניג.

ר׳ ברוך איז געווען שטאָלץ מיט זיין טאָכטער. אויך בנימין איז געווען צופרידען מיט זיין שוועסטער׳ס לומדות. אָבער דער מאן ר׳ שניאור זלמן האָט געוויזען אומצופרידענקייט. ער האָט אָנגעהויבען מאכען שארפע

און שטעכיגע באַמערקונגען, ווי ער וואָלט דאָ אויף זיין פרוי אנטדעקט מי יודע וואָס פאַר א חסרון.

— די גמרא זאָגט, אז „אשת חבר כחבר", אז די פרוי פון א למדן איז אליין א למדן, אָבער אין מיין פאַל זעהט עס אויס, אז איך דאַרף זיך באַנוגענען צו זיין א „חבר" ווי מיין ווייב — האָט ר' שניאור זלמן א זאָג געטאָן מיט קענטיגען פרדרוס.

אויף דעם האָט ר' ברוך געענטפערט מיט א שמייכעל:

— דער ירושלמי זאָגט אָבער אויך אז „אשת לסטים כלסטים" (אז די פרוי פון א גזלן איז ווי דער גזלן). איך האָב איבערגעגעבען מיין טאָכ־טער אין דיינע הענט, בלייבט איצט פאַר דיר, אז זי זאָל זיין אָדער די פרוי פון א „חבר" אָדער פון א „לסטים".

ר' שניאור זלמן האָט געכאַפּט דעם מיין פון זיין שווער'ס באַמער־קונג און האָט אויפגעהערט זיך ברוגז'ן. פון דאַמאָלט אָן האָט ער אָנגע־הויבען שטאָלצירען מיט זיין פרוי'ס לומדות און איהר שטאַרק פאַרערט פאַר איהרע קענטניסען און איהר צדקות.

וואָס איז נוגע איהר טאָכטער, דבורה לאה'ן, האָט רחל, ווי מיר ווייסען שוין, מיט איהר אָנגעהויבען לערנען ערשט ווען זי, דבורה לאה האָט עס פאַרלאַנגט. האָט זי אָבער מיט דבורה לאה'ן אָנגעהויבען צו לערנען איז עס געווען גרונטלאַך און לויט א באַשטימטער אָרדענונג. אין משך פון דער צייט איז דבורה לאה געוואָרען א למדנית ווי איהר מוטער.

אָנגעפאַנגען לערנען מיט איהר טאָכטער האָט רחל אָהן דעם וויסען פון איהר מאַן. זי האָט עס אָבער פון איהם לאַנג ניט געהאַלטען בסוד. זי האָט ניט געוואָלט מאַכען דערפון קיין געהיימינס.

ווען זי האָט וועגען דעם דערציילט איהר מאַן, האָט ר' שניאור זלמן גאָרניט געזאָגט דאַגעגען. ער האָט פון דעם געהאַט הנאה.

# צד.

## תנאים אויפן בית עולם

**ר' ברוך און דבורה לאה. — דער בעל שם טוב אַלס שדכן. — ר' יוסף יצחק, דבורה לאה'ס חתן, דעם בעש"ט'ס אַ חסיד. — תנאים אויפן בית עולם.**

ר' שניאור זלמן, דער זיידע פון דעם גרינדער פון חב"ד, וועמעס נאָמען איז אויך געווען ר' שניאור זלמן, און זיין ווייב, די גרויסע מלומדת רחל, האָבען מיט זיך פאַרגעשטעלט צוויי באַזונדערע וועלטען און טאַקע אויך באַזונדערע שיטות אין אידישקייט ווי זיי זיינען נאָכגעפאָלגט געוואָרען אין יענער צייט. דער חילוק צווישען ר' שניאור זלמן'ען און זיין ווייב רחל, האָט זיך שפּעטער איבערגעטראָגען אין זייערע צוויי קינדער, די טאָכטער דבורה לאה און דער זוהן ברוך.

ברוך און דבורה לאה זיינען געווען פאַרשידען ניט נאָר אין עלטער, נאָר אויך אין כאַראַקטער. בעת דבורה לאה איז געווען געפּיהלפּול און צוגעלאָזט צו מענשען, תמיד פאַראינטערעסירט אין, און גרייט צו דינען, די שכנים, אַלע מאָל גרייט אימיצען מיט עפּעס צו העלפען, איז ברוך געווען צוריקגעהאַלטען, אָפּגעזונדערט פון מענשען, ליבענדיג התבודדות.

דבורה לאה איז דורכאויס געווען געראָטען אין דער מאַמען — רחל, און ברוך — אין דעם טאַטען ר' שניאור זלמן.

אָט דער קאָנטראַסט פון ברודער און שוועסטער האָט מען באַזונדערס געקענט זעהן אין די לעצטע יאָהרען פון ר' שניאור זלמן'ען און זיין ווייב רחל, ווען די משפחה האָט געוואוינט אין וויטעבסק, וואו ר' שניאור זלמן האָט מיט גרויס מאַטערניש געצויגען זיין חיונה פון מלמדות.

דבורה לאה, ווי מיר ווייסען, האָט זיך געהאַלטען ביי איהר מוטער, ניט בלויז דערפאַר וואָס זיי האָבען זיך איינגע די אַנדערע בעסער פאַרשטאַנען, נאָך אויך דערפאַר וואָס די טאָכטער האָט געלערענט תורה ביי איהר למדנישער מוטער. דבורה לאה האָט געלערענט מיט חשק. שטענדיג האָט זי געהאַט וואָס צו פרעגען. זי האָט אָבער ניט תמיד געוואָלט באַלעסטיגען איהר מוטער מיט די שאלות וואָס זי האָט געהאַט.

זי וואָלט גערן די שאלות געפרעגט ביי איהר פאָטער, אָבער פאַר ר' שניאור זלמן'ען האָט דאָך געמוזט זיין אַ סוד אַז זי לערנט בכלל תורה. זי

וואָלט זיך באַנוגענט מיט פרעגען שווערע ענינים ביי איהר ברודער'ל ברוך'ן. ווארום כאָטש א יונג אינגעל, איז ברוך שוין געווען באַוואוסט פאר זיינע כשרונות און זיין לומדות.

ברוך האָט זיך אָבער געהאַלטען קאַלט און פרעמד צו זיין שוועסטער, ווי זי וואָלט זיך מיט איהם גאַרניט אָנגעהערט. זי איז ביי איהם געווען ווי א פרעמדע — מיט וועלכער ער דאַרף ניט האָבען צו טאָן. דאָס האָט דבורה לאה'ן שטאַרק וועה געטאָן.

די מוטער, רחל, האָט גוט געוואוסט וועגען דער קאַלטקייט און צוריקגעהאַלטנקייט פון איהר זוהן. זי האָט גוט באַמערקט ווי ער האַלט זיך פון זיין שוועסטער פון דערווייטענס. דאָס האָט איהר פארשאפט עגמת נפש. זי האָט פיעל מאָל געהאַט בדעה צו ריידען צו ברוך'ן, איהם דערצעהלען אַלץ וואָס זי האָט דערצעהלט דבורה לאה'ן. זי האָט זיך משער געווען, אז די טראַדיציע פון זייער משפחה וואָלט אויף ברוך'ן געמאַכט א רושם ווי דאָס איז געווען דער פאַל מיט דבורה לאה'ן. ברוך איז אָבער געווען צו יונג אז זי זאָל שוין מיט איהם קענען ריידען וועגען אַזוינע ענינים. דערצו האָט ער געוויזען אַזא דערווייטערונג, אפילו צו דער מאַמען, אז רחל האָט פשוט ניט געהאַט דעם מוט מיט איהם צו פאַרפיהרען אַן אינטימען שמועס.

זי האָט עס אָפּגעלייגט פון טאָג צו טאָג, ביז עס איז שוין געווען צו שפּעט. רחל האָט אָנגעהויבען ווערען שוואַכער אין געזונט, ביז אין א געוויסען טאָג האָט זי זיך געלייגט א קראַנקע אין בעט און איז שוין מעהר ניט אויפגעשטאַנען.

ווען זי האָט דערפיהלט, אז איהרע מינוטען זיינען געצעהלטע, האָט זי צוגערופען צו זיך דבורה לאה'ן און ברוך'ן און האָט אויף זייערע קעפּ ארויפגעלייגט איהרע אויסגעדאַרטע הענט און זיי געבענטשט. זי האָט, קענטיג, געהאַט גאָר א סך צו זאָגען אין איהרע לעצטע מינוטען פון לעבען, אָבער זי האָט שוין מעהר קיין כח ניט געהאַט. זי האָט בלויז באַוויזען צו זאָגען ווידוי און דאַן מיט א שמע ישראל אויף די ליפּען, אומגעפאַלען און אויסגעהויכט איהר נשמה.

דבורה לאה האָט אויסגעבראָכען אין א יאָמערליכען געוויין. עס זיינען אָנגעלאָפען די שכנים. ר' שניאור זלמן איז אויך אריינגעקומען. ער האָט ביטער געוויינט. ברוך איז געשטאַנען פארטומעלט, אָבער זיינע אויגען זיינען געבליבען טרוקען.

ערשט שפּעטער, אז מ'האָט די טויטע מאַמע אונטערגעהויבען פון בעט און איהר אויסגעצויגען אויף דער ערד און די יללות אין הויז זיינען

געוואָרען גרעסער, האָט אויך ברוך זיך צעוויינט פון טיפעניש פון הארצען און האָט געשריען מיט א ביטערן געשריי: „טשעפעט ניט מיין מוטער, דבורה לאה וואו ביסטו״. און איז פון שברת הלב אומגעפאלען אין חלשות.

פאר א שטיקעל צייט האָט דבורה לאה געפונען טרייסט אין דעם וואָס זי האָט געפיהרט די ווירטשאפט אין הויז. זי איז שוין געווען א יאָהר זעכצעהן. זי איז מיט לייב און לעבען געווען איבערגעגעבען צום טאטען און ברודער, וועלכער איז נאָך אלץ געווען קאלט און זיך געהאלטען אָפגעזונדערט.

ר׳ שניאור זלמן איז געווען א גרויסער חלוש, ער האָט שוין פשוט קיין כח ניט געהאט אָנצוגעהן מיט דער מלמדות. ער האָט פרובירט זוכען פרנסה ביי עפּעס אנדערש. ער האָט ארויסגעהאָלפען א געוויסען למדן אין וויטעבסק ברייננגען אין אָרדענונג זיינע כתבים.

ערשט דאמאָלט האָט דבורה לאה באשלאָסען אויך צו ווערען די ברויט-געבערין. זי האָט געקענט גוט נייהען. האָט זי זיך אָנגעהויבען אָפּ-געבען מיט נייעריי און דערביי פארדינט געננוג אז אין הויז זאָל גאָרניט פעהלען. פארשטעהט זיך, אז דערביי האָט זי אויך געטאָן די גאנצע הויז-ארבייט.

ר׳ שניאור זלמן האָט לאנג ניט געלעבט. ביסלעכווייז זיינען איהם אויסגעגאנגען די כחות.

פאר זיין פטירה האָט ער אָנגעזאָגט די קינדער, אז זיי זאָלען זיך פיהרען ווי ס׳פאסט פאר אָפּשטאמער פון אזא יחוס׳דיגער, לומדישער און פרומער משפחה.

דבורה לאה וואָלט איצט גערן אָנגעגאנגען ווי פריהער און מפרנס געווען און אויפגעפאסט אויף איהר ברודער. זי האָט דורכאויס געוואָלט אז ברוך זאָל ווייטער לערנען תורה און טאקע לערנען מיט איהר אליין.

אָבער ברוך האָט שוין געהאט זיינע אייגענע פּלענער, ער איז פארשוואונדען געוואָרען פון וויטעבסק.

דבורה לאה איז געבליבען אליין. דער זיידע ר׳ משה, דער אמאָ-ליגער ראש הקהל פון פויזען, האָט זיך געפונען אין מינסק און ער האָט געוואָלט דאָס אייניקעל ביי זיך. אָבער דבורה לאה האָט ניט געוואָלט אוועק פון וויטעבסק צוליב דעם וואָס דאָרט האָבען זיך געפונען די קברים פון איהר טאטע-מאמע. אָט די קברים זיינען ביי איהר געוואָרען א טייל

פון איהר לעבען. זי איז אפּט געגאנגען אויפ'ן בית עולם און דאָרט ביי די קברים פון איהרע עלטערען זיך אויסגערעדט דאָס הארץ. דבורה לאה פלעגט אלץ „דערצעהלען" טאטע־מאמען ווי זי וואָלטען געווען לעבעדיגע און זיך צוגעהערט צו איהרע רייד.

עס איז געווען צוליב אָט די קברים וואָס דבורה לאה האָט בעסער באשלאָסען זיך איבערצוקלייבען צו איהר פעטער ר' קדיש'ן, וועלכער האָט געוואוינט אין וויטעבסק. זי האָט אָבער דערביי אויסגענומען א תנאי מיט'ן פעטער און דער מוהמען, אז זי זאָל ווייטער אָנהאלטען איהר ניי־טעריי כדי אליין זיך מפרנס צו זיין.

אזוי איז עס טאקע געווען ביז אין א געוויסען טאָג האָט איהר דער פעטער ר' קדיש מודיע געווען, אז ער האָט פאר איהר א שידוך — מיט'ן יונגען עילוי ר' יוסף יצחק'ן, באקאנט אלס דער עילוי פון טשאַריי.

איידער דבורה לאה האָט מסכים געווען אויפ'ן שידוך איז זי פרי־הער אוועק אויפ'ן בית עולם צו די קברים פון איהרע עלטערן. דאָרט האָט זי טאטע־מאמען „מודיע" געווען וועגען פאַרגעשלאָגענעם שידוך און זיי געבעטען, אז אויב דאָס איז טאקע דער ריכטיגער זיווג דאן זאָלען זיי זיך משתדל זיין אז אלץ זאָל זיין מיט הצלחה, טאָמער אָבער ניט, דאן זאָל דער שידוך בטל ווערען.

שפּעטער האָט זי געהאַט א שמועס מיט דעם חתן, ר' יוסף יצחק'ן. זי האָט איהם דערצעהלט אלץ וואָס זי האָט געוואוסט וועגען איהר אָפּשטאם און האָט פארענדיגט דערמיט, אז זי פיהלט ווי זי וואָלט געהערט צו די וואָס געהען אויפ'ן דרך פון קבלה און חסידות. זי האָט געוואָלט, אז ער זאָל עס אלץ וויסען אין פאַראוים.

ר' יוסף יצחק האָט איהר אויסגעהערט מיט גרויס אינטערעס און דאן איהר דערצעהלט וועגען זיין אייגענעם יחוס און האָט פארענדיגט, אז ער אליין איז א נאָכפאָלגער פון חסידות, ווי אָט די נייע לעהרע האָט שוין אָנגעהויבען פארשפּרייט צו ווערען דורך ר' ישראל בעל שם טוב.

ר' יוסף יצחק האָט איהר אויך דערצעהלט, אז א תלמיד פון בעל שם טוב האָט איהם געגנוי באקאנט מיט'ן דרך פון חסידות און אז ער באטראכט זיך פאר א חסיד. וואָס איז פאר דבורה לאה'ן געווען נאָך וויכטיגער, איז דאָס וואָס ר' יוסף יצחק האָט איהר דערצעהלט, אז עס איז געווען אויפ'ן פארלאנג פון בעל שם טוב, ווי דאָס איז איהם איבערגעגעבען געוואָרען דורך יענעם תלמיד, אז ער זאָל קומען זוכען זיין זיווג אין

וויטעבסק און האָט איהם אפילו אָנגעגעבען אז דאָס רעדט זיך וועגען אַזאַ וואָס איז אַ קיילעכדיגע יתומה.

דבורה לאה האָט שוין מעהר ניט געקענט זיין אין ספק, אז דאָס איז איהר ריכטיגער זיווג.

ביידע זיינען דאן אוועק אויפ'ן בית עולם צו די קברים פון דבורה לאה'ס עלטערן און דאָרט האָבען זיי צווישען זיך געשלאָסען פאָלגענדען תנאים, וואָס האָט געזאָלט זיין זייער אייגענער סוד.

ערשטענס, אז ר' יוסף יצחק זאָל מיט איהר, דבורה לאה'ן, נאָך דער חתונה לערנען אַ שיעור, אַ צוויי־דריי מאָל אַ וואָך; צווייטענס, אז דבורה לאה זאָל ווייטער אָנגעהן מיט איהר נייטעריי כדי צו קענען טראָגען דעם עול פון פרנסה; דריטענס, אז ביידע זאָלען זיין שותפים אין אַלע מצוות און מעשים טובים; פערטענס, אַז עס זאָל בלייבען אַ סוד אַז זי לערנט תורה; פינפטענס, זיי זאָלען זיך פיהרען אַז זיי זאָלען זיין חסידים און נאָכפאָלגען דעם דרך פון בעל שם טוב; זעקסטענס, זייער חסידות זאָל בלייבען אַ סוד ביז די צייט וועט קומען ארויסצוטרעטען אין דער אָפען; זיבעטענס, אז אויב זיי וועלען האָבען קינדער זאָלען זיי זיי מדריך זיין אין דרך החסידות; אכטענס, אז אויב זיי וועלען האָבען אַ טאָכטער זאָל מען איהר לערנען תורה; ניינטענס, אז זיי זאָלען פון אַלע זייערע פאַרדינסטען אָפּלייגען אַ צענטעל פאַר צדקה.

נאָך זייער חתונה איז ר' יוסף יצחק געוואָרען ראש אין דער וויטעבסקער ישיבה. דבורה לאה איז געווען גליקליך. אָבער איין זאַך האָט פאַרביטערט איהר לעבען — דאָס וואָס זי האָט ניט געוואוסט וואו איהר ברודער ברוך איז אהינגעקומען.

## צח.

### דער רבי פון עם־הארצים

**דאָס שטעטעל שאריי. — דער רב פראַוועט סיגופים. — ר' יעקב קערפיל. — אלף־בית מיט עלטערע אידען.**

דער עילוי פון שאריי, ר' יוסף יצחק, מיט וועמען דבורה לאה האָט חתונה געהאַט, איז געווען, ווי מיר ווייסען שוין פון פריער, אַ באהאלטענער חסיד. פון וועמען ער האָט זיך געלערענט זיין חסידות, האָט דבורה לאה זיך ערשט דערוואוסט נאָך דער חתונה.

אין שאריי, א קליין שטעטעל אין וואלינער גובערניע, פון וואנען ר' יוסף יצחק האט געשטאמט, האבען זיך געפונען ארום פינף און פופציג אידישע משפחות. דאס שטעטעל האט זיך מיט ווייניג וואס אויסגעצייכענט.

ווי אין א סך אנדערע שטעטלעך, האבען זיך אין שאריי געפונען עטליכע לומדישע אידען. אייניגע בעלי בתים האבען געהאט גענומען לומדישע יונגעלייט פאר איידימס וועלכע זיינען ביי זיי געזעסען אויף קעסט און געלערענט.

אט די יונגעלייט האבען אין שטעטעל אריינגעבראכט דעם גייסט פון תורה און פארמערט די צאל לומדים. שאריי איז מעהר ניט געווען קיין אפגעשטאנען אידיש שטעטעל.

דער רוב מנין ורוב בנין פון די אידען אין שטעטעל זיינען אבער געווען פראסטע מענשען. די גרעסטע מערהייט פון אט די אידען האט ניט געקענט מעהר ווי דאווענען און זאגען א קאפיטעל תהלים. עטליכע פון זיי האבען אויך געקענט פארטייטשען א פרשה חומש. אבער אלע ווי איינע, זיינען זיי געווען ערליכע אידען וועלכע האבען מהדר געווען אין מצות מיט אויסערגעוויינליכע אמונה און ערענסקייט.

עס זיינען אבער אין שטעטעל אויך געווען א פאר מנינים אדער מעהר, וואס זיינען געווען אמת'ע עמי־הארצים, דאס וואס מען קען רופען בורים מדאורייתא ומדרבנן. זיי האבען אפילו קיין צורת אות ניט געקענט.

אט די אידען האבען ניט געקענט דאווענען מיט קיין מנין. זיי האבען פשוט ניט געקענט נאכפאלגען דעם שליח ציבור.

זיי האבען זיך באנוגענט מיט זאגען קריאת שמע און א פאר אנדערע תפילות וואס זיי האבען זיך געהאט אויסגעלערענט אויף אויסווייניג, און אויך דאס מיט גרייזען.

דער רב פון שאריי דאמאלט, האט געהייסען ר' שמואל עקיבא. זיין גדלות אין תורה איז ניט געווען גרויס. דערפאר איז ער געווען א גאר גרויסער ירא שמים. אין משך פון פופציג יאהר האט ער תמיד געפאסט פון שבת ביז שבת. ער האט אויך געהאט גענומען אויף זיך סגופים.

ווינטער האט ער זיך א נאקעטער געקייקעלט אין שניי. זומער האט ער זיך א נאקעטער געקייקעלט אויף די נעסטען פון מוראשקעס, כדי זיי זאלען בייסען זיין לייב ביז בלוט.

ער איז געווען דער איידים פון הגאון ר' חיים משה פון פינטשעוו, א תלמיד פון ר' יום טוב העליר, דער בעל תוספות יום טוב. אט דער

ר׳ חיים משה איז געווען רב אין שאריי. ער האט ר׳ שמואל עקיבא׳ן גענומען פאר אן איידים ווארום אלט זייענדיג צוואנציג יאר איז ער שוין באוואוסט געווארען פאר זיין גרויס יראת שמים, און זיין שווער האט איהם געמאכט פאר א בעל דרשן.

דער איידים האט זיך באזונדערס אויסגעצייכענט מיט זאגען דעם עולם מוסר. ער פלעגט מיט זיינע דרשות פשוט אניאגען א שרעק אויף זיינע צוהערער, לומדים און פראסטע אידען.

ר׳ שמואל עקיבא האט אין זיינע מוסר־דרשות תמיד אנגעוויזען אויף דעם גרויסען עונש וואס דערווארט די יעניגע, וואס געהען ניט אויפ׳ן דרך הישר. ער פלעגט אויסמאלען דעם גיהנום וואס ווארט אויף די חטאת׳־ניקעס.

נאך זיין שווער׳ס פטירה איז לויט׳ן אנזאג פון זיין שווער איז ר׳ שמואל עקיבא געווארען דער מרא דאתרא אין שאריי. ער האט ווייטער זיך געהאלטען ביי זיין דרך פון פאסטען תעניתים א גאנצע וואך און פון נעמען אויף זיך סגופים. ער האט אויך ווייטער געהאלטען זיינע שארפע מוסר־דרשות.

ווי אלע לומדים פון יענער צייט, האט ער זיך געהאלטען פון דערווייטען פון עם־הארצים. דאס וואס יענע האבען ניט געהאט ווער עס זאל זיי מדריך זיין, האט איהם ניט געקימערט. דאס איז איהם, דער רב, קענטיג, גאר אויף דעם געדאנק ניט געקומען.

זיינען די עם־הארצים געקומען צו זיינע דרשות איז געווען מה־טוב. ער זאל זיך פאראינטערעסירען אין זייער גורל, און ווער רעדט נאך פון וועלען עפעס טאן כדי צו דערהויבען זיי גייסטיג, דאס איז איהם גארניט איינגעפאלען.

איינער פון די סאמע גרעסטע עם־הארצים אין שאריי איז געווען א געוויסער יעקב קערפיל, וועלכער האט זיך מפרנס געווען פון דעם וואס ער איז א גאנצע וואך געגאנגען איבער די דערפער און געהאנדעלט מיט די גויים. ער פלעגט זיך צוריקקערען אין שטעטעל נאר אויף שבת.

ער האט זיך נוהג געווען, אז יעדען פרייטאג ווען ער איז אנגעקומען אין שטעטעל, האט ער צוערשט, איידער ער איז געגאנגען אהיים צו זיין פרוי, זיך אפגעגעבען זיין „וואכער" פאר׳ן רב אליין און פאר אלע צדקה הצטרכות׳ן אין שטעטעל, אט ווי ביקור חולים, הכנסת כלה, מלביש ערומים, תלמוד תורה און כהנה וכהנה.

אז ער איז פארטיג געוואָרען מיט אָפּצאָלען דעם „וואָכער" ביים רב, איז ער אוועק אין בית מדרש און דאָרט אריינגעוואָרפען עטליכע מטבעות אין דער קהל'ישער פושקע, כדי מקיים צו זיין די מצווה פון מתן בסתר. ערשט דעמאָלט איז ער געגאַנגען אהיים און אוועקגעגעבען זיין פרוי דאָס איבעריקע געלט זי זאָל דערמיט אָפּצאָלען אירע חובות און איינקויפען אויף שבת, און האָט זיך אָנגעהויבען מכין צו זיין פאַר'ן שבת. ער האָט אָפּגערייניגט די שטיוועל, זיי אויסגעשמירט מיט אויל און דאן זיך געלאָזט אין מרחץ אריין.

יעקב קערפּיל האָט אפילו ניט געקענט קיין צורת אלף. די עטליכע תפילות וואָס ער פלעגט זאָגען האָט ער געקענט אויף אויסווייניג און דאָס אויך מיט א סך גרייזען. ער האָט אין משך פון די יאָהרען זיך אויסגע־לערענט קריאת שמע און שמונה עשרה. נישט קוקענדיג אויף די גרייזען, מיט וועלכע ער פלעגט זאָגען די תפילות, האָט ער זיי אָבער תמיד געזאָגט מיט גרוים כוונה און דבקות. ער האָט ארויסגעוויזען כוונה, סיי ווען ער האָט געדאַווענט פאר זיך אונטערוועגנס, וואנדערענדיג איבער די דערפער, און סיי ווען ער האָט געדאַווענט מיט'ן ציבור שבתים און ימים טובים אין בית מדרש אין שאריי.

זיין פרוי, ציפּע ברכה, איז אויך געווען פּראָסט אָבער שטארק פרום. זי איז געווען די טאָכטער פון שארייער בעדער, ר' יוסף יצחק האָט ער געהייסען און איז געווען א בן תורה. זי איז געבליבען א יתומה ווען זי איז נאָך געווען א קליין קינד. קהל האָט זי שפּעטער חתונה געמאַכט מיט יעקב קערפּיל'ן.

מאַן און פרוי האָבען געהאַט א גוט לעבען צווישען זיך און וואָלטען געווען באמת גליקליך, האָבען זיי אָבער געהאַט צער גידול בנים.

צוערשט האָבען זיי אינגאַנצען ניט געהאַט קיין קינדער. שפּעטער אז ציפּע ברכה האָט אָנגעהויבען ברענגען קינדער אויף דער וועלט, האָבען זיך די קינדער, פאר קיין אידען געדאַכט, ניט געהאַלטען, זיי זיינען געשטאָר־בען באַלד נאָכ'ן געבורט.

איינמאָל, אז יעקב קערפּיל האָט געוואַנדערט איבער די דערפער ווי תמיד, האָט ער זיך באַגעגענט מיט אַן אנדער אידען, וואָס האָט אויך געוואַנדערט איבער די דערפער אויף אַן ענליכען אופן ווי ער. האָבען זיי געוואַנדערט צוזאַמען.

יעקב קערפּיל האָט באַמערקט ווי יענער איד האַלט בסדר אין שעפּטשען, ווי ער וואָלט גערעדט צו זיך אליין. איז יעקב קערפּיל געוואָרען

נייגעריג צו וויסען וואָס אזוינס יענער רעדט צו זיך. אז ער האָט זיך אָנגעהויבען נאָכפרעגען ביים אידען וואָס ער „מורמעלט" אונטער׳ן נאָז, האָט יענער איהם געזאָגט, אז דאָס לערענט ער משניות אויף אויסעווייניג.

— איך טו עס תמיד — האָט ער געזאָגט. — ווען איך בין אין שטעטעל זיץ איך אין בית מדרש און לערען גמרא. אונטערוועגענס, אז איך מוז לערנען אויף אויסווייניג, לערען איך משניות און תנ"ך.

אז יעקב קערפיל האָט זיך דערוואוסט יענעמ׳ס סוד, האָט זיך דער איד מעהר מיט גאָרניט געדאַרפט אויסבאהאלטען מיט זיין לערנען בלחש. ער פלעגט שוין לערנען אויף אויסווייניג הויך אויפ׳ן קול ווען נאָר זיי זיינען געווען מיט זיך אליין, געהענדיג פון איין דאָרף צום צווייטען. דערצו האָט יענער געהאלטען אין לערנען מיט א זיסען ניגון. יעדעס מאָל ווען יעקב קערפיל האָט עס געהערט פלעגט עס איהם פארנעמען ביים הארצען.

איינמאָל האָט יעקב קערפיל זיך צעוויינט ווי א קליין קינד.

— וואָס וויינט איהר? — האָט איהם יענער איד, וועמעס נאָמען איז געווען ר׳ הערש לייב, געפרעגט מיט רחמנות.

— ווי זאָל איך ניט וויינען — האָט יעקב קערפיל מסביר געווען, — אז איך בין אזא וויסטער עם הארץ. איך קען אפילו ניט קיין עברי. ווי שטארק איך בין אייך מקנא וואָס איהר קענט לערנען. איך וואָלט א שטיק לעבען אוועקגעגעבען צו קענען לערנען ווי איהר.

ר׳ הערש לייב האָט איהם אָנגעהויבען טרייסטען און איהם צוגע-זאָגט, אז ווען זיי וועלען אָנקומען אין שטאָט וועט ער מיט איהם, יעקב קערפיל׳ן, אָנהויבען לערנען און טאקע אָנהויבען פון סאמע אלף בית.

יעקב קערפיל האָט זיך אָנגעכאַפּט.

— איך וועל עס טאָן נאָר מיט איין תנאי — האָט ר׳ הערש לייב געזאָגט, — אז דאָס זאָל בלייבען א סוד. נאָר אייער ציפּע ברכה וועט מעגען וויסען וועגען דעם. קיין אנדערער זאָל אָבער פון דעם ניט וויסען.

יעקב קערפיל האָט קוים געקענט פארשטעהן פארוואָס יענער וויל דערפון דווקא מאכען א סוד, אָבער האָט דערצו מסכים געווען. באלד ווי זיי זיינען אָנגעקומען אין שטעטעל, און זיי האָבען ביידע, צוליב די שלעכטע וועטערען וואָס האָבען זיך אָנגעפאנגען, געמוזט בלייבען אין דער היים, האָט ר׳ הערש לייב מיט יעקב קערפיל׳ן אָנגעהויבען לערנען. ביסלעכווייז האָט יעקב קערפיל אָנגעהויבען טאָן א פעולה.

אין א פּאָר חדשים צייט האָט ער שוין געקענט זאָגען עברי און געוואוסט דעם טייטש פון א היבש ביסעל ווערטער. יעקב קערפּיל איז געוועזן מלא שמחה. זיין פּלונית'טע, ציפּע ברכה, איז געווען אין זיבעטען הימעל.

ר' הערש לייב אליין, האָט זיך אויפגעהאלטען אין בית מדרש. אזוי ווי אויפ'ן אויסקוק האָט מען איהם אָנגענומען פאר א פּראָסטען מענשען, האָט זיך קיינער אויף איהם ניט אומגעקוקט. ער האָט פון קיינעם גאָרניט געבעטען און קיינעם גאָרניט אָנגעבאָטען.

עס האָט געהייסען, אז מ'האָט דאָ צו טאָן מיט א וואנדערער, — וואָס, צוליב דעם וועטער, איז ער פארבליבען אין שטעטעל לענגער ווי געוועהנליך.

דעם ערשטען שבת האָט מען איהם געהאט אָנגעבאָטען צו נעמען צו אימיצענס טיש פאר אן אורח. שאריי האָט זיך אין דעם ניט אונטער־שיידט פון אנדערע אידישע שטעטלעך. אָבער ר' הערש לייב האָט מסביר געווען, אז ער איז זיך נוהג ניט צו עסען ביי קיין פרעמדע טישען. האָט מען איהם אָפּגעלאָזט און מעהר ניט געשענקט קיין אויפמערקזאמקייט.

דורך יעקב קערפּיל'ן, זיין געהיימען תלמיד, האָט ר' הערש לייב זיך דערוואוסט וועגען יעדען איינעם אין שטעטעל. דער עיקר האָט ער געוואָלט וויסען וועגען די פּראָסטע אידען אין שאריי. די וואָס האָבען קיין אידיש וואָרט ניט געקענט.

ר' הערש לייב האָט זיך דאן מיט אָט די אידען אָנגעהויבען חבר'ן און פאר יעדערען פון זיי געהאט א גוט וואָרט, יעדען האָט ער געטרייסט און געמונטערט און דערמיט אין זיי אריינגעגעבען א נייע נשמה און ארויסגערופען האָפענונג און בטחון.

— קיין איד טאָר ביי זיך ניט זיין געפאלען, — פלעגט ר' הערש לייב איינ'טענה'ן מיט יעדען פון די דאָזיגע אידען. — ביים אויבערשטען זיינען באליבט אלע אידען. ווען דער אויבערשטער האָט געזאָגט צו משה'ן „דבר אל בני ישראל", האָט ער קיין חילוק ניט געמאכט צווישען איין איד און דעם צווייטען. ער האָט געהאט אין זינען דעם עם הארץ אזוי גוט ווי דעם למדן. אלע זיינען מיר דעם אויבערשטענ'ס קינדער.

ר' הערש לייב האָט אויך אָנגעהויבען דערמוטיגען די פּראָסטע אידען, אז דאָס וואָס זיי האָבען פארפעלט צו לערנען אין דער יוגענט איז ניט קיין מניעה פאר זיי צו לערנען איצט, ווייל עס איז קיינמאָל ניט צו שפּעט צו לערנען.

אז די אידען האָבען אויפגעשטעלט מויל און אויערען און געפרעגט ווי אזוי זיי קענען איצט לערנען, אז זיי האָבען ניט ווער ס׳זאָל זיך מיט זיי אָפּגעבען, האָט ר׳ הערש לייב זיי גענעבען צו פעשטעהן, אז ער אליין איז גרייט מיט זיי צו לערנען און טאקע פון סאמע אלף בית.

דאָס איז פאר די אלע אידען געווען א גרויסע פּלא. זיי האָבען זיך אויף דעם ניט גערעכט. עס איז געווען אינגאנצען ניי פאר זיי. זיי האָבען געזעהן ווי עס זיצען און לערנען אידען לומדים, אידען וואָס קענען גמרא, משניות אָדער אפילו א פרשה חומש. אָבער, אז עס זאָלען לערנען אידען וואָס קענען ניט קיין עברי, דאָס האָבען זיי נאָך קיינמאָל ניט געזעהן און ניט געהערט. קיינער האָט זיך אויף זיי ניט געהאט אומגעקוקט. איצט האָט אָבער א פרעמדער איד גערעדט צו זיי ווי זיי וואָלטען איהם געווען נאָהענט צום הארצען און ווי ס׳וואָלט איהם געגאנגען אין לעבען אז אויך זיי זאָלען לערנען תורה.

די אידען האָבען זיך אָנגעכאפּט אין ר׳ הערש לייב׳ס אָנבאָט און זיי זיינען גערן געוואָרען זיינע תלמידים.

## צו.

### שטומע ווערען רעדעוודיג

**אַ משל וועגן שטומע. — ר׳ הערש לייב דער מלמד פאַרענטפערט אַ שווערע סוגיא. — כבוד און אומ׳כבוד. — יעקב קערפּיל איז מצליח.**

אין עק פון שטעטעל שאריי האָט זיך געפונען א קליינער בית מדרש׳ל, וועלכען מ׳האָט גערופען „פייווע זלמן׳ס בית מדרש". דאָס איז געווען דערפאר ווייל א געוויסער פייווע זלמן פון די בעלי בתים פון שאריי, ניט האָבענדיק קיינע קינדער האָט עס געבויט אויף זיין נאָמען.

אָט אין יענעם בית מדרש׳ל האָט עס דער פרעמדער איד ר׳ הערש לייב זיך פארקליבען און האָט דאָרט, ווי א דרדקי מלמד, אָנגעהויבען לערנען מיט די עם הארצישע אידען פון שטעטעל. ער האָט מיט זיי אָנגעהויבען ממש פון אלף בית, ווייל די מערסטע האָבען אפילו א צורת אלף ניט געוואוסט.

א נייער גייסט האָט די דאָזיגע פּראָסטע אידען באלעבט. זיי זיינען געוואָרען האָפענדיגער און מוטיגער. זיי האָבען זיך מעהר ניט געפילט

פארלאָזען און פארשטויסען ווי זיי וואָלטען, רחמנא לצלן, געשטאנען מחוץ למחנה און ניט געווען אָנגעהעריג צום אידישען פאָלק.

פינף יאָהר איז ר' הערש לייב פארבליבען אין שאריי. פאר אָט דער צייט האָט ער כסדר געהאלטען אין לערנען מיט יענע אידען. אין משך פון די פינף יאָהר האָט ער פיל פון די דאָזיקע אידען אויסגעלערנט עברי, און די וואָס האָבען שוין געקענט עברי, האָט ער זיי געלערנט דעם פירוש המלות פון דאווענען און גאָר אן אנדער גייסט האָט זיך שוין פארצייגען איבערן המון.

נישט באנוגענדיק זיך מיט דעם האָט ער זיי אויך געלערנט און ערצוינגען אויפצופירן זיך מיט מידות טובות און דרך ארץ.

ער האָט כסדר אָנגעוויזען ווי שטארק נויטיג דאָס איז, אז אידען זאָלען זיין ערליך אין האנדל, און גוט און חבר'יש איינער צום אנדערן. אויך די פרויען האָט ער ניט אויסגעלאָזט פון חשבון. ער האָט זיי געלערנט מידות טובות און זיי אויך געלערנט ווי צו זיין אָפגעהיט, נישט צו שילטען זיך, ניט צו זיין בייז און ניט ארומצוקריגען זיך.

פאר דער גאנצער צייט, וואָס ער איז געווען אין שאריי און געקנעלט מיט די אידען, האָט ר' הערש לייב פון קיינעם קיין פרוטה נישט גענומען און האָט פון קיינעם אויף קיין האָר ניט נהנה געווען. ער האָט קיינמאָל ביי קיינעם'ס טיש ניט געזעסען, ניט אין דער וואָכען און ניט שבתים און ימים טובים. ווען ער האָט ניט געהאט זיינע תלמידים ארום זיך, איז ער אליין געזעסען און געלערנט מיט גרוים התמדה. ער האָט זיך דערנערט פון זיין אייגענס, מיט וואָס ער איז קענטיג געווען באזאָרגט.

איבער'ן שטעטעל האָט זיך שוין לאנג געהאט צעטראָגען די ידיעה, אז אָט דער אומבאקאנטער ר' הערש לייב זיצט אין פייווע זלמן'ס בית מדרש'ל און לערנט מיט די פראָסטע אידען פון שאריי ווי א מלמד. דער רב פון שטעטעל, ר' שמואל עקיבא, האָט פון דעם געהערט און האָט עס באטראכט פאר א גרויסע עובדא.

אין א געוויסען טאָג איז דער רב ארונטערגעקומען אין יענעם בית־מדרש'ל, דעמאָלט ווען ר' הערש לייב איז געזעסען מיט א טוצען אידען ארום זיך, איינינגע פון די אידען שוין מיט גרויע בערד, זיצענדיק ביי אָפענע סידורים האָט ער זיי פארטייטשט דעם פירוש המלות פון תפלה.

ווען דער רב איז אריינגעקומען אין בית מדרש האָבען ר' הערש לייב און זיינע תלמידים זיך פאר איהם אויפגעשטעלט. דער רב איז צוגע־קומען צו ר' הערש לייב'ן און איהם דערלאנגט די האנט און אויסגעדריקט

זיין גרויסע אָנערקענונג פאר דעם וואָס ער טוט. דער רב איז אריין אין אזא התפעלות פון דעם וואָס ר׳ הערש לייב האָט געטאָן, אז ער האָט איהם א קוש געטאָן אין האנט. דאָס האָט אויף אַלעמען געמאכט א גרויסען רושם.

דער רב האָט געהאַלטען א קורצע דרשה וועגען ר׳ הערש לייב׳ס גרויסען אויפטו. ער האָט וועגען דעם געזאָגט אזא משל:

אין א געוויסער מדינה איז געווען א מלך, א גרויסער חכם און דערצו א גוט־הארציגער מענש. זיין גלייכען האָט מען פשוט אין דער וועלט נישט געקענט געפינען. ער האָט זיינע אונטערטאנען שטארק ליב געהאט און כסדר געזאָרגט פאר אלע זייערע באדערפענישען. כדי יעדער איינער זאָל קענען קומען צו איהם מיט זיינע בקשות, האָט דער מלך באשטימט א צייט, דריי מאָל אין טאָג ווען מען זאָל קענען צו איהם צוקומען.

אין דעם קעניג׳ס הויפט־שטאָט איז געווען א גאס וואו ס׳האָבען געוואוינט לויטער שטומע מענשען. האָבען זיי ניט געקענט קומען צום קעניג און איהם זאָגען וואָס זיי פארלאנגען, האָבען זיי פון דעם זיך שטארק מצער געווען. האָט זיך אָפּגעזוכט א רופא, וואָס האָט דערפילט דעם גרויסען צער פון די שטומע מענשען און האָט זיך אונטערגענומען זיי אַלעמען צו געבען זייער לשון.

מיט זיין גרויסער חכמה, האָט זיך דער רופא טאַקע געפּרואווט צו באווייזן דעם וואונדער, צו מאַכען די שטומע רעדעוודיג. און דער אויבערשטער האָט אים טאַקע געהאָלפען. איינמאָל זיינען אָט די גע־ווזענע שטומע מענשען געקומען צום קעניג, און צו זיין גרויסער פארוואונדערונג גערעדט צו איהם ווי אלע מענשען און ארויסגעזאָגט זייערע פארלאנגען מיט וועלכע זיי האָבען זיך אזוי לאנג ארומגעטראָגען אָבער עס קיינמאָל נישט געקענט ארויסזאָגען, סיידען דורך צייכענס וואָס קיינער האָט נישט געקענט גענוי פארשטעהן.

דער מלך האָט ניט נאָר דערפילט זייערע פארלאנגען נאָר האָט אויך גערופען צו זיך דעם רופא, וואָס האָט זיי רעדעוודיג געמאכט, און האָט איהם באשאָנקען מיט טייערע מתנות.

דער רב האָט זיך דאן געווענדעט צו ר׳ הערש לייב׳ן און זיינע תלמידים און צו זיי אזוי געזאָגט:

— מיינע, טייערע ברידער, איהר זייט אלע אייערע יאָהרען געווען שטומע. איהר האָט ניט געקענט קיין עברי און ניט געוואוסט קיין פירוש המלות. איהר האָט געדינט דעם אויבערשטען אין שטילשווייגען און מיט

צער אין אייערע הערצער, איז געקומען דער גרויסער רופא, ר' הערש לייב, און האט געפּרואווט עפענען אייערע אויגען און אייך מאכען פאר רעדעוודיגע מענשען, אריינברענגענדיג אין אייך א נייע לעבען. און דער אויבערשטער האט אים טאקע געהאָלפען. איהר קענט איצט זיין אידען ווי עס באדארף צו זיין. זאָל דער אויבערשטער אייך בענשען און דערפילען אלע אייערע בקשות און די בקשות פון כל ישראל, אמן.

אָבער ניט קוקענדיג אויף דעם וואָס דער רב האט ארויסגעוויזען צו ר' הערש לייב'ן אזוי פיל אכטונג און פארעהרונג, זיינען געווען עטליכע לומדישע אידען אין שאריי וואָס האָבען עס איהם נישט געקענט פארגעבען. זיי זיינען געווען געוואוינט צו קוקען אויף אָט די עם הארצים פון אויבען ארונטער. זיי האָבען זיך שטענדיג געהאלטען פון זיי פון דערווייטענס און דאָ, מיט אמאָל, איז געקומען דער פרעמדער ר' הערש לייב, און האט יענע אידען דערהויבען צו א נייער מדרגה און אויף אזא אופן אָפּגעשאפט די מחיצה וואָס האט אָט די פּראָסטע אידען די גאנצע צייט געהאלטען אָפּגע־זונדערט פון כלל.

די געגנערשאפט פון אָט די לומדישע אידען צו ר' הערש לייב'ן איז געוואָרען נאָך גרעסער און זיך פארוואנדעלט אין אמת'ער פיינטשאפט צוליב א געוויסער פאסירונג.

דער פרוש ר' אליהו שמואל האט זיך געהאלטען אין מאטערען אין א שווערער סוגיא. ער האט וועגען דעם זיך גע'פלפול'ט מיט אנדערע לומדישע אידען אין שטעטעל. פיר טעג זיינען זיי אלע „געשטאנען" ביי אָט דער סוגיא און פון איר ניט געקענט אוועק. מיט אמאָל איז געקומען דער זעלביגער ר' הערש לייב און האט די סוגיא אויפגעקלערט אויף א גאָר פשוט'ן אָבער קלאָרען אופן אזוי אז אלע קשיות זיינען פארענטפערט געוואָרען.

דאָס האט ביי די לומדים ארויסגערופען קנאה־שנאה און מ'האט אויף איהם אָנגעהויבען זוכען חסרונות. האט מען אָבער אויף איהם קיין חסרונות נישט געפונען, וואָרום ר' הערש לייב איז גראָד געווען א מענש א בעל מידה. האט מען קיין אנדער אופן ווי איהם מזלזל זיין ניט געפונען ווי איהם צו געבען דעם צונאָמען „הערשעל דער גלער" דערפאר וואָס ער איז געווען א בלאָנדער.

אָבער בעת די לומדים פון שאריי האָבען פּרובירט ר' הערש לייב'ן מזלזל צו זיין, איז זיין חשיבות געוואקסען ביי ר' יעקב קערפּיל'ן, דעם דאָרפס־איד, וועלכער האט איהם, ר' הערש לייב'ן געבראכט אין שטעטעל

אריין און ער איז געווען זיין ערשטער תלמיד. יעקב קערפיל האָט די גאנצע צייט געלערענט ביי ר׳ הערש לייב׳ן און ער איז געוואָרען אן אמת׳ער יודע ספר. עס האָט זיך ארויסגעוויזען אז אָט דער געוועזענער עם הארץ האָט געהאט גרויסע כשרונות וועלכע האָבען זיך אין לערנען שטארק ארויס־געוויזען.

יעצט האָט ער שוין ניט געדארפט טראכטן גייענדיג פון דארף צו דארף און זיצענדיג ביים עסן נאָר די ווערטער פון קריאת שמע און די שמונה עשרה׳ס, וואָס דאָס איז געווען זיין גאַנצער קענטעניש, אזוי אז ווען ער פלעגט ענדיקען צו טראכטען די וואָכענדיגע שמו״ע, פלעגט ער זיך ערשט נעמען צו איבערטראכטען די אנדערע שמונה עשרה׳ס וואָס ער האָט געקענט, פריער דעם שחרית פון שבת דערנאָך דעם מוסף א. א. וו. יעצט אָבער האָט ער שוין געקענט אויף אויסוויינין אַלע פינף חומשים און דעם גאַנצען תהלים און פרקי אבות, און נאָך דערצו אויך פארשטאַנען די טייטשען דערפון, אזוי אז אָן קיין שום אָנשטריינגונג פלעגט ער עס איבערטראַכטן, וואו ער האָט נאָר געקענט.

פאר דער צייט האָט זיך אויך פארבעסערט יעקב קערפיל׳ס פרנסה. יעקב קערפיל און זיין פלונית׳טע האָבען זייער הצלחה צוגעשריבען צום זכות פון ר׳ הערש לייב׳ן, צו דעם וואָס אויף ר׳ הערש לייב׳ס עצה האָבען זיי געהאט ארונטערגענומען א צעהנטעל פון אַלע פארדינסטען פאר צדקה. ר׳ הערש לייב האָט כסדר געהאַלטען אין לערנען זיינע תלמידים, אז זיי זאָלען אוועקגעבען מעשר אויף צדקה.

ר׳ הערש לייב האָט געהאַלטען אין אויפקלעהרען אז דאָס איז א סגולה צו הצלחה, און אזוי איז טאקע געווען. יעקב קערפיל׳ן האָט אָנגעהויבען מצליח זיין אין אַלץ וואָס ער האָט געטאָן און דאָס האָט זיין צובונד צו ר׳ הערש לייב׳ן נאָך שטארקער געמאכט.

ער האָט איצט אויסגעפאָלגט אַלץ וואָס ער האָט ביי ר׳ הערש לייב׳ן געלערענט.

איין זאך האָט יעקב קערפיל׳ן שטארק מצער געווען: דאָס וואָס ער האָט ניט געהאט קיין קינדער. ער האָט אָבער וועגען דעם ניט מתרעם געווען פאר׳ן רבונו של עולם און האָט זיך קיינמאָל ניט באקלאָגט אפילו פאר ר׳ הערש לייב׳ן.

אנשטאט דעם האָט ער פרובירט געפינען טרייסט אין דעם וואָס ער האָט געזאָרגט פאר זיין שוועסטער׳ס קינדער. זיין שוועסטער איז געווען אן אלמנה. ער האָט אויך געהאט א ברודער א חולה, וואָס האָט ניט געקענט

מפרנס זיין זיין משפחה, האָט ער פאַר איהם און זיין משפחה געזאָרגט און געשיקט זיינע זיהן לערנען אין ישיבות.

יעקב קערפּיל האָט אויף זיין שוועסטער׳ס און ברודער׳ס משפחות אויסגעגעבען כמעט זיין גאנצען פאַרמעגען.

## צז.

## דער לעבעדיגער משכון

און ארענדאר ווערט אַ יורד. — אַ קינד אַלס משכון. — דער גלח זוכט אַ קרבן. — פּדיון שבויים.

יעקב קערפּיל, דער אמאָליגער עם הארץ פון שארייי, האָט איצט, אַ דאנק ר׳ הערש לייב׳ן, שוין געקענט פאַרעכענט ווערען צווישען די לומדישע אידען פון שטעטל. דערצו נאָך אַ איד מיט אַ ברייטער האנט, איז ער געוואָרען שטארק אָנגעזען אין שארייי.

איינמאָל האָט עפּעס פּאסירט וואָס האָט אויף דעם פרומען און גוטהארציגען יעקב קערפּיל׳ן געמאַכט אַ גרויסען רושם.

אין אַ דאָרף, ניט ווייט פון שארייי, האָט געוואוינט אַ איד מיט׳ן נאָמען גרשון יצחק, וועמען יעקב קערפּיל האָט געקענט פאַר אַ סך יאָהר. גרשון יצחק האָט געהאַלטען אין ארענדע די אָזערעס און טייכען אויף די גיטער פון אַ רייכען פּריץ דאָרט צו פאנגען פיש. דערצו האָט ער געהאַט אַ קרעטשמע און אַ קראָם אין דאָרף וואו ער איז געווען אַ תושב.

גרשון יצחק איז געווען אַ גרויסער עם הארץ. ער איז געווען אַ מטופּל אין אַ סך קינדער, מערסטענס אינגלעך, אָבער האָט פאַר זיי קיין מלמד ניט געהאַלטען און האָט זיי אויך ניט געשיקט אין דעם דערבייאיגען שטעטל צו אַ מלמד. ווען די מיידלעך איז דאָך געווען אָפּגערעדט, ווער האָט דען בכלל געהאַלטען, אַז מיידלעך דאַרף מען לערנען?

פונדעסטוועגען אַז עס איז געקומען צו טאָן שידוכים פאַר זיינע טעכטער האָט גרשון יצחק פאַר זיי דווקא געזוכט לומדישע חתנים. ער האָט אָט די חתנים צוגעזאָגט אַ פיינעם נדן און אויך קעסט.

וואָלט מסתמא אַלץ געווען בשורה מיט גרשון יצחק׳ן. פּאסירט, אַז דער אַלטער פּריץ, ביי וועמען גרשון יצחק האָט געהאַלטען די אָזערעס און טייכען אין ארענדע, האָט איבערגעגעבען די אויפזיכט פון זיינע גיטער צו

זיין עלטערען זוהן. דער אלטער פריץ איז געווען אן אכזר. דאגעגען איז דער זוהן געווען א גוטהארציגער מענש.

אַט דער בייט וואָלט אוודאי געווען פאר דעם אידישען ישוב'ניק לטובה. קומט אָבער אָן אין דאָרף א נייער גלח, א גרויסער שונא ישראל, און ער הויבט אָן העצען די גוים, אז זיי זאָלען ניט גיין צו גרשון יצחק'ן אין דער קרעטשמע און ניט געבען איהם צו לייזען אין זיין קראָם.

א איד, קלערט אויף דער גלח צו די גוים, גלויבט ניט אין דער קריסטלעכער אמונה. דערפאר דארף מען מיט איהם קיין מגע ומשא ניט האָבען.

האָט גרשון יצחק אָנגעהויבען פארלירען פדיון סיי אין קרעטשמע און סיי אין קלייט. ער האָט געמוזט אינגאנצען זיך פארלאָזען פאר פרנסה אויפ'ן פיש־פאנג. אָבער אויך דאָס פיש־פאנג האָט אָנגעהויבען אָפּצופאלען, פונקט ווי די פיש וואָלטען זיך אויך געהאט צוגעהערט צו די פארלוימדונגען פון גלח געגען גרשון יצחק'ן און זיך אנטזאגט ארייינצופאלען אין די נעצען וואָס ער האָט פאר זיי אויסגעשפרייט אויף די אָזערעס און טייכען.

אז אין דער קרעטשמע און אין קלייט איז דער פדיון קליין און דאָס פיש־פאנג אין די אָזערעס און טייכען ברענגט ניט ארײן גענוג ריוח, הויבט אָן ווערען ענג אין גרשון יצחק'ס קעשענע און ער קען מער ניט צאָלען דעם פריץ די ראטעס אין צייט. גרשון יצחק קען אָבער דעם יונגען פריץ פון זיין קינדהייט. ער דארף איהם נאָר דערציילען, אז איהם איז ענגלעך און יענער איז גרייט צו ווארטען פאר די צאָלונגען.

גרשון יצחק'ס חוב צום פריץ וואקסט. ווען דער אלטער פריץ גיט אמאָל א קוק ארײן אין די חשבונות פון זיינע גיטער און דערזעט אז גרשון יצחק איז שולדיג א סך געלט, ווערט ער מלא רציחה און רופט דעם אידען באלד צו זיך. זיין זוהנ'ס אלע פארענטפערונגען העלפען ניט.

— איך וועל ניט דערלאָזען אז דער חוב זאָל ווייטער וואקסען — וואָרענט ער גרשון יצחק'ן. — באצאָל וואָס דו קומסט. איך גיב דיר ניט מער ווי א חודש צייט גוטצומאכען דעם חוב!

אז דער חודש איז אוועק און גרשון יצחק האָט ניט געהאט דאָס געלט צו באצאָלען דעם חוב, האָט דער אלטער פריץ וועמען דער ענין איז שוין געגאנגען אין נצחון, געלאָזט וויסען גרשון יצחק'ן, אז ער וועט איהם און זיין ווייב ארײנשליידערען אין תפיסה און צונעמען זייער בעל'עבאַטישקייט פאר'ן חוב.

גראַד איז עס געווען אין מיטען ווינטער. די קעלטען זיינען געווען גרויס. קיינער האָט זיך ניט געוויזען אויף די וועגען. ניט האָט גרשון יצחק געהאט פדיון און ניט האָט ער צו וועמען געקענט צוקומען צו באָרגען געלט.

דערווייל האָט דער צורר־היהודים׳דיגער גלח אויף אַ טייוולשען אופן זיך אריינגעמישט און געגעבען דעם פריץ אזא עצה:

צו וואָס זאָל ער פארשפארען אין תפיסה דעם ארענדאר און זיין ווייב, ווען דאָס וועט איהם גאָרניט אריינברענגען. זאָל ער בעסער נעמען איינעם פון דעם אידענ׳ס אינגלעך פאר א משכון. דער איד וועט שוין דאמאָלסט ניט רוען און ממש אָנלעגען מיט׳ן קאָפּ צו שאפען דאָס געלט וואָס ער קומט דעם פריץ און אויסלייזען זיין קינד. דאגעגען, אויב ער וועט דאָס געלט ניט קענען שאפען, וועט דער פריץ האָבען אין זיין רשות דעם אידישען אינגעל און וועט איהם קענען אָפּ׳שמד׳ן.

דער גלח האָט אפילו אָנגעוויזען וועלכען פון גרשון יצחק׳ס אינגלעך דער פריץ זאָל נעמען פאר א משכון, דאָס איז געווען דער צוועלף־יאָהריגער דוד.

די עצה איז דעם פריץ געפעלען געוואָרען און ער האָט דעם צוועלף־יאָהריגען דוד׳ן גענומען צו זיך, באשטימענדיג א צייט ביז וואנען דער ארענדאר וועט קענען אויסלייזען זיין לעבעדיגען משכון.

ביי גרשון יצחק׳ן אין הויז איז געוואָרען א יללה, וואו נעמט מען אזא אפּותיקא אויסצולייזען זיין קינד?

יעקב קערפּיל וועלעכר פלעגט פון צייט צו צייט ארונטערקומען אין דאָרף אריין און תמיד איינשטיין ביי גרשון יצחק׳ן, האָט זיך יענעם ווינטער, צוליב די גרויסע קעלטען, נישט געוויזען פאר וואָכען נאָכאנאנד. א וואָך איידער דער באשטימטער טערמין איז אויסגעגאנגען, האָט דער פריץ גע־שיקט נאָך גרשון יצחק׳ן און זיין ווייב. ווען זיי זיינען געקומען אין הויף אריין האָט דער אכזריות׳דיגער פריץ זיי באגעגענט מיט זלזולים פארוואָס זיי האָבען איהם ניט געבראכט דאָס געלט.

— איך בין אייך מתרה, — האָט ער געשריען — אז דער טערמין וועט זיין פאַראיבער און דאָס געלט וועט ניט צוגעשטעלט ווערען, וועל איך אייך ביידען נעמען פאר מיינע קנעכט. דוד וועט דאן זיין אינגאנצען מיינער אויף שטענדיג. ער וועט זיין מיינער פאר׳ן פראָצענט וואָס איז אנגעוואקסען אויפ׳ן חוב. איר וועטביידע דארפען אָפּארבייטען פאר׳ן קרן.

דער פריץ האָט זיי דערביי געלאָזט וויסען, אז ער האָט שוין אָפּגעמאכט ביי זיך אָפּצו'שמד'ן דוד'ן. אין אמת'ן האָט ער איהם שוין אָנגעהויבען צוגרייטען פאר שמד. ער שטייט שוין אין רשות פון גלח, האָט ער זיך געדרייצט מיט די עלטערען.

טאטע־מאמע האָבען אויסגעבראָכען אין א געוויין. זיי האָבען אָנגע־הויבען בעטען תחנונים ביים פריץ, אז ער זאָל פון זיי ניט אוועקרייסען זייער קינד.

— איך וועל איינליינען וועלטען און אויפזאמלען דאָס געלט וואָס איך קום דיר — האָט גרשון יצחק זיך געבעטען. — איך וועל דיר אויך באצאָלען דעם אָנגעוואקסענעם פראָצענט, אבי נעם אונזער דוד'ן אוועק פון גלח.

דער פריץ האָט זיך אָבער ניט געלאָזט איידען.

— אירביידע קענט זיך אויסקויפען פון קנעכטשאפט — האָט דער פריץ שטרענג געזאָגט — ווען איר וועט מיר ברענגען דאָס געלט וואָס איהר קומט מיר, אָבער אייער דוד מוז אריבערגיין צו אונזער אמונה. ער איז צו גוט צו זיין א איד.

כדי צו איבערצייגען גרשון יצחק'ן און זיין ווייב, אז זיין ווילען מוז געשעהן, האָט ער מיט'ן קאנטשיק וואָס ער האָט געהאט אין האנט אומ'ברחמנות'דיג אָנגעהויבען שלאָגען דעם אידישען ארענדאר און זיין ווייב. זיי זיינען ביידע אָפּגעגאנגען מיט בלוט. מ'האָט זיי אוועקגענומען קוים לעבעדיגע.

אָבער זיי איז מער ניט געגאנגען אין זייער אייגענעם לעבען. זיי וואָלטען גערן מקריב געווען זייערע לעבענס אבי זייער דוד זאָל געראטעוועט ווערען פון שמד.

האָט זיך גרשון יצחק באדענקט און איז אוועק צום יונגען פריץ. יענער איז טאקע געווען פריינטליך און צוגעלאָזט, גאָרניט ווי זיין אכזריות'־דיגער פאָטער. דער ארענדאר האָט אָנגעהויבען בעטען תחנונים. דער עיקר, זאָל דער יונגער פריץ זיך איינשטעלען און ראטעווען זייער קינד פון שמד.

דער יונגער פריץ האָט דעם ארענדאר צוגעזאָגט, אז ער וועט זיך באמיען צו דערפילען זיין פארלאנג. ער איז געווען מסופק אויב ער וועט עפּעס קענען אויספירען ביי זיין פאָטער.

אלענפאלס האָט ער געזאָלט זיך דערקונדיגען ווי עס האלט מיט דוד'ן וועלכער איז שוין געווען אין גלח'ס רשות. די עלטערען האָבען פון איהם מעהר קיין ידיעה ניט געהאט.

אין עטליכע טעג ארום האָט דער יונגער פּריץ טאַקע געהאַט די אידישע טאַטע־מאַמע וואָס צו דערציילען וועגן זייער קינד. פון איין זייט האָבען זיי זיך געהאַט געפילט עטוואָס געטרייסט פון דעם וואָס זיי האָבען געהערט. פון דער צווייטער זייט זיינען זיי געוואָרען נאָך מער פאַרביטערט.

דער יונגער פּריץ האָט זיי איבערגעגעבען, אז דער גלח האָט גלייך פון אָנפאַנג מיט געוואַלד פּרובירט ארויפצווינגען אויף דוד'ן די קריסטליכע אמונה. כאָטש דוד איז געווען גאַנץ ווייניג באַקאַנט מיט אידישקייט, ווייל ער איז קיינמאָל ניט געגאַנגען אין חדר און קיין מלמד איז פאַר איהם ניט געהאַלטען געוואָרען, האָט ער אָבער געוויזען גרויס עקשנות, ממש מסירת נפש, און דעם גלח ניט נעפּאָלגט.

דער גלח האָט איהם באַפוילען צו עסען חזיר, אָבער דוד האָט זיך אנטזאָגט. ער האָט זיך בכלל אנטזאָגט צו פאָלגען דעם גלח. האָט דער גלח איהם געשלאָגען. דאָס האָט אָבער נאָר געשטאַרקט דוד'ס עקשנות. האָט דער גלח איהם נאָך מעהר געשלאָגען, ביז דוד איז געבליבען ליגען א צעקיילטער און צעביילטער און זיך מעהר פון אָרט ניט געקענט רירען.

דער גלח האָט שוין געהאַט איינגעזעהן, אז ער קען מיט דוד'ן נאַרניט מאַכען און האָט איהם פאַר דערוויילע געהאַט אָפּגעלאָזט.

— דער גלח וועט איצט מוזען אָפּוואַרטען עטליכע טעג ביז דוד וועט קומען צו זיך — האָט דער יונגער פּריץ געטרייסט דעם ארענדאַר. — ער וועט איהם ניט קענען שמד'ן אזוי גיך ווי ער האָט געוואָלט.

ווי שווער עס איז די עלטערען ניט געווען אויפ'ן הארצען האָבען זיי עס דאָך באַטראַכט פאַר א שטיקעל נחמה.

ערשט איצט האָט גרשון יצחק אָנגעהויבען טראַכטען ווי אזוי צו שאַפען דאָס געלט וואָס ער קומט דעם פּריץ. ער האָט געמוזט ארייננקריגען געלט, אז ער זאָל דעם פּריץ קענען באַצאָלען אי דעם קרן און אי דעם פּראָצענט, אז ער זאָל ניט האָבען קיין תביעה אויף דוד'ן.

# צח.

## געראַטעוועט אַ אידישע נשמה

צרות אויף צרות. — יעקב קערפּיל קומט צו הילף. — מסירות נפש פון אַ קינד. — די ישועה.

גרשון יצחק האָט געהאַט נאָך א קורצע צייט צוצוטראָגען דאָס געלט צום פּריץ. אָבער וואו נעמט אן אָרימאַן ווי ער אזא סכום געלט? האָט ער באַשלאָסען צו פאַרקויפען די קרעטשמע, וואָס איז געווען זיין אייגענס. אָבער וואו נעמט מען א בעלן אויף דער קרעטשמע?

אין דאָרף האָט זיך געפונען א רייכער גוי וואָס האָט געהאַט חשק צו אזא געשעפט. אָבער דער פּרייז וואָס דער גוי איז געווען גרייט צו באַצאָלען פאַר דער קרעטשמע איז געווען צו קליין צו באַצאָלען דעם פּריץ זיין חוב. האָט גרשון יצחק אָנגעהויבען אויספאַרקויפען אלע זיינע הויז חפצים. אַלץ וואָס ער האָט געהאַט האָט ער אוועקגעגעבען בחצי חנם, אבי צו קריגען דערפאַר מזומנים מיט וואָס אויסצולייזען זיין זוהן און ראַטעווען איהם פון שמד.

דער גוי האָט איבערגענומען די קרעטשמע, נאָך איידער גרשון יצחק און זיין הויז געזינט האָבען זיך פון דאָרט ארויסגעצויגען. גרשון יצחק האָט נאָך פון דאָרט ניט געקענט אוועק כל זמן ער האָט ניט געהאַט דעם גאַנצען סכום געלט צו באַצאָלען דעם פּריץ און דערמיט אויסלייזען דעם לעבעדיגען משכון, זיין זוהן.

דער נייער גוי'אישער בעל הבית פון דער קרעטשמע האָט אָבער קוים געוואוסט ווי אָנצופירען מיט'ן געשעפט. עס האָט גענומען נאָר עטליכע טעג, אז ער זאָל זיך ארומזעהן, אז ער האָט אויספאַרקויפט דעם גאַנצען בראָנפען און האָט דערביי ניט געמאַכט קיין פּרוטה ריוח.

וואָלט גרשון יצחק ניט געווען אויף די אויגען, וואָלט דער גוי מסתמא ניט געהאַט צו וועמען זיך צו באַקלאָגען פאַר דעם מקח-טעות וואָס ער האָט געמאַכט. אָבער אַזוי ווי דער איד איז נאָך געווען אין דער קרעטשמע, איז ער באַלד צו איהם געקומען מיט טענות, אז ער האָט איהם אָפּגענאַרט און געמאָנט דאָס געלט צוריק.

גרשון יצחק האָט נאטירלעך דאָס געלט ניט געוואָלט געבען צוריק. ער האָט גע׳טענה׳ט, אז אין אמת׳ן האָט דער גוי געקראָגען די קרעטשמע א מציאה און אָז עס איז זיין שולד וואָס ער ווייסט ניט ווי אָנצוגיין מיט׳ן געשעפט.

דער גוי איז אָבער אויפגעהעצט געוואָרען פון גלח, וועלכער האָט געהאט זיינע אייגענע כוונות, אז פון דעם מסחר מיט דער קרעטשמע זאָל גאָרניט ווערען. ווארום אויב גרשון יצחק זאָל ניט דארפען צוריקקערען דעם גוי דאָס געלט, קען ער נאָך מעגליך האָבען געגוג מיט וואָס צו באַצאָלען דעם פריץ דעם חוב און אזוי ארום זיין בארעכטיגט צוריקצוקריגען זיין פאר׳משכנ׳טען זוהן. דער גלח האָט דווקא געוואָלט האָבען א געלעגענהייט דעם אידישען אינגעל אפצו׳שמד׳ן, מיט גוטען אָדער מיט בייזען.

האָט דער גלח אויפגעהעצט דעם גוי אז ער זאָל דווקא באשטיין, אז דער איד זאָל איהם צוריקגעבען זיין געלט און אויב ער וועט עס ניט וועלען טאָן זאָל ער איהם שלאָגען.

— ווארום צו וואָס בכלל צאָלען דעם איד פאר זיין קרעטשמע און זיינע חפצים? ער וועט פון דאָרף סיי ווי ארויסגעטריבען ווערען און וועט די אלע זאכען ניט קענען מיטנעמען!

דער גוי האָט געטאָן וואָס דער גלח האָט איהם געהייסען. גרשון יצחק האָט קיין ברירה ניט געהאט, נאָכדעם ווי ער איז פון גוי געשלאָגען געוואָרען, צוריקצוגעבען דעם ערל דאָס געלט. פון דער קניה איז גאָר ניט געוואָרען און גרשון יצחק האָט אפילו ניט געהאט קיין טייל פונ׳ם געלט וואָס ער האָט געדארפט אין עטליכע טעג ארויף ברענגען צום פריץ.

וואָס טוט מען איצט? ער און זיין פלונית׳טע זיינען געווען פארצווייפעלט.

ער האָט זיך ניט געהאט צו וועמען צו קערען און צו ווענדען.

אָבער אין מאָמענט פון זיין גרעסטער פארצווייפלונג האָט איהם א בליץ געטאָן אין מוח: פארוואָס זיך ניט ווענדען צו יעקב קערפיל׳ן אין שאריי?

אָט דער יעקב קערפיל, ווען נאָר ער פלעגט קומען אין דאָרף פאר מסחר, איז ער פארפאָרען צו גרשון יצחק׳ן. דער ארענדאר האָט גוט גע־וואוסט אז יעקב קערפיל האָט מצליח געווען. ער איז געווען לייכט אויף דער מטבע און דערצו איז ער געווען גוטהארציג און א איד א בעל צדקה.

זינט יעקב קערפיל האָט זיך געהאט באגעגענט מיט ר׳ הערש לייב׳ן און איז געוואָרען זיין תלמיד, האָט ער, ווען ער פלעגט קומען צו גרשון יצחק׳ן, אפילו פרובירט מיט איהם לערנען. ער האָט געוואָלט, אז גרשון יצחק זאָל אויך עפּעס וויסען אין די שווארצע פינטעלעך. נאָר גרשון יצחק׳ן איז עס ניט געקראָכען אין קאָפּ אריין.

— איך בין אלע מיינע יאָהרען געווען אן עם הארץ און וועל שוין פארענדיגען מיינע יאָהרען אן עם הארץ — פלעגט ער זיך מתנצל זיין וואָס זיין קאָפּ באנעמט ניט די אלע זאכען וואָס יעקב קערפיל פרובירט לערנען.

איצט האָט זיך גרשון יצחק געוואונדערט פארוואָס יעקב קערפיל איז איהם פריער ניט געקומען אויפ׳ן געדאנק. ער איז געווען דער איינציגער צו וועמען ער האָט געקענט קומען פאר הילף אין אן עת צרה.

אזוי ווי עס איז געווען אין מיטען ווינטער און די נסיעה קיין שאריי איז ניט געווען קיין לייכטע, האָט גרשון יצחק אָנגעהויבען מאכען הכנות זיך צו לאָזען אין וועג אריין. אָבער מעשה שטן, פונקט דאמאָלט ווען ער איז שוין געווען פארטיג פאר דער נסיעה, זיינען צו איהם ארונטערגעקומען באוואָפּענטע שומרים פון פּריץ און איהם מודיע געווען, אז אויפ׳ן באפעל פון פּריץ וועלען זיי איהם מהיום והלאה היטען, אז ער זאָל ניט אנטלויפען פון דאָרף.

איצט האָט שוין דער ארענדאר ניט געקענט ארויס פון הויז. אָבער ווי זאָל ער זיך אָפּזאָגען פון דער נסיעה קיין שאריי צו יעקב קערפיל׳ן, אז דאָס איז געווען זיין איינציגע האָפענונג צו קריגען דאָס געלט, וואָס ער האָט געדארפט צו באצאָלען זיין חוב צום פּריץ און דערמיט אויסלייזען זיין זוהן?

די באוואָפּענטע שומרים וואָס האָבען באוואכט זיין קרעטשמע זיינען געווען זיינע אלטע באקאנטע. ער האָט מיט זיי פארפירט א שמועס און זיי אויפגעקלערט וואָס ער האָט געהאט בדעה צו טאָהן.

— איצט קען איך זיך ניט רירען פון אָרט! — האָט ער געזאָגט.

איינער פון די שומרים האָט איהם גע׳עצה׳ט, אז ער זאָל גיין צום פּריץ, איהם אויפקלערען דעם ענין און פארלאנגען פון איהם א דערלויבעניש צו פאָרען קיין שאריי.

דער ארענדאר האָט די עצה אָנגענומען. אָבער ווי נאָר ער האָט זיך געוויזען פאר׳ן אלטען פּריץ האָט יענער איהם אכזריות׳דיג געשלאָגען.

— דו ווילסט אנטלויפען.

— דאָס איז נאָר א שפּיצעל — האָט דער פּריץ געשוויגט מיט רציחה.

אָבער אז דער ארענדאר האָט פאַרגעשלאָגען אז מיט איהם זאָל מיטפאַרען קיין שארייר א באוואָפענטער שומר, איז דער פּריץ געוואָרען ווייכער און האָט אויף דעם צוגעשטימט.

האָט גרשון יצחק ענדליך זיך געלאָזט אין וועג אריין באַגלייט פון איינעם פון די שומרים. אז ער איז אָנגעקומען צו יעקב קערפּיל'ן און איהם דערציילט אין וואָס פאר א צרה ער געפינט זיך, האָט יענער באלד געהאט א ישוב הדעת מיט זיין ווייב און זיי זיינען שנעל געקומען צו א הסכם: זיי זאָלען צונויפנעמען אלץ וואָס זיי האָבען און באַזאָרגען גרשון יצחק'ן מיט גענוג געלט אויסצולייזען זיין זוהן פון שמד.

יעקב קערפּיל האָט אפילו ניט געוואָלט בעטן אנדערע אידען פון שטעטעל זיך משתתף צו זיין אין דער גרויסער מצווה. ער האָט די מצווה געוואָלט האָבען פאר זיך אליין. אויב ער האָט ניט געהאט גענוג געלט, האָט ער דאָס איבעריגע געבאָרגט. אז ער האָט ענדליך געהאט דעם פולען סכום האָט ער באַגלייט גרשון יצחק'ן צוריק אין דאָרף אריין.

ווען זיי זיינען אָנגעקומען אין דער קרעטשמע, האָבען זיי גרשון יצחק'ס ווייב באגעגענט מיט א גרויסע יללה. א ידיעה האָט איהר דער־גרייכט, אז דער גלח האָט ווידער געשלאָגען זייער דוד'ן ווען ער האָט זיך אנטזאָגט צו עסען טריפות. ער האָט דעם אינגעל, ווי א שטראָף, אריינ־געוואָרפען אין שטאַל מיט די חזירים.

אין דער זעלביגער צייט האָט דער גלח מודיע געווען, אז ער גרייט צו דוד'ן צו שמד און וועט איהם אָפּ'שמד'ן אונטער אלע באַדינגונגען, צי ער וויל, צי ער וויל ניט.

מיט'ן געלט, וואָס יעקב קערפּיל האָט איהם געהאט געגעבען איז גרשון יצחק באלד אוועק צום פּריץ און איהם באַצאָלט דעם חוב, וואָס ער איז איהם געקומען. ער האָט איהם אויך באַצאָלט דעם פּראָצענט וואָס דער פּריץ האָט איהם גערעכענט אויפ'ן חוב.

איצט האָט דער ארענדאר פאַרלאַנגט, אז דער פּריץ זאָל באַפרייען זיין דוד'ן. דער פּריץ האָט אָבער קאַלטבלוטיג איהם מודיע געווען, אז דאָס קען ער ניט טאָן, וויל ער האָט שוין דוד'ן איבערגעגעבען צום גלח מיט דער פולער הסכמה פון זיין זייט, אז מ'זאָל איהם שמד'ן.

עס האָט אויסגעזעהן ווי גרשון יצחק'ס גאַנצע מיה וואָלט געווען אומזיסט. גרשון יצחק און זיין ווייב, וועלכע האָט איהם געהאט באַגלייט

צום פריץ האָבען אויסגעבראָכען אין א יללה. זיי האָבען זיך ביידע געריסען די האָר פון קאָפּ.

אין הויף איז געוואָרען א טומעל. עס זיינען אָנגעלאָפען פאַראָבקעס און האָבען זיי ביידען מערדערליך געשלאָגען. מאַן און ווייב האָבען זיך צוריקגעקערט אהיים מיט ליידיגען און ביידע צעקיילטע און צעביילטע.

יעקב קערפּיל, דערוויסענדיג זיך וואָס עס איז געשעהן, האָט איצט אליין אָנגעהויבען זוכען עצות ווי ארויסצוקריגען דוד'ן פון גלח'ס הענט. ער האָט אין דאָרף געהאַט א סך באַקאַנטע גויים. ער האָט מיט זיי גע-האַנדעלט א סך יאָהרען. ס'זיינען געווען אַזעלכע, וואָס זיינען תמיד געווען פריינטליך צו אידען. זיי האָבען איצט געהאַלטען מיט גרשון יצחק'ן און מיטגעפילט זיין צער. זיי האָבען איינגעזעהן די עוולה וואָס איז באַגאַנגען געוואָרען געגען אידען.

דער גלח איז געגאַנגען צו ווייט. ער האָט ניט געטאָרט פאַרהאַלטען דוד'ן מיט געוואַלד און איהם וועלען צווינגען אָנצונעמען אַן אנדער אמונה.

יעקב קערפּיל האָט זיך אויך געווענדעט צום יונגען פּריץ, וועלכער איז תמיד געווען פריינטליך צו אידען. יעקב קערפּיל האָט זיך פאַר איהם אויסגערעדט דאָס הארץ.

— אָט האָב איך געמאַכט אַלע אָנשטרענגונגען צו באַזאָרגען גרשון יצחק'ן מיט'ן נויטיגען געלט צו באַצאָלען דיין טאַטען דעם חוב און אפילו דעם פּראָצענט — האָט יעקב קערפּיל געזאָגט. — גרשון יצחק האָט דאָס געלט צוגעשטעלט איידער דער טערמין איז אויסגעגאַנגען. אָבער וואָס האָט דיין טאַטע איהם געזאָגט, אַז עס איז שוין צו שפּעט צו ראַטעווען זיין קינד פון שמד. ער איז שוין אין גלח'ס רשות. אָבער וואָס טוט דער גלח מיט איהם? פּרובירט ער איהם געווינען דורך גוטסקייט, דורך איבער-צייגונג? ניין, ער פּייניגט און מאַטערט דוד'ן. ער וויל איהם צווינגען עסען טריפות געגען זיין ווילען און איצט וואַלגערט ער זיך, ווי מ'גיט מיר איבער, אין חזיר שטאַל, אַ צעשלאָגענער. דאָס איז אַן אומגעהערטער פאַרברעכען. עס איז דיין חוב עפּעס צו טאָן! דוד מוז צוריקגעברענגט ווערען צו זיינע עלטערען.

יעקב קערפּיל'ס רייד האָבען געהאַט ווירקונג אויפ'ן יונגען פּריץ. יענער האָט זיך אריינגעמישט און דער גלח האָט קיין ברירה ניט געהאַט און געמוזט צוריקקערען דוד'ן צו זיין טאַטע-מאַמע.

עס איז געווען א ביטערער רחמנות אָנצוקוקען דוד'ן ווען ער איז געבראַכט געוואָרען אהיים. ער איז געווען אזוי צעשלאָגען, אַז מ'האָט איהם

געדארפט איינבאנדאזשירען און איהם איינגעבן פארשידענע קרייטעכער איידער ער איז געקומען צו זיך.

יעקב קערפיל האט דוד'ן גענומען צו זיך קיין שאריי און אז דוד איז געזונט געווארען האט ער איהם געשיקט קיין באריסאוו אין א דארטיגער ישיבה.

דערווייל איז יעקב קערפיל געבליבען א בעל חוב. כדי אויסצו־צאלען די חובות האט ער פארקויפט זיין הויז און אלץ וואס ער האט געהאט.

ער האט זיך אבער אויף גארניט געקלאגט. ער איז געווען צופרידען וואס ער האט געטאן אזא מצווה, די פרייד פון טאן די מצווה איז געווען זיין שכר. יעקב קערפיל איז געווען אזא בעל סוד, אז ער האט אפילו קיינעם ניט דערציילט וואס פאר א חלק ער האט געהאט אין אויסלייזען דוד'ן פון שמד און אין ראטעווען גרשון יצחק'ן פון אן אומגליק. ער האט ניט געוואלט זיך גרויסען מיט דער מצווה וואס ער האט געטאן.

## צט.

## רבי ישראל בעל שם טוב

**צווישן די נסתרים. — דעם בעש"ט'ס פלאן. — יעקב קערפיל ווערט געהאלפען. — א קינד אויף דעם עלטער. — דבורה לאה'ס מאן.**

יעקב קערפיל און זיין פרוי ציפע ברכה פון קליינעם שטעטל שאריי, זיינען געבליבען פארטונקט אין חובות, ווי א פועל־יוצא פון דעם וואס זיי האבען אליין געטראגען דעם עול פון אויסלייזען דעם צוועלף־יאהריגען דוד'ן פון שמד, און פון באפרייען זיין טאטען, גרשון יצחק'ן, פון דעם חוב צו אן אכזריות'דיגען פריץ. מאן און ווייב האבען זיך פאר קיינעם ניט באקלאגט. זיי האבען געפונען צופרידענקייט אין דעם וואס זיי האבען געטאן א מצוה, און טאקע לשמה, שלא על מנת לקבל פרס.

יעקב קערפיל איז שפעטער קראנק געווארען. דאס האט דאס קינדער־לאז פארל נאך מער ארייגעשלעפט אין חובות. יעקב קערפיל'ס חולאת איז געווען אזוי ערנסט, אז מען האט פאר איהם געדארפט מתפלל זיין אין בית־מדרש פאר'ן ארון קודש און איהם צוגעבען א נייעם נאמען — חיים — ווי א סגולה פאר אריכות ימים. אויך דאס האבען מאן און ווייב מקבל באהבה געווען און ניט מתרעם געווען אויפ'ן רבונו של עולם און זיינע דרכים.

אפילו פאר זיין רבי'ן ר' הערש לייב, איז געבליבען א סוד, אז דער באלעבאטישער יעקב קערפיל איז אין א גערריקטען מצב.

אין שאריי האָבען אין יענער צייט זיך אָנגעהויבען אָפּט ווייזען אורחים, וואָס האָבען זיך אונטערשיידט פון די געוויינליכע אורחים פון שטאָט, און אָט די נייע אורחים האָבען זיך שטענדיג אויפגעהאַלטען אין דעם בית המדרש'ל וואו ר' הערש לייב איז געזעסען און געלערענט און דאָרט אויך געגעסען און געשלאָפען.

קיינער האָט זיך ניט פאַרגעשטעלט, אז אָט די אורחים וועלכע זיינען אלע געוועזען נסתרים, האָבען דוקא געהאט צו טאָן מיט ר' הערש לייב'ן וועלכער איז אויך געוועזען א נסתר, און אז זיי האָבען געהאט צווישען זיך פאַרבאָרגענע ענינים איבערצוריידען.

די דאָזיגע אורחים האָבען זיך נוהג געוועזען ווי ר' הערש לייב אליין: זיי זיינען צו קיינעם ניט אָנגעקומען פאַר וואָס ניט איז, ניט פאַר קיין מאָלצייט און ניט פאַר קיין נאכטלעגער. זיי האָבען זיך תמיד גע'חבר'ט מיט די פּראָסטע אידען, און דערציילט זיי וועגן די שטאַרקייט פון געוויסע אידען אויך אין די צייטען פון גזירות, ניט אָפּצוזאָגען חס-ושלום פון תורה און מצוות, און פון צייט צו צייט פלעגן די אורחים אויך פאַרטייטשען פאַרשידענע פסוקים פון תורה פאַר'ן המון.

קיינעם אין שאריי איז ניט איינגעפאַלען, אז אָט די אורחים ווי ר' הערש לייב אליין, זיינען פאַרבאָרגענע צדיקים, און אז זיי זיינען נאָכפאָלגער פון בעלי שם וואָס זיינען געוועזען די פירער פון די נסתרים, פריער פון ר' אדם בעל שם פון ראָפּשיץ און דערנאָך פון ר' ישראל בעל שם טוב פון אקופּ.

אָט די נסתרים האָבען איצט געהאט די אויפגאבע צו פאַרשפּרייטען דעם נייעם דרך פון חסידות. יעדער פון זיי האָט געהאט זיין באַשטימטע שליחות, וואָס ער האָט געדאַרפט דורכפירען אויף זיינע וואַנדערונגען.

די דאָזיגע נסתרים האָבען צו קיינעם ניט געדאַרפט אָנקומען, ווייל זיי זיינען אויסגעהאַלטען געוואָרען מיט זייערע הצטרכות'ן פון דער אלגעמיי-נער קאַסע וואָס איז, אונטער דער השגחה פון די מנהיגים, געשאַפען געוואָרען אויסצוהאַלטען זיי אונטערוועגנס.

שאריי איז געוואָרען א געהיימער פונקט וואו אָט די נסתרים פלעגען זיך צוזאַמענטרעפען און פון דאָרט אויספירען שליחות'ן, וועלכע זיינען הויפּטזעכליך באַשטאַנען אין דעם וואָס די נייע לערע פון חסידות איז איינגעוואָרצעלט געוואָרען.

בעת יחידי סגולה זיינען כסדר צוגעצויגען געוואָרען צום דרך החסידות, איז אָבער פאר'ן אידישען עולם אין אלגעמיין חסידות נאָך געבליבען א געהיימנים.

צו אכצען יאָהר איז ר' ישראל בעל שם טוב שוין געווען א בכבוד'ער חבר פון די נסתרים, דאמאָלט אונטער דער הנהגה פון ר' אדם בעל שם. ר' ישראל, דער קינפטיגער באגרינדער פון חסידות, האָט שוין דאמאָלט געהאלטען אין אויסטרעטען א נייעם דרך, אָדער אין מחדש זיין עפּעס אין דעם פריערדיגען דרך פון די נסתרים.

ער האָט געהאט א סך נייע עובדות, וואָס ער האָט געהאלטען, אז די נסתרים דארפען אויספירען אין זייערע וואנדערונגען איבער אידישע שטעט און שטעטלעך.

ר' ישראל האָט זיינע געדאנקען געהאלטען אין איבערגעבען צו א געוויסען נסתר, וועלכער איז געוואָרען שטארק צוגעבונדען צו איהם און ארויפגעקוקט צו איהם ווי אויף זיין מדריך. ר' מרדכי איז געווען דער נאָמען פון דעם דאָזיגען נסתר.

עס האָט ניט געדויערט לאנג און ר' ישראל'ס געדאנקען און פּלענער זיינען איבערגעגעבען געוואָרען צו דעם מנהיג ר' אדם בעל שם, און יענער האָט געבעטען דעם זעלביגען ר' מרדכי'ן, אז ער זאָל צוציען צו זיך אַ צווייטען נסתר מיטן נאָמען קהת, און א דריטען — ר' ישראל'ן אליין, אז זיי זאלבעדריט זאָלען אָט די נייע געדאנקען און פּלענער פאָרברענגען פאַר דער אסיפה פון די נסתרים, וואָס האָט געזאָלט איינגיכן אָפּגעהאלטען ווערן.

איינע פון ר' ישראל בעל שם טוב'ס הצעות פאר יענער אסיפה פון די נסתרים איז געווען, אז די נסתרים, וואָס ווערען ארויסגעשיקט איבער אידישע שטעט און שטעטלעך, זאָלען זיך אָפּגעבען מיט באשטימטע אויפגאבען. זיי זאָלען ווערען מלמדים דאָרט וואו מען דארף האָבען מלמדים, באזונדערס אין דערפער, וואו עס האָבען זיך געפונען אידישע ישוב'ניקעס, וועלכע האָבען ניט געהאלטען קיין מלמדים, און זייערע קינדער געלאָזט אויסוואקסען ממש ניט קענענדיג קיין צורת אות.

די נסתרים האָבען אויך געזאָלט לערנען מיט דערוואקסענע אידען — אזוינע וואָס זיינען געבליבען פארגרעבט און פשוט ניט געוואוסט פון אידישקייט.

דאָס האָט נאטירלעך געפאָדערט נייע סכומים געלט. האָט ר' ישראל אויסגעקליבען צוויי נסתרים, ר' אהרן דוד, א סטאָליער פון בראָד

און ר' שלמה חיים, א שניידער פון לעמבערג, אז זיי זאָלען נעמען אויף זיך די עובדא צו זאמלען די געלדער וואָס מען האָט געהאט נויטיג פאר אָט דעם צוועק, און אָט די צוויי נסתרים האָבען געהאט גרויס הצלחה.

עס איז געווען דאמאָלט ווען אין שאריי איז אראָפּגעקומען ר' קהת, איינער פון די דריי וועמען ר' אדם בעל שם האָט באשטימט צוצוגרייטען די נייע עובדות פאר די נסתרים. ר' הערש לייב איז שוין אין שאריי געווען פון פריער, און ווי מיר ווייסען, האָט ער זיך דאָרט טאקע אפּגעגעבען מיט לערנען פּראָסטע אידען תורה, אָנגעפאנגען מיט זיי ממש פון אלף־בית. ר' קהת האָט זיך באלד דורכגערעדט מיט ר' הערש לייב'ן און האָט זיך שטארק נאָכגעפרעגט אויף יעקב קערפּיל'ן.

— מיך האָט אָהער געשיקט ר' ישראל בעל שם טוב — האָט ער אָנגעפאנגען. דער בעל שם טוב האָט צו מיר אזוי געזאָגט: אין שאריי געפינט זיך א איד מיטן נאָמען יעקב קערפּיל, א פּראָסטער איד, אָבער מיט א גוט הארץ און א גרויסער בעל מדרגה. זיינע מעשים האָבען אין הימעל געמאַכט א רושם. אָט דער יעקב קערפּיל מיט זיין פרוי ציפּע ברכה האָבען געטאָן אן אויסערגעוויינליכע גרויסע מצוה. האָט אָבער דער שטן אויף זיי מקטרג געווען. ער האָט געזאָגט צו דער פמליא של מעלה: איר זייט נתפעל פון אָט דעם יעקב קערפּיל און זיינע מעשים טובים. פריער גיט אים איבער אין מיינע הענט און לאָמיך אים אויספּרובירען. האָט מען עס געטאָן. האָט דער שטן אויף יעקב קערפּיל'ן אָנגעשיקט א חולאת. ער איז אָבער דעם נסיון בייגעקומען און האָט ניט משנה געווען זיין דרך. אָט דערפאר לאָזט ר' ישראל בעל שם טוב וויסען, אז יעקב קערפּיל און זיין ווייב וועלען איצט קענען האָבען דערפילט זייער גרעסטען וואונש — צו האָבען א קינד. זיי וועלען געבענשט ווערען מיט א קינד און דווקא א בן זכר. זיי וועלען אויך געבענשט ווערען מיט עשירות.

ר' הערש לייב איז געווען פאר חידוש'ט. ער האָט פון ר' קהת'ן איצט געהערט צום ערשטען מאָל, אז יעקב קערפּיל איז דורכגעגאנגען אזא שווערע צייט, דערפאר וואָס ער האָט זייז גאנץ געלט אוועקגעגעבען אויסצולייזען א אידיש קינד פון שמד, און א אידישע משפּחה פון א צרה, און איז צוליב דעם איינגעטונקט געוואָרען אין חובות.

ר' קהת האָט געהאט ביי זיך הונדערט און פופציג רענדלעך. דאָס געלט איז אים מיטגעגעבען געוואָרען כדי ער זאָל מיט דעם ארויס־

העלפען ר' יעקב קערפיל'ן, ער זאָל זיך קענען ארומצאָלען די חובות און דאן האָבען מיט וואָס פארנאנדערצופירען די הענט אין מסחר.

— איך בין זיך משער, אז יעקב קערפיל איז פון יענע אידען וואָס וועט ניט נעמען קיין נדבות — האָט ר' קהת געזאָגט נאָכטראכטענדיג — ער וועט דאָס געלט מסתמא אויך ניט וועלען נעמען בתורת גמילות חסד. דארף מען געפינען אן עצה ווי אזוי דאָס געלט אים איבערצוגעבען. דאָס איז אייער עובדא, ר' הערש לייב. פאר דעם בין איך געשיקט געוואָרען צו אייך, איר קענט דאָך דעם יעקב קערפיל'ן א סך בעסער.

ר' הערש לייב האָט טאקע באלד געפונען אן עצה. ער האָט גענומען ר' קהת'ן מיט זיך און איז אוועק צו יעקב קערפיל'ן. ער האָט אים דער־ציילט, אז אָט דער ר' קהת, א דורכגייער, האָט ביי זיך הונדערט און פופציג רענדלעך. ער דארף זיך לאָזען אין א ווייטען וועג אריין און וויל דאָס געלט איבערלאָזען אין זיכערע הענט. על כן, האָט ער, ר' הערש לייב, גע'עצה'ט ר' קהת'ן, אז ער זאָל זיין געלט איבערלאָזען ביי אים, יעקב קערפיל'ן. ער טוט עס בתורת גמילות חסד.

יעקב קערפיל האָט זיך לכתחילה שטארק געקווייקעלט, ווי קען ער נעמען אויף זיך די אחריות צו האלטען ביי זיך פרעמד געלט? מאלע וואָס עס קען זיך מאכען! אָבער אז ר' הערש לייב, זיין רבי, און ר' קהת האָבען אים שטארק צוגערעדט, האָט ער זיך ענדלעך געלאָזט איבעררײדען און צוגענומען דאָס געלט.

ר' קהת איז אוועק פון שאריי און יעקב קערפיל האָט געקענט באנוצען דאָס געלט וואָס יענער האָט ביי אים איבערגעלאָזט.

צום ערשט האָט ער זיך ארומגעצאָלט די דרינגענדע חובות, באזונדערס די וואָס ער האָט געקומט פאר סחורה. איצט האָט ער געקענט קריגען נייע סחורה און מיט דעם זיך ארויסלאָזען איבער די דערפער.

יעקב קערפיל האָט געהאט הצלחה פון ערשטען טאָג אָן. דאָס רעדל פון הצלחה האָט זיך פאר אים אויף דאָס ניי א דריי געטאָן.

עס האָט לאנג ניט גענומען און יעקב קערפיל האָט פון זיין ציפע ברכה'ן געהערט די בשורה, אז זי האָט דערפילט אז זי דארף ווערען א מוטער.

דער חידוש איז געווען גרויס. ביידע זיינען שוין מער ניט געווען יונג. יעקב קערפיל איז געווען דריי און זעכציג יאָר אלט און ציפע ברכה — זיבען און פופציג יאָר אלט.

פון אָנפאַנגס איז זייער שרעק געווען גרויס, טאָמער וועט דאָס קינד נישט לעבן. בכלל ווער האָט געקענט זיין זיכער וואָס פאַר א בריה דאָס וועט זיין, מאַלע וואָס פאַר א פאַרזעעניש ס'קען ביי מענשען פון אזא עלטער געבאָרען ווערען!

אָבער צו זייער פרייד איז דאָס קינד, א בן זכר, גראָד געווען א געראָטענער, מען האָט עס געקענט זען פון סאמע אָנפאַנג. אַלע סמנים האָבען געוויזען אז דאָס קינד וועט לעבען און גדייען.

די עלטערען האָבען דאָס קינד א נאָמען געגעבען יוסף יצחק, נאָך ציפע ברכה'ס טאַטען. דאָס איז דער זעלביגער יוסף יצחק וואָס האָט שפּעטער חתונה געהאַט מיט דבורה לאה'ן, די שוועסטער פון ברוך'ן, דער טאַטע פון דעם בעל התניא און גרינדער פון חב"ד. ער איז געקומען אויף דער וועלט מיט דער ברכה פון ר' ישראל בעל שם טוב.

עטליכע יאָר איז דער געהיימניספולער ר' הערש לייב פאַרבליבען אין שאַריי. פאַר דער גאַנצער צייט האָט ער זיך אָפּגעגעבען אין לערנען תורה מיט די פּראָסטע אידען פון שטעטעל.

ניט ווייניג פון אָט די פּראָסטע אידען זיינען געוואָרען באַהאַוועוונט אין אידישע לימודים.

אז ר' הערש לייב איז א נסתר און אז ער איז קיין שאַריי געשיקט געוואָרען פאַרן צוועק צו לערנען מיט די פּראָסטע אידען, האָט נאַטירלעך קיינער ניט געוואוסט. ווען ר' הערש לייב'ס שליחות אין שאַריי איז געווען פאַרענדיגט, האָט ער געקראָגען אן אנדערע שליחות. ער האָט געדאַרפט פאַרלאָזען שאַריי.

אָבער איידער ער איז אוועק פון דאָרט, איז ר' הערש לייב געקומען צו זיין ערשטען תלמיד, יעקב קערפּיל, מיט וועמען ער האָט אויך געהאַט געטאָן די גרעסטע פּעולה אין לערנען. יעקב קערפּיל איז ניט נאָר שוין געווען א לומדישער איד, נאָר איז אויך געווען א גרויסער עושר.

א דאַנק דעם גמילות־חסד פון הונדערט און פופציג גאָלדענע רענדלעך, וואָס דער בעל שם טוב האָט אים געשיקט דורך זיין חבר, דעם נסתר ר' קהת, איז יעקב קערפּיל נתעשר געוואָרען. ער האָט אָבער נאָך ניט געוואוסט פון וועמען דאָס געלט איז געקומען און אז עס איז בכלל דאָ א בעל שם טוב אויף דער וועלט, וואָס איז דער באַגרינדער פון א נייער שיטה אין עבודת־הבורא, — די שיטה פון חסידות.

די גאַנצע צייט האָט ר' הערש לייב פון יעקב קערפּיל'ען עס געהאַל־טען בסוד. איצט אָבער, אז ער האָט געדאַרפט פאַרלאָזען שאַריי, האָט ער זיין תלמיד אנטפּלעקט דעם דאָזיגען סוד — ערשטענס, אז ער, ר' הערש לייב, איז א נסתר, און צווייטענס, אז דאָס געלט וואָס איז איבערגעלאָזט געוואָרן ביי אים, יעקב קערפּיל'ען, געהערט ניט צו ר' קהת'ן, נאָר שטאַמט פון ר' ישראל בעל שם טוב און קומט פון דער קאַסע פון די נסתרים.

יעקב קערפּיל האָט זיך איצט צום ערשטען מאָל דערוואוסט וועגען דעם דרך פון די נסתרים און דעם נייעם דרך פון חסידות, וואָס איז אָנגעצייכענט געוואָרען פון ר' ישראל בעל שם טוב און ווי אזוי אָט דער דרך ווערט פאַרשפּרייט צווישען אידען דורך דעם בעל שם טוב'ס שלוחים — די נסתרים.

ר' יעקב קערפּיל איז געווען פאַרגאַפט. ער האָט ר' הערש לייב'ן צוריקגעצאָלט די הונדערט און פופציג רענדלעך און צוגעלייגט נאָך צוויי מאָל אזויפיל כדי דאָס זאָל אַריינגעטראָגען ווערען אין דער קאַסע פון די נסתרים.

דאָס איז נאָך פאַר אים ניט געווען גענוג. יעקב קערפּיל האָט איצט געוואָלט זיך אליין באַקענען מיט די נסתרים און מיטן נייעם דרך פון חסידות. ער איז דערפאַר באַשטאַנען אז ר' הערש לייב זאָל אים מיטנעמען אויף זיינע וואַנדערונגען. ר' הערש לייב האָט צו דעם מסכים געווען.

עטליכע חדשים האָט יעקב קערפּיל געוואַנדערט מיט דעם נסתר ר' הערש לייב און ווען ער האָט זיך צוריקגעקערט קיין שאַריי האָט ער געהאַט א סך צו דערציילען וועגען די נסתרים מיט וועלכע ער האָט זיך אונטערוועגענס באַגעגענט, וועגן זייערע מעשים און דאַן אויך וועגען דעם בעל שם טוב צו וועמען ר' הערש לייב האָט אים געהאַט געבראַכט.

## ק.

## די שטאָט מינסק

יוסף יצחק, דער עילוי פון שאריי. — מינסק אַ צענטער פון תורה און חסידות. — נאָך די גירושים פון שפּאַניען און פּאָרטוגאַל.

יעקב קערפּיל, וועלכער איז געווען באַשאַנקען מיט א זוהן יוסף יצחק — און ווי ער האָט שוין געוואוסט, איז עס געווען אויף דער ברכה פון בעל שם טוב — איז איצט געווען באַשלאָסען, אז זיין קינד זאָל דערצויגען ווערען אין גייסט פון חסידות.

גראָד האָט זיך דאָס קינד געהאט ארויסגעוויזען צו זיין מיט אלע מעלות. באַזונדער, איז ער געווען באַשאָנקען מיט זעלטענע כשרונות. צו דריי יאָר האָט יוסף יצחק שוין געקענט עברי און געוואוסט אלע ברכות. צו פינף יאָר איז ער געווען קלאָר אין תנ״ך און אין א טייל משניות.

עס איז געווען קלאָר, אז מען האָט דאָ צו טאָן מיט אן עלוי. האָט יעקב קערפּיל אויסגעקליבען איינעם פון די אורחים וואָס זיינען דורכ־געגאַנגען שאריי, אלס א מלמד פאר זיין זוהן. ווי עס ווייזט אויס איז אָט דער אורח געווען איינער פון די נסתרים וועלכע האָבען זיך שוין פאר יעקב קערפּיל׳ן מער ניט באהאלטען.

עס איז א סברה, אז אָט דער נסתר איז טאקע אהין געשיקט געוואָרען פון בעל שם טוב כדי צו לערנען מיטן יונגען עלוי.

יעקב קערפּיל האָט זיך אינטערעסירט ניט בלויז מיט זיין איינציגען זוהן נאָר אויך מיט׳ן בחור׳ל דוד, וועמען ער האָט געהאט געראטעוועט פון שמד און האָט אים געשיקט לערנען תורה אין א ישיבה. אז אָט דער דוד איז אונטערגעוואַקסען האָט אים יעקב קערפּיל משדך געווען מיט דער טאכטער פון זיין קראנקען ברודער.

זיין איינציגער זוהן האָט פאר זעקס יאָר צייט געלערנט ביים מלמד דעם נסתר. צו יענער צייט איז יוסף יצחק שוין באמת געוואָרן א גרויסער למדן. אויף דער עצה פון דעם נסתר און, ווי ס׳קוקט אויס, אויך אויף דעם אָנזאָג פון בעל שם טוב אליין, האָט יעקב קערפּיל דאַן אוועקגעשיקט זיין זוהן קיין מינסק אין א דאָרטיגער ישיבה.

מינסק האָט דאמאָלט גע׳שמ׳ט פאר א עיר ואם בישראל. דאָרט האָט מען ערשט דערזען די גדלות פון דעם יונגען בחור׳ל און מען האָט אים טאקע אנגעהויבען באצייכענען מיטן נאָמען דער עלוי פון שאריי.

יעקב קערפּיל וועלכער איז שוין געווען אויף די עלטערע יאָרען ווען יוסף יצחק איז געבאָרען געוואָרען, איז איצט שוין געווען א זקן. ער האָט מער ניט געוואָלט אָנהאלטען זיינע מסחרים.

האָט ער זיינע עסקים צעטיילט צווישען די קינדער און איידימס פון זיין ברודער און שוועסטער פאר וועלכע ער האָט געזאָרגט ווי פאר אייגענע קינדער און האָט זיך מיט זיין פלונית׳טע ציפּה ברכה ארויסגעקלי־בען קיין מינסק. טאטע־מאמע האָבען געוואָלט זיין צוזאמען מיט זייער זוהן, דערהויפּט נאָך, אז יוסף יצחק האָט שוין אין מינסק גע׳שמ׳ט ווי אן עלוי און אלע האָבען זיך מיט אים געצאצקעט.

צו יענער צייט איז שוין יעקב קערפּיל געווען פארבונדען מיט די נסתרים און מיט די חסידים פון בעל שם טוב. ער האָט די נסתרים ווי דעם בעל שם טוב אליין אונטערשטיצט מיט א ברייטער האנט.

זיין הויז אין מינסק איז געוואָרען א בית ועד פון פארבאָרגענע צדיקים און באהאלטענע חסידים. יוסף יצחק האָט דערפאר, פון זיין סאמע יוגענט, אָנגעהויבען איינזאפּן אין זיך דעם נייעם דרך פון חסידות און איז געוואָרען באקאנט מיט דער גאנצער חסידישער תורה.

בעת יוסף יצחק האָט געלערענט אין דער ישיבה האָט דער טאטע, יעקב קערפּיל, וועלכער האָט איצט געלעבט פון גרייטען און דערפאר געהאט געננג צייט, געמאכט א נייע נסיעה צום בעל שם טוב, וועלכער האָט זיך דאמאָלט געפונען אין טלוסט. ער האָט שוין ניט געדארפט האָבען אימיצען וואָס זאָל אים צום בעל שם טוב ברענגען. ער איז שוין ביים גרויסען צדיק געווען אן אייגענער מענש.

יעקב קערפּיל האָט געהאט א באזונדער כוונה מיט זיין נייעם באזוך ביים בעל שם טוב ער האָט געוואָלט הערען פון בעל שם טוב אליין וואָס ער זאָל טאָן מיט זיין פארמעגען, וואָס ער האָט מיטגעבראכט פון שאריי קיין מינסק.

דער בעל שם טוב האָט אים געהאט אָנגעזאָגט, אז ער זאָל פון זיין פארמעגען נאָר א צענטעל איבערלאָזען פאר זיין זוהן. די איבעריגע ניין חלקים האָט אים דער בעל שם טוב געהייסען צעטיילען אויף צדקה.

יעקב קערפיל, ניט איבערטראכטענדיג אפילו, האָט זיך באלד מתחייב געווען דאָס צו טאָן. ער האָט מיט א ברייטער האנט אָנגעהויבען טיילען צדקה פאר אלע וויכטיגע ענינים, באזונדערס האָט ער גאָר א סך געגעבען פאר די הצטרכות׳ן פון די נסתרים. זיין הויז אין מינסק איז געוואָרען דער פארזאמלונגס־פונקט פאר אָט די פארבאָר־גענע צדיקים און שליחים פון דעם בעש״ט, און האָט זיי באזאָרגט מיט אלע זייערע באדערפעניששען.

דער בעל שם טוב האָט אויך געהאלטען אן אויג אויף יעקב קערפיל׳ס עלוי׳שן זוהן יוסף יצחק וועמעס פרסום איז געוואָקסען פון טאָג צו טאָג און וועמעס נאָמען האָט געקלונגען ניט נאָר אין מינסק נאָר אויך אין דער גאנצער סביבה, און א סך ווייטער ווי די מינסקער סביבה. דער בעל שם טוב האָט דעם יונגען עלוי אליין מסדר געווען זיינע לימודים.

דער בעל שם טוב האָט עס געטאָן אין א בריוו וואָס ער האָט מיטגעגעבען יעקב קערפיל׳ן און אים געהייסען אים איבערגעבען צום נסתר ר׳ משה ניסן אין מינסק. אין אָט דעם בריוו האָט דער בעל שם טוב דעם דאָזיגען נסתר געמאכט פארן מורה־דרך פאר דעם יונגען יוסף יצחק׳ן.

ר׳ משה ניסן איז דאמאָלט געווען דער ראש פון די נסתרים אין מינסק. דעם סדר פון די למודים וואָס דער בעל שם טוב האָט דורך ר׳ משה ניסנ׳ן צוגעגרייט פארן יונגען עלוי, איז געווען פאר זעקס יאָר צייט.

דער בעל שם טוב האָט אויך געהאָט אָנגעזאָגט אז יוסף יצחק זאָל דערנאָך צוויי יאָר צייט לערנען אין דער ישיבה פון סמארגאָן, וואָס איז געווען א צענטער פון חסידישער צוגרייטונג. ער האָט אפילו געהאט באזאָרגט, אז דאָרט אין סמארגאָן זאָל יוסף יצחק זיך חבר׳ן מיט א געוויסען נחום מאיר׳ן, א זוהן פון איינעם פון די נסתרים.

פארשטייט זיך, אז אלץ וואָס דער בעל שם טוב האָט אָנגעזאָגט איז פינקטלעך אויסגעפאָלגט געוואָרען. ווען יוסף יצחק איז אָנגעקומען אין סמארגאָן האָט ער זיך גע׳חבר׳ט מיט אָט דעם דערמאָנטען נחום מאיר׳ן. ביידע האָבען דאן, אויפן בעל שם טוב׳ס אָנווייזונגען, בשתיקה געלערנט געוויסע לימודים וואָס האָט זיי אריינגעפירט אין די חדרי חדרים פון דער חסידישער תורה.

ווען ר' יוסף יצחק האט זיך צוריקגעקערט צו זיינע עלטערן קיין מינסק, האט ער מיטגעבראכט פון דער סמארגאנער ישיבה א כתב וואו ער איז באטיטעלט געווארן: „מורנו הרב ר' יוסף יצחק עלוי משאריי".

זיין פאטער יעקב קערפיל, האט לאנג ניט געלעבט. נאך זיין פטירה האט זיין מוטער ציפה ברכה איבערגעגעבן צו איינעם פון די נסתרים דריי־און־צוואנציג הונדערט רענדלעך וואס איז געווען יוסף יצחק'ס ירושה. איר אנזאג איז געווען, אז דאס געלט זאל בלייבן ווי א „קרן" פון וואס איר זוהן זאל ציען זיין חיונה, אבער ער זאל זיך קיינמאל ניט אפגעבען מיט קיין מסחר, נאר זיצען על התורה ועל העבודה.

א קורצע צייט שפעטער איז אויך זיין מוטער אוועק אויפן עולם האמת.

אפילו א ספר תורה אין ארון קודש, זאגען אונזערע חכמים, דארף האבען מזל, א כל־שכן אידישע שטעט און שטעטלאך. ווענען גאנצע לענדער איז דאך אפגערעדט.

אין גאנג פון דער אידישער געשיכטע האט דער „אור התורה", דאס ליכט פון אידישקייט, אויפגעלויכטען דא אין איין לאנד און דא אין א צווייט לאנד. אזוי איז עס אויך געווען מיט שטעט און שטעטלעך. דא איז די שטאט און דא איז אן אנדער שטאט געווארן דער צענטער פון תורה און חכמה.

אפטמאל זיינען עס געווען עטליכע שטעט מיט אמאל. שטעט האבען אפילו קאנקורירט איינע מיט די אנדערע, איבערצושטייגען זיך אין תורה — קנאת סופרים תרבה חכמה.

דאס ליכט פון מינסק ווי א צענטער פון תורה איז אויפגעגאנגען נאך איידער חסידות האט אויסגעטראטען פאר זיך א וועג אין אידישען לעבען. דער סאמע גייסט פון חסידות האט אנגעהויבען קלאפען אין מינסק, לאנג איידער דעם בעל שם טוב'ס נייער דרך אין עבודת הבורא, איז באקאנט געווארען צו דער ברייטער וועלט.

דאס איז געווען צו זעהן פון דעם, וואס ר' יוסף יצחק, דבורה לאה'ס מאן און פעטער פון דעם בעל התניא, גרינדער פון חב"ד, האט זיך באקאנט מיט חסידות און אנגעזאפט מיט זיין גייסט דוקא אין מינסק, וואו ער איז געשיקט געווארען לערנען תורה און וואוהין, זיינע עלטערען האבען זיך שפעטער אריבערגעקליבען און דארט פארענדיגט זייערע יאהרען.

אין דעם גאנג פון די אנטוויקלונגען פון יענער צייט, האָט עס גענומען נאָר לאנג ביז מינסק איז געוואָרען מפורסם פאר איהרע גדולי התורה און ישיבות. עס האָט געדויערט ביז פוילען און ליטע זיינען בכלל געוואָרען באוואוסט פאר זייער תורה.

כדי צו האָבען א גענויערע פאָרשטעלונג וועגען דעם „מארשרוט״ פון תורה אין יענע יאָהרען, דארף מען זיך באקאַנען מיט די אנטוויקלונגען אין משך פון דער צייט זינט די גירושים פון שפּאניע און פּאָרטוגאל.

אָט די גירושים האָבען אויף די אידען אין אלע לענדער און באזונדער אויף די אידען אין פּוילען און ליטע, געמאכט א מורא׳דיגען איינדרוק. וויסענדיג, אז די גירושים זיינען די ארבעט פון דער קאטוילישער קירך, האָבען אידען אין די קאטוילישע לענדער זיך אָנגעהויבען שרעקען אז אויך דאָרט וועלען זיי ניט האָבען קיין מנוחה.

## קא.

## דער ועד ארבע הארצות

דער מצב פון אידן אין פוילען. — גרינדונג פון „ועד ארבע הארצות״. — דער מנהג פון „עסען טעג״. — ר׳ יחיאל היילפּערין. — דער עילוי פון סעלץ, צוקינפטיקער ווילנער גאון.

אין פּוילען איז אידען דאמאָלט גראד נישט געגאנגען שלעכט. מאטעריעל זיינען זיי געווען אין גאָר א גוטען צושטאנד. גייסטיג האָבען זיי אויך ניט געהאט קיין שטערונגען. די ממשלה אזוי גוט ווי די באפעלקערונג איז געווען צו זיי גוט.

אָבער די פיינטליכע ווינטען פון רוים, וואָס האָבען געבראכט דעם שטורם אין שפּאניע און פּאָרטוגאל, האָבען אויך דערגרייכט פּוילען און ליטע. די גלחים האָבען שוין געהאט אויפגעהויבען זייערע קעפּ.

די רבנים און אידישע מנהיגים האָבען באצייטענס אָנגעהויבען טראכטען פון עצות און תחבולות, ווי אויסצוהיטען זיך פון א מעגליכען שטורם.

עס איז באשלאָסען געוואָרען צו שאפען א פאראייניגטע קער־פערשאפט פון אלע קהלות, וואָס זאָל האָבען די אויפגאבע צו באשיצען אידען מאטעריעל און גייסטיג.

ביז דאמאָלט האָבען אידען זיך פארלאָזן אויף די שתדלנים פון זייערע אייגענע קהילות געבעטענע און ניט געבעטענע, געקרוינטע און זעלבסט-געקרוינטע. אָבער ניט תמיד האָבען אָט די שתדלנים געקאָנט עפּעס אויפטאָן פאר זייערע קהילות.

עס האָבען זיך אין יענער צייט געהאט פארמעהרט מוסרים, וואָס האָבען אידען אָנגעטאָן צרות. אידען האָבען פאר יעדער הנחה געמוזט צאָהלען שוחד און דאָס האָט זייער מצב געמאכט אומזיכער.

זיגמונד דער ערשטער איז דאמאָלט געווען קעניג פון פוילען. ווען ער איז ארויף אויפ׳ן טראָן איז די קאסע פון דער ממשלה געווען ליידיג און די הוצאה איהרע איז געווען געוואלדיג גרויס.

די אויפמאָהנער פון די צינזען זיינען געווען גרויסע באבארניקעס און האָבען פשוט „פארקוקט" וואָס די פריצים האָבען נישט געצאָהלט קיין שטייערען. דאָס האָט דער ממשלה געשטעלט אין א שווערער לאגע.

בלויז די אידען האָבען רעגעלמעסיג געצאָהלט זייערע צינזען. דאָס האָט ביים קעניג ארויסגערופען א ווארימען געפיהל צו זיי. ער האָט גערופען צו זיך אידישע מנהיגים און זיי פארזיכערט אז עס וועט אידען קיין שלעכטס נעשעהן מצד די גלחים.

דאָס האָט אָבער בלויז געשטארקט די העצע מצד די גלחים און געוויסע פּאָליטישע פיהרער געגען די אידען, פאָדערענדיג שוין אָפען אז מען זאָל אידען ארויסטרייבען פון פוילען ווי מען האָט זיי ארויס־געטריבען פון שפאניע און פּארטוגאל. דערביי זיינען געגען אידען פארשפרייט געוואָרען אלערליי שענדליכע בלבולים. עס האָט געהייסען, אז דאמאָלט ווען מען וועט אידען ארויסטרייבען וועט מען קאָנפיסקירען זייערע פארמעגענס, כדי דערמיט אָנצופילען די ליידיגע קאסע פון דער ממשלה.

עס האָט זיך אָנגעפאנגען א געראנגעל צווישען קעניג און זיינע יועצים ווי אויך די גלחים. עס זיינען געפאָדערט געוואָרען געגען אידען גזירות. דערהויפּט, אז מען זאָל אויף זיי לייגען באזונדערע שטייערען.

די מנהיגים פון אלע אידישע קהילות האָבען אָפּגעהאלטען א בעראטונג, און עס איז באשלאָסען געוואָרען צו רופען א גרויסע אסיפה פונ׳ם גאנצען לאנד, כדי צו באקאָנען אידען וועגען דער געפאהר וואָס דראָהעט זיי.

עס איז געווען ביי אָט דער אסיפה, וואו עס איז אויפגענומען געוואָרען די אמאָליגע החלטה, צו שאפען א פאראייניגטען ועד פון די אידען אין פוילען און ליטע, צו באשיצען אידען אין ביידע לענדער וואָס זיינען דאמאָלט געווען אונטער איין ממשלה.

עס איז באשטימט געוואָרען א ועד וואָס זאָל פארהאנדלען מיט דער ממשלה, צו דערלויבען אידען צו האָבען די אָרגאניזירטע פארטרע־טערשאפט.

אין יאָהר פינף טויזענט צוויי הונדערט און אכציג לויט דעם אידישען לוח, האָט קעניג זיגמונד דערלויבט אידען צו שאפען א קערפער־שאפט וואָס זאָל דערוועהלט ווערען דורך די אידישע קהילות איבער'ן לאנד. די דאָזיגע קערפערשאפט האָט געהאט די פולע דעה איבער אלע אידישע ענינים אזוי, אז אידען האָבען געקראָגען פאקטישע אויטאָנאָמיע אין פוילען און ליטע.

א נייע גרויסע אסיפה איז איינגערופען געוואָרען צו לאָזען אידען וויסען וועגען דער אויטאָנאָמיע וואָס איז געגעבען געוואָרען. די קערפערשאפט איז געשאפען געוואָרען און האָט געקראָגען דעם נאָמען „ועד הארצות" וועלכער האָט געקראָגען קאָנטראָל איבער אלע אידישע ענינים, גייסטיגע און עקאָנאָמישע.

דער זיץ פון דעם „ועד הארצות" איז באשטימט געוואָרען אין קראָקע.

די אסיפות פונ'ם ועד פלעגען פאָרקומען אין דער צייט פון יארידען אין פארשידענע שטעט, ווייל דאמאָלט פלעגען אידישע סוחרים און אפילו רבנים זיך צוזאמענקומען אין די דאָזיגע שטעט.

דאָס האָט אָנגעהאלטען פאר הונדערט און דריי יאָהר. אין יאָה. שצ"ג זיינען זיך צוזאמענגעקומען די גדולי התורה פון בריסק, ווילנע, גראָדנע, סלוצק און פינסק און זיינען געקומען צום שלום, אז אזוי ווי דער „ועד הארצות" קען ניט נאָכקומען די פאָדערונגען פון אלע אידישע קהלות, זאָל אויך געשאפען ווערען א ספעציעלער ועד פאר ליטע. אָט דער ועד האָט גראד געהאט הצלחה, נאָך מעהר הצלחה ווי דער ועד פאר פוילען. דער ליטווישער ועד האָט אָנגעהאלטען זיין ממשלה פאר הונדערט יאָהר.

אונטער דעם ועד זיינען געגרינדעט געוואָרען אין א רייהע ליטווישע שטעט גרויסע ישיבות. דאָס איז געווען דער פאל מיט וויטעבסק, בעשניקאָוויטש און פאָלאָצק.

מינסק איז דאמאָלסט שוין געווען דער צענטער פון תורה און חכמה. דורך דער גרינדונג פון ישיבות אין אנדערע שטעט איז דער איינפלוס פון מינסק געוואקסען, ווייל די גדולי תורה פון מינסק פלעגען ארונטערקומען אין יענע שטעדט.

דאָס האָט אויך געווירקט אז אין א שטאָט ווי וויטעבסק, למשל — ווייל דאָרט האָבען אָנגעהויבען ארונטערקומען אורחים, — האָט מען נעגרינדעט א הכנסת אורחים און אויך א קיך וואו צו שפייזען אורחים. פאר תלמידי חכמים האָט מען אין הכנסת אורחים געהאט באזונדערע חדרים.

אָט דער אויפטו פון וויטעבסק האָט געהאט די ווירקונג, וואָס מינסק, וועלכע האָט געזאָלט זיין ווייט אין פאראויס ווי א תורה צענטער, האָט אויך באשלאָסען צו שאפען אזא הכנסת אורחים, און דער עיקר אכטונג צו געבען אז קיין לומדישע אורחים זאָלען ניט פארקוקט ווערען אין שטאָט. דאָס איז אָבער געטאָן געוואָרען ערשט ווען מינסק האָט געהאט א מערקווירדיגע דערפאהרונג מיט א יונגען בחור'ל וואָס האָט זיך ארויסגעוויזען צו האָבען געווען ניט קיין אנדערער ווי דער שפּעטער באריהמטער ווילנער גאון.

אָבער וועגען דעם וועלען מיר נאָך דערצעהלען שפּעטער. דאָ זאָל פארציינענט ווערען ווי אזוי אונטער דער השפעה פון דעם ליטווישען ועד הארצות, איז ליטע געוואָרען א מקום תורה, ישיבות זיינען געגרינדעט געוואָרען אין איהרע שטעט און שטעטלאך.

דער ועד האָט אנערקענט, אז די ישיבה איז דער סאמע יסוד פון אידישקייט אין אלע דורות און אין אלע צייטען. דאָס יונגוואַרג האָט געמוזט דערצויגען ווערען אין גייסט פון תורה, און כדי צו לערנען תורה, האָבען געמוזט זיין וואָס מעהר ישיבות. ישיבה-לייט האָבען געמוזט באזאָרגט ווערען מיט אלע זייערע באדערפעגישען.

אין יעדער אידישער קהילה וואו עס זיינען געווען פופציג משפחות, האָט מען זיך באמיהט צו האָבען א ישיבה. עס איז איינגעפיהרט געוואָרען אז פון אלע הכנסות פאר צדקה, זאָל מען ארונטערנעהמען א געוויסען טייל פאר דער ישיבה. עס איז פאקטיש נישט געווען קיין איין שעת הכושר ווי א ברית, א בר-מצוה, א חתונה, אָדער אפילו א לויה, וואו מען זאָל ניט קלייבען געלט פאר די ישיבות.

די פופציג משפחות האָבען זיך אויך געדאַרפט מתחייב זיין אויסצו-האלטען מיט'ן עסען לפחות דריי תלמידים פון דער ישיבה, וואָס זיינען

געקומען פון די דערבייאיגע ישובים. זיי האָבען די דאָזיגע תלמידים געמוזט שפייזען ביי זיך אין הויז און ניט אָפּקומען מיט געלט.

פון דעם האָט זיך אָנגעפאַנגען דער מנהג פון עסען „טעג". ווארום די תלמידים האָבען געדאַרפט האָבען באַשטימטע טעג, ווען צו עסען אין דעם אָדער יענעם הויז.

עס איז אויך אָנגעזאָגט געוואָרען, אז די פרויען פון אָט די בעלי בתים זאָלען אכטונג געבען, אז אין די טעג ווען די ישיבה-לייט עסען ביי זיי, זאָלען זיי אָט די ישיבה-לייט צוטיילען גוטע און דער-נעהרענדיגע שפייזען, כדי די ישיבה-לייט זאָלען חלילה נישט אָפּגעשוואַכט ווערען. לויט דעם גייסט פון יענער צייט, פלעגען די באַלעבאָסטעס פשוט אליין אונטערהונגערען, אבי די ישיבה-לייט זאָלען געהעריג געש-פייזט ווערען.

די פאַרטיילונג איז געווען, אז פיר וואָכיגע טעג פלעגט א ישיבה בחור עסען אין איין הויז, און די אנדערע צוויי וואָכעדיגע טעג און שבת אין א צווייטע הויז. די בעלי בתים האָבען געדאַרפט און געזאָלט ארויסווייזען ליבע צו די ישיבה-לייט ווי צו אייגענע קינדער.

דאָס האָט איינגעפלאַנצט א גרויסע ליבע צו תורה אין די הערצער פון אידישע מענער און פרויען. דאָס האָט אויך געווירקט אויף דער יוגענט. ווארום, זעהענדיג ווי זייערע טאַטע-מאַמע האַלטען טייער די ישיבה-בחורים, זיינען די קינדער אויסגעוואַקסען מיט אַן אייגענעם באַגעהר צו לערנען תורה, אָדער לפחות ליב צו האָבען תלמידי חכמים.

עס איז אויך געווען איינגעפירט אז יעדער תלמיד פון א ישיבה זאָל האָבען אין זיין רשות צוויי אינגלעך פון די שטאָטישע בעלי בתים, און זיי מחנך זיין אין גייסט פון תורה און דרך ארץ.

וואָס איז נוגע די ישיבות גופא, האָט מען דאָרט די תלמידים געלערענט ניט בלויז תורה נאָר אויך מידות טובות.

יעדער ישיבה האָט זיך באַמיהט צו האָבען א גדול בתורה פאַר איהר ראש. די ישיבות האָבען דערפאַר פאַקטיש קאָנקורירט צווישען זיך מיט זייערע ראשי ישיבה.

איינער פון די באַרימטסטע ראשי ישיבה פון יענער צייט איז געווען הרב ר' יחיאל היילפערין פון סלוצק, מינסקער גובערניע. ער האָט געהאַט אויפגעבויט א ישיבה וואָס איז באַשטאַנען פון תלמידים מצוינים. זיין ישיבה האָט דערפאַר געקראָגען גאָר א גרויסען שם.

האבען די גדולי תורה פון מינסק זיך מתקנא געווען אין סלוצק און באשלאסען איהם ארונטערצוברייינגען צו זיך און איהם מאכען ניט נאר פאר ראש פון אלע מינסקער ישיבות, נאר אויך פאר ראש בית דין פון שטאט.

ווען מינסק האט ארונטערגעבראכט דעם גאון ר׳ יחיאל היילפערין ווי איר רב און ראש פון אלע ישיבות אין שטאט, האט די קהילה באש־לאסען צו מאכען א יום טוב. עס זיינען צו אט דעם יום טוב פארבעטען געווארען די פירער פון דעם דאמאלסדיגען „ועד הארצות" און אויך שלוחים פון אלע וויכטיגע קהילות אין פוילען און ליטע.

דאס צוזאמענקומען זיך פון די גרעסטע גדולי תורה פון יענער צייט האט נעבראכט קיין מינסק אויך הונדערטע בעלי בתים און סתם אידען פון נאענט און ווייט. דער יום טוב אין מינסק, דאס אנטאן פונ׳ם כתר־רבנות אויפן גאון ר׳ יחיאל, האט געדויערט זיבען מעת־לעת. דער גאון ר׳ יחיאל האט געזאגט תורה, וואס האט איבעראשט די לומדישע צוהערער. עס האבען אויך געזאגט תורה אנדערע באוואוסטע גאונים וואס זיינען געקומען צו דער שמחה.

די געלעגענהייט, וואס אזוי פיל גדולי הדור זיינען זיך צוזאמענ־געקומען, איז אויסגענוצט געווארען נישט נאר פאר פלפול און חדושי תורה, נאר אויך צו פסקנ׳ען הלכות למעשה וואס יענע צייט האט געפאדערט.

די אנגעקומענע געסט, די באוואוסטע בני תורה, זיינען אלע אויפגענומען געווארען מיט גרויס כבוד פון די מינסקער בעלי בתים. זיי זיינען באזארגט געווארען מיט דירות און מיט אלע זייערע באדער־פענישען. דריי באזונדערע ועדים (קאמיטעטען) האבען געזארגט פאר די גייסטיגע און מאטעריעלע הצטרכות׳ן פון די געהויבענע געסט.

אין די דרשות פון די פארזאמעלטע גדולי תורה האבען זיך אפגעשפיגעלט די צוויי שיטות, אין וועלכע דער לימוד התורה איז אין יענער צייט געווען צעטיילט — די שיטה פון פלפול, ווי דאס איז פארשפרייט געווארען אין פוילען פון דעם גאון ר׳ יעקב פאלאק, דער פריערדיגער רב פון פראג; און די שיטה פון „הגיון" (לאגיג) וואס איז פארשפרייט געווארען פון דעם גאון ר׳ שלום שכנא פון לובלין.

ווען ר׳ יחיאל היילפערין האט זיך איינגעשטעלט ווי דער ראש פון אלע ישיבות אין מינסק, האט ער אליין געזאגט א פלפול צוויי מאל א יאר — איינמאל זומער, און א צווייטען מאל ווינטער. צו

זיין פלפול פלעגען אריינגעלאָזט וועלען נאָר יחידי סגולה. מען האָט געזאָגט, אז די דערלויבעניש צו קומען הערען דעם גאונ'ס פלפול איז געווען פארערכענט ווי א הסכמה, אז מ'איז אליין א גאון.

איינמאָל, ערב דעם טאָג ווען ר' יחיאל הײלפּערין האָט געדארפט זאָגען זיין האלב־יערליכען שיעור, האָט זיך אין בית מדרש באוויזען א יונגער בחור'ל פון א יאָר פופצען. דער בחור'ל איז געקומען צוזאמען מיט אנדערע אָרימע וואנדערער וואָס זיינען געגאנגען פון שטאָט צו שטאָט קלייבען נדבות. ווי די אנדערע וואנדערער, איז ער געשלאָפען אין שטאָטישען הקדש.

אָט דער יונגער בחור'ל, ווען ער האָט געהערט אז דער גאון ר' יחיאל דארף זאָגען זיין שיעור, האָט פארלאנגט, אז מען זאָל אים דערלויבען צו זיין צווישען די צוהערער. די וואָס האָבען געהאט צו זאָגען וועגען דעם האָבען אים אָנגעקוקט אין שטוינונג. ער איז געגאנגען קרוע־בלוע, און פון זיין אויסקוק האָט מען אים ניט געקענט אָננעמען פאר א תלמיד חכם. זיי האָבען אים אָפּגעזאָגט. דער בחור'ל האָט זיך געבעטען אז מען זאָל אים כאָטש דערלויבען צו שטיין אין א ווינקעל און זיך צוהערען פון דער וויטען. אָבער אויך דאָס האָט מען אים אָפּגעזאָגט.

האָט זיך דער בחור'ל אריינגע'גנב'עט אין בית מדרש און זיך באהאלטען הינטערן אויוועון פון וואנען ער האָט זיך צוגעהערט צו ר' יחיאל'ס תורה.

אין זיין שיעור האָט ר' יחיאל זיך אָפּגעשטעלט אויף צוויי סתירות, און האָט אויף דעם געזאָגט חדושי־תורה, אָבער די סתירות זיינען געבליבען ניט פארענטפערט. נאָכן שיעור האָבען די גאונ'ישע צוהערער לאנג זיך מפלפל געווען איבער אָט די סתירות, אָבער זיי האָבען ניט געקענט קומען צו קיין מסקנא וועגען דעם ריכטיגען ענטפער.

דער אומבאקאנטער בחור'ל, האָבענדיג זיך צוגעהערט צו אלץ, האָט אויף מאָרגען אָנגעשריבען דעם ענטפער בקיצור, און האָט עס איבערגעגעבען צו ר' יחיאל'ס זוהן ר' משה, וואָס איז אליין געווען באוואוסט פאר זיין גאונות, און איז באלד נעלם געוואָרען פון בית מדרש.

איידער ר' משה האָט נאָך אריינגעקוקט אין צעטעל וואָס דער בחור'ל האָט אים דערלאנגט, איז אין בית מדרש אריינגעקומען א ווילנער סוחר וואָס איז דורכגעפאָרען מינסק. ער איז געקומען דאָ

דאוונען. מיט א פארכאפּטען אָטעם האָט ער דערציילט אז אריינקומענדיג אין בית מדרש האָט ער באגעגנט ארויסגייענדיג דעם יונגען עלוי פון סעלץ, ווי דער קינפּטינער ווילנער גאון איז פאר זיין חתונה געווען באקאנט. ער האָט אים געוואָלט אָפּשטעלען, אָבער יענער, קענטיג אָפּ־ריכטענדיג גלות, האָט זיך ניט געוואָלט לאָזען דערקענען.

ר׳ משה האָט דערפילט, אז דאָס מוז זיין דער זעלביגער בחור׳ל וואָס האָט אים איבערגעגעבען בכתב וואָס עס דארף זיין דער ענטפער אויף זיין פּאָטער׳ס סתירות. ער האָט עס באלד איבערגעגעבען צו זיין פּאָטער און יענער איז נשתומם געוואָרען פון די גאונות וואָס דער יונגער בחור׳ל האָט דאָרט געהאט ארויסגעוויזען.

איצט איז שוין קלאָר געוואָרען אז דאָס איז געווען דער עלוי פון סעלץ, דער קינפּטיגער ווילנער גאון, וועגען וועלכען דער ווילנער איד האָט גערעדט מיט אזויפיל התפּעלות.

מען האָט איצט פּרובירט אָט דעם עלוי געפינען. מען האָט אים אָנגעהויבען ארומזוכען איבער מינסק. מ׳האָט אים געזוכט אין הקדש און אין אַלע בתי מדרשים. אָבער ער איז שוין מער ניט געווען אין שטאָט. ער איז געוועז אוועק מיט אנדערע אָרימעלייט און ווי מען האָט זיך דערוואוסט אויפן וועג קיין בריסק.

## קב.

### אַ באַשערטער שידוך

**יונגער גאון פּראָוועט גלות און סיגופים. — ר׳ יוסף יצחק אין וויטעבסק. — די אומדערוואַרטע גזירה.**

דער גאון ר׳ יחיאל האָט געהייסען שפּאַנען א קאַרעטע און ער אַליין צוזאַמען מיט זיין זוהן ר׳ משה, האָבען זיך ארויסגעלאָזט אויפן וועג קיין בריסק אָנצויאָגען דעם סעלצער עלוי. מיטאָג צייט האָבען זיי ביים ראנד פון א וואלד אָנגעטראָפען א גאנצע מחנה אָרימעלייט אויסגעזעצט אויפן גראָז, עסענדיג זייער אָרימען מאָלצייט. דער יונגער עלוי איז ניט געווען צווישען זיי.

נאָכפרעגענדיג זיך אויף אים האָבען די אָרימעלייט דערציילט, אז דער בחור׳ל איז טאקע מיט זיי, אָבער עס איז תמיד זיין שטייגער, אז ווען זיי זעצען זיך אָפּרוען אָדער עסען, זונדערט ער זיך אָפּ און

באווייזט זיך ערשט ווען זיי דארפען זיך לאָזען אין וועג אריין, קיינער פון זיי האָט נישט געוואוסט פאַרוואָס ער טוט עס און זיי האָט עס אויך ניט אינטערעסירט. דער בחור'ל איז בכלל געווען א שוויגער און האָט זיך צו קיינעם פון זיי ניט געהאט ארויסגעגעבען.

ר' יחיאל און זיין זוהן זיינען אריין אין וואלד אויפצוזוכען דעם סעלצער עלוי. פון דערווייטען האָבען זיי דערזען עפּעס, וואָס האָט ביי זיי ארויסגערופען גרויס יראת־הכבוד.

ער איז געזעסען אויף א נעסט פון מוראשקעס, לאָזענדיג זיך פון זיי בייסען זיין פלייש און מיט פארמאכטע אויגען האָט ער געלערנט אין דער שטיל, כמעט שעפּטשענדיג אויף אויסווייניג. ר' יחיאל האָט געוואָלט ציען דעם עלוי'ס אויפמערקזאמקייט און ער האָט אָנגעהויבען טרעטען אויף אָפּגעבראָכענע צווייגען. דאָס האָט פאר־אורזאכט א גערויש, און דער יונגער עלוי האָט געעפענט די אויגען און דערזען וועמען ער האָט פאר זיך. ער איז געווען פארוואונדערט. ער האָט באלד אויסגעפונען אז זיין סוד איז אנטפּלעקט געוואָרען.

הרב ר' יחיאל האָט פארלאנגט, אז דער עלוי זאָל מיט אים צוריקקערן קיין מינסק אין דער קארעטע וואָס האָט אויף אים געוואַרט, כדי מען זאָל אים צוטיילען דעם געהעריגען כבוד וואָס אים קומט.

מיט טרערען אין די אויגען האָט דער סעלצער עלוי זיך געבעטען, אז מען זאָל אים לאָזען גיין זיין וועג. עס איז געוואָרען א היציגער וויכוח צווישען די צוויי, מיטן אלטען גאון באווייזענדיג אז ער דארף מיט אים צוריקקערען זיך קיין מינסק, און מיטן יונגען עלוי באווייזענדיג, אז ער דארף נאָכפאָלגען זיין אייגענעם דרך. דער סעלצער עלוי האָט סוף כל סוף געמוזט מודה זיין, אז דער אלטער גאון האָט אים מנצח געווען און דער קינפּטיגער ווילנער גאון האָט געמוזט צוריקקערען זיך קיין מינסק, וואו אויף דעם קומענדיגען טאָג האָט געזאָלט איינגעאָר־דענט ווערען א קבלת־פּנים ווי עס פּאסט פאר אזא עלוי.

דער סעלצער עלוי האָט זיך פון דעם שטארק מצער געווען און ער האָט זיך אליין געמאכט פאָרוואורפען פארוואָס ער האָט געהאט געענטפערט אויף ר' יחיאל'ס קשיות אזוי, אז ער האָט זיך מיט דעם ארויסגעגעבן און מער ניט געקענט זיך אויסבאהאלטען.

איצט האָט מען אים שוין ניט געלאָזט שלאָפען אין הקדש מיט די אנדערע אָרימעלייט. מ'האָט אים פארזאָרגט מיט א גרויסארטיגען

חדר און מען האָט אים אויך געבראכט נייע מלבושים. אין מיטען נאכט האָט דער סעלצער עלוי פאררינגעלט די טיר פון זיין חדר און איז נעלם געוואָרען דורך א פענסטער.

אויף מאָרגען פרי זיינען געקומען די ראשי הקהל אים נעמען צום ערשטען מנין און אז זיי האָבען געפונען פאר זיך א פאררינגעלטע טיר, האָבען זיי געמיינט, אז דער יונגער עלוי שלאָפט נאָך, האָבען זיי געווארט ביים טיר ביז ער וועט זיך אויפכאפען פון שלאָף.

אין בית המדרש האָבען דערווייל זיך געהאט פארזאמעלט די נכבדים פון שטאָט, אלע גדולי תורה מיט ר׳ יחיאל היילפערין בראש. אלע זיינען געוועז נייגעריג צו געבען כבוד דעם יונגען עלוי.

אז די צייט האָט זיך פארצויגען און דער יונגער עלוי איז נאָך אלץ ניט געוועז אויף, האָבען די ראשי הקהל אָנגעקלאפט אין טיר. זיי האָבען געקלאפט איינמאָל, צוויי מאָל און א דריטען מאָל אבער עס איז ניט געקומען קיין ענטפער. איז איינער פון זיי ארויס אין דרויסען ארייגצוקוקען אין חדר דורכן פענסטער. דאמאָלט האָט מען אויסגעפונען וואָס עס איז געשען — דער עלוי איז אנטלאָפען, כדי אויסצומיידען דעם כבוד וואָס אים האָט דערווארט.

אָט די געשעעניש האָט געמאכט א רושם אויף די אידען אין מינסק און אויף די אידען אין דער סביבה, צווישען וועלכע די געשיכטע איז בליץ־שנעל פארשפרייט געוואָרען. פון דאמאָלט אָן איז ארויס־געגעבען געוואָרען א תקנה אין מינסק און אין אנדערע אידישע קהילות, אז מען זאָל האלטען אן אויג אויף די אָרימע לייט וואָס גייען דאָרט דורך, כדי מען זאָל ניט פארקוקען קיין מעגליכען תלמיד חכם וואָס קומט פארשטעלטערהייט.

מיט דעם איז די מינסקער קהילה נאָך ניט געווען פארטיג. דער רב פון שטאָט ר׳ יחיאל היילפערין האָט איינגערופען די גדולי תורה פון שטאָט צו אן אסיפה וואו עס איז אָנגענומען געוואָרען א החלטה, אז מען זאָל שיקען שלוחים, באשטייענדיג פון די גרעסטע לומדים פון שטאָט, קיין ווילנע צו באזוכען דעם סעלצער עלוי און אים אפגעבען כבוד.

דריי שלוחים זיינען אויסגעקליבען געוואָרען פאר אָט דעם צוועק. איינער פון אָט די שלוחים איז געווען דער עלוי פון שארייי, ר׳ יוסף יצחק, דער זוהן פון דעם אמאָליגען עם הארץ און שפעטערדיגען נסתר און חסיד פון בעל שם טוב ר׳ יעקב קערפיל. די שלוחים זיינען

אנגעקומען אין ווילנע אבער דער סעלצער עלוי, דער קינפטיגער ווילנער גאון איז נאך ניט געווען צוריק פון זיין אפריכטען גלות.

די שלוחים האבען געווארט א לענגערע צייט, אבער דער יונגער עלוי איז נאך אלץ ניט געווען צוריק. קיינער האט ניט געקענט זאגען ווען ער וועט זיך צוריקקערען.

עס האט ניט געהאט קיין זין, אז זיי זאלען ווארטען לענגער, און די שלוחים האבען אנטוישטע זיך צוריקגעקערט קיין מינסק. פאר ר׳ יוסף יצחק׳ן איז די אנטוישונג געווען נאך גרעסער, ווי דאס הארץ האט אים געזאגט, אז דער סעלצער עלוי וועט שפעטער, אלס דער ווילנער גאון, ווערען אן אויסגעשפראכענער געגנער פון דעם בעל שם טוב׳ס דרך — דעם דרך החסידות.

ר׳ יוסף יצחק, דער פעטער פונ׳ם קינפטיגען גרינדער פון חב״ד, איז שוין געווען אנגעזאפט מיט חסידות, כאטש דאס האט נאך געדארפט בלייבען בסוד.

ר׳ יחיאל היילפערין און די אנדערע גדולי תורה פון מינסק האבען דעם עלוי פון שאריי שטארק מכבד געווען. זיין פרסום האט געהאלטען אין איין וואקסען. זיין מדריך אין חסידות, און נאטירליך בשתיקה, איז געווען דער נסתר ר׳ משה ניסן, א תלמיד פון בעל שם טוב.

די חשיבות פון ר׳ יוסף יצחק׳ן איז אזוי געוואקסען, אז ער איז פון דער סמארגאנער ישיבה וואו ער האט געלערענט עטליכע יאר, אויסדערוויילט געווארען צו זיין איינער פון אירע צוויי פארטרעטער ביי דער אסיפה פון דעם „ועד הארצות״ וואס האט געדארפט פארקומען אין לובלין אין דער צייט וואס דער יאריד וועט דארט אפגעהאלטען ווערען.

ניט נאר האט ר׳ יחיאל היילפערין מסכים געווען, ר׳ יוסף יצחק זאל פארן צו דער אסיפה פון דעם ועד הארצות, נאר אויך האט עס געטאן זיין חסידישער מדריך, דער נסתר ר׳ משה ניסן. אזוי ארום האט ר׳ יוסף יצחק אליין געדארפט אנהויבען דורכפירען וויכטיגע שליחות׳ן אויך פאר די נסתרים און חסידים פון יענער צייט.

ווען דער יונגער עלוי פון שאריי האט זיך צוריקגעקעהרט קיין מינסק פונ׳ם יאריד אין לובלין, וואו ער איז געשיקט געווארען ווי איינער פון די „באי־כח״ (פארטרעטער) פון דער סמארגאנער ישיבה ביי דער אסיפה פון ועד הארצות, איז זיין פרסום אין מינסק געווארען נאך גרעסער. איצט האט מען שוין געוואוסט, אז ר׳ יוסף יצחק דער

פעטער פונ׳ם קינפטיגען גרינדער פון חב״ד, איז ניט נאָר א גדול בתורה און א בעל מידה, נאָר אויך א בעל מזג טוב און אן עסקן.

מינסק׳ס איינענע שלוחים צום ועד הארצות, און די תלמידים פון דער סמארגאָנער ישיבה, זיינע חברים, וואָס זיינען געווען זיהן פון מינסקער בעלי בתים אָדער זיינען געוואָרען איידעמס פון מינסקער אידען, האָבען אלע געהאלטען איןריידען מיט גרויס לויב וועגען דעם יונגען עלוי. דאָס האָט דערפירט דערצו, אז דער רב פון מינסק, ר׳ יחיאל היילפּערין, דער געוועזענער ראש פון דער סלוצקער ישיבה, זאָל אָנהויבען דערנעהנטערען צו זיך דעם עלוי פון שאריי, אזוי אז ר׳ יוסף יצחק האָט געקראָגען גרויס השפעה אין מינסק און אין דער סביבה.

יעצט אז עס איז געקומען די צייט פון וויטעבסקער יאריד, האָט זיך מינסק אויסגעקליבען א פאָרשטייער, ניט קיין אנדערן ווי דעם שארייער עילוי ר׳ יוסף יצחק.

אזוי האָט זיך עס געפיהרט אין יענע צייטען, אז די צייט ווען א יאריד איז אָנגעגאנגען אין א שטאָט, זיינען זיך צוזאמענגעפאָהרען גדולי תורה פון נאָהענט און פון ווייט צו האלטען אסיפות און מתקן זיין זאכען וואָס זיינען געווען פון גרויס באדייט. מינסק און וויטעבסק זיינען אין דעם פּרט געווען ווי צוויי שוועסטער־שטעט, כאָטש מינסק איז געווען מעהר אונטער דער השפעה פון די תלמידים פון דער סלוצקער ישיבה, און וויטעבסק אונטער דער השפעה פון די תלמידים פון דער סמארגאָנער ישיבה.

צוערשט האָט ר׳ יוסף יצחק, וועלכער איז נאָך דאמאָלסט געווען א בחור, נישט געוואָלט פאָהרען קיין וויטעבסק. אפשר האָט ער אָט די נסיעה געהאלטען פאר בטול תורה.

אָבער זיין געהיימער מדריך, דער נסתר, ר׳ משה ניסן, האָט איהם מודיע געווען אין נאָמען פון בעל שם טוב, אז ער זאָל אָט די נסיעה יאָ מאכען, ווייל אין וויטעבסק, האָט ער געזאָגט אין בעל שם טוב׳ס נאָמען, וועט ער געפינען זיין זיווג, וואָס ווי מיר וועלען שוין איז עס געווען דבורה לאה, די יתומה פון ר׳ שניאור זלמן׳ען און די צדקנית רחל.

ווען די צייט אָפּצופאָהרען נאָך וויטעבסק איז געקומען, האָט ר׳ משה ניסן איבערגעגעבען איהם דעם נסתר ר׳ מלכיאל׳ן, אז ער זאָל איהם באגלייטען און כדי נישט צו דארפען זיך ארויסגעבען צו דער וועלט, זאָל זיך ר׳ מלכיאל אָנגעבען ווי זיין, ר׳ יוסף יצחק׳ס, משרת.

ר' מלכיאל'ס אמת'ע עובדא איז געווען, צו לערנען מיט דעם עלוי קבלה לויט דעם ווי דער בעל שם טוב האט עס געהאט מסדר געווען.

אז ר' יוסף יצחק איז געקומען קיין וויטעבסק האט ער דארט געקראגען א גאר ווארימען קבלת פנים, ווי עס האט פארדינט א עלוי וועמעס נאמען איז שוין דארט געווען באקאנט פון פריהער און וואס איז דערצו געקומען ווי א שליח פון מינסק. וויסענדיג אז ער איז א בחור, האט מען איהם אנגעהויבען פארלעגען פארשידענע שידוכים. אבער דער עילוי האט די אלע שידוכים צוריקגעוויזען.

ר' קדיש, דבורה לאה'ס פעטער, אין וועמעס הויז זי האט זיך אויפגעהאלטען, אבער האט געלעבט פון דעם וואס זי האט פארדינט ווי א נייטארין, האט געהאט געהערט דעם פלפול וואס ר' יוסף יצחק האט געזאגט אין דער גרויסער שוהל פון וויטעבסק און אין זיין מח איז באלד געבארען געווארען א געדאנק, אז דער עילוי וואלט געווען דער געווינשטער זיווג פאר זיין פלימעניצע די יתומה, אבער ער האט מורא געהאט דאס ארויסצוברייננגען אויף די ליפען. דבורה לאה איז טאקע געווען א גרויסע מיוחסת און אליין א זעלטען קינד, אבער ווי קומט זי, אן ארימע יתומה, צו אזא גאון ווי ר' יוסף יצחק מיט וועמען עס האט "געקלונגען א וועלט"?

אז א לאנגערע צייט איז אוועק און ער האט געהערט, אז ר' יוסף יצחק האט צוריקגעוויזען אלע פארגעלייגטע שידוכים, האט ר' קדיש געקראגען מעהר מוט און געהאט א שמועס מיט זיין פלונית'טע, פריידע. ער האט אבער נאך אלץ נישט געגלויבט, אז עס איז דא אן אויסזיכט, אז דער עילוי זאל איינגעהן אויף א שידוך מיט דבורה לאה'ן.

— מען האט איהם פארגעלייגט שידוכים מיט די גרעסטע גבירים, לומדים, גדולי הדור און ער האט זיך פון זיי אלע אפגעזאגט — האט ער זיך פאר זיין ווייב אויסגערעדט דאס הארץ, — איז דען מעגליך אז ער זאל מרוצה ווערען חתונה צו האבען מיט דבורה לאה'ן?

פריידע איז געווען מיט דער דעה, אז עס קען גראד זיין יא, ווייל א שידוך איז דאך באשטימט פון הימעל, האט זי געזאגט, און עס קען דאך גרייליך זיין, אז אין הימעל האט מען באשטימט אז דבורה לאה איז זיין ריכטיגער זיווג. זי האט דערפאר גע'עצה'ט איהר מאן, אז ער זאל שיקען א שדכן צו ר' יוסף יצחק'ן.

— איך האב מורא עס צו טאן — האט ער זיך פרובירט ארויסדרייען. — ער קען נאך מעגליך דעם שידוך צוריקווייזען און דעמאלט וועט דבורה לאה דורך דעם פארשעהמט ווערען.

פאר דעם האט זיין פלונית׳טע אויך געהאט אן עצה. עס זאל נישט געשיקט ווערען סתם א שדכן, נאר א מקורב פון דער פאמיליע, א מענש וואס קען האלטען א סוד. אויב אזוי וועט גאר נישט געשעהן, אפילו ווען ר׳ יוסף יצחק זאל זיך אפזאגען פון פארגעלייגטען שידוך מיט דבורה לאה׳ן, ווייל דאס וועט בלייבען א סוד.

האט ר׳ קדיש אפגעזוכט אימיצען א פארטרויטען מענשען פון דער משפחה און איהם געשיקט צו ר׳ יוסף יצחק׳ן וועמען ער האט דערציילט וועגען דבורה לאה׳ס יחוס און ווי אזוי זי איז געבליבען א יתומה. דער עילוי פון שאריי האט באלד דערפילט, אז לויט דעם וואס דער נסתר האט איהם איבערגעגעבען אין בעל שם טוב׳ס נאמען וועגען דעם שידוך וואס ער דארף געפינען אין וויטעבסק, איז דבורה לאה זיין ריכטיגער זיווג.

אזוי איז דער שידוך געשלאסען געווארען. אין די חנוכה טעג זיינען געשריבען געווארען די תנאים און אין ניסן איז פארגעקומען די חתונה.

ר׳ יוסף יצחק האט דערווייל מגלה געווען זיין כלה, אז זיין אזוי גערופענער משרת ר׳ מלכיאל איז א נסתר און האט מסדר געווען, אז ר׳ מלכיאל זאל איהר דבורה לאה׳ן באקאנען מיט׳ן ענין פון די נסתרים.

דערווייל האט אין וויטעבסק פאסירט עפעס וואס האט אויפגעצי־טערט די גאנצע קהילה און די אידען אין דער סביבה. דער וואיעוואדא האט ארויסגערופען צו זיך דעם ראש הקהל ר׳ זלמן ליב׳ן און נאך דריי פון די שבעה טובי העיר און ער האט זיי פארהאלטען. קיינער האט נים געוואוסט די סיבה און וואס עס איז מיט די פיר עסקנים געשעהן.

אין זעלבען טאג זיינען אין הויז פון דעם וויטעבסקער גביר און בעל צדקה ר׳ אברהם סגל ארונטערגעקומען זעלנער און האבען דארט פארנומען גאר דאס געלט און אלע פאפירען וואס זיי האבען געפונען, און ר׳ אברהם׳ן אליין געבראכט צום וואיעוואדע אין קאנצעלאריע.

ווי א פייער האט זיך די ידיעה וועגען דעם פארשפרייט איבער׳ן שטאדט. באלד האבען קרעמער פארשלאסען זייערע קלייטען, בעלי מלאכה׳ס האבען אוועקגעלייגט זייער ארבייט און דער עולם האט זיך אנגעהויבען פארקלייבען אין די בתי מדרשים. א רוף איז ארויסגעלאזט געווארען פון שטאטישען בית דין, אז מען זאל דעם טאג מעהר נישט עסען און אז מען זאל זיך נעהמען זאגען תהלים.

די בני בית פון די ארעסטירטע אידען זיינען געקומען צו לויפען צום וואיעוואדא אויסצוגעפינען פארוואס מען האט ארעסטירט זייערע מענער און טאטעס. אבער מען האט זיי נישט געענטפערט אויף זייערע פראגען. אזוי האט געהאט אנגעזאגט דער וואיעוואדא. דער באפעהל איז געווען אז מען זאל זיי פשוט פון דארט ארויסטרייבען, און טאמער האבען געוויסע פרויען מיט געוויין ניט געוואלט אפטרעטען איידער מען גיט זיי ידיעות, האבען זעלנער און וועכטער זיי ביטער געשלאגען.

דאס האט אין שטאט ארויסגערופען נאך א גרעסערע מהומה. אזוינס איז נאך אין וויטעבסק ניט געהערט געווארען.

געוויסע סוחרים און בעלי מלאכה׳ס וואס האבען געהאט צו טאן מיט די העכערע בעאמטע פון דער ממשלה האבען אויסגענוצט זייער באקאנטשאפט און פרובירט אויסגעפינען אין די ״הויכע פענסטער״ וואס דאס אלץ באדייט, אבער אויך זיי האבען גאר נישט געקענט אויסגעפינען.

אן אסיפה איז איינגערופען געווארן פון די ראשי הקהל און עס איז אנגענומען געווארען א החלטה, אז מען זאל גוזר תענית זיין און אין דער זעלבער צייט זאלען אלע קלייטען זיין פארמאכט און בעלי מלאכה׳ס זאלען אוועקלייגען זייער ארבייט. עס איז אויך באשלאסען גע־ווארען, אז אידישע סוחרים וואס האבען א צוטריט צו פריצים, זאלען דורך אט די פריצים זיך באמיהען וועיכער צו מאכען דאס הארץ פונ׳ם וואיעוואדע.

א באזונדערער שליח איז געשיקט געווארען צום אידישען רייכען פאסעסאר זאב וואלץ, אז ער זאל זיך משתדל זיין וואו ער קען אין דער איצטיגער עת צרה פאר די אידען אין וויטעבסק.

שלוחים זיינען דערוויל געשיקט געווארען צום וואיעוואדע אויסצוגעפינען פארוואס די ראשי הקהל צוזאמען מיט ר׳ אברהם סגל׳ען, זיינען ארעסטירט געווארען און וואס עס איז מיט זיי געווארען.

אבער אז די שלוחים זיינען געקומען אין וואיעוואדע׳ס קאנצעלאריע, זיינען זיי באגעגענט געווארען פון באוואפענטע וועכטער וועלכע האבען זיי ארייגעפיהרט אין א חדר און זיי געהייסען דארט ווארטען.

דער חדר איז געווען א ליידיגער, אפילו קיין ביינקעל ניט צום זיצען, די פענסטער זיינען געווען מיט גראטעס. איינער פון די שלוחים האט געוואלט פון א צווייטען חדר אריינברייגען א פאר בענקלעך.

אָבער ער האָט אויסגעפונען אז די טהיר איז געווען פארשלאָסען. הייסט עס, אז אויך די שלוחים זיינען געווען אונטער ארעסט.

דאָס האָט אויף די שלוחים אָנגעיאָגט א שרעק. עס האָט געשמעקט מיט עפּעס א מורא'דיגען בלבול. אָבער וועגען וואָס עס האנדעלט זיך, האָט קיינער ניט געוואוסט. זיינען זיי, די שלוחים, אלע באוואוסטע כלל טוער, געשטאנען אין פארשלאָסענעם חדר און נישט געוואוסט וואָס צו טאָן.

## קג.

## רדיפות אויף אידען

**אן עת צרה אין וויטעבסק. — אַ פאַרשטערטער ראש השנה. — די באַציאונג צו אידען.**

אויסגעפונען אז זיי זיינען אליין ארעסטירטע, האָבען די שלוחים פון דער וויטעבסקער קהילה וועלכע זיינען געקומען צום וואָיעוואָדע אויסצוגעפינען וואָס עס האָט פּאסירט מיט די ארעסטירטע ראשי־הקהל, זיך דערפילט שטארק געטראָפען. אודאי האָט דאָ געשמעקט עפּעס א מסירה און עס האָט זיך געהאנדעלט וועגען גזירות אויף די וויטעבסקער אידען.

איינער פון די שלוחים איז געווען דער אלטער למדן און נכבד ר' שלמה אהרן. ער איז געווען דער ערשטער וואָס האָט געפונען טרייסט־ווערטער פאר די אנדערע.

— פארלאָזט זיך אויפן רבונו של עולם. לאָמיר טאָן תשובה און רופען צו הקדוש ברוך הוא. ער וועט אונז געוויס אויסהיטען פון אלע שלעכטקייטען.

און כדי די אידישע שלוחים, איינגערע פון אים, צו שטארקען זייער בטחון, האָט דער זקן דערווייל דערציילט, וואָס עס האָט אין דער זעלביגער וויטעבסק פּאסירט מיט ניינציג יאָר צוריק.

עס איז געווען אין דער יוגענט פון זיין זיידען דעם גאון ר' נתן דוב. די אידען פון וויטעבסק האָבען זיך צוזאמענגענומען כדי אויפצובויען א גרויסע שוהל אין צענטער פון שטאָט.

צו קריגען די דערלויבעניש פאר דעם איז זיי ניט לייכט אָנגעקומען. זיי האָבען געדארפט אונטערקויפען דעם וואָיעוואָדע פון שטאָט, א

געוויסער סעמיאָן מאנגורקא. אז די שוהל איז ענדלעך אויפגעבויט געוואָרען, איז די פרייד פון די וויטעבסקער אידען געווען ממש אין לשער.

עס זיינען אוועק א היבש ביסעל יאָרען און דער ראש־הקהל פון וויטעבסק איז דאמאָלט געווען ר׳ שלמה אהרנ׳ס פאָטער, ר׳ גבריאל חיים. איינמאָל א ראש השנה, ווען אלע אידען זיינען געווען פארזאמעלט אין שוהל ביים דאווענען, איז אָנגעקומען א שליח פון דעם וואיעוואָדע מיטן באפעל, אז דער ראש הקהל און די שבעה טובי העיר זאָלען זיך באלד צו אים מעלדען.

ווען זיי זיינען אלע געקומען צום וואיעוואָדע האָבען זיי גלייך געקענט מערקען, אז ער איז אין צאָרן. ער האָט זיי געלאָזט וויסען, אז אין משך פון איינינגע טעג צייט וועט ער צושליסען אלע שוהלען און בתי מדרשים אין וויטעבסק און ארויסטרייבען אלע אידען פון שטאָט. א פערטעל פון די אידישע פארמעגענס וועט קאָנפיסקירט ווערען פאר דער מלוכה.

דערוויייל האָט ער באפוילן צו פארשפארען אין תפיסה די ראשי הקהל. דעם טעם פאר דעם אלעם האָט דער וואָיעוואָדע ניט אָנגעגעבען.

ווען די ידיעה וועגען דעם ארעסט פון די ראשי־הקהל און די גזירות נעגען אלע אידען איז באקאנט געוואָרען אין שטאָט, האָט צווישען די אידען אויסגעבראָכען א מהומה.

דער ראש השנה, ווי מ׳קען זיך פאָרשטעלען, איז שוין געווען א פארשטערטער. אידען האָבען געוויינט און געקלאָגט. באלד נאָך ראש השנה האָבען זיך אָנגעפאנגען א סדרה תעניתים. אויף א ״כרוז״ פון די רבנים האָט יעדער איינער געדארפט קומען אין קהל־שטיבעל זיך מתודה זיין אויף אלע חטאים. וואָרום ס׳איז אָנגענומען געוואָרען אז צוליב די חטאים פון די אידישע תושבים אין שטאָט איז עס אלץ געשען.

גלייכצייטיג האָט יעדער איד אָנגעהויבען בודק זיין די מזוזה פון זיין וואוינונג, זיינע תפילין און אויך זיינע ציצית. פרויען זיינען געקומען צו די רבנים נעמען תשובות אויף זייערע חטאים.

דער אלטער מגיד פון שטאָט, דער סגי נהור ר׳ גדליה זלמן, האָט געהאלטען אין איין שטראָפען דעם עולם און רופען צו תשובה.

איבער די גאסען פון שטאָט זיינען ארומגעגאנגען די חברה קדישא מיט פושקעס און געשריען „צדקה תציל ממות״.

אויפן פערטען טאָג האָט דער וואיעוואָדע באַפוילען צו ברענגען צו אים פון תפיסה די אַרעסטירטע ראשי־הקהל. אין דער זעלבער צייט האָט דער וואיעוואָדע אַרויסגערופען צו זיך דעם העכסטען גלח פון שטאָט.

פאַר די אידען אין שטאָט איז עס געווען אַן אָנזאָג, אַז די ראשי הקהל וועלען באַלד גע׳משפט ווערען. איז די מהומה אין שטאָט געוואָרען נאָך גרעסער, אידען זיינען געלאָפען אין די בתי מדרשים זאָגען תהלים און אַנדערע זיינען געגאַנגען אויפן בית הקברות מתפלל צו זיין אויף די קברים פון די צדיקים.

ווען די אַרעסטירטע זיינען געבראַכט געוואָרען צום וואיעוואָדע האָבען זיי דאָרטען געטראָפען אַ גרויסע צאָל באַוואָפענטע זעלנער. דער וואיעוואָדע, מיטן גלח ביי זיין זייט, איז געזעסען אויף אַ באַלעמער, קענטיג גרייט צו זיין דער שופט איבער די אַרעסטירטע ראשי הקהל.

ר׳ גבריאל חיים, איינער פון די ראשי הקהל, וועלכער האָט געקענט גוט ריידען פויליש, איז אַרויס מיט לשון, דערקלערענדיג אַלעמענס אומשולד און פאַרלאַנגענדיג אַן אויפקלערונג פאַרוואָס מען האָט זיי אַרעסטירט.

— איך ווייס אויך — האָט ר׳ גבריאל חיים געזאָגט — אַז די גאַנצע עדה אידען אין שטאָט איז אומשולדיג. נאָר אויב אימיצער דאַרף באַשטראָפט ווערען פאַר אַ חטא וואָס קיינער איז ניט באַגאַנגען, לאָמיר, די ראשי־קהל, עס זיין, און ניט די אידען אין שטאָט.

צו זייער אַלעמענס איבעררהאַשונג האָט דער וואיעוואָדע געלאָזט ווייסען, אַז אין אמת׳ן זיינען זיי קיינער נישט באַגאַנגען קיין חטא און אַז אַלץ איז געווען אַ טעות.

— איך קען ניט, צוליב געוויסע טעמים, — האָט דער הערשער פון שטאָט געזאָגט, — אייך אויפקלערען פאַרוואָס איר זייט אַרעסטירט געוואָרען. עס איז געווען, אַז איך וועל אייך זאָגען, אַז איך האָב אייך געלאָזט ברענגען אַהער כדי אייך צו זאָגען, אַז איר זייט אַלע אומשולדיג און אַזוי אויך די גאַנצע אידישע קהלה. נאָר אַזוי ווי איך האָב אייך אַלעמען פאַרשאַפט פאַרדרוס, וועל איך אייך שענקען אַ טייל פון אייערע צינזען און קאָפּ־שטייערן. איך וועל אייך איצט שיקען אַהיים ווי פרייע מענשען, אין באַגלייטונג פון זעלנער און אַ קאַפעליע מוזיקאַנטען.

א הויכער באאמטער האָט זיך ארויפגעזעצט אויף א פערד, באגלייט פון דריי אנדערע רייטער. נאָך זיי זיינען געקומען די מוזיקאנטען און דאן די באפרייטע ראשי הקהל, וועלכע זיינען נאָכגע־פאָלגט געוואָרען פון די זעלנער.

איצט איז דער צער פון די וויטעבסקער אידען פארוואנדעלט געוואָרען אין א גרויסער שמחה. עס איז אָנגענומען געוואָרען, אז די גאנצע מהומה איז נאָר געווען כדי אידען זאָלען תשובה טאָן, און ווען דאָס איז געשען זיינען אלע גזירות בטל געוואָרען.

ר׳ שלמה אהרן האָט דערפאר אויסגעפירט, אז אויך דאָס מאָל איז עס אודאי אן ענין פון תשובה פאר די אידען פון וויטעבסק, איינשליסענדיג אויך זיי, די שלוחים, וועלכע זיינען געשטעלט געוואָרען אונטער ארעסט ניט וויסענדיג פארוואָס און פארווען.

א צווייטער פון די ארעסטירטע שלוחים, ר׳ עזריאל יעקב, אז ער האָט געהערט די מעשה וואָס ר׳ שלמה אהרן האָט דערציילט, האָט ער צו דעם געהאט עפּעס צוצוגעבען.

ווי עס האָט זיך שפּעטער ארויסגעוויזען, איז דער גאנצער ענין פון דעם ארעסט פון די וויטעבסקער ראשי הקהל און דער סטראשונאָק ארויסצוטרייבען אלע אידען פון שטאָט געקומען ווי א פועל יוצא פון א געוועט צווישען וואָיעוואָדע און דעם העכסטן קאטוילישען גייסטליכען פון שטאָט.

דער וואָיעוואָדע האָט געהאט פאָרגעוואָרפען דעם גלח, אז אידען זיינען מער צוגעבונדען צו זייער אמונה, ווי די גוים צו זייער אמונה און האָט פאר דעם באשולדיגט די גלחים זעלבסט. דער גלח איז אָבער באשטאנען, אז אידישע פרומקייט איז נאָר אן אָנשטעל און אז אין אמת׳ן זיינען אידען גאָרניט קיין צדיקים. זאָלען זיי נאָר זיך געפינען אין אן עת צרה און מיינען אז דער אויבערשטער העלפט זיי ניט און זיי וועלען באלד אין אים ווידערשפעניגען, האָט גע׳טענה׳ט דער גלח.

איז ביי די צוויי באשלאָסען געוואָרען אָנצוזאָגען א שרעק אויף די אידען. דער וואָיעוואָדע האָט געלאָזט ארעסטירען די ראשי הקהל און געלאָזט וויסען, אז אידען וועלען מוזען פארלאָזען וויטעבסק.

דריי טעג זיינען די ראשי הקהל געהאלטען געוואָרען אין תפיסה, און די אידען פון שטאָט אין שרעק פון די גזירות. פאר דער גאנצער צייט זיינען שלוחים פון וואָיעוואָדע און דעם גלח געגאנגען צווישען אידען אויסצוגעפינען וואָס עס קומט פאָר.

לויט דעם גלח, האָבען אידען איצט געדאַרפט ווייזען, אַז זיי האָבען ווייניג אמונה אין רבונו של עולם. אָבער גראָד דאַמאָלט האָבען אידען אָנגעהויבען רופען צום אויבערשטען. דער וואָיעוואָדע האָט געוואונען זיין געוועט און ער האָט ניט נאָר באַפרייט די ראשי הקהל נאָר אויך געלאָזט וויסען, אַז די גזירות ווערען צוריקגערופען.

האָבענדיג געהערט אָט דעם סוף פון דער מעשה האָבען די אַרעסטירטע שלוחים אָנגעהויבען האָפען, אַז אויך אין זייער פאַל וועט עס זיך ענדיגען אויף אַן עהנליכען אופן. דערוויל זיינען אַוועק שעה'ן און זיי זיינען נאָך אַלץ געווען אין פאַרשלאָסענעם חדר.

ענדליך איז די טיר אויפגעשלאָסען געוואָרען און אַן עלטסטער האָט זיך באַוויזען. ער האָט די שלוחים געלאָזט וויסען, אַז ער וועט זיי פיהרען צום וואָיעוואָדע, אָבער דער וואָיעוואָדע וועט פאַר זיי ניט זיין פאַרטיג, ביז ער וועט ניט האָבען אויסגעבאָדען און אָנגעקאָרמעט זיין באַליבטען הונט.

עס איז געווען אַן אופן ווי אַזוי די אידען צו דערנידעריגען און זיי צו ווייזען אַז דער וואָיעוואָדע האַלט זיין הונט אין גרעסערע חשיבות ווי זיי, די שלוחים פון דער וויטעבסקער קהילה. דאָס האָט די שלוחים אַריינגעיאָגט אין אַ געדריקטער שטימונג.

אָבער זיי האָבען זיך געשטאַרקט און געבליבען וואַרטען אין דעם נייעם חדר וואו מען האָט זיי געבראַכט צו וואַרטען אויפ'ן וואָיעוואָדע, וועלכער האָט צו ערשט געדאַרפט זיך אָפּפאַרטיגען מיט זיין כלב. אַ לענגערע צייט איז פאַראיבער און דער פריהערדיגער בעאַמטער האָט זיך ווידער באַוויזען פאַר זיי און זיי געלאָזט וויסען, אַז ענדליך וועט דער וואָיעוואָדע זיך פאַר זיי באַלד באַווייזען. זאָלען זיי זיין גרייט איהם צו געבען דעם געהעריגען קבלת פנים.

ענדליך האָט זיך די טיר געעפענט צום צווייטען מאָל. צוערשט האָט זיך באַוויזען אַ כלב. נאָך איהם איז געקומען דער וואָיעוואָדע מיט אַ קאַנטשיק אין האַנט.

אַז דער וואָיעוואָדע האָט דערזעהן פאַר זיך די אידען האָט ער זיך אַ ווענד געטאָן צו זיין כלב און געזאָגט צו איהם:

— גיב די האַנט צו די געסט און נעהם אויף פון זיי די געשריבענע בקשה און גיב עס צו מיין אַרויסהעלפער — דער בעאַמטער

וואָס האָט דעם וואָיעוואָדע נאָכגעפאָלגט אין חדר אריין. צום בעאמטען האָט דער וואָיעוואָדע א זאָג געטאָן:

— געפין אוים וואָס זיי ווילען.

די שלוחים האָבען באלד דערקלערט אז זייער איינציגער פארלאנג איז אויסצוגעפינען, פארוואָס די ראשי הקהל זיינען ארעסטירט געוואָרען.

דער וואָיעוואָדע האָט זיך אָנגעברוגז'ט:

— זייער חטא וועל איך באקאנט מאכען נאָכדעם ווי זיי וועלען אָפּזיצען אין תפיסה א לענגערע צייט — האָט ער געזאָגט מיט חוצפה. איך וועל דאמאָלסט אייך לאָזען וויסען מיט וואָס זיי וועלען קענען אויסקויפען זייער זינד. וואָס איז נוגע דעם בעל טאקסע סגל'ען, קען איך אייך זאָגען אז א שווערע שטאָרף דערוואַרט איהם.

דאָס איז געווען אלץ וואָס דער וואָיעוואָדע האָט געוואָלט זאָגען און ער האָט באלד געהייסען די אידען פארלאָזען דאָס הויז.

## קד.

## דעם בעל שם טוב'ס רוח הקדש

**דעם בעל־שם־טוב'ס שליח. — די געהיימניס פון דער גזירה ווערט אויפגעדעקט. — די משפחה סגל.**

דערשלאָגענע זיינען די שלוחים פון דער וויטעבסקער קהלה אוועק פון וואָיעוואָדע. זייער שליחות איז געווען א דורכפאל. זיי האָבען גאָרניט געקענט דערגעהן וועגען דעם חטא און דעם גורל פון די ארעסטירטע ראשי הקהל.

אויך די פארזוכען צו דערגיין עפּעס וועגען די ארעסטירטע אויף אנדערע אופנים, איז ניט געלונגען. די פּריצים, וואָס זיינען געווען נאָהענט מיט'ן וואָיעוואָדע און דורך וועמען מ'האָט דערוואַרט צו באנוצען שתדלנות, זיינען דאמאָלט געווען פארנומען מיט'ן יאגד אין די וועלדער, ביי ווילייקע, נישט ווייט פון ווילנע.

דער אידישער פּראָפעסאָר זאב וואָלף, אויך באקאנט אלס עטינגער, האָט פּרובירט אויסצונוצען די קלענערע לאַנד באַזיצער. אָבער זיי האָבען געלאָזט וויסען, אז זיי ווילען אין אזוינע ענינים זיך ניט מישען.

האָבען אידען נאָר געקענט ווייטער מתפלל זיין און פאסטען תעניתים.

א באזונדערער כרוז איז ארויסגעגעבען געוואָרען מצד די רבנים פאר א תענית צבור, וואָס זאָל זיין חל פאר מענער און ווייבער, יונג און אלט.

אין טאָג פון אָט־דעם תענית צבור איז געקומען דער נסתר ר׳ מלכיאל צו דעם עלוי ר׳ יוסף יצחק פון שאריי און אים מודיע געווען, אז צו די געהיימע חסידים פון וויטעבסק איז געקומען א שליח מיוחס פון בעל שם טוב, אָנזאָגענדיג זיי, אין נאָמען פון זייער מנהיג, צו פאסטען דריי טעג, און אז אויף פארשיידענע וועגען זאָלען זיי מעורר זיין דעם אידישען עולם אין שטאָט צו האָבען בטחון אין רבונו של עולם.

דער שליח מיוחס פונ׳ם בעל שם טוב איז געווען דער באוואוסטער צדיק ר׳ קהת. אין נאָמען פון בעל שם טוב האָט ר׳ קהת מודיע געווען, אז אין צען טעג ארום וועט קומען די ישועה פאר די אידען אין וויטעבסק, און דער טרויער וועט פארביטען ווערען אין א שמחה.

דערביי האָט דער בעל שם טוב געהאט אָנגעזאָגט, אז דאָס זאָל דערווייל בלייבען דער סוד פון יחידי סגולה.

ר׳ קהת האָט אין זעלבינען טאָג פארלאָזען וויטעבסק, און די דאָרטיגע באהאלטענע חסידים האָבען אָנגעפאנגען דעם דריי־טאָגיגען תענית, וואָס דער בעל שם טוב האָט זיי געהייסען פאסטען.

דאָס איז געווען צום ערשטען מאָל, וואָס ר׳ יוסף יצחק האָט זיך דערוואוסט, אז אין וויטעבסק זיינען פאראן געהיימע חסידים. ער האָט געבעטען ביי ר׳ מלכיאל׳ן, אז ער זאָל איהם מיט אָט־די חסידים צוזאמענפירען. ר׳ מלכיאל האָט איהם אָבער געלאָזט וויסען, אז ער איז פארזאָגט געוואָרען דאָס ניט צו טאָן — ניט צוזאמענצוברענגען דעם עלוי מיט די חסידים פון וויטעבסק ביז ס׳וועט קומען פאר דעם אן אָנזאָג פונ׳ם בעל שם טוב.

ר׳ יוסף יצחק האָט זיך פון דעם שטארק מצער געווען. ער האָט עס אָנגענומען פאר א באווייז, אז ער איז אין בעל שם טוב׳ס

אויגען נאָך ניט געווען ראוי צוזאמענגעפירט צו ווערען מיט די באהאלטענע חסידים. מעגליך, אז ער האָט נאָך זיך ניט געהאט דערגרונטעוועט צו דעם נייעם דרך פונ׳ם בעל שם טוב.

ער האָט זיך אויסגערעדט זיין הארץ פאר ר׳ מלכיאל׳ן, אָבער יענער האָט אים געזאָגט, אז מסתמא זיינען דערביי אויך דאָ אנדערע טעמים, וואָס וועלען זיך מיט דער צייט אויפקלערען.

ר׳ מלכיאל האָט איהם דערביי גע׳עצה׳ט, אז ער זאָל שרייבען צו זיין מדריך אין חסידות, דעם נסתר ר׳ משה ניסן, און ביי אים פרעגען, וואָס אזוינס ער דארף מתקן זיין, כדי צו קענען דערפילען זיין וואונש און זיך פארבינדען מיט די פארבאָרגענע חסידים פון שטאָט.

דערווייל האָט אין שטאָט עפּעס פּאסירט: איינמאָל שפּעט ביינאכט איז צו איינעם פון די ראשי הקהל געקומען דער פארבער ר׳ שמערל אייזיק און געהאט עפּעס וויכטיגס צו דערציילען.

ווי א פארבער און אויסקאלכער פון הייזער, פלעגט איהם אויסקומען צו טאָן ארבעט ביי גאָר געהויבענע גוים, אין פּריצישע הויפען און אויך ביים וואָיעוואָדע. גראָד האָט ער אין די לעצטע טעג געהאט אויסצופארבען די ווענט און צו פאררייכטען דעם טינק, אין עטליכע חדרים פון דעם וואָיעוואָדע׳ס פּאלאץ.

כאָטש א גרויסער אכזר, איז אָבער דער וואָיעוואָדע צו אָט דעם פארבער געווען צוגעלאָזט. ער האָט נאָך געקענט ר׳ שמערל אייזיק׳ס טאטען און זיין פעטער, וועלכע זיינען ביידע געווען פארבער און געטאָן זייער ארבעט אָט ווי ר׳ שמערל אייזיק, אין רייכע גוי׳אישע הייזער.

מיט א טאָג צוריק, אז ר׳ שמערל אייזיק איז געקומען טאָן זיין ארבעט האָט ער באגעגענט דעם וואָיעוואָדע, וועלכער איז געווען אן אָנגע׳ברוגז׳טער. פונדעסטוועגען האָט ער איהם געענטפערט פריינטליך אויף זיין "גוט-מאָרגען".

פון דערווייטענס האָט ער זיך צוגעהערט ווי דער וואָיעוואָדע רעדט צו זיין ווייב, סטראשענדיג, אז ער וועט די ארעסטירטע ראשי הקהל און באזונדער דעם רייכען ר׳ אברהם סגל׳ן "שינדען די הויט" און זיי שלאָגען מכת רצח. שפּעטער האָט ער אויסגעפונען, דאָס וואָס קיינער האָט נאָך ביז דאַן ניט געוואוסט, וואָס האָט געשיינט צו זיין די סיבה פאר׳ן ארעסט פון די ראשי הקהל מיט סגל׳ן אין דער שפּיץ;

און דאָס איז וואָס די פּוילישע ממשלה, וועלכע האָט דאַמאָלט געהאַט איר זיץ אין קראָקע, האָט פאַרלאַנגט פון סגל׳ן א הלואה אָהן פּראָצענט — א סומע פון הונדערט און פופציג טויזענט גילדען אויף צוויי יאָהר, אָבער סגל האָט זיך אנטזאָגט, דערקלערענדיג, אז ער קען נאָר שאפען א סומע פון צוואנציג טויזענט גילדען.

איצט האָט דער וואָיעוואָדע געוואַרט אויף א געוויסען לודוויק׳ן וואָס האָט געזאָלט אונטערקומען פון קראָקע קיין וויטעבסק, כדי דעם ענין וועגען דער הלואה אויפצונעמען אויף דאָס ניי, מיט סגל׳ן און די אנדערע ראשי הקהל.

ר׳ שמערעל אייזיק האָט עס געהאַלטען פאַר זיין חוב, צו קומען דערציילען דאָס וואָס ער האָט אויסגעפונען, צו איינעם פון די ראשי הקהל. דאָס איז געווען די ערשטע ידיעה וועגען דער סיבה פון׳ם ארעסט, וואָס האָט ארויסגערופען אזא בהלה אין וויטעבסק.

איצט איז שוין אפילו געווען פאַרשטענדליך פאַרוואָס מ׳האָט פאַר׳ן ארעסט געמאכט אן איבערפאַל אויף סגל׳ס הויז און דאָרט פאַרנומען אלע געלטער און צירונג וואָס מען האָט געפונען. די כוונה איז געווען אויסצוגעפינען אויב סגל האָט טאַקע געזאָגט אמת, אז ער איז ניט ביכולת צוצושטעלען דער ממשלה די הלואה אויף הונדערט און פופציג טויזענט גילדען.

דאָס וואָס דער וואָיעוואָדע האָט געוואַרט אויף דעם דערמאָנטען לודוויק׳ן פון קראָקע האָט געזאָלט אָנדייטען, אז ערשט ווען אָט דער לודוויק וועט קומען וועט מען זיך ערשט נעמען צו סגל׳ען און די אנדערע ארעסטירטע ראשי הקהל און דאן צו אלע אנדערע אידישע עשירים פון וויטעבסק, באַשטייענדיג, אז זיי מוזען שאפען די הלואה, אין וועלכער די ממשלה האָט זיך גענויטיגט.

אויב אזוי האָט עס געשמעקט מיט א גרויסער סכנה פאַר אלע אידען אין וויטעבסק, אידען אין שטאָט האָבען איצט געדאַרפט געוואָרענט ווערען, אז אויב זיי האָבען עפּעס ווערטפוילעס זאָלען זיי עס באַהאַלטען, וואָרום מ׳האָט שוין געהאַט געהערט וועגען דעם דערמאָנטען לודוויק׳ן, אז ער האָט זיך "אויסגעטויגט" אין אוועקרויבען פון אידען זייער האָב און גוטס, כדי אָנצופילען די ליידיקע קאַסע פון דער ממשלה.

עטליכע טעג זיינען אוועק און מען האָט ניט געהערט קיין נייע ידיעות וועגען די ארעסטירטע אידישע מנהיגים. אז עס איז געקומען פרייטאָג פאַרנאכט און אידען האָבען אָנגעפילט די שולען צו קבלת שבת, האָט

זיך אין גרויסען בית מדרש פּלוצים באוויזען אויף דער בימה דער קרעמער שמואל דער לאנגער — גערופען האָט מען אים לאנגער דערפאר וואָס ער איז געוועזן הויך און דערצו געהאט א הויכען קול — און האָט ארויסגערופען: — אידען, איך האָב פאר אייך א גוטע בשורה! ר' אברהם סגל און זיינע חברים, די ראשי הקהל, זיינען ארויס פריי. זיי געפינען זיך אין זייערע היימען מיט זייערע ווייבער און קינדער.

און כדי דער עולם זאָל וויסען, ווי אזוי דאָס איז געשעהן, האָט שמואל דער קרעמער דערציילט, אז ערשט פאר ליכט-בענטשען איז אין שטאָט ארונטערגעקומען דער אידישער פּאָסעסאָר זאב וואָלף עטינגער און איז גלייך אוועק צום וואיעוואָדע און אויסגעלייזט אויף זיין ערבות די ארעסטירטע מנהיגים.

די גוטע בשורה האָט אלעמען שטארק דערפרייט. דאָס איז געוועזן פּונקט צען טעג נאָכדעם ווי דער שליח פון בעל שם טוב ר' קהת האָט אָנגעזאָגט די פארבאָרגענע חסידים אין שטאָט, ווי אויך ר' יוסף יצחק'ן, אז אין צען טעג ארום וועט קומען די ישועה.

פאר דעם ברייטען עולם אין שטאָט איז עס אָבער געבליבען פארבאָרגען. זיי האָבען נאָך ניט געוואוסט פון בעל שם טוב און אויך ניט געוואוסט פון זיין רוח הקודש, מיט וועלכען כח ער האָט עס פאָראויסגעזאָגט.

אָבער מיט זייער באפרייאונג איז נאָך דער ענין ניט געווען פארענדיגט.

ר' אברהם סגל, שוין אויף די עלטערע יאָהרען, איז דאמאָלט געווען באקאנט איבער גאנץ פּוילען. ס'האָבען איהם געקענט אידען און, להבדיל, ניט-אידען. ער איז געווען גאָר א גרויסער חשוב אין די העכסטע קרייזען פון דער פּוילישער ממשלה. ער האָט געהאנדעלט מיט פירשטען און גרויסע שררות.

אין אמת'ן איז שוין די סגל משפחה געווען באקאנט אין פּוילען פאר איבער הונדערט יאָהר. נאָך ר' אברהמ'ס זיידע, ר' מרדכי אהרן סגל, וועלכער האָט געהאלטען די טאקסע איבער אלע דיסטילאציעס אין פּוילען, מיט זיין שותף ר' טעוועל, פלעגען אָפט פארלייען גרויסע סכומים געלט צו דער ממשלה. איינמאָל האָבען זיי די רעגירונג פארזאָרגט מיט א באזונדער גרויסע סומע געלט אויף גאָר לייכטע באדינגונגען.

מיט דעם האָבען זיי שטארק אויסגענומען ביי דער ממשלה און געבראכט גוטס פאר די אידען אין לאנד.

ר' אברהם סגל איז געגאנגען אין די דרכים פון זיין זיידען, אויך זיין פרסום איז געווען גרויס איבער'ן לאנד.

בעת מ'האט ר' אברהם'ן ארעסטירט און געמאכט דעם איבערפאל אויף זיין הויז, האט זיין זוהן, יהודה ליב באלד געלאזט שפאנען זיין קארעטע און זיך אין איילעניש געלאזט קיין ווארשע און פון דארט קיין קראקע, כדי צו זעהן זיך מיט די הויכע שררות און זיי דערציילען וואס ס'איז געשעהן מיט זיין פאטער און די אנדערע ראשי הקהל, וועלכע מען האט ארעסטירט, אפילו ניט אנגעבענדיג די סיבה פון זייער ארעסט.

די פירשטען ראדזיוויל און ליובאמירסקי, וואס האבען געפירט געשעפטען מיט אידען און זיינען געווען פריינטליך צו אידען, האבען באלד געוויזען זייער גרייטקייט צו העלפען. זיי האבען אפילו פארלאנגט, אז מען זאל דעם ארעסטירטען סגל'ן באעהרען מיט'ן טיטעל — שלאכטעץ — כדי ער זאל באלד דארפען באפרייט ווערען, און דער וואיעוואדע אין וויטעבסק, און אנדערע שררות זאלען ניט זיין ביכולת אויסצוזעצען געגען איהם.

## קה.

### פון טרויער צו פרייד

**א נייער בילבול. — ר' זאב וואלף עטינגער, דער שתדלן. — פון טרויער צו פרייד.**

עס איז געווען א שבת אין דער פריה. די וויטעבסקער אידען זיינען געווען פארזאמעלט אין די שוהלען ביים דאוונען, און מיט אמאל האבען זיך צעקלונגען די גלעקער פון אלע שטאטישע קלויסטערס. אלע האבען געוואוסט וואס דאס מיינט. דאס איז געווען א רוף צום עולם זיך צו פארזאמלען אין דער הויפט־קירך, כדי צו הערען וואס דער הויפּ־גייסטליכער האט צו זאגען.

אידען זיינען נאטירליך ניט געגאנגען הערען די דרשה פונ'ם גלח. זיי האבען אבער זיך משער געווען, אז עפעס שמעקט עס מיט א נייער צרה פאר זיי. ווארום וואו נאר א צרה, געהט עס תמיד אוים צו אידישע קעפ.

די ראשי הקהל מיט׳ן בעל טאקסע, דער גביר ר׳ אברהם סגל, זיינען טאקע פונקט ערב שבת באפרייט געווארען, נאכדעם ווי דער רייכער אידישער פאסעסאר ר׳ זאב וואלף, אדער ווי ער איז אויך געווען באקאנט מיט זיין פאמיליען נאמען — עטינגער — האט פאר זיי געגעבען ערבות. אבער דער ענין איז נאך ניט געווען דערלעדיגט, אפילו וואס איז נוגע די דאזיגע ראשי הקהל.

דער וואיעוואדע האט נאך געהאט גענוג אורזאכען צו זיין אויפגעבראכט אויף אידען פון וויטעבסק. באזונדער האט זיך איהם געוואלט נוקם זיין אין די אידען פון שטאט. זיין צארן האט געברענט אויף זיי.

פיהלענדיג אין פאראויס, אז עס שמעקט מיט א נייער צרה, האבען אידען נאכ׳ן דאווענען, זיך איינגעשלאסען אין זייערע הייזער. זיי האבען פשוט ניט געוואגט זיך צו ווייזען אין גאס.

באלד איז געקומען די ידיעה, אז די דרשה פונ׳ם הויפט גלח איז געווען א העצערישע געגען אידען. דער גלח האט געטאן דעם ווילען פון וואיעוואדע. וויסענדיג אז די אידען האבען געשיקט שלוחים קיין קראקע דארט זיך משתדל זיין, וועגען די ארעסטירטע ראשי הקהל, האט ער געפיהלט, אז זיין מערכה וועט ניט זיין קיין גאר גוטע. האט ער דערפאר געוואלט פארקאכען אן אנדער קאשע — אויפרייצען דעם גוי׳אישען המון געגען די אידען.

האט דער גלח אוועקגעלייגט א דרשה וואס איז געווען איין גרויסער בלבול אויף די אידען: די אידען נארען אפ די פריצים. זיי קויפען ביי זיי אפ אלע זייערע פראדוקטען בחצי חנם. דאן בארויבען זיי דעם גוי׳אישען המון דורך רעכענען זיי הויכע פרייזען פאר אלץ וואס די גוים דארפען האבען פאר זייער געברויך. די אידען ווערען רייכער פון טאג צו טאג. עפעס זאל געטאן ווערען צו דעם, האט דער גלח געפאדערט.

די גאנצע דרשה האט געשמעקט מיט פאגראם. עס האט געהייסען, אז פאר די גוים בלייבט ניט קיין אנדער ברירה ווי זיך אריינצורייסען אין די אידישע הייזער און אין זייערע געשעפטען און אוועקרויבען אלץ וואס זיי וועלען דארט געפינען.

דורך אזא איבערפאל אויף אידען, האט דער וואיעוואדע קענטיג געוואלט זיך ראטעווען ביי דער ממשלה אין קראקע. זאל מען דארט וויסען, אז אויב דער וואיעוואדע האט געהאנדעלט שטרענג מיט די אידען, איז עס נאר געווען צו האלטען דעם המון אונטער קאנטראל,

אָבער אפילו מיט אַלע זיינע באמיהונגען האָט ער דעם המון ניט געקענט בארוהיגען, און איבערפאַלען אויף אידען זיינען דאָך פאָרגעקומען.

ווען די ידיעה פון אָט דער העצערישער דרשה פונ׳ם גלח איז פארשפרייט געוואָרען צווישען די אידען אין וויטעבסק יענעם שבת, זיצענדיג איינגעשלאָסען אין זייערע היימען, האָט אין יעדען הויז אויס־געבראָכען א געוויין.

קיינער האָט ניט געוואוסט מיט וואָס דאָס וועט זיך ענדיגען. דער דערוואַרטער פאַגראָם האָט געקענט אויסברעכען יעדער שעה.

לויט ידיעות, וואָס מען האָט אידען איבערגעגעבען, האָט דער גלח פארענדיגט זיין דרשה מיט אן אָנזאָג צו זיינע צוהערער, אז זיי זאָלען קומען איהם הערען נאָכאמאָל, מאָרגען — זונטאָג. מאנכע האָבען אין דעם געזעהן א שטיקעל טרייסט. עס האָט געזאָלט הייסען, אז אויב אפילו מען קען זיך ריכטען אויף אן איבערפאַל, וועט עס נישט געשעהן ביז אויפ׳ן צווייטען טאָג.

דאָס האָט געמיינט חיי שעה. א שטיקעל טרייסט איז עס געווען אָבער ניט געווען, אז אידען אין וויטעבסק זאָלען זיך בארוהיגען.

ווען אָט די ידיעה האָט דערגרייכט דעם יונגען עלוי ר׳ יוסף יצחק׳ן פון שטאָט, האָט ער זיך געוואונדערט ווי אזוי דעם בעל שם טוב׳ס נבואה וועט דאָ מקוים ווערען. דער בעל שם טוב האָט דורך זיינע שלוחים געהאט פאָראויס געזאָגט, אז די ישועה פון די ארעסטירטע ראשי הקהל וועט קומען און זי איז געקומען, אָבער דאָ איז מיט אמאָל געקומען א נייע צרה — און טאקע פאר׳ן גאנצען קהל. ווי אזוי האָט עס זיך געשיקט אין אָנגעזיכט פון דעם וואָס דער בעל שם טוב האָט געהאט געזאָגט?

האָט ער טאקע געגלויבט באמונה שלימה, אז אויך צו דער נייער צרה וועט קומען א דערלייכטערונג. ער וואָלט וועגען דעם געלאָזט וויסען די אידען אין שטאָט און זאָלען זיי ניט האָבען קיין פארשטערטן שבת. אָבער דער בעל שם טוב האָט געהאט אָנגעזאָגט צו קיינעם ניט צו ריידען וועגען דעם. עס איז נאָך ניט געקומען די צייט, אז מען זאָל שוין קענען ריידען וועגען בעל שם טוב און זיין רוח הקודש אין דער אָפען.

האָט ר׳ יוסף יצחק געשוויגען. ער האָט וועגען דעם בלויז איבערגערעדט מיט זיין כלה דבורה לאה׳ן. ער האָט וועגען דעם אויך

גערעדט מיט די נסתרים און פארבאהאלטענע חסידים אין וויטעבסק. אָבער דער ענין האָט נאָך געדארפט בלייבען בסוד.

אָבער דער בטחון וואָס ר' יוסף יצחק און די אנדערע באהאלטענע חסידים האָבען געהאט אין בעל שם טוב, האָט זיך באלד ארויסגעוויזען צו האָבען געווען באגרינדעט אויף עפּעס ממשות'דיגס. עס האָט נישט גערויערט לאנג און די גלעקער פון די וויטעבסקער קלויסטערס האָבען זיך ווידער צעקלונגען איבער'ן שטאָט. ווידער האָט מען גערופען דעם המון זיך צו פארזאמלען. אָבער אלע האָבען שוין געוואוסט אז דאָס קלינגען צום צווייטען מאָל איז געווען פון אן אנדער מין.

דאָס ערשטע מאָל האָבען די גלעקער אָנגעזאָגט דעם עולם אויף עפּעס ערענסטעס, עפּעס וואָס האָט געשמעקט מיט שרעק, מיט "טרעוואָגע". איצט האָבען די גלעקער גערופען צו פרייד. עס איז געווען דער אָנזאָג אויף א יום טוב.

וואָס האָט עס געקענט באדייטען? די אידען אין זייערע הייזער האָבען קוים געקענט זיך פאַרשטעלען, אז די לאגע האָט זיך פּלוצים געענדערט צום גוטען. זיי האָבען געמיינט, אז אפשר איז עס נאָר זיי אָפּצונארען, אז זיי זאָלען מיינען אז די געפאהר פאר זיי איז פאַראיבער, בעת אין דער אמת'ן וועלען די גוים ערשט איצט זיי באפאלען, זיי שלאָגען און אפשר אויך מאָרדען און דאן אוועקרויבען זייער האָב און גוטס.

עס האָט גערויערט צייט ביז זיי האָבען זיך דערוואוסט וואָס עס האָט פּאסירט.

צום אלעם ערשטען איז דער פריערדערמאָנטער אידישער פּאָסעסאָר, זאב וואָלף עטינגער געקומען אידען צו הילף. פארברייינגענדיג דעם שבת אין וויטעבסק, נאָכדעם ווי ער האָט אויסגעלייזט פון תפיסה די ארעסטירטע ראשי הקהל, האָט ער זיך איצט פארנומען אויסצואווירקען ביים וואָיעוואָדע, אז ער זאָל זיך אָפּזאָגען פון זיינע רוצח'ישע פּלענער געגען אידען. עטינגער איז געווען א איד מיט גרויס איינפלוס און דערצו אויך א מענש, וואָס האָט געהאט א צוטריט צו די מושלים פון פּוילען און ליטע.

האָט ער דערפאר באשלאָסען צו האָבען מיט'ן וואָיעוואָדע א שמועס און איהם לאָזען וויסען, אז ער קען זיך איינקויפען אין לאסקע ביי אידען און טאקע אויך ביי די מושלים אין לאנד, אויב ער וועט מיט די אידען פון וויטעבסק האנדלען מענשליך און מיט הארץ.

אָבער איידער עטינגער איז נאָך פארטיג געוואָרען מיט׳ן וואָיעוואָדע, איז אָנגעקומען א קוריער אָנזאָגענדיג, אז אויפ׳ן וועג קיין וויטעבסק איז איצט איינער פון די העכסטע מושלים פון לאנד — איינער וואָס איז געשיקט געוואָרען פון קראָקע זיך צו באקענען מיט׳ן גאנצען ענין וואָס האָט דעם וואָיעוואָדע געהאט באוואויגען צו ארעסטירען די ראשי הקהל און דעם גביר ר׳ אברהם סגל׳ן. איצט האָט שוין דער וואָיעוואָדע געדארפט האָבען עטינגער׳ן ווי זיין ארויסהעלפער. ער וועט פאר איהם דארפען זאָגען א גוט וואָרט פאר׳ן הויכן שררה וואָס קומט אין שטאָט אריין. אגב האָט עטינגער יענעם שררה טאקע געקענט פון פריהער. דער וואָיעוואָדע האָט געוואוסט, אז יענער וועט זיך צו עטינגער׳ן צוהערען.

דער וואָיעוואָדע האָט אויך געהאט אן אנדער אויפגאבע פאר זיך — צוצוגרייטען א געהעריגען קבלת פנים פאר׳ן שררה וואָס קומט אָן אין שטאָט.

אָט פאר דעם צוועק האָבען זיך עם די גלעקער פון קלויסטער אויף דאָס ניי צעקלונגען. זיי האָבען גערופען דעם עולם גוים, אזוי גוט ווי אידען, ארויסצוקומען אין די גאסען, אָנגעטאָן אין זייערע יום טוב׳דיגע מלבושים, כדי מקבל פנים צו זיין דעם שררה אין שטאָט אריין.

דער וואָיעוואָדע האָט שוין צעשיקט שלוחים איבער׳ן שטאָט מיט געגויע אינסטרוקציעס, ווי אזוי אידען און ניט־אידען זאָלען אויף זייערע באזונדערע אופנים, אויפנעהמען דעם הויך געשטעלטען גאסט.

די גאסען זיינען איצט פול געוואָרען מיט זעלנער און מיט פאָליציאנטען און סתם מיט א גרויסען יום־טוב׳דיגען עולם. די העצע געגען אידען איז פארגעסען געוואָרען.

עטינגער האָט דערוויל שוין געהאט צוגעגרייט א פלאַן ווי אזוי דער שררה זאָל קריגען צו וויסען אז אידען אין וויטעבסק זיינען גרייט זיך צוזאמענצולייגען א גרויסען סכום געלט און געבען עם דער ממשלה בתורת הלואה. דאָס האָט געדארפט זיין אן אנדער אופן ווי אזוי צו פארגלעטען דעם אָפיציעלען בלבול וואָס איז געמאכט געוואָרען אויף דעם בעל טאקסע סגל׳ן, אז ער ענטזאגט זיך צו געבען דער ממשלה איהר פארלאנגטע הלואה.

אויב עס איז אמת, אז סגל קען ניט צושטעלען דעם גאנצען סכום געלט, קומען איהם צו הילף די אנדערע עשירים פון וויטעבסק.

דער שררה איז דערוויל אויפגענומען געוואָרען ביי זיין ארייגפאָהרען

אין וויטעבסק, מיט גרויס כבוד. אידען האָבען איהם מקבל פּנים געווען אויף זייער שטייגער און די גוים אויף זייער איינענעם אופן. דער וואָיעוואָדע האָט זיך געפיהלט שטאָלץ. עס האָט געהייסען אז ער האָט געקענט באווייזען אז אין זיין שטאָט זאָל אזא בכבוד'יגער גאסט אויפגענומען ווערען מיט'ן געהעריגען כבוד.

אין אָוונט האָט דער וואָיעוואָדע געהאט פאר'ן גאסט איינגעאָרדענט א גרויסען באָל און אויס אנערקענונג צו עטינגער'ן האָט ער איהם און זיין ווייב איינגעלאָדען צום באָל. עטינגער איז געווען דער איינציגער איד וואָס איז צוגעטיילט געוואָרען דער דאָזיגער כבוד.

די אנדערע אידען אין וויטעבסק האָבען אָבער דעם וואָיעוואָדע מוחל געווען דעם כבוד. זיי זיינען געווען גליקלעך וואָס זיי זיינען ניצול געוואָרען פון א צרה.

ר' יוסף יצחק און די אנדערע חסידים פון שטאָט זיינען געווען גליקלעך, וואָס דאָס האָט זיך אלץ אויסגעלאָזט ווי דער בעל שם טוב האָט פאראויס געזאָגט.

וויטעבסק האָט זיך בארוהיגט, און ר' יוסף יצחק האָט זיך געגרייט פאר זיין חתונה מיט דבורה־לאה'ן.

## קו.

### די סודות פון קבלה

**דבורה לאה'ס טאָגבוך. — די געשיכטע פון קבלה. — די קבלה ספרים פון ר' מאיר ן' גבאי. — „קבלה מעשיית" און „קבלה עיונית".**

דער יונגער עלוי פון שאריי ר' יוסף יצחק, איז שוין פון וויטעבסק ניט אוועקגעפאָרען. האָבענדיג געפונען דאָרט זיין באשערטע, די יתומה דבורה לאה, איז ער דאָרט געבליבען ביז דער חתונה, און אויף דער עצה פון זיין מדריך דעם נסתר ר' מלכיאל אין נאָמען פון בעל שם טוב, אויך נאָך דער חתונה.

פאר דער גאנצער צייט, פון דעם קנס־מאָל ביז צו דער חתונה האָט ר' יוסף יצחק געלערנט ביי זיין מדריך קבלה און דעם נייעם דרך החסידות לויט דער אָנווייזונג פון בעל שם טוב. אויף ר' יוסף יצחק'ס

פארלאנג, האָט ר' מלכיאל זיך אונטערגענומען צו טאָן דאָס אויסערגע־וויינליכע — צו לערנען אין געהיים מיט זיין כלה דבורה לאה, וועלכע איז אליין געווען אונטער דער השפעה פון דעם בעל שם טוב'ס נייע לערע, אָבער האָט נאָך אין אָט דער לערע געדאַרפט זיך מער פארטיפען און מיט איר גרינדליכער זיך באקענען.

ר' מלכיאל פלעגט אָפט איבערגעבען ר' יוסף יצחק'ן ידיעות וועגען דער פעולה וואָס דבורה לאה טוט אין לערנען.

— זי האָט גאוניש כשרונות — פלעגט ער וועגען איר ריידען מיט התפעלות — זי האָט א מאנסבילשען קאָפּ, אין איר מוטער רחל, עליה־השלום, געראָטען.

ר' יוסף יצחק פלעגט פון דעם שטארק הנאה האָבען. ער האָט דורכאויס געוואָלט א ווייב א מלומדת.

איינמאָל איז ר' מלכיאל צו אים געקומען און דערציילט מיט גרויס התפעלות:

— איך האָב ביי דבורה לאה'ן געפונען א גייסטיגען אוצר, — האָט ער דעם עלוי איבערגעגעבען.

אָט דער אוצר איז באשטאנען אין כתבים. אָט די כתבים ווי ר' מלכיאל האָט זיך שוין געהאט איבערצייגט, זיינען געווען א מין דברי הימים (א געשיכטע) פון אלע פארגאנגענע דורות פונ'ם קייט פון די משפחות צו וועלכער די משפחה פונוואנען עס איז געקומען דער קינפטיגער גרינדער פון חב"ד האָט געהערט.

דבורה לאה האָט פשוט געהאט פארשריבען אלץ וואָס איר מוטער האָט איר געהאט דערציילט — זי האָט דערצו אליין אויך געהאט עפּעס צוצוגעבען. זי האָט נאָכגעפאָלגט איר מוטער'ס ביישפּיל און פארצייכענט אלץ וואָס זי האָט געהערט פון מענשען נאמנים, אזוי אז צוזאמען האָבען אָט די כתבים אנטהאלטען אזוינע ידיעות וואָס מען האָט ניט געקענט געפינען אין קיינע ספרים.

ר' יוסף יצחק איז געווען נייגעריג צו לייענען די דאָזיגע כתבים און ווען ר' מלכיאל האָט זיי אים געבראכט, האָט ער אין זיי ארייינגעקוקט און איז געווען פארגאפט. אלץ איז דאָרט געווען געשריבען ניט נאָר מיט א סדר נאָר אויך מיט אויסערגעוויינליכער קלאָרקייט.

וואָס ר' יוסף יצחק'ן האָט באזונדער אינטערעסירט, איז דאָס וואָס פון די דאָזיגע כתבים האָט זיך קלאָר ארויסגעוויזען די צעטיילונג

אין דער אידישער מחנה אין משך פון דורות, צווישען די וואס האבען געהאלטען פון קבלה און די וואס זיינען געווען געגען דעם דרך הקבלה. ניט נאר האט מען זיך פון די כתבים באקאנט מיטן אונטערשייד צווישען אט די צוויי שיטות, נאר אויך מיט דעם וואס עס האט געפירט דערצו, אז די אידישע מחנה זאל צעטיילט ווערען. פאר ר' יוסף יצחק'ן האט עס אנטפלעקט אלץ וואס ער האט געוואלט וויסען וועגען דעם, וואס און ווי אזוי עס האט געפירט צו דער נייער לערע פון ר' ישראל בעל שם טוב וואס האט זיך שוין געהאט שטארק פארשפרייט אין דער אידישער וועלט — א לערע וועלכע ער אליין האט געהאט נאכגעפאלגט.

ר' יוסף יצחק האט דאן, פון זיין זייט, אליין אריינגעבראכט א סדר אין אט די כתבים אינ'ם ענין קבלה און עס האט זיך ארויסבאקומען אזוינס, וואס האט געגעבען א גענויע אויפקלערונג וועגען אט דער לערע, וועלכע איז געווען פארהייליגט ביי אידען, אבער וועגען וועלכער עס האט דאך געהערשט א צעטיילונג אין דער אידישער מחנה.

אז צו דער תורה שבכתב איז אויך פאראן א תורה שבעל־פה, איז קלאר פאר אלעמען. אט די תורה שבעל־פה איז איבערגעגעבען געווארען פון דור צו דור, אנפאנגענדיג מיט די סאמע ערשטע דורות. אבער אויב תורה שבעל־פה איז איצט אויך אן ענין פון נגלה, איז אויך פאראן א תורה שבעל פה וואס איז אינגאנצען נסתר — קבלה.

עס איז אנגענומען, אז וואס איז נוגע קבלה שטאמט אט די לערע נאך פון אדם הראשונ'ען. דער "ספר יצירה", וואס אנטהאלט די יסודות פון דער קבלה, איז אנגענומען אז עס שטאמט פון אדם'ן. אט דער ספר האט שפעטער דערגרייכט אברהם אבינו און דאן פון דור צו דור, ביז צו אונזער אייגענעם דור.

קבלה צעטיילט זיך אין צוויי חלקים: אין "קבלה מעשיית" און "קבלה עיונית".

קבלה קלערט אויף דעם סוד פונ'ם באשאף און די געהיימנישען פון מעשה בראשית, ווי אויך די "מעשה־מרכבה", די געהיימנישען פון ג־ט ברוך הוא אליין. דורך דער קבלה קען דער מענש אריינדרינגען אין די סודות פון דער וועלט, צו פארשטיין ווי אזוי עס האט געקענט ווערען א „יש" פון „אין", עפעס פון גארניט, און ווי אזוי עס געשטאלט זיך דער גאנצער כח פון דער יצירה, ניט נאר אין דעם וואס עס עקזיסטירט. נאר אויך אין דעם וואס דאס עקזיסטירענדיגע רעפראדוצירט זיך און איז ממשיך די עקזיסטענץ פון דער יצירה.

"קבלה מעשיית" דריקט זיך אוים אין די ידיעות וועגען דעם סאמען כח מיט וועלכען די וועלט איז באשאפען געוואָרען. לויט דער קבלה ליגט אָט דער כח אין אן אות אָדער אין דעם צוזאמענשטעל פון געוויסע אותיות. דאָס וואָס די חז"ל זאָגען, אז "בעשרה מאמרות נברא העולם", אז דורך צען מאמרים האָט דער אויבערשטער באשאפען די וועלט. אין דעם ליגט דער געדאנק וועגען דעם כח פון די אותיות, וואָס דארפען בלויז געהעריג צוזאמענגעשטעלט ווערען כדי עפּעס צו באשאפען און דאנגענען עפּעס צו פאַרניכטען, ווענדענדיג זיך אָן דעם ווי אזוי דאָס באהעפטען ("צרוף") פון די אותיות ווערט געטאָן.

"קבלה עיונית", ווידער, איז די לערע צו פארשטיין די געטליכקייט, די פילאָזאָפיע פון דער יצירה. עס איז די פארטיפונג פון מענשליכען געדאנק און די דערהויבונג פון מענשליכען שכל.

אָט די קבלה אין אירע צוויי מדרגות, איז איבערגעגאנגען פון דור צו דור, אָט ווי דאָס ווערט געזאָגט, אז די "זקנים" האָבען עס איבערגעגעבען צו די נביאים, די נביאים צו די אנשי כנסת הגדולה, די אנשי כנסת הגדולה צו די תנאים, די תנאים צו די אמוראים, די אמוראים צו די גאונים, און די גאונים צו יחידי סגולה. אלץ איז געטאָן געוואָרען אין דער שטיל, אין הסכם מיטן געדאנק וואָס ווערט ארויסגעזאָגט אין דער מימרא, אז "אין מגלין אלא לצנועין", אז די סודות פון דער קבלה ווערען אנטפּלעקט נאָר צו די אויסדערוויילטע יחידים, אזוי איז עס געגאנגען ביז דעם רבינו בחיי און דעם רמב"ן, וועלכע האָבען אין זייערע פירושים אויף דער תורה אויסגעטייטשט זאכען לויט דער קבלה. אָט די צוויי גדולים האָבען זייער חכמה אין דער קבלה איבערגעגעבען צו זייערע תלמידים, וועלכע, פון זייער זייט, האָבען די קבלה ארייננגעבראכט אין זייערע למודים און אין זייערע וויסענשאפטליכע מקורות פון אלוועלטליכען כאראקטער.

אזוי איז די "קבלה עיונית" געוואָרען דער קנין פון יעדען וואָס האָט געגנוג וויסען און געגנוג פארשטאנד עס צו באנעמען.

דאגעגען איז "קבלה מעשיית" געבליבן ווי תמיד, א סוד וואָס איז אנטפּלעקט בלויז צו יחידים.

די אידישע געלערנטע אין שפּאניע און פּאָרטוגאל האָבען זיך דער עיקר אָפּגעגעבען מיטן געדאנק פון קבלה. דאָרט זיינען געשאפען געוואָרען א סך ספרים באגרינדעט אויף "קבלה עיונית". דער גרעסטער פון די שפּאנישע און פּאָרטוגעזישע מקובלים איז געווען ר׳ מאיר ן׳ גבאי,

וועלכער האָט מחבר געווען דריי ספרים: "תולעת יעקב", א פירוש אויף תפילות; "דרך אמונה", וועגען די צען ספירות פון דער קבלה; און „עבודת הקודש".

אָט די ספרים זיינען ברייט און ווייט פארשפרייט געוואָרען און האָבען געוואונען דעם לויב אין לומדישע קרייזען. דורך די ארויסגע־טריבענע אידען פון שפאניע זיינען די ספרים געבראכט געוואָרען קיין איטאליע, פראנקרייך, בעהמען, פוילען, און אנדערע לענדער וואו עס האָבען זיך געפונען אידישע ישובים, און זיינען אויפגענומען געוואָרען מיט גרויס אינטערעס.

די נאָכפאָלגער פון דער קבלה האָבען זיך פארמערט. איבעראל האָבען לומדישע אידען פלייסיג און מיט טיפען אינטערעס געלערנט די דאָזיגע ספרים.

אָבער בעת אין די דערמאָנטע לענדער פון אייראָפּע האָט מען זיך אָפּגעגעבען מיט "קבלה עיונית", די פילאָזאָפישע זייט פון אָט דעם לימוד. האָט זיך אין די אָריענטאלישע לענדער, אין ארץ ישראל, טערקיי, מצרים און תימן, וואו עס האָבען זיך געפונען באדייטענדיגע אידישע ישובים, פארשפרייט די "קבלה מעשיית". א סך ספרים וועגען דער קבלה פון דעם מין זיינען דערשינען אין כתב־יד און אין דרוק. עס זיינען דערשינען קבלה־ספרים וועגען חכמת היד און פנים, השבעות און הייליגע שמות. אָט די ספרים האָבען געלערנט ווי אזוי צו מאכען אז יחידים זאָלען זיך באנוצען מיט לחשים, ווי מצרף צו זיין אותיות, פותר זיין חלומות און צו פארטרייבען אלערליי רוחות רעות.

ווען אָט די ספרים האָבען דערגרייכט די אידען אין די אייראָפּעאישע לענדער האָבען די לומדים דאָרט געוויזען זייער געגנערשאפט צו זיי.

נאָך מיט א צייט פריער, אין די צייטען פון רשב"א, איז די לומדישע וועלט צעטיילט געוואָרען אין צוויי מחנות, איינע וואָס האָט געהאלטען, אז מען דארף זיך אָפּגעבען דער עיקר מיט נגלה, גמרא און אירע מפרשים, און ניט מיט פארבאָרגענע למודים. די וואָס האָבען געהערט צו דער דאָזיגער מחנה האָבען אפילו ניט געהאלטען פון לערנען אגדה און מדרש.

א צווייטע מחנה האָט גראָד געהאלטען פון אָפּגעבען זיך מיט די סודות התורה. זיי האָבען נאטירלעך אויך געהאלטען פון נגלה, אָבער אגדה און מדרש האָבען זיי געלערנט על פי קבלה.

ביי דער ערשטער מחנה האָט עס ארויסגערופען התנגדות, אָבער ניט פון אזא פארנעם, אז עס זאָל פירען צו א ווירקליכער מחלוקה אין אידישען לעבען.

אזוי האָט עס געדויערט א משך פון דורות, ביז עס זיינען געקומען די דערמאָנטע ספרים פון די וואָס האָבען זיך אָפּגעגעבען מיט "קבלה מעשיית", וועלכע האָבען געוואָלט אריינדרינגען אין די סאמע סודות פון דער יצירה.

דאָס האָט שוין ארויסגערופען דעם צאָרן פון די לומדים וואָס האָבען אין אזא מין קבלה געזען א סכנה. עס האָט געזאָלט הייסען, אז דורך אָט די ספרים האָט יעדער איינער זיך געקענט אָפּגעבען מיטן לימוד פון דער "קבלה מעשיית", צי ער איז געווען ראוי דערצו אָדער ניט.

כדי אָפּצושטעלען דעם לימוד פון דער "קבלה מעשיית", האָבען די גאונים אין די אייראָפּעאישע לענדער אויך פארבאָטען דעם צווייטען מין קבלה — "קבלה עיונית", אפילו ווען זיי זיינען אין תוך ניט געווען געגען דעם.

ארום צוואנציג יאָר נאָכדעם ווי עס זיינען איבער אייראָפּע פארשפרייט געוואָרען די קבלה ספרים פון ר' מאיר ז' גבאי, זיינען געקומען צום אויסדרוק די צוויי שיטות פון דער קבלה: די "קבלה מעשיית" פון דעם אר"י — ר' יצחק לוריא און די "קבלה עיונית" פון ר' משה קורדובירו.ביידע האָבען געהאט ישיבות אין וועלכע מען האָט געלערנט מיט די ישיבה־לייט די שיטה אין דער קבלה פון דעם באטרעפענדען מקובל.

אויף אזא אופן האָבען די צוויי שיטות פון דער קבלה געקראָגען אן אָנהאלט אין דער אידישער לומדישער וועלט, ווייל ביידע האָבען ארויסגעגעבען נאָכפאָלגער וואָס זיינען געווען אי גרוים אין נגלה אי גרוים אין נסתר.

# קז.

## פון קבלה צו חסידות

**דער אר״י הקדוש און דער רמ״ק. — ר׳ אליהו פון ווירמייזע פארשפרייט קבלה. — געגנער און אנהענגער פון קבלה.**

עס האט געמוזט זיין אין יאר שס״ח, ווען דער גרויסער מקובל דער אר״י, וועלכער האט געלעבט אין מצרים, האט זיך איבערגעקליבען קיין צפת, ארץ ישראל, וועלכע איז דאמאלט געווען דער צענטער פון לומדות און קבלה. ר׳ משה קורדובירו, וועלכער האט נאכגעפאלגט זיין אייגענע שיטה אין דער קבלה, איז שוין דארט געווען פון פריער. ר׳ משה האט שוין געהאט גרויס פרסום ווי א מקובל און האט אויך געהאט א סך תלמידים און סתם נאכפאלגער.

כאטש דער אר״י און ר׳ משה זיינען זיך צעגאנגען אין זייערע שיטות — דער אר״י האלטענדיג פון קבלה המעשיית און ר׳ משה קורדובירו, פון קבלה העיונית, האבען זיי אבער בײדע נאכגעפאלגט א געמיינשאפטליכן דרך אין דער קבלה. ר׳ משה איז אין א גרויסער מאס געווארען דער אויסטייטשער פון דעם ארי׳ס געדאנקען.

פאר מער ווי צען יאר האבען ביידע מקובלים געלערנט צוזאמען, און ר׳ משה קורדובירו האט אויסגעברייטערט און מבאר געווען דעם ארי׳ס שיטה אזוי, אז ער האט זיין לערע געבראכט נענטער צום מענשליכען שכל.

דער גאון ר׳ אליהו פון ווירמייזע, באקאנט אויך ווי דער בעל-שם פון ווירמייזע, איז געווען איינער פון די גרויסע מוחות וואס האט אויפגענומען און איינגעזאפט די בשותפות׳ע קבלה שיטה פונ׳ם אר״י און פון ר׳ משה קורדובירו. נאך דאמאלט ווען ער, ר׳ אליהו, איז געווען א בר-מצוה אינגל, איז ער שוין געווען בא׳הבנ׳ט אין אלע חדרים פון דער דאזיגער פארוויקעלטער לערע פון דער קבלה.

א גרויסער בעל הגיון, בעל הסברה און דערצו מיט א קלארער שפראך און גרויסען טאלאנט ווי א בעל-דרשן, האט דער בעל-שם פון ווירמייזע, אט דער שיטה אין קבלה אויך אנגעהויבען פארשפרייטען צווישען אנדערע. א דאנק אים איז קבלה געווארען א לימוד אין א

סך ישיבות פון יענער צייט. פאַרשטייט זיך, אַז כדי צו לערנען נסתר האָט מען צום ערשט געדאַרפט זיין באַלאַדען מיט נגלה.

כדי צו פאַרשפּרייטען דעם לימוד פון קבלה איבער די אידישע תפוצות, האָט ר' אליהו פון ווירמייזא פאַררופען אַן אסיפה פון זיינע תלמידים און נאָכפאָלגער. אויף אָט דער אסיפה איז באַשלאָסען געוואָרען צו שאַפען אַן אגודה פון נסתרים, וועמעס עובדא זאָל זיין אַפּצוריכטען גלות, וואַנדערן פון שטאָט צו שטאָט, פון דאָרף צו דאָרף און אַריינדרינגען צווישען די פּשוט'ע אידען, זיי מעורר זיין לעבודת הבורא און מעשים טובים און צווישען לומדים, זיי צו דערמוטיגען צו לערנען קבלה.

דאָס איז געווען נאָכדעם ווי אין די ישיבות פון אַזוינע שטעט ווי ווירמייזא, פּראַג, לובלין, כעלם און פּינסק איז שוין געווען אַריינגעב־ראַכט דער לימוד פון קבלה.

וואָס איז שייך די חברים פון דער אגודה פון נסתרים, האָבען זיי אין זייערע וואַנדערונגען זיך געדאַרפט אָפּגעבען מיט אַלע פּשוט'ע מלאכות, ווי האַקען האָלץ, טראָגען וואַסער, כדי אויף אַזאַ אופן צו קענען זיין נאָענט צו די אידישע פאָלקס־מענשען און זיי לערנען יראת שמים און מידות טובות.

א סך האָבען אָט די נסתרים זיך באַנוצט מיט די ספרים פון דעם גאון און מקובל, וועלכער איז שוין דערמאָנט געוואָרען פריער, ר' מאיר ן' גבאי. די ספרים זיינען שוין געווען געדרוקט. די נסתרים זיינען פּשוט געוואָרען די פאַרשפּרייטער פון די דאָזיגע ספרים.

אין משך פון צוואַנציג יאָר האָבען די נסתרים אויפגעטאָן וואונדער. זיי האָבען צוגעצויגען טויזענטער צום לימוד פון דער קבלה.

אין יענער צייט איז דערשינען דער ספר „פּרדס" פון דעם מקובל ר' משה קורדובירו און איז געוואָרען אַן אַנדער קוואַל פאַר די נסתרים און זייערע נאָכפאָלגער.

פון דאַמאָלט אָן האָט זיך די אגודה פון נסתרים אָנגעהויבען פאַרשפּרייטען און פאַרצווייגען, שטייענדיג אונטער דער הנהגה פון דעם גאון און צדיק פון ווירמייזא, וועלכער האָט שפּעטער די הנהגה איבערגעגעבען צו דעם בעל שם פון זאַמאָשטש ר' יואל'ן און יענער האָט די הנהגה איבערגעגעבען צו ר' אדם בעל שם פון ראָפּשיץ.

ר׳ ישראל בעל שם טוב, אונטער וועמעס הנהגה עס פאנגט זיך אָן די פארשפרייטונג פון חסידות, האָט די פירערשאפט פון די נסתרים איבערגענומען פון ר׳ אדם בעל שם.

דער יונגער עלוי פון שאריי ר׳ יוסף יצחק האָט איצט געהאט א גרינטליכע ידיעה וועגן דער השתלשלות פון די נסתרים און זייערע מנהיגים ביז צו זיין אייגענער צייט. די כתבים פון זיין כלה דבורה־לאה האָבען אים אין דעם שטארק ארויסגעהאָלפען.

דאָס וואָס איז נאָך פאר אים געבליבען אומפארשטענדליך איז אים אויפגעקלערט געוואָרען דורך זיין מדריך, וואָס דער בעל שם טוב האָט פאר אים באשטימט, דער נסתר ר׳ מלכיאל. ר׳ מלכיאל האָט אפילו געקענט אויפקלערען א סך ענינים צו דבורה לאה׳ן וועגן איר אייגענער משפחה.

כאָטש איר מוטער רחל האָט איר אלץ געהאט איבערגעגעבען, האָט זי אָבער איר נאָך ניט אלץ דערציילט וועגן איר, רחל׳ס, פאָטער ר׳ משה, דער געוועזענער ראש הקהל אין פויזען, וועלכער האָט שפּעטער פארלאָזט פויזען און איז געקומען קיין פוילען און דערנאָך זיך באזעצט אין מינסק.

עס איז מיט ר׳ משה׳ס איבערקלייבען זיך אין פוילען און זיין באזעצען זיך אין מינסק, וואו עס פאנגט זיך אָן די פארשפרייטונג פון אָט דער יחוס׳דיגער משפחה — א משפחה וואָס האָט געצויגען איר אָפּשטאם פון דעם מהר״ל פון פראג — אין פוילען און ליטע און פירט צו דער גרינדונג פון דער נייער שיטה אין חסידות — די שיטה פון חב״ד.

ר׳ מלכיאל האָט גוט געקענט ר׳ משה׳ן, דבורה לאה׳ס זיידען. ער האָט אים געקענט פון מינסק.

בלייבענדיג א קיילעכדיגע יתומה האָט דבורה לאה, ווי מיר ווייסען, זיך אריינגעקליבען צו איר פעטער אין וויטעבסק. זי האָט אָבער אין קיין פאל ניט געוואָלט אוועק פון וויטעבסק דערפאר וואָס דאָרט האָבען זיך געפונען די קברים פון איר פאָטער און מוטער און זי האָט בשום אופן מיט אָט די קברים זיך ניט געוואָלט שיידען.

דער זיידע, ר׳ משה, וואָלט איר גערן גענומען צו זיך אין מינסק. דבורה לאה וועלכע האָט סיי־ווי געוואָלט זיך דוקא מפרנס זיין פון איר אייגענער פּראצע ווי א נייטערין, האָט בעסער געוואָלט בלייבען אין וויטעבסק. כאָטש דאָס האָט איר אָפּגעפרעמדט און דערווייטערט פון

איר זיידען, וועלכער איז אליין געווען אן אדם גדול און מיט וועמען עס איז געווען וואָס זיך צו יחוס׳ן.

עס איז געווען אויפן אָנזאָג פון בעל שם טוב, דורך זיינע שלוחים, אז ר׳ יוסף יצחק, דער עלוי פון שאריי, אליין צו יענער צייט א תושב פון מינסק, זאָל פאָרען קיין וויטעבסק כדי דאָרט צו געפינען זיין באשערטע, וואָס האָט געפירט צו דעם, אז ר׳ יוסף יצחק זאָל זיך משדך זיין מיט דער יתומה דבורה לאה. זייענדיג אין מינסק האָט ר׳ יוסף יצחק א סך געהערט פון ר׳ משה׳ן פון פויזען. מינסק האָט זיך מיט אים נע׳יחוס׳ט און שטאָלצירט.

ער האָט אָבער מיט אים זיך קיינמאָל ניט באקאנט, ניט דאכטענדיג, אז ער וועט ווערען פאר׳קנס׳ט מיט זיין אייניקעל. איצט האָט ר׳ מלכיאל דער נסתר געקענט ביידען, אי ר׳ יוסף יצחק׳ן און אי דבורה לאה׳ן אליין איבערגעבען א סך פרטים וועגען אָט דעם ר׳ משה׳ן פון פויזען און אזוי ארום פאר זיי ביידען קלאָרער מאכען די געשיכטע פון דבורה לאה׳ס יחוס׳דיגע משפחה.

ר׳ מלכיאל איז געווען אין מינסק ווען די קהילה דאָרט האָט איינגעאָרדענט א גרויסען קבלת־פנים פאר ר׳ משה׳ן ווען ער איז אָנגע־קומען אין שטאָט זיך דאָרט צו באזעצען.

ר׳ משה איז דאמאָלט ניט געווען אליין. ער איז געקומען מיט עטליכע צענדליג אידען פון פויזען, נאָכדעם ווי זיי זיינען געווען געצוואונ־גען צו פארלאָזען יענע שטאָט, וואו זייערע משפחות האָבען געהאט געלעבט פאר דורות לאנג.

די מינסקער אידען האָבען שוין געהאט א ידיעה וועגען ר׳ משה׳ס גדלות. דאָס וואָס זיי האָבען אליין ניט געוואוסט האָבען זיי אויסגע־פונען פון די אנדערע פויזענער אידען, וועלכע זיינען געקומען קיין מינסק צוזאמען מיט ר׳ משה׳ן.

אין דעם קבלת־פנים פאר ר׳ משה׳ן האָבען זיך אויך באטייליגט די נסתרים פון מינסק, יענע וועלכע זיינען אין געהיים געווען די נאָכפאָלגער פון די בעלי שם, די מנהיגים פון די נסתרים — די שפּעטער־דיגע חסידים. ביי די נסתרים איז ר׳ משה געווען גאָר א גרויסער חשוב, הויפּטזעכליך פאר זיין אפשטאם פון מהר״ל.

פארשטייט זיך, אז די נסתרים פון מינסק האָבען זיך צו אים ניט ארויסגעגעבען. זיי האָבען זיך אָבער באצויגען צו אים מיט גרויס דרך ארץ, אויך ר׳ משה האָט זיך באצויגען פריינטליך צו די נסתרים.

איינמאָל האָט זיך אָבער ר׳ משה ארויסגעזאָגט נעגען דעם לימוד פון קבלה, ווי דאָס איז געטאָן געוואָרען אין יענער צייט. דאָס האָט געמיינט אז ער האָט זיך באטראכט פאר א געגנער פון קבלה, פון די נסתרים און פאָלגליך אויך פון חסידות, ווי דאָס איז פארשפרייט גע־וואָרען דורך דעם בעל שם טוב.

ווי ר׳ מלכיאל האָט איבערגעגעבען, האָבען זיך דאן די נסתרים אין מינסק אָנגעהויבען דערוווּיטערען פון ר׳ משה׳ן, ביז זיי האָבען אים אינגאנצען אויסגעמידען. עס איז דאמאָלט פאר ר׳ יוסף יצחק אליין געוואָרען קלאָר, פארוואָס קיינער האָט אים אין מינסק ניט מקרב געווען צו ר׳ משה׳ן.

ר׳ משה, הייסט עס, איז פון די חסידים געהאלטען געוואָרען פאר א געגנער און דערפאר האָט קיינער פון זיי מיט אים ניט געוואָלט האָבען קיין מגע ומשא.

הערענדיג דאָס פון ר׳ מלכיאל׳ן, האָט זיך דבורה לאה פון דעם שטארק מצער געווען. איר זיידע איז געווען א מתנגד — א זאך וואָס זי האָט די גאנצע צייט ניט געוואוסט.

דערפאר האָט זי זיך אָבער געטרייסט מיט דעם, וואָס איר צווייטער זיידע ר׳ ברוך, דער מוטער׳ס פאָטער, אָדער ר׳ ברוך בטלן ווי מען האָט אים גערופען אין פויזען, איז געווען אן אָפענער און שטאָלצער נאָכ־פאָלגער פון ר׳ יואל׳ן פון זאמאָשטש און אזוי ארום א צוגרייטער פאר דעם דרך החסידות.

אזוי צי אזוי, ניט נאָר האָט דבורה לאה איצט געדארפט חתונה האָבען מיט א חסיד, א נאָכפאָלגער פון בעל שם טוב, נאָר איז אליין אויך געווען א התלהבות׳דיגע חסידה. וואָס זי האָט נאָך ניט געוואוסט איז, אז איר ברודער ברוך, וועלכער האָט אומגעוואנדערט איבער שטאָט און שטעטלעך, איז געווען באשטימט פון דער השגחה צו זיין דער פאָטער פון ניט קיין אנדערען ווי ר׳ שניאור זלמן, דער גרינדער פון חב״ד.

# קח.

## תורה און גדולה

**די באציאונגען פון די פויפסטען. — רדיפות אין פויזען. — די געשיכטע פון ר' משה פון פויזען. — ר' משה אין רוים.**

חתן־כלה, דער עלוי פון שאריי ר' יוסף יצחק און דבורה לאה, דאס אייניקעל פון ר' משה'ן, דער געוועזענער ראש הקהל פון פויזען, זיינען געווארען שטארק פאראינטערעסירט אין אט דעם אידישען מנהיג וועלכער האט זיינע עלטערע יאהרען אויסגעלעבט אין מינסק און פאר־קערפערט אין זיך תורה און גדולה. א שטיק אידישע געשיכטע איז געווען פארבונדען מיט'ן דאזיגען ר' משה'ן און מיט די דורות פון דער משפחה פון וועלכע ער האט געשטאמט.

ר' משה, וועלכער איז געווען אן אור־אור־אייניקעל פון דעם מהר"ל פון פראג, האט געהאט זיין אייגענעם יחוס. די גאנצע אידישע וועלט פון יענער צייט האט געוואוסט וועגן זיינע גרויסע פארדינסטען ווי איינער וואס האט מקדש השם געווען.

נאך פון די צייטען פון מהר"ל, און א צייט פריהער, האבען אידען אין די קאטוילישע לענדער געהאט אויסצושטיין געברענטע צרות. אט די צרות האבען געשטאמט פון די פאפסטען אין רוים און האבען אויך געהאט צו טאן, אין א גרויסער מאס, מיט די הערשער און גלחים אין די לענדער, פראווינצען און שטעט און שטעטלעך וואו אידען האבען זיך געפונען.

כדי צו האבען א ידיעה וועגן דעם, וואס ר' משה האט געהאט אויסצושטיין פון אט די קאטוילישע פאנאטיקער און פארוואס ער האט שפעטער געמוזט פארלאזען פויזען, וועט זיין נויטיג צוריקגעהן עטליכע דורות און זיך באקאנען מיט'ן אלגעמיינעם מצב פון די אידען אונטער די גזירות וואס די פאפסטען אין רוים פלעגען פון צייט צו צייט ארויסגעבען, כדי זיי צו פייניגען.

אין יאהר שכ"ט האט פאפסט פיוס דער פינפטער גוזר געווען אז די אידען, וואס געפינען זיך אין די לענדער אונטער זיין פאפסטליכער הערשאפט, זאלען ארויסגעטריבען ווערען. בלויז אין רוים און אין אנקאנא זיינען אידען דערלויבט געווען צו בלייבען.

נאָך זיין טויט אין של"ב איז גרעגאָר דער דרייצעהנטער געוואָרען פּאַפּסט און ער האָט די אידען דערלויבט צוריקצוקעהרען אין זייערע פריהערדיגע וואוין ערטער. דערפאר האָט ער אָבער געהאט ארויסגעגעבען גזירות — בנוגע לערנען תורה און היטען אידישקייט אין אלגעמיין. באזונדער שווער איז געווען די גזירה, אז אידען זאָלען קומען שבתים און ימים טובים הערען די גלח'ישע דרשות אין באשטימטע ערטער פאר אָט דעם צוועק.

אין די צוועלף יאָהר, וואָס גרעגאָר איז געזעסען אויפ'ן פּאפּסטליכען טראָהן, האָט ער געזוכט אלערליי תחבולות ווי אזוי צו צווינגען אידען צוצוהערען זיך צו די גלחים, האָפענדיג אז אויף אזא אופן וועט מען זיי באאיינפלוסען צו שמד. באזונדער שווער איז געווען פאר די אידען אין קליינע שטעטלאך און דערפער, וואו זיי זיינען געווען קליין אין צאָהל און האָבען זיך קוים געקענט אויסבאהאלטען פון די גלחים.

די פּאפּסטען, וואָס האָבען געפאָלגט נאָך גרעגאָר'ן, זיינען ניט צו שטארק באשטאנען אויף דער גזירה אז אידען זאָלען קומען הערען די גלחים, אָבער די גלחים האָבען געהאט א פרייע האנט צו קומען צווישען אידען און דרש'ענען פאר זיי וועגען דעם נוצרי און זיינע וואונדער. באזונדער פלעגען זיי זיך צעלאָזען מיט זייערע שמד־דרשות אין משך פון די קריסטליכע חגאות.

עפּעס גיי איז אויפגעטאָן געוואָרען פון וואטיקאן און דאָס איז געווען א באפעהל, אז די העכערע גייסטליכע אין אלע לענדער און פּראָווינצען זאָלען פון צייט צו צייט איינאָרדענען עפענטליכע ויכוחים צווישען פאָרשטייער פון דער קירך און פון די אידען. אָט די ויכוחים זיינען געווען פארבונדען מיט גרויס סכנה, אָפט מיט סכנת נפשות.

די גלחים האָבען אָט די ויכוחים אויסגענוצט כדי צו פייניגען אידען. עס האָט זיך הויפּטזעכליך געווענדעט אין דעם כאראקטער פון די מושלים און פון די גלחים וואָס האָבען אָט די ויכוחים איינ־געאָרדענט.

דער הויפּט פון דער קאטוילישער קירך אין דער פויזנער געגענט, איז, אין דער צייט ווען ר' משה איז געווען ראש הקהל פון פויזען, געווען א גרויסער צורר היהודים. ער האָט ר' משה'ן פּשוט פארביטערט דאָס לעבען.

די ויכוחים, וואָס זיינען איינגעאָרדענט געוואָרען אין פויזען, זיינען געווען אויפ'ן באפעהל פון פירשט מאקסימיליאן וועלכער האָט

געהערשט איבער יענער פראווינץ. די ויכוחים זיינען געווען דער אויסרייד פאר בלבולים אויף אלערליי רשעות'ן. אט די בלבולים און רשעות'ן האבען געפיהרט דערצו אז ר' משה זאל מעהר ניט קענען אויסהאלטען און ער האט זיך אפגעזאגט פון זיין קהל'שען אמט.

פויזען איז אין יענער צייט געווען בארימט פאר איהרע לומדים. דארטיגע אידען האבען זיך זייער אפגעגעבען, אז זייערע קינדער זאלען זיין לומדים.

אזוי איז אויך געווען דער פאל מיט הגאון ר' יהודה לייב דער ראש אב בית דין פון דער שטאט, האט ערצויגען זיין זון משה ביי די בעסטע מלמדים, און אריינברייגנענדיג אים אין ישיבה האט ער אים איבערגעגעבען דווקא צו די גרעסטע ראשי ישיבות.

זייענדיג באשאנקען מיט אויסגעצייכענטע כשרונות, האט ר' משה מצליח געווען אין לערנען און פיל איבערגעשטיגען זיינע חברים.

דערצו איז ר' משה בכלל געווען א מענש מיט אויסערגעוועהנליכע מעלות וואס האבען זיך אויסגעדריקט אין זיין מעטאדישקייט, געלאסענ־קייט און איינגעשטעלטקייט אין לעבען.

ווען ער איז נאך געווען א קינד האט ער זיך שוין געפיהרט ווי א דערוואקסענער. ער איז קיינמאל ניט אין כעס געווארען און האט קיינמאל ניט געוויזען קיין אויפרעגונג. ער האט קיינמאל ניט געוויינט. אפילו ווען ער האט זיך צוקאליעטשעט, האט ער זיך ניט באקלאגט ווי דאס איז דער שטייגער מיט קינדער. ער האט זיך קיינמאל ניט באקלאגט אויף קיין צאהן־ווייטאג אדער קאפ־ווייטאג. ער האט בכלל קיינמאל גאר ניט געמאנט ווי דאס טוען אנדערע קינדער.

צו דריי יאהר האט מען איהם געשיקט אין חדר, ווען ער איז אונטערגעוואקסען און איז שוין געווען מלא וגדוש אין תורה, איז ער געשיקט געווארען קיין פאדוא, איטאליע, וועלכע איז געווען א צענטער פון תורה און אויך וועלטליכע לימודים. פאר די אלע יאהרען האט ער ממש קיין רגע ניט מבטל געווען. ער איז כסדר געווען פארטאן אדער אין לימודי קודש אדער אין לימודי חול.

אפילו נאך דער חתונה, ווען ער האט זיך אנגעהויבען אפגעבען מיט מסחר, האט ער ניט אויפגעהערט לערנען תורה און וויסענשאפט.

א גרויסע תשוקה האט ר' משה געהאט צו נאטור־וויסענשאפט און וועלט־געשיכטע. ער איז אויך געווען א גרויסער שפראכען־קענער.

ער האָט גערעדט פליסיג פראַנצויזיש, איטאַליעניש, דייטש, גריכיש, לאַטיין און אַנדערע שפּראַכען. פון זיין זיידען ר' שמואל'ן, אַן אייניקעל פון מהר"ל, האָט ער גע'ירשנ'ט מבינות אויף צירונג און די קונסט פון גאָלד־גיסעריי.

צוליב מסחר האָט ר' משה געמאַכט נסיעות אין פאַרשיידענע לענדער. וואו נאָר ער איז געקומען, האָט ער תמיד באַזוכט די דאָרטיגע ביבליאָטעקען און האָט שטודירט כתב יד'ן וואָס ער האָט דאָרט געפונען. צוליב זיין שפּראַכן־קענטשאַפט האָט ער אומעטום געמאַכט וויכטיגע באַקאַנטשאַפטען.

פון זיין פאָטער און פון זיין זיידען האָט ר' משה גע'ירשנ'ט אַ סך תורה און וועלטליכע ספרים. ער האָט כסדר געהאַלטען אין צוקויפען נייע ספרים אַזוי, אַז זיין ביבליאָטעק איז געוואָרען איינע פון די גרעסטע און רייכסטע.

אין יאָהר תע"ה ווען די פאַרפאָלגונגען פון די קאַטוילישע גלחים אויף אידען אין פּויזען האָבען איהם שטאַרק צוגעדריקט, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פון זיין אמט אלס ראש הקהל. נאָך אַ ישוב הדעת מיט זיינע בני בית, איז ער געקומען צו דער החלטה אַז ער זאָל פאַרלאָזען פּויזען.

אָפיציעל האָט עס קיינער ניט געטאָרט וויסען, אפילו ניט פאַרדעכטיגען, אַז ער טראָגט זיך אַרום מיט אַזוינע מחשבות. עס האָט געזאָלט הייסען, אַז ר' משה לאָזט זיך אַרויס אויף אַ נייער נסיעה פאַר מסחר. אין אמת'ן האָט ער געזאָלט איבערפיהרען זיין פאַרמעגען אין אַן אַנדער לאַנד און דאָן אויסזוכען ערגעץ אַ מקום מנוחה פאַר דער גאַנצער משפחה. די משפחה האָט געזאָלט איהם נאָכפאָלגען שפּעטער.

ר' משה'ס פאַרמעגען איז באַשטאַנען פון גאָלדענע חפצים, פּערל, דימאַנטען און סתם ווערטפולע אַנטיקען. ער האָט אויך געהאַט אַ היבשען סכום געלט אין מזומנים און דאָן וועקסלען פון פריצים מיט וועלכע ער האָט געהאַנדעלט פאַר אַ סך יאָהרען.

עס האָט גענומען ר' משה'ן מעהר ווי אַ האַלב יאָהר ביז ער האָט אַריבערגעפיהרט זיין פאַרמעגען און זיינע ספרים פון פּויזען קיין אויסלאַנד. דאָן איז ער געפאָהרען קיין פּראַג, וואו עס האָבען זיך געפונען אַ סך פון זיין משפחה, אָפּשטאַמער פון מהר"ל.

פון דאָרט האָט ער זיך פארנומען אויף נסיעות אין א רייהע לענדער. שפּעטער איז זיין הויזגעזינט אָנגעקומען פון פּויזען קיין פּראג, פון וואנען זיי האָבען זיך דאן איבערגעקליבען קיין פּוילען און שפּעטער דערנרייכט מינסק, וואו זיי האָבען געמאכט זייער היים.

פארלאָזענדיג פּראג האָט ר׳ משה באזוכט פּאדוא, איטאליע, וואו ער האָט פארבראכט אין זיין יוגענט און דאָרט געלערנט תורה און וועלטליכע לימודים. בעת ר׳ משה האָט געהאט ענינים פון מסחר, האָט ער אָבער די מעהרסטע צייט אין פּאדוא אָפּגעגעבען צו ויכוחים אין די דאָרטיגע ישיבות בפרט ווען עס איז געווען איבער וואָס זיך מתוכח צו זיין.

זינט זיין יוגענט ווען ער האָט פארבראכט אין פּאדוא, האָט זיך צווישען די אידישע לומדים אין איטאליע אויך אָנגעהויבען פאר־שפּרייטען דער לימוד פון קבלה. דאָס איז געווען פּונקט צו וואָס ר׳ משה האָט ניט געוואָלט מסכים זיין. ווארום ער איז געווען א שטארקער געגנער פונ׳ם לימוד פון קבלה.

פון פּאדוא האָט ר׳ משה באזוכט א רייהע אנדערע שטעט אין איטאליע ביז ער איז אָנגעקומען אין רוים. דאָרט האָט ער זיך גענומען די צייט צו באזוכען די ביבליאָטעק אין וואטיקאן, וואָס איז רייך אין ספרים און כתב יד׳ן.

באקענענדיג זיך מיט׳ן אויפזעהער איבער דער פּאפּסטליכער ביב־ליאָטעק, האָט ר׳ משה געמאכט א גרויסען רושם אויף דעם דאָזיגען פּארשוין, אליין א גרויסער מלומד. דער פאקט וואָס ר׳ משה איז געווען א איד האָט יענעם נאָך מעהר אימפּאָנירט.

ער האָט וועגען ר׳ משה׳ן דערציילט צו די קארדינאלען און יענע האָבען געקראָגען חשק זיך צו באקאָנען מיט אָט דעם אידען וועגען וועלכען זיי האָבען זיך אָנגעהערט אז ער איז א גרויסער קענער אין אידישע און אין וועלטליכע לימודים.

נאָך אייניגע געשפּרעכען מיט איהם, האָבען די קארדינאלען אויסגעדריקט א ווונש מיט איהם צו האָבען אן עפענטליכען ויכוח. אָבער היות דער ויכוח האָט געדארפט געהאלטען ווערען אין א חדר וואו די ווענט זיינען געווען באדעקט מיט צלמים און די קארדינאלען האָבען געטראָגען צלמים אויף זייערע הערצער, האָט ר׳ משה ארויסגעש־טעלט א באדינג, אז די צלמים זאָלען ארונטערגענומען ווערען פון די

וועט און אויך אז די קארדינאלען זאָלען אויסטאָן זייערע צלמים אין דער צייט וואָס דער ויכוח וועט אָנגעהן צווישען איהם מיט זיי.

דאָס האָט די קארדינאלען אריינגעבראכט אין א צאָרן. סטייטש ווי האָט עס א איד אזא חוצפה? עס האָט געזאָלט זיין א באליידיגונג פאר אָט די פּרינצען פון דער קאטוילישער קירך און דער גאנצער קאטוילישער קירך.

סטראשונקעס זיינען געמאכט געוואָרען צו ר' משה'ן. דאָס האָט אָבער אויף איהם ניט געהאט קיין ווירקונג.

ער האָט קלאָהר געמאכט, אז היות ווי לויט'ן אידישען דין איז פארבאָטען צו בויגען דעם קאָפּ פאר צלמים, קען ער דערפאר בשום אופן ניט מסכים זיין צו האָבען מיט די קארדינאלען דעם ויכוח וואָס זיי פארלאנגען, ווען צלמים וועלען הענגען פאר זיינע אויגען.

כאָטש ר' משה'ס האלטונג האָט די קארדינאלען שטארק דערצאָרענט, האָבען זיי אָבער סוף כל סוף דאָך נאָכגעגעבען זיין פארלאנג.

## קט.

## דער ויכוח מיט'ן וואטיקאן

**קארדינאלן אָן צלמים. — אַ אידישער יונגערמאן צווישן די קארדינאלן. — ר' משה זוכט אַ פארבינדונג.**

דער ויכוח צווישען דעם געוועזענעם ראש הקהל פון פּויזען, ר' משה, און די קארדינאלען אין וואטיקאן, איז ענדליך צושטאנד געקומען אויף די באדינגונגען פון דעם גרויסען אידישען מלומד: די קארדינאלען האָבען אין משך פון ויכוח ניט געזאָלט טראָגען קיין צלמים אויף זייערע הערצער. אויך אויף די וועגט פונ'ם חדר, וואו דער ויכוח איז פאָרגעקומען, האָבען קיין צלמים זיך ניט געזאָלט געפינען.

ארום דרייסיג קארדינאלען און אנדערע הויכע קאטוילישע פּערזענליכקייטען פון וואטיקאן זיינען געווען אויף איין זייט, און ר' משה פון פּויזען, אויף דער צווייטער זייט. צוועלף פון די דרייסיג קאטוילישע הויכע פּערזענליכקייטען זיינען געווען באוואוסטע וויסענשאפטלער.

דער סדר היום און די תקנות פאַר׳ן ויכוח האָט געזאָלט איינגע־אָרדענט ווערען אויף א באַזיס פון פולער גלייכהייט פאַרביידע צדדים. ר׳ משה איז אויף דעם באַשטאַנען און די קאַטוילישע קירכליכע פיהרער האָבען ניט ווילענדיג, געמוזט אויף דעם איינגעהן.

היות ווי דער ויכוח האָט געדאַרפט זיין וועגען אַלע פאַזען פון דער אידישער אמונה, האָט ר׳ משה אויסגעפיהרט, אַז דאָס זעלביגע זאָל דעבאַטירט ווערען וועגען אַלע פאַזען פון דער קריסטליכער אמונה. ער איז אויך לכתחילה באַשטאַנען, אַז דער ויכוח זאָל געפיהרט ווערען אין ביידע שפראַכען — לאַטיין און לשון קודש. ער האָט געקענט ביידע שפראַכען.

אָבער צווישען די קאַרדינאַלען האָבען גאָר ווייניג געקענט העברעאיש. געווען צווישען זיי אַזוינע, וואָס האָבען קיין וואָרט העב־רעאיש ניט פאַרשטאַנען. זיי האָבען דערפאַר צוריקגעוויזען ר׳ משה׳ס פאָרלאַנג. אָבער שוין דער פאַקט, וואָס זיי האָבען געמוזט אויסבראַקירען העברעאיש, בעת ר׳ משה האָט די שפראַך געקענט, איז שוין פאַר די קאַרדינאַלען געווען אומבאַקוועם, און טאַקע א פאַטש אין פּנים. דער איד האָט געקענט זייער לשון און זיינעם, און זיי, די קאַרדינאַלען, האָבען עס ניט געקענט.

דער זאַל, וואו דער ויכוח איז פאָרגעקומען, האָט זיך געפונען אין איינעם פון די פּאַלאַצען אין וואַטיקאַן. דאָרט איז געווען גענוג פּלאַץ פאַר א באַדייטענדער צאָל געסט אין צוגאָב צו די באַטייליגטע אין דעם ויכוח — ארום דרייסיג קאַרדינאַלען פון איין זייט, און ר׳ משה, פון דער צווייטער.

עס זיינען אויסגעקליבען געוואָרען א פאָרזיצער, א פּראָטאָקאָל סעקרעטאַר און א קאָמיטעט פון ריכטער, וואָס זאָל אורטיילען וועגען די אַרגומענטען, וואָס וועלען אַרויסגעבראַכט ווערען.

אָבער באַלד ביים אָנפאַנג, ווען עס איז אויפגענומען געוואָרען דער ערשטער פּונקט — וועגען דעם אָרט, וואָס אמונה פאַרנעמט אין מענשליכען לעבען — איז געקומען צו א שאַרפער חלוקי דעות צווישען די קאַרדינאַלען און דעם געוועזענעם פּויזנער ראש הקהל.

נאָכדעם ווי דער קאַטוילישער צד האָט אַרויסגעבראַכט דאָס, וואָס ער האָט געהאַט צו זאָגען וועגען אָט דעם ענין — און אָט דער צד האָט גערעדט דער ערשטער און זיך גענומען א סך צייט — איז געקומען צו ר׳ משה׳ס ריי צו ריידען — איינער געגען א סך.

אָבער ר׳ משה האָט צו ערשט זיך פארנומען צו באווייזען אויף ווי ווייט דער ויכוח ווערט ניט געפירט אויף א גלייכען באזים פאר ביידע צדדים פון סאמע אָנפאנג.

ר׳ משה האָט גערעדט אין א קלאָרן און פליסיגען איטאַליעניש און האָט מיט זיינע רייד געמאכט א טיפען, כאָטש ניט קיין אנגענעמען איינדרוק אויף די הויכע גייסטליכע.

ער האָט זיי פשוט געשטעלט אין א פארלעגענהייט מיט זיינע ארגומענטען, אז זיי, די קארדינאלען, זיינען באגאנגען אומגערעכטיקייטען געגען איהם.

אָט איז איינער געגען דרייסיג, האָט ר׳ משה גע׳טענה׳ט, דאָן אָנווייזענדיג, אז כאָטש די אידישע אמונה איז מיט וואָסערע זעכצען הונדערט יאָהר עלטער פון דער קריסטליכער אמונה, האָט אָבער דער קריסטליכער צד ניט געגעבען דעם אידישען צד — עס הייסט ר׳ משה׳ן — די געלעגענהייט צו ריידען ערשט וועגען דעם ענין אמונה, באזונדערס ווען דער, וואָס האָט דער ערשטער עטאבילירט די אידישע אמונה — דעם גלויבען אין איין גאָט — אויף וועלכען דאָס קריסטענטום האלט זיך צו זיין באזירט — איז געווען אברהם אבינו.

דאָס איז געווען אן אנדער אומגערעכטיגקייט געגען איהם, האָט ר׳ משה גע׳טענה׳ט.

ער איז אויך ארויס מיט טענות בנוגע שפּראך: די קארדינאלען האָבען זיך אנטזאָגט צו לאָזען איהם, ר׳ משה׳ן, ארגומענטירען אין העברעאיש, ווייל זיי האָבען די שפּראך ניט געקענט, ניט קימערענדיג זיך צי ר׳ משה קען זייער שפּראך. אָבער אפילו אויב ער, ר׳ משה, קען יאָ זייער שפּראך, איז עס נאָך אלץ זיין רעכט צו באנוצען העברעאיש אויב ער באשטעהט אויף דעם, פונקט ווי די קארדינאלען באנוצען זייער שפּראך דערפאר, וואָס זיי באשטעהען אויף דעם. זיינע, ר׳ משה׳ס, רייד וואָלטען געקענט איבערגעגעבען ווערען דורך א דאָלמעטשער. אויב עס פעלט גלייכהייט פאר ביידע צדדים, האָט ר׳ משה אונטערשטראָכען, איז דאָך דער גאנצער ויכוח זינלאָז.

זיינע רייד האָבען ממש צעטומעלט די קאטוילישע פירער. איינינגע זיינען אריין אין א גרימצאָרען און געזאָגט, אז דער איד ווייזט צו גרויסע חוצפה און דארף דערפאר באשטראָפט ווערען. די מעהר געלאסענע האָבען אָבער געמוזט צוגעבען, אז ר׳ משה איז גערעכט.

אין יעדענפאל איז די זיצונג איבערגעריסען געוואָרען פאר אן אומבאשטימטער צייט, ביז מ'וועט באשטימען דעם געגויען אופן ווי אזוי דער ויכוח זאָל אָנגעפיהרט ווערען. אזוי צי אזוי, די שטימונג נעגען ר' משה'ן איז געווען אן אָנגעצויגענע אין וואטיקאן.

אויב עס זיינען געווען אייניגע צווישען די קארדינאלען און די אנדערע הויכע גייסטליכע, וואָס האָבען אָנערקענט די גערעכטיקייט פון דעם אידענ'ס טענות און האָבען אפילו געפילט סימפאטיע צו איהם און זיין אמונה, האָבען זיי עס, נאטירליך, ניט געוואגט ארויסצואווייזען אין דער אָפען.

איינער פון אָט די סימפאטיקער און געהיימער פארעהרער פון ר' משה'ן איז געווען דער קארדינאל, וואָס האָט געהאט אויפזיכט איבער דער פאָפסטליכער ביבליאָטעק אין וואטיקאן — דער, מיט וועמען ר' משה האָט זיך געהאט באקענט אויף זיינע באזוכען אין דער דאָזיגער ביבליאָטעק. ווי מיר ווייסען שוין פון פריהער איז עס געווען צוליב אָט דעם ביבליאָטעקער'ס פארלויבען ר' משה'ן פאר די אנדערע קארדי־נאלען, וואָס איז געקומען דער צו, אז דער ויכוח זאָל אראנזשירט ווערען, די כוונה פון ויכוח האָט כלומר'שט געזאָלט זיין א פארמעסט אין גייסטיגע כחות, און וויסען. אָבער אין אמת'ן איז גאָר די כוונה געווען די אידישע אמונה מבזה צו זיין און דעם אידען, ר' משה'ן, צו דיסקרעדיטירען און וויזען, אז ער וויים ניט וואָס ער רעדט.

דער קארדינאל ביבליאָטעקער, אין הארצען א פארעהרער פון דער אידישער אמונה און דערפאר פריינטליך געשטימט צו ר' משה'ן, איז געווען שטארק געערגערט פון דער גאנצער געשיכטע. אזוי ווי ר' משה האָט כסדר באזוכט די ביבליאָטעק, זוכענדיג דאָרט אלטע כתב יד'ן, האָט דער קארדינאל געהאט א געלעגענהייט ניט נאָר צו ריידען מיט איהם, נאָר אויך איהם מקרב צו זיין, ווי ער וואָלט אויף אזא אופן ר' משה'ן געזאָלט מפצה זיין, פאר ארייננציהען איהם אין דעם ויכוח, וואָס האָט איהם, ר' משה'ן, דערווייל געהאט פארשאפט עגמת נפש און איהם געשטעלט אין ניט קיין קליינער געפאר.

דערווייל האָט עפעס פאסירט, וואָס האָט שטארק אויפגערודערט ר' משה'ן.

בעת ער האָט געהאלטען זיין רעדע ביים ויכוח, וואָס האָט פאראור־זאכט, אז דער ויכוח זאָל איבערגעריסען ווערען, האָט ר' משה געהאט באמערקט א פנים צווישען דעם עולם צוהערער, וואָס האָט איהם שטארק אימפאָנירט. דאָס פנים איז געווען באשטימט א אידישער.

עס איז געווען א יונגערמאן, וואָס איז געזעסען צווישען די אנדערע געקליבענע הויכע פּערזענליכקייטען פון וואטיקאן, וואָס זיינען געקומען בייוואוינען דעם ויכוח. ר' משה האָט ניט געהאט גענוג צייט נעגוי צו שטודירען דעם דאָזיגען אידישען יונגערמאן. פונ'ם אויסדרוק אויף זיין פּנים איז געווען קלאָר, אז ר' משה'ס רעדע האָט אויף איהם געהאט געמאכט א גאָר גרויסען רושם.

ר' משה'ן האָט זיך געוואָלט וויסען: ווי קומט דאָרט בכלל א אידישער יונגערמאן? וואָס טוט ער? פאַרוואָס זיצט ער מיט געהוי־בענע פארשוינען פון וואטיקאן?

באלד נאָך דער סעסיע איז דער יונגערמאן פארשוואונדען. אויף אלע זיינע אָנפראגען, האָט ר' משה ניט באקומען קיין קלאָהרע תשובה. עפּעס האָט מען איהם געענטפערט מיט רמזים, מיט אָנדייטונגען.

ר' משה האָט באשלאָסען צו פרעגען וועגען דעם דעם קארדינאל־ביבליאטעקער, וועלכער איז צו איהם געווען פריינטליך און צוגעלאָזט. גראָד דער פאקט, וואָס דער דאָזיגער קארדינאל האָט אים געזאָגט, אז דער ענין איז א סוד, און עס איז פארבאָטען וועגען דעם צו ריידען, האָט ביי ר' משה'ן ארויסגערופען נאָך גרעסערע נייגעריגקייט, אז ער זאָל אָט דעם סוד דערגיין.

עס האָט געדויערט עטליכע טעג ביז דער קארדינאל האָט באשלאָסען צו דערצעהלען ר' משה'ן וואָס ער האָט געוואוסט וועגען דעם אידישען יונגערמאן.

ער האָט געשטאמט פון פּוילען און איז געווען א גרויסער מלומד. ער איז געקומען קיין ווענעדיג דאָרט צו שטודירען אסטראָנאָמיע און אויך הערען לעקציעס וועגען רעליגיע. קענטיג, אז די כוונה פון אָט דעם יונגערמאן איז געווען זיך צו באקענען מיט דער געשיכטע און דער אנטוויקלונג פון פארשיידענע אמונות אויף דער וועלט, אויסער דער אידישער, וועגען וועלכער ער האָט געוואוסט פון אידישע מקורות.

דער פּראָפעסאָר וועגען רעליגיע אין דעם ווענעדיגער אוניווער־זיטעט, האָבענדיג פאר זיך א אידישען יונגערמאן און דערצו נאָך א מלומד, האָט איהם גע'עצה'ט, אז אויב ער וויל באמת זיך באקענען מיט דעם ענין רעליגיע, זאָל ער פאָהרען קיין רוים און עס לערנען אין וואטיקאן. דאָרטען, האָט ער איהם פארזיכערט, וועט ער באקומען אלץ, וואָס זיין הארץ גלוסט. די כוונה דערביי איז געווען ארייַנצושטויסען

דעם אידישען יונגערמאן אין די נעגעל פון די גייציגע קאטוילישע גלחים אין וואטיקאן.

האט אָט דער יונגערמאן אָנגענומען די עצה פון דעם פּראָפּעסאָר, מעגליך ניט באגרייפענדיג די געפאר. עס איז שוין געווען מעהר ווי א האלב יאָהר, האט דער קארדינאל־ביבליאטעקער דערציילט ר׳ משה׳ן, אז דער אידישער יונגערמאן איז געזעסען אין וואטיקאן און שטודירט פלייסיג רעליגיעזע ענינים.

אין אָנפאנג, איז ר׳ משה אינפאָרמירט געוואָרען, האט דער יונגערמאן נאָך שטרענג אָפּגעהיט אידישקייט. ביסלעכוויים האט ער עס אָנגעהויבען אויפגעבען. ער האט זיך נאָך געהאלטען ביי שבת און ביי כשרות. זיין צובונד צו אידישקייט איז נאָך ניט געווען אינגאנצען איבערגעריסען, אָבער ער איז שוין געווען אונטער דער השפעה פון זיינע קאטוילישע לערער, וועלכע זיינען פול מיט האָפענונג, אז גאָר אינגיכען וועלען זיי איהם געווינען פאר׳ן קאטוליציזם און איהם אָפּ׳שמד׳ן אָפּיציעל.

כל זמן דער אידישער יונגערמאן פון פוילען האט זיך נאָך ניט געהאט גע׳שמד׳ט און איז בכלל נאָך געשטאנען אויפ׳ן שייד־וועג, האָבען די הויכגעשטעלטע קאטוילישע פירער עס געוואָלט האלטען בסוד, זיי זיינען געווען אזוי נייגעריג ארייצוכאפּען א אידישע נשמה, בפרט פון אזא הויך־געלערנטען אידען, אז זיי האָבען מורא געהאט טאָמער וועט נאָך אימיצער קריגען א השפעה אויף איהם און איהם צוריקהאלטען פון שמד.

אז ר׳ משה האט געהערט די דאָזיגע געשיכטע, איז ער שטארק צעשרויפט געוואָרען. ער האט גליך דערפילט, אז עס איז זיין חוב עפּעס צו טאָן, כדי דעם יונגען פוילישען אידען צו ראטעווען פון שמד.

ר׳ משה האט שוין געהאלטען שטארק אין באדויערען, וואָס ער האט זיך אינגאנצען געוויזען אין דער ביבליאָטעק פון וואטיקאן. אויב ער וואָלט דאָרט ניט געקומען און ניט ארויסגעוויזען זיין גרויסען וויסען צום קארדינאל־ביבליאָטעקער, וואָלט דער לעצטער וועגען איהם ניט גערעדט מיט התפעלות צו די אנדערע קארדינאלען. עס וואָלט דאן ניט געקומען צו קיין ויכוח און ער וואָלט ניט געווען אין קיין צרה.

איצט האט ער אָבער געפילט, אז די השגחה האט איהם אהין געבראכט און נאָר פאר איין צוועק: צו ראטעווען דעם אידישען יונגערמאן פון שמד.

ער האָט איצט אָפּגעגעבען א שבח והודיה צו השם יתברך פאר דער גרויסער מצווה, וואָס איז איהם אונטערגעטראָגען געוואָרען. אָבער ווי אזוי האָט ער געזאָלט ראטעווען דעם יונגערמען פון שמד?

ער האָט איהם נאָך אפילו ניט געהאט באגעגענט און האָט ניט געוואוסט ווי אזוי צו איהם צוצוקומען. בכלל האָט עס ניט געזאָלט זיין קיין לייכטע אויפגאבע דעם יונגערמאן איבערצוציינגען, אז ער שטייט ביים שוועל פון די מ"ט שערי טומאה.

עס האָט זיך איצט אויך געהאט געוועגדעט אין דעם, וואָס ס'וועט מצד די קארדינאלען באשלאָסען ווערען, וועגען דעם וויטערדיגען גאנג פון דעם ויכוח.

עטליכע טעג זיינען אוועק און מען האָט ר' משה'ן געלאָזט וויסען, אז, לויט'ן באשלוס פון וואטיקאן, איז דער ויכוח אָפּגעלייגט געוואָרען אויף צוויי וואָכען צייט. ווען דער ויכוח וועט באנייט ווערען וועט ער שוין ניט געפירט ווערען צווישען ר' משה'ן פון איין זייט, און די דרייסיג קארדינאלען פון דער צווייטער זייט, ווי פריהער. אויף אזוי ווייט האָבען די קארדינאלען שוין געהאט איינגעזעהן, אז דער ויכוח איז ניט קיין גלייכער פוןביידע צדדים.

אָנשטאָט דעם האָט געזאָלט באשטימט ווערען איין קארדינאל, א מלומד, וואָס זאָל מיט ר' משה'ן זיך מתוכח זיין — איינער אויף איינעם. ביידע האָבען דאן געזאָלט אויסקלייבען א דריטען, וואָס זאָל זיין דער מכריע.

ר' משה האָט אָבער געהאט צייט ביז דער ויכוח וועט זיך אָנפאנגען, ער האָט פארלאנגט ביי דעם קארדינאל, דעם ביבליאָטעקער, אז ער זאָל איהם באקענען מיט'ן אידישען יונגערמאן, וואָס איז געשטאנען ביים שוועל פון שמד.

# קי.

## אויפן שוועל פון שמד

**ר׳ משה באַקענט זיך מיט׳ן פוילישען יונגערמאַן. — דער פאַרבלאָנדזשעטער סטודענט. — ר׳ משה׳ס השפעה.**

צו ערשט האָט דער קארדינאַל, וואָס האָט געהאט אויפזיכט איבער דער ביבליאָטעק אין וואטיקאַן, אנטזאָגט ר׳ משה׳ס פארלאנג. ער האָט געזאָגט, אז ער האָט פשוט מורא צו זיין דער וואָס זאָל אים, ר׳ משה׳ן, פאָרשטעלען פאר׳ן אידישען יונגערמאן, וועמעס נשמה די קירך האָט געוואָלט פאנגען. שפיאָנען פון וואטיקאן האָבען תמיד געהאלטען אן אויג אויף יעדען איינעם, ווי הויך איינעמ׳ס פּאָזיציע איז ניט געווען, באזונדער האָבען זיי געהאלטען אן אויג אופ׳ן אידישען יונגערמאן.

דער קארדינאל האָט אָבער ר׳ משה׳ן געגעבען וויכטיגע פּרטים וועגען דעם יונגערמאנ׳ס הנהגה. איינמאָל א טאָג גייט ער אין א בית מדרש דאַוונען. ער האָט נאָך אָלץ ניט געהאט אינגאַנצען אָפּגע־בראָכען מיט דער אידישער אמונה און זיך נאָך ניט אינגאנצען געהאט דערוויטערט פון אידישקייט. ער גייט אויך יעדען טאָג עסען אין א געוויסען אידישען רעסטאָראן, וואָס איז אויך געווען אן אכסניה פאר אורחים. ר׳ משה האָט אויף אזא אופן אליין געקענט אויסמארקירען, אז ער זאָל זיך מיט אים טרעפען אין איינעם פון די צוויי פּלעצער און דאָרט זיך מיט אים באקאנען אזוי, אז עס זאָל הייסען, אז די באקאנט־שאפט איז געקומען צופעליג און ניט פאר קיין באשטימטען צוועק.

נאָכדעם ווי ר׳ משה האָט זיך גענוי איבערגעטראכט, האָט ער באשלאָסען אריינצוקלייבען זיך אין יענער אכסניה, וואו דער אידישער יונגערמאן פון פּוילען פּלעגט קומען עסען אין דער וואָכען און באזונדער שבתים. דער בעל אכסניה האָט דאן ר׳ משה׳ן פאָרגעשטעלט פאר אלע אורחים דאָרט און אויך פאר די, וואָס פּלעגען קומען עסן, איינ־שליסענדיג דעם יונגערמאן, וועלכען ער האָט באצייכענט אלס א ווילנער.

ר׳ משה האָט אָפּגעוואַרט ביז שבת, ווען דער יונגערמאן איז געקומען עסן. ער האָט זיך געוואשען און זיך געזעצט צום טיש. דער־זעענדיג דאָרט ר׳ משה׳ן, וועמען ער האָט געהאט געהערט ריידענדיג

ביים ויכוח מיט די קארדינאלען אין וואטיקאן, האָט זיך דער יונגערמאן אויפגעהויבען און איז צוגעגאנגען צום געוועזענעם ראש הקהל פון פויזען און געזאָגט מיט פולער אויפריכטיגקייט:

— זינט איך האָב געהערט וואָס איר האָט געהאט צו זאָגן צו די קארדינאלען, בין איך אונטער'ן רושם פון אייערע רייד. אייערע רייד האָבען ביי מיר ארויסגערופען גרויסע ספקות אין קריסטענטום, איך האָב וועגען דעם געהאט א לאנגען שמועס מיט מיין לערער. איך האָב געזאָגט, אז ס'וואָלט געווען כדאי מיט אייך, ר' משה, צו האָבען א שמועס. אָבער מיין לערער האָט מיר געהאט געזאָגט, אז איר האָט שוין פארלאָזען רוים.

די תמימות פון דעם יונגערמאן איז געווען קלאָר. ר' משה האָט דערפאר גע'עצה'ט דעם בחור, אז ער זאָל זיין קאטוילישען מדריך ניט דערציילען וועגען זייערע באגעגעניש און דערווייל האָט ער מיט אים אָפּגעמאכט צו באגעגענען זיך מיט אים בסוד און שמועסען מיט אים וועגען אמונה אָנגעלעגענהייטען, דאָס, אין וואָס דער יונגערמאן איז געווען אזוי שטארק פאראינטערעסירט.

אויף זייער ערשטער באגעגעניש האָט דער יונגערמאן דערציילט ר' משה'ן, אז ער קומט פון ווילנע. זיין נאָמען אין געווען גדליה משה און זיין פאמיליע נאָמען — גאָרדאָן.

די פּרטים, וואָס אָט דער גדליה משה האָט געהאט צו דערציילען דעם געוועזענעם ראש הקהל פון פויזען האָבען אויפגעוויקעלט א מערק-ווירדיגע געשיכטע וועגען דעם דראנג צו תורה און וועלטליכען וויסען צווישען אידען אין יענער צייט.

גדליה משה'ס פאָטער איז געווען א גרויסער למדן און א דאָקטאָר אין ווילנע, ער האָט זיין דאָקטאָריע געלערענט אין פּאדובא, איטאליע, וואוהין ער איז געשיקט געוואָרען אויף די הוצאות פון א באוואוסטען ווילנער נדבן.

אלס רופא האָט ער זיך אין ווילנע געמאכט גרויס פּרסום. ער פלעגט אָרימע קראנקע אינגאנצען היילען אומזיסט. דערצו פלעגט ער תמיד אין זיין לײדיגער צייט זיצען און לערנען.

ווי א ווילנער, איז אָט דער לומדישער רופא געווען א געגנער פון דעם לימוד פון קבלה. אָבער זייענדיג אין פּאדובא, איטאליע, וואו עס זיינען געווען גרויסע לומדים האָט ער ניט נאָר געלערענט דאָק-טאָריע, נאָר אויך תורה. אזוי ווי די דאָרטיגע לומדים האָבען יאָ

געהאלטען פון קבלה, האָט דער ווילנער למדן אויך זיך פאראינטערעסירט אין אָט דעם געהיימען לימוד.

ווען ער האָט זיך צוריקגעקערט אין ווילנע, האָט ער ווייטער געלערנט קבלה מיט זיינע זין, צווישן זיי אונזער גדליה משה. אָבער פארהערענדיג די מעדיציניש וויסענשאפט פון זיין פאָטער, איז גדלי׳ משה געקומען צו דער איבערצייגונג, אז ער זאָל אויך אָנהויבען לערנען וויסענשאפט, באזונדער אָפגעבענדיג זיך מיט׳ן לערנען פארשידענע שפּראכען.

כדי זיך צו פארפולקאָמען אין די וויסענשאפטען, אין וועלכע ער איז געווען פאראינטערעסירט, נאָכדעם ווי ער איז שוין געווען מלא וגדוש אין תורה, איז גדליה משה געפאָרען קיין ווענעדיג, איטאליע, וואו ער האָט זיך אָנגעהויבען פאראינטערעסירן אין אמונה און איז, אויף דער עצה פון זיינע וויסענשאפטליכע רביים פון דאָרט, געפאָרען קיין רוים צו שטודירען אין וואטיקאן.

עס איז געווען דאָרטען אין וואטיקאן, וואו גדליה משה איז ארונטער אונטער דער השפעה פון זיינע קאטוילישע לערער וועגען אמונה, אזוי אז ביסלעכווייז איז ער געוואָרען גענויגט צום קאטאָליציזם. די הויכע גייסטליכע אין וואטיקאן האָבען שוין אויף אים געשאַרפט די ציין דערוואַרטענדיג, אז גאָר אינגיכען זאָל ער שוין גרייט זיין איג־גאנצען אויסצובייטען דאָס רענדעל.

גדליה משה איז נאָך אָבער ניט געווען פארטיג מיט זיך. ער האָט נאָך געהאט א סך אינערליכע קאמפען בייצוקומען, אויב זיי האָבען בכלל געקענט בייגעקומען ווערען. גדליה משה האָט ר׳ משה׳ן אויך געהאט צו דערציילען וועגען פארשיידענע פּארשווינען אין דער וויסענ־שאפטליכער אינסטיטוציע פון וואטיקאן — סיי וואָס איז נוגע די תלמידים און סיי וואָס איז נוגע די לערער.

סיי צווישען די תלמידים און סיי צווישען די לערער זיינען געווען א היפּש ביסעל אידען, וואָס איז פאר ר׳ משה׳ן געווען א שטיקעל חידוש. פון גדליה משה׳ן האָט ער זיך דערוואוסט וועגן הויכע קאטוילישע גייסטליכע, לערער אין דער וואטיקאנ׳ס לעראינסטיטוציע, וואָס זיינען געווען משומדים. פון דער צווייטער זייט, זיינען דאָרט געווען אזוינע, וואָס זיינען געווען קנאפּע אידען, אָבער אויך ניט קיין קריסטען. דאָס איז באזונדער געווען דער פאל מיט א געוויסען פּראָפעסאָר לעמברען, וועלכער האָט געשטאמט פון פראנקרייך און איז געווען אן אסימילירטער איד, אָבער דאָך ווייט פון קריסטענטום.

אָט דער לעמברען איז געווען גדליה משה׳ס לערער אין מאטעמאטיק. צווישען אָט דעם אסימילירטען לעמברען און די קאטוילישע לערער, איינינע פון זיי משומדים, וועלכע זיינען געווען גרויסע פאנאטיקער, איז גדליה משה אריינגעפאלען אין ספק וועגען דער אידישער אמונה און האָט זיך געהאלטען אין גליטשען בארג־ארונטער אין תהום אריין צום קאטוילציזם.

עס איז געווען דער ריכטיגער מאָמענט ווען ר׳ משה, פאר וועמען גדליה משה גאָרדאָן האָט געהאט גרויס דרך ארץ, זאָל אים נעמען אין די הענט און מיט לאָגיק און וויסען איבערציינן, אז דעם ריכטיגען ענטפער אויף אלע פראגען בנוגע אמונה געפינט מען אין דער תורה. ס׳האָט לאנג ניט גענומען און גדליה משה איז צוריק געוואָרען שטארק פארבונדען מיט דער אידישע־אמונה.

ער האָט אפילו אָנגענומען ר׳ משה׳ס עצה ווי זיך אויסצודרייען פון דעם נעץ, וואָס די גלחים האָבען שוין געהאט פארשפּרייט כדי אים צו פאנגען פאר דער קאטוילישער קירך.

אָנשטאָט צו וואוינען אין וואטיקאן, אין דער געביידע פאר די סטודענטען פון דער וויסענשאפטליכער אקאדעמיע דאָרט, האָט ר׳ משה אים גע׳עצה׳ט זיך ארייצוקלייבען ביי א אידישער פאמיליע אין רוים און בלויז קומען צו די לעקציעס אין דער אקאדעמיע.

אן ענדערונג איז באלד אריינגעטראָטען אין גדליה משה׳ס גאנצער באציאונג צו דעם ענין פון אמונה. גדליה משה, מיט זיין גאונ׳ישער קאָפּ, האָט זיך פארנומען מיט צוויי קורסען אויף אמאָל — א ריין־וויסענשאפטליכען קורס, מאטעמאטיק און אסטראָנאָמיע, און א פילאָזאָפיש־רעליגיעזען — אמונה.

פאר׳ן וויסענשאפטליכען קורס האָט ער געהאט אזוינע לערער, ווי דער אסימילירטער איד לעמברען. דער אָנפירער פון אָט דער וויסענ־שאפטליכער אָפּטיילונג איז געווען א קאטויליק, אָבער אזוינער וואָס האָט געהאט א פארערונג פאר אידישקייט, לפּחות פאר׳ן תנ״ך, וועלכען ער האָט געקענט אין אָריגינאַל.

אין אָט דעם קורס האָט גדליה משה באלד אין אָנפאנג געמאכט גרויס פאָרשריט און עס איז געווען קלאָר, אז ער וועט אים ענדיגען אין גאָר א קורצער צייט מיט גרויס אויסצייכענונג.

אין דעם צווייטען קורס — אמונה — האָט ער שוין געהאט גאָר גלחים פאר לערער און טאקע אזוינע וואָס האָבען געהאט א גרויסע

השפעה אין וואטיקאן. כל זמן אַט די קאטוילישע לערער האָבען געמיינט, אז זיי קענען גדליה משה׳ן געווינען פאר דער קירך, האָבען זיי זיך שטארק געקוואפּעט אויף אים און האָבען אים מקרב געווען און אים געוויזען אלערליי לאסקעס.

האָבען זיי אָבער דערזען, אז גדליה משה האלט זיך פעסט ביי זיינע אידישע איבערצייגונגען, און ווער רעדט נאָך ווען ער האָט, נאָך זיינע שמועסען מיט ר׳ משה׳ן, אָנגעהויבען צוריקשלאָגען אלע ארגומענ־טען פון די גלחים געגען דער אידישער אמונה, און האָט עס געטאָן מיט תקיפות און מיט געהעריגען וויסען, האָבען זיי אָנגעהויבען קוקען אויף אים מיט שנאה און האָבען אָנגעפאנגען אים מבזה זיין און פאר־פאָלגען. גדליה משה האָט זיך אָנגעהויבען פילען אן איבעריגער אין אַט דער אָפּטיילונג פון דער פּאָפּסטליכער אקאדעמיע.

דעם פארדרוס וואָס ער האָט דערפון געהאט האָט ער פארגיטיגט דורך זיינע וויַיטערדיגע באגעגענישען מיט ר׳ משה׳ן. אין זיינע שמועסען מיט דעם געוועזענעם ראש הקהל פון פּויזען, האָט גדליה משה געפונען טרייסט און שטאַרקייט, ווערענדיג אַלץ מער און מער איבערצייגט אין די אייביגע אמת׳ן פון דער אידישער אמונה.

פאר דער צייט וואָס ר׳ משה האָט נאָך אַלץ געוואָרט צו הערען וועגען באנייאונג פון דעם ויכוח צווישען אים און די קארדינאַלען, האָט גדליה משה דערוויַיל פארענדיגט זיינע קורסען, אָבער בעת אין דעם וויסענשאפטליכען קורס האָט ער ניט באגעגענט קיינע שוועריקייטען און האָט פארענדיגט מיט גרוים אויסצייכענונג, קריגענדיג דעם העכסטען טיטול, האָט מען אים איגנאָרירט פון פארענדיגען דעם קורס וועגען אמונה.

דערביי האָט ער נאָך געקראָגען אויסגעזידעלט פון די גלחים פאר דעם, וואָס ער האָט אין דעם ענין אמונה ארויסגעוויזען זיין אידישען שטאנדפּונקט, וויַיזענדיג, אז ער איז דער זעלביגער עקשן און ״פארפיר־טער״ ווי אלע אידען וועלכע זיינען ״בלינד״ ניט צו זען דאָס אמת׳ע ליכט פון דער ״אמת׳ער״ אמונה — דער קאטוליציזם.

ווי שטארק דאָס האָט גדליה משה׳ן ניט פארדראָסען, האָט ער עס געמוזט אָננעמען פאר גוט־געלט און זיך באנוגענען מיט׳ן טיטול און די אויסצייכענונגען אין פארענדיגען דעם וויסענשאפטליכען קורס.

זיין צובונד צו ר׳ משה׳ן איז דערוויַיל געוואָרען שטארקער. ער האָט צו ר׳ משה׳ן זאָגאר אָנגעהויבען ברענגען אנדערע תלמידים פון

דער פאפסטליכער אקאדעמיע — אידישע יונגעליט, וואס האבען דארט שטודירט פונקט ווי ער.

ניט אלע פון אט די אידישע תלמידים, געקומענע פון פארשיידענע לענדער, זיינען געווען אפגעפרעמדט פון אידישקייט, אדער זיינען געווען באאיינפלוסט פון די קאטוילישע גלחים, וועלכע האבען תמיד אויסגעקוקט אויף א געלעגענהייט צוצוציען אידישע סטודענטען צום קאטוליציזם. די פאפסטליכע אקאדעמיע אין וואטיקאן איז געווען א צוציאונג פאר א סך אידישע יונגעליט, דאס רוב גרויסע לומדים, דערפאר וואס זיי האבען קיין אנדער געלעגענהייט ניט געהאט אריינצוטרעטען אין די אוניווערזיטעטען און הויכע לער־אינסטיטוציעס פון יענער צייט, מיט גאנץ קליינע אויסנאמען.

אין וואטיקאן האט מען גראד גערן אויפגענומען אידישע תלמידים — און אן שכר לימוד — ווייל מ׳האט געמיינט, אז אויף אזא אופן וועט מען זיי געווינען פאר דער קירך.

אין יעדענפאל, האבען אין וואטיקאן דעמאלט שטודירט צענד־ליגער אידישע יונגעליט. גדליה משה איז געווען דער, וואס האט צום מערסטען צוגעצויגען אויפמערקזאמקייט צוליב זיינע זעלטענע כשרונות אזוי, אז ער איז געווארען דער שטאלץ פון אלע אידישע סטודענטען. דאס וואס גדליה משה האט זיך, א דאנק ר׳ משה׳ן פון פויזען, צוריק א קער געטאן צו תורה־אידישקייט, האט געמיינט, אז זיין איינפלוס אויף די אידישע תלמידים האט געווירקט לטובת זייער פארנעמען זיך מער מיט אידישע ענינים און מיט דערנענטערען זיך מער צו ריינער אידישקייט.

עס איז געקומען דערצו, אז די אידישע תלמידים האבען אנ־געהויבען האלטען אסיפות און אויף אט די אסיפות האט מען אנגעהויבען ריידען אפען וועגען צוריק געווינען די דערוויטערטע און אפגעפרעמדטע צו אידישקייט. גדליה משה, איצט שוין א גרויסער מיוחס צוליב זיין טיטול און זיינע אויסצייכענונגען, איז געווען אזוי שטארק אונטער ר׳ משה׳ס השפעה, אז זיין איינציגער באגער אין לעבען איז איצט געווען צו ווירקען אויף די אפגעפרעמדטע תלמידים, אז זיי זאלען ווערען ווארימע און בעסערע אידען.

ר׳ משה, וועלכער האט עס אלץ נאכגעפאלגט מיט גרויס אינטערעס, איז געווען באגייסטערט. ער האט געפילט אז ער האט אין דעם א חלק און האט זיך שטארק געפרייט. עס איז געווען די באלוינונג פאר דעם, וואס ער האט זיך אזוי לאנג אויפגעהאלטען אין רוים.

# קיא.

## דער אידישער נצחון

**דער ויכוח ווערט באנייט. — ר׳ משה׳ס באדינגונגען. — אידישע סטודענטען ווערען בעלי־תשובה.**

אין א געוויסען טאג איז געקומען פון וואטיקאן די באקאנטמאכונג, אויף וועלכער ר׳ משה, דער געוועזענער ראש הקהל פון פויזען, האט געווארט — דער טאג ווען דער ויכוח צווישען אים און די קארדינאלען וועט באנייט ווערען. דער ויכוח, וועלכער איז פריער איבערגעריסען געווארען, האט איצט געזאלט געפירט ווערען אונטער גאר נייע באדינגונגען.

אנשטאט ר׳ משה זאל זיין איינער געגען דריי צענדליג קארדינאלען, האט ער איצט געזאלט האבען נאר דריי. אבער איצט האט ר׳ משה געהאט דעם מוט אנצואווייזען אויף די אומגערעכטיגקייטען, וואס די קאטוילישע פירער האבען געוואלט באגיין קעגען אים.

קודם האט ער געלאזט וויסען, אז ער וועט בשום אופן ניט צושטימען, אז דער ויכוח זאל געפירט ווערען אין דעם זאל פון פאפסטליכען פאלאץ, וואס איז געווען באקאנט ווי דער זאל פון די צלמים בילדער. ר׳ משה האט געלאזט וויסען, אז אייגענטליך האט ער פון סאמע אנפאנג געהאט געשטעלט א תנאי, אז ער זאל זיך, אין משך פונ׳ם ויכוח, ניט דארפען געפינען אין א סביבה פון צלמים. ער האט אפילו געהאט געפאדערט אז די קארדינאלען אליין זאלען אין פארלויף פון ויכוח ניט טראגען קיין צלמים.

מ׳האט עס אים געהאט נאכגעגעבען. האט ער דערפאר געוואלט וויסען פאר וואס האט מען פלוצים באשלאסען צו האבען דעם ויכוח אין דעם „זאל פון צלמים בילדער״?

דאס האט שטארק דערצארענט די קארדינאלען. ס׳טייטש, ווי האט עס א איד אזא חוצפה? ס׳זיינען געווען אזעלכע, וואס האבען געפאדערט א שווערע שטראף פאר׳ן אידען. ר׳ משה האט גענדארפט כאפען א פסק אז ער זאל וויסען, אז מ׳דארף האבען מער דרך ארץ פאר דער קאטוילישער קירך און אירע פירער.

ס׳האָט שוין געהאלטען דערביי, אז מ׳זאָל אינגאנצען צוריקרופען דעם ויכוח און געבען ר׳ משה׳ן די שטראָף, וואָס ער האָט, אין דער מיינוג פון די קאטויליקען, געהאט פארדינט. די קארדינאַלען האָבען זיך איבערלייגט, און נאָך א ישוב הדעת באשלאָסן נאָכצוגעבען ר׳ משה׳ן זיין פארלאנג און דער ויכוח איז איבערגעטראָגען געוואָרען אין איינעם פון די חדרים אין דעם וואטיקאן־ביבליאָטעק.

מיט דעם האָט עס זיך נאָך ניט געענדיגט. די קארדינאַלן האָבן געוואָלט, אז דער ויכוח זאָל זיך אָנפאנגען פרייטאָג.

האָט ר׳ משה געלאָזט זיי וויסען, אז פרייטאָג וועט ער נאָר קענען פארברענגען ביז א געוויסער שעה נאָכמיטאָג, ווייל ער מוז האָבען צייט זיך מכין צו זיין פאר שבת.

דער ויכוח האָט זיך דאן אָנגעפאנגען פרייטאָג פאר מיטאָג. דער עלטסטער פון די קארדינאַלען האָט אָנגעפאנגען מיט א רעדע, אין וועלכער ער האָט זיך באמיט אויפצוקלערען פארוואָס ס׳איז נויטיג צו האָבען דעם ויכוח און באווייזען פאר דער וועלט, אז אידען זיינען בלינד, וואָס זיי האלטען זיך ביי זייער אלטער אמונה און גייען ניט איבער צום קריסטענטום.

אָבער אויך דאָ האָט ר׳ משה געהאט אן איינווענדונג געגען דעם, וואָס דאָס וואָרט איז געגעבען געוואָרען צו ערשט צו די קאטויליקען. ער האָט געזאָגט, אז מ׳האָט גערארפט ווארפען גורל ווער ס׳זאָל זיין ערשט און ער האָט טאקע געפאָדערט אזא גורל. דאן האָט ר׳ משה אויך ארויסגעשטעלט אנדערע פאָדערונגען ווי אזוי דער ויכוח זאָל געפירט ווערען.

די קארדינאַלען האָבען עס באטראכט פאר א חוצפה מצד דעם אידען. ביי איינינע פון זיי וואָלט רעכט געווען דעם ויכוח אינגאנצען אויפצוגעבען און ארויסגעבען א דערקלערונג אז דער איד איז באזיגט געוואָרען. א פּאָר קארדינאַלען האָבען דערצו נאָך געפאָדערט, אז מ׳זאָל ר׳ משה׳ן שווער באשטראָפען.

אָבער די מער מיושב׳דיגע האָבען דאָך געפונען א בארעכטיגונג פאר ר׳ משה׳ן און זיינע פאָדערונגען. עס איז געוואָרען א שארפע דיסקוסיע צווישען די קארדינאַלען, ביז עס איז געבליבען ווייטער אָנצוגיין מיט׳ן ויכוח און געבען ר׳ משה׳ן דאָס וואָרט.

ר׳ משה האָט גערעדט דריי שעה צייט און מיט א קלאָרער שפראך און שטארקע לאָגיק פעסטגעשטעלט די ריכטיגקייט פון דער אידישער

אמונה, פון משה אמת ותורתו אמת. אין דער זעלבינער מאס וואס ער האט פעסטגעשטעלט די ריכטיגקייט פון דער אידישער אמונה, האט ר' משה פון פויזען באוויזען די פאלשקייט פון דער קריסטליכער אמונה, וואס איז ניט באגרינדעט אויפ'ן גלויבען אין איין ג-ט, נאר אין א „דריי־איינינקייט".

כאטש ר' משה'ס רעדע האט שטארק ווי געטאן די קאטוילישע פירער, האבען זיי אבער געמוזט מודה זיין, אז ער האט זיך גלענצענד אויסגעצייכענט מיט זיין ריידען און מיט זיין וויסען. א גאר גרויסען רושם האט ר' משה'ס רעדע געמאכט אויף די אידישע סטודענטען און לערער אין דער וויסענשאפטליכער אקאדעמיע פון וואטיקאן. די מערסטע פון זיי זיינען געווען שטארק אונטער'ן איינפלוס פון דער קירך, אדער זיינען סתם געווען אפגעפרעמדט פון אידישקייט.

די ווירקונג, וואס ר' משה האט געהאט אויף דעם ווילנער יונגער־מאן גדליה משה גארדאן, אזוי אז ער האט אים געראטעוועט פון שוועל פון שמד, האט ער אויך געהאט אויף אנדערע אידישע יונגעלייט. ר' משה, וועלכער האט זיך פון דעם דערוואוסט, האט פון דעם געהאט גרויס נחת רוח. ר' משה האט דאך זיך געפילט צעבראכען פונ'ם גאנצן ויכוח און די באדינגונגען, אונטער וועלכע ער האט אט דעם ויכוח געדארפט פירען. ער האט מורא געהאט, אז טאקע צוליב דעם גרויסען רושם, וואס ער האט געמאכט אויף די קריסטליכע ווי אויף, להבדיל, די אידישע צוהערער, וועט מען אין וואטיקאן זיין דערצארענט און מ'וועט וועלען זיך נוקם זיין אין אידען.

פון דער צווייטער זייט האט ר' משה געהאט גרויס הנאה, וואס ער האט געמאכט אזא רושם אויף די אידישע פראפעסארען און סטודענ־טען, מיט'ן פועל יוצא, וואס זיי זיינען אלע געווארען פרום און זיך שטארקער צוגעבונדען צו זייער אמונה און פאלק.

גדליה משה גארדאן פון ווילנע איז געווארען זייער פירער. ער, וואס איז געווען ביים שוועל פון שמד, איז איצט געווארען איינער פון די שטארקסטע בעלי תשובה. באהאווענט מיט לומדות און וועלטליכען וויסען, איז ער געווארען דער סאמע רוח החיים צווישען די אידישע יונגעלייט.

א מערקווירדיגע דערשיינונג איז געווען, וואס אט די אידישע יונגעלייט, שטאמענדיג פון האלב־פאר'גוי'אישטע עלטערען אין פארשידענע לענדער, האבען פלוצים אנגעהויבען שרייבען צו זייערע עלטערען אין א גאר נייעם גייסט, אן עכט אידישען גייסט. זייערע עלטערן זיינען געווען

פארוואונדערט: פון וואנען האָט עס זיך גענומען, וואָס זייערע זין זאָלען גראָד אין וואטיקאן זיך פּלוצים אָנזאפּען מיט אידישקייט?

געווען עלטערען, וואָס האָבען פון דעם גראָד הנאה געהאט. עס זיינען אָבער אויך געווען אזוינע, וואָס האָבען זיך געביסען די ליפען. זיי אליין זיינען געווען דערוויטערט פון אידען און אידישקייט, אז זיי זיינען געשטאנען מער אויפ'ן צווייטען זייט פון גרעניץ.

איינע אזא פאמיליע איז געווען א שוועדישע. זי איז געווען אזוי פאר'גוי'אישט, אז בלויז דאָס פאָרמעלער איבערגיין צום קריסטענטום האָט איר געפעלט. דאָס האָט אָבער די דאָזיגע פאמיליע ניט געהאט דעם מוט צו טאָן.

דער זון איז געשיקט געוואָרן שטודירען אין וואטיקאן מיט אן אויסזיכט אז ער וועט דאָרט זיך סוף־כל־סוף שמד'ן און אזוי ארום וועט אָפּגעווישט ווערען די ליניע, וואָס האָט נאָך אָט דער פאמיליע אָפּגעטיילט פון דער קריסטליכער וועלט. און דאָ הויבען גאָר פּלוצים אָן קומען בריוו פון זון, וואָס רופן מיט'ן גייסט פון אידישקייט. ער האָט בפירוש געשריבען, אז ער איז געוואָרען א שומר מצות, און אז ער איז גליקליך, וואָס ער האָט ענדליך זיך באקאנט מיט אידישקייט און איר אמת'ער גייסטיגקייט.

דער טאטע און די מאמע זיינען ממש געווען געפּלעפט, אן "אומגליק" האָט זיי געטראָפען: זיי האָבען געוואָלט, אז זייער זון זאָל זיך שמד'ן און אזוי ארום אויך פאר זיי אויסטרעטען דעם וועג צו דער גוי'אישער וועלט, און צום סוף רעדט ער גאָר ווי א פרומער, איבערגענעבענער איד!

דער פאָטער האָט אוועקגעשריבען זיין זון א לאנגען בריוו מוסר־ענדיג אים פאר דעם „משוגעת", וואָס איז אין אים אריין. ווייסט ער דען ניט, וואָס פאר א שנאה ער וועט ארויסרופען קעגען זיך ביי די גויים מיט זיין האלטען זיך ביי אידישקייט? די האָפענונג איז דאָך געווען פון אים, זיין פאָטער, אז ער וועט זיך שמד'ן, און צום סוף אזא אומדערוואר־טעטע ענדערונג!

דער פאר'גוי'אישטער איד פון שוועדען האָט געמאכט דעם אויספיר, אז זיין זון האָט געבראכט א "צרה" אויף זיך און אויף זיינע עלטערען.

דער זון איז אָבער זיין טאטען ניט געבליבען שולדיג קיין ענטפער. ער האָט אויף א געלאסענעם אָבער גאנץ שטרענגען אופן

געשריבען, אז די תורה זאָגט טאקע אָן, אז א זון זאָל אָפּגעבען כבוד זיינע עלטערען, ניט רעכענענדיג זיך מיט זייער שטאנד, מאטעריעל און גייסטיג, און דאָס איז ער טאקע גרייט צו טאָן, אָבער דאָס מיינט ניט, אז ער וועט זיך פון זיי לאָזען באאיינפלוסען וועגען אמונה. גראָד אין וואטיקאן, האָט ער געלאָזט וויסען, האָט אים דער אויבערשטער מזדמן געווען מיט מענשען, וואָס האָבען געעפענט זיינע אויגען, אז ער זאָל קענען אונטערשיידען פון אמת און שקר.

דער זון האָט צום סוף גע׳עצה׳ט זיין טאטען, אז ער זאָל אויס־פארקויפען זיינע עסקים און זיינע נחלאות אין שוועדען און זאָל זיך איבערקלייבען קיין אמסטערדאם, האָלאנד, וועלכע איז דעמאָלט געווען א פרומע אידישע שטאָט. ער, דער זון, וואָס האָט שטודירט מעדיצין, וועט שפּעטער, ווען ער וועט פארענדיגען זיין שטודיום, דאָרט קומען און פּראקטיצירען זיין פּראָפעסיע אלס רופא. קיין שוועדען, האָט ער געשריבען, וויל ער זיך ניט צוריקקערען, ווייל ער וויל ניט אָנקוקען די פאר׳גוי׳אישטע אידען, צו וועלכען קרייז זיינע עלטערען האָבען געהערט, און ניט די גויים, וואָס האָבען מיט שנאה געקוקט אויף אידען.

די עלטערען זיינען נאָך ווייט ניט געווען איבערצייגט, אז זיי דארפען און זאָלען טאָן וואָס זייער זון פארלאנגט. דער זון האָט שוין אָבער געהאט אָפּגעמאכט מיט דער דעה, וואָס ער זאָל טאָן, און אז ער האָט פארענדיגט זיין שטודיום אלס רופא, האָט ער זיך ניט צוריקגעקערט אהיים צו זיינע עלטערען, נאָר האָט זיך באזעצט אין אמסטערדאם.

דאָרט האָט ער חתונה געהאט מיט דער טאָכטער פון א באוואוסטען אמסטערדאמער נכבד א למדן און א גביר, און איז געוואָרען בארימט ווי א גרויסער רופא און ירא שמים. זיינע עלטערען האָבען דערנאָך זיך אויך איבערגעקליבען קיין אמסטערדאם און זיינען געוואָרען פרום נאָכ־פאָלגענדיג זייער זונ׳ס דרך.

עפּעס ענליכעס האָט פּאסירט מיט׳ן אידישען סטודענט אנטאָני יאסינאָווסקי, וועלכער האָט געשטאמט פון ווארשע, און איז געווען דער זון פון עלטערען, וועלכע זיינען געווען אזוי פאר׳גוי׳אישט, אז זיי האָבען זייער זון אפילו ניט געהאט גע׳מל׳ט. די יאסינאָווסקים האָבען אויך אויסגעקוקט, אז זייער זון זאָל זיך שמד׳ן און אזוי ארום ווערען די „בריק״ פאר זיי, איבערצוגיין פון דער אידישער מחנה אין דער גוי׳אישער. פאר דער אָדער יענער אורזאך האָבען די עלטערען אליין ניט געהאט דעם מוט איבערצובייטען דאָס רענדל.

אנטאָני האָט שטודירט וויסענשאַפט און ער האָט געזאָלט באַש־ליסען, צי נאָך זיין שטודיום זאָל ער בלייבען אין איטאַליע, וואו זיינע עלטערען וועלען זיך דערנאָך איבערקלייבען, און פּונקט ווי ער, אנטאָני, איבערגיין צום קריסטענטום, אָדער ער זאָל זיך צוריקקערען קיין פּוילען און דאָרט זאָלען זיי אים נאָכפאָלגען אין דער קריסטליכער וועלט.

אנטאָני איז אָבער געווען איינער פון די סטודענטען, וואָס זיינען געוואָרען בעלי תשובה, ער האָט זיך מל געווען און האָט זיך אָנגעהויבען באַקאָנען מיט אידישקייט. ער האָט אָבער וועגען דעם ניט געשריבען צו זיינע עלטערען. ער איז אין זיינע בריוו אָפּגעקומען מיט קלייניגקייטען.

ערשט ווען ער האָט געהאַט פאַרענדיגט זיין שטודיום, האָט ער פּלוצים געלאָזט וויסען זיינע עלטערען אין ווארשע, אז ער האָט זיך גע'מל'ט און רופט זיך איצט אברהם אָנשטאָט אנטאָני. ער האָט אויך געהאַט זיין פּלאַן — זיך צוריקצוקערען קיין פּוילען, אָבער ניט אין ווארשע, נאָר אין קראָקע, וואָס איז געווען א שטאָט פון תורה און אידען יראי שמים.

די עלטערען זיינען געווען ווי דערשלאָגען פון א דונער, אָבער זיי האָבען גאָרניט געקענט העלפען. אברהם יאסינאָווסקי האָט זיך דאַן באַזעצט אין קראָקע, און דווקא אלס איד. ער איז געוואָרען א פּראָפעסאָר פון וויסענשאַפט אין דער אקאדעמיע פון פּרינץ ראדזיוויל און האָט דאָרט חתונה געהאַט מיט א אידישער טאָכטער א גרויסע מיוחסת.

אזוי איז אויך געווען מיט אנדערע סטודענטען.

ר' משה האָט געפילט ווי ער וואָלט שוין געהאַט זיין שליחות דערפילט אין רוים, ער האָט געהאַט בדעה פון דאָרט אָפּצופאָרען קיין לאָנדאָן, האָבענדיג אין זינען איצט געשעפט. ער האָט געזאָלט איינקויפען אין רוים פאַרשידענע יקר המציאות'ן און גאַנצע קאָלעקציעס פון זיי און דאַן זיי איבערפירען קיין לאָנדאָן.

דערווייל האָט ער זיך אָבער דערוואוסט, אז זיין, ר' משה'ס, נצחון איבער די קארדינאלען האָט דערגרייכט דעם פּאַפּסט אליין און יענער האָט פאַראָרדענט, אז ס'זאָל ארויסגעגעבען ווערען א ספּעציעלע שריפט, אין וועלכער ס'זאָל באַוויזען ווערען די מעלות פון קריסטענטום איבער דער אידישער אמונה. דאָס האָט באַוואויגן ר' משה'ן, אז ער זאָל זיך פאַרטראַכטען וועגען דער נויטיגקייט, אז אידען זאָלען אליין ארויסגעבען א שריפט צו איבערצייגען אידען און ניט־אידען אין די אייביגע אמת'ן פון דער אידישער אמונה.

אַנשטאָט פאַרען קיין לאָנדאָן, איז ר' משה געפאָרען קיין מאַנטובה, איטאַליע, וואָס איז דעמאָלט געווען אן עיר ואם בישראל, און מיט די דאָרטיגע גדולי ישראל צוגעגרייט די שריפט וואָס ער האָט געפילט דאַרף ארויסגעגעבען ווערען כדי אָפצושלאָגען אלע קריסטליכע טענות צום אידענטום.

אין דער זעלבער צייט האָט דער סטודענט גדליה משה פארענדיגט זיין שטודיום און האָט אליין אנגעשריבען אן אָפּהאנדלונג וועגען רעליגיע און איצט פול מיט ראיות וועגען דעם אמת פון דער אידישער אמונה.

גדליה משה גאָרדאָן פון ווילנע האָט איצט געהאט דעם טיטול פראָפעסאָר און לויט פאָרשלאָגען וואָס זיינען אים געמאכט געוואָרען, האָט ער געזאָלט פארבלייבען אין רוים.

## קיב.

### דער נזיר אין רוים

ר' משה'ס וואנדערונגען און פלענער. — דער נזיר קומט זען דעם פויפסט. — דער געהויבענער גאַסט ווערט נעלם.

כאָטש ר' משה איז איצט געווען אין מאַנטובה, איטאַליע, האָט ער זיך אָבער געהאלטען אין צונויפשרייבען מיט דעם יונגען געלערנטען גדליה משה'ן, אָדער ווי ער האָט זיך שוין גערופען, פּראָפעסאָר גאָרדאָן. ביידע האָבען געפילט, אז דורך דעם גערעדטען און דורך דעם געדרוקטען וואָרט, דאַרף מען אָנפירען אן אנטשיידענע מלחמה געגען דער קריסטליכער וועלט, צו שטאַרקען די יסודות פון דעם אידישען גלויבען.

פון מאַנטובה איז ר' משה געפאָרען קיין לאָנדאָן, וואו עס האָבען זיך געפונען צוויי אידישע קהלות, א ספרד'ישע און אן אשכנז'ישע, די אשכנ'ישע קהלה איז אָנגעפירט געוואָרען פון הרב ר' אורי מאַנהיימער, און די ספרד'ישע — פון הרב ר' דוד נעטא. ביידע זיינען געווען גרויסע לומדים און יראי שמים.

כאָטש ר' משה'ס באזוך אין לאָנדאָן האָט געזאָלט זיין פאַר געשעפט, האָט ער זיך אָבער דאָרט אָפּגעגעבען הויפטזעכליך מיט כלל-

ישראל ענינים, דער עיקר מיט דרוקען זאכען אפצושלאגען די טענות פון קריסטען געגען אידען אין אמונה זאכען.

דאס איז געווען, ווי ר' משה איז געווען איבערצייגט, א דרינגענדיגע נויטווענדיגקייט.

פון גדליה משה גארדאנ'ס בריוו פון רוים האט ער שוין געוואוסט, אז די אידישע סטודענטען אין דער וואטיקאן אקאדעמיע — די מערסטע פון וועלכע זיינען געווען ווייט פון אידישקייט און א סך זיינען געשטאנען אויפ'ן שוועל פון שמד — זיינען די מערסטע פון אט די סטודענטען שוין געווען בעלי־תשובה. ווי גדליה משה אליין — און גדליה משה האט דערצו א סך מיטגעהאלפען — האבען זיי זיך אנגעהויבען אפגעבען מיט אידישע לימודים און זיינען שוין געווען פולשטענדיג איבערצייגט, אז דער לעבענס־וועג זייערער ליגט אין דער אידישער מחנה און ניט אין דערנענטערען זיך צום קריסטענטום.

ר' משה האט געפילט, אז ער האט אין דעם געהאט א חלק. זיין באזוך אין רוים און זיין ויכוח אין וואטיקאן האבען עס געהאט געווירקט פריער אויף גדליה משה'ן און דאן אויף אנדערע אידישע יונגעלייט, אז זיי זאלען צוריק ווערען איבערצייגטע אידען און פול־גלויביגע אין דער אידישער אמונה.

דער געוועזענער ראש הקהל פון פויזען, וועלכער איז געווען געצוואונגען צו פארלאזען זיין געבורט־שטאט און זוכען פאר זיך אן אנדער מקום מנוחה, צוליב די פארפאלגונגען מצד די קריסטען איבער אמונה זאכען, האט איצט מיט הארץ און זעל געפילט, אז כדי אפצושלאגען אלע טענות פון די קריסטליכע פירער, מוז מען ארויסגעבען וואס מער ספרים און קונטרסים, וואס זאלען אויפקלערען און באגרינדען די אידישע אמונה.

לאנדאן, ווי א גרויסער אידישער צענטער, וואו עס זיינען אויך געווען מעגליכקייטען צו דרוקן אזוינע ספרים און קונטרסים, איז פאר ר' משה'ן געווען ווי געוואונשען. ער האט זיך דארט אפילו געהאט פארנומען מיט ארויסגעבען א פאמפלעט וועגען אידישקייט אין ענגליש מיט אן אויג, ניט בלויז צו שטארקען די אמונה ביי אידען וואס האבען זיך דערווייטערט פון זייער פאלק, נאר אויך און דער עיקר — ביי קריסטליכע ענגלענדער.

ר' משה האט נאטירליך געוואוסט, אז דאס קאן אויך ארויסרופען דעם צארן פון ענגלישע קריסטליכע און אנדערע קריסטליכע קנאים. אבער

ער איז שוין געווען איבערצייגט, אז דער איינציגער כלי־זיין, וואָס אידען האָבען, איז דער אמת, און דער אמת איז געווען אויף דער אידישער זייט.

בעת ר' משה האָט זיך אויפגעהאַלטען אין לאָנדאָן און איז געווען פאַרנומען מיט צוזאַמענשטעלען די פּאַמפלעטען, וואָס ער האָט זיך באַמיט אַרויסצוברענגען אין אַ געדרוקטער פאָרמע, האָט ער צוגעקראָגען אַ סך מוט דורך אַ בריוו, וואָס גדליה משה האָט אים צוגעשיקט פון רוים, איבערגעבענדיג די סאַמע לעצטע פּאַסירונגען דאָרט און אין דעם וואַטיקאַן. איינע פון אָט די פּאַסירונגען, וואָס גדליה משה האָט באַשריבען, האָט ר' משה'ן ממש פאַרכאַפּט.

דאָס איז געווען אַ ווירקליך פאַנטאַסטישע מעשה, וואָס איז אָבער געווען אַ ווירקליכקייט.

אין רוים האָט זיך פּלוצים געהאַט באַוויזען אַ גאָר געהויבענער גאַסט — דער אַלטער, גרייז־גרויער קריסטליכער געלערנטער און פילאָזאָף פּראָפעסאָר כריסטיאַן די לעציאַטע. אָט דער פּראָפעסאָר די לעציאַטע איז שוין לאַנג ניט געזען געוואָרען, אָבער מיט יאָרען צוריק האָט זיין נאָמען געהאַט געקלונגען אין דער קריסטליכער וועלט.

ער איז אין זיין יוגענט געווען אַ תלמיד פון דעם ערצבישאָף פון גרעגאָר די פיראַנטאַ פון ווענעציע און האָט דערנאָך געשפּילט אַ גרויסע ראָל און אליין אַ גרויסער גייסטליכער אין דער קאַטוילישער קירך, אין דער קריסטליכער וועלט.

ביי זיין דערשיינען אין רוים האָט די לעציאַטע מודיע געווען, אַז ער איז ספּעציעל געקומען זיך זען מיט'ן פּויפּסט. ווען מ'האָט זיך פון זיין אָנקומען אין רוים דערוואוסט אין וואַטיקאַן איז באַלד געשיקט געוואָרען אַ דעלעגאַציע פון הויכע וואַטיקאַן־פּערזענליכקייטען אים מקבל־פּנים צו זיין און אים צו בענשען, אַזוי חשוב איז דער גאַסט געהאַלטען געוואָרען דאָרט. עס איז געווען באַשלאָסען, אַז מ'זאָל דעם חשוב'ען גאַסט איינלאַדען אויפצוהאַלטען זיך אין וואַטיקאַן און פאַרנעמען אַ דירה אין דעם פּאַלאַץ פון פּיוס, וואו ער וועט אפילו האָבען אַן איינגענעם מקום תפילה, און אין עטליכע טעג אַרום וועט פאַר אים צו־געגרייט ווערען אַן אָפיציעלע אויפנאַמע ביים פּויפּסט, אין דער אַנוועזענ־הייט פון די קאַרדינאַלען און די אַנדערע נכבדים פון וואַטיקאַן.

דער גאַסט האָט אָבער די פּויפּסטליכע דעלעגאַציע באַדאַנקט פאַר'ן כבוד, וואָס מ'וויל אים צוטיילען און דערקלערט, אַז ער קאָן אָט דעם כבוד ניט אָננעמען, ווייל עס איז שוין מער ווי פינף און דרייסיג יאָר,

וואָס ער פּראוועט נזירות, פאַסט תעניתים און פירט זיך בכלל גאָר אנדערש.

זיין פאַרלאַנג איז נאָר געווען, האָט ער מודיע געווען, צו זען זיך מיט׳ן פּויפּסט פּריוואַט, אויג אויף אויג. ער האָט שוין לאַנג ביי זיך אָפּגעמאַכט, האָט ער געזאָגט, אז פאַר זיין טויט זאָל ער זיך טרעפן אין יחידות מיט׳ן פּויפּסט און פאַר אים זיך אראָפּרעדן פון הארצען און אים אויך איבערגעבן די סודות מיט וועלכע ער קומט צו אים.

דער ענטפער פון דעם אַלטען פּראָפעסאָר די לעציאַטע און זיין מאָדנער פאַרלאַנג האָט דער פּויפּסטליכער דעלעגאַציע געפּלעפט. זיי האָבען עס קוים געקאָנט משיג זיין. וואָס הייסט, ער זאָגט זיך אָפּ פון אזא כבוד? די דעלעגאַציע האָט אָבער קיין ברירה ניט געהאט ווי איבער־צוגעבען אַלץ וואָס זי האָט געהערט פון די לעציאַטע׳ס מויל, צו די קאַרדינאַלען.

אז די לעציאַטע איז געווען א נזיר איז געווען קלאָר. ער איז געווען א געבוירענער פון ווערָאנא, איטאַליע. ער איז געבליבען א קליינקינדיגער יתום און ער איז געווען נאָך גאָר יונג. ער איז דאן אריינגענומען געוואָרען אין הויז פון זיינעם אַן אָנקעל, א גלח, זיך צו האָדעווען. דער יתום האָט באַלד ארויסגעוויזען זיינע גרויסע כשרונות אין לערנען. צו צוואַנציג יאָר האָט ער שוין געהאט דעם טיטעל פילאָזאָף. זיין אָנקעל האָט אים דאן געשיקט ווייטער לערנען ביי דעם ארצבישאָף די פּיראַנטא אין ווענעציא.

אחוץ זיין גרויסען וויסען האָט דער יונגער די לעציאַטע, שוין א פּול־באַרעכטיגטער גלח, געהאט א גרויסען טאַלאַנט צו רעדען, און ער איז געוואָרען דער אָנפירער פון די גלחים, וואָס זיינען געווען באַשטימט צו פירען ויכוחים מיט אידען און סתם צו באַווייזען אלע ״ניט־גלויביגע״, אז קריסטענטום איז די אמת׳ע אמונה.

עטליכע יאָר האָט די לעציאַטע געהאַלטען זיינע פייערדיגע רעדעס, באַגרינדענדיג דעם קריסטענטום. ער האָט אפילו געהאט אָנגעשריבען גאַנצע אָפּהאַנדלונגען וועגען דעם. ער האָט געקראָגען א גרויסען נאָמען און זיין לויב איז געהערט געוואָרען אין וואַטיקאַן.

א גאָר גרויסע צוקונפט האָט אים דערוואַרט אין דער קאַטוילישער קירך.

דער ארצבישאָף די פּיראַנטא האָט וועגען אים געשריבען צום פּויפּסט און האָט אים שטאַרק פאַרלויבט. ער האָט באַזונדערס זיך געהאט

אָפּגעשטעלט אויף די לעציאטע׳ס ויכוחים מיט באוואוסטע אידישע געלערנטע און עס האָט געזאָלט הייסען, אז דער יונגער גלח האָט זיי מנצח געווען.

אָבער פּלוצים איז די לעציאטע נעלם געוואָרען. קיינער האָט ניט געוואוסט קיין שפור וואו ער איז פארשוואונדען. קלאנגען האָבען זיך געהאט פארשפּרייט, אז דער יונגער גלח איז געוואָרען א נזיר און האָט באשלאָסען צו פּראווען התבודדות ערגעץ ווייט אוועק. עס איז אויך געווען א ידיעה, אז ער איז אוועק קיין אינדיע, פון וואנען ער האָט זיך שוין מער ניט צוריקגעקערט.

איצט, אין גאָר טיפען עלטער, איז די לעציאטע צוריק דערשינען און דווקא אין רוים. ער האָט געוואָלט זען דעם פּויפּסט, אָבער אויף אַן אופן, וואָס איז געווען פּונקט דער היפוך פון דער צערעמאָניאלער אויפנאמע, וואָס מ׳האָט אים אָנגעבאָטען.

אייגענטליך איז די לעציאטע שוין געווען ביים פּויפּסט צוויי מאָל אין זיין יוגענט. דעמאָלט, ווען ער האָט גע׳שמ׳ט פאר זיינע ויכוחים מיט אידען. אויף ארצבישאָף די פּיראנטא׳ס רעקאָמענדאציע האָט מען אים אין וואטיקאן אָפּגעגעבען גרויס כבוד.

איצט האָט ער זיך אָבער אויפגעפירט גאָר אנדערש און געהאט גאָר אנדערע פארלאנגען.

די קארדינאלען האָבען זיך משער געווען, אז דאָס מוז זיין אין הסכם מיט אָט דעם נזיר׳ס הנהגה. שוין די לעציאטע׳ס אויסזען אליין, אין זיין הויכען עלטען, האָט ארויסגערופען יראת הכבוד. ער איז געווען הויך געוואקסען, און כאָטש ער האָט געזאָלט פאסטען תעניתים און זיך פּייניגען אויף אנדערע אופנים, איז זיין פּנים געווען פול און געלויכטען. ער איז געווען געקליידט אין שווארצען און געטראָגן היל־צערנע סאנדאלען. זיינע האָר זיינען געווען ווייס ווי זילבער און לאנג, ארונטערלאָזענדיג זיך איבער זיינע פּלייצעס, וואָס צוזאמען מיט זיין לאנגער ווייסער באָרד האָט אים גענעבען דעם אויסזען פון א היילינגען.

פון אונטער זיינע לאנגע און געדיכטע ברעמען האָבען ארויס־געקוקט צוויי שווארצע, פייערדיגע און טיף־דורכדרינגענדיגע אויגען.

יעדער, וואָס האָט געוואגט צו באגעגענען זיין בליק, האָט דערפילט א מין ביטול פאר זיך. מ׳האָט געהאט אײנעם, וואָס האָט אייך געהאט אָפּגעמאָסטען פון קאָפּ ביז די פּיס.

נאָך א באראטונג האָבען די קארדינאלען איבערגעגעבן דעם נזיר׳ס פּאָרשלאָג צום פּויפּסט אליין. דער ענין איז באטראכט געוואָרען און עס איז געבליבן, אז דער ערשטער קבלת פּנים פאר דעם אלטען די לעציאטע דארף און זאָל זיין א פּאָרמאלער, מיט דער גאנצער צערעמאָניע פון אזוינע אויפנאמען אין וואטיקאן. דערפאר וועט אָבער די לעציאטע אויך קאָנען האָבען זיין וואונש און אויפגענומען ווערען א צווייטען מאָל פון פּויפּסט, שטרענג אין יחידות.

עס איז ביי קיינעם ניט געווען קיין ספק, אז דאָס וועט דעם אלטען נזיר צופרידענשטעלען. אויב אפילו דער כבוד, וואָס מ׳וועט אים צוטיילען ביי דעם פּאָרמאלען קבלת פּנים וועט אים ניט זיין צום הארצען, וועט ער אָבער אודאי פארשטיין, אז דאָס איז ניט אזוי אים צו פארשאפען א הנאה, נאָר צו ווייזען פאר דער וועלט ווי טייער עס ווערען געהאלטען מענשען, וואָס ווידמען זייער לעבען צום קריסטליכען גלויבען, באזונ־דערס אזא ווי די לעציאטע, וועלכע האָט גרויסע פארדינסטען נאָך פון זיינע יונגע יאָרען.

האָט מען געלאָזט וויסען דעם נזיר, וועלכער איז נאָך אלץ געבליבען אויף דער אכסניה אין רוים, וואו ער איז לכתחילה פּארפאָרען, ווי אזוי זיין טאָפּעלטער קבלת פּנים וועט איינגעאָרדענט ווערען. די טעג פון דעם ערשטען ווי פון דעם צווייטען אויפנאם זיינעם, זיינען ביים פּויפּסט באשטימט געוואָרען.

דער טאָג פון דעם צערעמאָניאלען קבלת פּנים פאר פּראָפעסאָר די לעציאטע איז געקומען. אויפ׳ן אָנזאָג פון פּויפּסט אליין האָט מען געשיקט צו דער אכסניה, וואו דער נזיר האָט זיך אויפגעהאלטען, דעם פּויפּסט׳ס אייגענע קארעטע געשפּאנט צו אכט סוסים. פינף אנדערע קארעטעס, וואָס האָבען באגלייט די פּויפּסטליכע קארעטע, זיינען געווען באזעצט פון פּויפּסטליכע שלוחים, וואָס זיינען באאויפטראָגט געוואָרען צו באגלייטען דעם גאסט אין וואטיקאן אריין.

אין צוגאָב זיינען געשיקט געוואָרען רייטער אָנגעטאָן אין זייערע פּאָרמאלע פּויפּסטליכע מונדירען.

אויפ׳ן וועג צו דער אכסניה האָט אָט די פּראָצעסיע, נאטירליך, צוגעצויגען די אויפמערקזאמקייט פון א גרויסען עולם. דערזעענדיג די פּויפּסטליכע קארעטע, זיינען א סך פרומאקעס געפאלען אויף די קני און זיך געבוקט און גע׳צלמ׳ט.

ווי שטארק דערשטוינט איז די דעלעגאציע געוואָרען, אז ווען גרייכענדיג די אכסניה, האָט זי אויסגעפונען, אז דער נזיר די לעציאטע איז דאָרט ניטא. ער האָט גאנץ פרי יענעם טאָג זיך אָפּגערעכענט מיט'ן בעל־האכסניה, יענעם באצאָלט, וואָס עס האָט אים געקומט און מיט'ן קלומיק אויף דער פּלייצע איז ער אוועק. דער בעל־האכסניה האָט ניט געהאט קיין ידיעה וואוהין דער נזיר איז אוועק און פארוואָס ער איז אוועק.

דאָס איז פאר די פּויפּסטליכע שלוחים געווען א רעטעניש. זיי האָבען ניט געוואוסט וואָס צו טאָן.

אלץ איז געווען אזוי אויסגערעכענט, אז ווען זיי האָבען זיך געזאָלט צוריקקערען אין וואטיקאן מיט'ן נזיר האָט אין פּויפּסטליכען פּאלאץ געזאָלט זיין אלץ גרייט פאר דעם צערעמאָניאלען קבלת־פּנים. די קארדינאלען און אנדערע הויכע פּערזענליכקייטען, ווי אויך סתם בכבוד'יגע איינגעלאדענע געסט, האָבען דאָרט געדארפט זיין פארזאמעלט.

איצט האָבען זיי געזאָלט צוריקקערען מיט ליידיגען! וואָס האָבען זיי געזאָלט טאָן?

בלייבענדיג שטיין ביי דער אכסניה, האָבען די שלוחים געשיקט א רייטער צוריק אין וואטיקאן איבערצוגעבען וואָס עס איז געשען און קריגען אינסטרוקציעס וואָס צו טאָן.

## קיג.

### דער גר צדק

**די מיספאַרשטענדניש. — דער נזיר אין פּריוואַטער אודיענץ ביים פּויפּסט. — דער גר צדק.**

אויסהערענדיג דעם רייטער, וואָס עס איז געשען, אז דער אלטער נזיר די לעציאטא איז פארשוואונדען געוואָרען פון זיין אכסניה אין רוים, און אז די פּויפּסטליכע שלוחים וואָס זענען געשיקט געוואָרען אים צו באגלייטען אין וואטיקאן ווארטען אויף אינסטרוקציעס וואָס ווייטער צו טאָן, האָבען די קארדינאלען אין וואטיקאן, שטארק געפּלעפט, באשלאָסען, אז די שלוחים זאָלען אויספּרובירען אנדערע אכסניות. מעגליך, אז דער אלטער די לעציאטא האָט זיך ארויסגעקליבען אין א צווייטער אכסניה.

דער קבלת פנים פאר אים ביים פויפסט האט געזאלט דורכגעפירט ווערען ווי דאס איז געפלאנט געווארען.

צוריקצוקערען זיך אן דעם נזיר וואלט געווען אן אומזין. דער צערעמאניאלער קבלת פנים אין וואטיקאן האט שוין ניט געקאנט צוריק־גערופען ווערען. אלע געהויבענע געסט זיינען שוין געווען פארזאמעלט אין פויפסטליכען פאלאץ פאר דער צערעמאניע. מ׳האט נאר געווארט אויפ׳ן ערן־גאסט, דעם נזיר.

דער רייטער האט איבערגעגעבען צו די שלוחים די אינסטרוקציעס, און זיי האבען זיך אוועקגעלאזט פון איין אכסניה צו דער צווייטער, דערווארטענדיג צו געפינען דעם נזיר. מיט דער פויפסטליכער קארעטע אין פאראויס און אנדערע קארעטעס, באגלייט פון אוניפארמירטע רייטער און פוסגייער, האט עס צוגעצויגען גרויס אויפמערקזאמקייט. די גאסען זענען געווען שווארץ מיט מענשען.

אבער דער נזיר האט זיך אין ערגעץ ניט אפגעזוכט. וואס האט פאסירט? אט וואס:

דער אלטער די לעציאטא האט באשלאסען ניט צו ווארטען, אז מען זאל אים קומען נעמען אין וואטיקאן צום קבלת פנים, נאר איז אהין אליין אוועק און טאקע צופוס. כאטש א העכסט אימפאזאנטע פיגור אין זיינע שווארצע קליידער און זיינע לאנגע ווייסע האר און ווייסער באָרד, האט זיך אבער אויף אים קיינער ניט אומגעקוקט. ער האט אויך באשלאסען ניט צו מעלדען זיך פאר זיין אוידיענץ מיט׳ן פויפסט צו די באשטימטע פערזאנען, וואס האבען צו טאן מיט אזוינע ענינים, נאר איז אריין צו די באדינער פון פויפסט. דארט האט ער איינעם פון די באדינער געזאגט אויף א גאר באשיידענעם אופן, אז ער דארף אויפ־גענומען ווערען פונ׳ם פויפסט און האט פארלאנגט פונ׳ם באטרעפענדיגען באדינער, אז ער זאל אים ווייזען דעם וועג צום פויפסט.

דער באדינער, ניט וויסענדיג, אז אין אנדער טייל פון פויפסטליכען פאלאץ ווערט צוגעגרייט א קבלת פנים פאר א געהויבענעם גאסט, און אז אט דער אלטער איז עס דער, וואס דארף פון פויפסט אויפגענומען ווערען, האט דעם נזיר אריינגעפירט אין איינעם פון די ווארט־צימערען און אים דארט געהייסען ווארטען. ער, דער באדינער, איז אוועק מעלדען א פויפסטליכען באאמטען וועגען דעם אומבאקאנטען פארשוין, וואס ווארט אויפגענומען צו ווערען פון פויפסט.

יענעם באאמטען איז גארניט איינגעפאלען צו פארבינדען אט דעם אומבאקאנטען, וועגען וועלכען דער באדינער האט גערעדט מיט דעם די לעציאטא'ן אויף וועמען מ'האט אין גרויסען פויפסטליכען זאל געווארט. דער באאמטער איז אויפגעבראכט געווארען אויפ'ן באדינער, וואס ער האט ניט געהאט גענוג שכל דעם אומבאקאנטען, ווער עס זאל ניט זיין, משלח צו זיין און אים ניט הייסען ווארטען, ווי ער וואלט טאקע געווען בארעכטיגט, אויפגענומען צו ווערען פון פויפסט. דער באאמטער האט דעם דינער פאר זיין חוצפה און נארישקייט ארונטערגעלאזט א פאטש און אים אנגעזאגט, פון דעם אומבאקאנטען באלד פטור צו ווערען.

דער באדינער נאך זיין אפשניט, האט איצט אויסגעלאזט זיין כעס אויפ'ן נזיר און צוריקקערענדיג צום אלטען, האט אויף יענעם אנגע־הויבען שרייען, אז ער זאל באלד פארלאזען דעם פאלאץ. אז דער נזיר אין זיין תמימות האט ניט פארשטאנען פארוואס דער באדינער איז אזוי דערצארענט קעגען אים, האט ער אביסעל געצעגערט. איז דער געשלאגענער באדינער אים באפאלען און האט אים מיט כוח ארויס־געשטויסען אין קארידאר אריין און פון דארט אין דרויסן.

נאך אזא אפשניט איז דער אלטער אריין אין דער ביורא וואו מ'מעלדעט זיך, געוויינליך, פארמאל פאר אן אודיענץ ביים פויפסט.

דערווייל האט די פראצעסיע, וואס האט געזאלט באגלייטען די לעציאטא'ן אין וואטיקאן, זיך צוריקגעקערט מיט לידיגן. דער צערע־מאניען־מייסטער, וואס האט געהאט אויפזיכט איבער דעם איינגעארדענטען פאראדנעם אוידיענץ פאר'ן נזיר, האט קיין ברירה ניט געהאט און געמעלדעט די פארזאמעלטע געסט, אז דער אוידיענץ מיט'ן פויפסט וועט ניט צושטאנד קומען. די פארזאמעלטע זענען זיך צעגאנגען.

דער שמועס צווישען די פויפסטליכע הויף־לייט איז געווען אז דער נזיר, וועלכער האט אזויפיל יאר געהאט געפראוועט התבודדות, האט מסתמא אין לעצטען מאמענט דערפילט, אז ער איז נאך ניט גענוג גערייניגט און געהייליגט צו זיין ראוי אויפגענומען צו ווערען פון פויפסט און איז צוריק אוועק פראווען התבודדות.

אודאי וועט ער זיך אפזוכען אביסעל שפעטער.

ווען איינער פון די העכערע וואטיקאן־לייט וועלכער האט די לעציאטא'ן געקענט, איז שפעטער אריין אין דער מעלדונגס־ביורא, איז ער אויפגעציטערט געווארען, ווען ער האט געזען ווי אויף א באנק איז

געזעסען דער נזיר און געווארט אויף זיין ריי, צו איבערגעבען זיין פארלאנג.

יענער איז באלד צוגעקומען צום נזיר און מיט יראת הכבוד אנגעהויבען זיך פארנאנדערפרעגען וואס ס׳האט פאסירט. די לעציאטא האט דערציילט וואס ס׳איז מיט אים געשען, אז ער איז אליין געקומען צום קבלת פנים און האט זיך געמעלדעט דורך דער פויפסטליכער דינערשאפט, אבער האט געכאפט אן אפשניט, וואס האט אים באוואויגען צו ווענדען זיך אויף א פארמאלען אופן. אבער דערווייל זיצט ער אוןווארט ביז ס׳וועט קומען צו זיין ריי.

ס׳איז געווארען א טומעל. עפעס האט געדארפט געטאן ווערען גוט צו מאכען די טעות׳ן, וואס זענען באגאנגען געווארען אויףביידע זייטען.

דער ענין האט דערגרייכט דעם פויפסט אליין. די קארדינאלען האבען זיך שנעל פארזאמעלט און א פארמאלער קבלת פנים האט איצט געדארפט געגעבען ווערען דעם אלטען נזיר. דער קבלת פנים האט אבער, צוליב דעם וואס איז געשען, געזאלט זיין נאך פייערליכער ווי פריער.

די לעציאטא האט אבער אויסגעדריקט דעם פארלאנג, אז דער פויפסט זאל אים אויפנעמען ביחידות. ער האט געזאגט, אז ער האט עפעס איבערצוגעבען דעם פויפסט און זיך מיט אים מיישב זיין וועגען א וויכטיגען ענין אונטער פיר אויגען. נאך אט דער באגעגעניש מיט׳ן פויפסט, האט דער נזיר געזאגט, וועט ער פארלאזען רוים.

דעם נזיר׳ס פארלאנג איז איבערגעגעבען געווארען צום פויפסט און יענער האט איינגעוויליגט אויפצונעמען אים פריוואט. קיינער איז ניט געווען דערביי, ווען דער נזיר איז אריינגעקומען צום פויפסט אין קאבינעט. קיינער האט ניט געוואוסט וואס עס איז געשען און וואס זיי האבען גערעדט צווישען זיך.

דער נזיר איז פארבליבען מיט׳ן פויפסט ניט מער ווי א צוואנציג מינוט. ווען ער איז ארויסגעקומען פון פויפסט׳ס קאבינעט, האבען אויף אים געווארט די קארדינאלען. ער איז אבער מיט זיי ניט פארבליבען קיין רגע. ער האט באלד פארלאזט דעם פויפסטליכען פאלאץ, צו דער פארוואונדערונג פון די קארדינאלען און איז פארשוואונדען.

די קארדינאלען האבען זיך איבערגעווארפען מיט בליקען פון פארוואונדערונג. איינער פון די קארדינאלען איז אריין צום פויפסט אין

קאבינעט און ער האָט אים געפונען שטארק דערשלאָגן. זיינע אויגען זענען געווען פארוויינט און אויסגעדריקט טיפען טרויער.

דער פויפסט האָט צום קארדינאל קיין וואָרט ניט געזאָגט, און דער לעצטער האָט ניט געוואגט פרעגן וואָס דאָס אלץ האָט באדייט, פארוואָס ער איז אזוי פארטרויערט און דערשלאָגן.

ער האָט דעם פויפסט איבערגעלאָזט און שפּעטער דערציילט די אנדערע קארדינאלען וואָס ער האָט געזען. זיי האָבן זיך געבראָכן די קעפּ אויסצוגעפינען וואָס עס איז פאָרגעקומען צווישען נזיר די לעציאטא און דעם פויפסט.

עפּעס האָט דער אלטער געמוזט ברענגען דעם פויפסט א טרויעריגע בשורה פון ערגעץ וואו.

א קורצע צייט איז אוועק און אין וואטיקאן האָט מען זיך געהאלטען אין סוד׳ן, פארשידענע קלאנגען האָבן זיך געהאלטען אין פארשפּרייטען.

אלץ האָט זיך געהאנדעלט וועגען דעם אלטען נזיר די לאציאטא און זיין באזוך ביים פויפסט.

די קארדינאלען זענען ארומגעגאנגען פארטרויערטע. דער פויפסט האָט זיך געהאט פארשלאָסען פאר עטליכע וואָכען צייט און קיינער האָט צו אים ניט געקענט צוקומען. אפילו זיינע סאמע נאָנטסטע האָבן צו אים ניט געקענט צוקומען.

נאָכדעם ווי דער פויפסט האָט צוריק אָנגעהויבען צולאָזען מענשען צו זיך, איז צווישען אים און די קארדינאלען אָפּגעהאלטען געוואָרען א געהיימע אסיפה. וועגען אָט דער אסיפה האָט מען זיך גע׳סוד׳עט ניט ווייניגער ווי וועגען דעם אלטען נזיר און זיין באזוך ביים פויפסט.

ס׳איז געווען אלץ אין שייכות מיט׳ן דאָזיגען נזיר.

ענדליך האָט מען זיך דערוואוסט דעם סוד, וואָס איז געווען פארבונדען מיט׳ן נזיר די לעציאטע און זיין מיסטעריעזען באזוך ביים פויפסט. ס׳איז באמת געווען א שטוינענדיגע געשיכטע.

ווען דער נזיר איז אריינגעקומען צום פויפסט אין קאבינעט, האָט דער הויפּט פון דער קאטוילישער קירך צו אים אויסגעשטרעקט דעם צלם, וואָס דער גאסט האָט געזאָלט א קוש טאָן, ווי א צוגרייטונג צום שמועס וואָס האָט געדארפט פאָלגען.

די לעציאַטאַ האָט זיך אָבער אַנטזאָגט צו קושען דעם צלם. ער האָט זיך אויך אַנטזאָגט צו קניען פאַר׳ן פּויפּסט און צו קושען די פּאָלע פון זיין פּויפּסטליכען מלבוש.

דער פּויפּסט איז געווען דערשטוינט. וואָס זאָל עס באַדייטען? איז די לעציאַטאַ געוואָרען אוים קריסט?

יאָ, דאָס איז טאַקע געווען דער פאַל.

אודאי האָט די לעציאַטאַ זיך מיט פינף־און־דרייסיג יאָר צוריק אויסגעצייכענט אין די וויכוחים וואָס די קירך האָט געפירט מיט אידען. ער האָט אַ סך אידען מנצח געווען אין די דאָזיגע וויכוחים.

אָבער אין משך פון דער צייט האָט עפּעס פּאַסירט מיט די לעציאַטאַ׳ן. ער איז געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז אייגענטליך איז גאָר דער אמת מיט די אידען.

האָבענדיג געפירט אַזוי לאַנג וויכוחים מיט אידען און פּרובירט באַשרייבען, אַז די אידישע אמונה איז פאַלש, איז די לעציאַטאַ אַליין איבערצייגט געוואָרען, אַז די אידישע אמונה איז די ריכטיגע.

מיט אָט דער איבערצייגונג האָט די לעציאַטאַ מער ניט געוואָלט פאַרבלייבען אין ווענעציאַ, וואו ער איז געוואָרן באַרימט און פון וואַנען זיין פּרסום האָט געהאַט דערגרייכט דעם וואַטיקאַן, וואו מ׳האָט אים געהאַט אויפגענומען און צוגעטיילט גרויס כבוד. ער האָט ניט געוואָלט דערציילען זיינע קריסטליכע פריינט וועגען דער מסקנא צו וועלכער ער איז געקומען — אַז די אידישע אמונה איז די ריכטיגע.

קיינער האָט ניט געוואוסט וואו ער איז פאַרשוואונדען. בעת לעגענדעס זענען פאַרשפּרייט געוואָרען, אַז ער איז געוואָרען אַ נזיר און איז אוועק אין אינדיע פּראַווען התבודדות, האָט ער גאָר אין דער אמת׳ן באַשלאָסען צו ווערען אַ איד.

ער איז אוועק קיין אַמסטערדאַם, האָלאַנד, וועלכע איז דעמאָלט געווען אַ גרויסער אידישער צענטער און פול מיט גרויסע לומדים. דאָרט האָט ער זיך מגייר געווען און זיך, ווי אַ גר צדק, אַ נאָמען געגעבען אברהם.

ער איז שוין פון אַמסטערדאַם ניט אוועק, נאָר איז דאָרט געזעסען און געלערנט תורה, פריער מיט אַ רבי׳ן און נאָכדעם אַליין.

ווען ער האט דערגרייכט דעם עלטער פון זיבעציג יאר, האט ער באשלאסען צו באזוכען דעם פויפסט, אבער מיט איין ציל — צו דער־ציילען אים, אז ער איז שוין לאנג א איד און אים דערקלערען, אז ער און אויך אנדערע קריסטען זענען געקומען צו דער איבערצייגונג, אז די אידישע אמונה איז די ריכטיגע. היינט פארוואס זאל די קאטוילישע קירך פארפאלגען אידען און פארגיסען אידיש בלוט.

דער גר האט געוואלט אויג אויף אויג אויפפאדערען דעם פויפסט, אז ער זאל זיך אליין שטעלען צו דער פראגע און אליין באשליסען אויב די אידישע אמונה איז ניט די ריכטיגע.

דאס האט ער ענדליך דערפילט און אין די צוואנציג מינוט, וואס ער האט פארבראכט מיט'ן פויפסט האט ער דעם הויפט פון דער קירך איינגעטיילט א פארציע מוסר, וואס האט יענעם ממש געפלעפט.

דער פויפסט איז געווען אזוי איבעראשט פון אט דעם באזוך, אז ער איז געבליבען זיצען א געפלעפטער. לאנג נאכדעם ווי דער גר האט אים פארלאזען, איז ער געזעסען ווי א דערשלאגענער און טרערען האבען זיך געקייקעלט איבער זיינע באקען.

ער האט צוערשט קיינעם ניט געוואלט אנטפלעקען, וואס עס האט פאסירט. שפעטער האט ער דערציילט, וואס עס איז געשען און מ'האט אין וואטיקאן אנגעהויבען זוכען וועגען און מיטלען ערשטענס ווי אזוי צו פארבאהאלטען פון דער וועלט, וואס עס איז געשען מיט'ן גייסטליכען כריסטיאן די לעציאטא, וועלכער האט זיך מגייר געווען. קענטיג אז צווישען די קאטויליקען האט זיך ארייגעכאפט א געוויסע מאס אומגלויבען און עס איז אין וואטיקאן געבליבען, אז מ'מוז פאר־שטארקען די אגיטאציע פאר'ן קאטוליציזם און אז מ'מוז אויסרייסען מיט די ווארצלען אלע סימנים פון שוואכקייט אין דער אמונה.

אבער וואס דער וואטיקאן האט ניט געטאן כדי אפצושוואכען דעם רושם וועגען דעם וואס דער גלח די לעציאטא איז געווארען א איד, איז אבער די געשיכטע פארשפרייט געווארען צווישען אידען און דאס האט שטארק דערפרייט אידישע הערצער.

# קיד.

## ר' משה ווערט פאַרלאָזן פון חסידים פון מינסק

**רדיפות אין פויזען. — פון פראַג קיין פוילען. — ר' משה אין מינסק. — אַ געגנער פון קבלה.**

ר' משה, דער געוועזענער ראש הקהל פון פויזען איז געווען שטארק איבערראשט פון אָט דער געשיכטע מיט'ן גר צדק, וואָס דער יונגער אידישער געלערנטער, גדליה משה גאָרדאָן, האָט אים דערציילט אין אַ בריוו פון רוים. דאָס האָט ביי אים געשטארקט דעם גלויבען, אז מ'דארף ארויס־געבען אין פארשידענע שפראכען "קונטרסים" (פאמפלעטען) צו שטאר־קען דעם גלויבען אין זייער אייגענער אמונה ביי אידען און צו איבער־ציינגען ניט־אידען, אז די אידישע אמונה איז די ריכטיגע.

דער יונגער געלערנטער גדליה משה האָט געדארפט געשטעלט ווערען אין דער שפיץ פון אן אגודה, וואָס זאָל זיך אָפּגעבען מיט די דאָזיגע ענינים. גדליה משה, ווען עס איז אָנגעבאָטען געוואָרען א פּראָפעסאָר־שטעלע אין דעם סארבאן אוניווערזיטעט אין פאריז, איז געווען גרייט זיך אפצוזאָגען פון אָט דער פּראָפעסאָר־שטעלע כדי צו דינען די אינטערעסען פון דער אידישער אמונה און דעם כלל ישראל.

ר' משה וועלכער האָט געוואוסט, אז דאָס איז געווען דורך זיין איינפלוס, וואָס גדליה משה האָט זיך צוריקגעקערט צום אידישען דת דאמאָלט, ווען ער איז שוין געווען אויפ'ן שוועל פון שמד, רחמנא לצלן, האָט זיך עס געהאלטען פאר א חוב צו העלפען דעם יונגען געלערנטען אין זיינע פּלענער.

א לענגערע צייט איז ר' משה פארבליבען אין לאָנדאָן, וואו ער האָט צוגעגרייט דעם באָדען פאר דער אגודה צו באשיצען די אידישע אמונה, פון וועלכער גדליה משה, אָדער ווי ער איז שוין געווען באקאנט אלס פּראָפעסאָר גאָרדאָן, האָט אנגעפירט. די וויכטיגקייט פון דער אגודה איז באלד אָנערקענט געוואָרען פון די אידישע פירער אין א רייע לענדער.

א גרויסע איבערראשונג איז געווען פאר ר' משה'ן און דעם פּראָפעסאָר גאָרדאָן, וועלכער איז שוין צו יענער צייט געווען אין

לאָנדאָן, צו דערהאַלטען א בריוו פון דעם גר אברהם, דער געוועזענער גלח כריסטיאַן די לעציאטא, אז ער פארשפרייט איצט דעם אידישען גלויבען וואו נאָר ער קאָן. ניט קוקענדיג אויף זיין הויכען עלטער און זיין שוואכען געזונט, דערציילט ער אין דער עפענטליכקייט ווי אזוי ער איז אמאָל געווען א גלח און שטארק אַנגעזען אין וואטיקאַן, וואו דער פויפסט האָט אים געהאט אויפגענומען און באערט פאר די וויכוחים, וואָס ער האָט געפירט מיט אידען צו באווייזען זיי, אז זייער אמונה איז פאַלש. ער איז אָבער געקומען צו דער איבערצייגונג, אז די אידישע אמונה איז די ריכטיגע און האָט אפילו געוואָגט קומען צום פויפסט און עס אים זאָגען אין פנים.

ר' משה וואָלט זיך שוין מעגליך אינגאנצען אָפּגעגעבען צוזאמען מיט פּראָפעסאָר גאָרדאָנ'ען, מיט דער טעטיגקייט פון דער אגודה צו פארשפרייטען און צו באַפעסטיגען די אידישע אמונה. ער האָט אָבער אָנגעהויבען קריגען באאומרואיגענדיגע בריוו פון זיין משפחה אין פּויזען, וואו די רדיפות אויף אידען מצד די קאטאָליקען האָבען זיך פארשטארקט. אידען האָבען זיך אָנגעהויבען צו צעלויפען פון פּויזען, פילענדיג, אז די רדיפות וועלען נאָך ווערען גרעסער.

ווי זייער הארץ האָט זיי געזאָגט, איז טאקע געקומען א טאָג, ווען אויף די אידען אין פּויזען איז דורכגעפירט געוואָרען א ווירקליכער פּאָגראָם. איצט האָבען אידען אָנגעהויבען אנטלויפען פון פּויזען וואו די אויגען האָבען זיי געטראָגען.

ר' משה'ס פאמיליע האָט זיך איבערגעקליבען קיין פּראג, וואו ער, ר' משה, האָט נאָך אין פּאַראוים צוגעגרייט א מעמד. צוריקקערענדיג קיין פּראָג און צוזאַמענקומענדיג זיך מיט דער משפחה, האָט ער פאר א צייט פּרובירט דאָרט איינאָרדענען זיך פאר שטענדיג. ער האָט דאָרט געפירט מסחר ווי תמיד און האָט אין מסחר אריינגענומען אויך זיינע זין און איידעמס. נאָר זיין אינגסטער זון, דער גאונ'ישער ר' שניאור זלמן, האָט זיך מיט מסחר ניט געוואָלט אָפּגעבען און האָט זיך גענומען צו מלמדות.

ר' משה האָט אָבער געפילט, אז פּראג איז ניט דער פּאסיגער אָרט צו מאכען א שטענדיגע היים פאר זיין גרויסער משפחה און ער האָט זיך אוועקגעלאָזט קיין פּוילען צו געפינען א פּאסיגען מקום מקלט. עס האָט אים גענומען א לענגערע צייט ביז ער איז געקומען צו דער מסקנא, אז מינסק איז די שטאָט, וואו ער זאָל זיך באזעצען און דאָרט אריבער־ברענגען זיין משפחה.

צוערשט האָט גאָר קראָקע געזאָלט זיין די שטאָט, וואו ר׳ משה זאָל מאכען זיין היים. ר׳ משה׳ן איז קראָקע שטארק געפעלען געוואָרען צוליב איר לומדות און איר זעלטענע איינשטעלונג. די אידען זיינען דאָרט געווען אָרגאניזירט אין אגודות לויט זייער מסחר און זייער מלאכה. אזוי איז דאָרט געווען אן אגודה פון פוטערוואַרג סוחרים, פון וואָל סוחרים, וואלד סוחרים, תבואה סוחרים און אזוי ווייטער. דאָרט זיינען אויך געווען אגודות לויט די פארשיידענע מלאכות. יעדע אגודה האָט זיך געהאט איר פרנס און אירע אויפזעער, וועמעס עובדא עס איז געווען אויפצופאסען, אז די חברים זאָלען לערנען תורה און אָפּהיטען ווי ס׳באדארף צו זיין אלע מצוות.

אויף ר׳ משה׳ן האָט געמאכט א גרויסען רושם דאָס, וואָס אין קראָקע איז געווען איינגעפירט, אז יעדער, וואָס נעמט אן איידעם, זאָל ער זיין א בן תורה, און אז פאר ניט ווייניגער ווי דריי יאָר זאָל דער איידעם קריגען קעסט. דאָס האָט געמוזט זיין אזוי סיי מיט אן עושר און סיי מיט אן אָרימאן. דערווייל זיינען די איידימס אין משך פון דער צייט, וואָס זיי זיינען געזעסען אויף קעסט, זיך עוסק געווען אין תורה און דאָס האָט דערמעגליכט, אז קראָקע זאָל ווערען א שטאָט פון לומדות און וואו לערנען תורה איז געווען א טעגליכע דערשיינונג.

דאָס האָט ר׳ משה׳ן שטארק באגייסטערט. אָבער איין זאך האָט אים פארטריבען פון קראָקע — פארוואָס אידען האָבען זיך דאָרט אָפּגעגעבען מיט׳ן לימוד פון קבלה, און ר׳ משה איז געווען א מתנגד פון קבלה.

אָט דערפאר האָט ער באשלאָסען זיך בעסער צו באזעצען אין מינסק, וואָס איז אויך געווען א שטאָט פון תורה, אָבער ניט פון קבלה. אלע זיינע קינדער און איידעמס זיינען געקומען מיט אים קיין מינסק.

זיין זון ר׳ שניאור זלמן האָט זיך אָבער איבערגעקליבען קיין וויטעבסק, ווייל די עלטערען פון זיינע תלמידים האָבען זיך אלע באזעצט אין יענער שטאָט. אָט אזוי איז ר׳ משה׳ס משפחה צעטיילט געוואָרען.

אין מינסק האָט ר׳ משה זיך אויפגעהערט צו קהל׳ן און איז געוואָרען א יושב אוהל, אָפּגעבענדיג זיך מיט לערנען תורה און פארשיידענע חכמות, אין וועלכע ער איז געווען פאראינטערעסירט, באזונדער שפראַכען.

דאָס האָט אים געמאכט פאר א יוצא מן הכלל. עס איז אין מינסק, א שטאָט מיט גרויסע בני תורה, ניט געווען קיין אנדערער,

וואָס זאָל צו זיין גדלות אין תורה אויך זיין א גדול אין וועלטליכע חכמות ווי דאָס איז געווען ר' משה.

די גדולי תורה פון מינסק האָבען ר' משה'ן שטארק פארערט. זיי האָבען געוואוסט פון זיין גרויסען יחוס — דאָס וואָס ער שטאמט פון מהר"ל פון פראָג, און זיי האָבען אים אויך פארערט פאר זיין גרויס חכמה.

עס איז אָבער קוים געווען אימיצער אין מינסק, מיט וועמען ר' משה זאָל זיך קאָנען דורכרעדען וועגען וועלטליכער חכמה. דאָס האָט אים פארשאפט צער. ער האָט זיך געפילט איינזאם און פרעמד אפילו אין דער אידישער מינסק.

ר' משה פלעגט דערפאַר אָפט מאכן נסיעות קיין אויסלאַנד — איטאַליע, פראנקרייך און ענגלאַנד. אָט די נסיעות האָט ער געדארפט מאכען צוליב מסחר. ער האָט זיי אָבער אויך געמאכט ווייל דאָרט האָט ער זיך געקאָנט טרעפען מיט אידישע געלערנטע און מיט זיי געקאָנט פארברענגען, דאָרט האָט ער אויך געקאָנט אויפקויפען פון פארשידענע ביכער און וועלטליכע חכמות.

אויף זיינע נסיעות אין אויסלאַנד פלעגט ער זיך אויך טרעפען מיט'ן פראָפעסאָר גאָרדאָן, דער אמאָליגער גדליה משה, וועלכער האָט שוין געהאט זיין היים אין פאריז און האָט דאָרט זיך געוואונען גרויס פרסום. ר' משה און פראָפעסאָר גאָרדאָן פלעגען זיך אויך אָפט צוזאַמענשרייבען אזוי, אז דער בונד צווישען זיי איז תמיד געווען א גאָר שטארקער.

ר' משה איז געווען א פארערער פון שיינקייט. ער פלעגט זאָגען, אז אייגענטליך איז שיינקייט אן ענין פון דער תורה. זיין פארערונג פאר שיינקייט האָט דערגרייכט אזוי וויט, אז אפילו א שיינער כתב איז ביי אים געווען א וויכטיגער ענין. ער פלעגט זאָגען, אז ניט נאָר דארף דער אינהאַלט זיין שיין, נאָר אויך דער כתב. א שיינער כתב־יד איז ביי אים דערפאַר תמיד געווען אן ענין.

אָט די פארערונג פאר שיינקייט האָט זיך אויך גענומען פון דעם, וואָס ער האָט אייגענטליך געהאַנדעלט מיט חפצים פון שיינקייט, מיט אנטיקען און קונסט־זאכען. ר' משה איז בטבע אויך געווען א קינסטלער.

זיין הויז אין מינסק איז נאטירליך געווען א בית ועד לחכמים. דער פאקט, וואָס צו זיין לומדות איז ער אויך געווען א גביר און

א גרויסער בעל־צדקה, האָט נאַטירליך גורם געווען, אַז מען זאָל צו אים קומען פון אַלע זייטען.

ר' משה האָט, נאַטירליך, אַלעמען אויפגענומען בסבר פנים יפות. דער עיקר האָט ער מקרב געווען אָרימע און נויטבאַדערפטיגע.

זיין פרוי, וועלכע איז געווען א גרויסע בעלת־צדקה, האָט זיך באַזונדערס אָפּגעגעבען מיט באַזאָרגען אָרימע ישיבה־בחורים. זי אַליין האָט געשפּייזט אין הויז יעדען טאָג פון פופצען ביז צוואַנציג ישיבה־בחורים. שבתים און ימים טובים איז די צאָל געווען נאָך א גרעסערע.

ר' משה און זיין פרוי האָבען אויסגעהאַלטען באַזונדערע מענשען, כדי זיך אָפּצוגעבען מיט די באַדערפענישען פון די ישיבה־בחורים.

ר' משה וואָלט אין מינסק אויסגעלעבט זיינע יאָרען רואיג. וואָרים, ווי געזאָגט, דאָס, וואָס עס האָט אים געפעלט אין מינסק, האָט ער געפונען אויף זיינע נסיעות אין אויסלאַנד.

ווען ער האָט דערגרייכט דעם עלטער פון פינף און זיבעציג יאָר האָט ער אויפגעהערט מאַכען זיינע נסיעות אין אויסלאַנד און האָט זיך אָפּגעגעבען מיט לערנען ביי זיך אינדערהיים אין מינסק. אַלץ וואָלט געווען כשורה. איז אים אָבער באַשערט געווען צו האָבען צער פון דעם, וואָס די באַהאַלטענע חסידים, די געהיימע נאָכפאָלגער פון בעל־שם־טוב, האָבען אָנגעהויבען קוקען אויף אים קרום און זיך פון אים דערווייטערען.

מינסק איז, אייגענטליך, געווען א מתנגד'ישע שטאָט, און מיט אַט די מתנגד'ישע לומדים איז ר' משה גאַנץ גוט אויסגעקומען. זיין צדקות, זיין לומדות, זיינע מעשים טובים האָבען אים שטאַרק באַליבט געמאַכט ביי זיי.

צוערשט האָבען זיך מיט אים אויך גע'חבר'ט די באַהאַלטענע חסידים, פון וועלכע ר' משה ניסן דער מלמד און ר' אברהם אבא דער בעקער זיינען געווען די מנהיגים. זיי זיינען עס געווען די נסתרים פון מינסק. אַפּט פלעגען זיי פאַרשווינדען אויסצופירען געהיימע שליחות'ן פאַר'ן בעל־שם־טוב און דאַן פלעגען זיי ווידער דערשיינען אין מינסק.

זיי האָבען אויך געהאַט זייערע געהיימע עובדות אין מינסק גופא. בלויז די נאָכפאָלגער פון דעם בעל־שם־טוב האָבען וועגען דעם געוואוסט און דאָס אויך בלויז יחידי סגולה.

פאר דער וועלט זיינען זיי געווען אידען בני תורה און בעלי־מידה. פארשטייט זיך, אז זיי האָבען זיך שטארק געפריינדעלט מיט ר' משה'ן, באזונדער ווען זיין הויז איז געווען פאר אלעמען.

דערוויסענדיג זיך, אז ר' משה שטאמט פון דעם מהר"ל, איז ער ביי זיי געוואָרען נאָך חשוב'ער. דער מהר"ל איז געווען שטארק פארערט ביי די נסתרים, מקובלים און שפּעטער ביי די נאָכפאָלגער פון בעל־שם־טוב.

דער בעל־שם־טוב האָט באזונדער געהאלטען פון מהר"ל, און אויף זיין אָנזאָג פלעגען דעם מהר"ל'ס ספרים געלערנט ווערען פון חסידים. עס איז דערפאר געווען צו דערווארטען, אז די באהאלטענע מינסקער חסידים מיט ר' משה ניסנ'ען און ר' אברהם אבא'ן בראש, זאָלען פילען א פארערונג פאר ר' משה'ן ווי דער אָפּשטאמער פון מהר"ל.

פלעגען זיי קומען צו אים אין הויז און פארברענגען מיט אים אין לאנגע תורה־שמועסען און ויכוחים. דערווארט האָבען זיי, אז ר' משה זאָל זיך פריער־שפּעטער צו זיי אנטפּלעקען, אויב ניט ווי איינער פון זיי, לפּחות א פארערער פון קבלה און פון די דרכים פון נסתרים.

ר' משה אָבער האָט פאר א צייט גאָרניט אנטפּלעקט וועגען זיין באציאונג צום ענין פון קבלה. זייענדיג א געגנער פון קבלה, האָט ער אָבער וועגען דעם ניט גערעדט און פאר א צייט האָבען די באהאלטענע חסידים ניט געוואוסט ווי זיי האלטען מיט אים.

אָבער נאָך לאנגע באמיאונגען דאָך ארויסצובאקומען פון אים ווי אזוי ער באציט זיך צו דעם ענין קבלה, האָט ר' משה אָנגעהויבען זיי ווייזען זיין התנגדות, ביז ער האָט זיי אָפען דערקלערט, אז ער האלט מיט די חכמי התלמוד, אז לימוד פון קבלה דארף זיין נאָר פאר יחידי סגולה, אָבער ניט פאר דעם המון.

ר' משה איז נאָך געגאנגען ווייטער און געזאָגט, אז עס איז דאָ א סכנה, אז די, וואָס גיבען זיך אָפּ מיט קבלה, זאָלען פארפירט ווערען פון איבערגעבליבענע שבתי צבי'ניקעס. דאָס איז געווען פונקט דער היפוך פון דעם ווי חסידים האָבען געהאלטען.

די חסידים האָבען ענדליך זיך איבערצייגט, אז ר' משה איז זייערער א געגנער און דאָס האָט זיי שטארק פארדראָסען, בפרט אז ער איז געווען אן אָפּשטאמער פון מהר"ל.

האָבען זיי אַנגעהויבען פון אים זיך דערווייטערען. זיי האָבען אויפגעהערט קומען צו אים אין הויז און האָבען מיט אים מער קיין מגע ומשא ניט געהאַט.

יענע חסידים, וועמעס זין, ישיבה־בחורים, עס פלעגען קומען עסען אין ר' משה'ס הויז, האָבען זייערע זין אַנגעזאָגט מער דאָרט ניט צו קומען. ר' משה האָט געזאָלט פון אַלע חסידים אויסגעווייכט ווערען. ער האָט נאָך געקאָנט זיי אַנשטעקען מיט התנגדות, און וויסענדיג ווי גרויס עס איז זיין חכמה און זיין לומדות און דערצו אויך זיין כח הדיבור, האָבען זיי פאַר אים פשוט מורא געהאַט.

אַט אזוי איז ר' משה פאַרלאָזען געוואָרען פון די חסידים אין מינסק, און דאָס האָט דעם אַלטען למדן און קענער פון וועלטליכע חכמות שטאַרק מצער געוועזן.

# קטו.

## זיידע און אייניקלעך

**דבורה־לאה און ברוך זיינען דערווייטערט פון זייער זיידען ר' משה. — ברוך וויל באַזוכען מינסק. — ברוך'ס פריינטשאַפט מיט דעם דאָבראָמיסלער שמיד'ס איידעם.**

ס'איז פאַר א סך אוודאי געווען אומפאַרשטענדליך, ווי אזוי ס'איז געקומען דערצו, אז ר' משה, דער געוועזענער ראש הקהל פון פויזען, וועלכער האָט געשפּילט אזא וויכטיגע ראָל אין זיין נייער היים אין מינסק וואו ער האָט זיך באַזעצט אויף דער עלטער, זאָל אַפּגעפרעמדט און דערווייטערט ווערען פון זיינע אייניקלעך, דבורה לאה און ברוך, די קינדער פון זיין זון ר' שניאור זלמן, נאָך אומפאַרשטענדליכער דאַרף עס זיין דערפאַר, וואָס אַט די צוויי אייניקלעך זיינען געבליבן קיילעכדיגע יתומים.

ווי מיר ווייסען שוין האָט ר' שניאור זלמן זיך קיינמאָל ניט געוואָלט אָפּגעבען מיט מסחר ווי די אנדערע ברידער. אַנשטאָט דעם האָט ער זיך גאָר אָפּגעגעבען מיט מלמדות. דאָס האָט געפירט דערצו, אז ער זאָל זיך אָפּזונדערען פון זיין פאָטער נאָכדעם ווי יענער האָט זיך באַזעצט אין מינסק און זאָל זיך מיט זיין פרוי רחל'ען און זיינע קינדער דבורה לאה און ברוך באַזעצען אין וויטעבסק.

דאָרט האָט ר' שניאור זלמן זיך אויסגעגעסען זיין הארץ לער־נענדיג מיט זיינע תלמידים און איז פאַר דער צייט געשטאָרבען. אויך זיין ווייב, די גרויסע מלומדת רחל, איז געשטאָרבען.

דבורה לאה, דערצויגען אין גייסט פון איר מוטער און אונטער'ן איינפלוס פון איר פאָטער'ס צדקות, האָט תמיד געגאַרט זיך אליין צו דערנערען און זי האָט עס ווי גאָר אַ יונגע מיידעל געטאָן פון נייטעריי.

דאָס אליין איז געווען פאר איר אַן אויסרייד ניט צו פאָרען קיין מינסק צו איר רייכען און בכבוד'ן זיידען ר' משה'ן, וועלכער וואָלט איר, נאַטירליך, גערן אריינגענומען צו זיך אין הויז און געזאָרגט פאר איר ביז זי וועט חתונה האָבען און אפילו נאָך איר חתונה דורך אויסהאַלטען איר און איר מאן מיט קעסט. דבורה לאה האָט אפילו גע־וויכט פון איר פעטער און מומען אין וויטעבסק גופא און האָט איינגעוויליגט זיך אריינצוקלייבען צו זיי ערשט דעמאָלט ווען זיי האָבען אָנגענומען איר תנאי, אז זי וועט זיך דערנערען פון איר אייגענער פראַצע, וואָס זי האָט געטאָן ביז איר חתונה מיט דעם גאונ'ישען יונגען מאן ר' יוסף יצחק, באַקאַנט ווי דער עלוי פון שאריי, און דאַן אָנגעהאַלטען איר נייטעריי אפילו נאָך דער חתונה.

וואָס איז שייך דבורה לאה'ן האָט זי אויך געהאַט אַן אנדער טעם פאַרוואָס זי האָט ניט געוואָלט אוועק פון וויטעבסק און פאָרען קיין מינסק צו איר זיידען, זי האָט זיך ניט געוואָלט שיידען מיט איר טאַטע־מאמע'ס קברים אויפ'ן וויטעבסקער בית עלמין.

איר אינגערער ברודער ברוך, דער שפּעטערדיגער פאָטער פון דעם גרינדער פון חב"ד, דער „בעל התניא", איז אוועק פון וויטעבסק נאָך אַלס יונגער אינגעל. אויך ער האָט געהאַט אָפּגעמאַכט מיט דער דעה צו גיין מיט זיין אייגענעם דרך און צו לעבען פון דער פראַצע פון זיינע אייגענע הענט, אין דער זעלביגער צייט, וואָס ער ווידמעט זיך צו תורה און עבודת הבורא. ברוך האָט אפילו געוויכט פון זיין אייגענער שוועסטער און האָט זיך זעלטען געוויזען פאר איר, אפילו ווען אין זיינע וואַנדערונגען, איז ער געקומען אויף אַ געוויסער צייט אין וויטעבסק.

אויך ברוך האָט קענטיג ניט געוואָלט באַזוכען מינסק כדי ניט צו דאַרפען קומען צו זיין זיידען און מעגליך זיין "געצוואונגען" נהנה צו זיין פון זיין עשירות, אָדער אפילו זיך צו דאַרפען לאָזען באַאיינפלוסען פון דער שיטה אין אידישקייט, וואָס ער האָט נאָכגעפאָלגט. ברוך האָט געוואָלט צו ערשט אליין אויסגעפינען וואָס פאר אַ שיטה אין אידישקייט און עבודת הבורא ער זאָל נאָכפאָלגען.

זיינען אויף אזא אופן ביידע איינגיקלעך דערוויטערט געוואָרען פון זייער יחוס'דיגען און גדלות'דיגען זיידען. זיי האָבען ממש אים ניט געקענט און קוים געוואוסט וועגן זיין חשיבות. אויב זיי האָבען שפּעטער יאָ אָנגעהויבען זיך דערוויסען וועגען ר' משה'ס חשיבות און זיין ראָל אין מינסק, האָבען ביידע, דבורה לאה און ברוך, אויף באזונדערע אופנים געהאט סבות צו זיין אין ספק אויב זיי דארפען אָדער זאָלען זיך צו אים דערנענטערן.

דבורה לאה האָט זיך דערוואוסט פּרטים וועגען איר זיידען פון ניט קיין אנדערן ווי איר אייגענעם מאַן נאָך דעמאָלט ווען זיי זיינען געווען חתן־כלה. ר' יוסף יצחק, דער עלוי פון שאריי, און אַ באַהאַלטענער חסיד, אַ נאָכפאָלגער פון בעל שם טוב איז געקומען קיין וויטעבסק פון מינסק וואו ער איז פאקטיש אויסגעוואָקסען. ער האָט גוט געקענט ר' משה'ן, כאָטש זייענדיג אין מינסק האָט ער אפילו ניט געהאט גע'חלומ'ט, אז ער וועט ווען ווערען פאר'קנס'ט צו זיין, ר' משה'ס אן אייניקעל און אז דאָס זאָל געשען דוקא אויפ'ן וואָרט פון ניט קיין אנדערען ווי דעם בעל שם טוב.

אין מינסק האָבען די דאָרטיגע, צו יענער צייט באהאלטענע, חסידים, און ר' יוסף יצחק בתוכם, צו ערשט זיך געהאט געפריינדעלט מיט ר' משה'ן. זיי האָבען געמיינט, אז צוליב זיין אָפּשטאַם פון מהר"ל פון פּראָג, וועלכער איז ביי חסידים געווען שטאַרק פארהייליגט, איז ער אליין אויך נאָענט צו דער חסיד'ישער לערע פון בעל שם טוב. ווען זיי האָבען אָבער אויסגעפונען אז ר' משה איז אַ געגנער פון קבלה און פון נסתרים און די גאנצע לערע אויף וואָס חסידות איז געווען באגרינדעט, האָבען זיי זיך פון אים אָנגעהויבען דערווייטערן.

דבורה לאה, אליין אַ נאָכפאָלגערין פון בעל שם טוב און דערמיט אַ גייסטיגער שותף פון איר מאַן, האָט אָנגעהויבען פילען אַ קעגנערשאפט צו איר זיידען. ס'זיינען געווען צייטען ווען זי האָט אפילו מורא געהאט אז איר מאַן וועט עס האלטען ווי אַ חסרון פון איר זייט, וואָס זי האָט אזא זיידען — איינער וואָס איז אזא אויסגעשפּראָכענער מתנגד.

אזוי צי אזוי, דבורה לאה, האָט אפילו נאָכדעם ווי זי האָט שוין חתונה געהאט און געפירט מיט איר מאַן אַ בעל הבת'יש לעבען, ניט געהאט קיין באַגער צו באַקעננען זיך מיט איר זיידען אין מינסק.

ברוך, פון זיין זייט, האָט זיך וועגען זיין זיידען אין מינסק דערוואוסט אַ סך פּרטים, פון זיין פריינט, ר' יצחק שאול'ן אין דאָבראָמיסעל, דער איידעם פון דאָרטיגען שמיד פון וועמען ער האָט געשעפט זיינע

ידיעות וועגן חסידות. ר׳ יצחק שאול, שטאמענדיג פונ׳ם שטעטעל האָרקי וועלכע איז פאַר יאָרען געווען אַ צענטער פון נסתרים און שפּעטער חסידים, נאָכפאָלגער פון בעל שם טוב, איז פון זיין פאָטער, א נסתר, אליין דערצויגען געוואָרען ווי א חסיד. ר׳ יצחק שאול האָט פאַר א צייט געלערנט אין מינסקער ישיבות און האָט דאָרט געהאט אין געהיים חסידים, אלס זיינע גייסטיגע מדריכים.

ברוך, וועלכער האָט טאַקע צוליב ר׳ יצחק שאול׳ן מיט וועמען ער האָט זיך באפריינדט, לאַנג פארבראכט אין דאָבראָמיסעל, האָט פון אָט דעם יונגען חסיד זיך א סך אָנגעהערט וועגן דעם נייעם חסיד׳ישען דרך אזוי, אז ער האָט זיך אָנגעהויבען שטאַרק אינטערעסירן אין חסידות, פילענדיג ווי ער אליין ווערט נוטה צו אָט דעם נייעם דרך אין עבודת הבורא. ברוך האָט ר׳ יצחק שאול׳ן געהאלטען פאַר אן אומדערשעפּליכען קוואַל פון ידיעות וועגן חסידות.

ווי איינער וואָס האָט לאַנג פארבראכט אין מינסק, האָט ר׳ יצחק שאול ניט נאָר געהאט צו דערציילען גאָר א סך וועגן די נסתרים פון מינסק, נאָר אויך וועגן די פירענדיגע פיגורען אין אידישען לעבען דאָרט, צווישען זיי אויך ר׳ משה׳ן, דער געוועזענער ראש הקהל פון פויזען. צום ערשטען מאָל, אז ברוך האָט געהערט וויכטיגע פּרטים וועגן זיין זיידען און כאָטש ר׳ יצחק שאול האָט ניט גערעדט צו פריינטלעך וועגן ר׳ משה׳ן, דערפאַר וואָס ר׳ משה איז געווען א קעגנער פון חסידות, האָט אָבער ברוך, ווי איינער וואָס האָט נאָך גערדאַפט אליין איבערגעצייגט ווערען, וועלכער דרך איז דער ריכטיגער, געקראָגען א באַגער צו באזוכען מינסק און זיך באקענען מיט זיין זיידען. ער איז געווען בטוח, אז ער וועט פון אים קענען אַ סך לערנען. ער האָט קיין ספק ניט געקענט האָבען, אז זיין זיידע איז א גדול אין תורה און אין וועלטליכע חכמות.

בכלל האָט ברוך געקראָגען א באַגער צו זיין אין מינסק. דאָס וואָס ר׳ יצחק שאול האָט אים געהאט צו דערציילען וועגן די באוואוסטע און ניט באוואוסטע לומדים און צדיקים פון מינסק האָט ברוך׳ן ממש פארגאַפט.

אָבער טאַקע דערפאַר וואָס ער האָט פון דעם דאָבראָמיסלער שמיד׳ס איידים, ר׳ יצחק שאול׳ן, געקענט אזויפיל שעפּען, האָט ברוך זיך פון אים ניט געקענט אָפּרייסען און איז פארבליבען אין יענעם שטעטעל כדי ווייטער צו ציען זיינע שמועסען מיט דעם יונגען חסיד. ניט נאָר האָט ר׳ יצחק שאול געהאט זעלטענע מעשיות צו דערציילען, נאָר האָט אויך

געקענט איבערזאָגען תורה'ס פון בעל שם טוב און אנדערע חסיד'ישע גדולים.

ביי ברוך'ן האָט זיך שוין געהאלטען אין אויסשעפּען דאָס ביסעל געלט, וואָס ער האָט געהאט אָפּגעשפּאָרט פון פארשיידענע ארבייטען און אזוי ארום געדארפט אָנהויבען טראכטען פון זוכען נייע קוואלען וואו צו פארדינען אויף חיונה. ער האָט שוין אויך זיך אָנגעהויבען זאָרגען וועגען זיין צוקונפט. טאָקע דערפאר וואָס ער איז געווען אנטשלאָסען אָנצוהאלטען זיין דרך — צו לעבען פון זיין אייגענער ארבייט, פון זיין "זיעת אפיו", האָט ער געוואָלט זיין זיכער, אז ער וועט קיינמאָל ניט נכשל ווערן און דארפען אָנקומען צו עמיצען אפילו ניט צו זיינע נאָענטסטע קרובים.

ער האָט אַ סך געהאט נאָכגעטראכט וועגען באזוכן מינסק. עפּעס האָט אים דאָך געצויגען צו זיין זיידען. אָבער אין מינסק וואָלט ער אין דעם פאַל ניט געוואָלט אפילו עסען ביי זיין זיידנ'ס טיש, טאקע דערפאר וואָס יענער איז אַן עושר און וואָלט גערן געווען זיין אייניקעל אויסצוהאלטען.

אויב קומען קיין מינסק האָט ער געדארפט זיין פארזיכערט ניט נאָר מיט הוצאת הדרך און צידה לדרך, ביז ער וועט גרייכען יענער עיר ואם בישראל, ער האָט אויך געדארפט זיין פארזיכערט, אז ער וועט האָבען אויף אויסקומעניש דאָרט אין שטאָט.

אין ערגסטען פאַל האָט ברוך געקענט ערגעץ וואו, אפילו אין דאָבראָמיסעל, אָדער אין אַן אנדער שטעטעל, זיך פארדינגען פאר אַ וועלכער עס איז מלאכה — און ער איז אין אזוינע זאכען קיינמאָל ניט געווען איבערקלייבעריש — און אָפּשפּאָרען גענוג געלט פאר זיין נסיעה נאָך מינסק. ער האָט עס אויך געקענט טאָן שטופּענוויז, אָפּשטעלענדיג זיך אין פארשידענע מקומות אויפ'ן וועג קיין מינסק.

דאָס וואָלט אָבער געפאָדערט אַ לענגערע צייט, עס איז ניט געווען לייכט פאר אים צו פארדינען אויף חיונה און דערצו האָבען גענוג אָפּצושפּאָרען אויף שפּעטער.

ברוך האָט זיך ניט געקימערט פאר שווערע מלאכות. ער האָט אָבער ניט געוואָלט אוועקגעבען קיין פולע צייט פאר מלאכה. ער וואָלט דאַן ניט געהאט קיין צייט צו לערנען תורה און זיך ניט געקענט אָפּגעבען אזויפיל ווי ער וואָלט געוואָלט מיט עבודה.

זיין תנאי איז תמיד געווען מיט די ביי וועמען ער האָט זיך פארדונגען, אָפּצוגעבען פאר זיינע עובדות נאָר געוויסע שעה׳ן פון טאָג אָדער נאכט, די איבעריגע צייט האָט ער געדארפט זיין פריי.

פאר אזא סאָרט ארבעט האָט מען, פארשטייט זיך, געצאָלט ווייניג, אָפט האָט ברוך געמוזט ארבייטען א סך שווערער ווי געוויינליך און דערביי קריגען באלוינט א סך ווייניגער ווי דאָס איז ווערט געווען, כדי ער זאָל דאָך האָבען א קוואל פון וועלכען צו שעפען זיין פרנסה.

אָבער אין דער צייט ווען ברוך האָט געהאלטען אין מאכען זיינע אויסרעכענונגען — און ער האָט תמיד געלעבט מיט א חשבון, לויט א געוויסען פּלאן, האָט ער דערווייל יעדען טאָג זיך געטראָפען מיט ר׳ יצחק שאול׳ן און גערעדט מיט אים לאנגע שמועסען. ר׳ יצחק שאול האָט ברוך׳ן גאנץ גערן געהאַט, ווייל ער איז אין דאָבראָמיסעל געווען במעט דער איינציגער, וואָס האָט זיך צוגעהערט מיט גרויס אינטערעס וועגען נסתרים און חסידים. ברוך איז געווען ווי א דורשטיגער, וואָס קען ניט שטילען זיין דורשט.

חסידות האָט געצונדען זיין פאנטאזיע, אָבער ער האָט זיך נאָך ניט געקענט באטראכטען פאר קיין חסיד, כל זמן ער האָט אָט די תורה ניט געקענט גרינטלעך. ער האָט געמוזט וואָס מער ידיעות ארויסקריגען פון ר׳ יצחק שאול׳ן.

האָט ברוך מיט גרויס שפּאנונג זיך צוגעהערט צו ר׳ יצחק שאול׳ס נייעסטע מעשה, וואָס האָט פארבונדען דעם רב און די רביצין פון זיין, ר׳ יצחק שאול׳ס, געבורט שטעטעל הארקי מיט מינסק, עס איז געווען א מעשה, וואָס האָט געפאנגען ברוך׳ס הארץ.

## קטז.

### דער מינסקער בעדער און זיין זון

**דאָס שטעטל הארקי. — אַ מגיפה אין שטעטעל. — די שטעטעלשע „מאמע״ און „באָבע״. — דער מינסקער בעדער.**

הארקי איז געווען א קליין שטעטל. איר אידישע קהילה האָט אינגאנצען געציילט ארום אכציג משפחות. אָבער אָט די קליינע הארקי האָט געשפּילט א גאָר גרויסע ראָל אין דער געשיכטע פון די נסתרים און מקובלים און שפּעטער אין דער געשיכטע פון חסידות.

די אידען אין הארקי האָבען זיך אויסגעצייכענט מיט זייער יראת־שמים. א גרויסע צאָל פון די דאָרטיגע אידען זיינען געווען מופלגי תורה. אפילו די בעל־מלאכות אין הארקי זיינען געווען לומדים.

עס איז אומגעגאנגען א ווערטל, אז אין הארקי זיינען ניט די לומדים בעל־מלאכות, נאָר די בעל־מלאכות לומדים. אפילו די פשוט'סטע פון די פשוט'ע אידען אין הארקי זיינען ניט געווען אינגאנצען קיין עם־הארצים.

זלמן דער שינדער, צדוק אלי' דער אגארנודניק, זעליג צבי דער קצב און אברהם יאָסע און משה אהרן די בעלי־עגלה, אפילו זיי האָבען געקענט אריינקוקען אין א ספר. אין יראת שמים האָבען זיי זיך געקאָנט פארגלייכען מיט די גרעסטע לומדים.

אין גאָר א גרויסער מאָס האָט מען פאַר דעם, וואָס הארקי איז געווען א לומדישע און יראַ־שמים'דיגע שטעטעל, געהאט צו פארדאנקען דעם דאָרטיגען רב ר' נחמן יצחק און זיין ווייב, די צדקת שרה רבקה.

ר' נחמן יצחק איז געזעסען אין הארקי אויפ'ן כסא־הרבנות ניט ווייניגער ווי זעכציג יאָר און אין אָט די זעכציג יאָר האָט ער איינגע־פלאנצט אין די דאָרטיגע אידען יראת שמים, זיי געלערנט מידות טובות און זיי טאקע אויך מדריך געווען אין לערנען תורה, אזוי, אז יעדער איד דאָרט האָט געקענט די שווארצע פינטעלעך.

ר' נחמן יצחק איז געווען א זעלטענער מענש. ער האָט געשטאמט פון מינסק און איז דאָרט, אין סך הכל, געווען דער זוהן פון דעם שטאָטישען בעדער, וועלכער איז כמעט כל ימיו געהאלטען געוואָרען פאַר א פּראָסטען מענשען, אָבער שפּעטער האָט זיך ארויסגעוויזען, אז ער איז געווען גאָר א גרויסער למדן און צדיק — אן אמת'ער נסתר.

אָבער וועגען אָט דעם וואונדערליכען בעדער וועלען מיר נאָך דערציילען אביסעל שפּעטער. דאָ ווילען מיר זיך גענויער אָפּשטעלען אויף זיין זון, ר' נחמן יצחק'ן, דער רב פון הארקי, וועלכער איז, א חוץ זיין גרויסע לומדות, בכלל געווען א זעלטענער מענש.

עס איז געווען דער סאמע ביישפּיל פון גוטסקייט און גערעכטיגקייט. די בעלי־בתים פון הארקי, וועלכע האָבען אים געקענט אזוי פיל יאָרען, האָבען געזאָגט, אז זיי האָבען פון זייער רב קיינמאָל ניט געהערט קיין הארב וואָרט געגען וועמען ניט איז. ער האָט צו אלעמען געהאט ליבע און אלעמען געוויזען דרך ארץ.

אפילו ווען ער האט אימעצען, א זינדיגען, געוואלט מוסר'ן, האט ער עס געטאן מיט גרוים ליבע און מיט רחמנות, ווי עס וואלט אים וויי געטאן דאס הארץ, וואס ער דארף א אידען זאגען שטראף־רייד.

זיין גרויסע צדקות האט הרב נחמן יצחק געוויזען, ווען אין הארקי האט געהאט אויסגעבראכען א מגפה, רחמנא לצלן, א סך זיינען פון דער וועלט אוועק.

האט דער רב איינגערופען א גרויסע אסיפה. די גאנצע עדה אידען איז גערופען געווארען, מענער, פרויען און קינדער, יונג און אלט.

דער רב איז ארויף אויף דער בימה און געזאגט בזה הלשון:

ס'איז קלאר פאר אלעמען, אז אט די מגפה איז געקומען צוליב די חטאים אין שטעטל. השם יתברך וואלט דאך ניט געבראכט קיין מגפה אויף אידען, אויב זיי וואלטען זיך ניט געהאט שטארק פארזינדיגט, אבער ווער האט דא דען געקאנט באגיין אזא זינד, אז עס זאל דארפען קומען א מגפה? איך קען זיך גאר ניט משער זיין, אז דא אין שטעטל זאל זיין אזא בעל־עבירה'ניק. ניט אנדערש, אז איך בין דער זינדיגער, אט ווי רש"י זאגט אויף "ואשימם בראשיכם", די עלטסטע, די פירער, זיינען די שולדיגע, ווייל זיי האבען זיך פארזינדיגט.

דערהערט אט די עניוות'דיגע רייד פון זייער רב, האבען אלע פארזאמעלטע זיך פארגאנגען אין א געוויין.

ר' נחמן יצחק האט זיך באצויגען צו די אידען פון זיין קהילה, ווי א פאטער צו זיינע קינדער. עס איז ביי אים ניט געווען קיין חילוק פון איינעם ביז'ן צווייטען, אט ווי א פאטער מאכט ניט קיין אונטערשייד פון איין קינד און א צווייטען. צו אלעמען האט ער גערעדט מיט גרוים איינזעעניש און ליבע, און אלעמען האט ער מדריך געווען אין מידות טובות.

אויף א מערקווירדיגען און שכל'דיגען אופן האט ער איינגעשטעלט די צוועלף קרעמער, וואס זיינען געווען אין שטעטל. נאר אין א מארק־טאג, ווען ס'פלעגען זיך אין שטעטל צוזאמענפארען די פויערים פון די ארומיגע דערפער, זיינען אלע צוועלף קראמען געווען אפען. אין געוויינליכע טעג, ווען דער פדיון איז געווען קליין, האט דער רב איינ־געפירט, אז נאר דריי קראמען זאלען זיין אפען. דאס האט מעגליך געמאכט, אז די אנדערע קרעמער זאלען זיך קענען אפגעבען מיט רוחניות־דיגע זאכען און בכלל ניט דארפען זיצען און ארויסקוקן אויף א קונה און

צוליב דעם אָפּט נכשל ווערען, וואָס ניט פאַרגינענדיג דעם צווייטען קרע־מער, וואָס האָט יאָ אריינגעקראָגען א קונה, מיט אים זיך קריגען אָדער סתם אים מקנא זיין.

אין אַזוינע פאַלען פלעגט אויך געשען, אז קרעמער האָבען קאָנקור־רירט איינע מיט די אַנדערע און אָפּט פאַרקויפט אונטער׳ן מקח, נאָר דעם צווייטען שאַדען צו טאָן.

דער רב האָט אויך איינגעפירט, אז אַלע קרעמער זאָלען זיין שותפים צו דעם, וואָס מען האָט געדאַרפט צושטעלען פאַרשידענע סחורות אין די דריי פריצישע הויפען, וואָס האָבען זיך געפונען לעבען הארקי. נאָר אין צייט פון יאָר, ווען די פריצים פלעגען זיך פאַרזאַמלען אין הארקי פאַר זייער גרויסען יאַגד אין די אַרומיגע דערפער, האָבען אַלע אידען אין שטעטעל געהאַט סחורות צו פאַרקויפען די דאָזיגע יעגער און אַזוי אַרום געהאַט פּרנסה.

אַזאַ איינשטעלונג צווישען די קרעמער דורך די באַמיאונגען פון דעם רב, האָט מעגליך געמאַכט אז אין שטעטל זאָל זיין שלום און אז די דאָרטיגע אידען זאָלען ניט וויסען פון קיין קנאה און שנאה.

גאָר א סך צו דער פרומקייט און גוטסקייט אין שטעטעל האָט בייגעטראָגען ר׳ נחמן יצחק׳ס רביצין שרה רבקה. די רביצין איז געווען א זעלטענע פרוי. זי האָט זיך כּסדר אָפּגעגעבען מיט אַזוינע ענינים ווי הכנסת כלה, ביקור־חולים און גמילות חסדים. וואו נאָר עס איז געווען א שמחה, ווי א ברית, א בר מצוה, א קנס־מאָל, אָדער גאָר א חתונה, האָט די רביצין אכטונג געגעבען, אז די שמחה זאָל געהעריג באַשיינט ווערען. ווידער, פאַרקערט, איז ביי אימיצען געווען טרויער אָנשטאָט א שמחה, אָט ווי א לויה, פאַר קיין אידען גערדאַכט, האָט די רביצין שרה רבקה געזען, אז יענעמ׳ס צער און טרויער זאָל געטיילט ווערען פון אַלע אַנדערע אין שטעטעל. זי איז תמיד געווען די ערשטע, ביי די וואָס זיינען געווען אין צער, צו טרייסטען און צו העלפען.

שרה רבקה האָט דערהויפט געלערענט די ווייבער מידות־טובות, זיי זאָלען זיך ניט קריגען צווישען זיך און ניט שילטען איינע די אַנדערע, זיי זאָלען ניטריידען קיין רכילות און קיין לשון הרע און סתם ניט ווייזען קיין קנאה און קיין שנאה צו אַנדערע.

טאָמער איז צוגעקומען א נייע תושב׳טע אין הארקי — א פרוי פון ערגעץ אַנדערש, וועמעס מידות זיינען ניט געווען אַזוי גוט ווי פון די פריערדיגע תושבים — האָט זיך די רביצין מיט יענער אָפּגעגעבען אַזוי לאַנג, ביז זי האָט איר געענדערט.

אין די זומערדיגע טעג פלעגט די רביצין, אין געוויסע שעה'ן פון טאָג, זיצען אויפ'ן גאניק פון איר הויז, וואָס האָט זיך געפונען אין מיטען שטעטעל, און פארזאמלען ארום זיך ווייבער, און זיי דערציילען מעשיות פון חומש, פון מדרש און אנדערע ספרים. זי פלעגט די ווייבער געגוי מבאר זיין די טיפע געדאנקען פון אָט די מעשיות און ארויסברענגען דעם מוסר־השכל פאר אלעמען.

אין די ווינטערדיגע טעג, ווען מען האָט ניט געקאָנט זיצען אין דרויסען, פלעגט זי צוזאמענגעמען די ווייבער ארום זיך אין הויז און אָנגיין מיט אירע סיפורים, וועלכע האָבען דורך איר הסברה געמאכט א גרויסען רושם אויף די צוהערערינס.

די רביצין איז דערפאר געווען שטארק באליבט און טיף געאכטעט צווישען די ווייבער אין שטעטל. די עלטערע פרויען פלעגען איר רופען ״מאמע״, די אינגערע האָבען איר גערופען ״באָבע״. אין אלגעמיין האָט מען שרה רבקה'ן גערופען אין הארקי און אין די שטעטלעך ארום: ״די היילינע רביצין״.

שרה רבקה, ווי איר מאן, ר' נחמן יצחק, דער מרא דאתרא פון הארקי, האָט אויך געשטאמט פון מינסק. איר פארגאנגענהייט איז געווען ניט ווייניגער אינטערעסאנט, ווי פון איר מאן.

איצט קומען מיר צום מינסקער בעדער, וועמעס זוהן ר' נחמן יצחק איז געווען.

שמעון ליב האָט מען גערופען דעם דאָזיגען בעדער. כאָטש זיין א בעדער פון דער שטאָטישער באָד אין מינסק האָט געזאָלט זיין א גאנץ בכבוד'ער ענין, האָט מען אָבער פון שמעון ליב'ן ניט שטארק געהאלטען אין מינסק. צו זיין א בעדער איז פאָרט א שפל'ער ענין.

שמעון ליב איז טאקע געווען א זעלטענער הדרת פנים. זיין פנים האָט געלויכטען, זיין באָרד האָט אים צוגעגעבען גרויס חן. דערצו האָט ער געהאט אויגען, וואָס האָבען אויסגעדריקט חכמה און פארשטאנד.

ער איז אָבער דאָך געווען ניט מער, ווי א בעדער, און ווער וועט זיך דען אומקוקען אויף א בעדער?

פארשטייט זיך, אז מען האָט אים געהאלטען פאר א פראָסטען מענשען. מען האָט פון אים קיינמאָל ניט געהערט קיין מאמר חז״ל, אפילו ניט קיין פסוק פון חומש, אָט ווי ער וואָלט געווען אן אמת'ער בור דאורייתא. אלץ וואָס מען האָט געוואוסט וועגען אים איז אז ער

צאָלט וואָכער אין דער חברה תהלים און אז ער קומט אָפּט, צו אָט דער חברה זאָגען בציבור תהלים.

אזוי ווי ניט אלע טאָג האָט מען געהייצט די באָד, פלעגט שמעון ליב זיך אָפּט גאנצענע טעג ארומשלעפּען איבער די גאסען, און דאָס האָט פארשטארקט דעם איינדרוק, אז ער איז א איד, וואָס בטל'ט זיין צייט און חבר'ט זיך מיט פּראָסטאקעס, גאסען־יונגען. דאָס האָט אים ניט צוגעגעבען קיין חשיבות אין די אויגען פון די וואָס האָבען אים געקענט.

מיט איין זאַך האָט זיך שמעון־ליב דער מינסקער בעדער יאָ אויסגעצייכענט, און גאָר א סך האָבען פון דעם געוואוסט. דאָס ביסעל געלט, וואָס ער האָט געהאט — קענטיג אָפּגעשפּאָרט נאָך א סך יאָרען — האָט ער שטענדיג געהאלטען אין אויסלייען צו אָרימעלייט.

טאקע דורך דעם, וואָס ער האָט זיך ארומגעדרייט אין די גאסען, האָט ער שטענדיג געוואוסט, ווער עס נויטיגט זיך אין אביסעל געלט, כדי עפּעס איינצוקויפען און דורך דעם פארדינען זיין פּרנסה פאר ווייב און קינדער.

שמעון לייב'ס מידה איז געווען נאָך גרעסער דערמיט, וואָס ער האָט ניט געוואַרט, אז אימיצער זאָל קומען צו אים פאר א גמילת חסד. ער האָט עס יענעם צוגעטראָגען, אָט ווי ער וואָלט געוואוסט געבוי, ווען יענער נויטיגט זיך אין דעם.

אן אנדער מידה, מיט וועלכער דער בעדער האָט זיך אויסגעצייכענט, איז געווען דאָס וואָס ער פלעגט תמיד ברענגען א זעקעל קארטאָפעל אָדער מעל צו אן אָרימען תלמיד־חכם אין הויז, צו אן אלמנה, אָדער סתם אן אָרימאַן.

הויך און שלאנק, און קענטיג ביי אלע זיינע פּולע כחות, האָט שמעון לייב די זעקלעך מיט קארטאָפעל אָדער מעל, געטראָגען אָט ווי זיי וואָלטען געווען לייכטע פעקלעך און דערמיט האָט ער געבראַכט פרייד אין די הייזער פון א סך נויט־באדערפטיגע.

אָבער אפילו מיט דעם אלעם האָט מען זיך אין מינסק קוים גערעכענט מיט אָט דעם פארשוין, וועלכער האָט דאָך אויסגעקוקט צו זיין אן עם־הארץ, און אין דער לומד'ישער מינסק האָט קיין עם הארץ קיין באַטרעף ניט געהאט.

# קיז.

## דער ישמש און זיין בת יחידה

**אַ געהיימער שידוך. — אַ מערקווירדיקע חתונה. — די נסתרים פון מינסק. — אַ בעדער'ס זון אַ גאון.**

ר' יונתן דער שמש און באשע רחל וואַלטען, נאטירליך, בעסער געוואָלט האָבען אַ בן זכר. אָבער, אז דער אויבערשטער האָט זיי געבענטשט מיט א טאָכטער, איז זי אויך געווען אָנגעלעגט ביי זיי.

איין זאך האָבען טאטע־מאמע באלד אָפּגעמאכט צווישען זיך: זיי זאָלען זייער טעכטערל, שרה רבקה'ן, דערציען ווי זי וואָלט געווען א אינגעל. דאָס מיינט, אז מען זאָל מיט איר לערנען תורה פון איר פּרים־טער יוגענט, ניט רעכענענדיג זיך מיט דעם, וואָס אנדערע, ווי דער שטייגער איז געווען, האָבען מיידלעך קיין תורה ניט געלערענט.

ר' יונתן אליין האָט מיט איר געלערענט און איז מיט שרה רבקה'ן געגאנגען בהדרגה — צום ערשט עברי, דאן חומש און תנ"ך, איבערגייענדיג צו משנה און דערנאָך צו גמרא, אגדה און מדרש.

דער שמש און די שמש'טע האָבען עס אָבער געהאַלטען בסוד. די מינסקער אידען, דער עיקר, די אידען, וואָס האָבען געדאַווענט און געלערנט אין בית מדרש, וואו ר' יונתן איז געווען שמש, זיינען געווען עלול צו טראַכטען מי יודע וואָס, אויב זיי וואָלטען געוואוסט, אז מען לערענט מיט שרה רבקה'ן תורה.

אזוי זיינען אוועק יאָרען און שרה רבקה איז אויסגעוואקסען א למדנית. פארשטייט זיך, אז זי איז אויך דערצויגען געוואָרען אין גייסט פון מוסר און מידות טובות. איר גוטסקייט און איר צניעות האָבען שוין אלע געזען, אָבער דאָס איז שוין געווען צו איר אייגענעם לויב און צום לויב פון אירע עלטערען.

ווען שרה רבקה איז געוואָרען זיבעצען יאָר אלט, האָט איינער פון די מתפללים אין ר' יונתן'ס בית מדרש, ר' מאיר נתן דער קרעמער, געשיקט א שדכן צום שמש. ער האָט געוואָלט די גוט־הארציגע און צניעות־דיגע שרה רבקה'ן פאר א שנור. ער האָט נאטירלעך געוואוסט, אז ר' יונתן האָט ניט קיין נדן צו געבען און קיין קעסט אוודאי ניט.

די חתונה וואָלט געדאַרפט זיין אויף זיין חשבון. דער קרעמער וואָלט אויך געדאַרפט באַזאָרגען דער כלה מיט אַן אויסשטייער. ער איז אָבער געווען גרייט אויף אַלץ, אבי צו האָבען אזא כשר'ע אידישע טאָכטער פאַר זיין זון.

ר' יונתן האָט אָבער דעם שדכן אָוועקגעשיקט מיט גאָרנישט. ער האָט ניט געזאָגט "יאָ" און ניט געזאָגט "ניין".

ר' מאיר נתן האָט עס אָבער ניט אָנגענומען ווי דער שמש וואָלט זיך אַנטזאָגט פון שידוך. אַזוי ווי ר' יונתן איז געווען באַקאַנט פאַר אַ שותק, האָט דער קרעמער געמיינט, אַז דאָס איז געווען צוליב זיין טבע ניט צו ריידען, אָבער אין דער אמת'ן איז ער אַוודאי מסכים צום שידוך.

אין דער אמת'ן האָט עס דאָך געדאַרפט זיין, ווי ר' מאיר נתן האָט גערעכענט אַ גליק־שידוך פאַרן קבצנ'ישן שמש. אַז דער שדכן האָט גערעדט צו ר' יונתן אַ צווייטען און אַ דריטען מאָל און האָט אַלץ ניט געקאָנט אַרויסקריגען קיין קלאָרע תשובה פון אים, האָט ר' מאיר נתן באַשלאָסען צושיקען איינעם פון זיינע מקורבים, שוין ניט מער דעם שדכן, און ניט צו שרה רבקה'ס טאַטען, דעם שותק, נאָר צו איר מאַמען, באַשע רחל'ן, וועלכע איז געהאַלטען געוואָרען פאַר מער בר־דעת ווי איר שוויגעדיגער און בטלנ'ישער מאַן.

און באַשע רחל האָט טאַקע געגעבען אַ קלאָרע תשובה אויף "ניין" און דערביי אויך אויפגעקלערט, פאַרוואָס זי זאָגט זיך אָפּ פונ'ם פאַרגעלייגטען שידוך פאַר איר טאָכטער. שרה רבקה איז בשתיקה שוין געווען פאַרקנאַסט. מען האָט איר פאַר'קנס'ט ווי אַ סגולה צו אריכת ימים, האָט די מוטער מסביר געווען, און געשען איז עס, ווען שרה רבקה איז נאָך געווען אַן עופה'לע.

הייסט עס, אַז דאָס איז ניט געווען דערפאַר, וואָס טאַטע־מאַמע האָבען אויסבראַקירט ר' מאיר נתנ'ען. די סיבה איז געווען אַ גאָר אַנדערע.

באַשע רחל האָט בעת מעשה נישט אַרויסגעגעבען צו וועמען שרה רבקה איז פאַר'קנס'ט געוואָרן אַלס עופה'לע. קיינער איז בעת מעשה אויך ניט געווען צודרינגלעך עס אויסצוגעפינען. עס איז קיינעם ניט איינגעפאַלען, אַז דאָס איז געווען פאַרבונדען מיט אַ מעשה פּלא.

וואָרים, מ'שטיינס געזאָגט, וואָס פאַר אַ סודות האָבען דאָ געקאָנט זיין, אַ חוץ דעם, וואָס טאַטע־מאַמע, ווי אַ סגולה פאַר זייער קינד'ס

אריכת ימים, האבען זיי מיט אימיצען פאר איר געשריבען תנאים, אזוינע זאכען האבען אפט פאסירט.

עס זיינען פארגאנגען א פאר חדשים און עס איז באקאנט געווארען צו וועמען שרה רבקה איז פאר׳קנס׳ט געווארען באלד נאך איר געבורט. דאס איז געווען ניט קיין אנדערער ווי דער עלוי׳שער ר׳ נחמן יצחק, דער זון פון דעם בעדער ר׳ שמעון לייב, וועגען וועמען מען האט אויסגעפונען ערשט נאך זיין פטירה, און דורך זיין גאונ׳ישן זון, אז ער איז געווען א נסתר.

פארשטייט זיך, אז דער שידוך איז געשלאסען געווארען צווישען די טאטעס פון די צוויי קינדער, ר׳ שמעון לייב דער בעדער, און ר׳ יונתן דער שמש.

אויב אזוי האט מען ערשט אנגעהויבען פארשטיין, אז ר׳ שמעון לייב דער נסתר, וואלט זיך ניט משדך געווען מיט אבי־וועמען. אויב ער האט אויסגעקליבען ר׳ יונתן׳ס טאכטער פאר זיין זוהן, איז מסתמא ר׳ יונתן אליין געווען א באהאלטענער צדיק.

גאנץ מינסק האט איצט גערעדט פון דעם שידוך. א סך האבען ר׳ יונתן פשוט מקנא געווען. דער יונגער עלוי ר׳ נחמן יצחק, איז געגארט געווארען פון די גרעסטע עשירים און גדולי־תורה, צו זיין זייער איידים, און דא ווערט ער גאר דער איידים פון דעם שמש ר׳ יונתן!

אלע האבען איצט אפגעגעבען דעם שמש א ברייטען "מזל טוב". ר׳ יונתן האט אבער קוים געענטפערט אויף די אלע ברכות, ער איז געבליבען דער זעלביגער שותק, וואס תמיד. און אויב אימיצער האט באמערקט, אז ער מוז האבען א גרויסען זכות, וואס אזא גאונ׳ישער איידים איז אים אנגעקומען, האט ער אויף דעם אויך ניט געענטפערט, נאר א לייכטער שמייכעלע האט זיך צעגאסען אויף זיינע ליפען.

דער טאג פון דער חתונה איז באשטימט געווארען. א סך האבען זיך געריכט, אז צוליב דעם געהויבענעם חתן, וואס ער האט אריינגעקראגען, וועט ר׳ יונתן דער שמש פראווען א גאר וואזשנע חתונה.

ער איז טאקע געווען אן ארימאן, ניט מער ווי א שמש, אבער מיט די פארדינסטען פון זיין פלונית׳טע וועלכע איז געווען א הייבאם, וואלט ער נאך ווי־ניט־איז געקאנט צוזאמענגעמען גענוג ממתקים פאר א גע־העריגער חתונה. ר׳ יונתן וואלט געקאנט גאנץ לייכט קריגען הילף פון די מתפללים פון זיין בית מדרש. זיי וואלטען זיך גערן צוזאמענגעלעגט

פאר דער חתונה, ניט אזוי צוליב זייער שמש, ווי צוליב ר׳ נחמן יצחק׳ן דעם חתן. פון דעם חתנ׳ס גאונות האָט דאָך גערעדט די גאנצע שטאָט.

ר׳ יונתן וואָלט אָבער ניט געדאַכט פון נעמען ביי אימיצען וואָס איז ווערט כחוט השערה, אפילו ווען דאָס וואָלט געמיינט צו באשיינען די חתונה פון זיין טאָכטער. אליין האָט ער אויך ניט געמאַכט קיין באַזונדערע אָנשטרענגונגען פאַר דער חתונה.

די מחותנים וואָס ער האָט פאַרבעטען צו זיין בת יחידה׳ס חתונה, זיינען געווען גאָר מאָדנע. פיר מחותנים, וואָס זיינען פאַרבעטען געוואָרען צו דער חתונה, האָבען זיך אויפגעהאַלטען אין שטאָטישען הקדש. דאָס זיינען געווען אידען מיט אַלטע, אָפּגעריבענע קאַפּאָטעס, אויף וועלכע קיינער האָט זיך קיינמאָל ניט אומגעקוקט.

אין צוגאָב צו אָט די פיר פון שטאָטישען הקדש, האָט ר׳ יונתן צוזאמענגערופען א זעקס־זיבען אנדערע אידען פון צווישען די אָרימעלייט, וואָס זיינען געגאנגען איבער די הייזער אין מינסק בעטען נדבות. צוויי זיינען געווען סתם אורחים, וואָס האָבען זיך אויפגעהאַלטען אין דעם זעלביגען בית מדרש, וואו ר׳ יונתן איז געווען שמש.

אָט די צוויי אורחים זיינען געווען די מסדרי קדושין. איינער פון זיי האָט דערנאָך ביי דער סעודה נאָך דער חופה, געזאָגט די שבע ברכות.

א סך פון די מינסקער בעלי בתים האָבען אפילו ניט געוואוסט אז די חתונה קומט פאָר. דערוואוסט וועגען דער חתונה האָט מען זיך ערשט אויף מאָרגען, ווען אלץ איז געווען פאַראיבער.

דאָס יונגע פּאָרל האָט זיך אויפגעהאַלטען אין דער וואוינונג פון דעם באַלעבעסעל׳ס מוטער, די אלמנה. אזוי ווי זי האָט נאָך געהאַלטען די שטאָטישע באָד, הייסט עס, אז זיי האָבען געוואוינט ביים באָד.

אויף מאָרגען נאָך דער חתונה, זיינען די גדולי התורה פון מינסק געקומען צום יונגען באַלעבעסעל ר׳ נחמן יצחק׳ן, אים אָפּצוגעבען א מזל טוב. מען האָט זיי קיינעם ניט געבעטען צו דער חתונה, זיינען זיי געקומען נאָך דער חתונה.

אָנשטאָט די דרשה ביי דער חופה־וועטשערע, האָט ר׳ נחמן יצחק געוויזען זיין לומדות אויף מאָרגען נאָך דער חתונה פאַר אָט די גדולי תורה, וואָס זיינען אים געקומען געבען זייערע ברכות. דער יונגער גאון האָט אַלעמען איבערראשט מיט דער טיפקייט פון זיין תורה.

א קורצע צייט איז אוועק, און מינסקער בעלי־בתים האָבען אָנגעהויבען טראַכטען, ווי אזוי צו באַזאָרגען דעם יונגען גאון מיט פּרנסה. מען האָט אים פאַרגעלייגט צו ווערען א ראש ישיבה. מינסק האָט דעמאָלט געהאַט אַ סך ישיבות און ר׳ נחמן יצחק וואָלט גערן אָנגענומען געוואָרען אין וועלכער עס איז פון די דאָזיגע ישיבות. ער האָט זיך אָבער פון דעם אָנטזאָגט.

ער האָט אין ענוות געזאָגט, אז ער איז נאָך נישט ראוי צו לערנען מיט אַנדערע. ער דאַרף נאָך א סך אליין לערנען — האָט ער געזאָגט.

אין אמת׳ן איז ער טאַקע ווייטער געזעסען און געלערענט און נאָך מיט גרעסערער התמדה און התלהבות, ווי פאַר דער חתונה.

דערווייל האָט מען אין מינסק אָנגעהויבען מער אינטערעסירען זיך מיט ר׳ יונתן דעם שמש, ר׳ נחמן יצחק׳ס שווער. איצט האָט מען זיך געכאַפּט, אז מסתמא איז ער נישט אַבי ווער. אויב דער נסתר ר׳ שמעון לייב, דער בעדער, האָט אָנגעזאָגט פאַר זיין טויט, אז זיין זון דער גאון׳ישער ר׳ נחמן יצחק זאָל זיך משדך זיין נישט מיט קיין אַנדערע, ווי ר׳ יונתנ׳ס טאָכטער שרה רבקה, איז מסתמא ר׳ יונתן אויך א נסתר.

האָט דאָך זיין ווייב, באַשע רחל, דערציילט, אז דער שדוך צווישען ר׳ נחמן יצחק׳ן און זייער רבקה׳ן איז געשלאָסען געוואָרען, וועןביידע זיינען נאָך געווען עופּה׳לעך. דאָס האָט נאָר געקענט מעגליך זיין ווען אויך ר׳ יונתן זאָל זיין א פאַרבאָרגענער צדיק, ווי דאָס איז געווען דער בעדער ר׳ שמעון לייב.

דאָס וואָס ר׳ יונתן איז געווען א שותק און האָט זיך אַזוי געהיימניספול אויפגעפירט, האָט געשטאַרקט דעם גלויבען, אז ער איז א נסתר.

מ׳האָט זיך איצט דערמאָנט, אז יאָרענלאַנג איז ער מיט זיין ווייב געווען צעטיילט און אז ביידע זיינען געשלאָפען אין בית מדרש, ר׳ יונתן, אונטער דער הרובע ביי די מאַנסבילען און זי, באַשע רחל, אין עזרת נשים.

האָט מען איצט פון ר׳ יונתנ׳ען ניט אַרונטערגענומען קיין אויג. אויך באַשע רחל׳ען האָט מען ניט אָפּגעלאָזט. מען האָט נאָכגעקוקט וואָס זי טוט און זיך צוגעהערט צו יעדעם וואָרט, וואָס קומט אַרויס פון איר מויל.

דער שמש און זיין ווייב איז עס געוואָרען איבערדריסיג. זיי האָבען נישט געוואָלט, אז מ׳זאָל זיי שענקען אזויפיל אויפמערקזאמקייט. אוודאי האָבען ביידע געהאט וואָס צו באהאלטען. די צייט נתגלה צו ווערען איז נאָך ניט געקומען און אפשר האָט ר׳ יונתן געהאט ביי זיך אָפּגעמאכט אויסצולעבן זיינע יאָרען ווי א נסתר.

אין א געוויסען טאָג האָט מען זיך ארומגעזען, אז ביידע, ר׳ יונתן און זיין פלונית׳טע באַשע רחל, זענען נעלם געוואָרען. זיי האָבען פארלאָזען מינסק. קיינער האָט ניט געוואוסט וואו זיי זענען אוועק.

מ׳האָט אָבער אָנגענומען, אז ווי א נסתר האָט ר׳ יונתן מער ניט געוואָלט בלייבען אין מינסק.

זייער טאָכטער איז נאטירליך געבליבען מיט איר מאן אין מינסק. אָבער אפילו דעמאָלט האָבען נאָך גאָר ווייניג געוואוסט וואָס פאר א גרויסע מלומדת שרה רבקה איז. צו וואָס באוואונדערען דאָס ווייבעל, אז איר מאן האָט געקראָגען אלעמענס אויפמערקזאמקייט מיט זיין גאונות.

אלע האָבען געוואוסט, אז דאָס פאָרעל לעבט אויף דער הכנסה, וואָס ר׳ נחמן יצחק׳ס מוטער, די אלמנה האָט פון דער שטאָטישער באָד. בעת ר׳ נחמן יצחק איז געזעסען על התורה ועל העבודה, האָט זיין פרוי שרה רבקה, ארויסגעהאָלפען דער שוויגער מיט דער באָד.

מינסקער אידען, מענער און פרויען, וואָס פלעגען קומען אין באָד, האָבען געהאט שטאַרק מיטלייד מיט די צוויי פרויען, די שוויגער און די שנור, וואָס זיי דארפען זיך אָפּגעבען מיט אזא עבודת פרך. אָבער יענע וואָלטען ניט געטראכט פון זוכען א נייעם קוואל פון פרנסה.

עס זענען אוועק עטלעכע יאָר און שרה רבקה איז שוין געווען א מוטער פון צוויי קינדער. זייער לעבענס שטייגער האָט זיך אָבער מיט גאָרניט געענדערט. ר׳ נחמן יצחק האָט ווייטער געלערנט תורה און די צוויי פרויען, זיין מוטער און זיין ווייב האָבען זיך ווייטער אָפּגעגעבען מיט דער באָד.

# קיח.

## פון בעדער צו רבנות

**דער בעדער אַנטזאַגט זיך צו ווערען ראש ישיבה. — פּאַרלאַזט מינסק. — רב און מלמד אין הארקי. — ברוך שעפּט פון דעם שמיד'ס איידעם.**

פיר יאָר האָט דער יונגער גאון ר' נחמן יצחק און זיין פרוי, שרה רבקה, געוואוינט מיט זיין מוטער, די אלמנה, וועלכע האָט אָנגעפירט מיט דער קהל'שער באָד, אין מינסק. פאַר דער צייט האָט שרה רבקה געבראַכט אויף דער וועלט צוויי קינדערלעך, א זון און א טאָכטער.

בעת ר' נחמן יצחק האָט געלערנט מיט גרויס התמדה, האָט שרה רבקה ארויסגעהאָלפען דער שוויגער אין הויז און אין באָד. די אלמנה פון דעם נסתר איז אָבער געשטאָרבען און פאַר די ראשי הקהל פון מינסק זענען אויפגעשוואומען צוויי פראַגען:

וואָס צו טאָן מיט דער באָד און ווי אזוי צו פאַרזאָרגען דעם יונגען גאון, וועלכער האָט געדאַרפט מפרנס זיין א ווייב מיט צוויי קינדער.

די ראשי הקהל האָבען שוין לאַנג גע'טענה'ט, אז עס איז ניט לפי כבודו פאַר ר' נחמן יצחק'ן צו זיצען ביי זיין מאַמען און אויסגעהאַלטען ווערען פון דער הכנסה, וואָס די באָד האָט אריינגעבראַכט. זיי האָבען געוואָלט, אז ר' נחמן יצחק זאָל ווערען א ראש ישיבה.

אָבער אז ר' נחמן יצחק האָט גאָר געוואָלט זיין מיט דער מאַמען און איז אויך באַשטאַנען, אז די מאַמע זאָל ווייטער אָנהאַלטען די באָד, האָבען די ראשי הקהל אים נאָכגעגעבען. איצט איז אָבער די מאַמע געווען טויט און די ראשי הקהל האָבען געהאַלטען, אז די צייט איז געקומען ווען דער יונגער גאון זאָל זיך ארויסקלייבען פון דער דירה לעבען דער באָד און מיט דער באָד מער ניט האָבען צו טאָן.

האָט אָבער ר' נחמן יצחק זיך ווידער אנטזאָגט פון דעם. קיין ראש ישיבה האָט ער נאָך אלץ ניט געוואָלט ווערען און אויפגעבען די באָד אויך ניט. ער האָט געהאַט א תירוץ, אז לפּחות פאַר די צוועלף חדשים פון אבילות אויף זיין מוטער זאָל ער פאַרבלייבען אין דער אלטער דירה כדי דאָרט אָנצוהאַלטען א מנין און לערנען אלע טאָג מיט'ן עולם משניות.

זיין פארשטארבענע מוטער איז שוין איצט ביי דער שטאט אויך געווען פארהייליגט. דאס ווייב פון דעם נסתר ר' שמעון לייב און די מוטער פון אזא זון ווי דער גאון ר' נחמן יצחק — האט זי אליין געמוזט זיין א גרויסע צדקת. האט מען דערפאר שטארק מיטגעפילט מיט'ן זון, וואס האט געוואלט ערען דעם אנדענק פון דער מוטער.

האט מען איינגעוויליגט, אז ר' נחמן יצחק זאל בלייבען אין באד פאר א יאר צייט, און בעת זיין פרוי שרה רבקה, אליין א גרויסע מלומדת, האט אכטונג געגעבען אויף דער באד, האט ר' נחמן יצחק אליין געלערנט און דאן געלערנט מיט'ן מנין, וואס איז געקומען דאווענען אין הויז.

זיין לערנען משניות מיט'ן עולם האט ארויסגערופען גרויס אינטערעס אין שטאט. די גרעסטע לומדים פון מינסק זענען געקומען הערען ווי ר' נחמן יצחק לערנט מיט'ן עולם משניות. און עס איז געווען וואס צו הערען. ר' נחמן יצחק פלעגט דערביי זאגען גוואלדיגע חדושי תורה, אזוי אז זיין גאונות האט געקראגען נאך א גרעסערען פרסום.

די מינסקער בעלי בתים האבען איצט געווארט, אז דאס יאר פון אבילות זאל זיך ענדיגען. זיי זענען געווען זיכער, אז נאכדעם ווי די צוועלף חדשים וועלען זיין פאראיבער, וועט ר' נחמן יצחק ענדליך איינוויליגען צו ווערען א ראש ישיבה אין איינע פון די ישיבות אין שטאט. מ'איז אפילו געווען גרייט פאר אים צו עפענען א באזונדערע ישיבה. זיין גאונות איז געווען אזוי גרויס, אז ס'וואלטען זיך געפונען א סך תלמידים וואס וואלטען געווען נאכגיביג צו הערען זיינע שיעורים.

מינסק איז אבער געווען געפלעפט אויסצוגעפינען, אז ר' נחמן יצחק אנטזאגט זיך צו ווערען א ראש ישיבה. די ראשי הקהל פון מינסק האבען געמיינט, אז זיי וועלען דאך ביי אים עפעס פועל'ן, ווען זיי וועלען ווייזען עקשנות און זיך קאטעגאריש אנטזאגען אים צו פארדינגען די באד.

עס איז ניט געווען דערלאזבאר, אז אזא גאון זאל בלייבען א בעדער.

זעענדיג, אז ער קען גארניט מאכען מיט די ראשי הקהל, האט ר' נחמן יצחק גענומען ווייב און קינדער און האט פארלאזען מינסק. ער האט זיך אריבערגעקליבען קיין לעמבערג.

מינסק האט זיך עס גענומען שטארק צום הארצען. ס'האט זיך די דארטיגע אידען ניט געוואלט פארלירען אזא גאון. אבער פארפאלען,

קיינער האָט דאָ גאָרניט געקענט מתקן זיין. ר' נחמן יצחק האָט זיך געהאט זיין אייגענעם דרך און האָט זיך צו קיינעם ניט צוגעהערט.

פארוואָס האָט ר' נחמן יצחק עפּעס גראָד אויסגעקליבען לעמבערג פאר זיין מקום מנוחה? דאָס איז געווען פשוט צוליב דעם, וואָס זיין שווער, ר' יונתן, דער געוועזענער שמש פון מינסק, אליין א נסתר, האָט זיך געפונען אין לעמבערג. ער האָט זיך דאָרט איבערגעקליבען נאָכדעם ווי ער האָט פארלאָזן מינסק דערפאר, וואָס מ'האָט דאָרט שוין אויף אים געקוקט ווי אויף אן אנטפּלעקטען נסתר.

ארום צען יאָר איז ר' נחמן יצחק פארבליבען אין לעמבערג צוזאמען מיט זיין שווער. שווער און איידעם זענען אויסגעהאלטען געוואָרען פון זייערע ווייבער. באַשע רחל, די שוויגער, איז געווען אַ הייבאַם, און די טאָכטער, שרה רבקה, האָט דער מוטער ארויסגעהאָלפען. דעמאָלט ווען זיי האָבען ניט געהאט קיין קימפּעטאָרינס האָבען זיי זיך אָפּגעגעבען מיט נייטעריי און ס'איז געווען פרנסה. ביידע, ר' יונתן און ר' נחמן יצחק, האָבען געקענט זיצען און לערנען.

אויפ'ן עלפטען יאָר האָבען שווער און איידעם באַשלאָסען, אז זיי וועלען זיך ארויסלאָזען איבער דער וועלט אָפּצוריכטען גלות. זיי האָבען געוואָלט דורך דעם מתקן זיין זיך און מתקן זיין די וועלט.

צוויי יאָר האָבען זיי געוואנדערט איבער דער וועלט, ניט גענעכ־טיגט דאָרט וואו זיי האָבען געטאָגט און ניט געטאָגט וואו זיי האָבען גענעכטיגט. זיי האָבען זיך שטארק געהיט, אז זיי זאָלען זיך ניט ארויס־געבען פאר קיין לומדים אָדער סתם בכבוד'יגע אידען.

אַ סברא, אז זיי האָבען אויך געהאט וויכטיגע שליחות'ן אויסצור־פירען אין זייערע וואנדערונגען.

ענדליך זענען זיי אָנגעקומען אינ'ם שטעטעל הארקא און ר' נחמן יצחק האָט זיך דאָרט אָפּגעשטעלט. ער האָט זיך צוערשט אָפּגעגעבען מיט מלמדות און דאן אויך מיט פּסק'ענען שאלות פאר די שטעטעלשע תושבים. הארקא האָט דעמאָלט ניט געהאט ניט קיין מלמד און ניט קיין מורה הוראה. ר' נחמן יצחק האָט זיך אונטערגענומען צו זיין ביידע אויף אמאָל.

וועגען שכירות האָט אים ווייניג וואָס געקימערט. אז ער האָט איינגעזען, אז מ'האָט אים דאָרט גערן האָט ער אויך געשיקט נאָך זיין ווייב און קינדער, און אזוי איז ער געוואָרען דער מרא דאתרא אין

קליינעם שטעטל הארקא, אין א צייט, ווען ר' נחמן יצחק וואלט געקענט זיין רב אין דער גרעסטער אידישער קהלה.

ר' נחמן יצחק איז פאר הארקא געווען מער ווי א רב. ער איז געווען א מדריך פאר יונג און אלט. די רביצין, שרה רבקה, האט אים ארויסגעהאלפען. בעת ר' נחמן יצחק האט געלערנט מיט די מאנסבילען פון אלע עלטערס, האט שרה רבקה געלערנט מיט די פרויען. ער איז געווען צו אלעמען ווי א פאטער און זי ווי א מוטער.

און די תושבים פון שטעטל האבען זיך טאקע צו זיי באצויגען ווי צו א טאטען און מאמען. די תושבים פון הארקא האבען זיך פארמערט און מיט דעם איז געוואקסען די חשיבות פון דער קהלה.

ר' נחמן יצחק האט זיך באמיט, אז אידען זאלען לערנען תורה אזוי, אז אין משך פון יארען זענען פראסטע אידען געווארען לומדים. ווי דער רב פון שטעטל, האט ער אכטונג געגעבען, אז יעדער וואס טוט א שידוך מיט זיין טאכער זאל אויסקלייבען א לומד'ישען יונגערמאן פאר אן איידעם. מיט דער צייט האט הארקא צוגעקראגען צענדליגע יונגעלייט, לומדים, וואס זענען געוואקסען אין זייער לומדות אדאנק דעם, וואס זיי האבען געהאט קעסט און זענען אין משך פון די קעסט געזעסען און געלערנט.

ר' נחמן יצחק האט אין הארקא אליין געעפענט א ישיבה און די לומד'ישע תלמידים האט ער זיך באמיט חתונה צו מאכען מיט די טעכטער פון שטעטלשע בעלי בתים. אט די ישיבה האט ארויסגעגעבען גרויסע לומדים, וועלכע האבען שפעטער געהאט א השפעה אויפ'ן שטעטל און אויף דער גאנצער סביבה.

ר' יצחק שאול, דער איידעם פון דעם דאבראמיסלער שמיד, מיט וועמען ברוך, דער פאטער פון דעם קינפטיגען גרינדער פון חב"ד, האט זיך גע'חבר'ט און האט פון אים געשעפט די ערשטע ידיעות וועגען חסידות, איז אליין געווען א תלמיד פון אט דער ישיבה. דורך דעם וואס יצחק שאול האט איבערגעגעבען די פרטים וועגען דעם רב און רביצין פון הארקא, האט ער פאר ברוכ'ן פארבונדען מינסק, פון וואנען ר' נחמן יצחק און זיין רביצין האבען געשטאמט, מיט הארקא, דאס שטעטל, וואס האט זיך אויסגעצייכענט מיט אירע ערשטע חסידים.

מינסק האט ברוכ'ן שטארק אינטערעסירט דערפאר, וואס דארט האט זיך געפונען זיין זיידע, ר' משה, דער געוועזענער ראש הקהל פון פויזען, און ברוך האט זיך געשלאגען מיט דער דעה צי ער זאל באזוכען מינסק און זיך באקענען מיט זיין יחוס'דיגען זיידען.

אָבער איידער ברוך איז געווען גרייט צו פאַרלאָזען דאבראָמיסעל האָט ער נאָך געוואָלט ארויסקריגען פון זיין פריינט ר' יצחק שאול'ן מער ידיעות וועגען חסידות און די וואָס האָבען חסידות פאַרשפּרייט. ר' יצחק שאול האָט געהאט א סך צו דערציילען ניט נאָר וועגען די נאָכפאָלגער פון בעל שם טוב, צווישן וועלכע ס'איז אויך געווען זיין פאָטער, נאָר אויך וועגען בעל שם טוב אליין.

ר' יצחק שאול האָט אָבער דעם בעל שם טוב אליין קיינמאָל ניט באגעגנט. ער האָט עם שטארק באדויערט, און צוהערענדיג זיך צו אים, האָט ברוך עם אויך באדויערט. ער האָט געפילט, אז אויב ר' יצחק שאול וואָלט געהאט באגעגנט דעם בעל שם טוב, וואָלט ער פון אים געקענט ארויסבאקומען גענוג פּרטים וועגען דעם פאַרשפּרייטער פון חסידות, אז ער וואָלט געקענט האָבען א גענויעם באגריף פון דעם צדיק און זיין הנהגה.

איצט האָט ער נאָר גענדאַרפט אורטיילען פון די אָפּקלאַנגען פון בעל שם טוב, וואָס ר' יצחק שאול האָט צו אים געקענט ברענגען. פאַר דער פאָרשענדינער נשמה פון ברוכ'ן איז עס נאָך ניט געווען גענוג. דאָס איז נאָך ניט ביי אים געווען גענוג ערשטהאנטיג אזוי, אז כאָטש זיין הארץ האָט געצויגען צו חסידות, האָט ער אָבער געפילט, אז ער דאַרף נאָך א סך לערנען און פאָרשען איידער ער וועט קענען קומען צו דער מסקנא, אויב ער זאָל זיך שוין אינגאנצען באטראכטען פאַר א חסיד, א נאָכפאָלגער פון בעל שם טוב.

ברוך האָט באַשלאָסען צו בלייבען לענגער אין דאָבראָמיסעל, כדי צו זיין נאָענט צו זיין פריינט ר' יצחק שאול'ן און ווייטער שעפּען פון דעם קוואַל, וואָס ער האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט פאַר ברוכ'ן. אגב, האָט ברוך געהאט אַן אנדער כוונה דערביי. ער האָט געוואָלט דערוויילע עפּעס פאַרדינען, סיי פאַר זיין אויפהאַלט אין דאָבראָמיסעל און סיי עפּעס אָפּצושפּאָרען פאַר זיינע ווייטערדיגע וואנדערונגען.

האָט ער א רייד געטאָן מיט ר' יצחק שאול'ן וועלכער האָט פאַרדינט אויף חיונה דורך דעם, וואָס ער האָט ארויסגעהאָלפען זיין שווער אין דער קוזניע. ר' יצחק שאול האָט ביי דער צייט זיך שוין אזוי גוט אויסגעלערנט די מלאכה פון א שמיד, אז ער האָט גאָר גוט פאַרדינט דערביי, דער עיקר נאָכדעם ווי ער האָט ארויסגעוויזען צו זיין א גרויסער קינסטלער, אין מאַכען נייע און פאַרריכטען אַלטע אַקערס און בראַנעס. פּויערים און פּריצים האָבען אים און זיין שווער פּשוט פאַרוואַרפען מיט ארבעט.

ברוכ׳ן איז איינגעפאלען אז ער וואלט זיך גוט אויסגעטויגט ביים ארויסהעלפען ר׳ יצחק שאול׳ן און זיין שווער אין דער קוזניע. ר׳ יצחק שאול איז געווען צופרידען און האט אים באלד אנגעבאטען א געהעריגע באלוינונג פאר דעם.

ברוך האט שוין געהאט באשלאסן צו בלייבן א צוויי חדשים אין דאבראמיסעל, ארויסהעלפענדיג אין דער קוזניע און דאן לערנענדיג תורה אין די פרייע שעה׳ן. דאס האט שטארק צופרידענגעשטעלט ר׳ יצחק שאול׳ן, ווארים דער יונגער שמיד האט געהאט א גאר באזונדערע כוונה צו האלטען לעבען זיך ברוכ׳ן פאר עטליכע חדשים.

ער האט עס ברוכ׳ן ניט געזאגט, נאר א געדאנק איז אים אריין אין קאפ, אז ברוך וואלט געווען א גוטער שידוך פאר זיין שוועסטער. ברוך איז שוין געווען א דערוואקסענער בחור׳ל. ר׳ יצחק שאול האט וועגען דעם געהאט געשריבען צו זיין פאטער, אבער איידער זיין בריוו וועט גרייכען זיין פאטער און איידער ער וועט פון זיין פאטער קריגען א תשובה, האט געדארפט נעמען וואכען. האט ר׳ יצחק שאול געוואלט, אז ברוך זאל דערווייל זיין לעבען אים, ווארים זאגען אים אין פאראויס, אז ער וואלט אים וועלען האבען פאר א שוואגער איידער ער האט געהערט פון זיין פאטער, אז יענער איז מרוצה אויפ׳ן שידוך, האט ער ניט געוואלט.

האט ער עס געהאלטען בסוד פון ברוכ׳ן. ברוך, ווידער, האט געהאלטן בסוד פון ר׳ יצחק שאול׳ן, אז אייגענטליך איז ער, ברוך, שוין אזוי גוט ווי פאר׳קנס׳ט און אז ער וואנדערט איצט איבער דער וועלט כדי צו געפינען דעם דרך צו עבודת הבורא, וואס זאל באפרידיגען זיין בענקענדיגע נשמה.

אזוי צי אזוי, ברוך איז געבליבען אין דאבראמיסעל און איצט ניט נאר פארבראכט מיט ר׳ יצחק שאול׳ן אין לערנען און אין שמועסין, נאר אויך צוזאמען מיט אים געארבעט אין קוזניע.

ברוך האט זיך איינגעשטעלט זיינע שעה׳ן פאר ארבעט און אויך זיינע שעה׳ן פאר לערנען. ער האט אויך געהאט זיין צייט, ווען ער האט פארבראכט מיט ר׳ יצחק שאול׳ן אין לערנען און שמועסען, און ווען ער האט, ווי זיין שטייגער איז געווען, געפראוועט התבודדות.

# קיט.

## געזיכערט מיט גן עדן

**ברוך הערט וועגן זיין שוואָגער. — אַ מעשה מיט אליהו הנביא׳ן. — ברוך דערוויסט זיך וועגן אַנדערע מיוחסים אין זיין משפחה.**

פון זיין פריינט, דעם יונגען, לומד׳ישען שמיד, ר׳ יצחק שאול, האָט ברוך, דער פאָטער פון אַלטען רבי׳ן ר׳ שניאור זלמן זצ״ל, שוין געהאט א סך געהערט וועגן זיין אייגענעם זיידען, ר׳ משה׳ן, דער געוועזענער ראש הקהל פון פויזען. ברוך האָט אָבער קוים דערוואַרט, אַז זייענדיג אין דאַבראָמיסעל און אַרויסהעלפענדיג ר׳ יצחק שאול׳ן אין קוזניע, וועט ער אויך הערען וועגן זיין שוואָגער, זיין שוועסטער דבורה לאה׳ס מאַן, ר׳ יוסף יצחק, באַקאַנט אַלס דער עלוי פון שאריי, וועלכער איז נאָך דער חתונה געוואָרען ראש ישיבה אין וויטעבסק.

ברוך אליין איז געווען שטארק איבערראַשט וואָס ס׳קומט אים אוים צו הערען וואָס מ׳דערציילט פון זיין שוואָגער, דער עיקר ווער ס׳דערציילט און ווי אזוי דאָס ווערט דערציילט. דערביי איז עס נישט אינגאַנצען אָפּגעלאָפען גלאַטיג.

אין אמת׳ן איז אין זיין געגענוואַרט און טאָקע אין דער קוזניע, וואו ר׳ יצחק שאול און ער, ברוך, האָבען געטאָן זייער אַרבייט, פאָרגעקומען א גאַנצער וויכוח איבער זיין שוואָגער אין וויטעבסק. ברוך האָט זיך צו דעם צוגעהערט און האָט, אין הסכם מיט זיין דרך, אפילו זיך נישט אָפּגערופען מודיע צו זיין, אַז אָט דער עלוי פון שאריי, וועגען וועלכען מ׳איז זיך מתווכח, איז זיין שוואָגער.

ברוך האָט בכלל קיינמאָל נישט גערעדט וועגען זיך אָדער וועגען זיין יחוס׳דיגער משפחה. זיין עובדא איז געווען צו הערען זאכען פון אַנדערע, צו לערנען פון וועמען ס׳האָט זיך נאָר געלאָזט לערנען, אָבער אַרויסגעבען זיך אַלס מיוחס, שיינען מיט זיין אייגענער תורה אָדער מיט דער תורה פון זיינע נאָנטע קרובים — דאָס נישט.

אין הארצען איז אָבער ברוך געווען שטארק צופרידען, וואָס אפילו אין דעם פאַרוואָרפענעם שטעטעל דאַבראָמיסעל האָט זיך דער־טראָגען דער שם פון זיין שוואָגער, בפרט אַז דאָס וואָס ער האָט געהערט וועגען אָט דעם שוואָגער זיינעם האָט אים באַלד איבערצייגט, אַז ר׳

יוסף יצחק איז נישט סתם א למדן — איינער ביי וועמען לערנען תורה איז דער עיקר, נאָר א בעל מדה און א איש־מעשה, איינער פון די וואָס האָט, לויט ברוכ'ס השערה, געזאָלט געהערען צו די נאָכפאָלגער פון בעל שם טוב, ווי זיין פריינט ר' יצחק שאול.

געקומען צו רייד וועגען ר' יוסף יצחק'ן, ברוך'ס שוואָגער, איז אויף אזא אופן:

אין קוזניע, וואו מיט'ן אָנפאַנג פון פרילינג איז געווען א סך ארבייט, ווייל פויערים זיינען געקומען מיט זייערע אקערס און בראָנעס זיי צו פאַרריכטען און אויך צו שמידען זייערע פערד און פאַרריכטען זייערע וועגענער, פלעגען זיך אויך פארזאמלען אידען, האלבע אָדער גאַנצע ליידיגגייער. דער עיקר פלעגען דאָרט זיך פון צייט צו צייט אריינכאפּען לומד'ישע אידן, ווי ר' ירוחם פישעל. אָט דער ר' ירוחם פישעל, וואָס איז געווען באַאיינפלוסט מיט פיל געגנערשאַפט צו דעם נייעם דרך החסידות, האָט נאָך נישט געוואוסט, אז ר' יצחק שאול איז אליין א חסיד. ער האָט פון אים געהאַלטען צוליב זיין לומדות.

ר' יצחק שאול, וויסענדיג, אז ביי אזא פארשוין, ווי ר' ירוחם פישעל, וועט ער ווייניג געווינען, אויב ער וועט מיט אים רעדען וועגען דעם נייעם דרך, וועגען בעל שם טוב, האָט ער זיינע שמועסען מיט אים באַגרעניצט נאָר צו לומדות.

דער יונגער ברוך האָט אויך געטאָן דאָס זעלביגע.

פון דער צווייטער זייט איז דעם לומד'ישען ר' ירוחם פישעל'ן געווען די קוזניע צום הארצען, ווייל זי האָט דאָך געהערט צום שמיד אליעזר ראובן, ר' יצחק שאול'ס שווער, און אָט דער אליעזר ראובן, כאָטש אליין א פּראָסטער איד, האָט באַוויזען חתונה צו מאַכען אלע זיינע דריי טעכטער צו לומדים, און זיין איינציגען זון, שמואל נחום'ען, געשיקט אין א ישיבה. די קוזניע איז געוואָרען א מין "בית ועד לחכמים".

שמואל נחום איז אויף דעם נייעם זמן, יענעם נאָך פסח, געפאָרען לערנען אין איינער פון די ישיבות אין וויטעבסק. געפירט אים קיין וויטעבסק האָט זבולון בנימין, וועלכער איז אמאָל געווען א שינדער פון נבלות און א גרויסער עם הארץ, אָבער איז דורך דער התקרבות פון דעם שמיד אליעזר ראובן, געוואָרען א שטיקעל יודע ספר.

זבולון בנימין האָט זיך איצט געהאַט צוריקגעקערט פון וויטעבסק און האָט דערציילט אין קוזניע ווי אזוי שמואל נחום האָט אויסגעקליבען

ר׳ יוסף יצחק׳ס ישיבה צו לערנען. פון אַלע ישיבות אין וויטעבסק, איז די ישיבה פון ברוכ׳ס שוואַגער, שמואל נחומ׳ען געווען מער צום הארצען.

אַט אַזוי איז פּלוצים דערמאַנט געוואָרען ברוכ׳ס שוואַגער, כאָטש ברוך האָט קיינעם נישט געהאַט געזאָגט, אַז דאָס רעדט זיך וועגען זיין שוואָגער.

דאָס איז נאָך אָבער ניט געווען אַלץ. דער פּשוט׳ער און טאַקע אויך פּראָסטער זבולון בנימין, רעדענדיג וועגען דעם עלוי פון שאַריי, דער ראש ישיבה פון וויטעבסק, האָט זיך פון אַט דעם יונגען גאון נישט געקענט אָפּלויבען פאַר דער תורה וואָס ער האָט פון אים געהערט.

— אַט דאָס איז ביי מיר א למדן, — האָט זבולון בנימין געזאָגט, — אפילו אזא פּראָסטאַק ווי איך האָב אים געקענט פאַרשטיין.

ער האָט דערציילט ווי אַזוי ער האָט אין דער ישיבה פון אַט דעם עלוי פון שאַריי געבראַכט שמואל נחומ׳ען און דערוויילע געהאַט דעם שעת הכושר צו הערען דעם אריינפיר צו א שיעור פון אַט דעם עלוי. צו אַט דעם אריינפיר זיינען געקומען, ווי דאָס איז תמיד אַזוי געווען, מענשען פון גאַס, לומדים און פּשוט׳ע אידען.

וואָרים ר׳ יוסף יצחק האָט זיך נוהג געווען צו זאָגען אין אַט די אריינפירען אָדער פּתיחות נישט סתם תורה, נאָר אויך דברי מוסר, וואָס אַלע האָבען געקענט פאַרשטיין, אפילו פּראָסטע אידען. לומדות איז ביים עלוי פון שאַריי געווען איין זאַך, און אגדה — א צווייטע זאַך. ער האָט תמיד געהאַט צו זאָגען אַן אגדה, וואָס האָט מיט זיך אנטהאַלטען א טיפען מוסר השכל.

האָט טאַקע דער פּראָסטער אָבער ערליכער זבולון בנימין גערעדט מיט גרויס אנטציקונג וועגען דעם וואָס ער האָט געהערט פון ר׳ יוסף יצחק׳ן.

— ס׳איז דאָך פּשוט א מחיה צו הערען אים — האָט זבולון בנימין דערציילט מיט גרויס התפּעלות. — שטעלט זיך פאָר, אַז איך זיץ צווישען ישיבה בחורים און בעלי בתים לומדים, הער זיך צו דעם עלוי׳ס רייד און איך פאַרשטיי יעדעס וואָרט, וואָס קומט ארויס פון זיין מויל. איך האָב זיך אליין נישט געוואָלט גלויבען, אַז איך האָב אַלץ פאַרשטאַנען. אָבער אַט וועל איך אייך איבערדערציילען וואָס איך האָב געהערט, און זעט אליין אויך, צי ס׳איז געווען צו שווער פאַר מיר צו פאַרשטיין! ס׳איז, אין סך הכל, געווען א סיפּור המעשה וואָס אויך

מיין קאָפּ האָט באַנומען. איר ווילט טאַקע וויסען וואָס דער עלוי האָט געזאָגט? אָט האָט איר עס:

אַ איד, אַ גרויסער למדן, איז געקומען אין אַ פרעמדער שטאָט, האָט ער דאָרט באַגעגענט אליהו הנביא׳ן. פרעגט ער אליהו׳ן, ער זאָל אים זאָגען, ווער פון די שטאָטישע תושבים איז גענוג פרום און גוט, אַז ער זאָל זיין געזיכערט מיט גן־עדן, מיט אַ חלק עולם הבא. מסתמא איז עס דעם למדן געגאַנגען שטאַרק אין לעבען אויסצוגעפינען וועגען דעם, כדי ער זאָל וויסען מיט וועמען זיך צו חבר׳ן, און וועמען זיך צו פאַרטרויען.

זאָגט צו אים אליהו הנביא:

— דאָס דאַרפט איר מיך גאָרנישט פרעגען, איר קענט עס אַליין אויסגעפינען. ס׳דאַרף נישט זיין שווער פאַר אַ מענשען מיט פאַרשטאַנד אויסצוגעפינען ווער ס׳איז אַן ערליכער איד און ווער נישט. ווער ס׳פאַרדינט זיך גן־עדן און ווער נישט.

אליהו הנביא האָט אָט דעם לומד׳ישען אורח פּשוט געשטעלט צו דער פּראָבע. זאָל ער אַליין ווייזען זיין מבינות אויף מענשען, געבען זיין אָפּשאַצונג וועגען דעם, וועמען ס׳קומט גן־עדן און וועמען נישט.

איז דער אורח אוועק איבער׳ן שטאָט זוכען די פאַרדינסטפולע מענשען. ס׳פאַרשטייט זיך, אַז געגאַנגען איז ער קודם אין בית מדרש אריין. וואָרום וואו דען וועט ער געפינען גוטע און פרומע אידען, יראי שמים און בעלי מידה ווי אין בית מדרש?

אליהו הנביא איז אים נאָכגעגאַנגען. קענטיג, אַז אליהו הנביא האָט געוואָלט זען וועמען אָט דער פרעמדער איד וועט אויסקלייבען אַלס די וואָס פאַרדינען גן־עדן.

אריינקומענדיג אין בית מדרש האָט דער אורח פאַר זיך געהאַט אַ סך אידען וואָס זיינען געזעסען ביי גמרות און אַנדערע ספרים און געלערענט מיט גרויס התמדה. אַלע זיינען זיי געווען הדרת פּנים׳דיגע אידען. פון זייער עוסק׳ן זיך אין תורה איז דער אורח געווען איבערצייגט, אַז תורה איז ביי אָט די אידען אַלץ, און אויב תורה איז ביי מענשען אַלץ, — קענען נאָך זיין שענערע און בעסערע מענשען פון זיי? אוודאי זיינען אָט די אידען, די וואָס זיינען אין פאָראויס געזיכערט מיט גן־עדן! ווייסען מיר דאָך אַ כלל, אַז „תלמוד תורה כנגד כולם”!

רופט זיך אָפּ צום אורח אליהו הנביא:

— אוודאי האָבען אָט די אידען זיך פארדינט עולם הבא מיט זייער תורה. דאָס איז אָבער נאָך נישט אלץ. קומט איך וועל אייך ציינען אידען וואָס פארדינען זיך עולם הבא פאר זייערע מעשים.

אליהו הנביא האָט גענומען דעם אורח אין גאס אריין און אים געבראכט אויפ׳ן מארק. דאָרט האָט ער אים אָנגעוויזען אויף צוויי אידען, אָרימע לייט. זייערע פנים׳ער זיינען געווען איינגעפאלען פון נישט דערעסען און זייערע קליידער זיינען געווען אָפגעטראָגען און פארלאָטעט. זיי זיינען געווען ארומגעגארטעלט מיט שטריק און האָבען זיך מיט גאָרנישט אויסגעצייכענט פון די אנדערע אָרימעלייט, וואָס האָבען זיך קרוע בלוע ארומגעדרייט אין גאס.

אָט די צוויי אידען האָבען ארום זיך ארומגעקליבען עלטערע און אינגערע מענשען, וואָס זיינען געווען דערשלאָגען פון זייער גרויס אָרימקייט. אָט די צוויי האָבען צום געזעמעל דערשלאָגענע אָנגעהויבען ריידען. ביידע האָבען געקענט דערציילען מעשיות און וויצען. באַלד האָבען די פארטרויערטע און פארזאָרגטע אידען אין גאס, צוהערענדיג זיך צו די מעשיות און וויצען פון די צוויי אידען, אָנגעהויבען לאכען און זיינען פשוט אויפגעלעבט געוואָרען.

— זעט איר אָט די צוויי אידען? — האָט אליהו הנביא געפרעגט דעם אורח. — אָט די צוויי אידען האָבען זיך איינגעקויפט גן־עדן. די אידען זיינען אָרים און קאָנען קיינעם נישט מיט גאָרנישט העלפען. זיי העלפען אָבער מרי־נפש מיט זייערע רייד, מיט זייערע מעשיות און משמח זיין. זיי זיינען די פארזאָרגטע אידען משמח. די אָרימע פארגעסען דורך דעם זייער אָרימקייט און די קראַנקע זייערע יסורים.

זבולון בנימין האָט דאָן איבערגעגעבען ווי אזוי דער עילוי פון שאריי האָט פון אָט דער מעשה ארויסגעדרונגען א מוסר השכל און מבאר געווען, אז כדי צו זיין אַן ערליכער איד דאַרף מען נישט דווקא זיין קיין למדן. מ׳קען עס זיין דורך מעשים טובים — און טאַקע דורך פשוט׳ע און גאַנץ געוויינליכע מעשים.

פאַר אָט דעם פשוט׳ן און פּראָסטען זבולון בנימינ׳ען איז עס געווען ווי אָנגעמאָסטען. עס האָט אים אָנגעצייכענט א וועג ווי זיך צו פירען אין לעבען. ער האָט טאַקע דעם גאונ׳ס רייד אויך גוט פארשטאַנען, און דערפאַר איז ער געווען אין גרויס התפעלות פאַר דעם ראש ישיבה פון וויטעבסק.

ר' יצחק שאול האט אויסגעהערט זבולון בנימינ'ען און האט געשמייכעלט. עס איז געווען צוגעפאסט צו זיין אייגענעם געדאנקען־גאנג. אויך ברוך האט געפילט אן אינערליכע פרייד פון דעם וואס זבולון בנימין האט דערציילט. ס'איז אויך געווען צוגעמאסטען צו זיין בליק אויף זאכן.

ברוך'ס פרייד איז געווען אויך גרויס, כאטש ער האט עס ניט ארויסגעוויזען — דערפאר וואס דאס איז אלץ דערציילט געווארען וועגען זיין שוואגער. ער האט זיין שוואגער אזוי ווייניג געקענט. אבער פון דעם וואס ער האט איצט געהערט פון זבולון בנימינ'ען האט ער זיך שוין געקענט משער זיין, אז זיין שוועסטער'ס מאן איז נישט סתם א למדן, נאר איינער וואס זוכט, אדער האט שוין געפונען א נייעם דרך אין עבודת הבורא.

אין קוזניע, ווען זבולון בנימין האט איבערגעגעבען דאס וואס ער האט געהערט אין וויטעבסק פונ'ם עילוי פון שאריי, האט זיך אויך געפונען דער לומד'ישער ר' ירוחם פישעל. אט דער ר' ירוחם פישעל, וועלכער האט געקענט זבולון בנימינ'ען אלע יארען, האט אים באטראכט פאר נישט מער ווי אן עם הארץ, אן אמת'ער בור דאורייתא. אים האט פשוט ארויסגעבראכט פון די כלים וואס א פראסטאק, ווי ער, זבולון בנימין, רעדט בכלל וועגען אזא למדן ווי דער עילוי פון שאריי און פארמעסט זיך אפצושאצען זיין גדלות דורך איבערדערציילען פון אים א פשוט מעשה'לע, זאל עס אפילו זיין א מעשה'לע מיט א מוסר השכל.

איז ר' ירוחם פישעל שטארק דערצארענט געווארן אויף זבולון בנימינ'ען און האט אים שטארק אויסגעזידעלט, אים איינגעטיילט א פארציע זלזולים, גארנישט ווי דאס וואלט געקומען פון א למדן ווי ער.

אלע אין קוזניע, באזונדער ר' יצחק שאול און ברוך, זיינען געווען שטארק געפלעפט וואס דער לומד'ישער ר' ירוחם פישעל איז אזוי ארויס פון די כלים, פאר זיי איז עס געווען אן אנדער באווייז, אז די לומד'ישע אידען, וואס האלטען בלויז פון לומדות, זיינען ווייט פון שלמות און טיילען זיך איינגאנצען אפ פון די וואס האלטען פון דעם נייעם דרך, אט ווי דער בעל שם טוב האט עס געהאלטען אין לערנען.

ר' יצחק שאול און ברוך האבן דערנאך געהאט א סך צו רעדען צווישען זיך וועגען דעם. זיי האבען אפילו פרובירט שפעטער טרייסטען זבולון בנימינ'ען און אים דערמוטיגען, אז ער זאל נישט זיין געפאלען ביי זיך פון די זלזולים וואס ער האט געהערט פון ר' ירוחם פישל'ען.

ברוך'ן איז אבער באשערט געווען אין דאבראמיסל אויך צו דערוויסען זיך וועגען אנדערע מיוחסים פון זיין משפחה.

# קכ.

## אַ קאָלאָניע פון מקובלים

**אַ ישוב פון אידישע פויערים. — מזל'דיגע סחורה. — ר' ברוך בטלן'ס שוואָגער ר' דוד און זיין זון קדיש.**

ברוך, וועמען די השגחה האָט באַשטימט צו זיין דער פאָטער פון דעם גרינדער פון חב"ד'ישער חסידות, איז געווען אַזוי דערווייטערט פון זיין משפחה, אפילו פון זיין שוועסטער, אַז ער האָט זיך געדאַרפט דערוויסען וועגען זיין גרויסען יחוס פון פרעמדע, דערהויפּט דאַמאָלט, ווען ער האָט זיך געפונען אין דאַבראַמיסעל לעבען זיין פריינט ר' יצחק שאול, פון וועמען ער האָט געלערענט אַ סך וועגען חסידות און וועמען ער האָט אויך אַרויסגעהאָלפען אין קוזניע. צו אָט דעם יונגען חסיד ר' יצחק שאול, איז אויך דערגאַנגען אַ סך מעשיות וועגען ברוך'ס משפּחה.

האָט ברוך זיך צוגעהערט אין שטוינען, אָבער אויך מיט ניט ווייניג הנאה, וועגען זיין פעטער ר' קדיש, וועלכער האָט געוואוינט אין וויטעבסק און ביי וועמען אין הויז זיין שוועסטער, דבורה לאה, האָט חתונה געהאַט.

ר' קדיש האָט געהערט צו זיין מוטער'ס משפּחה, ער איז געווען דער זון פון ר' דוד'ן — אַ ברודער פון זיין מוטער'ס טאַטען און ברוך'ס זיידען, וועמעס נאָמען איז אויך געווען ברוך — ר' ברוך בטלן, ווי מען האָט אים גערופען אין פויזען, וואו די גאַנצע משפּחה האָט זיך געפונען.

ר' דוד, ווי זיין ברודער ר' ברוך, האָט אויך געהערט צו די מקובלים און איז געווען אַ נאָכפאָלגער פון דעם בעל שם פון זאַמאָשטש, ר' יואל. ר' דוד האָט זיך אָבער אַ סך אַנדערש נוהג געווען פון זיין ברודער ר' ברוך בטלן. ר' דוד האָט געוואוינט אויף אַ דאָרף אַרום פופצען מייל פון פויזען. צוזאַמען מיט עטליכע אַנדערע אידען האָט ער זיך דאָרט אָפּגעגעבען מיט ערד־אַרבעט. אַלע אָט די ערד־אַרבעטער זיינען געווען מקובלים און האָבען זיך נוהג געווען ווי זייערע אבות אבותינו, וועלכע האָבען נאָכגעפאָלגט דעם דרך הקבלה, ווי די מערסטע אָפּשטאַמער פון שפּאַניע און פּאָרטוגאַל.

די פירונג פון די מקובלים אין יענער צייט, איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס זיי האָבען געהאַט אַ נטיה צו פרישות, נזירות און התבודדות.

אָבער אָט די מקובלים ערד־ארבייטער פון לעבען פויזען, זיינען ניט געווען ניט קיין פרושים און ניט קיין נזירים. זיי האָבען אויך ניט געפּראוועט קיין התבודדות. דאָך האָבען זיי זיך אין זייער שטייגער לעבען אויפגעפירט ווי זיי וואָלטען יאָ געהאַלטען פון התבודדות.

זיי האָבען זיך געהאַלטען אָפּגעזונדערט איינער פון אנדערען און האָבען געהאט אַ שייכות איינער צום אנדערן נאָר אויף אַזוי ווייט, ווי אידען דאַרפען זיין צוזאַמען, עס הייסט, האָבען אַ מנין.

כאָטש אַ פאַרערער פון ר' יואל בעל שם, איז אָבער ר' דוד צו אים, ר' יואל'ן, געפאָרען ניט בקביעות און גאָר זעלטען, ניט ווי זיין ברודער, ר' ברוך, וועלכער איז צו זיין רבי'ן געפאָרען אין באשטימטע צייטען.

ר' דוד מיט די אנדערע אידישע ערד־ארבייטער זיינען געווען באקאנט אין דער גאנצער סביבה. זיי האָבען ניט געדאַרפט פירען די תבואות, פרוכט און גרינסען פון זייערע פעלדער, סעדער און גערטנער, אָדער די וואָל פון זייערע שאָף, אין די דערבייאיגע שטעט דאָרט זיי צו פארקויפען. אין זייער פאַל, איז מען געקומען צו זיי אין דאָרף אריין קויפען זייער סחורה.

ווען אָט דער ישוב פון אידישע פויערים איז אַלט געוואָרען צען יאָר, איז אהין געקומען אַ סוחר פון פראג, גרייט אָפּצוקויפען פון די אַלע אידען זייער גאנצע סחורה אויף אַמאָל. דערביי האָט דער סוחר זיי אויך אָנגעבאָטען אַ גאַנץ אָנציענדיגען מקח. די אידישע פויערים־מקובלים זיינען זיך צוזאַמענגעקומען אויף אַן אסיפה, כדי צו באטראכטען דעם אָנבאָט. ביז דאַמאָלט פלעגען זיי זייער סחורה פארקויפען ביסלעכווייז צו אַ סך סוחרים.

אויף דער אסיפה זיינען די דעות געווען צעטיילט. געווען אַזוינע, וואָס האָבען געזאָגט, אַז מיט דעם וועט מען אוועקנעמען פּרנסה ביי די סוחרים, וואָס פלעגען קויפען זייער סחורה טיילווייז. דער ענין איז איבערגעגעבען געוואָרען צו די עלטערע פון דעם ישוב און אויך צו די צוויי מלמדים, וואָס האָבען זיך דאָרט געפונען. די החלטה איז געווען, אַז ניט געקוקט אויף דעם וואָס דער אָנבאָט פון פראגער סוחר איז געווען אַזאַ גוטער, טאָר מען אָבער ניט בארויבען די אנדערע סוחרים פון זייער פּרנסה.

שפּעטער האָט מען זיך דערוואוסט, פון וואנען עס האָט זיך גענומען, אַז דער דערמאָנטער סוחר זאָל קומען אַזש פון פראג, גרייט

אפצונעמען זייער סחורה אויף אמאל און פאר אזא גוטען פרייז. עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז דאס איז געווען דערפאר, וואס אין פראג האט זיך פארשפרייט די ידיעה, אז די סחורות פון די מקובלים־פויערים זיינען זעהר מזל'דיג.

דעם ישוב, וואס זיי האבען געשאפען און וואו יעדערער האט געהאט זיין נחלה, האט מען גערופען ארץ החיים. איבער דער גאנצער סביבה האט מען גערעדט, ווי וועגען א באשטימטע זאך, אז וואס נאר עס קומט פון די פעלדער, גערטנער, סעדער, אדער שטאלען, פון אט די מקובלים, ברענגט הצלחה.

מען האט שוין אפילו געהאלטען אין דערציילען וואונדער וועגען דעם. אט, למשל, האט מען דערציילט, אז ר' פרץ, וואס האט פארקויפט משקה, אז ער האט געקויפט קארטאפעל און קארן פון די מקובלים, האט ער פון דעם ארויסגעקראגען פיר און פינף מאל אזויפיל משקה, ווי פון געוויינליכע קארטאפעל און קארן. די משקה איז דערצו אויך געווען א סך בעסער און געשמאקער.

מען האט אויך דערציילט וועגען ר' שמעון דעם קרעמער, אז ער האט געקויפט אויסגעשפונענעם וואל און פלאקס פון די מקובלים און ער איז פשוט דערפון נתעשר געווארען.

אז אט די מעשיות האבען דערגרייכט פויזען, האבען זיך שוין געפונען א סך בעלנים אויף די סחורות פון דעם ישוב ארץ החיים. עס איז פשוט געווארען א געלאף אויף דער סחורה פון יענעם ישוב, און מ'איז געקומען אין ישוב. די מקובלים וואלטען געקאנט ארויפציען דעם מקח אויף זייער סחורה. זיי האבען אבער נאר פארקויפט צו די פריערדיגע סוחרים אויף געוויינליכע מקחים. זיי האבען, ווי מיר וויסען שוין, זיך אויך אנטזאגט צו האנדלען מיט'ן סוחר פון פראג, וואס האט געוואלט איינער אליין אפקויפען זייער גאנצע סחורה פאר א גאר הויכען פרייז.

א געוויסער סוחר פון פויזען האט זיך געקליגט און האט אפגעקויפט א שטח לאנד אין די גרעניצען פון דעם ישוב „ארץ החיים" און געוואלט אט דעם ישוב אויסברייטערען. ער האט אנגעבאטען די מקובלים, אז זיי זאלען באארבעטען אויך זיין שטיק ערד. ער האט געוואלט אויסשטיין אלע הוצאות און זיך באנוגענען נאר מיט א טייל פון די רווחים.

די מקובלים האבען אבער זיך אנטזאגט פון דאזיגען אנבאט. דאס איז ניט געווען אין הסכם מיט זייער אויפפאסונג, וועגען דעם ווי מענשען דארפען זיך פירען.

אין אָט דעם מערקווירדיגען ישוב האָבען זיך געפונען צוויי מלמדים פאר די קינדער פון די מקובלים־פויערים. איינער איז געווען ר' נפתלי, א דרדקי־מלמד, און ר' שמעון, א גמרא־מלמד. דאָרט איז אויך געווען דער זקן ר' יעקב קאַפעל, וועלכער האָט געזאָגט א שיעור פאַר דערוואקסענע בחורים. אלע דריי זיינען אויך געווען חברים פון די מקובלים און נאָכפאָלגער פון דעם בעל שם פון זאמאשטש.

אָט די מלמדים האָבען זיך נוהג געווען, אז ביז זייערע תלמידים זיינען ניט אלט געוואָרען קיין אַכצען יאָר, האָט מען מיט זיי ניט געלערנט קיין קבלה. פונדעסטוועגען האָט זיך אָבער דער גייסט פון קבלה שוין געפילט אין לערנען מיט די תלמידים, לאַנג איידער זיי זיינען געוואָרען אַכצען יאָר אַלט. דאָס איז געווען ניט נאָר אין די אגדות, וואָס די מלמדים האָבען דערציילט זייערע תלמידים, נאָר אויך אין די מידות וואָס מען האָט אין זיי איינגעפלאַנצט.

אפילו דער דרדקי מלמד, ר' נפתלי, האָט זיך באַמיט איינצופלאנצען אין זיינע תלמידים, באלד ביים אָנפאנגען מיט זיי דעם אלף־בית, א געפיל, אַז אין די אותיות גופא איז פאראן א באזונדערע קדושה.

— מיינע צאַן קדשים, — פלעגט ר' נפתלי ריידען צו די קינדערלעך, — איר לערענט דעם אלף־בית, אָט א די הייליגע אותיות, מיט וועלכע דער רבונו של עולם האָט באשאפען די וועלט און מיט זיי האָט דער אויבערשטער אויך געגעבען זיין תורה צום פאָלק ישראל דורך זיין קנעכט משה רבנו.

ר' שמעון, דער גמרא מלמד, פלעגט דערציילען זיינע תלמידים, אז דורך דעם וואָס מען זאָגט איבער חדושי־תורה פון אימיצען, מעג יענער שוין לאנג זיין אויפ'ן עולם־האמת, אזוי הויבען יענעמ'ס ליפען זיך אָן באוועגען, ליגענדיג אין קבר, און זייערע נשמות צעגייען זיך פון תענוג אין גן עדן. זיי בענשען דאַן די וואָס זיינען זיך עוסק אין דער תורה. אָט דערפאַר, פלעגט ר' שמעון זאָגען זיינע תלמידים, האָבען אונזערע חז"ל אונז געלערענט, אז אויב מען זאָגט איבער אין נאָמען פון דעם, וואָס האָט עס געזאָגט, איז פונקט ווי יענער וואָלט פאר אונז געשטאנען. די תנאים און די אמוראים, וועלכע מיר דערמאָנען אין לערנען, געפינען זיך אלע מיט אונז און מיר דארפען דערפאר ווייזען גרויס יראת־הכבוד אין זייער אָנוועזענהייט.

אין אָט דעם ישוב — „ארץ החיים" — איז ר' קדיש געבאָרען געוואָרען. זיין פאָטער ר' דוד איז געווען פאררעכענט פאר א גדול צווישען

די אנדערע מקובלים פון ישוב. ער איז געהאלטען געוואָרען פאַר א גדול אין נגלה ווי אין נסתר.

ר׳ דוד איז געווען א מענש פון גייסט, אָבער א קאַלטער און אויסגערעכענטער מענש. ער האָט זיך קיינמאָל ניט אויפגערעגט פון קיין זאך. ער האָט זיך משתתף געווען אין אימיצענ׳ס א שמחה אָדער אין אימיצענ׳ס צער נאָר דערפאר, וואָס אזוי האָט אָנגעזאָגט די תורה, אָבער ניט דערפאר, וואָס אזוי האָט ער געפילט. דעם צווייטענ׳ס שמחה אָדער צער האָט אים ניט אָנגערירט. ער האָט ניט געקאָנט לאַכען פונקט ווי ער האָט ניט געקאָנט וויינען. קיין זאך האָט אים ניט גערירט. ער איז געווען טרוקען ווי א שארבען.

געפירט האָט זיך ר׳ דוד לויט די מידות, וואָס זיינען אָנגעוויזען געוואָרען אין די הייליגע ספרים — די מידות וואָס דער געזונטער פארשטאנד האָט געלערענט, אז זיי זיינען גוטע מידות, וואָס האָבען ניט געפאָדערט קיין געפיל. ער האָט זיך געפירט ווי די תורה האָט געהייסען, אָבער אָן וועלכער עס איז ווארימקייט. ער איז געווען טרויעריג תשעה באב און פריילעך שמחת תורה, אָבער נאָר ווייל אזוי האָט זיך עס געפאָדערט און אזוי איז פארזאָגט געוואָרען. ער האָט אין דעם אפילו אריינגעגעבען אלע כוונות פון דער קבלה, אָבער אינערליך און אויסערליך איז ער געבליבען קאַלט.

קדיש, ר׳ דוד׳ס זוהן, האָט באלד אין זיין קינדהייט געוויזען, אז ער האָט גרויסע כשרונות. זיין מוטער צביה האָט אים שטארק געצערטעלט, ווייל ער איז געווען א בן־יחיד. דאָס קינד איז געווען אנדערש פון זיין טאטען. ער האָט זיך גיכער איינגעגעבען אין דער מוטער, וועלכע איז געווען א פרייליכע און א גוטמוטיגע. אָבער זעענדיג זיין טאטען, ווי ער איז צוריקגעהאלטען, קאַלט און אָנגעכמורעט, איז אויך קדיש אזוי געווען, אפשר געגען זיין ווילען און געגען זיין נאטור.

זיין דערציאונג איז געווען ניט אנדערש פון די אלע קינדער אין דעם ישוב „ארץ החיים". אָנגעפאנגען האָט ער צו לערנען ביי דעם דרדקי־מלמד ר׳ נפתלי׳ן און נאָכדעם איז ער געשיקט געוואָרען צו ר׳ שמעונ׳ען דעם גמרא־מלמד. שפּעטער איז ער אָנגעקומען צו ר׳ יעקב קאָפּל׳ען און האָט זיך שטארק אויסגעצייכענט אין לערנען.

קדיש איז קוים זעכצען יאָר אלט געווען ווען זיין פאָטער איז נפטר געוואָרען.

זיין מוטער, די אַלמנה צביה, האָט דאַן באַשלאָסען צו פאַרלאָזען דעם ישוב און זיך באַזעצען אין פּויזען. זי האָט דערביי דערהויפּט געהאַט אין זינען איר זוהן קדיש. זי האָט געוואָלט, אַז ער זאָל לערנען אין אַ ישיבה און זיין צווישען די לומדים, מיט וועלכע פּויזען האָט זיך אויסגעצייכענט. באַזונדערס האָט זי געוואָלט, אַז קדיש זאָל זיין אונטער דער השגחה פון איר שוואָגער ר' ברוך בטלן, איר פאַרשטאָרבענעם מאַנ'ס ברודער.

זי האָט געהאַט בדעה צו פאַרקויפען די נחלה אין „ארץ החיים", וואָס איר מאַן האָט זי איבערגעלאָזט, און מיט'ן געלט זיך איינאָרדענען אין פּויזען אַ קליינטעל, פון וועלכען זי זאָל קאָנען ציען פּרנסה פאַר זיך און איר בן־יחיד. אָבער די מנהיגים פון דעם ישוב זיינען געווען קעגען דעם. זיי האָבען געזאָגט, אַז דאָס איז ניט אין הסכם מיט זייערע תקנות, וואָס זיי האָבען, לכתחילה, ביים גרינדען דעם ישוב, אָנגענומען. לויט אָט די תקנות האָבען די חברים פון דעם ישוב געדאַרפט, צוזאַמען מיט די אבלים, לערנען און מתפלל זיין פאַר דער נשמה פון אַ נפטר. דאָס האָט געזאָלט דויערען, לפּחות, דעם גאַנצען יאָר פון אבלות.

די אַלמנה און דער יתום האָבען ניט געוואָלט איבערטרעטען די מסקנא פון די מנהיגים פון ישוב און זיי זיינען דאָרט געבליבען. אין ר' דוד'ס חדר איז דאַן איינגעאָרדענט געוואָרען אַ מנין צו דאַוונען און צו לערנען, לויט די תקנות פון דעם ישוב.

לויט די תקנות פון דעם ישוב, זיינען אַלמנות און יתומים געווען פריי פון באַאַרבייטען זייערע נחלאות. די דאָזיגע עובדא איז געטאָן געוואָרען פון די אַנדערע חברים פון ישוב. אַ גורל איז געוואָרען געוואָרפען, און אויף וועמען דער גורל איז געפאַלען, דער האָט געדאַרפט טאָן די אַרבייט פאַר דער אַלמנה און דעם יתום, פאַר'ן גאַנצען יאָר פון אבלות, כדי די אבלים זאָלן זיין פריי אָפּצוגעבן זיך מיט תורה און גוטע מעשים פאַר אַן עלי' פון דעם נפטר'ס נשמה.

אין משך פון אָט דעם יאָר, האָט קדיש דערוויייל געלערענט. אין זיין פאַל, כאָטש ער איז נאָך ניט געווען קיין אַכצען יאָר אַלט, האָט מען אים אָבער דערלויבט צו לערנען קבלה.

אין משך פון דעם יאָר האָט אין ישוב, „ארץ החיים", עפּעס פּאַסירט. אין דער צייט, וואָס אומעטום איז יענער זומער געווען אַ גרויסע טריקעניש, און אַלץ וואָס איז געווען אויף די פעלדער און אין

די גערטנער איז ממש אלץ פאר'שרפה'ט געווארען, איז אין „ארץ החיים" געווען גענוג רעגען און די גערטעניש איז געווען גרויס.

דאס האט געשטארקט דעם גלויבען אומעטום, אז דאס האט גורם געווען דער פאקט, וואס מען האט דא געהאט צו טאן מיט א ישוב פון מקובלים.

בעת צוליב דער שלעכטער גערטעניש אומעטום, האבען די פויערים אין דארף און די סוחרים אין די שטעט און שטעטלעך, גערעכענט געוואלד הויכע מקחים פאר שפייז, האבען די מקובלים פון „ארץ החיים" זיך אנטזאגט צו העכערען א פרוטה אויף די מקחים פון זייער סחורה. זיי וואלטען ממש געקאנט נתעשר ווערען, אבער זיי האבען פון דעם נישט געוואלט הערען און זען.

נאך מער, זיי האבען אויסגענומען א תנאי מיט די סוחרים, ווען זיי האבען פארקויפט זייער סחורה, אז אויך זיי, די סוחרים, זאלען ניט רעכענען מער צו זייערע קונים, פונקט ווי מען האט זיי ניט גערעכענט מער ביים קויפען זייער סחורה.

דאס האט ארויסגערופען גרויס לויב פאר די מקובלים.

אז דאס יאר פון אבלות איז געווען פאראיבער, האבען די מקובלים דערלויבט דער אלמנה און איר יתום צו פארקויפען זייער נחלה און זיך אריבערצוקלייבען קיין פויזען. לויט די תקנות פון דעם ישוב, האט די נחלה ניט געקאנט פארקויפט ווערען צו קיין פרעמדען, נאר צו אימיצען פון די תושבים אין דעם ישוב, פאר אן איידעם אדער א זוהן.

אין יעדענפאל, וואס איז נוגע דער אלמנה צביה און איר יתום קדיש, האבען זיי ענדליך געקאנט פארלאזען דעם ישוב.

## קכא.

### ליבע צו קינדער

**ר' ישראל חיים און זיין פרוי. — צער גידול בנים. — דער „מטורף".**

מיט'ן געלט, וואס ר' דוד'ס אלמנה האט געקראגען פאר איר נחלה אין „ארץ החיים", די קאלאניע פון די מקובלים, האט זי זיך, מיט איר זון, קדיש, איבערגעקליבען קיין פויזען, וואו זי האט געהאט איר

שוואָגער, איר פאַרשטאָרבענעם מאַנ׳ס ברודער, ר׳ ברוך׳ן, אָדער ווי מ׳האָט אים אין פויזען און איבער דער גאַנצער סביבה גערופען ר׳ ברוך בטלן.

כאָטש פונ׳ם נאָמען וואָלט עס געקענט אויסזען, אז ר׳ ברוך איז א „בטלן", איז ער אָבער, א חוץ זיין גרויסע לומדות און צדקות, געווען גאָר א גרויסער און רייכער סוחר. אין דער לומדישער וועלט האָט מען אים געהאַלטען פאר א גאון און אין דער סוחרישער וועלט פאַר אַ גרויסען מוצלח.

אין אַלגעמיין איז ר׳ ברוך בטלן געווען א גרויסער בעל מידה און א מזג טוב. צי צווישען לומדים, צי צווישען סוחרים, צי סתם אידען, מ׳האָט אים שטארק ליב געהאט און רעספעקטירט.

ר׳ ברוך האָט זיין שוועגערין, די אלמנה, און איר יתום אויפגענומען מיט ליבע און אינטערעס. ער האָט געזאָרגט זייביידען איינצואָרדענען אין דער נייער היים און סביבה.

דער אלמנה האָט ער צוזאמענגעבראכט מיט א צווייטער אלמנה און האָט זיי ביידען געמאכט פאר שותפ׳טעס אין א געשעפט פון פרויען קליידער, וואָס האָט זיי ביידען געדאַרפט געבען פרנסה בכבוד. דעם יתום קדיש האָט ער אריינגעגעבען אין א ישיבה און אים פאַרזאָרגט מיט א חבר. דערצו האָט ער איינגעאָרדענט, אליין צו לערנען מיט אים א שיעור גמרא.

קדיש וועלכער האָט זיך נאָך געהאַט אויסגעצייכענט אין לערנען זייענדיג אין דער מקובלים קאָלאָניע „ארץ החיים", סיי אין גמרא און סיי אין קבלה, האָט באַלד אָנגעהויבען צו איבערראַשען סיי די ראשי הישיבות און סיי זיין פעטער ר׳ ברוך׳ן.

ר׳ ברוך האָט בכלל באַוואונדערט זיין פלימעניק, ווייל זיין אייגענער זון בנימין, עטוואָס אינגער פון קדיש׳ן, איז געווען ווייט הינטערשטעליג סיי אין לערנען און סיי אין מדות פון זיין שוועסטער־קינד דעם יתום. ר׳ ברוך האָט זיין זון בנימינ׳ען געהאט געשיקט אין אַ ישיבה אין פּראָג. דאָס האָט ער געטאָן אויף דער עצה פון דעם בעל שם פון זאַמאָשטש, וועמענס א נאָכפאָלגער ער איז געווען.

פון זיין פעטער ר׳ ברוך׳ן האָט קדיש זיך דערוואוסט וועגען זיין פאַרשטאָרבענעם פאָטער׳ס משפחה. ער האָט זיך פון אים אויך דערוואוסט פרטים וועגען אנדערע באוואוסטע מענשען אין פויזען.

קדיש איז באזונדער באווירקט געוואָרען פון א ספור המעשה, וואָס ער האָט געהערט פון ר׳ ברוך׳ן וועגען ר׳ משה׳ן, דעם ראש הקהל פון פויזען, און מיט וועמען ר׳ ברוך האָט זיך שפּעטער משדך געווען, חתונה מאַכענדיג זיין טאָכטער רחל׳ען מיט ר׳ משה׳ס זון ר׳ שניאור זלמנ׳ען.

ר׳ משה איז געווען א תלמיד פון דעם גאון ר׳ אשר יהונתן, וועלכען מ׳האָט גערופען „דער אייזערנער קאָפּ״. אָט דער ר׳ אשר יהונתן איז געווען א זון פון איינעם מיט׳ן נאָמען ר׳ ישראל חיים, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכענט מער מיט זיינע מעשים טובים ווי מיט זיין לומדות.

מיט דעם ווי אזוי אָט דער גאון ר׳ אשר יהונתן איז געקומען צו זיין נאָמען איז פאַרבונדען א געשיכטע, וואָס ווען קדיש האָט עס געהערט פון זיין פעטער, האָט עס אויף אים געמאַכט א געוואַלדיגען רושם. די געשיכטע האָט אים באַקאַנט מיט זאכען, פון וועלכע ער האָט פון לערנען תורה קוים געהאַט א באַגריף.

אָט דער ר׳ ישראל חיים וואָלט קוים זוכה געווען צו פרסום אין פויזען, א שטאָט, וואָס איז געווען באַרימט מיט אירע גדולים אין תורה און אין חכמה, ווי אויך אין מעשים. ער האָט זיך אָבער דאָך פאַרדינט, אז די גאַנצע שטאָט זאָל פון אים ריידען און לויבען אים פאַר זיינע מעשים.

דאָס איז געווען פאַר דער גרויסער ליבע און אינטערעס, וואָס ער האָט ארויסגעוויזען צו קליינע קינדער — קינדער, וואָס זיינען געגאַנגען אין חדר און וועלכע מ׳האָט געדאַרפט מדריך זיין אין אידישקייט. ר׳ ישראל חיים פלעגט יעדען פרייטאָג נאָכמיטאָג, איידער די מלמדים האָבען פריי געלאָזט אויף שבת זייערע קינדער, קומען אין די חדרים און געטיילט די קינדער זיסקייטען, ווי טויגלעך, צוקערקעס און ראָזענקעס און מאַנדלען. דאָס, האָט ער געזאָגט, איז לכבוד שבת. דערביי האָט ער ניט פאַרגעסען אָנצוזאָגען די קינדערלעך ניט צו פאַרפעלען קומען אין בית מדרש צו קבלת שבת און מאָרגען פרי צו שחרית און מוסף.

אין בית מדרש איז ר׳ ישראל חיים געקומען דער ערשטער און ער האָט ארום זיך ארומגעקליבען די קינדערלעך און אכטונג געגעבען, אז זיי זאָלען אלע הויך אויפ׳ן קול זאָגן „אמן״, „ברוך הוא וברוך שמו״ און אויך זאָגען קדושה און אלע אנדערע זאכען, וואָס קליינע קינדער קענען זאָגן אָדער נאָכזאָגען.

ר׳ ישראל חיים האָט אויך געלערנט די קינדערלעך צו שפּרינגען קדוש ביי קדושה און זיך פאַרנייגען צו „ברכו". ער האָט מיט זיי אויך געזאָגט קריאת שמע.

ווען ערגעץ אין שטאָט איז געווען אַ קימפּעטאָרין, פלעגט ר׳ ישראל חיים צונויפנעמען דאָס קליינוואַרג און מיט זיי גיין צו דער געווינערין זאָגן קריאת שמע. ער האָט אויך אכטונג געגעבען, אַז קינדערלעך זאָלען פון זייער פריסטער יוגענט וויסען צו טראָגען היטלען אויף די קעפּ, צו האָבען פאות און בכלל זיך צו פירען ווי אידען דאַרפען זיך פירען.

דאָס, וואָס זייערע אייגענע טאטעס און מאמעס און אפילו זייערע מלמדים האָבען אָפט פאַרפעלט צו טאָן, האָט ר׳ ישראל חיים געטאָן און ער האָט עס געטאָן מיט פרייד און מיט גרויס ליבע, מאַכענדיג קלאָר, אַז ער האָט הנאה פון דעם אַלעם, און אַז ער האַלט עס פאַר אַ גרויסע זכיה, וואָס ער קען מחנך זיין אידישע קינדערלעך צו זיין גוטע, פרומע אידען.

דאָס איז אַלץ געווען מיט קינדער, וואָס האָבען געהאַט טאַטע־מאַמע. וועגען קינדער יתומים איז דאָך אָפּגערעדט. צו זיי איז ר׳ ישראל חיים געווען ווי אַ טאַטע. אויך זיין פלונית׳טע איז געווען שטאַרק איבערגעגעבען צו יתומים און האָט זיי אָפּגעהיט ווי דאָס שוואַרצאַפּעל פון אויג.

דערביי דאַרף געזאָגט ווערען, אַז ר׳ ישראל חיים און זיין פלונית׳טע האָבען אַליין געהאַט צער גידול בנים. פאַר קיין אידען געדאַכט, האָבען זיך ביי זיי קיין קינדער ניט געהאַלטען. באַלד ווי זיי זיינען געבוירען געוואָרען, זיינען זיי געשטאָרבען.

עס האָט ר׳ ישראל חיים׳ען ניט געהאָלפען קיין תפילות און אפילו ניט קיין ברכות פון גוטע אידען. עס האָבען אים און זיין ווייב אויך ניט געהאָלפען קיין אַנדערע תחבולות. קינדער האָבען זיך ביי זיי פשוט ניט געהאַלטען.

האָבען מאַן און ווייב יעדעס מאָל ווען אַ קינד איז געשטאָרבען, געזאָגט „ה׳ נתן וה׳ לקח" און האָבען ניט מתרעם געווען קעגען דער פירונג פון הקדוש ברוך הוא, אוודאי ווייסט דער אויבערשטער וואָס ער טוט.

איינער פון ר׳ ישראל חיים׳ס קינדער, אַ אינגעלע, האָט דערצויגע, ביז פינף יאָר. שמחה איז געווען זיין נאָמען. טאַטע־מאַמע האָבען געהאָפט,

אז ער וועט מאריך ימים זיין. אָבער אויך שמחה איז קראנק געוואָרען און האָט אויסגעהויכט זיין נשמה.

גראָד איז עס געווען אַ פרייטאָג — אַט דעמאָלט ווען ר׳ ישראל חיים פלעגט גיין איבער די חדרים אויסצוטיילען זיסקייטען, ראָזינקעס מיט מאנדלען און אנדערע גוטיגקייטען צו די קינדערלעך, די תינוקות של בית רבן לכבוד שבת. יענעם פרייטאָג איז, פארשטייט זיך, ר׳ ישראל חיים שוין אין די חדרים ניט געגאנגען. ער האָט באדארפט גיין צו דער לויה פון זיין פאר דער צייט פארשטאָרבענעם זון.

אין גאנץ פויזען האָט געהערשט גרויס צער. ר׳ ישראל חיים און זיין ווייב זיינען געווען באליבט און באוואוסט. אלעמענס הערצער זיינען פאר זיי אויסגעגאנגען.

די לויה פון זייער קינד איז געווען אַ גרויסע. פון די גרעסטע גדולי תורה ביז די פשוט׳סטע אידען פון שטאָט זיינען געקומען צו דער לויה. אין אלעמענס אויגען זיינען געווען טרערען. נאָר ר׳ ישראל חיים און זיין ווייב האָבען זיך געהאלטען שטארק, אַט ווי זיי וואָלטען מקבל באהבה געווען דעם אויבערשטענ׳ס רצון.

דער גאנצער עולם האָט באגלייט דעם טויטען אינגעל אויפ׳ן בית עולם. אז דער עולם איז אזוי גרויס האָט מען זיך, פארשטייט זיך, קוים אומגעקוקט ווער ס׳איז יאָ דאָ און ווער ניט. אוודאי האָט מען זיך ניט שטארק אומגעקוקט דאָס וואָס צווישען עולם געפינט זיך אויך אַ געוויסער זקן, וועמען מ׳האָט אין פויזען געקענט מיט׳ן נאָמען אשר יהונתן.

אין אמת׳ן האָט מען אַט דעם אָשר יהונתן׳ען געהאלטען פאר אַ מטורף און, פארשטייט זיך, אז מ׳האָט ווייניג חשיבות צו אים צוגעגעבען.

וואָלט עס ניט געווען קיין לויה און נאָך אזא לויה, וואָס האָט דעם עולם אַזוי שטארק גערירט, וואָלטען זיך מסתמא געפונען אזוינע, וואָס וואָלטען פרובירט טרייבן לצנות אויפ׳ן חשבון פון אַט דעם אלטען מטורף.

ווי אלט אין יאָרען אַט דער אשר יהונתן איז געווען, אזא גרויסער אָרימאן איז ער געווען. פאר די אלע יאָרען, וואָס מ׳האָט אים געקענט אין פויזען — ווייל ער איז מיט אַ סך יאָרען צוריק געקומען קיין פויזען פון דער פרעמד — האָט ער זיך אויפגעהאלטען אין בית מדרש, וואו ער האָט געשלאָפען און אפילו געגעסען — אויב ער האָט בכלל געגעסען.

קיינער האָט זיך אויף אים ניט אומגעקוקט. מ'האָט נאָר געוואוסט, אז ער פירט זיך אויף מאָדנע און טאקע דערפאר האָט מען אים געהאלטען פאַר, און גערופען „מטורף".

אשר יהונתן פלעגט דאווגען מיט'ן ערשטען מנין „ותיקין" און באלד ארויף אויפ'ן בוידעם פון בית מדרש און דאָרט אָפט פארבלייבען א גאנצען טאָג. וואָס ער האָט געטאָן אויפ'ן בוידעם האָט קיינער ניט געוואוסט. קיינער האָט זיך ניט גענומען די מי אויסצוגעפינען. טאקע דערפאר, וואָס מ'האָט אים געהאלטען פאר א מטורף האָט זיך קיינער ניט אינטערעסירט א קוק צו טאָן, וואָס ער טוט אויפ'ן בוידעם, צי ער איז דאָרט מתפלל, זאָגט תהלים, לייענט, אָדער שלאָפט.

פון וואנען ער לעבט האָט מען אויך ניט געוואוסט און זיך ניט אינטערעסירט. געבעטען האָט ער ביי קיינעם ניט. ער האָט ביי קיין פרעמדען טיש קיינמאָל ניט געגעסן און קיינער האָט אים צום טיש צו זיך ניט געבעטען, אפילו ניט שבתים און ימים טובים.

דאָס איז אוודאי געווען דערפאר, וואָס ער האָט בכלל מענשען אויסגעמידען, האלטענדיג זיך מער אויפ'ן בוידעם ווי אין בית מדרש צווישען די מתפללים. דערצו האָט אשר יהונתן קיינמאָל מיט קיינעם ניט גערעדט. אויב אימיצער האָט צו אים גערעדט, האָט ער יענעם אָנגעקוקט אין פארוואונדערונג און באלד אוועקגעדרייט דעם קאָפּ און מיט קיין וואָרט ניט געענטפערט.

מ'איז אפילו ניט געווען זיכער אויב ער איז ניט קיין שטומער. זיכער איז ער געווען א שותק אָבער, ווי מ'האָט עס געהאט אָנגענומען, ניט צוליב א וועלכען עס איז טעם, נאָר ווייל ער איז א שוטה און א מטורף.

געקומען קיין פּויזען איז אָט דער אשר יהונתן מיט א יאָר פופציג צוריק. דאָס מיינט, אז ביי דער צייט ווען אָט דער ספור המעשה איז זיך פארלאָפען איז ער שוין געווען א יאָר ניינציג. ווייל ווען ער איז געקומען אין שטאָט אריין האָט מען אים געשאצט צו זיין ארום פערציג יאָר אלט.

אשר יהונתן איז אָנגעקומען קיין פּויזען אין דער צייט ווען עס איז אין דער אידישער וועלט אָנגעגאנגען די מחלקה צווישען געוויסע גאונים פון יענער צייט, מיט ר' אליהו בעל שם פון ווירמייזע וועגען דעם לימוד פון קבלה. פּויזען, ווי אלע אנדערע אידישע שטעט, איז געווען צעטיילט אין אָט דער גרויסער מחלקה.

קיינעם איז, נאטירליך, ניט איינגעפאלען, אז אָט דער ניי־געקומענער אשר יהונתן, וואָס האָט זיך באלד פארקליבען אין בית מדרש און האָט זיך אַזוי מאָדנע אויפגעפירט, אז ער האָט אַ וועלכען עס איז שייכות צו אָט דער מחלקה, וואָס האָט צעטיילט אידען אין צוויי מחנות, און צוגעגרייט דעם באָדען פאר דעם קומענדיגען דרך החסידות. דער אשר יהונתן איז לכל הפחות ביי אלעמען אין די אויגען געווען ניט מער ווי אַ מטורף.

פארשטייט זיך, אז ווען איינער ווערט געהאלטען פון אַ גאנצער שטאָט פאר אַ מטורף אזוי פיל יאָרען, האָט מען קוים געמאכט אַ ווערן, וואָס אָט דער אשר יהונתן איז ארונטער פון בוידעם און איז געקומען צו דער לויה פון ר' ישראל חיים'ס פינף יאָריגען אינגעלע, שמחה, וועלכער איז אין אַן ערב שבת געבראכט געוואָרען צו קבורה.

## קכב.

### דעם צדיק'ס תנאי

**דער „מטורף" אויף דער לוי'. — אַ מערקווירדיגער תנאי. — דער צדיק געזעגענט זיך.**

אז מ'האָט שמחה'לעם טויטען קערפער געבראכט אויפ'ן בית עולם, האָט זיך דער גרויסער עולם אויסגעשטעלט ארום דעם אָפענער קבר. דער יונגער מת איז ארונטערגעלאָזט געוואָרען, און בעת דער עולם האָט פארגאָסען טרערען אויפ'ן אומגליק פון ר' ישראל חיים'ן און זיין פלונית'טע, זיינען טאטע־מאמע געבליבען רואיג.

ביידע, מאן און ווייב, האָבען מיט גרוים אנטשלאָסענקייט געזאָגט „ד' נתן וד' לקח" און האָבען מצדיק את הדין געווען.

— מיר האָבען זיך געריכט, — האָבען ביידע געזאָגט, — אז מיר וועלען זוכה זיין אונזער קינד פירען צו דער חופה, האָט אָבער דער אויבערשטער גוזר געווען, אז מיר זאָלען אים פירען צום קבר. זאָל דעם אויבערשטענ'ס נאָמען זיין געבענשט.

געהערט אזוינע דיבורים פון טאטע־מאמע, האָט זיך צווישען עולם דערהערט אַ געמורמעל. געווען אזוינע, וואָס האָבען אָנגעהויבען מתרעם זיין אויפ'ן אויבערשטענ'ס דרכים. סטייטש, ווי אזוי ווערט עס באַגאַנגען אזא אומגערעכטיגקייט געגען גאָטס־פאָרכטיגע מענשן, ווי ר' ישראל חיים און זיין ווייב?

עס האָט מענשען פשוט ווי געטאָן דאָס האַרץ.

עס איז געווען דאמאָלט, ווען גאָר אומדערוואַרט האָט זיך דער זקן ר׳ אשר יהונתן, וועמען אַלע האָבען געהאַלטען פאַר אַ מטורף, דורכגעריסען דורך דער מענגע מענשען און האָט זיך אוועקגעשטעלט ביים אָפענעם קבר פון דעם פינף־יאָריגען שמחה׳לען. מיט אַ באַוועגונג פון זיינע הענט האָט ער איינגעשטילט דעם עולם.

רבותי! — האָט ער אויסגערופען — איך וויל איר זאָלט זיך גוט צוהערען צו מיינע ווערטער.

אַלע האָבען אין גרויס פאַרוואונדערונג אויסגעשטעלט מויל און אויערען. קיינער האָט נישט געוואָלט פאַרפעלען אַ וואָרט וואָס קומט אַרויס פון דעם אַלטענ׳ס מויל, אפילו ווען מ׳האָט פון אים אַזוי ווייניג געהאַלטען. עפּעס האָט ער דאָך טאַקע געהאַט וואָס צו זאָגען.

און דער אַלטער ר׳ אשר יהונתן האָט זיך צערעדט:

— עס איז שוין אַן ערך פון פופצען יאָר ווי דער בעל דבר, זאָל ער נישט געדאַכט ווערען, האָט זיך מתקנא געווען אין ר׳ ישראל חיימ׳ען דעם קרעמער, וואָס ער פירט זיך אַזוי גוט און פרום. דער עיקר האָט דער שטן נישט געקאָנט פאַרטראָגען וואָס ר׳ ישראל חיים גיט זיך אַזוי שטאַרק אָפּ מיט די חדר־קינדער, היט זיי אָפּ ווי דאָס אויג אין קאָפּ און פּאַסט אויף זיי אויף, אַז זיי זאָלען זיך אויפפירען ווי ס׳באַדאַרף צו זיין.

מיט אַ אידען אַ בעל מידה, ווי ר׳ ישראל חיים, האָט נאָך דער שטן געקענט אונטערגעשלאָגען ווערען אין זיין „פרנסה". די אידישע מעשים טובים וועלען נאָך אַריבערוועגען זייערע חטאים.

האָט דער שטן זיך אוועקגעשטעלט פאַר דער פמליא של מעלה און פאַרלאַנגט דורכאויס, אַז מ׳זאָל אים געבען רשות ר׳ ישראל חיימ׳ען צו שטעלען אויף דער פּראָבע. ער וועט אים אוועקשטעלען פאַר שווערע נסיונות און דאַן וועט מען זען צי ער איז טאַקע אַזוי גוט און פרום. זאָל ער און זיין ווייב האָבען דעם אמת׳ן צער גידול בנים, און ערשט דעמאָלט וועט מען קענען זען צי זיי האָבען נאָך אַלץ אמונה אין רבונו של עולם און האַלטען זיך נאָך אַלץ אין דער תורה.

ר׳ אשר יהונתן האָט זיך פאַר אַ ווייל אָפּגעשטעלט, ווי צו כאַפּען דעם אָטעם. נאָך אַ קורצען שטילשווייגען האָט ער ווייטער געזאָגט:

— איך בין איצט פיר־און־ניינציג יאָר אַלט. אין צוויי חדשים ארום וועל איך שטארבען. איך זאָג אייך צו, אז אויפ׳ן עולם האמת וועל איך רופען דעם בעל דבר, וואָס האָט ר׳ ישראל חיימ׳ען און זיין ווייב געבראכט אזוי פיל צער און יסורים, צו א דין תורה. זיין קטרוג אויף אָט די ערליכע און גוטע מענשען איז געווען אָן א באַרעכטיגונג.

אויף ר׳ ישראל חיימ׳ען און זיין פלונית׳טע וועל איך מליץ טוב זיין. איך וועל באשטיין, אז דער אויבערשטער זאָל זיי מזכה זיין מיט א בן זכר, וואָס זאָל האָבען אריכת ימים און זאָל זיין באשאָנקען מיט גרויסע כשרונות און זאָל אויסוואקסען א גדול בישראל. איך שטעל אָבער א תנאי: דער זון וואָס וועט זיי געשאָנקען ווערען, זאָל גערופען ווערען אויף מיין נאָמען — אשר יהונתן.

דער אלטער האָט געהאט פארענדיגט וואָס ער האָט געהאט צו זאָגען און האָט זיך אָפּגערוקט פון אָפענעם קבר.

דער עולם איז געבליבען פארגאפט. מ׳האָט צוערשט קוים געוואוסט ווי זיך צו פארהאלטען צו דעם וואָס מ׳האָט געהערט פון דעם אלטענ׳ס מויל. האָט עס גערעדט א „מטורף״, רחמנא לצלן, אָדער א הייליגער צדיק, וועלכער האָט זיין צדקות ביז אַהער באוויזען אויסצובאהאלטען פון ברייטען עולם?

א לאנגע צייט האָט מען זיך אָנגעקוקט איינער דעם צווייטען אין שטילשווייגען. אויך ר׳ ישראל חיים און זיין ווייב זיינען געשטאַנען אין שטילשווייגען. מ׳האָט פשוט דעם ענין נישט געקענט אויפקלערען.

דער קבר איז פארשאָטען געוואָרען. די אבלים און דער עולם, וואָס איז געקומען אויפ׳ן בית עולם, זיינען זיך צעגאַנגען אהיים.

איצט איז עס אַלץ צעטראָגען געוואָרען אין פויזען. די גאנצע שטאָט, קינד און קייט, האָבען גערעדט וועגען דעם. ווי דער שטייגער איז — האָט מען נאָך צוגעגעבען צו דעם וואָס איז אין דער אמת׳ן געשען. צו ר׳ אשר יהונתנ׳ס ווערטער איז נאָך א סך צוגעגעבען געוואָרען.

איז אין שטאָט שיער נישט געקומען צו קיין מחלוקה. געווען אזוינע וואָס זיינען געווען איבערצייגט, אז ר׳ אשר יהונתן איז א פארבאָרגענער צדיק. עס זיינען אָבער אויך געווען אזוינע וואָס האָבען גע׳טענה׳ט, אז ער איז נישט מער ווי א מטורף און אז מ׳דאַרף קוים נעמען ערנסט זיינע רייד.

די וואָס האָבען פּלוצים אָנגעהויבען גלויבען אין זיינע פאַרבאָרגענע צדקות, האָבען אפילו געהאט מופתים צו דערציילען פון אים. מ׳האָט שוין אויך גערעדט וועגען זיין גרויס לומדות אין נגלה און אין נסתר.

בעת אין שטאָט האָט מען זיך פשוט ארומגעקריגט איבער אים, האָט זיך ר׳ אשר יהונתן ווייטער געפירט ווי אין די פריערדיגע טעג. ער האָט זיך אויפגעהאַלטען אויפ׳ן בוידעם פון בית מדרש, האָט דאָרט פאַרבראַכט ממש טאָג און נאַכט, און האָט מיט קיינעם קיין וואָרט נישט אויסגערעדט ווען ער האָט זיך באַוויזען אונטען אין בית מדרש.

ר׳ ישראל חיים און זיין ווייב האָבען געהערט צו די וואָס האָבען יאָ געגלויבט אין ר׳ אשר יהונתנ׳ס רייד. צי זיי זיינען טאַקע געווען איבערצייגט אין דעם, צי זיי האָט זיך עס געוואָלט גלויבען, זיי האָבען אלענפאלס געפונען אַ טרייסט אין זיין צוזאָג, אַז זיי וועלען געבענשט ווערען מיט אַ זון.

כדי, חלילה, נישט צו פאַרזינדיגען זיך מיט עפּעס, אַזוי אַז דער צוזאָג פון אַלטען זאָל צוליב דעם, חלילה, נישט מקוים ווערען, האָט זיך דאָס פּאָרל שטאַרק געהיט נישט ארויסצוזאָגען קיין שלעכט וואָרט און נישט צו באַגיין אוועלכען עס איז אומרעכט. זיי האָבען נאָך מיט מער איבערגעגעבענקייט זיך אָפּגעגעבען מיט קינדער, מיט אלמנות און יתומים און סתם נויטליידענדיגע.

ר׳ ישראל חיים און זיין ווייב האָבען איצט געוואָלט זיך דער־נענטערן צו ר׳ אשר יהונתנ׳ען. זיי וואָלטן אים מקרב געווען, אריינגענומען צו זיך אין הויז און אים אויסגעהאַלטען מיט כל טוב. זיי וואָלטען אים גערן כאָטש געבראַכט עסן אויפ׳ן בוידעם פון דעם בית מדרש, וואו ער האָט זיך אויפגעהאַלטען, אים באַזאָרגט מיט בעטגעוואַנט און אלע אנדערע הצטרכות׳ן. אָבער ר׳ אשר יהונתן האָט זייביידע צו זיך נישט צוגעלאָזט. אַז ר׳ ישראל חיים האָט צו אים גערעדט, האָט ער אים נישט געענטפערט.

ר׳ ישראל חיימ׳ס ווייב האָט אים אָפּגעוואַרט, ווען ער איז ארונטער פון בוידעם, און זי האָט זיך פאַר אים פאַנאַנדערגעוויינט.

— זאָגט מיר ר׳ אשר יהונתן, אויב איר האָט מיר שוין יאָ צוגעזאָגט אַ זון, ווי אַזוי זאָל איך זיך פירען ביז איך וועל פאַרשוואַנגערן, ווי אַזוי זאָל איך זיך פירען נאָכדעם ווי איך וועל פאַרשוואַנגערען און ווי אַזוי זאָל איך זיך נוהג זיין מיט׳ן קינד וואָס וועט קומען?

ר' אשר יהונתן האָט פון איר אָפּגעקערט דעם קאָפּ און איז אוועק, ווי ער וואָלט גאָרנישט געהאט געהערט וואָס זי האָט אים געפרעגט.

זייטיגע מענשען, וואָס האָבען עס געזען, האָבען אויף אָט דעם סמך פרובירט באווייזען, אז דער אלטער איז אין דער אמת'ן נישט מער ווי א מטורף.

עס איז געקומען דער חדש אב. אין א געוויסען פרימאָרגען נאָכ'ן דאווענען, איידער די מתפללים זיינען זיך צעגאנגען פון בית מדרש, איז ר' אשר יהונתן ארויף אויף דער בימה און מיט א קול, וואָס האָט געקלונגען ווי ער וואָלט געהאט א פרייליכע בשורה אלעמען אָנצוזאָגען, האָט ער אויסגערופען:

— רבותי, היינט פארלאָז איך אייך. זייט מיר אלע מוחל. אפשר האָב איך אימיצען פוגע בכבוד געווען, אָדער אפשר האָב איך גורם געווען, אז אימיצער זאָל האָבען צער. איך וויל אויך באדאנקען די גבאים און די בעלי בתים פון בית מדרש וואָס זיי האָבען מיך פאר אזוי פיל יאָרען געלאָזט זיך דאָ אויפהאלטען.

פארענדיגט וואָס ער האָט געהאט צו זאָגען, איז ער ארונטער פון דער בימה. א סך האָבען געמיינט, אז דער אלטער האָט בדעה צו פארלאָזען פויזען. מעגליך, אז ער האָט געהאט בדעה זיך איבערצוקלייבען אין אן אנדער שטאָט.

ר' אשר יהונתן איז פון בית מדרש געגאנגען אין א דערבייאיגען קלייט און האָט געקויפט דריי ליכט. דאן האָט ער געבראכט א פעסעל און עס אָנגעפילט מיט וואסער.

פארטיג געוואָרען מיט דעם האָט ער זיך געשטעלט דאווענען מנחה גדולה. געדאווענט האָט ער מיט גרויס כוונה, אָבער עס איז געווען צו זען, אז ער איז מתפלל מיט חדווה אָנשטאָט עצבות.

נאָך מנחה האָט ער געבעטען איינעם פון די אידען, וואָס זיינען געזעסען און געלערענט אין בית מדרש, אז ער זאָל גיין צו דער חברה קדישא און לאָזען וויסען דעם גבאי, אז ער, ר' אשר יהונתן, גוסס'ט און אז די חברה קדישא זאָל זיך אונטערראיילען און קומען, כדי נישט צו פארשפעטיגען יציאת הנשמה.

יענער איד איז אין איילעניש אוועק אויספירען די שליחות. דערוויל האָט ר' אשר יהונתן, נאָך אלע ביי זיינע חושים, זיך געווענדעט צו א

צוויטען אידען אין בית מדרש און אים אנגעזאגט אנצוצינדען די דריי ליכט, וועלכע ער האט געהאט געקויפט א ווײלע פריער, און זיי אוועק־שטעלען אים צוקאפענס נאך יציאת הנשמה.

ער האט אויך אנגעזאגט, אז באלד נאך יציאת נשמה זאל מען אים אוועקלייגען אויף דער ערד. איין ליכט זאל מען שטעלען ביי אים צו־קאפענס און די אנדערע צוויי ליכט — איינע רעכטס און די צווייטע — לינקס.

אין בית מדרש האבען זיך דעמאלט געפונען א סך יונגע לייט, וואס זיינען געזעסען און געלערענט. הערענדיג און זעענדיג ווי ר' אשר יהונתן איז זיך עוסק מיט זיין אייגענער גסיסה, איז אויף זיי א גרויס פחד געפאלען. זיי האבען נאך אזוינס קיינמאל נישט געהערט און נישט געזען.

עפעס האט עס זיי אויסגעזען צו זיין נישט גלאטיג. אפשר האט דאס אליין געוויזען, אז ר' אשר יהונתן איז נישט ביים פולען פארשטאנד. וואָרים, לויט אלע סימנים, איז ער געווען געזונט אויף אלע אברים. עס האט נישט געקענט געמאלט זיין, אז ער זאל טאקע האלטען ביי יציאת נשמה.

— וואס רעדט איר עפעס וועגען טויט? — האבען זיי אים געפרעגט דערשראקענע.

— איך בעט אייך, טענה'ט נישט מיט מיר איין, — האט זיך דער אלטער ביי זיי געבעטען, — ס'איז נישטא קיין צייט צו פארלירען. טוט וואס איך פארלאנג פון אייך, און אז איר וועט אויספירען אלע מיינע בקשות וועל איך נאך האבען צייט אייך צו געבען מיין ברכה, איידער איך פארלאז אייך.

אפגעזאגט זיינס, האט ער מער ניט גערעדט און האט אנגעהויבען זאגען ווידוי.

ר' אשר יהונתן האט געזאגט ווידוי מיט א קלארער שטימע, יעדעס ווארט איז ארויס פון זיין מויל, ווי געציילט.

די יונגע לייט אין בית מדרש זיינען געווען אין טויט שרעק, אבער קיינער האט שוין דעם אלטען נישט געשטעלט קיין שאלות. זיי האבען דערפילט דעם אלטענ'ס אלע בקשות.

עס האט געדויערט א שעה, און עטליכע פון דער חברה קדישא זיינען אנגעקומען. ר' אשר יהונתן האט זיך אויסגעצויגען אויף דער

באנק און האט געבעטען, אז מ׳זאל אים צוטראגען דאס זעקעל, אין וועלכען ער האט געהאלטען זיינע חפצים.

ער אליין האט פון זאק ארויסגענומען פארטיגע תכריכים און זיי דערלאנגט צו איינעם פון די שמשים פון דער חברה קדישא. דאן האט ער ווידער אריינגעשטעקט זיין האנט אין זעקעל און פון דארט ארויס־גענומען א קניפעל, וועלכעס ער האט פאנאנדערגעבונדען און ארויס־באקומען פון דארט דריי גאלדענע רענדלעך.

— דאס גיט אפ דעם גבאי פון דער חברה קדישא, — האט ער געזאגט, — זאל עס זיין פאר מיין קבר און פאר קבורה געלט.

דער קבר, האט ער ווייטער געזאגט, זאל זיין ביים גדר, אין צפון־זייט. דארט איז די ערד פול מיט פעלזען און מ׳קאן קוים גראבען קברים. וועט עס דערפאר דער חברה קדישה וויניג וואס קאסטען אויב איך וועל דארט באערדיגט ווערען. איך וויל ליגען אליין, האט ער געזאגט, איך קען נישט פארטראגען דעם ריח פון מתים, און זייערע שמוץ פון פארגעניגענס עסן. דאס איבעריגע פון מיין געלט צעטיילט אויף צדקה.

ר׳ אשר יהונתן האט דאן צוזאמענגעלייגט זיינע מלבושים און געבעטען אז מ׳זאל זיי אפשיקען צו זיינע קרובים אין פראג. ער האט אויך געבעטען צו דערמאנען ר׳ ישראל חיימ׳ען און זיין ווייב, אז זיי זאלען נישט פארגעסען צו געבען זייער זון, וואס וועט קומען, א נאמען נאך אים.

ער האט דאן געבעטען מחילה ביי אלע אידען פון פויזען און בענשענדיג אלעמען האט ער אויסגעדריקט דעם פארלאנג, אז באלד ווי ער וועט שטארבען זאל מען אים מטהר זיין מיט׳ן וואסער וואס ער האט אליין צוגעגרייט און מ׳זאל אים אין זעלבינען טאג מקבר זיין. ער האט דאן אויסגערופען „שמע ישראל ה׳ אלקינו ה׳ אחד”, און אויסגעהויכט זיין נשמה מיט א לייכט שמייכעלע אויף די ליפן.

# קכג.

## דאָס וואונדער קינד

**אַ גאָמען נאָכ'ן צדיק. — אַ וואונדער קינד. — נחת פון עלטערן.**

די ידיעה, אַז ר' אשר יהונתן איז נפטר געוואָרען, און ווי אַזוי ער איז נפטר געוואָרען — אַז ער האָט אַליין געמאַכט די הכנות פאַר זיין פטירה און האָט געגוי אָנגעזאָגט, ווי מען זאָל אים מקבר זיין — האָט זיך בליץ־שנעל פאַרשפּרייט איבער פּויזען.

איצט האָט שוין קיינער ניט געוואגט צו זאָגען, אַז דער אַלטער איז געווען אַ „מטורף", רחמנא לצלן, ווי מען האָט עס געזאָגט פאַר זיין לעבען. אַלע זיינען שוין געווען איבערצייגט, אַז מען האָט דאָ געהאַט צו טאָן מיט אַ גרויסען צדיק אַ נסתר, וואָס האָט ניט געוואָלט נהנה זיין פון פרעמדע און האָט אפילו ניט געוואָלט, אַז מען זאָל אים אָפּגעבען כבוד פאַר זיין צדקות.

האָבענדיג אָנגעזאָגט, אַז מען זאָל אים ברענגען צו קבורה אין זעלביגען טאָג, אָהן שהיות, האָט די גאַנצע שטאָט געוואוסט, אַז די לויה וועט באַלד פאָרקומען און קיינער האָט ניט געוואָלט פאַרפעלען צו זיין ביי דער לויה פון אַזאַ צדיק. האָבען קרעמער באַלד אָנגעהויבען פאַרשליסען זייערע קלייטען און בעלי־מלאכות האָבען אוועקגעלייגט זייער אַרבעט.

מלמדים האָבען פריי־געלאָזט זייערע תלמידים. ווייבער האָבען אוועקגעלעגט אַלע הויז־אַרבייטען אָן אַ זייט. קינד און קייט האָבען זיך געלאָזט צום בית מדרש, וואו דער אַלטער צדיק איז נפטר געוואָרען.

דאָס וואָס ר' אשר יהונתן האָט פאַר יציאת נשמה אָנגעזאָגט, אַז מען זאָל דערמאָנען ר' ישראל חיים'ן און זיין ווייב, וועגען דעם תנאי וואָס ער האָט מיט זיי אויסגענומען, האָט אָפּגעפרישט אין אַלעמענס זכרון דאָס וואָס דער אַלטער האָט מודיע געווען אויפ'ן בית עולם, דאַמאָלט, ווען ר' ישראל חיים'ס פינף־יאָריגער זינדעל, שמחה'לע, איז געבראַכט געוואָרען צו קבורה — אַז דאָס פאָרפאָלק וועט געבענשט ווערען מיט אַן אַנדער זון — און אַזאַ וואָס וועט האָבען אריכת־ימים, בתנאי, אַז זיי זאָלען זייער זון אַ נאָמען געבען נאָך אים — ר' אשר יהונתן. אַ סך האָבען שוין אין דעם געהאַט פאַרגעסען, אָדער עס פשוט געהאַט אוועק־געמאַכט מיט דער האַנט, ווי די רייד פון איינעם וואָס איז ניט ביים פולען פאַרשטאַנד.

דאָס האָט די עדה אידן אין פויזען נאָך מער געשפּאַנט. אַזאַ נפטר האָט מען געמוזט אָפּגעבען דעם געהעריגען כבוד. דאָס, וואָס מען האָט ניט געטאָן ביי זיין לעבען, האָט מען געטאָן נאָך זיין טויט.

די גאַסען ארום בית מדרש, פונוואַנען מען האָט ארויסגעטראָגען דעם נפטר, זיינען געווען שווארץ מיט מענשען. עס האָט אויסגעזען, ווי אין פויזען וואָלט ניט געבליבען אַ קינד אין וויג.

מיט גרויס טרויער און יראת הכבוד איז דער עולם נאָכגעגאַנגען די מיטה. ווען די לויה האָט זיך געהאַט דערנעענטערט צום בית עולם, האָט זיך דער הימל פּלוצים באַצויגען מיט וואָלקענס. אין מזרח זיינען די וואָלקענס געווען באַזונדער שווער און שווארץ. אַ רעגענבויגען אין אַלע זיינע בליענדיגע קאָלירען האָט זיך באַוויזען. אין דער זעלבער צייט האָט עס אָנגעהויבען בליצען און דונערען. די בליצען האָבען דורכגעשניטען די וואָלקענס און געבלענדעט די אויגען, די דונערען האָבען ממש אויפגעציטערט די לופט און פארטויבט די אויערן.

דער עולם איז געווען פארציטערט. מען האָט עס אָנגענומען פאר אַ באַוויז, אַז אין הימעל רעכענט מען זיך מיט׳ן גרויסען נפטר און אַז דאָס איז דער אופן, ווי אזוי מען איז אים מקבל פנים ביים איבערגיין פון איין וועלט אין דער צווייטער.

דער קבר איז געווען צוגעגרייט דאָרט וואו דער נפטר האָט געהאַט אָנגעוויזען פאר יציאת נשמה. מען האָט דעם קערפּער ארונטערגעלאָזט אין קבר און דעם קבר פארשאָטען.

עס איז געקומען דער מאָמענט, ווען מען זאָגט קדיש נאָך אַ נפטר ביים פריש־פארשאָטענעם קבר. אָבער ווער זאָל זאָגען קדיש נאָך דעם צדיק? ער האָט ניט געהאַט קיין קרוב און קיין גואל. קיינער פון עולם האָט ניט געוואָגט זיך ארויסרוקען און זיך אָנבאָטען צו זאָגען קדיש.

מיט אַמאָל האָט זיך פון געדיכטען עולם ארויסגערוקט דער „איין־אויגיגער סטאָליער", ווי מען האָט אים גערופען אין פויזען. זיין אמת׳ן נאָמען האָט קיינער ניט געוואוסט און זיך ניט אינטערעסירט אויסצוגעפינען.

מען האָט אים אין פויזען געהאַלטען פאר אַ פרעמדען. מיט פופצען יאָר צוריק איז ער דאָרט געקומען פון דער פרעמד. אזוי ווי ער איז געווען מיט איין אויג — ווייל דאָס צווייטע אויג איז ביי אים געווען פארמאכט — האָט מען אים אַ נאָמען געגעבען דער „איין־אויגיגער סטאָליער", און אזוי האָט מען אים גערופען זינט דאַמאָלט.

קיין גרויסען אינטערעס אין אים האט קיינער ניט געגומען. ער האט ניט געטשעפעט קיינעם און קיינער האט אים ניט געטשעפעט.

ארויסגערוקט זיך פון צווישן עולם, איז דער סטאליער, מיט איין אויג, צוגעגאנגען צום קבר, און ניט זאגענדיג קיין ווארט, האט ער אנגעהויבען זאגען קדיש.

פון דאמאלט אן האט אט דער סטאליער פאר די עלף חדשים פון אבלות געזאגט קדיש נאך דעם נפטר. פון צייט צו צייט האט ער זיך אין דער „פועלי צדק" שולכל, וואו ס'האבען געדאווענט די בעלי מלאכות, צוגערוקט צום עמוד און געדאווענט, ווי דאס טוען אנדערע אבלים. קיינער האט אים ניט געפרעגט וועגען זיין שייכות מיט'ן נפטר און ער אליין האט קיינעם גארניט דערציילט. עס האט געזאלט הייסען, אז דאס איז ניט מער ווי א צופאל.

דערווייל האט עפעס פאסירט, וועגען וואס די גאנצע שטאט האט גערעדט מיט גרויס אינטערעס. עטליכע חדשים נאך ר' אשר יהונתנ'ס פטירה. האט ר' ישראל חיים דער קרעמער געקראגען צו וויסען פון זיין ווייב, אז זי איז אויף דער צייט. צו־ערשט האבען עס מאן און ווייב געהאלטען פאר א סוד: זאל מען דער מעוברת ניט געבען קיין עין־הרע.

אבער נאך עטליכע חדשים פון שוואנגערשאפט האט דער סוד מער ניט געקאנט געהאלטען ווערען. אלע האבען שוין געוואוסט, אז זי איז מעוברת און די גאנצע שטאט האט גערעדט וועגען דעם.

האבענדיג אין זינען, אז דאס האט א שייכות מיט דער ברכה פון דעם צדיק ר' אשר יהונתן, האבען אלע געווארט מיט גרויס שפאנונג אויסצוגעפינען, וואס דא וועט געשען.

צום יאר נאך דער פטירה פון ר' אשר יהונתן, האט ר' ישראל חיים'ס פלונית'טע זיך געליגט אין קימפעט און האט געבוירען א בן־זכר. באלד פון אנפאנג האט מען געקאנט זען, אז מען האט דא א געזונט קינד.

ר' ישראל חיים האט באלד באזארגט, אז חדר־אינגלעך זאלען קומען זאגען קריאת־שמע ביי דער קימפעטארינס בעט און אז ס'איז געקומען צום אכטען טאג האט מען דעם בן זכר מל געווען און מען האט אים א נאמען געגעבען אשר יהונתן, נאכ'ן צדיק, וואס האט פאראויסגעזאגט דאס קינד'ס געבורט.

דאס קינד איז געווען געזונט און שטארק אויף אלע אברים. טאטע־מאמע זיינען געווען גליקליך, כאטש זייערע הערצער האבען זיי

שטענדיג געשראָקען. זיי זיינען, נעבעך, געווען אזוינע געשטראָפטע. ווער וויס, וואָס עס קאָן פּאַסירען.

אין הארצען האָבען זיי אָבער געהאַט פולן בטחון אין דער ברכה פון דעם פארשטאָרבענעם צדיק.

ווען אשר יהונתן איז געווען אכט יאָר אלט, האָט ער אויסגעקוקט ווי א אינגעל פון א יאָר צוועלף. דערצו האָט ער געהאַט א קלאָרען לשון און איז געווען באגאבט מיט גרויסע כשרונות.

אז ער איז געוואָרען צען יאָר אלט, האָט ער שוין געהאַט פאַרענדיגט זיינע לימודים אין דער ישיבה פאר יונגווארג, וואוהין זיינע עלטערען האָבען אים געהאַט אריינגעגעבען. דער ראש ישיבה האָט גע׳עצה׳ט זיין טאַטען, אז ער זאָל אשר יהונתן׳ען לאָזען לערנען פאר זיך.

באלד האָט מען אין פויזען אָנגעהויבען ריידען פון דעם יונגען אינגעל ווי פון אַן עילוי. ער האָט אלעמען איבעראַשט מיט בקיאות און חריפות.

עס איז געקומען די צייט, אז דער יונגער עילוי זאָל דערפילען א באגער צו פאָרען אין די גרויסע ישיבות פון יענער צייט און דאָרט לערנען תורה ביי די גרויסע גאונים פון דור. די ישיבות פון פוילען און ליטע האָבען גע׳שמ׳ט איבער דער אידישער וועלט.

אשר יהונתן האָט אנטפּלעקט זיין באגער צו זיין פאָטער און יענער האָט מסכים געווען, אז ער זאָל ארויספאָרען כדי זיך צו באקאָנען מיט דער תורה־וועלט.

אשר יהונתן׳ס פאָטער האָט דערביי אויך געהאַט אַן אנדער כוונה. זיין זוהן האָט איינגיכען געדארפט ווערען בר־מצוה, אין פויזן האָט מען זיך געגרייט צו אָט דער בר־מצוה. ר׳ ישראל חיימ׳ן וואָלט צוגעטיילט געוואָרען גרויס כבוד צו דער געלעגענהייט פון זיין זונ׳ס בר־מצוה און דאָס האָט ער ניט געוואָלט.

עס האָט אים אלץ געשראָקען דאָס הארץ, טאָמער גיט מען זיין זון אַן עין־הרע. אַזאַ געראָטען קינד, שיין און געזונט אין קערפּער און אַזוי וואונדערליך אין גייסט. די גאַנצע שטאָט האָט באוואונדערט זיין לומדות. מען האָט שוין גערעדט וועגען אשר יהונתן׳ס גדלות אין תורה אין אנדערע שטעט און שטעטלעך. זיין פרסום האָט שוין אפילו געהאַט דערגרייכט אנדערע לענדער.

אין א געוויסען טאג, איז פּויזען געווען פאַרוואונדערט צו הערען, אז דער עילוי אשר יהונתן האָט פאַרלאָזען די שטאָט און קיינער האָט ניט געוואוסט וואו ער איז אוועק. אז מען האָט געפרעגט טאטע־מאמע, וואו זייער זון איז אוועק, האָבען זיי געזאָגט, אז זיי אליין ווייסען עס ניט. ער איז אוועק זוכען א מקום־תורה און פאר א צייט וועט ער, בכלל, אָפּריכטען גלות, ווי דאָס איז געווען דער שטייגער אין יענער צייט.

זעקס יאָר צייט האָט אשר יהונתן אָפּגעריכט גלות. פאר דער צייט איז ער אויסגעווען אין פארשידענע ישיבות. ער האָט פארבראכט אין די דאמאָלט־בארימטע ישיבות פון פּראג, קראָקע, לובלין און בריסק. ער האָט אויך באזוכט די גאונים אין דייטשלאנד און פראנקרייך.

נאָך די זעקס יאָר האָט זיך אשר יהונתן צוריקגעקערט אין פּויזען צו זיינע עלטערען. זיין טאטע, ר׳ ישראל חיים, האָט אים דאמאָלט פאר׳שדכ׳נט מיט דער טאָכטער פון איינעם פון די גרויסע עשירים פון שטאָט. דער שווער האָט זיך מתחייב געווען אויסצוהאלטען דאָס פּאָרעל פאר אן אומבאשטימטער צייט, כדי דער גאונ׳ישער יונגער באלעבעסל, זאָל קאָנען זיצען און לערנען.

איצט האָט אים שוין גאנץ פּויזען גערופען ר׳ אשר יהונתן. מען האָט אים אָפּגעגעבען דעם כבוד וואָס עס קומט א גאון.

פאר צען יאָר צייט האָט זיך דער יונגער גאון אָפּגעשלאָסען אין דעם בית מדרש, וואָס זיין שווער האָט פאר אים געהאט אויסגעבויט נעבען זיין דירה. ר׳ אשר יהונתן איז געזעסען און געלערנט יומם ולילה.

פון צייט צו צייט פלעגט ער צולאָזען צו זיך עמיצען פון די יונגע און עלטערע גאונים, וואָס האָבען מיט אים געוואָלט ריידען תורה. ווארים א סך זיינען צו אים געקומען מיט קשיות און סתם מיט שאלות.

איין חסרון האָט ר׳ אשר יהונתן געהאט ארויסגעוויזען: ער האָט געקוקט מיט ביטול און גערעדט מיט ביטול וועגען אלע גדולי תורה פון יענער צייט. ער האָט זיך געהאלטען פאר א גרעסערן בקי און גרעסערן חריף פאר זיי אלעמען.

א סך האָבען געמיינט, אז דאָס איז טאקע אזוי, ווארים צו ר׳ אשר יהונתן׳ס לומדות איז קיין גרעניץ ניט געווען.

זיין תפיסה און זכרון האָבען קיין פארגלייך ניט געהאט. ער האָט געדענקט אלץ וואָס ער האָט געלערנט און געהערט און געזען פון זינט ער איז געווען צוויי יאָר אלט.

ער האָט אפילו געדענקט, ווי ר' יוסף ישראל דער צימבלער, ווי מען האָט אים גערופען אין פראג און האָט געוואוינט מיט זיין פאָטער אין שכנות, פלעגט פאר אים איבערזאָגען פסוקים פון תנ"ך און אָפט גאנצע קאפיטלעך, און ער, אשר יהונתן, האָט באלד זיי איבערגעזאָגט אויף אויסוויינינג. אָט דאמאָלט האָט מען עס אין פויזען אָנגעהויבען ריידען מיט גרוים באוואונדערונג וועגען אשר יהונתן און מען האָט פאָראויסגעזאָגט, אז פון אים וועט אויסוואקסען א גדול בישראל.

ר' יוסף ישראל דער צימבלער איז געווען א זעלטענער מענש. כאָטש מען האָט אים גערופען „דער צימבלער" איז ער אָבער ניט געווען קיין כלי־זמר, ווי עס וואָלט זיך געקאָנט דוכטען. אָט דעם נאָמען האָט ער געקראָגען אין פויזען, דערפאר וואָס ער האָט געקאָנט זעלטען־שיין שפילען אויפ'ן צימבעל און האָט זיין גרוים קענטעניס ארויסגעוויזען נאָר ביי חתונות, כדי משמח צו זיין חתן־כלה.

אזוי האָט ר' יוסף ישראל זיך געהאַלטען ווייט פון מענשען, אָבער אז ס'איז געקומען צו א חתונה, דאן איז ער געוואָרען א גרויסער מעורב עם הבריות.

געווען איז ער א גאָלדשמיד און ניט סתם א גאָלדשמיד, נאָר איינער וואָס האָט זיך אויסגעצייכענט מיט די וואונדערליכע צירונג וואָס ער פלעגט מאכען, באזונדערס, מיט די גאָלדענע און זילבערנע כלים, אויף וועלכע ער האָט אויסגעגראווירט אלערליי וואונדערליכע בילדער.

זיינע חפצים פלעגען ממש צעצוקערט ווערען. ער האָט זיין מלאכה געהאט געלערענט ביי זיין פאָטער, וועלכער איז געווען ניט וויינינגער באַ־קאָנט ווי ער, פאר דער קונסט־ארבייט אין גאָלד און זילבער.

ווי גרוים עס איז געווען זיין גדלות אלס גאָלדשמיד, אזוי איז אויך געווען זיין גדלות אין לומדות. ער האָט געקאָנט תנ"ך אויף אויסוויינינג, אזוי אויך די זעקס סדרים משניות און א סך מסכתות גמרא.

אז ער איז געזעסען און געארבייט ביי זיינע גאָלדענע און זילבערנע כלים, האָט ער דערוויי געלערענט אויף אויסוויינינג. פארשטייט זיך, אז וואָס מער ער האָט געלערענט אויף אויסוויינינג, אלץ מער האָט ער געקאָנט.

באמערקענדיג, ווי גרוים עס איז אשר יהונתנ'ס זכרון אלס קינד, האָט ר' יוסף ישראל אים אָפט איבערגעזאָגט פסוקים און קאפיטלעך תנ"ך און יענער האָט עס באלד פארשלונגען און זיי שוין מער קיינמאָל ניט פארגעסען.

זיצענדיג אויף קעסט ביי זיין רייכען שווער, האָט ר׳ אשר יהונתן זיך איינגעהאנדעלט פארשיידענע ספרים, כתבי יד, אויף אַלע ענינים פון דער תורה. ער האָט נאָר געדאַרפט אין זיי אריינקוקען און ער האָט זיי שוין קיינמאָל ניט פארגעסען.

## קכד.

### רבי און תלמידים

**דער פעהיגער ראש הקהל. — די אידישע דעלעגאַציע. — ר׳ משה דערשרעקט זיך ניט.**

די גאונות פון דעם יונגען ר׳ אשר יהונתן האָט קיין גרעניץ ניט געהאט. יעדעס יאָר, ערב שבועות, האָט ער געמאכט א סיום אויף ש״ס בבלי און ירושלמי. אין צוגאָב האָט ער אויך פארשלונגען אנדערע ספרים.

געהערט האָט ר׳ אשר יהונתן צו די וואָס זיינען געווען געגען דער שיטה פון די מקובלים. אויף דער עצה פון פויזנער לומדישע בעלי בתים, וואָס האָבען געהאט זין מחנך צו זיין, האָט ר׳ אשר יהונתן געעפענט א ישיבה פאר יונגעלייט מצוינים פאר וועלכע ער האָט געזאָגט א שיעור.

עס איז געווען אָט אויף דעם אופן וואָס ר׳ משה, דער קינפטיגער ראש הקהל פון פויזען און דער זיידע פון ברוך׳ן, דער פאָטער פון דעם גרינדער פון חב״ד, איז געוואָרען ר׳ אשר יהונתן׳ס א תלמיד. נאָכפאָלגענדיג די שיטה פון זיין רבי׳ן, איז ר׳ משה אויך געווען א געגנער פון קבלה.

דאָס האָט אָבער ר׳ משה׳ן ניט געשטערט שפעטער זיך משדך צו זיין מיט ר׳ ברוך בטלן, וועלכער איז געווען אן אָפענער נאָכפאָלגער פון ר׳ יואל בעל שם טוב פון זאמאָשטש. ר׳ משה האָט פאר׳שדכנ׳ט זיין לומדישען זון ר׳ שניאור זלמנ׳ען צו ר׳ ברוך׳ס לומדישער טאָכטער רחל.

מיר וועלען נאָך האָבען צו דערציילען ווי אזוי ס׳איז צו דעם געקומען. זאָל דאָ דערווייל באמערקט ווערען, אז ר׳ משה, דער תלמיד, האָט, פונקט ווי זיין רבי ר׳ אשר יהונתן, „פארשלונגען" אלץ וואָס ער האָט געלערענט — און געלערענט האָט ער ניט נאָר תורה נאָר אויך וועלטליכע חכמות. ער איז אויך געווען, ווי מיר ווייסען שוין, א קענער פון עטליכע שפראכען, וואָס האָט אים א סך געהאָלפען צו שפילען די גרויסע ראָלע וואָס ער האָט געשפילט.

ר' משה איז געווען ניט מער ווי פינף־און־דרייסיג יאָר אַלט, ווען מען האָט אים אויסגעקליבען פאַר'ן ראש הקהל פון פויזען. ווי דער ראש הקהל פון אַזאַ גרויסער און וויכטיגער קהלה האָט ר' משה באַלד אַרויס־געוויזען זיינע גרויסע פעהיגקייטען, באַזונדער וואָס איז נוגע דאָס ווערען זיך געגען די צורר היהודים'דיגע גלחים, וועלכע האָבען כסדר געזוכט תחבולות ווי אַזוי אידען שלעכטעס צו טאָן, ניט אָפּשטעלענדיג זיך פאַר קיין שענדליכע בלבולים און שקרים.

אַ דאַנק זיין הדרת פנים און זיינע גרויסע קענטניסען, איז ר' משה געוואָרען באַליבט און פאַרערט ניט נאָר צווישען אידען נאָר אויך צווישען ניט־אידען. אַ דאַנק זיינע גרויסע מסחרים און די קהל'שע ענינים פון שטאָט האָט ער געדאַרפט קומען אין באַרירונג מיט גרויסע שררות און אויך הויכע גייסטליכע. אַלע האָבען אים אַרויסגעוויזען גרויס רעספּעקט. ער האָט יעדען פשוט באַצויבערט.

אפילו די צוררי היהודים האָבען געוויזען פאַרערונג פאַר אים.

צוליב זיינע מסחרים איז ר' משה'ן אויסגעקומען צו מאַכען נסיעות אין אַ סך לענדער, ווי איטאַליע, דייטשלאַנד און פוילען. דאָס האָט אים געמאַכט פאַר אַ וועלט־מענש מיט ברייטע ידיעות וועגען פעלקער און לענדער אַזוי, אַז מענשען, וואָס האָבען מיט אים גערעדט, זיינען פשוט געווען אַנציקט פון דעם אומדערשעפּליכען קוואַל פון זיינע ידיעות.

ווי גרויס עס זיינען געווען זיינע ידיעות אַזוי גרויס איז געווען זיין עניוות. ער איז אויך געווען אַ זעלטענער בעל מידות.

צוליב זיינע נסיעות אין פאַרשידענע לענדער, וואו ער איז אומעטום געקומען אין באַרירונג מיט אידישע ווי ניט־אידישע גדולים, איז ר' משה געוואָרען באַקאַנט אומעטום. מ'האָט געקענט זאָגען, אַז מ'האָט אים געקענט מער אין אויסלאַנד ווי אין פויזען, זיין אייגענע שטאָט, וואו צוליב זיין עניוות און צניעות האָבען אַ סך זיך גאָר ניט פאָרגעשטעלט, אַז ער איז אַזוי מלא וגדוש אין אידישע און וועלטליכע ידיעות און חכמות.

עס איז געקומען אַ מאָמענט און גאַנץ פויזען האָט געהערט און געשטוינט פון ר' משה'ס אַן עובדא. דאָס איז געווען ווען איינער פון די הויכע קאַטוילישע גלחים האָט באַשלאָסען זיך צו פאַרמעסטען געגען די אידען. געווען איז אָט דער גלח אַ גרויסער שונא ישראל. דערצו האָט ער זיך געהאַלטען פאַר אַ גרויסען תקיף, צוליב דעם וואָס ער איז געווען אַ קרוב פון דאַמאָלדיגען פויפּסט.

בכלל האט ער געהאט אין זינען ניט אזוי צו טאן אידען רשעות ווי ארויסצושלעפען פון זיי געלט. ער האט געוואוסט, אז ווי נאר מען פאר־טשעפעט זיך מיט אידען און מ׳ווייזט זיי, אז מ׳וויל זיי שלעכטס טאן, דערשרעקען זיי זיך און קומען באלד מיט א „מתנת יד״, כדי די שונאים צו פארמאכען די מיילער.

אט דער גלח האט גוט געוואוסט, אז אין דער פויזנער קהלה איז דא גרייט א באזונדערער פאנד פאר אזא צוועק — צו אונטערשמירען צוררי היהודים ווען זיי פארמעסטען זיך שלעכטס טאן אידען.

דער גלח האט ניט געוואוסט, אז זינט ר׳ משה איז געווארען ראש הקהל האט ער בטל געמאכט אט דעם פאנד און ער האט אים, מיט דער גוטהייסונג פון די „שבעה טובי העיר״ פארברויכט פאר גאר אן אנדער צוועק — צו לערנען אידישע קינדער מלאכות. אבער דעם גלח האט עס ניט געקימערט, ווייל ער האט דערוואַרט, אז ווען מ׳וועט אידען א בריק טאן וועלען זיי שוין שאפען געלט, פון דעם אדער יענעם קוואל.

אזוי צי אזוי, אזוי שנעל ווי דער ראש הקהלה האט זיך דערוואוסט, אז ס׳קלייבען זיך וואלקענס איבער אידישע קעפ און אז דאס קומט פון די גלחים, האט ר׳ משה געלאזט וויסען די הויפט פון די גלחים, אז די אידישע קהלה האט באשטימט א ספעציעלע דעלעגאציע, מיט אים, ר׳ משה׳ן, בראש, צו באזוכען די גלחים און מיט זיי זיך דורכצוריידען. ר׳ משה האט דערפאר פארלאנגט א באשטימטע צייט ווען זיין דעלעגאציע וועט אויפגענומען און אויסגעהערט ווערען.

ביי דער צייט איז שוין געווען קלאר, אז די גלחים האבען ניט נאר בדעה זיך פארמעסטען געגען אידען, נאר האבען שוין א פארטיגען בלבול אויף א פול־צוגעגרייטער באשולדיגונג.

די סאמע ווענדונג פון ר׳ משה׳ן צו די גלחים מיט א שריפטליכען פארלאנג אויפצונעמען א אידישע דעלעגאציע האט געוויזען אויף א שינוי, וואס האט די גלחים שטארק איבערראשט. ווארום פריער וואלט צוערשט, מצד די אידען, געקומען עפעס אין האנט אריין. אויב אימיצער פון דער אידישער קהלה האט זיך געוויזען באלד ווי ס׳איז באקאנט געווארען אז א גזירה ווערט צוגעגרייט געגען אידען, איז עס געווען אין דער שטיל, מיט דעם צוועק די שונאי ישראל צו פארמאכען ס׳מויל.

און דא קומט גאר א פארמעלע בריוו פון דעם ראש הקהל, און דערצו נאך געשריבען אין א פערפעקטען פויליש, פארלאנגענדיג אז א

אידישע דעלעגאציע זאָל אויפגענומען ווערען, ווי ס'וואָלט געווען מיט די אידען עפּעס צו פארהאנדלען אָדער אויסצוהערען זייערע א טענה. אָבער דער הויפּט פון די גלחים האָט גע'עצה'ט אז מ'זאָל זיך מאכען ניט וויסענדיג און נאָכגעבען דעם פארלאנג פון דעם ראש הקהל ר' משה און באשטימען א צייט פאר דער אידישער דעלעגאציע צו דערשיינען פאר די גלחים.

און אויב שוין יאָ אויפנעמען א אידישע דעלעגאציע, האָט עס געדארפט געטאָן ווערען מיט'ן געהעריגען פּאָמפּ — אין דעם גרויסען פּאלאַץ, לעבען דעם אלטען קאטעדראל, אין דער אָנוועזענהייט פון אלע גלחים און געלאדענע געסט פון דער הויכער קריסטליכער אריסטאָקראטיע. קודם, האָבען די אידען געדארפט זען, אז ס'דאָ פאר וועמען דרך ארץ צו האָבען און דאן האָט די קירכע בכלל געדארפט ווייזען איר גלאנץ, ווי אויך איר גנעדיגקייט וואָס זי וויליגט איין אויסצוהערען אפילו די „שפל'ע" אידען.

ווען דער טאָג און די שעה איז געקומען פאר דער אידישער דעלעגאציע אויפגענומען צו ווערען, איז אין פּאלאַץ געקומען דער ראש הקהל ר' משה און צוויי אנדערע פון די ראשי הקהל. מ'האָט זיי אויפגענומען מיט כבוד, ווי צו ווייזען, אז אפילו מיט אידען באגייען זיך די גלחים איידעל און קאָרעקט.

מ'האָט די אידישע פארטרעטער אָנגעוויזען אויף בכבוד'דיגע פּלעצער צו זיצען און דאן האָט זיך איינער פון די פירענדיגע גלחים צו זיי געווענדעט מיט אָט די ווערטער:

— אוודאי איז אייך באקאנט דער גרויסער חטא וואָס אידען זיינען באגאנגען געגען אונזער אמונה. דאָס געשטאלט פון דעם אותו האיש איז ארונטערגעריסען געוואָרען פון דעם צלם וואָס איז געשטאנען אין מיטען שטאָט און איז אריינגעשליידערט געוואָרען אין א קופּע מיסט. אזא סקאנדאל איז נאָך קיינמאָל ניט באגאנגען געוואָרען דאָ אין שטאָט. דאָס טאָר ניט און קען ניט פארשוויגען ווערען.

אויף דעם האָט ר' משה געענטפערט בזה הלשון:

— אוודאי האָבען מיר געהערט וואָס עס איז געשען מיט איינעם פון די צלמים. עס איז אמת, אז אָט די קריסטליכע הייליגקייט איז צעשמעטערט געוואָרען און איז אריינגעשליידערט געוואָרען אין מיסט. אָבער קיינער פון אונז ווייסט ניט, אז דאָס האָט געטאָן א איד. טאקע דערפאר זיינען מיר אהער געקומען — אויסצוגעפינען אויף וועלכען גרונט האָבען די שונאי

ישראל ארויסגעלאָזט דעם קלאנג אז אידען האָבען עס געטאָן, בעת אלע
ווייסען, אז אידען זיינען אָפּגעהיט ניט מבזה צו זיין די הייליגטימער פון
אנדערע רעליגיעס.

ר׳ משה האָט גערעדט ניט נאָר קלאָר, נאָר אויך מיט א טאָן פון
תקיפות און זיכערקייט. אזוינע רייד האָבען די צוררי היהודים נאָך קיינ־
מאָל ניט געהערט פון א אידען. זיי זיינען אויך איבערראשט געווען פון
דער פליסיגקייט מיט וועלכער ער האָט גערעדט זייער אייגענעם לשון. ר׳
משה איז ניט געווען סתם א איד, נאָר איינער, וואָס מאכט א טיפען
איינדרוק מיט זיין ריידען! פאר אייניגע מינוטען זיינען די גלחים און די
געלאָדענע קריסטליכע געסט געבליבען זיצען געפּלעפטע, אָן לשון. אלע־
מענס בליקען זיינען געווען געריכטעט אויף ר׳ משה׳ן.

פּלוצים האָט זיך א הויב געטאָן איינער פון די אינגערע גלחים. זיין
פּנים האָט געפלאמט פון צאָרן און זיינע אויגען זיינען געווען פארלאָפען
מיט בלוט. עס איז געווען קלאָר, אז ער איז אין גרוים רציחה.

רעוועגדיג, האָט ער אויסגעשריען:

— וואָס פאר באווייז דארף מען האָבען פאר אזא נבלה וואָס די
אידען האָבען אָפּגעטאָן? עס איז פּשוט א חוצפּה פון אָט דעם כלומר׳שטען
אידישען פירער צו קומען אהער און זאָגען, אז ניט נאָר זיינען אידען ניט די
שולדיגע און דארפען דערפאר גאָרניט טאָן כדי מכפּר צו זיין אויף אָט דעם
פארברעכען, מיט אן אָנבאָט פון א געהעריגער סומע געלט, נאָר ער וואגט
נאָך אויך פאָדערען פון אונז באווייז, ווי דאָס וואָס אונזער הייליגקייט
וואלגערט זיך אין אָפּפאל און שמוץ וואָלט ניט געווען גענוג. אזא חוצפּה
קענען נאָר ווייזען אידען, וואָס האָבען געקרייציגט אונזער גאָט!

די אנדערע צוויי ראשי הקהל, וואָס האָבען באגלייט ר׳ משה׳ן,
זיינען געוואָרען פארציטערטע. זיי האָבען זיך משער געווען, אז אזא אויס־
ברוך פון א יונגען גלח קען אָנצינדען א פייער פון רציחה אין אלע פאר־
זאמעלטע און דאָס וועט זיך גאָר שלעכט אָפּרופען אויף די אידען.

ר׳ משה איז אָבער געבליבען רוהיג. א לייכטער, איראָנישער שמייכעל
האָט געשוועבט אויף זיינע ליפּען.

ער איז אפילו געבליבען רוהיג ווען די איבעריגע גלחים האָבען טאקע
אָנגעהויבען ווייזען סימנים פון אויפרעגונג, ווי א רעזולטאט פון דעם יונגען
גלח׳ס אויסברוך. זיי האָבען אָנגעהויבען ריידען צווישען זיך אז די אידען
קענען דאָך באמת ווערען געפערליך. באלד וועלען זיי באפאלען די קלויס־

טערס און פארשוועכען די קריסטליכע הייליגטימער. ס'איז געקומען די צייט, אז מ'זאל די אידען אנלערנען.

ס'איז געווען דעמאלט ווען ר' משה האט זיך געגעבען א שטעל אויף אין זיין גאנצער הויך און מיט זיין קלינגענדיגער שטימע האט ער א געשריי געטאן:

— זאל זיין שטיל, פראים! וואס מאכט איר דא פאר א טומעל!

די פעסטקייט פון זיין שטימע און דער קלאנג פון זיינע ווערטער האט עפעס אן אימה אנגעיאגט אויף די גלחים און זיי זיינען אנשוויגען געווארען.

ר' משה האט איצט גערעדט צום הויפט פון די גלחים, וועלכער, ווי געזאגט, איז געווען א קרוב פון פויפסט און דערפאר איינער וואס האט גערעדט איטאליעניש. דער ראש הקהל האט צו אים גערעדט אין א קלארען און פליסיגען איטאליעניש:

— שאנדע פאר דעם וואס לאזט זיך ארויס אויף יאגד און קען ניט קאנטראלירען זיינע הינט. איך וויים וואס די שונאי ישראל זיינען דא אויסען — ארויסצוקריגען פון אונז געלט. ווייל איך דא אבער לאזען וויסען, אז מיר וועלען קיינעם ניט פרובירען אונטערקויפען, ווייל די באשולדיגונג איז א פאלשע. אידען האבען מיט אט דעם פארברעכען גארניט געהאט צו טאן.

# קכח.

## דער שטאלצער איד

גויאישע האס. — דער אמת'ער שולדיגער. — קעגען־זייטיגע משפחות ווערן פאראייניגט דורך זייערע קינדער.

ר' משה, דער ראש הקהל פון פראג, האט קענטיג זיך געוואלט באנוגענען מיט דעם, וואס ער האט קאטעגאריש אפגעלייקענט די באשולדיגונג פון די גלחים, אז אידען האבען געשענדעט דעם צלם מיט דער פיגור פון זייער גאט. ער האט זיך משער געווען, אז נאכדעם ווי די גלחים וועלען זיך איבערצייגען, אז זיי קאנען פון די אידען ניט ארויספרעסען קיין געלט — ווי ער האט עם זיי געמאכט אזוי קלאר — וועלען זיי במילא אויפגעבען זייער לעכערליכע באשולדיגונג, אז אידען האבען באשמוצט די קריסטליכע הייליגטימער.

כדי די גלחים זאָלען ניט מאכען קיין טעות און זיין איבערצייגט, אז זיי האָבען אין אים, ר' משה'ן, א שטאָלצען אידען, וואָס באשטייט אויף זיין רעכט און וואָס לאָזט זיך נישט אָנשרעקען דורך פאלשע בלבולים, האָט דער ראש הקהל געהאט געגעבען צו פארשטיין די גלחים, אז וועגען די אלע געלטער וואָס אידען האָבען אין די פריערדיגע יאָרען אונטערגערוקט די גוים, כדי זיי צו פארמאכען די מיילער, זיינען פאראן באווייזע שווארץ אויף ווייס, און אז די דאָזיגע באווייזע, אין דער פאָרמע פון דאָקומענטען, געפינען זיך אין זיכערע הענט אויסער פוּיזען.

דאָס האָט געזאָלט זיין א וואָרנונג צו די גלחים, אז אויב נויטיג, וועלען אָט די באווייזע צוגעשטעלט ווערען וואו מען דאַרף און זיי, די גלחים, וועלען צוגענאָגעלט ווערען צום שאנד־קלאָץ, ווי כאבארניקעס, וואָס טראכטען אויס בלבולים אויף אידען כדי פון די אידען צו קריגען געלט.

אין דעם פּרט האָט זיך אָבער ר' משה טועה געווען. די חוצפה פון די גלחים איז געווען גרויס געגוג, אז זיי זאָלען וואגען צו פארקוקען דעם ראש הקהל'ס וואָרנונג.

דער יונגער גלח'ל, וואָס האָט שוין פריער געהאט אויסגעבראָכען אין א צאָרן, איז אויפגעשפּרונגען אויפדאָסניי.

ער האָט אָנגעהויבען וואָרפען שמוץ אויף אידען מיט קולי־קולות.

— עס איז א העזה פון די אידען צו מאכען אזא אָנשטעל פון אומשולד, — האָט ער געליארעמט. — נישט אנדערש, אז מען דאַרף די אידען טאקע ווייזען ווער עלטער איז, זיי באפאלען און שלאָגען און מיט געוואלט אוועקנעמען זייער האָב־און־גוטס. קיין אנדער לשון פארשטייען זיי ניט!

און פאָכענדיג מיט'ן קולאק צו די אידישע שלוחים, האָט ער מיט ווילדער רציחה אויסגעשריען:

— אייערע קעפּ וועלען זיין די ערשטע אָפּגעהאקט צו ווערען, ווען גאָטספאָרכטיגע קריסטען וועלען זיך נוקם זיין אין די אידען פאר דער עוולה, וואָס עס איז פון זיי באגאנגען געוואָרען געגען אונזערע הייליגטי־מער!

דער יונגער גלח האָט מיט ווילדער שנאה צו אידען אונטערגעגעבען חשק די אנדערע גלחים, אז אויך זיי זאָלען אָנהויבען מאכען אלערליי סטראשונקעס צו די אידישע שלוחים.

— מען וועט איך אלעמען אויסקוילען ווי די שאף! — האבען זיי געשריען. — מען וועט פון אייערע הייזער ניט איבערלאזען קיין שטיין אויף א שטיין.

און כדי צו ווייזען די ראשי־הקהל, אז דאס איז ניט סתם א סטראשונאק, האבען די גלחים אנגעהויבען זידלען און שילטען זיי, שרייענדיג:

— טראגט זיך באלד אפ פון דאנען, אויב איר ווילט ניט זיין די ערשטע קרבנות פון אונזער צארן!

אייניגע גלחים, די איינגערע, האבען זיך שוין אפילו אנגעהויבען דערנענטערען צו זיי מיט אויפגעהויבענע פויסטען, גרייט די ראשי הקהל אנצוגרייפען.

עס האט שוין געהאלטען דערביי, אז די ראשי הקהל זאלען אטאקירט ווערען. דער עלטסטער פון די גלחים האט אבער צוריקגעהאלטען די אויפגעהעצטע יונגע גלחים. ער האט זיי אפילו אנגעהויבען מאכען שארפע פארוואורפען פאר זייער שלעכטער אויפפירונג, פאר דעם וואס זיי האבען געוויזען אזא שלעכטעןביישפיל.

דערווייל האט ר׳ משה געקראגען א געלעגענהייט ווידער געהערט צו ווערען.

— מיר זיינען דא ניט געקומען זיך מתוכח זיין אין רעליגיעזע ענינים, — האט ער געזאגט מיט א פעסטער שטימע. — אגב האב איך שוין אמאל ביי א ויכוח מיט איינעם פון די קארדינאלען אין רוים, דערקלערט, אז מיט פיזישען כוח קאן מען קיין גלויבינגען ניט איבערצייגען, נאר מיט וויסען און מיט שכל. דער פויפסט אליין האט מסכים געווען מיט מיר.

די דאזיגע ווערטער, וואס די גלחים האבען געוואוסט זיינען אמת, האבען אויף זיי געמאכט א טיפען איינדרוק.

ר׳ משה האט גערעדט ווייטער:

— איך וויל ניט ווידערהאלען, אז עס איז געגען אידישער איבערצייגונג מזלזל צו זיין אין די הייליגטימער פון אנדערע אמונות. וואס איך וויל יא זאגען, איז אין שייכות מיט דעם, וואס איך האב פריער דערמאנט, אז דער פויפסט אליין האט מיר געגעבען גערעכט. דער פויפסט, וועלכער איז געווען דערביי, ווען איך האב זיך מתוכח געווען מיט׳ן קארדינאל,

האָט נאָכ'ן וויכוח צו מיר אויסגעשטערעקט זיין האנט און האָט מיר צוגעזאָגט שוץ וואו איך וועל זיך נאָר געפינען.

צו באשטעטיגען זיינע רייד, האָט ר' משה ארויסגעצויגען פון קעשענע א בריוו און אים צוגעטראָגען צום עלטסטען פון די גלחים. עס איז געווען א בריוו געשריבען פון א קארדינאַל אין נאָמען פון פויפסט.

אינ'ם בריוו האָט דער פויפסט זיך ארויסגעזאָגט מיט גרוים לויב פאר ר' משה'ן, פאר זיין חכמה און וויסען ביים פארטיידיגען זיין אמונה.

די גלחים זיינען געבליבען געפּלעפטע. זיי האָבען געהאט פאר זיך ניט קיין פשוט'ן אידען.

— איצט האָב איך בדעה, — האָט ער געזאָגט, — צו פאָרען קיין רוים און זיך ווענדען דירעקט צום פויפסט צו מאכען א סוף צו אלע בלבולים, וואָס ווערען כסדר געמאכט אויף אידען אין פוילען און בעהמען.

און נאָך א קורצען שטילשווייגען האָט ער צוגעלייגט:

— אויב איר ווילט באמת משפּט'ן דעם וואָס האָט געשענדעט דעם צלם און די פיגור פון אייער גאָט, אָט שטייט דער שולדיגער פאר אייך — און ער האָט מיט'ן פינגער אָנגעוויזען אויפ'ן יונגען גלח, וואָס האָט זיך אזוי געקאָכט אויף אידען. — אָט איז ער! משפּט אים!

האָבענדיג אָפּגעזאָגט זיינס, האָט ער זיך געזעגענט מיט'ן עלטסטען פון די גלחים און איז ארוים פון זאַל נאָכגעפאָלגט פון די אנדערע צוויי ראשי הקהל.

ארויסגייענדיג אין דרויסען, האָט ר' משה פארשוואָרען זיינע צוויי באגלייטער, אז זיי זאָלען קיינעם נישט דערציילען, וואָס עס האָט פּאסירט. עטליכע טעג זיינען פאָראיבער און אלץ איז איינגעשטילט געוואָרען. די גוים האָבען מער ניט גערעדט וועגען דעם וואָס אידען האָבען געטאָן צו זייערע הייליגטימער און אידען האָבען ניט געהאט פארוואָס זיך צו שרעקען.

די אידען אין פויזען זיינען געווען אָנגענעם איבערראשט. זיי האָבען שטארק געוואָלט אויסגעפינען וואָס אזוינס עס האָט פּאסירט, אָבער די שלוחים האָבען קיין וואָרט ניט געזאָגט.

די אידען אין פויזען האָבען בלויז געוואוסט, אז א דאנק ר' משה'ס שטאָלץ און אנשלאָסענקייט זיינען זיי געראטעוועט געוואָרען פון א גרויסער צרה.

ר׳ משה און זיין פרוי שרה האָבען געהאט דריי זין און איין טאָכטער. די עלטסטע פון די קינדער איז געווען די טאָכטער פריידע. אברהם איז געווען דער עלטסטער פון די זין. דער צווייטער איז געווען יעקב און דער בן־זקונים — שניאור זלמן.

בעת פאר די זין האָט מען געהאלטען די בעסטע מלמדים און מען האָט זיי ממש „געשטאָפּט" מיט תורה און חכמה, האָט מען דער טאָכטער, פריידע׳ן, געלערענט ניט מער ווי צו זאָגען עברי, כדי זי זאָל קאָנען דאווגען און זאָגען א קאפּיטעל תהלים.

דאָס איז געווען אין הסכם מיט ר׳ משה׳ס שיטה, — אז מיידלעך דאַרף מען קיין תורה ניט לערנען. ווי מיר ווייסען שוין, איז ר׳ משה׳ס שיטה געווען פּונקט דער היפך פון דער שיטה וואָס עס האָבען נאָכגע־פאָלגט די נסתרים און מקובלים.

ר׳ משה אליין איז דערצויגען געוואָרען אין גייסט פון די געגנער פון קבלה. אזוי האָט ער אויך דערצויגען זיינע קינדער. אָבער פאר דער צייט האָט זיך די לאַגע א סך געענדערט אין פּויזען.

אין שטאָט האָט זיך פארמערט די צאָל נאָכפאָלגער פון ר׳ יואל׳ן, דער בעל שם פון זאמאשטש. אין דעם פּרט האָט א סך משפּיע געווען ר׳ ברוך בטלן, וועלכער, ניט קוקענדיג אויפ׳ן נאָמען „בטלן", איז אָבער שוין גאָרניט געווען קיין בטלן. ער איז ניט נאָר געווען א גרויסער געלע־רענטער אין תורה, נאָר אויך א גרויסער סוחר. אין א גרויסער מאָס איז ער געווען א סך ענליך צו ר׳ משה׳ן.

ווי געגנעריש ר׳ משה איז ניט געווען צו די נאָכפאָלגער פון ר׳ יואל בעל שם טוב, האָט ער אָבער רעספּעקטירט ר׳ ברוך׳ן און במילא האָט עס אָפּגעשוואכט זיין התנגדות צו די נסתרים און מקובלים. פונדעסט־וועגען האָט ער תמיד געהאלטען אן אויג אויף זיינע בנים, אז זיי זאָלען זיך ניט חבר׳ן מיט די וואָס האלטען פון קבלה.

אָבער ווי שטאַרק ר׳ משה האָט ניט אכטונג געגעבען אויף זיינע קינדער, אז זיי זאָלען ניט ארונטערפאלען אונטער השפעה פון די מקובלים, האָט ער דאָך ניט געקאָנט איינהיטען, אז זיי זאָלען זיך דערנענטערען מיט צוויי בחורים׳לעך פון זייער אייגענעם עלטער, וואָס זיינען יאָ געווען נוטה צו דער שיטה פון די מקובלים.

איינער איז געווען בנימין, ר׳ ברוך׳ס אייגענער זון, און דער צווייי־טער איז געווען קדיש דער יתום פון דעם מקובל ר׳ דוד, ר׳ ברוך בטלן׳ס

א ברודער.ביידע זיינען געווען באשאנקען מיט זעלטענע כשרונות און זייער פרסום אין פויזען איז געווען גרויס.

עס וואלט געווען אומפארשטענדליך, אויב ר׳ משה, וועלכער האט אזוי שטארק פארערט בני תורה, זאל צוריקהאלטען זיינע זין פון חבר׳ן זיך מיט בנימין׳ען און קדיש׳ן.

אגב, זיינען געווען אויך אנדערע סיבות, וואס האבען פארבונדען אין זייערע דרכים די אזוי פארשיידענע משפחות, די פון ר׳ משה׳ן און די פון ר׳ ברוך׳ן.

ר׳ משה׳ס ווייב, שרה, איז געווען א גרויסע בעלת־צדקה. זי האט זיך באזונדערס אפגעגעבען מיט שטיצען יורדים און סתם ארעמעלייט. כדי צו וויסען ווער עס איז אין א געדריקטען מצב, האט שרה זיך שטענדיג געפריינדעלט מיט די וואס האבען געהאט א צוטריט צו די ארימערע שיכטען פון די אידישע קהלה.

שרה איז געווארען באזונדער נאענט מיט דער אלמנה צביה, קדיש׳ס מוטער, ניט קוקענדיג אויף דעם וואס איר פארשטארבענער מאן האט גע׳שמ׳ט פאר א מקובל און נאכפאלגער פון דעם בעל שם ר׳ יואל. צביה האט שוין געהאט איר אייגענע נייטעריי און דערפון געהאט פרנסה בריוח. ווי א נייטערין האט זי געהאט א מגע ומשא מיט צענדליגער ווייבער און האט שטענדיג געוואוסט וועלכע משפחות ס׳נויטיגען זיך אין אונטער־שטיצונג.

פאר שרה׳ן איז צביה געווען ווי אן אבן טוב. דערצו איז צביה סתם געווען א מלומדת און א צדקת, אזוי, אז די צוויי פרויען זיינען געווארען גאר נאענט איינע צו דער אנדערער. פארשטייט זיך, אז איין פרוי האט געוואוסט וואס ביי דער צווייטער טוט זיך. שרה האט געוואוסט גענוי וועגען צביה׳ס גראטענעם בן יחיד קדיש און צביה האט געוואוסט גענוי וועגען שרה׳ס בת יחידה פריידעל.

דערצו האט פריידעל אליין געוויזען א נייגונג צום דרך פון די מקובלים און נסתרים. כאטש דאס קינד פון אזא גביריש הויז, אבער דערפאר וואס מען האט זי ניט געלאזט לערנען קיין תורה, האט זי באשלאסען צו לערנען זיך א מלאכה — נייטעריי.

אין יענער צייט האט די קהלה אין פויזען, טאקע אונטער ר׳ משה׳ס פירערשאפט, איינגעפירט א שולע, וואו מען האט געלערנט ארימע מיידלעך מלאכות. מען האט אויף אזא אופן געוואלט פארזארגען ארימע יתומות און סתם ארימע קינדער.

פריידעל האָט אָפּגעמאַכט מיט דער דעה, אַז אויך זי זאָל זיך לערנען א מלאכה. ניט איר פאָטער און ניט איר מוטער האָבען געהאַט אויסצוזע־צען נעגען דעם, כאָטש א סך בכבוד׳ע בעלי בתים האָבען געמיינט, אַז דאָס דאַרף זיין נעגען זייער ווירדע. קוקענדיג אויף פריידלען האָבען אויך אנדערע טעכטער פון רייכע און מיוחס׳דיגע משפחות אָנגעהויבען זיך אָפּצוגעבען מיט א מלאכה, באַזונדערס נייטעריי.

א דאנק איר נייטעריי, האָט פריידעל זיך שפּעטער דערנענטערט צו דער אלמנה צביה, וועלכע האָט זיך אָפּגעגעבען, ווי געזאָגט, מיט נייטע־ריי, כדי צו מפרנס זיין זיך און איר זון, דעם וואויל־לערנער קדיש. פריידעל האָט אויך געהאַט א געלעגענהייט זיך צו באַפריינדען מיט ר׳ ברוך בטלנ׳ס טאָכטער רחל.

רחל, ווי די טאָכטער פון איינעם וואָס פאָלגט נאָך די שיטה פון די מקובלים, איז געווען א מלומדת. ר׳ ברוך בטלן האָט גראָד געהאַלטען, ווי אלע נסתרים און מקובלים, אַז מען מעג און מען דאַרף מיידלעך לערנען תורה.

איז רחל, א דאנק אירע זעלטענע כשרונות, אויסגעוואַקסען א מלומדת. אָבער זי האָט אויך געוואָלט האָבען א מלאכה אין האנט, און אַזוי איז זי זיך צוזאַמענגעקומען מיט דער וויניג, אָדער גאָרניט, געלערנטער פריידעל.

די קינדער האָבען אויף אַזא אופן דערנענטערט די צוויי משפחות — די משפחה פון ר׳ משה׳ן און די משפחה פון ר׳ ברוך בטלן — כאָטש זיי האָבען געהערט צו, אַזוי גערופענע, צוויי געגנערישע מחנות.

רחל און פריידעל פלעגען זיך אָפט צוזאַמענקומען. פון פריידלען האָט רחל זיך דערוואוסט א סך וועגען איר איינגסטען ברודער שניאור־זלמנ׳ען, און פריידעל, ווידער, האָט זיך פון רחל׳ען דערוואוסט וועגען איר ברודער בנימין און איר שוועסטערקינד קדיש.

די השגחה האָט שוין געהאַט באַשטימט, אַז רחל זאָל מיט דער צייט חתונה האָבען מיט שניאור זלמנ׳ען און פריידעל מיט קדיש׳ן. די צוויי משפחות, כאָטש אַזוי ווייט איינע פון דער אנדערער, האָבען זיך דאָך פאַראייניגט דורך שידוכים. ר׳ משה איז אָבער נאָך אלץ געבליבען דער געגנער פון קבלה.

# קכו.

## צוויי שידוכים

ר' יונה שמואל'ס התמדה. — קדיש איז מנצח. — ר' משה קלייבט זיך אויס דעם בעסטן בחור פאַר אַן איידעם. — ר' ברוך בטלן'ס מערקווירדיגער שידוך.

אין יענער צייט איז דער אלטער גאון ר' יונה שמואל דער פּרוש, קראַנק געוואָרען. גאַנץ פּויזען האָט וועגען דעם גערעדט, ווייל אָט דער גאונ'ישער פּרוש איז געווען גוט באַקענט און אויך באַליבט אין שטאָט.

ר' יונה שמואל, דער פּרוש, איז געווען א ידיד פון דעם גאון ר' אשר יהונתן, דער רבי פון דעם פּויזענער ראש הקהל ר' משה.

ר' יונה שמואל איז ניט געווען באַשאָנקען מיט כשרונות, וואָס זאָלען אים מיט וואָס ניט־איז אויסצייכענען. דערפאַר איז ער אָבער געווען א גרויסער מתמיד. זיין התמדה האָט פּשוט קיין גלייכען ניט געהאַט. פון קינדהייט אָן איז ער געזעסען און געלערענט יומם ולילה. ער האָט קיינמאָל ניט גערעדט קיין דברי־חול און האָט ממש קיין איינציגע רגע ניט גע'בטל'ט.

מ'האָט אים אָנגעהויבען רופען „פּרוש", נאָך דאַמאָלט, ווען ער איז געווען א יונגער איינגעל.

אויף דער עלטער האָט ער אינגאַנצען פאַרלאָזען זיין היים און האָט זיך אריינגעקליבען אין בית־מדרש אויף דער פּאָרטוגאַלער גאַס, אויף וועלכער עס האָט געוואוינט ר' ברוך בטלן. דעם בית מדרש האָט ר' יונה שמואל שוין מער ניט פאַרלאָזען.

אז ער איז קראַנק געוואָרען און האָט מער ניט געקאָנט שטיין אויף די פיס, האָט מען אים געוואָלט אריינגעמען ערגעץ אין א הויז, וואו ער וואָלט געהאַט א באַקוועמען געלעגער און באַדינט געוואָרען. ער האָט זיך אָבער פון דעם אנטזאָגט. ער איז געלעגען אויף א באַנק אין איינער פון די שטיבלעך אין פּאָליש פון בית מדרש, און די יונגעלייט, וואָס האָבען דאָרט געלערענט האָבען אים באַדינט.

אָבער אפילו ליגענדיג אויסגעצויגען אויפ'ן באַנק א קראַנקער, האָט ר' יונה שמואל ניט אויפגעהערט לערנען. ביסלעכווייז איז ער אָבער אזוי אָפּגעשוואַכט געוואָרען, אז ער האָט שוין ניט געקאָנט לערנען מיט דער

זעלביגער התמדה. האט ער זיך שטארק מצער געווען אויף דעם, וואס ער בטל'ט אוועק די צייט.

האט ר' יונה שמואל געבעטען איינעם פון די לומדי'שע יונגעלייט פון בית מדרש, אז יענער זאל זיצען און לערנען לעבען אים, בכדי ער זאל באטש זיין אין די „דלת אמות של הלכה".

צווישען די לערנער אין יענעם בית מדרש זיינען געווען די צוויי יונגע בחורים: קדיש, צביה'ס זון, און בנימין, ר' ברוך בטלנ'ס זון.

די יונגעלייט פלעגען זיך בייטען. יעדער האט געהאט אן אנדער משמר, אזוי, אז דער קראנקער פרוש האט כסדר געהערט ווי מען לערנט תורה.

דער חולה האט זיך אבער ניט באנוגענט בלויז מיט דעם, וואס ער האט געהערט ווי אנדערע לערנען, נאר ער האט נאכגעפאלגט יעדער סוגיה וואס מען האט נעלערענט און ער האט תמיד געהאט עפעס צו זאגען א חידוש. ער פלעגט איבערזאגען די קשיות און תירוצים פון זיין אמאליגען רבי'ן, און די יונגעלייט, וואס האבען עס פון אים געהערט, האבען שטארק הנאה געהאט.

גאר אפט פלעגט דער קראנקער פרוש האבען געהויבענע געסט, וואס זיינען אים געקומען מבקר-חולה זיין. צווישען זיי איז אויך געווען דער ראש הקהל ר' משה. די וואס פלעגען קומען מבקר חולה זיין דעם פרוש האבען שטארק הנאה געהאט פון דעם וואס ר' יונה שמואל פלעגט איבער־זאגען תורה'ס, בעת די בחורים לעבען אים זיינען געזעסען און געלערענט.

איינמאל, אז ר' משה איז געקומען מבקר חולה זיין דעם פרוש, האט ער באמערקט, אז דער חולה איז שטארק אויפגערעגט. ער האט זיך מפלפל געווען מיט איינעם פון די יונגעלייט, בעת די איבעריגע זיינען געשטאנען דערביי אין א געזעמעל און זיך צוגעהערט.

ר' משה איז געווען שטארק פאראינטערעסירט און האט זיך צוגע־הערט וועגען וואס זיי זיינען זיך מפלפל. דער חולה האט אלעמען ממש איבעראשט מיט זיין בקיאות און חריפות.

דער יונגער בחור, מיט וועמען דער קראנקער פרוש האט זיך מפלפל געווען, איז געווען קדיש. דריי שעה האט געדויערט דער גראנגעל צווישען קדיש'ן און דעם פרוש ר' יונה שמואל'ן, אויך ר' משה און אנדערע לומד'ישע אידען, וואס זיינען געקומען מבקר חולה זיין ר' יונה שמואל'ן,

זיינען אריינגעצויגען געוואָרען אין דעם תורה־וויכוח. אָבער אַלע האָבען געמוזט צוגעבען, אז דער מנצח איז געווען דער יונגער קדיש.

ר׳ משה האָט נאָך קדיש׳ן ניט געהאט געקענט. דער בחור׳ל איז דאמאָלסט איינגאנצען געווען א יאָר ניינצען. ר׳ משה האָט געגנוי באטראכט קדיש׳ן און איז געווען שטארק פארוואונדערט. ער האָט נאָך ביי אזא יונגענמאנטשיק ניט געהאט געזען אזוי פיל בקיאות און חריפות, אז ער זאָל קאָנען מנצח זיין אזא גאון ווי דער פרוש. וואָס האָט ר׳ משה׳ן ממש פארגאפט, איז דאָס וואָס קדיש האָט זיך געהאלטען גאָר רואיג און האָט גערעדט מיט גרויס איבערלייגונג און איינגעהאלטענקייט. נאָכדעם ווי קדיש איז ארויס פון ויכוח מיט נצחון, האָט ער ניט געוויזען די מינדסטע מאָס פון גדלות. ער האָט זיך צוריקגעקערט צו זיין אָרט ביי דער גמרא און אויף דאָס ניי זיך פארטיפט אין לערנען, ווי עס וואָלט גאָרניט געהאט פאסירט.

ר׳ משה האָט זיך שטארק פאראינטערעסירט אין דעם בחור׳ל. ער האָט געפרעגט, ווער ער איז און מען האָט אים געזאָגט, אז זיין נאָמען איז קדיש, אז ער איז א יתום און איז א פלימעניק פון ר׳ ברוך בטלן.

אין עטליכע טעג ארום איז ר׳ משה ווידער געקומען מבקר חולה זיין דעם פרוש. ר׳ יונה שמואל איז שוין געווען זעהר שוואך. ער האָט קוים געקענט נעמען א חלק אין דעם, וואָס אימיצער פון די יונגעלייט האָט צו יענער צייט פאר אים געלערענט.

ר׳ משה האָט איצט געהאט א נייעם אינטערעס אין בית מדרש. ער האָט אויפגעזוכט קדיש׳ן. קדיש איז געזעסען און געלערענט, אָבער ניט אליין. ער האָט געלערענט מיט זיין שוועסטערקינד, ר׳ ברוך בטלנ׳ס זון בנימינ׳ען. זיי האָבען זיך מפלפל געווען אין א געוויסער סוגיה. ר׳ משה האָט זיך אריינגעמישט אין זייער ויכוח.ביידע יונגעלייט האָבען שטארק אויסגענומען ביי אים.

ר׳ משה איז געקומען אין בית־מדרש נאָך עטליכע מאָל און יעדעס מאָל וואָס ער איז געקומען, האָט ער געשמועסט אין תורה מיט די צוויי יונגע בחורים — קדיש און בנימין. עס איז געווען קלאָר, אז ער איז אין זיי שטארק פאראינטערעסירט.

אין א געוויסען טאָג האָט ר׳ משה פארפירט א שמועס מיט זיין ווייב שרה׳ן. עס איז שוין געווען צייט צו טראכטען וועגען א שידוך פאר זייער בת־יחידה פריידעל. ר׳ משה האָט איצט געהאט צוויי יונגעלייט וועלכע צו נעמען אין באטראכט — קדיש און בנימין.

ביידע זיינען אים געווען שטאַרק געפעלען, אָבער פאַר בנימינ'ען האָט ר' משה עפעס „מורא" געהאַט. ער איז דאָך געווען א זון פון ר' ברוך בטלן. ער האָט דעם טאַטען גוט געקענט און שטאַרק געהאַלטען פון אים. עס איז געווען א פאַל פון תורה און גדולה, אָבער ר' ברוך איז געווען א נאָכפאָלגער פון ר' יואל בעל שם פון זאַמאָשטש, בעת ר' משה האָט פון דעם בעל שם ניט געהאַלטען. ער איז בכלל געווען א געגנער פון דעם דרך הקבלה. זאָל ער פאַר'קנס'ן זיין טאָכטער צו א זון פון איינעם, מיט וועמען ער איז ניט איינשטימיג?

אנדערש איז אָבער געווען קדיש. זיין פאַרשטאָרבענער טאַטע איז געווען ר' דוד, א תושב פון דער קאָלאָניע פון מקובלים „דרך החיים". ר' דוד איז געווען ר' ברוך'ס א ברודער. ער איז אויך געווען א נאָכפאָלגער פון דרך הקבלה, אָבער איז דאָך ניט געגאַנגען אזוי ווייט ווי זיין ברודער ר' ברוך.

ר' משה האָט דערפאַר זיך ארויסגעזאָגט, אז ער וואָלט בעסער געוואָלט האָבען קדיש'ן פאַר אן איידים. אויך קדיש איז געווען גענייגט צום דרך הקבלה. ר' משה האָט עס געוואוסט.

ער האָט אָבער געדענקט, אז קדיש איז פון אזא ליים געקנאָטן, אז אויב ער וועט זיצען ביי זיין, ר' משה'ס, טיש און וועט זיין אין אן אנדער סביבה, וועט ער זיך ענדערען.

שרה, זיין ווייב, האָט מסכים געווען מיט איר מאַן. זי האָט נאָר געקאָנט צוגעבען, אז זי קען גוט קדיש'עס מאַמע'ן, צביה די נייטאָרין. זי איז אן אמת'ע צדקת.

— זאָלסט אָבער ניט דענקען, מיין מאַן, — האָט שרה געגעבען צו וויסען ר' משה'ן, — אז קדיש וועט זיצען ביי דיר אויף קעסט און אז דערפאַר וועסט אויף אים קאָנען משפיע זיין. ווי איך האָב אויסגעפונען פון זיין מאַמע'ן, האָט אָט דער בחור'ל זיין אייגענעם דרך אין לעבען. ער וועט קיינמאָל ניט פאַרלאָזען זיין מאַמע'ן, דער אלמנה. אגב, זאָלסטו וויסען, אז צביה האָט פרנסה ברווחה פון איר נייען, און זי וועט אליין ניט וועלען שיקען איר זון אויף קעסט.

דאָס וואָס זיין ווייב האָט אים איבערגעגעבען, האָט אָבער קיין אונטערשייד ניט געמאַכט פאַר ר' משה'ן. איניגע חדשים זיינען אריבער און ר' משה און שרה האָבען זיך משדך געווען מיט צביה'ן. א קנס־מאָל איז געפראַוועט געוואָרען צווישען פריידלען, ר' משה'ס און שרה'ס בת יחידה און קדיש'ן, צביה'ס בן יחיד.

ר' משה האט צוגעזאגט א גרויסען נדן און עס איז באשטימט געוואָרען, אז דאָס יונגע פּאָרעל זאָל איינגעאָרדענט ווערען ביי צביה'ן. אַנשטאָט קעסט ביי זיך, האט ר' משה אויסגעצאָלט א גרויסען סכום געלט, וואָס קעסט אויף א סך יאָרען האָבען געדאַרפט באטרעפען.

פריידעל, וועלכע האָט זיך געהאט אויסגעלערענט נייען, האָט נאָך דער חתונה ארויסגעהאָלפען איר שוויגער. קדיש האָט ווייטער געלערענט תורה.

פאר א צייט האָט קדיש ווייטער געלערענט מיט זיין חבר און שוועסטערקינד בנימין. עס איז אָבער געקומען א צייט, ווען די צוויי חברים האָבען זיך געדאַרפט צעשיידען. אויך בנימין האָט געדאַרפט חתונה האָבען.

א סך האָבען געמיינט, מי יודע, וואָס פאר א שידוך ר' ברוך בטלן וועט אָפּזוכען פאר זיין זון. אזא גביר און אזא למדן און דערצו א זון אזא געראָטענער, ער האָט פאר אים געקאָנט קריגען א שידוך צו גאָט און צו לייט.

שדכנים האָבען ממש אָפּגעשלאָגען זיין שוועל. זיי זיינען געקומען צו אים פון מרחקים, וואָרום בנימינ'ס פרסום האָט געגרייכט זעהר ווייט.

ר' ברוך האָט אָבער זיך אנטזאגט אָנצונעמען וועלכען עס איז שידוך. צוערשט האָט ער געוואָלט הערען וואָס זיין רבי — ר' יואל דער בעל שם פון זאמאשטש — וועט אים זאָגען.

ער האָט געמאכט א ספּעציעלע נסיעה צו זיין רבי'ן און עס איז געווען אויף ר' יואל'ס עצה, וואָס ר' ברוך האָט זיך משדך געווען מיט'ן מלמד ר' אהרן.

ר' אהרן, אן אָרימער מלמד, האָט געהאט א טאָכטער, און אָט די טאָכטער איז עס באשטימט געוואָרען פון דעם בעל שם צו זיין בנימינ'ס זיווג. אלץ וואָס מען האָט געוואוסט איז, אז ר' אהרן איז אויך איינער פון דעם בעל שם'ס נאָכפאָלגער.

ווען עס איז אין פויזען באקאנט געוואָרען, אז ר' ברוך בטלן האָט זיך משדך געווען מיט ר' אהרן דעם מלמד, איז די שטאָט ממש געגאנגען אויף רעדלעך. אזא זאך פאסירט ניט צו אָפט. אזוינע מיוחסים, ווי ר' ברוך, זיינען זיך ניט משדך מיט אָרימע מלמדים!

ר' אהרן איז געווען באקענט פאר איינעם פון די גאָר גוטע מלמדים, אָבער אפילו אין זיין מלמדות האָט ער קוים באקומען דאָס וואָס אן אנ-

דערער אויף זיין אָרט וואָלט באַקומען אין שכר לימוד. ער וואָלט געקאָנט האָבען גאָלע גביר'ישע קינדער פאַר תלמידים און יענע וואָלטען אים געצאָלט א פיינעם שכר-לימוד. די גאַנצע שטאָט האָט געוואוסט, אז ער איז א גרויסער בעל-פעולה און פלאַנצט איין אין זיינע תלמידים ניט נאָר תורה, נאָר אויך מידות טובות.

ר' אהרן האָט זיך אָבער געפירט, אז צום ערשט האָט ער גענומען תלמידים אָרימע קינדער, וועמעס טאַטעס האָבען קוים געקאָנט צאָלען שכר לימוד. צו זיי האָט ער דאַן צוגעזעצט קינדער פון בעלי בתים, וואָס האָבען יאָ געקאָנט צאָלען שכר-לימוד אָבער א גאַנץ קליינעם שכר-לימוד.

ערשט, אז ער האָט נאָך געהאַט אן אָרט פאַר איינעם אָדער צוויי תלמידים, האָט ער אויך מסכים געווען, אז זיי זאָלען קומען פון רייכע עלטערן. מען קאָן זיך שוין משער זיין, אז דער דלות איז ביי ר' אהרנ'ען געווען גרויס. ווען ניט זיין ווייב, וואָס האָט ארויסגעהאָלפען מיט דער פרנסה, דורך זיין א הייבאַם און א קעכין אויף חתונות, וואָלט מען אין הויז ממש געהונגערט.

אין צוגאָב צו דעם אַלעם, האָבען ר' אהרן און זיין פלונית'טע געהאַט צער גידול בנים. אַלע זייערע קינדער זיינען אויסגעשטאָרבען. גע־בליבן איז זיי נאָר א בת יחידה.

בטבע איז ר' אהרן געווען אן עניו. נאָך פון זיין יוגענד האָט ער זיך געהאַלטען נידעריג און קליין. זיין איינציגע עובדא אין לעבען האָט אויסגעזען צו זיין: צו לערנען תורה מיט קינדער און זיי צוגרייטען פאַר א לעבען פון תורה און מעשים טובים.

זיין עניוות און שפלות איז געווען אַזוי גרויס, אז נאָכדעם ווי מען האָט זיך דערוואוסט, אז זיין טאָכטער האָט געטאָן אַזא גליק-שידוך, און פון אַלע זייטען איז מען אים באַפאַלען און אָפּגעגעבען מזל-טוב, האָט ער קאַלט און רואיג, מיט אן אראָפּגעלאָזטען קאָפּ, אָפּגעענטפערט אויף די ברכות, ווי עס וואָלט גאָרניט געשען, אָדער ווי דאָס וואָס עס איז געשען וואָלט געווען א גאַנץ געוויינליכע זאַך.

די אידען פון פויזען האָבען א סך געהאַט צו ריידען וועגען אָט דעם שידוך. זיי זיינען נאָך אָבער ניט געווען פאַרטיג.

גרויסע איבערראַשונגען האָט זיי נאָך דערוואַרט.

# קכז.

## דעם בעל שמ׳ס שליח

דעם שליח׳ס פארדינטער כבוד. — ר׳ משה׳ס בושה. — ר׳ ברוך בטלן׳ס גליק.

ר׳ ברוך בטלן, א בכבוד׳ער בעל־הבית אין פויזען און א חסיד פון ר׳ יואל בעל שם פון זאמאשטש, האט איצט געוואלט ווייזען דער וועלט, אז ער האט מיט זיין זון בנימינ׳ען נישט געטאן קיין געוויינליכען שידוך. ר׳ אהרן מלמד, מיט וועמעס בת־יחידה ער האט פאר׳קנס׳ט זיין זון, האט טאקע געמעגט אויסזען אין אלעמענס אויגען ווי א מלמד מיט אלע מלמדים. ר׳ ברוך האט אבער געוואלט, אז די תנאים פון זיין זון און ר׳ אהרנ׳ס טאכטער זאלען געפראוועט ווערען אויף א גרויסארטיגען אופן.

אבער נאך איידער די תנאים זיינען געפראוועט געווארען האט זיך אין פויזען באוויזען א איד, וואס איז אהין געשיקט געווארען, ווי א שליח מיוחד פון דעם בעל שם פון זאמאשטש. זיין שליחות איז געווען איינצוארדענען דעם קנס־מאל און צו זיין ביי דער פאר׳קנס׳ונג פון דעם בעל שמ׳ס פארטרעטער.

פארשטייט זיך, אז דאס איז געווען אן אנדער אורזאך, פארוואס ר׳ ברוך בטלן זאל זיך באמיען, אז די תנאים זאלען געפראוועט ווערען אויף א גאר געהויבענעם שטייגער. ער האט צוגעגרייט א גרויסע סעודה, צו וועלכער עס זיינען געלאדען געווארען די פני פון פויזען, און, פארשטייט זיך, אז ר׳ משה, דער ראש־הקהל און ר׳ ברוכ׳ס מחותן, איז אויך געווען צווישען די פארבעטענע געסט.

ר׳ אהרן מלמד, דער אבי הכלה, איז, ווי מ׳קאן זיך משער זיין, געווען פון די הויפט מחותנים. אבער אין זיין עניוות האט ער ניט געוואלט זיצען אויבען־אן ביים טיש. מען האט אים דערצו פשוט געצוואונגען און עס איז געווען קענטיג, אז ער האט דערפון עגמת־נפש.

דעם בעל־שמ׳ס שליח, פארשטייט זיך, איז אויך געזעצט געווארען אויבענאן. עס איז געווען קלאר, אז ר׳ ברוך צאצקעט זיך מיט אים.

דער חתן, בנימין, האט געזאגט א פלפול, און אלע מחותנים, צווישען וועלכע עס זיינען געווען די גרעסטע לומדים פון פויזען, זיינען פשוט אריין אין התפעלות פון בנימינ׳ס חריפות און בקיאות. אלע האבען זיך דאן מתוכח געווען וועגען די ענינים, וואס דער חתן האט באריהרט אין

זיין פלפול, און יעדער האט דערביי געוויזען זיין אייגענע לומדות. ר׳ ברוך בטלן, ר׳ אהרן מלמד און ר׳ משה דער ראש הקהל — אלע האבען ארויס־געוויזען זייער לומדות.

דער איינציגער, וואס האט קיין ווארט ניט געזאגט, איז געווען דעם בעל שמ׳ס שליח. פון זיין אויסזען האט עס אויסגעקוקט, ווי ער וואלט בכלל געווען א קליינער למדן און פון דעם אופן ווי ער איז געזעסען און געשוויגען בעת אלע אנדערע ארום אים האבען זיך מתוכח געווען אין לומדות, וואלט מען געקאנט אננעמען, אז ער האט פשוט ניט באנומען די טיפע תורה, וואס האט זיך דערטראגען צו זיינע אויערן.

ר׳ משה, וועלכער איז זיך מיט זיין מחותן ר׳ ברוכ׳ן צעגאנגען אין דעם ענין קבלה און האט, פאלגליך, ווייניג־וואס געהאלטען פון דעם בעל שם פון זאמאשטש, האט מער ווי אימיצער אנדערש געהאלטען אן אויג אויף דעם בעל שמ׳ס שליח ביים טיש. ער האט פשוט ניט געקאנט באנעמען, ווי אזוי זיין מחותן, ר׳ ברוך, איז אזוי פארקאכט אין בעל שם, פאלגט אויס וואס ער הייסט אים ביים משדך זיין זיינע קינדער, און מאכט אזא וועזען פון דעם בעל שמ׳ס שליח, כאטש לויט אלע סימנים, איז ער א גאר פשוט׳ער איד.

ר׳ משה איז געווען זיכער, אז אויב ר׳ ברוך האט זיך משדך געווען מיט ר׳ אהרן דעם מלמד, איז עס געווען נאר אויפ׳ן פארלאנג פון בעל שם. אויב אזוי, האט ער זיך געפרעגט, האט דאך ר׳ ברוך זיך משדך געווען מיט אים, ר׳ משה׳ן, אויך נאר דערפאר וואס דער בעל שם פון זאמאשטש האט אזוי געהייסען.

— איך בין דאך אבער א געגנער פון בעל שם? — האט ער זיך געפרעגט. — היינט פארוואס זאל דער בעל שם דווקא וועלען אז ר׳ ברוכ׳ס טאכטער זאל חתונה האבען מיט מיין זון?

אבער ר׳ משה האט קיין צייט ניט געהאט צו זוכען דעם ענטפער אויף דער פראגע. עס זיינען פארגעקומען זאכען ביים טיש, וואס האבען געצויגען זיין אויפמערקזאמקייט.

אז עס איז געקומען צום בענשען, האט ר׳ ברוך צוגערוקט דעם כוס וויין צו זיין מחותן ר׳ אהרן מלמד און אים מכבד געווען מיט׳ן בענשען.

האט זיך ר׳ אהרן אויפגעשטעלט און אזוי געזאגט:

— רבותי! אין אמת׳ן בין איך דאך ניט מער ווי דאס גראז וואס וואקסט אויף א וואנט. איך וואלט ניט געהאט די העזה אפילו ארויפצולאזען

אויף דער מחשבה, אז איך קאָן זיך משדך זיין מיט'ן טענענבוים פון לבנון, דער עילוי'שער זון פון דעם גאון דעם נגיד, גרויסען מיוחס, ר' ברוכ'ן, וועלכער שטאמט פון צדיקים און קדושים. אויך ר' ברוכ'ן וואָלט מסתמא ניט איינגעפאלען זיך משדך צו זיין מיט אזא עני ואביון און א נישטיגער צווישען נישטיגקייטען, ווי איך, אהרן מלמד. נאָר וואָס דען? אונזער הייליגער רבי און מורה־דרך, ר' יואל בעל שם פון זאמאשטש, האָט אָנגע־זאָגט אהרג'ן זיך משדך צו זיין מיט ר' ברוך'ן, און דאָס זעלביגע האָט ער אָנגעזאָגט ר' ברוכ'ן זיך משדך צו זיין מיט אהרן מלמד. זיינען די רייד פון אונזער הייליגען רבי'ן קודש קדשים און מיר טוען ביידע, ווי ער האָט אונז אָנגעזאָגט.

— דער הייליגער רבי אונזערער, — האָט ר' אהרן ווייטער געזאָגט, — האָט דאָ זיין שליח, און שלוחו של אדם כמותו. על כן, וויל איך מיט דעם רשות פון דעם מחותן ר' ברוכ'ן איבערגעבען דעם כוס צום בעל שמ'ס שליח און זאָל ער האָבען דעם כבוד צו בענשען.

האָט ר' ברוך געטאָן וואָס ר' אהרן האָט געזאָגט, און ער האָט מכבד געווען מיט בענשען דעם בעל שמ'ס שליח.

איצט זיינען אלעמענס בליקען געווען אויף אָט דעם אידען, וואָס איז געזעסען ביים טיש ווי דעם בעל שמ'ס שליח. ר' יהודה זוסע איז געווען זיין נאָמען.

ר' יהודה זוסע האָט קענטיג זיך געפילט אין א פארלעגענהייט.

— איך בין ניט געוואוינט צו בענשען פאר א גרויסען עולם, — האָט ער געזאָגט, און ער האָט געבעטען זיך דערלאנגען א סידור. — איך בין געוואוינט צו דאווענען און צו בענשען פון סידור — האָט ער מוסיף געווען.

דאָס אליין איז געווען געגנוג, אז די גרויסע לומדים, נכבדים ביים טיש, וואָס זיינען צו אזא זאך ניט געווען געוואוינט, זאָלען זיך איבער־ווארפען מיט בליקען, אויסדריקען פארוואונדערונג.

באלד זיינען זיי געוואָרען נאָך מער פארוואונדערט. ר' יהודה זוסע האָט אָנגעהויבען בענשען פון סידור ארויס, אָבער דער אופן ווי ער האָט געזאָגט עברי איז געווען ניט אנדערש ווי פון א וויסטען עם הארץ, וואָס ווייס ניט קיין פירוש המילות.

אפילו זיין קול איז געווען ווי פון א פארגרעבטען מענשען. אזא עברי הערט מען פון א בעל עגלה, א בור־דאורייתא.

די גאונ'ישע געסט ביים טיש, באזונדערס ר' משה דער ראש הקהל און ר' ברוכ'ס מחותן, האָבען ארונטערגעלאָזט די קעפּ אין בושה. ר' משה האָט דערפילט, ווי ער דארף זיין מחותן ר' ברוכ'ן מיט עפּעס טרייס־טען און איבערבויגענדיג זיך צו אים, האָט ער אים סימפּאטיש אריינגע־שושקעט אין אויער, אז ער, ר' משה איז זיך משתתף אין זיין צער איבער דעם, וואָס זיין רבי, דער בעל שם פון זאמאשטש, האָט אים פארשאפט אזוינע בזיונות, שיקענדיג צו זיין שמחה אן עם־הארץ, א שטיק האָלץ?

— האָט דען אייער רבי ניט געקענט שיקען אימיצען וואָס זאָל ניט פארשטערען די שמחה? — האָט ער געפרעגט.

ר' ברוך האָט אָבער, קענטיג, זיך גאָר ניט גענויטיגט אין די טרייסטווערטער פון זיין געהויבענעם מחותן.

— זייט ניט באזאָרגט, מיין טייערער מחותן, — האָט ער צו אים געזאָגט. — אויב דער רבי מיינער האָט געשיקט אהער אָט דעם אידען, האָט ער זיכער אויסגעקליבען דעם פּאסיגסטען פאר אָט דער שליחות. ס'פאלט מיר גאָר ניט איין אויף קיין רגע, אז אָט דער שליח האָט, חלילה, מיט עפּעס מיר פארשעמט און ווער רעדט פון האָבען פארשטערט די שמחה!

און ווי ר' ברוך וואָלט זיך מיט דעם נאָך ניט געהאט באנוגענט, האָט ער ווייטער געזאָגט:

— אויב מיין רבי, דער הייליגער בעל שם, וואָלט מיר געהייסען נעמען פאר מיין זון די טאָכטער פון ווענען ניט־איז, וואָלט איך ניט איבערגעטראכט קיין רגע און וואָלט געטאָן ווי ער האָט מיר געהייסען. סיי איך, סיי מיין ווייב און סיי מיין זון זיינען מיט אָט דער זעלביגער דעה, בנוגע דעם בעל־שם. און אויב דער בעל שם האָט אויסדערוויילט פאר מיין זון ר' אהרנ'ס געראָטענע טאָכטער, זיינען מיר ממש גליקליך. די כלה איז באמת א געראָטען קינד און וואָס איז נוגע ר' אהרנ'ען, איז ער א מענש וואָס האָט זיך מוסר נפש געווען פאר הרבצת תורה. איך באטראכט עס פשוט פאר א גרויסען זכות, וואָס מיין זון וועט ווערען ר' אהרנ'ס איידים.

ר' משה האָט אויסגעהערט זיין מחותן און איז געווען געפּלעפּט. ער האָט מער קיין וואָרט ניט געזאָגט. אויב ביי ר' ברוכ'ן איז עס אלץ געווען ניחה, וואָס האָט ער דאָ געהאט צו זאָגען?

אָבער אויב ר' ברוך בטלן האָט אלץ אָנגענומען פאר גוט, אפילו וואָס איז נוגע דעם בעל שמ'ס שליח צו דער שמחה, איז אָבער ר' משה ניט געווען דער איינציגער, וואָס האָט אויסגעדריקט פארוואונדערונג. געווען

אפילו צווישען דעם בעל שמ׳ס נאכפאלגער אין פויזען אזוינע, וואס האבען געהאלטען, אז עפעס איז ר׳ יהודה זוסע ניט געווען דער פאסיגער מענש, וואס זאל פארטרעטען דעם בעל שם.

זיין הילוך און זיין אויסזען זיינען געווען מגושמ׳דיג, גראב און פראסט. זיין הנהגה איז געווען ווי פון אן עם־הארץ. ווען ניט די בריוו וואס ער האט געהאט מיט זיך פון דעם בעל שם, וואלט מען אים איינפאך ניט געגלויבט, אז ער איז טאקע דעם בעל שמ׳ס שליח?

ר׳ משה, כאטש ער האט פון ר׳ ברוכ׳ן געקראגען אן ענטפער, וואס האט קלאר געוויזען, אז ער, ר׳ ברוך, איז פולשטענדיג צופרידען סיי מיט׳ן שידוך און סיי מיט׳ן בעל שמ׳ס שליח, האט אבער דעם ענין ניט געקאנט פארגעסען. ער האט זיך געוואונדערט אויב זיין מחותן ר׳ ברוך איז ניט פארבלענדעט און איז פשוט פארפירט געווארען.

דער ראש הקהל האט אבער ניט געהאט קיין אנדער ברירה, ווי צו ריידען וואס ווייניגער וועגען אט דעם ענין. אין א געוויסער מאס, איז עס אויך געווען זיין שאנדע, ער איז דאך געווען ר׳ ברוך׳ס א מחותן.

דערווייל האט מען זיך געהאלטען אין גרייטען צו דער חתונה. פארשטייט זיך, אז די חתונה, פונקט ווי די תנאים, האט געדארפט זיין אויף ר׳ ברוכ׳ס חשבון. ר׳ אהרן איז געווען צו ארים, אז ער, כאטש ער איז פון דער כלה׳ס צד, זאל פראווען די חתונה.

און אויב ר׳ ברוך האט געפראוועט אזא גרויסארטיגען קנס־מאל, ווי האט שוין געדארפט זיין די חתונה?

איז טאקע די חתונה געווען אזא, פון וועלכער פויזען האט געהאט לאנג צו ריידען. אזוי פיל גדולי תורה, אזוי פיל נכבדים, זיינען נאך קיינמאל פריער ניט צוזאמענגעבראכט געווארען צו א חתונה.

ווידער איז ר׳ משה, דער ראש־הקהל, געווען צווישען די הויפט־מחותנים. כאטש ער האט נאך גוט געדענקט, וואס עס איז געשען צו די תנאים מיט דעם בעל שמ׳ס שליח, האט ער אבער קיין ווארט ניט געזאגט און איז געקומען צו דער חתונה. אין הארצען האט ער זיך אבער געפרעגט: וואס וועט זיין איצט מיט׳ן בעל שמ׳ס שליח?

וועט דער זעלבער ר׳ יהודה זוסע ווידער געשיקט ווערען פון בעל שם צו דער התונה, אדער וועט עס זיין עמיצער אנדערש און טאקע איינער וואס וועט ניט זיין אזא עם־הארץ ווי ר׳ יהודה זוסע?

צו ר׳ משה׳ס איבערראשונג און צו דער איבערראשונג פון א סך אנדערע, איז צו דער חתונה געקומען, ווי דעם בעל שמ׳ס שליח, דער זעלביגער ר׳ יהודה זוסע.

וועט דאס מאל כאטש ר׳ ברוך זיין פארזיכטיג און אים ניט מכבד זיין מיט בענשען, אדער מיט עפעס אנדערש, וואו ער זאל דארפען פאר אלעמען ארויסווייזען זיין עם־הארצות?

צו אלעמענס גרויסן וואונדער, איז ר׳ יהודה זוסע צו דער חתונה געקומען אנגעטאן ניט אין קיין פראסטע מלבושים, ווי צום קנס מאל, נאר אין דעם וואס מען רופט אויף גמרא לשון א „איצטלא דרבנן", רבנ׳ישע קליידער, און אן אטלעסענע זשופיצע און מיט א שטריימעל, אט ווי לומדישע אידען גייען אנגעטאן.

וואלט ר׳ יהודה זוסע כאטש געווען אין זיינע וואכענדיגע און עם־הארצ׳דיגער הלבשה, וואלט ער מער קיין אויפמערקזאמקייט ניט צוגעצויגען.

# קכח.

## אייגענע און קהל׳שע צרות

דער שליח אנטפלעקט זיין אמת׳ן פנים. — ר׳ משה׳ס אידים פארליערט זיין זכרון. — ר׳ שניאור זלמן בייט אום עשירות אויף עניות.

דעם בעל שמ׳ס שליח, ר׳ יהודה זוסע, אויף דער חתונה פון ר׳ ברוכ׳ס זון, בנימין, האט אויפגעריסען די אויגען פון אלע מחותנים, צווישען וועלכע עס האבען זיך געפונען די סאמע פני פון פויזען. צום קנס־מאל איז ר׳ יהודה זוסע געקומען אנגעטאן ווי אן עם הארץ און האט זיך געהאלטען ווי אן עם הארץ.

דער חידוש איז דאמאלט געווען, וואס ר׳ יואל, דער בעל שם פון זאמאשטש, האט דוקא אויסגעקליבען אזא עם הארץ ווי ר׳ יהודה זוסע, אים צו פארטרעטען אויף אזא געהויבענער שמחה. איצט איז דער חידוש געווען, וואס דער זעלביגער שליח האט געוואגט צו קומען צו דער חתונה אנגעטאן אין אן אטלעסענער זשופיצע און מיט א שטריימעל, ווי אן אמת׳ער תלמיד חכם.

דער עולם האט נאך גוט געדענקט, ווי אט דעם בעל שמ׳ס שליח האט געבענשט אויף דעם קנס־מאל. ער האט ממש זיך געבראכען די ציין זאגענדיג די עברי אפילו ווען ער האט עס ארויסגעלייענט פון א סידור.

איצט האָט ער זיך ארומגעדרייט צווישען די מחותנים, מעשה תלמיד־חכם.

ר׳ ברוך, ווי עס וואָלט קיין זאך ניט געשען, האָט זיין רבינ׳ס שליח, ר׳ יהודה זוסע׳ן, אויפגענומען מיט גרויס כבוד און אים געזעצט אויבען־אָן, ביי דער רעכטער האנט פון חתן.

די מחותנים ארום, אלע גרויסע לומדים, האָבען גערעדט תורה. ר׳ יהודה זוסע האָט דאָס מויל ניט געעפענט.

נאָך דער חופה־וועטשערע האָט דער חתן געהאלטען א לומדישע דרשה. בנימין האָט אין זיין דרשה ארויסגעוויזען גרויס לומדות.

ווי דער שטייגער, האָט מען דערוואַרט, אז נאָך דעם חתנ׳ס דרשה זאָלען די לומדישע מחותנים זיך אָנהויבען מפלפל צו זיין טאקע וועגען די ענינים, וועלכע בנימין האָט באריהרט אין זיין דרשה.

אָבער נאָך איידער אימיצער פון די מחותנים האָט באוויזען צו עפענען דאָס מויל, האָט ר׳ יהודה זוסע געבעטען רשות ביי די צוויי בעלי־שמחה, דעם חתנ׳ס פאָטער, ר׳ ברוכ׳ן, און דער כלה׳ס פאָטער, ר׳ אהרן מלמד, עפעס צו זאָגען, און ער האָט אָנגעהויבען צו פרעגען קשיות אויף דעם וואָס דער חתן האָט געזאָגט אין זיין דרשה, און דאָן, צו אלעמענ׳ס שטוינען, אָט די קשיות פארענטפערט.

די קשיות, וואָס ר׳ יהודה זוסע האָט געשטעלט, האָבען שוין אליין געוויזען זיין גרויסע בקיאות און חריפות. די תירוצים וואָס ער האָט דערנאָך געגעבען האָבען אלעמען ממש געפּלעפט מיט דער אומדערוואַרטעטער לומדות וואָס ער האָט ארויסגעוויזען.

הייסט עס, אז ר׳ יהודה זוסע, דעם בעל שמ׳ס שליח, איז גאָרניט געווען דער עם הארץ פאר וועלכען מען האָט אים, לכתחילה, געהאַט אָנגענומען. דער „איצטלא דרבנן" (רבנ׳ישע קליידער), וואָס ער האָט געטראָגען צו דער חתונה, איז געווען אויפ׳ן ריכטיגען אָרט.

נאָך מער האָט דער עולם געשטוינט פון דעם וואָס ר׳ יהודה זוסע האָט זיין לומד׳ישען שמועס געפירט מיט א קלאָרען לשון, גאָרניט ווי ביים קנס־מאָל, ווען ער האָט געזאָגט עברי ווי א בעל־עגלה!

ר׳ משה, דער ראש הקהל פון פויזען, ר׳ ברוכ׳ס מחותן, און די אנדערע לומד׳ישע מחותנים, האָבען איצט אָנגעקוקט איינער דעם צווייטען און פשוט ניט געוואָלט גלויבען וואָס זיי הערען און וואָס זיי זעען.

איצט האָבען אָט די לומד'ישע מחותנים געהאט וואָס זיך מפלפל צו זיין ניט נאָר וועגען דעם, וואָס דער חתן האָט געזאָגט, נאָר אויך וואָס ר' יהודה זוסע האָט געזאָגט.

ר' משה האָט ביי זיין מחותן ר' ברוכ'ן געבעטען מחילה, פאר דעם וואָס ער האָט אויפ'ן קנס־מאָל זיך אויסגעדריקט מיט גרינגשעצונג וועגען דעם בעל שמ'ס שליח, אָננעמענדיג אים פאר אן עם הארץ. ר' משה האָט פשוט געדענקט, אז דער בעל שם האָט געבראכט ר' ברוכ'ן חרפות און בזיונות, דורך שיקען צו זיין שמחה אזא פארשוין ווי ר' יהודה זוסע.

איצט האָט ער שוין געוואוסט, אז די נאָכפאָלגער פון ר' יואל בעל שם האָבען א גאָר אנדער דרך. ניט אומעטום און ניט אלעמאָל וויזען זיי זיך ארוים מיט זייער לומדות.

אידען אין פויזען און אין דער סביבה האָבען לאנג געהאט וועגען וואָס צו ריידען. דאָס וואָס ר' יהודה זוסע האָט זיך ארויסגעוויזען צו זיין א גרויסער למדן, און דערצו נאָך דער אופן ווי אזוי ער האָט זיין לומדות ארויסגעוויזען, איז פאר'ן עולם געווען אן אנטפלעקונג.

ר' משה און א סך אנדערע, וואָס זיינען תמיד געווען געגנער פון בעל שם און זיינע נאָכפאָלגער, האָבען איצט אָנגעהויבען זיך צו באציען צו זיי מיט מער יראת הכבוד.

צוויי יאָר צייט איז בנימין מיט זיין פרוי, ר' אהרן מלמד'ס טאָכטער, געבליבען ביי זיין פאָטער'ס טיש. פאר דער צייט האָט ער ווייטער געלערענט תורה.

ער איז דאן אָנגענומען געוואָרען פאר א רב אין גראָדנע, וועלכע איז דאן געווען א שטאָט בארימט מיט אירע גרויסע לומדים. ר' בנימינ'ס פרסום איז פון דאָרטען געוואָרען גרוים איבער גאנץ פוילען און ליטע און אויך אין אידישע קהילות אויסער די גרעניצען פון יענע לענדער.

ר' משה איז שפעטער נאָך ענגער פארבונדען געוואָרען מיט ר' ברוכ'ן. בעת זיין אינגסטער זון, שניאור זלמן, האָט חתונה געהאט מיט ר' ברוכ'ס לומד'ישער טאָכטער רחל, האָט זיין טאָכטער פריידעל חתונה געהאט מיט ר' ברוכ'ס עילוי'שען פלימעניק קדיש.

מיט קדיש'ן, וועלכער האָט אזוי שטארק גע'שמ'ט מיט זיין לומדות, איז שפעטער געשען אן אומגליק. ווען ער איז געווען פינף און רדייסיג יאָר אלט איז ער פלוצים קראנק געוואָרן און איז א לאנגע צייט געלעגען באוואוסטלאָז.

מען האָט פאַר אים מתפלל געווען און געטאָן פאַר אים אַלערליי סגולות. עס האָט גענומען חדשים ביז קדיש איז ארויס פון סכנה.

ער איז פון דער קראַנקהייט ארויס אזוי אָפּגעשוואכט, אז ער האָט ניט געהאט קיין כוח צו ריידען. אויך זיין זכרון איז אָפּגעשוואכט געוואָרען. ער האָט פשוט פארגעסען אלץ וואָס ער האָט געלערענט. ער האָט אפילו פארגעסען ווי א ברכה צו מאכען.

אז ער איז ארונטער פון בעט, האָט זיך זיין זכרון נאָך ניט געהאט צוריקגעקערט. ער האָט געמוזט דאווענען פון סידור און אויך מאכען א ברכה פון סידור.

צוליב זיין צושטאנד האָבען דאָקטוירים ר׳ קדיש׳ן פארבאָטען אריינצוקוקען אין א ספר. עס האָט גענומען א יאָר ביז די דאָקטוירים האָבען אים דערלויבט אריינצוקוקן אין א ספר און ר׳ קדיש האָט ביסלעכ־ווייז אָנגעהויבען לערנען, אָבער זיין פריערדיגע לומדות האָט זיך שוין צו אים ניט צוריקגעקערט.

ביי יענער צייט איז שוין ר׳ קדיש׳עס מוטער געווען אויפ׳ן עולם האמת. פיל מאָל פלעגט ר׳ קדיש מיט גרויס צער זאָגען, אז ער דאנקט דעם אויבערשטען, וואָס זיין מוטער האָט ניט דערלעבט צו זען אים אין אזא צושטאנד, אז ער זאָל האָבען פארגעסען זיין תורה.

זיין מוטער, די אלמנה, וועמעס טרייסט ר׳ קדיש איז געווען, וואָלט איר זונ׳ס מחלה פשוט צעבראָכען. אָבער אויב ר׳ קדיש האָט ניט געהאט קיין מאמען, וואָס זאָל זיך צוליב זיין מצב מצער זיין, האָט ער געהאט א שווער און א שוויגער און אויך א ווייב. ער האָט נאָך אויך געהאַט זיין פעטער ר׳ ברוכ׳ן.

זיין שווער ר׳ משה, דער רייכער ראש הקהל פון פויזען, האָט נאטירליך, געמוזט טראָגען דעם גאנצן עול פון ר׳ קדיש׳ן און זיין ווייב. עס הייסט, ר׳ משה׳ס טאָכטער פריידעל. דאָס וואָס ר׳ משה האָט געדארפט אויסהאלטען זיין אידים און זיין טאָכטער איז, נאטירליך, געווען א קליינינקייט.

וואָס האָט ר׳ משה׳ן פארשאפט צער, איז וואָס ר׳ קדיש, וועלכער האָט אזוי גע׳שמ׳ט מיט זיין לומדות, איז פשוט פאַר־עם־הארצ׳ט געוואָרען. עס איז געוואָרען א צער צו קוקען אויף ר׳ קדיש׳ן. ער, וואָס איז געווען אן עוקר־הרים אין דער לומדישער וועלט, האָט זיך געדארפט מאטערען

איבער א פרשה חומש, א קאפיטל נ"ך און א פרק משניות. א בלאט גמרא איז ממש געווען איבער זיין השגה.

ר' משה האט אויך גרוים נחת ניט געהאט פון זיין אייגענעם זוהן, ר' שניאור זלמן, דער איידים פון ר' ברוכ'ן. וואס איז שייך לומדות, האט ער זיך אויף ר' שניאור זלמנ'ען ניט געהאט וואס צו באקלאגען. ר' שניאור זלמן איז אויסגעוואקסען גאר א גרויסער למדן. ער האט אין לומדות איבערגעשטייגט זיינע אנדערע צוויי ברידער.

דאס האט ר' משה'ן דוקא פארשאפט גרויס נחת-רוח. ר' משה האט אבער דערוואַרט, אז זיין זון זאל ניט זיין נאר א גדול בתורה, ער האט געוואלט אז ר' שניאור זלמן זאל זיין ווי ער, תורה וגדולה במקום אחד.

ווי מיט די אנדערע צוויי זין זיינע, האט ר' משה געוואלט פון ר' שניאור זלמנ'ען מאכען א סוחר. ער האט אפילו אים באזארגט מיט א גאנץ היבשען סכום געלט און אים מדריך געווען אין מסחר.

ר' משה האט ארויסגעקוקט, אז ר' שניאור זלמן זאל זיך אויסטויגען צו מסחר און זאל מיט דער צייט קאנען שטיין אויף די אייגענע פיס. דאס איז אבער ניט געווען דער פאל.

ר' שניאור זלמן האט פשוט געלאזט וויסען זיין פאטער, אז ניט נאר טויג ער זיך ניט אוים צו מסחר און וויל זיך ניט אויסטויגען, נאר ער האט בכלל ניט געוואלט האבן צו טאן מיט דער וואכעדיגער וועלט.

האט ער זיך בעסער גענומען צו מלמדות.

ר' משה איז געווען געפלעפט.

— מיין זון א מלמד? — האט ער געפרעגט. — דו ווערסט דאך פשוט בלייבען אן אייביגער ארימאן!

ר' שניאור זלמן האט אויף דעם געענטפערט:

— איך וויל בעסער זיין א מלמד אן ארימאן, א מחוסר לחם, איידער א סוחר א גביר און זיך באדען אין עשירות.

ר' משה איז נאך אבער מיט זיין זון ניט געווען פארטיג.

— גוט, דו ביסט א בטלן און דערצו א שמח בחלקך, אבער וואס איז מכח דיין ווייב, רחל? זי קומט פון א רייך-הויז. זי איז געוואוינט צו

אלע נויטיגקייטען. פון מלמדות וועסטו איר אפילו מיט קיין גענוג ברויט ניט קאָנען באַזאָרגען!

ר' משה האָט געמיינט, אז ער האָט דאָ זיין זון געפאנגען, צוגע־נאָגעלט צום וואנט. ער וועט ניט קאָנען אָפּקומען מיט אבי וועלכען תירוץ.

ר' שניאור זלמן האָט אָבער געהאט א גאנץ קלאָרע תשובה וועגען אלעם.

רחל אליין האָט צוגעשטימט צו לעבען מיט אים אין דחקות אלס מלמד, איידער אין עשירות אלס סוחר.

— רחל איז א כשר'ע און ריינע נשמה, — האָט ר' שניאור זלמן מסביר געווען זיין פאָטער. — איך האָב איר צו גאָרניט געדארפט צוריידען. זי איז מיט מיר מסכים אין אלץ. זי איז די כשר'ע אידישע טאָכטער וואָס טוט „רצון בעלה".

הערענדיג אזוינע דיבורים פון זיין זון, האָט ר' משה שוין געוואוסט, אז ער וועט מיט אים גאָרניט מאכען, ער וועט אים ניט קאָנען איבעררריידען צו פארנעמען זיך מיט מסחר. ר' משה האָט אויך געוואוסט, אז אויב אפילו ער זאָל זיך יאָ פארנעמען מיט מסחר וועט ער אויך ניט האָבען קיין הצלחה. ער טויג זיך צו דעם פשוט ניט אויס.

כל זמן ער, ר' משה, האָט געלעבט, און איז געווען דער גרויסער עושר, האָט ער נאָך געקאָנט זאָרגען פאר זיין זון, אָבער וואָס וועט זיין לאחר מאה ועשרים שנה? האָט ער זיך געפרעגט.

דאן איז עס ניט געווען נאָר א פראַגע פון לאחר מאה ועשרים שנה. ווי רייך איינער זאָל ניט זיין, וואו איז די פארזיכערונג, אז ער וועט אין א געוויסען טאָג ניט ווערען קיין יורד?

אגב האָט שוין משה לאנג געפילט, אז אויף פויזען רוקען זיך אָן שווערע טעג. ער האָט געפילט בחוש, אז דער טאָג דערנענטערט זיך, ווען א סך אידען וועלען פשוט מוזען אנטלויפען פון פויזען.

א איד, ווי רייך ער איז ניט געווען, האָט קיינמאָל ניט געקאָנט זיין זיכער, אז זיין עשירות וועט אָנהאלטען. עס האָבען אויף אים געלויערט געפארען פון אלע זייטען.

און אויף פויזען האָבען זיך טאַקע אָנגעהויבען רוקען אלערליי צרות.

פאר א לאנגער צייט האָט ער, ר' משה, ווי דער ראש הקהל פון שטאָט, טאקע באוויזן אָפּצואווייכען פארשידענע געפארען פאר דער אידישער קהלה.

עס איז אָבער געקומען א צייט ווען ר' משה האָט געמוזט אָנהויבען פרעגען „מאין יבוא עזרי ?"

# קכט.

## גוי'אישע גוטסקייט און רשעות

**אַ נייער בישאָף און אַ נייע וועג ווי צו פאַנגען אידישע נשמות. — די געפאַר פון אויסמישונג. — דער „גוטער" בישאָף ווייזט זיינע אמת'ע קאָלירען. — ר' משה פארלאָזט פויזען.**

איינע פון ר' משה'ס העלדישקייט איז געווען, ווי מיר ווייסען שוין, וואָס ער האָט באוויזן צו פארשטאָפּען די מיילער פון די צו ווילדע־ווערטע גלחים, ביי א פארזאמלונג, ווען עס האָט זיך געהאנדעלט וועגען דער באשולדיקונג געגען אידען, אז זיי האָבען פארשוועכט די קריסט־ליכע „הייליקייט" אראָפּרייסענדיג דעם אותו האיש פון דעם צלם אין מיט'ן שטאָט, און אריינווארפען עס אין מיסט.

ר' משה אלעס דער הויפּט פון דער אידישער דעלעגאציע, וואָס איז געקומען צום פארזאמלונג, האָט ממש מיט וואונדערליכע שטאָלצקייט באוויזן צו אָפּשטעלען דעם גרויסען אומגליק וואָס האָט געלויערט איבער די אידען אין פויזען.

מיט דעם האָט עס זיך אָבער נאָך ניט פארענדיגט. דער עלטסטער פון די גלחים, נאָכפאָלגענדיג די באשולדיקונג פון ר' משה'ן, אז ניט קיין אנדערער ווי דער יונגער גלח וואָס האָט אזוי געשטורעמט געגען די אידען, מער פון אלע אנדערע פארזאמעלטע גלחים, איז גאָר אליין דער, וואָס האָט אָפּגעטאָן די שמוציגע שטיקעל ארבעט.

אויסגעפינענדיק דאָס, האָבען די עלטערע גלחים ניט געקענט אים פארגיבען אויף דעם. כאָטש זיי האָבען צוגעשטימט צו זיין כוונה, וואָס עס איז דאָך געווען אן אויסגעצייכענטער פלאן צו אָנשרעקען די אידען, אָבער זיינע מעשים; צוברעכען מיט די אייגענע הענט אזא „הייליקייט" און אריינווארפען עס אין שמוץ, דאָס קען אים שוין אין קיין פאל ניט פארגעבען ווערן.

אויך זיינע חברים, די יונגע גלחים האָבען זיך אָנגעפאנגען צו דערווייטערן פון אים.

דער יונגער פארזינדיקטער גלח, פאר'נזוף'ט פון די עלטערע גלחים, און דערצו נאָך דערווייטערט פון זיינע חברים, האָט באשלאָסען צו פארלאָזען פויזען, ער האָט זיך אוועקגעלאָזט צום קריסטליכען צענטער אין רוים.

גראדע דאָרטען האָט ער דווקא אויסגענומען, אין משך פון זיין פאראהלטען זיך דאָרטען עלעף יאָר, האָט ער זיך גוט אויסגעלערנט דרש'ענען, און אויספירען פארשידענע מיסיאָנען, אזוי אז ווען עס איז דערגאנגען די ידיעה צום פויפסטליכען פאלאץ, וועגן דעם טויט פון'ם בישאָפ פון פויזען, איז גלייך אויסגעקליבען געוואָרען ניט קיין אנדערער ווי דער באגאבטער יונגער גלח צו פארנעמען די פירערשאפט פון פויזען, זייענדיק אליין א געבאָרענער פון דאָרט.

ווען עס איז באקאנט געוואָרען צו די אידען ווער דער נייער בישאָפ איז, איז דאָס אליין שוין געווען גענוג אורזאך צו בייאומרואיקען און צו דערשרעקען די שטאָט, ערוואַרטענדיג פון אזא שונא ישראל דאָס ערגסטע, עס איז ביי קיינעם קיין צווייפל ניט געווען, אז ער וועט אָנווענדן אלע מיטלען שלעכטס צו טאָן אידען.

צום אלעמענס איבעראשונג, האָט דער נייער בישאָפ גאָר אָנגעפאנגען צו פריידיגען לטובת די אידען, און רופען אלע גוים צו דערנענטערען זיך וואָס מער צו די אידען, ער איז נאָך געגאנגען אזוי ווייט ווי צו פארלאנגען פון די גוי'אישע יוגענט צו אויסמישען זיך מיט די אידען, צו ווערן מיט זיי איין פאָלק.

זייענדיג א גלענצענדער רעדנער האָט דער נייער בישאָפ געהאט גרויס השפעה אויפ'ן גוי'אישען המון, און אז עס איז נאָר אדורך איין יאָר, האָט זיך שוין באלד ארויסגעוויזען די פריינטשאפט צווישען די אידישע און גוי'אישע יוגענט, צום צער פון די רבנים און ראשי הקהל און אלע פאראנטוואָרטליכע אידען.

עס האָט ניט לאנג גענומען, און עס האָט זיך געמאָלדען צום בית דין פון פויזען א יונגער גוי, מיט'ן פארלאנג צו מגייר זיין אים.

דער אב בית דין מיט דער קהלה האָבען צוריקגעוויזען זיין פארלאנג, שטיצענדיג זיך אויף די דינים, אונטער וועלכע אומשטענדען מען מעג אָננעמען גרים, און ווען מען טאָר ניט.

די פאסירונג איז שנעל פארשפרייט געוואָרען, און עס איז געוואָרען א טומעל פון די גלחים און קריסטליכע פירער, סטייטש! אזא חוצפה! צוריקצווייזען א פארלאנג אריינצוקומען אין דער אידישער מחנה ! ?

די אידען אין פויזען זיינען געווען געפלעפט. אזוינס האָט נאָך קיינמאָל ניט געהאט פאסירט פריער: קריסטליכע יונגעלייט זאָלען זיך וועלען מגייר זיין און די גלחים און אנדערע קריסטליכע פירער זאָלען נאָך באשטיין, אז אידען זאָלען אָט די גרים אריינגעמען אין זייער מחנה.

באזונדער איז דאָ געווען געפלעפט דער ראש הקהל פון פויזען, ר' משה. ר' משה איז געווען א וועלט־מענש. ער איז געווען גוט באקאנט מיט דער קריסטליכער וועלט. ער האָט געוואוסט ווי להוט די קאטוילישע קירך איז געווען צו פאנגען אידישע נשמות. איצט וויל גאָר די קירך, אז קריסטען זאָלען איבערגיין צום אידענטום און טאָמער זיינען אידען ניט געגרן מגייר צו זיין אָט די קריסטען, מאכען די גלחים א ויצעקו.

ר' משה האָט, נאטירליך, גוט געוואוסט, אז דאָס אלץ שטאמט פון דעם בישאָף. אָבער טאקע דערפאר איז ער געווען אזוי פארוואונדערט.

ר' משה האָט גוט געדענקט, וואָס פאר א צורר היהודים אָט דער בישאָף איז געווען אין די פריערדיגע יאָרען און ווי אזוי ער האָט שיער ניט געבראכט א גרויסען אומגליק אויף אידען. זיכער איז דער בישאָף ניט געוואָרען פלוצלינג קיין אוהב ישראל. אוודאי האָט עפעס געשטעקט אין זיין איבערקערען דעם פעלץ און אין פריידיגען חבר'שאפט צווישען אידען און קריסטען.

און כאָטש ר' משה האָט זיך געקענט משער זיין, אז די אמת'ע כוונה איז דאָ סוף כל סוף אָפצו'שמד'ן אידען אָנשטאָט מגייר צו זיין גויים, האָט ער אָבער זיך ניט געקענט דערגרונטעווען צו דעם וואָס אין דעם אלעם האָט געשטעקט. דער גאנצער ענין איז פאר אים געווען א מיסטעריע.

מאכט זיך, אז ר' משה דאַרף מאכען א נסיעה קיין אויסלאנד צוליב מסחר. ער האָט אזוינע נסיעות געמאכט גאנץ אָפט. ער האָט באזוכט דייטשלאנד, פראנקרייך און אויך איטאליע.

אז ער איז געווען אין איטאליע האָט ער צווישען אנדערע שטעט אויך באזוכט רוים. ווי תמיד האָט ער זיך דאָרט געטראָפען מיט הויכע גייסטליכע, גרייכענדיג אזש צום פויפסטליכען פאלאץ. דאָרט האָט ער מיט די הויכע גייסטליכע דיסקוטירט פארשיידענע ענינים וועגן אמונה און אלגעמיינע וועלט־ענינים.

ר' משה האָט דאָ געהאַט א געלעגענהייט נאָכצופרעגן זיך וואָס אזוינס ס'קען שטעקען אין דער טאַקטיק פון דעם פויזנער בישאָף, וועלכער האָט זיך פאַרנומען אויף א דרך פון פריינטליכקייט צו אידען. ר' משה האָט ניט באהאַלטען דעם פאַקט, אז די אידען אין פויזען פילען זיך שטאַרק צערודערט איבער דעם. וואָס האָבען אָבער געהאַט צו זאָגען וועגען דעם די הויכע גייסטליכע פון דער קאַטוילישער קירך?

צו ר' משה'ס שטוינען האָט ער אויסגעפונען, אז אין אמת'ן שטאַמט עס גאָר ניט פון דעם פויזנער בישאָף, דעם אמאָליגען שימפּער פון אידען, נאָר פון וואַטיקאַן גופא. די קאַטוילישע קירך, וועלכע האָט פאַר א סך יאָרען מיט אן אייזערנער האַנט פּרובירט ארויפצוצווינגען שמד אויף אידען, האָט ענדליך איינגעזען, אז מיט בייזען קען מען ביי אידען גאָרניט אויספירען. מ'מאַכט גאָר ערגער. וואָס שטרענגער מ'באַגייט זיך אַלץ פאַר'עקשנ'טער ווערען אידען.

אידען האָבען זיך ניט דערנעענטערט צום קריסטענטום דערפאַר וואָס די גלחים האָבען ארויסגעלאָזט קעגען זיי די שווערסטע גזירות. האָבען די גייסטליכע זיך פאַרטראַכט און געקומען צו דער מסקנא, אז מ'דאַרף גאָר מיט אידען אומגיין מיט גוטען. מ'דאַרף זיי אָנהויבען באהאַנדלען ווי גלייכע און ניט ריידען קיין שלעכטס אויף דער אידישער אמונה.

מ'דאַרף גאָר די קריסטען זאָגען, אז אויב זיי ווילען זאָלען זיי אַליין ווערען אידען. די אויסרעכענונג דערביי איז, אז אויב דאָ און דאָרט וועט א קריסט טאַקע איבערגיין צו דער אידישער אמונה, וועלען דערפאַר צענדליגער אידען איבערגיין צום קריסטענטום. הכלל, מ'וועט אידען גיכער פאַנגען דורך גוטסקייט איידער דורך בייזקייט.

ר' משה איז געווען א פאַרציטערטער. ענדליך האָט ער זיך דער־וואוסט וועגען דעם גאַנצען פינסטערען פּלאַן, וואָס די קאַטוילישע קירך האָט פאַרטראַכט. האָט ער עפּעס געקענט טאָן וועגען דעם?

דערווייל האָט, אין ר' משה'ס אָפּוועזענהייט, דער בישאָף אין פויזען ווייטער געהאַלטען זיינע כלומר'שט אידען־פריינטליכע דרשות און גערופען די קריסטען צו זיין אזוי נאָענט מיט אידען, אזש צו זיין גרייט מיט זיי זיך צו פאַרמישען. אויב דאָס ווערט געטאָן דורך אָננעמען דעם אידישען גלויבען, איז אין דעם אויך ניט קיין בייז, האָט דער בישאָף פאַרזיכערט.

נאָכדעם ווי דער אָב־בית דין פון פויזען האָט זיך אנטזאָגט מגייר צו זיין דעם קריסטליכען יונגערמאַן, וואָס איז צו אים געקומען פאַר אַט דעם

צוועק, האָט זיך אָפּגעזוכט א שיקסע, וועלכע האָט זיך אויך אָנגעבאָטען אָנצונעמען דעם אידישען גלויבען.

פארשטייט זיך, אז דער ראש בית דין האָט זיך אויך אנטזאָגט מגייר צו זיין דער שיקסע. ער האָט געפונען געננג תירוצים אָנצוגעבען פארוואָס ער קען ניט דערפילען איר פארלאנג.

פארשטייט זיך, אז אונטער אזוינע באדינגונגען איז עלול אז עפּעס אומדערוואַרטעטעס זאָל פּאסירן און אזוי איז טאקע געווען. דאָס וואָס ס׳האָט פּאסירט האָט אויפגעברויזט די געמיטער פון די אידען אין פּויזען און פון דער גאנצער סביבה.

פּאסירט האָט אָט וואָס:

אין א דאָרף, ניט ווייט פון פּויזען, האָבען געוואוינט עטליכע אידישע משפחות. א יונגערמאן, וועמענס טאטע און מאמע זיינען אים געשטאָרבען, איז געוואָרען דער יורש פון זיין פאָטער׳ס שענק. אָט דער יונגערמאן איז געווען אן אמת׳ער עם הארץ. זיין טאטע אליין א פּאר־גרעבטער דאָרפס־מענש, האָט זיין זון קיינמאָל ניט געשיקט צו קיין מלמד. ער האָט דערפאר אפילו קיין צורת אלף ניט געקענט.

איבערנעמענדיג דעם שענק האָט ער דערפילט, אז ס׳וועט זיין לייכ־טער ווען ער וועט חתונה האָבען און האָבען א ווייב אים ארויסצוהעלפען.

אין שענק האָט געדינט א שיקסע, וועלכע האָט זיך גוט אויסגעטויגט צום געשעפט. דער אידישער יונגערמאן האָט שוין אויף איר לאנג געהאט געוואָרפען אן אויג.

האָט ער מיט איר חתונה געהאט. האָט ער דאן דערביי אָנגענומען דעם קריסטליכען גלויבען, אָדער האָט די שיקסע אָנגענומען דעם אידישען גלויבען? הערט און שטוינט.ביידע האָבען צווישען זיך אָפּגעמאכט, אז יעדער וועט בלייבען ביי זיין אָדער איר אייגענער אמונה.

אז אידען פון זעלביגען דאָרף האָבען אים אויסגערעדט און אים פאַרגעוואָרפען, אז דאָס מיינט זיין ניט קיין איד און ניט קיין גוי, האָט דער יונגערמאן אויסגעדריקט זיין פארוואונדערונג.

— וואָס הייסט? אָט האָב איך דאָך אליין געהערט פון גלח, אז אידען און גויים מעגען חתונה האָבען איינער מיט די אנדערע ניט צו דארפען איבערגיין צום צווייטענס גלויבען. דאָס האָבען דאָך אויך מתיר געווען די רבנים, האָב איך געהערט!

אז מ'האט אים אויפגעקלערט, אז דער „היתר" קומט נאר פון די גלחים, האט ער ניט געוואלט גלויבען.

נאכטראכטענדיג האט ער א זאג געטאן:

— און אויב יא, איז וואס? איז דאך א סימן, אז די גלחים פאר־שטייען אן עסק!

ס'איז שוין געווען קלאר אויף ווי וויט ס'גרייכט דער איינפלוס פון דער קירך אויף געוויסע אידען, טאקע א דאנק דער בלומר'שטער גוטס־קייט, וואס ס'איז צו אידען געוויזען געווארען.

ווען ר' משה האט זיך צוריקגעקערט פון זיין נסיעה קיין פויזען איז די שטאט געגאנגען כאדאראם. גרויס אויפרעגונג האט געהערשט צווישען פאראנטווארטליכע אידישע פירער. זיי האבען שוין אלע געהאט איינגעזען, אז די קאטוילישע קירך האט פארשפרייט א געפערליכען נעץ, אין וועלכען צו פאנגען אידען.

וואס האט געקענט געטאן ווערען קעגען דעם?

די ראשי הקהל און די רבנים און דיינים האבען געהאלטען איין אסיפה נאך דער צווייטער, ביז זיי זיינען געקומען צו דער מסקנא, אז מ'מוז עפעס טאן כדי צו פארצוימען דעם וועג פאר אידען, וואס האלטען זיך אין אריינגליטשען אין דער קריסטליכער מחנה.

ס'זיינען ארויסגעלאזט געווארען קול קורא'ס צום אידישען עולם און עס איז דערנאך ארויסגעגעבען געווארען א חרם קעגען די, וואס ברעכען דעם גדר און גייען אריבער צו די גויים.

עס איז אויסדריקליך פארבאטען געווארען אידען צו האבען צופיל צו טאן מיט גויים. נאר אין ענינים פון מסחר האבען אידען געמעגט זיך חבר'ן מיט ניט־אידען. אין אלע אידישע ענינים — אזעלכע וואס האבען צו טאן מיט דת, — האבען זיי געזאלט זיך האלטען פון די גויים פון דער וויטענס.

אין דער זעלביגער צייט האט די אידישע קהלה פון פויזען זיך געווענדעט צו די גלחים מיט א פראטעסט פאר דעם, וואס זיי האנדלען אזוי, אז ס'פירט צו דעם, אז אידען זאלען אנהויבען פארשוועכען זייער אייגענעם גלויבען.

די ווירקונג וואס דאס האט געהאט אויף די אידען אין פויזען און אומגעגענט, איז געווען א באלדיגע. אידען האבען זיך אנגעהויבען דער־

וויטערען פון די גלחים. ווי גרויס עס איז געווען די התקרבות אין מסחר, האָבען זיי אָבער געזעלשאפטליך זיך געהאלטען פון דערווייטען.

דער בישאָף פון פויזען האָט שוין געזען, אז זיין גאנצע מי, צו געווינען אידען מיט גוטען, איז געווען אן אומזיסטע. ערשט איצט האָט ער זיך אָנגעהויבען ארויסצואווייזען אין זיינע אמת׳ע קאָלירען.

דער בישאָף איז איצט געקומען צום פירשט פון פויזען מיט פשוט׳ער מסירה אויף אידען.

איצט האָט ער שוין ניט געהאט קיין סיבה צו זיין „גוט" צו אידען. ער האָט געקענט ווייזען זיין אלטע שנאה צו זיי.

ער האָט ווידער אויסגעטראכט א בלבול אויף אידען. דאָס מאָל איז עס געווען, אז די אידען האָבען פארלוימדעט די קריסטליכע אמונה. כדי צו באשטעטיגען זיינע רייד, האָט ער דעם פירשט צוגעשטעלט אן איבער־זעצונג פון דעם „קול קורא", וואָס די אידישע קהלה פון פויזען האָט ארויסגעלאָזט, וואָרענדיג אידען זיך צו האלטען אין זייער אייגענעם אידישען גדר און ניט אויסצומישען זיך מיט די גויים.

פארשטייט זיך, אז די איבערזעצונג איז געווען פול מיט פעלשונגען, כדי אלץ זאָל אויסזען ווי ער האָט עס געוואָלט. דער בישאָף האָט געפאָדערט, אז אויף די אידען זאָל געלייגט ווערען א שווערע געלט־שטראָף און אז בכלל זאָל מען מיט זיי האנדלען „ביד חזקה".

מ׳האָט זיי שוין געוויזען גענוג „גוטסקייט" און „פריינטליכקייט", האָט דער בישאָף גע׳טענה׳ט. איצט מוז מען די אידען ווייזען ווער עלטער איז.

ס׳האָט זיך אָנגעהויבען א סעריע פון גזרות און רדיפות. אידען אין פויזען האָבען געהאט גרויסע צרות אויסצושטיין.

צוויי יאָר האָט עס אזוי אָנגעהאלטען — אין די יאָרן תע"ח און תע"ט. אידען האָבען זיך שווער געראנגעלט מיט זייערע שונאים. זיי האָבן אויספרובירט אלערליי מיטלען כדי צו זיכערען זייער קיום. אָבער ס׳האָט גאָרניט געהאָלפען.

ר׳ משה׳ס אלע חכמות האָבען ניט געקענט צעשטערען די בייזוויליגע פלענער פון דעם בישאָף און זיינע חברים. ר׳ משה האָט שוין קלאָר געזען, אז די כוונה מצד די גלחים איז געווען אים און די אנדערע רייכע אידען

אין פויזען פשוט צו בארויבען פון אלץ וואס זיי פארמאגען, כדי זיי צו רעדוצירען צו הילפלאזיגקייט.

וואס לענגער זיי וואלטען געווארט אלץ ערגער וואלט געווארען. ר' משה האט דערפאר איינגערופען אן אסיפה פון אלע מנהיגים אין פויזען און האט מודיע געווען, אז לויט ווי ער זעט עס, איז קיין אנדער ברירה ניטא ווי צו פארלאזען פויזען.

— זאל יעדער ראטעווען אזוי פיל פון זיין פארמעגען ווי ס'לאזט זיך, — האט ר' משה גע'עצה'ט. — אויב איר וועט לענגער ווארטען, מיינענדיג אז איר וועט שפעטער ראטעווען מער וועט איר זיין ביטער אנטוישט. איר וועט פארלירען אלץ וואס איר פארמאגט און וואס איר האט אנגעזאמעלט מיט אזוי פיל שווערע מי. בעסער פארלאזט פויזען וואס גיכער.

כדי דאס זאל ניט ווערען אויפפאלענדיג די שונאי ישראל, האט ר' משה גע'עצה'ט, אז דאס זאל געטאן ווערען מיט גרויס פארזיכטיגקייט און געהיימניספולקייט, כדי ניט אויפצורייצען די אויגען ביי די צוררי היהודים, וואס האבען געלויערט אויף די אידען און זיי געהיט אויף שריט און טריט.

עס איז אויסגעארבעט געווארען א פלאן, אז דאס איבערקלייבען זיך פון פויזען זאל צוגיין לויט א סדר און א רייע. מ'האט געזאלט ווארפען גורל, ווער ס'זאל ארויס פון דארט פריער און אין וועלכער ארדענונג דאס זאל געטאן ווערען.

## קל.

## אידען אנטלויפען פון פויזען

**ר' משה באזעצט זיך אין מינסק און א טייל פון זיין משפחה אין וויטעבסק. — ברוך דערוויסט זיך וועגן זיין אייגענער משפחה פון פרעמדע. — א באגער צו באקענען זיך מיט זיין אייגענעם זיידן.**

די אידישע קהלה פון פויזען איז, אונטער ר' משה'ס פירערשאפט, געווען איינגעשטעלט אויף א מערווירדיגען אופן. דער געדאנק פון „כל ישראל ערבים זה בזה" — אז אידען טראגען אן אחריות איינער פאר'ן צווייטען — איז געווען דער יסוד פון אלע תקנות, וואס דער ראש הקהל האט איינגעפירט פאר דער קהלה.

סיי, אין גוטע צייטען און סיי, רחמנא לצלן, אין שלעכטע צייטען, זיינען די אינטערעסען פון קהל שטרענג אָפּגעהיט געוואָרען. דער יחיד האָט זיך געמוזט אונטערוואַרפען צום כלל.

איצט, אז עס זיינען פאַר די פויזנער אידען געקומען ביטערע צייטען, און עס איז געוואָרען קלאָר, אז דאָס בעסטע וועט זיין די שטאָט צו פאַר־לאָזען און צו זוכען א מקום מנוחה אנדערשוואו, האָט מען געמוזט שטארק אכטונג געבען, אז ס׳זאָל ניט אויסברעכען קיין בהלה אין שטאָט און אלע זאָלען זיך לאָזען לויפען פון שטאָט.

ס׳האָט בכלל געמוזט געהאַלטען ווערען בסוד, אז אידען קלייבען זיך ארויס פון שטאָט. דאָס פארלאָזען פויזען האָט געמוזט זיין א בהדרגה׳־דיגע, א קוים באַמערקבארע.

דאָס האָט געמיינט, אז בלויז איינצעלנע האָבען געדארפט פארלאָזען פויזען און זיי האָבען עס געזאָלט טאָן לויט א סדר. פאַר אָט דעם צוועק איז איינגעפירט געוואָרען א גורל. מ׳האָט געוואָרפען גורל און ווער ס׳האָט ארויסגעצויגען דעם „זכה בגורל" האָט געהאַט דאָס רעכט צו פארלאָזען די שטאָט און אויך דאָס האָט געמוזט זיין פארשטעלטערהייט. ס׳האָט אָדער געזאָלט הייסען, אז מ׳פאָרט אוועק צייטווייליג פאַר מסחר, אָדער אז מ׳קלייבט זיך איבער אין אן אנדער שטאָט אויף א געווענליכען שטייגער.

וואָלטען די צוררי היהודים זיך דערוואוסט, אז אידען פארלאָזען די שטאָט, וואָלטען זיי באַלד פרובירט פארכאַפּען די אידישע פארמעגענס אָדער טאַקסירען די אידען אזוי, אז ס׳וואָלט פון זייערע פארמעגענס סיי ווי גאָרניט געבליבען.

אָבער אויב די אידען האָבען זיך אויסגעהיט, אז זייערע פארמע־גענס זאָלען ניט אריינפאַלען צו די שונאי ישראל, האָבען זיי אָבער אליין ניט געוואָלט, אז די רייכע זאָלען אוועק מיט אלץ, וואָס זיי האָבען פארמאָגט און איבערלאָזען אין פויזען די אָרימע אידען און יענע זאָלען דאַרפן אויסשטיין צרות.

אויף אן אסיפה, וואָס ר׳ משה דער ראש הקהל, האָט איינגערופען, איז אָנגענומען געוואָרען א החלטה, אז יעדע משפחה וואָס פארלאָזט פויזען זאָל א פערטיל פון פארמעגען אָפּגעבען פאַר קהל. אויף אזא אופן האָבען די רייכע ניט געקענט זיך ראַטעווען אויפ׳ן חשבון פון די אָרימע.

אז עס איז געקומען צו ר׳ משה׳ן, אז ער זאָל פארלאָזען פויזען, האָט אויך ער געדארפט אָפּגעבען א פערטעל פון זיין פארמעגען.

ר' משה האָט שוין געהאט אויסגעקליבען מינסק פאר זיין נייע היים. מינסק איז אין יענער צייט געווען א וויכטיגער האנדעלס־צענטער. די שטאָט איז אויך געווען באוואוסט פאר איר תורה און חכמה.

ר' משה'ס קינדער זיינען שוין געווען אויסגעגעבענע און ניט אלע האָבען געוואָלט זיך באזעצן אין מינסק. אויף אזא אופן האָט זיך ר' משה'ס פאמיליע צעטיילט.

עס איז געווען אין יאָר ת"ף ווען ר' משה האָט פארלאָזען פויזען. זיין זון ר' שניאור זלמן, וועלכער האָט קיינמאָל ניט געוואָלט זיין קיין סוחר האָט זיך אָפּגעטיילט פון דער משפחה און האָט מיט זיין ווייב, די מלומדת רחל, זיך באזעצט אין וויטעבסק.

ר' שניאור זלמן, א חלוש, איז אָבער געווען א גרויסער מרביץ תורה. אָנשטאָט זיך צו נעמען צו מסחר האָט ער זיך אָפּגעגעבען מיט מלמדות. ער האָט זיך אָבער אנטזאָגט צו נעמען שכר־לימוד. ער האָט זיך אויך אנטזאָגט צו נעמען שטיצע פון זיין פאָטער.

ער האָט מיט'ן ווייב געלעבט פונ'ם ביסעל געלט, וואָס זיין פאָטער האָט אים געהאט געגעבען נאָך דער חתונה, כדי מיט דעם זיך צו קענען איינאָרדענען אין לעבען.

אזוי ווי פון אָט דעם געלט האָט ער געדארפט איבערלאָזען א פערטל פאר דער פויזנער קהלה און פון איבעריגען האָט ער געוואָלט נהנה זיין נאָר פון קרן, כדי ניט דורכצופאלן אפילו אין א ווייטן חשש פון רבית, האָט ער, פארשטייט זיך, געמוזט לעבען בצמצום. אין וויטעבסק האָט זיך אויך געהאט באזעצט ר' קדיש, ר' שניאור זלמנ'ס שוואָגער.

ר' קדיש איז געווען שטארק צוגעבונדען צו ר' שניאור זלמנ'ען. ווי מיר ווייסען שוין, האָט ר' קדיש, נאָך א שווערער קראנקהייט, פארגעסען זיין לערנען. עס האָט אים גענומען יאָרען ביז ער האָט זיך דערוואָרבען נייע ידיעות אין לערנען. אָבער ער איז שוין מער קיינמאָל ניט געווען דער חריף און בקי וואָס אמאָל.

ר' שניאור זלמן האָט אים תמיד מקרב געווען און אויך מיט אים געלערענט. ר' קדיש איז דערפאר צו אים געווען צוגעבונדען בלב ונפש.

ר' קדיש איז נאָך דער קראנקהייט אין אלע זיינע יאָרען געבליבען שוואך. ער האָט זיך אָבער דאָך אָפּגעגעבען מיט מסחר און איז דערפאר געווען אין א בעסערען גשמיות'דיגען מצב ווי זיין שוואָגער ר' שניאור זלמן.

מיט אָט די אַלע ידיעות וועגן זיין משפחה האָט ברוך, ר׳ שניאור זלמנ׳ס זון, געקראָגן א גענויעם באגריף וועגען זיין זיידען ר׳ משה׳ן, זיינע פעטערס און אפילו זיין אייגענעם טאטען. ער האָט איצט אויך אָנגעהויבען בעסער פארשטיין זיין שוועסטער דבורה לאה׳ן, וועלכע, ווי מיר ווייסען, איז אין וויטעבסק געווען פארהייראט צום עלוי פון שאריי, דעם ראש ישיבה ר׳ יוסף יצחק.

ברוך האָט באלד נאָך בר מצווה פארלאָזען וויטעבסק. בלייבענדיג א קיילעכדיגער יתום, האָט ער געפילט ווי ער וואָלט מיט זיין שוועסטער, דבורה לאה׳ן, וועלכע איז געווען עלטער פון אים, קיין שייכות ניט געהאט. ער האָט זי קיינמאָל ניט פארשטאנען און זיך צו איר ניט צוגעהערט.

ער איז אוועק איבער דער וועלט זוכען זיין אייגענעם דרך אין לעבען און עבודת הבורא.

ברוך האָט גוט געדענקט ווי זיין שוועסטער האָט אים, נאָך זייער מוטער׳ס טויט, געהאט געגעבען א כתב־יד (א מאנוסקריפּט), געשריבען פון איר, דבורה־לאה׳ן אליין. זי האָט צו אים אזוי געזאָגט:

— לייען איבער וואָס איך האָב דאָ פארשריבען אין עברי־טייטש אלץ וואָס איך האָב געהערט פון אונזער מוטער, עליה השלום. אונזער מוטער איז געווען א גרויסע מלומדת. זי האָט געוואוסט דעם גאנצען סדר היוחסין פון אונזער פארצווייגטער משפחה. אלץ וואָס זי האָט מיר דערציילט, האָב איך פארשריבען כדי אויך אנדערע זאָלען עס ווייסען. לייען איבער וואָס דאָ איז פארשריבען און דו וועסט זיך א סך דערוויסען.

וואָלט ברוך טאקע געטאָן וואָס זיין שוועסטער האָט פון אים פאר־לאנגט, וואָלט ער זיך דאן דערוואוסט זאכען, וועלכע ס׳האָבען אים שפּעטער גענומען יאָרען אויסצוגעפינען. מעגליך, אז ער וואָלט געקראָגען א גאָר אנדער באציאונג צו זיין שוועסטער און, דורך איר, צו דער גאנצער משפּחה.

עס איז ניט אויסגעשלאָסען, אז אונטער אזוינע באדינגונגען וואָלט ער גאָרניט פארלאָזען וויטעבסק און ער וואָלט זיך געשפּאָרט יאָרען פון וואנדערונג.

ער האָט אָבער דעמאָלט געהאט א מין ווידערגעפיל צו זיין שוועסטער.

קודם האָט ער זי ווייניג פארשטאנען. דאן איז זי דאָך ביי אים געווען א „אשה". דאָס וואָס זי איז געווען זיין שוועסטער האָט קיין חילוק ניט געמאכט.

טאטע־מאמע, וואָס האָבען זיי ביידען פארבונדען, זיינען געוועזן טויט. האָט ער מיט זיין שוועסטער קיין געמיינזאמעס ניט געהאַט.

דאָס ביכעל, געשריבען אין אידיש, האָט פאר אים קיין באַדייט ניט געהאַט.

— דאָס איז דאָך עברי־טייטש. — האָט ער צו דבורה־לאה'ן א זאָג געטאָן, צוריקגעבענדיג איר דעם כתב־יד. — דאָס איז גוט צו לייענען פאר ווייבער, אָבער ניט פאר מאנסבילן. א מאנסביל לייענט ניט קיין מעשה־ביכלעך אין עברי־טייטש. ער לייענט גמרא און אנדערע הייליגע ספרים.

מיט דעם האָט ער זיך אָפּגעשניטען פון א שפרודעלדיגען קוואַל, וואָס וואָלט אים ממש די אויגען געעפענט. ער וואָלט באַקאנט געוואָרען מיט א גאנצער ריי פערזענליכקייטן פון כמה דורות: זיידעס, עלטער־זיידעס ביז הונדערטער יאָרען אויף צוריק. ער וואָלט אויך באַקאַנט געוואָרען מיט אַלץ, וואָס ס'האָט פּאַסירט מיט זיי און מיט די געדאַנקען, וואָס האָבען זיי באַהערשט.

ברוך וואָלט מעגליך געפונען אן ענטפער צו א סך פון די פראַגען, וועלכע האָבען געמאַטערט זיין מוח.

אָבער דער מסבב כל הסבות האָט געוואָלט, אז ברוך זאָל וואַנדערן איבער אידישע שטעט און שטעטלעך און זאָל, אין דאַבראָמיסעל פון דעם דאָרטיגען שמיד'ס איידים, ר' יצחק שאול, וועלכער איז געוועזן א חסיד, זיך דערוויסען זאַכען, וואָס האָבען אים דערפירט צו זיין אייגענעם זיידען, ר' משה'ן, וועלכער האָט זיך דעמאָלט געפונען אין מינסק, אַזוי אז ברוך זאָל אפילו אָנהויבען טראַכטען וועגען באַזוכען מינסק און זיך דאָרט באַקענען מיט זיין אייגענעם זיידען.

די פרעמדקייט, וואָס ער האָט געהאַט געפילט צו זיינע אייגענע, האָט אָנגעהויבען פאַרשווינדען. ער האָט זיך געפילט נענטער צו זיי און דערפאַר א באַגער זיי געננויער צו קענען.

ברוך איז שוין ביי דער צייט ניט געוועזן מער דער בר מצווה אינגעל. ער איז שוין געוועזן א דערוואַקסענער בחור'ל. עס איז שוין אפילו געוועזן צייט צו טראַכטען וועגען א שידוך.

ר' יצחק שאול פון דאַבראָמיסעל האָט געהאַט זיינע אייגענע פּלענער פאר ברוכ'ן. ער האָט אים געוואָלט פאַר'שדכנ'ען מיט זיינער א שוועסטער און פאר אָט דעם צוועק האָט ער זיך פּרובירט צוזאַמענשרייבען מיט זיין פאָטער, איינער פון די נאָכפאָלגער פון ר' ישראל בעל שם טוב.

ר׳ יצחק שאול האָט אָבער נאָך ניט געהאט קיין ענטפער פון זיין פאָטער און מיט ברוכ׳ן האָט ער ניט געוואָלט ריידען וועגען זיין שוועסטער אויף זיין אייגענע אחריות.

וואָס ר׳ יצחק שאול האָט ניט געוואוסט איז, אז ברוך איז אייגענט־ליך שוין געווען אזוי גוט ווי פאר׳קנס׳ט.

ר׳ אברהם דער גערטנער און סאדאָווניק, ביי וועמען ברוך האָט זיך פאר א צייט געהאט פארבונדען ווי א שומר, האָט שוין פון לאנג געהאט אן אויג אויף אים. ער האָט געהאט א טאָכטער רבקה און ער האָט געוואָלט ברוכ׳ן פאר איר מאן.

ר׳ אברהם האָט שוין, אויף זיינע באזוכען אין וויטעבסק, געהאט געמאכט א חקירה ודרישה וועגען ברוכ׳ן און זיין אָפּשטאם. וואָס ער האָט אויסגעפונען האָט אים איבערצייגט, אז וואָס איז נוגע יחוס, איז ברוך דער פאסיגער שידוך פאר זיין טאָכטער.

וויסענדיג שוין, אז ברוך איז א בחור׳ל, וואָס טוט אלץ לויט זיין אייגענעם פארשטאנד, האָט ר׳ אברהם שוין געהאט א שמועס וועגען דעם שידוך מיט ברוכ׳ן אליין. אָבער מאָדנע, אין דעם פאל פון א שידוך האָט ברוך אליין ניט געוואָלט שטעלען אויף זיך און געזאָגט, אז וויבאלד זיין שוועסטער דבורה־לאה איז שוין געווען פארהייראט, זאָל זי דערפאר זיין די וואָס זאָל דעם ענין שידוך באשטימען פאר אים.

פאר ר׳ אברהמ׳ען האָט עס געמיינט אזוי גוט ווי צו דארפען זיך ווענדן צו דבורה־לאה׳ן און איר מאן, דעם עלוי פון שאריי, פון וועמען ער האָט שוין אזוי פיל געהאט געהערט, און מיט זיי ריידען וועגען דעם פאָרגעלייגטען שידוך צווישען ברוכ׳ן און רבקה׳ן. ר׳ אברהמ׳ען איז עס געווען ניחא. ער האָט געוואוסט, אז דבורה־לאה און איר מאן זיינען געזעצטע מענשען און אז סוף כל סוף וועט ער זיך מיט זיי דעררייידען.

אָבער וואָס וועט זיין מיט ברוכ׳ן אליין?

ער האָט זיך אין דער לעצטער צייט אינגאנצען ניט געוויזען. דאָ איז ער געווען אין איין שטעטעל און דאָ אין א צווייט. ער איז טאקע אויף זיינע וואנדער־וועגען תמיד געזעסען על התורה ועל העבודה, אָבער קיין געזעצטער מענש איז ער נאָך ניט געווען און מ׳האָט אפילו ניט געקענט וויסען געגוי וואו אים צו געפינען.

פונדעסטוועגען האָט ר׳ אברהם דאָך געהאט אמונה, אז ברוך וועט ניט פארשווינדען און אז פריער, שפּעטער וועט ער זיך אָפּזוכען.

# קלא.

## תורה און מלאכה

**ברוך טרעפט זיך מיט זיין משפחה. — פארטרויט זיין שוועסטער צו שליסען שידוך. — דעם צוקונפטיגענס שווער׳ס יחוס. — פינסקער ישיבות. — טעוועל דער פשוט׳ער אבער פרומער בחור׳ל.**

ס׳האט געדויערט מער ווי דריי און א האלב יאר ביז ברוך האט זיך אפגעזוכט. ער האט זיך פלוצים באוויזען אין וויטעבסק. ער האט זיך געזען מיט זיין שוועסטער דבורה לאה׳ן און איר מאן, דעם ראש ישיבה, ר׳ יוסף יצחק. ער האט אויך אפגעזוכט זיין פעטער ר׳ קדיש און זיין מומען פריידע.

יענע האבען שוין געוואוסט, אז ר׳ אברהם דער גערטנער פון נעבען ליאזנע וויל ברוכ׳ן פאר אן איידים, פאר זיין טאכטער רבקה.

צו דבורה לאה׳ס איבערראשונג האט ברוך, וועלכער האט זיך די גאנצע צייט געהאלטען פרעמד צו איר, דערקלערט, אז ער לאזט עס אלץ איבער צו איר, זיין שוועסטער, און צו פריידע׳ן, זייער מומען. זאלען זיי זיך איבערצייגען אויב דער שידוך איז א פאסיגער.

דבורה לאה האט איצט געפילט א גרויסע אחריות. זי האט געדארפט באשטימען צי דער שידוך מיט רבקה׳ן איז פאסיג פאר איר ברודער. זי האט איצט געדארפט זיין צו איר ברודער — מאמע און טאטע.

צוזאמען מיט דער מומען פריידע, האט דבורה לאה געמאכט א נסיעה קיין ליאזנע און פון דארט פארפארן צו ר׳ אברהמ׳ען, וועלכער האט געוואוינט אויסערן שטאט, וואו ער האט געהאט זיינע גערטנער, פון וועלכע ער האט געצויגען זיין חיונה. דבורה לאה האט געוואלט אויסגעפינען ניט נאר ווי ר׳ אברהם און זיינע בני בית פירען זיך, נאר אויך וואס פאר א מענשען זיי זיינען. דער עיקר האט זי געוואלט זיך באקענען מיט רבקה׳ן און אויסגעפינען אויב זי איז ראוי צו זיין איר שוועגערין. דבורה לאה האט זיך באלד איבערצייגט, אז רבקה איז א פאסיגער זיווג פאר ברוכ׳ן.

זי איז טאקע געווען א פשוט מיידעל, א גאנץ קליינע מלומדת, אבער דערפאר מיט א גאלדען הארץ — צו גאט און צו לייט. ר׳ אברהם האט געהערט צו די, וואס האבען געהאלטען, אז פרויען דארפען ניט לערנען קיין תורה און אז וואס ווייניגער זיי זיינען געלערענט איז אלץ בעסער.

דבורה לאה׳ן איז עס געווען פרעמדלעך. איר מאמע איז געווען א גרויסע מלומדת, און טאקע פון איר האט זי זיך עס אויסגעלערנט די שווארצע פינטעלעך.

זינט זי האט חתונה געהאט מיט איר מאן, דעם עילוי פון שאריי, האט דבורה לאה געלערנט טעגליך א שיעור. איר מאן האט מיט איר כסדר געלערנט גמרא און פוסקים.

דבורה לאה איז אין משך פון עטליכע יאר געווארען א למדנית. פונדעסטוועגען האט זי שטארק אפגעשאצט רבקה׳ס פשטות. דאס וואס ס׳האט איר געפעלט אין לומדות, האט זי געהאט אין דער פולער מאס אין מדות טובות.

רבקה האט ביי דבורה לאה׳ן באזונדערס שטארק אויסגענומען מיט דעם, וואס זי האט זיך אין איר פארטרויט, אז ניט קוקענדיג וואס איר פא־טער איז קעגען דעם, אז זי זאל לערנען תורה, גארט זי אבער, צו קענען ארייננקוקען אין א ספר און וואלט אפילו געוואלט קענען גמרא.

דבורה לאה האט איר צוגעזאגט צו זיין באהילפיג אין דערוועבען ידיעות אין אידישע לימודים און האט טאקע באלד אנגעהויבען מיט איר צו לערנען, כדי איר צוצוגרייטען, אז זי, רבקה, זאל שפעטער קענען פאר־זעצען די לימודים אליין, אן אימיצענס הילף.

דבורה לאה, און דאס זעלביגע די מומע פריידע, האבען געגעבען זייער הסכמה צום שידוך. זי האט אבער געוואלט, אז דער קנס־מאל זאל פארקומען אין וויטעבסק, ביי איר אין הויז.

פאר אט דעם צוועק האט ר׳ אברהם, זיין פלונית׳טע שרה און זייער טאכטער רבקה געזאלט מאכען א נסיעה קיין וויטעבסק און דארט פראווען די תנאים אויף אן אימפאזאנטען שטייגער. ר׳ אברהם און זיין משפחה האבען איינגעוויליגט צו קומען קיין וויטעבסק, און אין דער באשטימטער צייט זיינען זיי טאקע געקומען.

ברוך האט ניט געהאט אויסצוזעצען צו דעם, וואס זיין שוועסטער און מומע האבען מסכים געווען צום שידוך. ער איז אבער באשטאנען, אז די חתונה זאל נאך אזוי גיך ניט פארקומען. ער האט געוואלט באטש נאך א יאר צייט צו קענען אומוואנדערן און דערגיין דאס וואס זיין הארץ האט אזוי שטארק געגארט אויסצוגעפינען — וואס איז דער ריכטיגער דרך אין עבודת הבורא.

ער האָט דערפאַר געוואָלט, אַז די תנאים זאָלען אָן אָפּהאַלט באַלד פאָרקומען, כדי ער זאָל וואָס שנעלער קענען פאַרלאָזען וויטעבסק און אָנפאַנגען וואַנדערן איבער אידישע שטעט און שטעטלעך אויף דאָס ניי.

אָבער בעת דער חתן ברוך איז נעלם געוואָרען, איז די כלה רבקה געבליבן אין וויטעבסק ביי איר צוקונפטיגער שוועגערין דבורה לאה און האָט דערוויל ביי דבורה לאה׳ן כסדר געלערענט, דערפילענדיג איר געהיימען באַגער צו ווערען אַ מלומדת. כל זמן ברוך איז געווען אַוועק האָט, נאַטירליך, ניט געקענט זיין קיין רייד פון באַקענען זיך נענטער מיט אים. ר׳ אברהם האָט שוין אָבער, קענטיג, געהאַט אַ געהעריגען באַגריף וועגן זיין קינפטיגען איידים. ער האָט דורכאויס געגלויבט אין זיינע כשרונות און אין זיין צדקות. ברוך, פון זיין זייט, האָט נאָך גאַנץ ווייניג געקענט זיין קינפטיגען שווער און אויך זיין כלה.

דאַגעגען האָט דבורה לאה׳ס מאַן, דער עילוי פון שאַריי, געהאַט אַ געלעגענהייט אויסצוגעפינען פון אברהמ׳ען זיין יחוס און דעם מהות מענשן, וואָס ער האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט. ר׳ אברהם האָט זיך פאַר אים אַנטפּלעקט.

עס האָט זיך אויסגעוויזען, אַז אין ר׳ אברהמ׳ען האָבען מיר געהאַט דעם מענשען, וואָס האָט פאַרבונדען תורה און מלאכה. אַ גרויסער למדן און צדיק, האָט ער האָבער געוואָלט ציען זיין חיונה פון זיין אייגענער פראַצע, גערטנעריי איז געווען דער קוואַל פון זיין פּרנסה. און ער האָט ליב געהאַט זיין פּרנסה. ער האָט געפילט, אַז אויף אַזאַ אופן איז ער מקיים דעם „בזיעת אפּיך תאכל לחם״.

ר׳ אברהם האָט געשטאַמט פון אַ יחוס׳דיגער פאַמיליע. ער איז געווען דער פערטער דור פון דעם גאון ר׳ אברהם חיים, דער מחבר פון די ספרים „תורת חיים״ און „צאן קדשים״. ר׳ אברהמ׳ס פאָטער איז געווען ר׳ נפתלי הירץ, פון דער משפּחה פון דעם „בכור שור״, וועלכער האָט אין פערטען יאָרהונדערט איינגעוואַנדערט קיין פּוילען פון מעהרען.

ר׳ נפתלי הירץ, וועלכער איז אַרויסגענומען געוואָרען פון אַ ישיבה און איז געוואָרען דער איידים פון אַ גרויסען גביר אין פּאָלאָצק, איז פערציג יאָר געזעסען ביי זיין שווער אויף קעסט. ער האָט כסדר געלערענט. זיין איינציגער צער איז געווען, וואָס ער האָט געהאַט טעכטער אָבער ניט קיין זין. אַז ער איז געוואָרען אַכט און זיבעציג יאָר אַלט האָט ער חתונה געהאַט צום צווייטען מאָל און האָט מיט זיין צווייטען זיווג געהאַט אַ זון — ר׳ אברהמ׳ען, וועלכער איז צו בר־מצוה געוואָרען אַ יתום.

אויפ'ן אָנזאָג פון זיין פאָטער פאר זיין פטירה האָבען ר' אברהם און זיין מוטער זיך איבערגעקליבען קיין בעשנעקאָוויץ און דאָרט געלערנט תורה ביי זיין פאָטער'ס פריינט ר' אברהם זאב, א גרויסער למדן. זיין מוטער, די אלמנה, האָט זיך דערוויילע געשפייזט פון א קליט, וואָס זי האָט געהאט געעפענט.

זיין מוטער, וועלכע איז נאָך געווען א יונגע פרוי, האָט שפּעטער חתונה געהאט מיט א ראש ישיבה און האָט מיט'ן צווייטען מאן געהאט א זון און א טאָכטער. דער זון איז געוואָרען א באוואוסטער רב און די טאָכטער האָט חתונה געהאט מיט'ן גאון ר' אריה לייב וועלכער האָט געלערענט צוזאמען מיט דעם עילוי פון סעלץ, וועלכער איז שפּעטער געוואָרען וועלט-בארימט אלס ווילנער גאון.

אָבער בעת ר' אברהם האָט דורך זיין שטיף-שוועסטער'ס מאן געהאט, אזוי צו זאָגען, א פארבינדונג מיט'ן ווילנער גאון, האָט ער אויך דורך זיין רבי'ן אין בעשנעקאָוויץ געהאט ידיעות וועגען די בעלי שם פון פארשיידענע צייטען און וואָס זיינען איינע נאָך די אנדערע געוואָרען די מנהיגים פון די אמאָליגע נסתרים, די וואָס האָבען צוגעגרייט דעם וועג צו חסידות.

ר' אברהם האָט אויף אזא אופן געהאט א סך צו דערציילען פון גאונים און צדיקים פון פריערדיגע דורות און פון גאונים און צדיקים פון זיין אייגענער צייט.

ר' יוסף יצחק, דער עילוי פון שאריי, צו וועמען ר' אברהם האָט זיך אנטפּלעקט, איז געווען שטארק פאראינטערסירט אין דעם, וואָס דער קינפטיגער שווער פון זיין שוואָגער ברוך, האָט געהאט צו דערציילען.

אזוי צום ביישפּיל, האָט ר' אברהם געהאט צו דערציילען וועגען א באזוך אין פינסק פון דעם אמאָליגען בעל שם פון ווירמייזא, דער גרינ־דער פון די מקובלים און די נסתרים. פינסק איז דעמאָלט געווען בארימט מיט אירע ישיבות.

באזונדערס האָבען דעמאָלט אין פינסק גע'שמ'ט דריי ישיבות: די ישיבה אויפ'ן נאָמען פון ר' טעוועל און זיין ווייב חוה דבורה, ר' שמעונ'ס ישיבה און דער באָבע גאָלדע לאה'ס ישיבה.

גאָר א סך האָט ר' אברהם געוואוסט צו דערציילען וועגען דער ישיבה אויפ'ן נאָמען פון ר' טעוולען און זיין פלונית'טע חוה דבורה. ר' טעוועל איז געווען גאָר אן אינטערעסאנטער פּארשוין.

ער איז געבוירען געוואָרען אין קאָברין, וואָס געפינט זיך אויף דער 2טער זייט פון טייך דווינע און איז דורכ'ן טייך געווען אָפּגעטיילט פון פינסק. ער האָט פון זיין פאָטער געהאט גע'ירשנ'ט א שטיק ערד מיט בינשטאָקן און האָט פון דעם האָניק, וואָס ער האָט ארויסגעקראָגען פון די בינשטאָקן געהאט א גרויסע הכנסה.

זיין שטח ערד איז געווען פארוואָקסען מיט אלערליי בלומען, וואָס בינען האָבען ליב איינצוזויגען זייער זאפט און עס דערנאָך אָפּגעבען אין האָניק.

אויף זיין שטיק לאנד האָט טעוועל געהאט ניט ווייניגער פון הונדערט און צוואנציג בינשטאָקען. דער האָניק וואָס ער האָט פון אָט די בינשטאָקן ארויסגעקראָגען איז געווען געוווג אים אריינצוברענגען א שלל מיט געלט.

זיין מוטער איז געשטאָרבען ווען ער איז געווען א קליין קינד. זיין פאָטער האָט ער פארלוירען ווען ער איז שוין געווען א בחור'ל פון א יאָר זיבעצען.

כאָטש ער איז געווען א גאנץ פשוט בחור'ל, איז ער אָבער געווען זעהר א פרומער. ער האָט דריי מאָל א טאָג געדאווענט מיט גרוים כוונה און איז דערצו געווען אָפּגעהיט אָפּצוגעבען א צענטעל פון זיין הכנסה אויף צדקה.

זיין נחלה, וואָס איז געווען א גאנץ פיינער גוט, האָט זיך געפונען א קורצען מהלך פון קאָברין.

ווען ער האָט געהאט פרייע צייט, האָט ער געזאָגט תהלים מיט גרוים התלהבות. מער ווי עברי זאָגען האָט ער ניט געקענט. פון גאָר ווייניג פון דעם, וואָס ער האָט געזאָגט, האָט ער געוואוסט דעם פירוש המלות.

זייענדיג נאָך גאָר יונג, האָט ער אָבער פארשטאנען ווי צו פירען זיינע עסקים, אכטונג געבען אויף די בינשטאָקן און דעם האָניק און דאן דעם האָניק פארקויפען. ער האָט אויך געוואוסט, אז עס איז „געזינטער", אז זייטיגע מענשען זאָלען ניט וויסען ווי גרוים עס איז זיין ריווח פונ'ם פארם. זאָל קיינער ניט דארפען אים מקנא זיין און מעגליך אים אוים קנאה עפּעס אָפּטאָן.

דערפאר אָבער האָט ער זיין ריווח ניט „פארבאהאלטען" פון רבונו של עולם און האָט מדקדק געווען, אז ניט ווייניגער פון א צענטל פון זיין ריווח זאָל אוועק אויף צדקה.

איין זאך האָט אים שטאַרק מצער געווען: ער האָט ניט געוואוסט אויף וועלכע צדקות אוועקצוגעבען דעם צענטל פון זיין ריווח. ניט נאָר איז ער געווען יונג און אומדערפאַרען. ער איז אויך געווען אומוויסענד.

א חוץ דעם האָט ער געוואָלט געבען נאָר מתן בסתר.

וואָס טוט מען?

## קלב.

### די יתומה

טעוועל'ס ברייטע האַנט אין מתן בסתר. — חוה דבורה בלייבט אַ קיילעכדיגע יתומה. — פון אַ שלעכטען באַלעבאָס צו אַן ערגערען.

טעוועל האָט אָנגעהויבען זוכען עצות. פאַרשטייט זיך, אַז אין אַזא פאַל האָט ער זיך ניט געוואָלט פאַרלאָזען אויף זיך. ער איז נאָך אַלעם געווען נאָך גאָר יונג, צו יונג צו אָנטשיידען אין אַזוינע ענינים.

איז ער אוועק צו ר' משה יפה, דער רב פון פינסק, וועלכער האָט גע'שמ'ט פאַר זיין גאונות. פינסק איז נאָך אַלעם דעם געווען א שוועסטער־שטאָט פון קאַרלין און ער, טעוועל, איז געווען אַזוי נאָענט צו קאַרלין.

האָט דער פינסקער רב אים געהייסען ברענגען זיינע חשבונות — די חשבונות פון הכנסה און הוצאה און ר' משה יפה האָט אַליין אויסגע־רעכענט וויפיל ריווח טעוועל האָט געהאַט און דאַן דעם סכום, וואָס מעשר באַטרעפט.

פון אָט דעם מעשר האָט טעוועל ניין חלקים איבערגעגעבען צום פינסקער רב, אַז ער זאָל עס צעטיילען אויף צדקה. דעם צענטען חלק אָדער א צענטעל פון דעם צענטעל האָט ער אַליין פאַרטיילט.

פינף יאָר איז אַזוי אוועק און טעוועל איז נתעשר געוואָרען. וואָס מער צדקה ער האָט צעטיילט, אַלץ גרעסער איז געוואַקסען זיין ריווח.

טעוועל האָט דאַן זיין געלט אָנגעהויבען אויסלייען צו די בעלי בתים אויפ'ן חשבון פון די תבואות פון זייערע פעלדער, און אויך אין דעם האָט ער מצליח געווען. דער יונגער טעוועל איז געוואָרען א גרויסער גביר.

אין פינסק האָט זיך דעמאָלט געפונען א גרויסע ישיבה וועלכע איז געגרינדעט געוואָרען מיט א 40 יאָר צוריק. שמעון, א חבר פון מהרש"ל,

דעם גאון ר' שלמה לוריא, איז געווען דער ראש פון דער דאָזיגער ישיבה. נאָך אים האָט זיין זון ר' רפאל איבערגענומען די הנהלה פון דער ישיבה. ווען ר' משה יפה איז אויפגענומען געוואָרען אלס רב אין פינסק איז ער אויך געוואָרען דער ראש ישיבה.

די תלמידים פון דער ישיבה זיינען אלע געווען יונגעלייט מצוינים. מערסטענס זיינען שוין געווען פאַרהייראַטע וואָס האָבען אויף זיך אָנגענומען צו לערנען בפרישות געציילטע יאָרען, אָפּגעשיידט פון זייערע פרויען.

ר' משה, דער ראש ישיבה, האָט געזאָרגט פאר אלע גשמיות'דיגע הצטרכות'ן פון די יונגעלייט. דריי חלקים פונ'ם געלט, וואָס ער האָט געקראָגען פון טעוועלען, האָט ר' משה אוועקגעגעבען פאר דער ישיבה.

א דאנק אָט דעם געלט האָט די ישיבה געקענט שטייגען אין איר חשיבות און ס'זיינען דאָרט אריינגענומען געוואָרען א סך מער תלמידים ווי פריער.

אין יענער צייט פלעגט קיין פינסק פון צייט צו צייט קומען ר' יהודה ליב פוכאוויצער, דער רב פון ביכאָוו, רייסין, וועלכער איז געווען מפורסם פאר א גרויסען בעל דרשן. ער פלעגט פאַרען איבער שטעט און שטעטלעך מעורר זיין אידען צו עבודת הבורא. איינמאָל, ווען ר' יהודה לייב איז געווען אין מינסק זיינען צו אים געקומען די ראשי הקהל פון קארלין און אים פארבעטען אז ער זאָל קומען צו זיי אין שטאָט האלטען א דרשה. ר' יהודה לייב האָט צו דעם מסכים געווען. ער איז געקומען אויף א שבת קיין קארלין און אין דאָרטיגען בית מדרש געהאלטען א דרשה.

א חוץ א גרויסער בעל דרשן איז ער אויך געווען א גרויסער הדרת פנים. דאָס האָט גורם געווען, אז ער זאָל אויף זיינע צוהערער האָבען נאָך א גרעסערע השפעה. ער האָט מיט זיינע דרשות משפיע געווען ניט בלויז אויף לומד'ישע אידען, וואָס האָבען געקענט נאָכפאָלגען זיין דרש, נאָר אפילו אויף פּראָסטע אידען, וואָס האָבען אים קוים פארשטאנען.

צווישען גרויסען עולם וואָס איז אים געקומען הערען אין קארלינער בית מדרש איז אויך געווען טעוועל. אויף טעוועלען האָט ר' יהודה לייב'ס דרשה געמאכט א גרויסען רושם. ער האָט דעם הדרת פנים'דיגען בעל דרשן פארבעטען צו זיך אויפ'ן גוט.

דער בעל דרשן האָט טעוועלען דערציילט, אז ער קלייבט זיך פאָרען קיין ווענעציא דאָרט צו דרוקען זיינעם א ספר. טעוועל האָט אים גלייך

אָנגעבאָטען צו דעקען די קאָסטען פון זיין נסיעה און פון דרוקען דעם ספר. ער האָט געשטעלט נאָר איין תנאי, און דאָס איז: אז דאָס זאָל אלץ בלייבן א סוד. טעוועל איז געווען פון יענע בעלי צדקה, וואָס האָט געהאַל־טען פון מתן בסתר.

ר' יהודה לייב האָט אָבער ניט געקענט האַלטען דעם סוד און וועגן דעם דערציילט ר' משה יפה'ן, דעם פינסקער רב, וועלכער האָט צונעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און באַמערקט, אז עפּעס האָט ער געהערט אויף דעם בחור טעוועל, אז ער איז א גרויסער בעל צדקה.

אין יעדער אידישער קהלה האָט זיך געפונען אימיצער וואָס האָט פאַר קהל געהאָדעוועט די אָרימע יתומים און יתומות. אזוינער איז אויך געווען אין פינסק. ר' מרדכי לייב האָט ער געהייסען. ער מיט זיין פרוי פלעגען האָדעווען יתומים און יתומות. די אינגלעך פלעגט ער אויסהאַלטען ביז בר־מצווה. די וואָס האָבען ניט געהאַט קיין באַזונדערע כשרונות און זיך ניט אויסגעטוּונגט ביים לערנען האָט ער אָוועקגעגעבען לערנען א מלאכה. אויף אַזא אופן פלעגען זיי אָנקומען אלס לערן־אינגלעך ביי פאַרשידענע בעלי מלאכה און דאָרט עסן און שלאָפן ביז זיי האָבען זיך אויסגעלערנט די מלאכה און געקענט אליין פאַרדינען זייער ברויט.

די מיידלעך, אז זיי האָבען דערגרייכט א געוויסען עלטער, זיינען געשיקט געוואָרען צו פאַרשידענע בעלי־בית'ישע משפחות צו טאָן הויז־אַרבעט, אָדער צו אידישע גוטבאַזיצער אַרויסצוהעלפען אויף די פעלדער אָדער אין די גערטנער, ביים מעלקען די בהמות אָדער ביים טאָן אנדערע אַרבעטען.

אין פינסק האָט זיך געהאַט געפונען א סטאָליער מיט'ן נאָמען ר' יעקב. ער איז געווען א פּשוט'ער איד, אָבער זעהר א פרומער. ער האָט געדאַוונט בציבור און האָט געהערט צו א חברה, וואָס האָט געדאַוונט מיט'ן ערשטען מנין. זיינע פאַרדינסטען זיינען געווען קליינע און האָט געהאַט קוים אויף אויסקומעניש.

אַרבעטענדיג ביי א נייעם בנין איז אויף אים אַראָפּגעפאַלען א באַל־קען און אים צעבראָכען דעם נאַקען. עטליכע וואָכען איז ער אָפּגעלעגען אין בעט און איז געשטאָרבען. 3 חדשים נאָך זיין טויט האָט זיין אלמנה געבאָרען א מיידעל און האָט איר א נאָמען געגעבען חוה דבורה.

ווען חוה דבורה איז אַלט געוואָרן דריי יאָר, איז איר מוטער געשטאָרבען און זי איז געבליבען א קיילעכדיגע יתומה, האָט די קהלה די יתומה'לע איבערגעגעבען צו ר' מרדכי לייב'ן איר צו האָדעווען.

זי איז ביי ר' מרדכי לייב'ן פארבליבען ביז זי איז געוואָרען צוועלף יאָר אלט. חוה דבורה איז אריינגעגאנגען צו איינעם פון די פינסקער בעלי בתים צו העלפען אין דער הויז־ארבעט.

זעקס יאָר איז חוה דבורה די יתומה געווען אין הויז פון אָט דעם בעל הבית. דאָס זיינען געווען זעקס שווערע יאָר.

איינמאָל איז צו אָט דעם בעל הבית אין פינסק געקומען זיינער א ברודער, וואָס האָט געהאלטען א קרעטשמע ניט ווייט פון דאָרט, וואו טעוועל האָט געהאט זיין גוט. דער קרעטשמער האָט צוגעזען ווי חוה דבורה טוט איר ארבעט אין הויז און זי איז אים שטארק געפעלען געוואָרען.

זי איז געווען ארבעטזאם. ער האָט שטארק זיך גענויטיגט אין זיין קרעטשמע אין אזא ווי חוה דבורה'ן.

ער האָט זיך געווענדט צו זיין ברודער און פון אים פארלאנגט, אז ער זאָל אים אָפּגעבען חוה דבורה'ן. ער האָט געהאט א סך זאכען פאר איר צו טאָן. זי וואָלט אים שטארק צוניץ געקומען.

חוה דבורה'ס בעל הבית האָט זיך לאנג ניט געלאָזט בעטען. ער האָט באלד מסכים געווען אָפּצוגעבען דאָס מיידעל צו זיין ברודער. אז מ'דארף אויך פרעגען וועגן דעם חוה דבורה'ן, דאָס איז אים אפילו נישט איינגעפאלען.

חוה דבורה'ן האָט עס פארדראָסען. האָט זי שוין איבער זיך אינגאנצען ניט געהאט קיין דעה? זי האָט אָבער פארביסען די ליפּען און געשוויגען. א יתומה, האָט זי ניט געהאט ווער עס זאָל זיך אָננעמען איר קריוודע. קיין לייטיש געלעכטער האָט זי ניט געוואָלט מאכען.

אגב, האָט זי נישט געהאט זיך וואָס צו באקלאָגען, וואָס זי דארף פארלאָזען איר פריערדיגען בעל הבית. זי האָט ביי אים געהאט קאלט און ווארעם. ערגער וועט איר ביי זיין ברודער שוין אוודאי ניט זיין.

האָט זי שלום געמאכט מיט איר גורל. זי האָט געוואָלט, אז דער נייער בעל הבית אירער זאָל איר אָפּלאָזען פאר איין טאָג, כדי זי זאָל קענען גיין צו אירע עלטערן אויף קבר אבות. אָבער דער קרעטשמער האָט איר אויסגעלאכט.

— אויב דו וועסט ניט גיין צו דיין טאטע־מאמע, וועלען זיי קומען צו דיר אין חלום, — האָט ער איר געזאָגט, און ממש איר געצוואונגען אריינצוגיין אין דעם וואָגען און איז מיט איר אוועקגעפאָרען.

פאר די זעקס יאָר, וואָס זי האָט געטאָן עבודת פרך פאר דעם פינסקער בעל הבית, האָט זי קיין פרוטה ניט באקומען. ס'האָט געזאָלט הייסן, אז איר בעל הבית האלט זי אויס מיט עסען, נאכטלעגער און קליידונג.

זי האָט אָבער אין איר הילפסלאָזיגקייט ניט געמאכט קיין וועזן. בכלל איז חוה־דבורה געווען א שטילע און גאָטספאָרכטיגע. זי האָט זיך אליין אויסגעלערנט עברי און האָט אָפּגעהיט צו דאוונען דריי מאָל א טאָג. זי האָט אויך געלייענט דעם טייטש חומש און מיט כוונה געזאָגט די תחינות. חוה דבורה איז אויך געווען א גוטהארציגע. איר הארץ איז אויסגעגאנגען מיט רחמנות פאר יעדען נויטבאדערפטיגען.

די ארבייט ביי איר נייעם בעל הבית, דעם קרעטשמער, איז נישט געווען קיין לייכטע. סיי דער בעל הבית און סיי די בעל הבית'טע האָבען אויף איר אָנגעוואָרפן וואָס מער ארבייט, דערצו האָבן זיי זי נאָך געזידעלט און סתם פארגאָסען איר בלוט צען מאָל א טאָג.

באזונדערס האָט זיך אין דער רשעות צו איר אויסגעצייכענט די קרעטשמערקע, א אידענע מיט א גיפטיגען צונג. חוה דבורה פלעגט זיך צוהערען צו איר בעל הבית'טעס זידלערייען און קללות און קיין וואָרט ניט געזאָגט.

ערשט ביים דאוונען, מיט זון־אויפגאנג אינדערפרי, און פארנאכט צו מנחה, און דאן צו מעריב, פלעגט זי אויסגיסען איר ביטער הארץ. זי פלעגט דאוונען מיט גרוים כוונה און דערביי פארגיסען א סך טרערן.

דער איינציגער רו־טאָג, וואָס זי האָט געהאט, איז געווען שבת. זי האָט זיך שוין געהאט אָפּגעקליבען אן אָרט, אונטער איינעם פון די ביימער ניט ווייט פון דער קרעטשמע, וואו זי פלעגט זיצען שבת א גאנצן טאָג און זאָגען תהלים אָדער לייענען דעם טייטש חומש.

שבת האָט זי זיך געהיט ניט צו פארגיסען קיין טרערען. זי האָט געוואוסט, אז שבת טאָר מען ניט וויינען. פונדעסטוועגען פלעגן זיך שבת אויך א גאָס טאָן טרערען פון אירע אויגן. איר הארץ איז געווען אזוי אָנגעלאָדען. זי האָט זיך אזוי פיל געהאט אָנגעליטען.

חוה דבורה האָט שוין געהאט איינגעזען איר טעות, ווען זי האָט געמיינט, אז ערגער ווי ביי איר ערשטן בעל הבית וועט איר שוין ניט זיין. ביים צווייטען בעל הבית איז איר געווען א סך ערגער. אחוץ וואָס זי האָט געטאָן אמת'ע עבודת פרך ביי אים, האָט זי אויך, ווי שוין געזאָגט, כסדר אריינגעכאפט פאָרציעס זידלערייען און קללות.

אין צוגאב האט זי זיך מצער געווען, וואס אירע נייע בעלי בתים זיינע סתם פראסטע, פארגרעבטע מענשען, וואס לעבען צווישען גויים און פירען זיך ווי גויים, ריידען ווי זיי און לעבען ווי זיי.

ביי איר פריערדיגען בעל הבית איז זי געווען, לכל הפחות, צווישען א סך אידען. שבתים און ימים טובים פלעגט זי גיין אין בית מדרש און פון דער ווייבערשער שוהל געהערט א חזן און אויך געהערט א דרשה פון א מגיד. דא איז זי געווען אפגעשניטען פון דער אידישער וועלט. זי האט געקענט זיין נאר מיט זיך אליין.

זי האט זיך פון דעם שטארק געערגערט, אין אירע תפילות האט זי תמיד געבעטען ביים רבונו של עולם, אז ער זאל זיך אויף איר דערבא־רימען און איר אויסלייזען פון איר גלות.

## קלג.

### דער שידוך

טעוועל הערט ווי חוה דבורה די יתומה גיסט אויס איר הארץ פאר'ן אויבערשטן. — דער רב ווי א פאטער צו די יתומים און א שדכן. — טעוועל האט חתונה מיט חוה דבורה'ן. — ברייגגען אראפ צו זיך א רביין צו לערנען תורה בסוד.

דער צער פון דער יתומה חוה דבורה איז געווען גרויס. זי איז נעבעך ביטער אריינגעפאלען דורך דעם וואס זי האט זיך געלאזט אוועקנעמען פון פינסק אין דער קרעטשמע אריין. צו דער שלעכטקייט פון אירע נייע בעלי־בתים איז גאר קיין גרעניץ ניט געווען. זיי האבן זיך פשוט איזדזשעקעוועט איבער איר, געפייניגט איר מיט שווערער ארבעט.

חוה דבורה האט אפילו ניט געהאט קיין קרוב און קיין גואל פאר וועמען אויסצורייען זיך דאס הארץ אדער זיי צו רופען פאר הילף. דער איינציגער איז געווען דער אויבערשטער און פאר אים האט זי אויסגעגאסען דאס הארץ אין אירע תפילות, באזונדער אין די זומער־טעג, ווען זי פלעגט מיט זונען־אויפגאנג ארויסגיין אין גארטען און, אונטער'ן פרייען הימעל דאווענען מיט גרויס כוונה אדער זאגען תהלים מיט גרויס תחנונים.

די יתומה איז געווען זיכער, אז קיין ילוד אשה, א חוץ דער רבונו של עולם אליין, הערט איר ניט און טאקע דערפאר האט זי זיך געפילט אזוי פריי אין אויסלאדען איר פארביטערט הארץ.

איינמאָל, אין אַ פרימאָרגען, אַז טעוועל, וועלכער האָט געהאַט זיין גוט אין שכנות פון דער קרעטשמע, איז נעגאַנגען קיין קאַרלין דאַוונען מיט'ן ערשטען מנין, ווי ער האָט זיך נוהג געווען און איז פאַרבייגעגאַנגען די קרעטשמע, האָט זיך צו זיינע אויערען דערטראָגען דער וויינענדיגער קול פון אַ פרוי, וואָס איז געווען פאַרטאָן אין תפילה. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט כדי זיך צוצוהערען צו דעם דאָזיגען האַרציגען געבעט.

טעוועל איז געווען שטאַרק פאַרוואונדערט פון דער דאָזיגער האַרציגער תפילה. ווער האָט עס געקענט זיין? זיכער איז עס ניט געווען דעם קרעטשמער'ס ווייב. ער האָט גוט געקענט אי דעם קרעטשמער און אי די קרעטשמערקע.ביידע זיינען געווען פּראָסטע, מגושמ'דיגע מענשען. זיי זיינען פשוט ניט געווען פייאיג צו טאָן תפילה צום רבונו של עולם מיט אַזאַ השתפכות הנפש.

אַז דער קרעטשמער האָט אַרונטערגעבראַכט אַ דינסטמיידעל, וואָס דאַוונט מיט אַזאַ כוונה, האָט טעוועל נאָך ניט געוואוסט און אויך ניט געדאַכט. ער האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז ער מוז אויסגעפינען ווער דאָס איז.

אַזוי ווי ער האָט ניט געוואָלט פאַרשפּעטיגען דעם מנין האָט ער עס איבערגעלאָזט אויף שפּעטער, ווען ער וועט זיך צוריקקערען פון דאַוונען. אַזוי האָט ער טאַקע געטאָן.

אויפ'ן וועג צוריק האָט זיך טעוועל אָפּגעשטעלט אין דער קרעטשמע. ער האָט געטראָפען דעם קרעטשמער זיצענדיג אַרומגערינגעלט מיט פּויערים און טרינקענדיג מיט זיי, אויף זיין דאַרפישען, פאַר'גוי'אישטן שטייגער, לצנות. נאָך איידער טעוועל האָט באַוויזען זיך פאַנאַנדערצורעדען מיט'ן קרעטשמער, האָט זיך צו אים דערטראָגען דער קרעטשמערקע'ס קול, זידלענדיג און שילטענדיג מיט טויטע קללות דער יתומה חוה דבורה.

— געהערט אביסעל, אַ דינסט אַ רביצי'ן! — האָט די קרעטשמערקע זיך געקאָכט. — וויל ניט טאָן קיין שטאָך אַרבעט און פאַרנעמט זיך גאָר מיט דאַוונען און זאָגען תהלים! ווער האָט עס געהערט, אַז אַ מויד זאָל דאַוונען און זאָגען תהלים! זאָל איך דיך כאַפּען נאָך מיט'ן סידור! — האָט שוין די בעל הבית'טע גערעדט דירעקט צו דער יתומה, — וועל איך דיר צעברעכען האַלז און נאַקען. וועסט כאַפּען פון מיר אַזאַ פּאַרציע, אַז דו וועסט האָבען צו געדענקען דיין גאַנצען לעבען, דו מיאוס'ע מויד.

טעוועל האָט שוין מער ניט געדאַרפט פרעגען. עס איז פאַר אים געווען קלאָר וואָס דאָ קומט פאָר. זי איז געשטאַנען פאַר דער בעל־הבית'טע און איבערגעשראָקענע, ווי זי וואָלט זיך געריכט, אַז יענע זאָל טאַקע באַלד זיך אויף איר וואַרפן שלאָגן.

— ווער האָט עס געהערט, אַז ווייבער זאָלן אינגאַנצען דאַוונען?
— האָט די אידענע זיך ניט געוואָלט בארואיגען.

פון דעמאָלט אָן האָט שוין טעוועל, דורך פאַרשידענע אויסריידען, זיך אָפּטער אָפּגעשטעלט אין דער קרעטשמע און תמיד אכטונג געגעבען, אַז ער זאָל קענען בעסער אָנקוקען חוה דבורה'ן. איינמאָל האָט ער אפילו שוין מיט איר געהאַט פאַרפירט אַ שמועס. דאָס איז געווען שבת נאָכמיטאָג. חוה דבורה האָט דעמאָלט גערוט. געוויינליך, פלעגט זי אין יענער צייט זיצען אין דרויסען, אונטער אַ בוים, און זאָגען תהלים אָדער תחינות.

טעוועל האָט מיט איר געקענט שמועסען אָן אַ שטער און דער שמועס זייערער האָט געדויערט ממש אַ גאַנצען טאָג. ער האָט געוואָלט הערען אַלץ וואָס זי האָט געהאַט צו דערציילען און חוה דבורה האָט טאַקע געהאַט אַ סך צו דערציילען. צום ערשטען מאָל, אַז זי האָט געהאַט אימיצען וואָס איז געווען וויליג און פאַראינטערעסירט זי אויסצוהערען און דערצו נאָך מיט גרויס סימפּאַטיע.

חוה דבורה האָט אים אפילו דערציילט פון איר גורל ביי איר צווייטען בעל־הבית. עס איז איר געווען אַ סך ערגער ווי ביים ערשטען, דעם קרעטשמער'ס ברודער.

טעוועל האָט שוין איצט געוואוסט אַלץ וואָס ער האָט געדאַרפט און געוואָלט וויסען. ער איז ווידער אוועק צום פּינסקער רב, דעם גאון ר' משה יפה'ן, דורך וועמען ער האָט פאַרטיילט דעם גרעסטען חלק פון די געלטער, וואָס ער האָט באַשטימט פאַר צדקה. ער האָט דעם גאון דערציילט אַלץ וואָס ער האָט אויסגעפונען וועגען דער יתומה חוה דבורה'ן.

ער האָט זיך אין גאון פאַרטרויט, אַז די יתומה געפעלט אים און וואָלט געוואָלט זי האָבען פאַר אַ ווייב. ער האָט געוואָלט הערען וואָס דער גאון האָט צו זאָגען וועגען דעם און וואָס ער עצה'ט אים צו טאָן.

חוה דבורה איז אים דורכאויס געווען געפעלען, האָט טעוועל געזאָגט. נאָר איין זאַך האָט אים געדריקט אויפ'ן הארצען, פון דעם וואָס ער האָט אויסגעפונען, האָט חוה דבורה געקענט מער די שוואַרצע פּינטעלעך ווי ער. ער, טעוועל, איז געווען אינגאַנצען אַן עם־הארץ, נאָר

זיין הארץ איז געווען גוט. ער האָט אָבער קוים געקענט עברי. חוה־דבורה האָט געקענט דאווענען פון סידור און זאָגען תהלים און לייענען עברי־טייטש.

טעוועל׳ס הארץ איז געווען אזוי גוט, אז ער איז געווען גרייט, אויב דער רב ר׳ משה יפה וועט זאָגען, אז זי דאַרף גאָר חתונה האָבען מיט אימיצען אנדערש, צו געבען איר נדן און אן אויסשטייער כדי חתונה צו האָבען מיט׳ן ריכטיגען זיווג.

דער עיקר, טעוועל האָט געוואָלט, אז די יתומה זאָל וואָס גיכער אוועקגענומען ווערען פון די אכזריות׳דיגע בעלי־בתים אירע, וועלכע פארפינסטערען איר דאָס לעבען.

געהערט אזוינע רייד פון דעם יונגען גוט־באזיצער, האָט דער פינסקער רב באַלד געשיקט רופען צו זיך דעם קרעטשמער און דער יתומה.

צום קרעטשמער האָט דער רב געזאָגט, אז ער זאָל באַלד פריילאָזען די יתומה, און צו חוה דבורה׳ן האָט ער געזאָגט, אז זי דאַרף מער ניט בלייבען ביים קרעטשמער.

באפרייט פון דעם קרעטשמער און זיין ווייב די מרשעת, האָט דער רב געשיקט חוה דבורה׳ן צו איינעם פון די פינסקער בעלי־בתים, אז זי זאָל יענעם ארויסהעלפען אין זיין קלייט און דערווייל איר האלטען ביי זיך אין הויז. דער רב האָט קענטיג געוואָלט האָבען מער צייט זיך געגויער צו דערקונדיגען וועגען דעם מהות פון דער יתומה.

טעוועל האָט געוואָלט מיט איר חתונה האָבען, האָט זי פארדינט צו ווערען זיין ווייב? איז זי געווען דער ריכטיגער זיווג פאר אים און איז ער געווען דער פאסיגער שידוך פאר איר?

ר׳ משה יפה האָט געפילט די פאראנטוואָרטליכקייט, וואָס ער נעמט אויף זיך, בפרט אז טעוועל האָט זיך אינגאנצען פארלאָזען אויף אים. ער האָט איצט געדארפט זיין א פאָטער אי צו טעוועלען און אי צו חוה דבורה׳ן. ביידע זיינען געווען אָן טאטע־מאמע.

אין עטליכע וואָכען ארום — און דער פינסקער רב האָט דערווייל זיך גענוי דערקונדיגט וועגן חוה דבורה׳ס אויפפירונג און וועגען איר גאנצען מהות — האָט ער געשיקט רופען טעוועלען.

— מיט׳ן אויבערשטענ׳ס הילף — האָט דער רב אים מודיע געווען — איך בין געקומען צו דער מסקנא, אז חוה דבורה איז דיין ריכטיגער זיווג.

טעוועל איז געווען מלא שמחה.

— אז איך בין מרוצה, ווייסט איר, רבי, — האָט ער געזאָגט. — איצט געפינט אוים אויב חוה דבורה, איז אויך מרוצה אויפ'ן שידוך.

דער רב האָט איצט געשיקט רופען חוה דבורה'ן און האָט איר מודיע געווען, אז טעוועל באָט זיך אָן מיט איר חתונה צו האָבען. חוה דבורה האָט נאַטירליך באלד מסכים געווען צום שידוך, און ביים רב אין הויז זיינען געשריבען געוואָרען די תנאים און עס איז באשטימט געוואָרען דער טאָג פון דער חתונה.

א חוץ די געוויינליכע תנאים איז טעוועל באשטאנען, אז ס'זאָל אָפגעשריבען ווערען צווישען אים און זיין כלה, אז ביז דער חתונה זאָל יעדער פון זיי אליין האָבען די פולע מצוות פון געבען צדקה. אָבער נאָך דער חתונה זאָל אלץ צווישן זיי זיין שותפות, א העלפט פאר אים און א העלפט פאר איר. טעוועל האָט געוואָלט, אז חוה דבורה זאָל זיין די פולע שותפ'טע אין זיין לעבען, סיי וואָס איז נוגע עולם הזה און סיי וואָס איז נוגע עולם הבא. זיין גאנצען פארמעגען — און טעוועל איז ביי יענער צייט שוין געווען א גביר א איד — האָט ער אָפגעשריבען פארביידען ווי גלייכע שותפים.

כדי, אז אלץ זאָל שטימען און חוה דבורה זאָל טאקע קריגען די ריכטיגע העלפט פון זיין פארמעגען, האָט טעוועל געלאָזט דעם פינסקער רב מאכען די חשבונות און לויט די חשבונות האָט ער א העלפט איבערגע־געבען צו חוה דבורה'ן.

חוה דבורה האָט דאן א פינפטעל פון איר העלפט אוועקגעגעבען אויף צדקה.

נאָך דער חתונה האָבען זיי ביידע געוואוינט אויף טעוועל'ס גוטי נעבען קארלין.

אזוי ווי טעוועל איז געווען אן עם הארץ און חוה דבורה איז געווען א שטיקעל מלומדת, האָט זי יעדען טאָג מיט אים אָנגעהויבען לערנען דאָס, וואָס זי האָט אליין געקענט. אין משך פון א יאָר האָט שוין טעוועל געקענט לייענען א פרשה חומש, זאָגען תהלים און פארשטיין אביסעל פירוש המלות.

— איצט — האָט חוה דבורה געזאָגט, — לאָמיר ביידע נעמען א רבי'ן. — און זיי האָבען אויף זייער גוט ארונטערגעבראכט איינעם פון די

יונגעלייט פון ר׳ משה יפה׳ס ישיבה, וועלכער איז געווען פארהייראט און וועמענס ווייב חוה דבורה האט גוט געקענט.

ר׳ נתן אריה איז געווען דער נאמען פון דאזיגען יונגערמאן. טעוועל און חוה דבורה האבען אויסגעהאלטען דעם דאזיגען ר׳ נתן אריה׳ן מיט זיין ווייב, כדי ער זאל מיט זיי ביידען לערנען.

טעוועל און חוה דבורה האבן דאס פארעל אויסגעהאלטען מיט גרויס כבוד און מיט אלע זייערע הצטרכות׳ן און תמיד מוסיף געווען אויף ר׳ נתן אריה׳ס שכירות, אבי ער זאל מיט זיי טאג־איין, טאג־אויס לערנען.

פופצען יאר כסדר האבען טעוועל און חוה דבורה געהאט אפגעגעבען צום פינסקער רב און ראש־ישיבה די געלטער, וואס, לויט די חשבונות האבען געוויזען, זיי האבען געדארפט אפגעבען פאר צדקה. דערנאך האט ר׳ משה יפה פארלאזט פינסק און זיין ארט האט פארנומען ר׳ נפתלי כ״ץ, פון פראג. מיט טעוועל׳ס צושטימונג האט ר׳ משה יפה אנטפלעקט צו ר׳ נפתלי׳ן דעם סוד וועגען טעוועל׳ס און חוה דבורה׳ס מתן בסתר און די צדקה איז דאן געגאנגען דורך ר׳ נפתלי׳ס הענט.

דערוויל איז טעוועל אליין געווארען א למדן. זיין רבי ר׳ נתן אריה האט אין משך פון עטליכע יאר מיט זיין תלמיד געטאן א גרויסע פעולה. דאס זעלביגע איז געשען מיט חוה דבורה׳ן. אויך זי איז אין משך פון דער צייט געווארען א מלומדת.

אבער פונקט ווי זיי האבען ניט געוואלט, אז די „וועלט״ זאל וויסען וועגען זייער צדקה, אזוי האבען זיי אויך ניט געוואלט, אז אימיצער זאל וויסען, אז זיי לערנען תורה. ר׳ נתן אריה האט געמוזט צוזאגען צו האלטען בסוד דאס, וואס ער האט מיט זיי געלערנט תורה. פאר דער וועלט זיינען זיי ביידע געווען ניט מער ווי פשוט׳ע מענשען, וואס זיינען גוטהארציג און ערליך, אבער ניט מער.

פאר דער צייט זיינען זיי אויך געבענשט געווארען מיט קינדער און האבען זיי שפעטער חתונה געמאכט. זיי אליין האבען ווייטער געלערנט בשתיקה און האבען ווייטער געגעבען צדקה בסתר.

פון צייט צו צייט האבען ביידע, מאן און ווייב, זיך ארויסגעלאזט אויף א נסיעה און באזוכט די גרויסע ישיבות פון יענער צייט, ווי די ישיבות אין אוסטרא, בריסק, סלוצק, מינסק, ווילנע, קראקע און פראג. אומעטום האבען זיי איבערגעלאזט פאר די ישיבות געלט, אבער אויך מיט׳ן תנאי, אז דאס זאל בלייבען א סוד.

קיינער האָט דערפאַר ניט געוואוסט ניט אז טעוועל און חוה דבורה זיינען יודעי ספר און אויך ניט, אז זיי זיינען געבענשט מיט גרויס עשירות — דער עיקר, אז זיי פאַרטיילען א גרויסען חלק פון זייער פאַרמעגען אויף תורה און צדקה.

פינף און צוואנציג יאָר איז ר' נפתלי כ"ץ געווען רב אין פינסק. אז ער האָט פאַרלאָזען די שטאָט און זיין כסא הרבנות איבערגעגעבען צו ר' נפתלי הערצ'ן פון פויזען, האָט ר' נפתלי כ"ץ ממש געצוואונגען טעוועל'ן און זיין פלונית'טע, אז זיי זאָלען אים דערלויבען צו אנטפּלעקען פאַר דער וועלט וועגען דער צדקה, וואָס זיי האָבען אין געהיים פאַרטיילט פאַר אזוי פיל יארען. עס איז געווען דעמאָלט ווען דער ברייטער עולם האָט זיך דערוואוסט, אז מ'האָט דאָ געהאַט צו טאָן מיט א פאַרפאָלק נסתרים.

## קלד.

### דער אוצר

**דער סוד פון טעוועל און חוה דבורה'ס צדקה ווערט אַנטפּלעקט און די ישיבה באַקומט זייער נאָמען. — אַ צווייטע ישיבה אין פינסק וואָס טראָגט דעם נאָמען פון ר' שמעון בעל האוצר. — וואָס מערער ר' שמעון טיילט צדקה אַלץ מער וואַקסט זיין עשירות. — ר' שמעון אַנטדעקט אַן אוצר.**

פאַר איבער פערציג יאָר האָבען טעוועל און זיין ווייב חוה דבורה אויסגעהאלטען די ישיבה אין פינסק דורך מתן בסתר און קיינער האָט ניט געוואוסט פון דעם. אָבער נאָכדעם ווי די ישיבה איז איבערגענומען געוואָרען פון ר' נפתלי הערץ פון פויזען, און ער האָט זיך דערוואוסט וואָס פאַר א זעלטענע בעלי־צדקה טעוועל און זיין ווייב זיינען, איז דער נייער ראש־ישיבה באשטאנען ניט אנדערש, אז מען זאָל אנטפּלעקען פאַר דער וועלט וועגען זייערע מעשים.

ר' נפתלי האָט זיך אויך אָנגעהויבען גריבלען אין דעם אָפּשטאַם פון טעוועל'ן און חוה דבורה'ן. ער האָט אויסגעפונען, אז חוה דבורה'ס פאָטער, וועלכער איז געשטאָרבען ווען זי איז געווען א קליין קינד, איז געווען א פאַרבאָרגענער צדיק. דאָס איז אזוי אויך געווען מיט טעוועל'ס פאָטער.

— איר זייט ניט נאָר בעלי־צדקה, נאָר אויך גרויסע מיוחסים, — האָט ר' נפתלי געזאָגט צו טעוועל'ן און זיין ווייב, וועלכע זיינען שוין געווען

אויף די עלטערע יאָרען. — זאָל די וועלט וויסען פון אייך און זיך אראָפּ־נעמען א מוסר השכל.

טעוועל און חוה דבורה האָבען אָבער ניט געוואָלט איינגיין אוי דעם, סיידען אז זיי זאָלען דערנאָך פארלאָזען די געגענט.

האָבען זיי פארקויפט זייער „גוט" און באשלאָסען זיך אריבער־צוקלייבן קיין קראָקע. אָבער איידער זיי זיינען אָפּגעפאָרען קיין קראָקע האָט ר׳ נפתלי פאר זיי איינגעאָרדענט אן אסיפה אין דער ישיבה און האָט דאָרט דערציילט, אז די ישיבה, וועלכע האָט פאר דער צייט געקראָגען א וועלט־נאָמען, איז פאר די אלע יאָרען אויסגעהאלטען געוואָרען פון טעוועל׳ן און זיין ווייב.

אויף אָט דער אסיפה איז אָנגענומען געוואָרען די החלטה, אז די ישיבה זאָל פון דאמאָלסט אָן און ווייטער גערופען ווערען אויפ׳ן נאָמען פון טעוועל׳ן און זיין ווייב חוה דבורה׳ן.

אויף אזא אופן האָט פּינסק באקומען א ישיבה מיט אָט דעם זעלטענעם נאָמען.

א צווייט בארימטע ישיבה אין פּינסק האָט זיך גערופען אויפ׳ן נאָ־מען פון ר׳ שמעון דער בעל אוצר.

אָט דער ר׳ שמעון איז געווען א פּלימעניק פון מהרש״ל (ר׳ שלמה לוריא). זיין פאָטער, ר׳ ישראל, איז געווען א גרויסער גביר, א למדן און בעל־צדקה. אז מען האָט דעם מהרש״ל פאר א פעטער און דער מהרש״ל האָט אָנגעפירט מיט א ישיבה, איז ר׳ שמעון געשיקט געוואָרען צו לערנען אין זיין פעטער׳ס ישיבה.

ר׳ שמעון האָט זיך אָבער נישט אויסגעצייכענט מיט זיינע כשרונות. זיין גאונ׳ישער פעטער האָט אים ווייניג־וואָס געקענט העלפען.

דערפאר האָט ער זיך אויסגעצייכענט מיט זיין יראת־שמים און מיט זיינע מידות טובות. ער האָט פון זיין יוגענט אָן ארויסגעוויזען א באזונ־דערע נייגונג צו החזקת התורה. נאָך אלס אינגעל פלעגט ער אָפּשפּאָרען יעדע פּרוטה וואָס ער האָט ארייגעקראָגען און עס אוועקגעגעבען פאר מוסדות התורה.

אזוי האָט עס אָנגעהאלטען ביז מען האָט אים אָנגעהויבען ריידען שידוכים. ר׳ שמעון איז דורך זיין פאָטער פאר׳שדכנ׳ט געוואָרען צו א רייכער און מיוחס׳דיגער פאמיליע אין פּינסק. דער שווער האָט געהייסען זלמן ברוך. ער האָט געהאט די „טאקסע" אויף זאלץ און ליכט.

ר׳ שמעונ׳ס חתונה האָט זיך אויסגעצייכענט מיט דעם וואָס איינע־ פון די הויפּט מחותנים אויף איר איז געווען דער מהרש״ל.

כאָטש ר׳ שמעון איז געזעסען אויף קעסט ביי זיין רייכען שווער, האָט ער אָבער אליין זיך אָנגעהויבען אָפּגעבען מיט מסחר. ער האָט זיך פּארנומען מיט׳ן האנדעל פון גאָלדענע און זילבערנע חפצים און מיט דימאנטען און אנדערע איידעל־שטיינער. אָט דעם מסחר האָט ער זיך גע־ האט אויסגעלערענט ביי זיין טאטען. ער פלעגט מיט זיין סחורה קומען אין די הויפען פון רייכע פריצים און לאנד־באזיצער און דאָרט געהאט גרויס ריוח.

אזוי ווי ער איז געווען א מענש א בעל בטוח און דערצו א מזג־טוב, האָט ער אומעטום געהאט א צוטריט און געקראָגען א גוטען נאָמען.

ר׳ שמעון האָט ביי זיך אָפּגעמאכט, באלד ווי ער האָט זיך גענומען צו מסחר, אז היות ווי ער אליין איז באזאָרגט פאר דעם צייט וואָס ער זיצט ביים שווער אויף קעסט, זאָל ער דעם ריוח וואָס ער האָט אין מסחר, אוועקגעבען פאר צדקה — ניינציג פּראָצענט פאר הרבצת התורה, פון וועלכע איין דריטעל זאָל גיין פאר ישיבות וואָס עקזיסטירען פון פריער, און צוויי־ דריטעל — צו גרינדען נייע ישיבות. די אנדערע צען פּראָצענט פון דעם ריוח האָט ער אוועקגעגעבען פאר אנדערע מינים צדקה.

דער מהרש״ל האָט געהאט א תלמיד מובהק, וועמעס נאָמען איז געווען ר׳ אליעזר שמואל. אגב, האָט דער דאָזיגער ר׳ אליעזר שמואל אויך געהערט צו דער משפחה.

ר׳ שמעון האָט אָנגעבאָטען דעם דאָזיגען ר׳ אליעזר שמואל׳ן, אז ער זאָל זיך אריבערקלייבען קיין פּינסק און דאָרט גרינדען א ישיבה, וואָס ער, ר׳ שמעון וועט אויסהאלטען. פארשטייט זיך, אז אויך אים, ר׳ אליעזר שמואל׳ן, האָט ר׳ שמעון צוגעזאָגט אויסצוהאלטען מיט אלע זיינע הצטר־ כות׳ן.

ר׳ אליעזר שמואל האָט צו דעם מסכים געווען און איז ארונטער־ געקומען קיין פּינסק און דאָרט געעפענט א נייע ישיבה צו וועלכער ער האָט צוגעצויגען יונגעלייט מצוינים. אָט די ישיבה איז גערופען געוואָרען אויף ר׳ שמעונ׳ס נאָמען.

אין יענער צייט האָט מען די ישיבה אויף ר׳ טעוועל און חוה־ דבורה׳ס נאָמען שוין גערופען „די אלטע ישיבה״, צו אונטערשיידען איר פון ר׳ שמעונ׳ס נייער ישיבה.

ביידע ישיבות זיינען געפירט געווארען אין גייסט פון די וואס זיינען געווען געגען דעם דרך הקבלה און די נסתרים. ביידע ישיבות האבען געהאט א גרויסע השפעה אויף פינסק און במילא האט עס געפירט דערצו, אז פינסק זאל ווערען א שטאט פון געגנער, געגען די וואס האבען אויס־געטראטען דעם וועג פאר חסידות, וואס האט נאך געדארפט קומען אין די שפעטערדיגע יארען.

דערפאר איז אבער געווען אנדערש מיט קארלין, וואס געפינט זיך אויף דער זייט פון דעם טייך דווינע, געגענאיבער פינסק. קארלינער אידען זיינען גראד יא געווען אונטער דער השפעה פון די מקובלים און נסתרים, און דאס איז געווען הויפטזעכליך דערפאר, וואס דארט האבען זיך געהאט באזעצט עטליכע משפחות פון די אידען, וואס זיינען ארויסגעטריבען געווארען פון שפאניע און פארטוגאל. אט די גולי־שפאניע און פארטוגאל האבען אלע נאכגעפאלגט דעם דרך הקבלה.

בעת ר׳ שמעון האט זיך עוסק געווען אין באפעסטיגען די ישיבה וואס האט זיך גערופען אויף זיין נאמען, זיינען דערווייל זיינע עסקים געוואקסען. ער איז מיט יעדען יאר געווארען רייכער און רייכער.

א חוץ מיט הרבצת התורה האט ר׳ שמעון און זיין ווייב זיך אויך אפגעגעבען מיט הכנסת אורחים. זייער הויז איז געווען אפען פאר אורחים תלמידי חכמים און פאר סתם אורחים. ווער ס׳איז נאר געקומען צו זייער טיר, איז אויפגענומען געווארען בסבר פנים יפות.

אבער זייער הויפט צוועק אין לעבען איז געווען צו העלפען ישיבות, אונטערשטיצען יענע מוסדות התורה, וואס האבען שוין עקזיסטירט, און גרינדען נייע ישיבות אין פארשיידענע שטעט און לענדער.

ווען ר׳ שמעון האט פארענדיגט די קעסט ביי זיין שווער, איז ער שוין געווען א גביר אדיר אויף זיין אייגענעם חשבון. ער האט געהאט ארונטערגעבראכט פון מרחקים א גרויסען קינסטלער, וואס האט פאר אים אויסגעארבייט אלערליי צירונג, אזוי, אז ר׳ שמעונ׳ס מסחרים, און דאס מיינט אויך ריווחים, האבען זיך שטארק אויסגעשפרייט. זיין נאמען איז געווארען באקאנט אין א סך מדינות.

צוליב זיינע מסחרים האט ר׳ שמעון געדארפט מאכען נסיעות איבער א סך לענדער. אומעטום וואו ער איז געקומען אויף די נסיעות, האט ער תמיד באזוכט די דארטיגע ישיבות און האט פאר זיי איבערגע־לאזט היבשע סכומים געלט.

איינמאָל האָט ר' שמעון געמאַכט אַ לענגערע נסיעה איבער פּוילען און ליטע. ער האָט געזען די אָרימקייט וואָס האָט געהערשט אין אַ סך שטעט און שטעטלעך. ווען ער האָט זיך צוריקגעקערט אַהיים האָט ער איבערגעגעבן זיין ווייב וואָס ער האָט געזען.

די אידען אין פּוילען און ליטע זיינען געווען דורשטיג נאָך תורה, אָבער האָבען ניט געהאַט קיין געלט מיט וואָס צו גרינדען ישיבות און דערנאָך די ישיבות אויסצוהאַלטען.

— וויסטו וואָס, מיין מאַן, — האָט זיך זיין פּלונית'טע אָפּגערופען.
— מיר זיינען שטיין רייך, אונזערע געשעפטען גייען גוט. לאָמיר אוועקגעבען אונזער גאַנצען פאַרמעגען כדי צו גרינדען דאָרט ישיבות.

ר' שמעון האָט מסכים געווען, און באַלד האָבען זיך אין פּוילען און ליטע אָנגעהויבען עפענען ישיבות. אָבער וואָס מער זיי האָבען אוועק־געגעבען אויף תורה, אַלץ גרעסער זיינען געוואַקסען זייערע ריוחים. וויפיל זיי האָבען געגעבען פאַר ישיבות, אַלץ גרעסער איז געווען זייער באַגער צו געבען מער.

אַז זיי זיינען געקומען אויף די עלטערע יאָרען, האָבען ר' שמעון און זיין ווייב זיך געקויפט ערטער אויפ'ן בית הקברות און זיי האָבען זיך נוהג געווען, אַז אין טאָג פון ר' שמעונ'ס געבורט, וואָס איז אויסגעפאַלען אין זומער, זאָלען זיי באַזוכען די דאָזיגע ערטער, וואָס זיינען געווען באַ־שטימט פאַר זיי לאחר מאה ועשרים שנה.

פאַר ר' שמעונ'ען און זיין ווייב איז עס געווען אַ טאָג פון חשבון הנפש. וואָרום ווען מען קומט אויפ'ן בית־הקברות און מען קוקט אָן דאָס שטיקעל ערד וואו מען וועט מיט דער צייט דאַרפען ליגען באַגראָבען מוז מען ווערען באַהערשט פון ערנסטע געדאַנקען, פון הרהור תשובה.

דער פינסקער בית הקברות האָט זיך געפונען אין ערך אַ מייל אויסערן שטאָט. ביים בית הקברות האָט זיך געפונען אַ קליין וועלדל, דורך וועלכען זיי פלעגען גיים צום אייביגען אָרט.

איינמאָל אין אַזאַ געבורטס־טאָג זיינען ר' שמעון און זיין פרוי געגאַנגען דורכ'ן וועלדל צוריק אַהיים פון זייער באַזוך אויפ'ן בית הקברות. מיט אַמאָל האָט ר' שמעון באַמערקט ווי אַ חיה'לע ראָיעט זיך אין דער ערד. צוקוקענדיג זיך האָט ער דערזען, ווי פון אויפגעגראָבענעם ערד שטעקט אַרויס עפּעס אַ כלי. צוקומענדיג נענטער און אַ גראָב־טועגדיג אַליין, האָט זיך פאַר אים אַנטפּלעקט אַ ליימענער קרוג וועלכער איז געווען

אָנגעפּילט מיט גאָלדענע מטבעות. ר׳ שמעון האָט אָנגעהויבן ווייטער גראָבן, און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז דאָרט זיינען געווען באַגראָבן אַ סך ליימענע כלים מיט גאָלדענע מטבעות.

ר׳ שמעון האָט פּשוט אַנטדעקט אַן אוצר.

— זעסטו, מיין ווייב, — האָט ער זיך געווענדעט צו זיין פּלונית׳טע וועלכע איז געשטאַנען דערביי און זיך צוגעקוקט אין שטוינען. — דער אויבערשטער האָט אונז צוגעשיקט אַן אוצר. דענקסטו ניט, אַז ער האָט עס געטאָן פאַר אַ באַשטימטען צוועק? דער אויבערשטער האָט דאָך ניט בדעה אונז צו געבען מער עשירות, בעת מיר זיינען שוין מיט עשירות געבענשט פון פריער!

— ביזט גערעכט, מיין מאַן, — האָט די פרוי געזאָגט. — מיר מוזען דעם אוצר מקדיש זיין פאַר תורה. מיר האָבען פאַרטיילט אַ סך געלט פאַר תורה ביז אַהער. איצט וועלען מיר אַלץ וואָס דער אוצר באַטרעפט אוועקגעבען פאַר תורה.

ר׳ שמעון האָט מסכים געווען מיט זיין ווייב.

זיי האָבען דעם אוצר געבראַכט אַהיים און שפּעטער אַוועק צום רב פון שטאָט און איהם געלאָזט אויסשרייבען אַ „שטר", אין וועלכען זיי האָבען זיך פאַרפּליכטעט דעם אוצר צו ווידמען פאַר הרבצת התורה.

ר׳ שמעון איז פון דאַמאָלט אָן גערופען געוואָרען דער בעל־האוצר.

הונדערטער ישיבות האָבען נהנה געווען פון דאָזיגען אוצר. די תורה האָט געפונען אַן אָנהאַלט אין אַ סך קהילות און אין אַ סך לענדער, ווי אַ פועל־יוצא פון דאָזיגען אוצר.

## קלה.

### גאָלדע לאה׳ס ישיבה

**גאָלדע לאה גיט זיך אָפּ מיט פאַרשידענע מצוות. — מאַכט פון מרחץ כמעט אַ חדר. — שטיצט אַ נייע ישיבה וואָס טראָגט איר נאָמען.**

אויסער די צוויי ישיבות, וועגען וועלכע עס איז דערציילט געוואָרען פריער, האָט פּינסק אויך געהאַט אַ דריטע ישיבה אויפ׳ן נאָמען פון דער צדקנית גאָלדע לאה.

גאָלדע לאה איז באמת געווען אַ זעלטענע פרוי. גערופען האָט מען זי „גאָלדע לאה די הייבאַם", „גאָלדע לאה די באָבע" און אויך „גאָלדע

לאה די טוקערין". דאָס איז געווען אויפ'ן חשבון פון דעם, וואָס זי האָט זיך אָפּגעגעבן מיט הייבאמעריי און מיט טוקעריי.

איר מאַן איז געווען זלמן הירש דער שניידער. פון זיין שניידעריי האָט זלמן הירש קוים פאַרדינט געגוג אויף חיונה און גאָלדע לאה האָט געדאַרפט ארויסהעלפען מיט דער פרנסה. איז זי געווען א הייבאם און א סך מענער און פרויען, יונגע און דערוואַקסענע, האָבען איר גערופען „באָבע", ווייל זי האָט זיי „אָפּגענומען" ביים געבורט.

א חוץ א הייבאם, איז גאָלדע לאה אויך געווען א טוקערין אין מרחץ, אָבער דאָס האָט זי שוין געטאָן אָהן צו קריגען פאַר דעם באַצאָלט.

זי פלעגט זיצען אין מרחץ ווען פרויען פלעגען קומען זיך טובל זיין און זי האָט די פרויען, די גאָר יונגע און די מיטל־יאָריגע באַדינט און אכטונג געגעבען, אז זיי זאָלען זיך טובל זיין ווי עס באַדאַרף צו זיין, אָט ווי דער אידישער דין פאָדערט.

א חוץ אָפּצוגעבען זיך מיט די פרויען ביים גיין אין מקוה זיך טובל זיין — און ווי געזאָגט האָט זי עס געטאָן פון מצוה וועגען — האָט גאָלדע לאה אויך זיך אָפּגעגעבען מיט א צווייטער מצוה — ביקור חולים. דאָ האָט איר שוין אויך ארויסגעהאָלפען איר מאַן.

דער עיקר האָבען זיי זיך ביידע אָפּגעגעבען מיט מבקר חולה זיין אָרימע חולאים, מענער און ווייבער. גאָלדע־לאה האָט זיך ווייט ניט באַ־נוגענט מיט קומען און נאָכפרעגען זיך וואָס דער חולה מאַכט. זי האָט די חולאים באַדינט.

דאָ האָט זי אָפּגעקאָכט א געקעכץ דעם חולה צו דערקוויקען. דאָ האָט זי איינגעהייצט דעם אויווען כדי וואַרים צו מאַכען אין הויז. וואו מען האָט געדאַרפט האָט זי דאָס הויז אויפגעראַמט.

איז אין בעט געלעגען די פרוי, די ווירטין פון הויז, אזוי האָט גאָלדע לאה איבערגענומען די גאַנצע בעל הבית'שקייט. זי האָט געמאַכט עסען פאַר'ן מאַן און די קינדער, האָט קליינוואַרג אָנגעטאָן און ארומגע־וואַשען, און ווען נויטיג זיי געשיקט אין חדר אריין.

האָט מען געדאַרפט פאַרריבטען מייטקעס אָדער א קאַפּאָטקעלע, האָט זי געהאַט איר זלמן הערש'ן ביים זייט. האָט מען געדאַרפט פאַרצירע־ווען א זאַק אָדער עפּעס אנדערש טאָן, האָט זי עס אליין געטאָן.

דאָרט וואו דער מאַן איז געווען דער חולה און אין הויז האָט געפעלט דער ברויטגעבער, האָט גאָלדע לאה געזאָרגט, אז אין שטוב זאָל

גאָרניט פעלען, ניט פאַר׳ן חולה און ניט פאַר די בני־בית. זי האָט באַזאָרגט מיט די רפואות און זי האָט באַזאָרגט מיט די הצטרכות׳ן פון דער משפחה.

דאָס וואָס גאָלדע לאה האָט ניט געקאָנט געבען פון אירע אייגענע און איר מאַנ׳ס אָרימע פאַרדינסטען, האָט זי צונויפגעקליבען ביי אַנדערע. די אָרימע קראַנקע אין שטאָט האָבען שוין געוואוסט, אַז פריער דער אויבערשטער און דערנאָך גאָלדע לאה און איר מאַן, זיי האָבען שוין די אָרימע חולאים ניט געלאָזט פאַלען.

האָט גאָלדע לאה געמעגט זיין מי־יודע ווי פאַרנומען, האָט זי נאָר דערהערט, אַז אימיצער איז ערגעץ קראַנק, איז זי באַלד אַהין געלאָפען און מיטגענומען איר זלמן הירש׳ן מיט זיך. זי האָט זלמן הירש׳ן אוועק־געריסען פון דער אַרבייט.

— די אַרבייט קאָן וואַרטען — פלעגט זי אים זאָגען — דער חולה איז בילכער.

אין מרחץ ביים טובל זיין די פרויען, האָט גאָלדע לאה זיך ניט באַנוגענט נאָר מיט דעם ענין טבילה. זי האָט די פרויען דערציילט מעשיות פון די הייליגע אמהות און פון אַנדערע פרויען צדקניות, כדי אויף די פרויען משפיע צו זיין, אַז זיי זאָלען זיך פירען ווי עס באַדאַרף צו זיין און נאָך טראַכטען פון אָפּהיטען דאָס געבאָט פון דער תורה. זי פלעגט די פרויען לערנען מידות טובות, ווי אומצוגיין זיך מיט זייערע מענער, קינדער און אפילו אויך מיט זייערע שכנ׳טעס און אין מאַרק. זי האָט זיי אָנגעזאָגט זיך ניט אַרומצוקריגען און ניט צו טאָן קיינעם קיין שלעכטס.

— דער עיקר, היט אייערע מיילער, — פלעגט זי לערנען די ווייבער.
— שילט זיך ניט. רעדט מיט געלאַסענקייט, מיט אַכטונג און מיט ליבע.

עס איז געווען צו פאַרדאַנקען גאָלדע לאה׳ן, וואָס דער ווייבערשער מרחץ האָט באַקומען אַ גאָר אַנדער פּנים. אַנשטאָט די ווייבער זאָלען דאָרט ריידען רכילות און לשון הרע און סתם אַרומקריגען זיך, איז עס גאָר געוואָ־רען אַ מין „חדר״, וואו גאָלדע־לאה האָט געקנעלט מיט די ווייבער ווי זיך אויפצופירען.

יעדע פרוי, ווען זי פלעגט אַרויס פון מקוה, האָט געקראָגען פון גאָלדע לאה׳ן אירע ברכות. מיט דער צייט האָבן פרויען דורכאויס געוואָלט אירע ברכות, ווייל זיי האָבען געזאָגט, אַז גאָלדע לאה׳ס ברכות ווערען מקוים.

ווען נאָר גאָלדע לאה האָט געבענטשט מיט געזונטע און געראָטענע קינדער, האָבען זיי טאַקע געהאַט אַזוינע קינדער. פרויען, וואָס האָבן פריער

מפיל געווען אָדער בכלל געהאט קינדער וואָס האָבען זיך ניט געהאלטען לאנג, האָבען דורך גאָלדע לאה'ס ברכות זוכה געווען צו האָבען דאָס וואָס זיי האָבען זיך אליין געוואונשען.

אין משך פון דער צייט האָט גאָלדע לאה געקראָגען א נאָמען ניט נאָר איבער גאנץ פינסק, נאָר אויך אין דער סביבה. פון נאָענט און פון וויט זיינען ווייבער געקומען צו איר זיך בענשען. עס זיינען אפילו געקומען עקרות זיך בענשען, אז זיי זאָלען האָבען קינדער און ווען גאָלדע לאה האָט זיי געגעבען איר ברכה האָבען זיי טאקע געהאט קינדער און געראָ־טענע דערצו.

פאר די אלע זאכען האָט גאָלדע־לאה ביי קיינעם קיין פרוטה ניט גענומען. ווייבער האָבען איר אָנגעהויבען טראָגען געלט אנטקעגען.

— איך בעט אייך, נעמט עפּעס פון מיר, איר וועט מיר טאָן א נחת־רוח, — האָט מען זיך ביי איר געבעטען.

גאָלדע לאה האָט זיך אָבער אנטזאגט:

— סטייטש, פארוואָס זאָל איך נהנה זיין פון דעם אויבערשטענס געשאנק? — פלעגט זי זאָגען. — איך בענש אייך עפּעס מיט מיינס אייגענס? איך ווינטש אייך נאָר אָן, אז דער אויבערשטער זאָל דערפילען אלע אייערע בקשות, היינט פארוואָס זאָל איך פאר דעם קריגען באצאָלט? איר קומט מיר אפילו ניט קיין דאנק. דאנקט דעם אויבערשטען.

האָבען ווייבער איר אָנגעהויבען אריינרוקען אין האנט אריין מטבעות און דערביי געזאָגט:

— זאָל עס זיין פאר'ן רבונו של עולם.

האָט גאָלדע לאה דאָס געלט געגעבען אויף צדקה.

דער עיקר האָט זי דאָס געלט אוועקגעגעבען פאר דער נייער ישיבה וואָס איז געגרינדעדט געוואָרען אין פינסק.

די פריערדיגע צוויי ישיבות זיינען דער עיקר געווען פאר יונגעלייט, פארהייראטע, וואָס האָבען איבערגעלאָזט זייערע ווייבער אין דערהיים, אָדער זיינען אין פינסק געזעסען אויף קעסט.

די נייע ישיבה איז געווען פאר בחורים. אָט די ישיבה איז געווען יונג. זי האָט נאָך ניט געהאט דעם מקור פון וואנען צו קריגען גענוג פאר איר קיום.

איז גאָלדע־לאה דערשינען ווי דער מלאך, וואָס האָט אָט דער ישיבה דערהאַלטען.

גאָלדע־לאה האָט שוין פון די ווייבער אריינגעקראָגען א היבשען סכום געלט. וואָס גרעסער עס איז געוואקסען איר פרסום, אַלץ גרעסער איז געוואקסען דער סכום געלט וואָס זי האָט אריינגעקראָגען וואָך־איין וואָך־אויס.

גאָלדע־לאה האָט פון דעם געלט ניט געוואָלט נהנה זיין אפילו א פרוטה. אירע אייגענע באדערפענישען האָט זי נאָך אַלץ באפרידיגט דורך איר מאַנ'ס אָרימע פאַרדינסטען פון שניידעריי און פון אירע אייגענע פאַר־דינסטען אַלס הייבאם — און דאָס אויך האָט זי גענומען באצאָלט נאָר ביי בעלי בית'שע מענשען. ביי אָרימעלייט האָט זי קיין געלט אינגאנצען ניט גענומען.

דאָס גאַנצע געלט וואָס זי האָט אריינגעקראָגען, האָט זי געבראכט אין דער ישיבה. ניט קיין וואונדער, אז מען האָט דער ישיבה אָנגעהויבען רופען אויפ'ן נאָמען פון גאָלדע לאה'ן די באָבע — גאָלדע לאה דער באָבע'ס ישיבה.

די ישיבה איז כסדר געוואקסען, ביז זי האָט זיך געקאָנט פארגלייכען מיט איר פארנעם און איר מהות מיט די אנדערע צוויי ישיבות.

עס איז געווען אַן ערך אין יאָר שע"ה, ווען דער גאון ר' זונדעל איז אויפגענומען געוואָרען ווי דער ראש פון גאָלדע לאה דער באָבע'ס ישיבה. דער דאָזיגער ר' זונדעל איז אויך געווען א געגנער פון דער קבלה און דער שיטה פון די נסתרים. אין דעם האָט ער זיך צוזאמענגעטראָפען מיט די וואָס האָבען אָנגעפירט מיט די אנדערע ישיבות אין פינסק.

פינסק איז אויף אזא אופן געווען א צענטער פון מתנגדים. פארש־טייט זיך, אז די השפעה פון פינסק איז געווען אויך אויף אנדערע שטעט.

פינסק איז בכלל געווען א עיר ואם בישראל. מיט דריי גרויסע ישיבות, וואָס האָבען ארויסגעשיקט יונגעלייט איבער דער גאַנצער סביבה, ממש אין אַלע אידישע תפוצות, איז איר השפעה געוואקסען פון טאָג צו טאָג.

א ישיבה האָט תמיד געהאַט א גרויסען באַדייט ביי אידען, בפרט צוויי און דריי ישיבות, וואָס האָבען נאָכגעפאָלגט די זעלביגע שיטה — התנגדות צו די מקובלים און נסתרים. וואָס גרעסער עס איז געוואקסען די

צאָל תלמידים אין די דאָזיגע דריי ישיבות, אלץ גרעסער איז געוואקסען די השפעה פון די ישיבות.

פינסק איז געוואָרען א פעסטונג פון התנגדות. די נאָכפאָלגער פונ׳ם דרך הקבלה האָבען אָנגעהויבען באטראכטען פינסק ווי אן אייזערנע וואנט וואָס שטייט זיי אין וועג. כדי צו מנצח זיין מיט זייער שיטה, האָבען זיי געמוזט מנצח זיין פינסק.

די צייט ווען אָט די דערמאָנטע דריי ישיבות אין פינסק האָבען געשפילט א גרויסע ראָלע און געהאט א גרויסע השפעה, איז געווען די צייט ווען ר׳ אליהו בעל שם האָט נאָך געלעבט.

ר׳ אליהו בעל־שם, וועלכער איז פריער געווען אין ווערמייזע און שפעטער אויף די עלטערע יאָרען אין פראג, איז געווען דער פאָטער פון אָט דער באוועגונג פון די מקובלים און נסתרים, — א באוועגונג וואָס האָט זיך שפעטער פארוואָרצעלט אין דעם דרך־החסידות.

ר׳ אליהו בעל שם האָט שוין לאנג געפילט, אז כדי זיין דרך הקבלה זאָל געפינען אן אָנהאלט אין ליטע און אין פוילען, האָט צו־ערשט געמוזט „איינגענומען" ווערן פינסק מיט אירע דריי ישיבות. דאָס איז אָבער ניט געווען קיין לייכטע אויפגאבע.

די דאָזיגע ישיבות זיינען געשטאנען אונטער דער השפעה פון גרויסע גאונים. יעדער פון זיי איז געווען פאר׳עקשנ׳ט.

וואָס האָט געקאָנט און געדארפט געטאָן ווערען? ר׳ אליהו בעל־שם האָט באשלאָסען אליין ארונטערצוקומען קיין פינסק.

## קלו.

## דער נצחון איבער מתנגד׳ישער פינסק

**פינסקער גאונים אין התפעלות פון ר׳ אלי׳ בע״ש׳ס גאונות. — זיינע אָפטע באַזוכער בלייבען שוין זיינע תלמידים מקובלים. — מתנגדישע צאָרען און קאַמף געגען די מקובלים.**

ווען ר׳ אליהו בעל שם האָט באשלאָסען ארונטערצוקומען קיין פינסק בכדי דורכצוברעכען א וועג פאר זיין לימוד פון קבלה און דערמיט צוגרייטען פאר חסידות, וואָס איז געקומען שפעטער, איז דער צדיק און מקובל שוין געווען א בן שבעים. א נסיעה פון פראג קיין פינסק האָט פאר זיין עלטער, ניט געדארפט זיין קיין לייכטע אונטערנעמונג.

ר' אליהו, וועלכער האָט זיך אויך גערופען אויפ'ן נאָמען פון דער שטאָט ווירמייזע, וואו ער איז צום ערשט געוואָרען מפורסם, — ר' אליהו בעל שם פון ווירמיזע — האָט זיך אָבער פאר גאָרניט אָפגעשטעלט און זיך ארויסגעלאָזט אין וועג אריין.

אז ער איז אָנגעקומען קיין פינסק איז ער שוין געווען א פשוט'ער אורח, איינער פון די פילע אידישע וואנדערער פון יענער צייט. ער האָט קיינעם ניט אָנגעגעבען זיין נאָמען, און האלטענדיג זיך פאר אן אָרימאן ווי אלע אנדערע אָרימע אורחים, איז ער פארגאנגען אין שטאָטישען הקדש, וואו וואנדערענדיגע אָרימעלייט האָבען זיך אויפגעהאלטען.

אָבער אויב ר' אליהו בעל שם האָט געקאָנט באהאלטען זיין נאָמען און האָט באהאלטען זיין חשיבות, האָט ער אָבער ניט געקאָנט באהאלטען זיין הדרת פנים. עס איז געווען געננוג אים אָנצוקוקען און מען זאָל, טראָץ זיינע אָרימע קליידער און זיין פשוט'ע האלטונג, פילען, אז מען האָט פאר זיך ניט קיין אבי ווער.

אייניגע אין הקדש האָבען דערשמעקט, אז דאָס איז א איד א בן־תורה.

אין יענער צייט זיינען געווען א סך באהאלטענע צדיקים און גאונים וואָס האָבען אָפגעריכט גלות. מען האָט שוין געוואוסט, אז זיי גיבען ניט ארויס זייערע נעמען און אז אפילו ווען מען דערוויסט זיך וועגען זייער לומדות, בלייבען זייערע נעמען א סוד.

האָט מען געלאָזט וויסען די ראשי הקהלה, אז אין הקדש געפינט זיך א זקן וואָס קוקט אויס צו זיין א גרויסער למדן. האָט מען וועגען דעם מודיע געווען צום דאמאָלסדיגען רב פון שטאָט, ר' נפתלי כ"ץ און יענער האָט אויסגעקליבען צוויי יונגעלייט וועמען ער האָט געשיקט אין הקדש צו פארפירען א שמועס מיט'ן אורח און אויסגעפינען צי ער איז טאקע א למדן, ווי זיין הדרת פנים דייטעט אָן.

עס איז געווען אָנגענומען, אז אויב ס'זוכט זיך אָפּ א לומד'ישער אורח, גיט מען אים דעם געהעריגען קבלת פנים לויט דער מדרגה פון זיין לומדות. מען האָט אזא אורח דאמאָלט ניט געלאָזט בלייבען אין הקדש און אים באזאָרגט מיט א געהעריגער דירה.

געווען פאלען, ווען דער באטרעפענדיגער אורח, וואָס האָט דוקא געוואָלט בלייבען א נעלם, האָט פרובירט באהאלטען זיין לומדות און געמאכט דעם אָנשטעל ווי ער וואָלט קוים פארשטאנען אין תורה ענינים.

ווען די צוויי לומד'ישע יונגעלייט זיינען געקומען אין הקדש און אנגעהויבען ריידען תורה מיט דעם פארשטעלטען ר' אליהו'ן, האט דער בעל שם אפילו ניט פרובירט באהאלטען זיין לומדות. דעם פינסקער רב'ס שלוחים זיינען פשוט איבערראשט געווארען פון דעם אורח'ס גרויסע לומדות. עס איז פאר זיי מער קיין ספק ניט געווען, אז זיי האבען פאר זיך א גדול הדור.

ווי דער שטייגער, האבען זיי ניט געוואלט זיין צודרינגליך אויסצוגע־פינען ווער ער איז. פאר זיי איז געווען קלאר, אז זיי האבען דא איינעם וואס ריכט אפ גלות.

זיי האבען וועגען דער לומדות פון דעם אורח געמעלדעט דעם רב און עס איז באלד איינגעארדענט געווארען א קבלת־פנים פאר אים אויף א גרויסארטיגען שטייגער.

ווען דער רב פון שטאט און די פינסקער לומדים האבען זיך פאנאנדערגערעדט מיט'ן אורח אין לומדות זיינען זיי פון זיין גאונות נאך מער נתפעל געווארען.

דער אורח איז איינגעלאדען געווארען צו זאגען א שיעור אין איינע פון די דריי בארימטע פינסקער ישיבות. ענליכע איינלאדונגען זיינען דאן געקומען פון די אנדערע צוויי ישיבות.

ר' אליהו בעל־שם האט פארלאנגט, אז צו ערשט זאלען די ראשי ישיבות אליין זאגען שיעורים כדי ער זאל זיך באקאנען מיט'ן דרך פון זייער לימוד. ער האט דאן אליין געזאגט א פלפול.

ר' אליהו'ס חדושי־תורה האבען שטארק אויסגענומען. די עלטערע לומדים, אזוי גוט ווי די אינגערע זיינען אריין אין גרויס התפעלות.

ר' אליהו איז געווען דער גאסט פון איינעם פון די פיינסטע בעלי־בתים פון פינסק. דאס הויז איז איצט געווען פול מיט באזוכער, עלטערע און אינגערע לומדים, וואס האבען זיך פשוט ניט געקאנט אנזעטיגען מיט'ן בעל שם'ס תורה, וואס איז געווען פול מיט בקיאות און חריפות.

קיינער האט ניט געוואגט צו פרעגען ביי אים זיין נאמען און קיינער, אויסער איינער, האט ניט געוואוסט ווער ער איז, דער איינער איז געווען דער רב פון שטאט ר' נפתלי כ"ץ.

דריי וואכען זיינען אוועק זינט ר' אליהו איז געקומען קיין פינסק. ער האט שוין געהאט זיך דערווארבען א צאל תלמידים וואס זיינען פון אים

ממש ניט אָפּגעטראָטען. זיי האָבען אים באטראכט פאר זייער רבי'ן און זיך געהאלטען פאר זיינע תלמידים.

ר' אליהו בעל שם איז קענטיג טאקע געווען גערן צו האָבען תלמידים וואָרום יעדען טאָג האָבען זיי זיך פארזאמעלט ארום אים און ער האָט פאר זיי געזאָגט א שיעור.

אין א קורצער צייט ארום האָט ר' אליהו זיך געדונגען א דירה, וואו ער האָט כסדר אויפגענומען זיינע תלמידים און פאר זיי געזאָגט זיינע שיעורים. עס האָט ניט גענומען לאנג און עס איז שוין קלאָר געווען, אז זיין דרך־הלימוד איז דער דרך פון דער קבלה, און אז ער האָט פשוט זיך דערוואָרבען א צאָל תלמידים — טאקע אזוינע וואָס זיינען פריער געווען תלמידים פון די פינסקער ישיבות, וואו מען האָט פשוט באקעמפט דעם דרך הקבלה — וואָס זיינען שוין געווען התלהבות'דיגע נאָכפאָלגער פון דער קבלה.

איצט האָבען זיך די ראשי־ישיבה און די אנדערע לומדים פון פינסק, שטארקע מתנגדים פון דער קבלה, געכאפּט, אז דער אורח האָט זיך געוואונען א צאָל נאָכפאָלגער פון זיין דרך. דאָס האָט שטארק דערצאָרענט די ראשי ישיבה און די אנדערע לומדים.

דער אורח האָט זיי פשוט אָפּגעטאָן א שפּיצעל. ער איז אריינגע־דרונגען אין דער מתנגד'ישער פינסק און זיך געוואונען פארערער און נאָכפאָלגער.

עס זיינען אין פינסק געווען אזעלכע, וואָס האָבען אלע זייערע יאָרען געפירט מלחמה געגען דעם דרך־הקבלה. זיי זיינען געווען זיכער, אז אין זייער שטאָט וועט אָט דער דרך ניט געפינען קיין אָנהאלט, און צום סוף איז ממש די ערד פון אונטער זייערע פיס פארשוואונדען.

עפּעס האָט געדארפט געטאָן ווערען דערצו, אָבער וואָס האָבען זיי דען געקאָנט טאָן? וואָס גרעסער עס איז געוואָרען זייער צאָרן געגען ר' אליהו בעל־שם, אלץ מער תלמידים האָט ער צוגעקראָגען. א סך תלמידים פון די באוואוסטע דריי פינסקער ישיבות האָבען שוין אָפען זיך אָנגע־שלאָסען אין ר' אליהו בעל־שם און געוואָרען זיינע שטארקסטע פארטיידיגער.

ר' אליהו בעל־שם איז מער נישט געווען אליין. ער האָט געהאט א צד — און א שטארקען צד — אין פינסק. א וועלכער עס איז פארמעסט געגען אים, האָט אויך געמיינט צו האָבען געגען זיך ר' אליהו'ס תלמידים.

פארשטייט זיך, אז אין פינסק איז שוין קיין שלום ניט געווען. די ויכוחים זיינען געווען היציגע. דעם בעל שם'ס נאכפאלגער האבען שוין געהאט דעם כוח און די אנטשלאסענקייט איינצושטעלען זיך פאר זייער צד.

צוויי יאר זיינען אוועק און ר' אליהו בעל־שם האט אנגעפירט מיט זיין אייגענער ישיבה אין פינסק — א ישיבה וואו זיין דרך איז געלערענט געווארען צו די תלמידים. ניט קוקענדיג אויף אלע באמיאונגען פון די מתנגד'ישע ראשי ישיבה צו מאכען צו־נישט זיין דרך, האט ר' אליהו געהאט אלץ א גרעסערען דערפאלג. זיין פרסום איז געווארען גרויס. די צאל פון זיינע נאכפאלגער איז געוואקסען.

ר' אליהו האט זיך באזונדערס באמיט אפצוקלייבען א פופציג יונגעלייט, וועלכע ער האט ניט נאר דערצויגען אין זיין אייגענעם דרך, נאר האט אין זיי אויך אריינגעגעבען דעם כוח און דעם ווילען צו ווערען די פארשפרייטער פון דעם דרך הקבלה. די דאזיגע יונגעלייט האבען דערנאך דערוואָרבען הונדערטער אידען, וואס זיינען געווארען פייערדיגע אנהענגער פון דעם דרך הקבלה.

אין פינסק האט זיך געפונען איינער פון די מתנגד'ישע לומדים מיט'ן נאמען ר' גבריאל. איז ער געווען ניט בלויז א גדול בתורה, נאר אויך א גרויסער בעל־כוח אין גשמיות'דיגען זין. ער איז געווען הויך געוואקסען און שטארק — ממש א גבור. ער איז דערצו אויך געווען א גרויסער בעל־דברן, אזוי, אז ער האט אנגעהויבען האלטען פייערדיגע דרשות, רופענדיג יונג און אלט צו א פשוט'ער מלחמה געגען ר' אליהו בעל־שם און זיינע נאכפאלגער.

ר' אליהו האט אבער געהאט אנגעזאגט זיינע תלמידים, אז זיי זאלען זיך האלטען רואיג און ניט ענטפערען די מתנגדים מיט קיין ווארט. זאלען די מתנגדים זיך קאכען, זאלען זיי שרייען און ליארמען, די בעלי־הקבלה זאלען שווייגען, ווי ניט זיי מיינט מען עס.

אויך די געוויינליכע נאכפאלגער זיינע אין שטאט האט ער אנגעזאגט ניט צו לאזען זיך אריינציען אין קיין מחלוקה, נאר הערען און שווייגען, זיך צוקוקען און ניט עפענען דאס מויל, ווי עס וואלט זיי ניט נוגע געווען.

אבער דאס שטילשווייגען פון ר' אליהו'ס תלמידים און פון זיינע נאכפאלגער האט די מתנגדים נאך מער דערצארענט. סטייטש, זיי, די מתנגדים, מאכען געוואלדען, זידלען זיי און רופען זיי מיט די שענדליכסטע נעמען און יענע זאגען קיין ווארט ניט.

די מתנגדים זיינען צוליב דעם נאָך מער דערצאָרענט געוואָרען. זיי האָבען עס מצד די בעלי הקבלה באטראכט פאר א „חוצפה", א מין גרינגשעצונג פון זייער זייט, צו די מתנגדים.

האָבען זיך מתנגדים אזוי לאנג געהיצט ביז זיי זיינען באפאלען דעם בעל שמ'ס תלמידים און זיי געשלאָגען, יענע האָבען ניט געענטפערט אויף צוריק, זיי האָבען זיך ניט פארטיידיגט, האָבען די אויפגעברויזטע מתנגדים זיי נאָך מער געשלאָגען.

דאָס האָט אויפגערודערט פינסק. די מתנגדים האָבען, נאטירליך, געגעבען גערעכט די שלעגער, אָבער די פארערער און נאָכפאָלגער פון ר' אליהו בעל־שם האָבען געהאלטען, אז דאָס איז א מורא'דיגע נבלה וואָס טאָר ניט פארשוויגען ווערען.

די בעלי־הקבלה האָבען איצט באשלאָסען עפּעס צו טאָן וועגען דעם, אָבער ניט דורך ענטפערען מיט קלעפּ אויף קלעפּ, נאָר דורך רופען די שלעגער צו א דין־תורה.

די שלעגער האָבען זיך אָבער „געלאָזט בעטען". זיי האָבען מיט צאָרן צוריקגעשליידערט די הזמנה פונ'ם געקריוודעטען צד און געזאָגט, אז זיי וועלען מיט זיי ניט גיין צו קיין דין תורה. די קלעפּ האָבען זיי כשר פארדינט, האָבען זיי געזאָגט.

האָבען אָבער די בעלי הקבלה אויך ניט געשוויגען און אָנגעהויבען סטראשען די מתנגדים מיט ארייגלייגען זיי אין חרם. אנטזאגען זיך צו גיין צו א דין תורה איז עפּעס אזוינס פארוואָס עס קומט חרם.

צווישן די בעלי־הקבלה אין פינסק זיינען שוין געווען א סך גרויסע לומדים, בעלי בתים, גבירים און סתם גרויסע בעלי־דעה אין שטאָט.

די מתנגדים האָבען געהאט א שטארקען צד געגען זיך. מען האָט אָט דעם צד ניט געקאָנט אוועקמאכען מיט דער האנט. באשר די בעלי־הקבלה האָבען געהאט דעם אָנזאָג פון בעל־שם, ניט צו ענטפערען אויף די מתנגד'ישע אָנגריפען, אודאי ניט זיך מיט זיי פארמעסטען כחות און שלאָגען זיך. וואָלטען די בעלי־הקבלה עס יאָ געטאָן, וואָלטען די מתנגדים שלעכט אָפּגעשניטען.

איצט האָט עס זיך אָבער נאָר געהאנדעלט וועגען ברענגען זיי צו א דין־תורה.

## קלז.

## אין גאַנג פון די דורות

**ר׳ אלי׳ בעל־שם פאַרלאָזט פינסק. — די השפעה פון די געגנער צו קבלה אויף ר׳ אברהם׳ן. — ר׳ אברהם׳ס משפחה. — ר׳ ברוך׳ס שווער.**

ר׳ אליהו בעל שם פון ווירמייזא האָט שוין געפילט, אז ער האָט געהאט א נצחון אין פינסק. די ווענט פון דער מתנגד׳ישער פעסטונג זיינען דורכגעבראָכען געוואָרען. פינסק איז שוין מער ניט געווען אונטער דער השפעה פון די מתנגד׳ישע רעדעל־פירער.

ער, דער בעל שם, וואָס איז ארונטערגעקומען קיין פינסק נאָר פאר׳ן צוועק די מתנגדים אָנצולערנען, האָט זיינס געהאט דערגרייכט. ער האָט איצט געקאָנט פארלאָזען פינסק און זיך צוריקקערען קיין פראג.

ר׳ אליהו האָט וועגען דעם אין פאָראויס געלאָזט וויסען זיינע נייע נאָכפאָלגער. פינסק איז, אייגענטליך, איצט געווען אין מיטען פון א מחלוקה. צוליב דעם איבערפאל אויף ר׳ אליהו׳ס נאָכפאָלגער מצד די מתנגדים, איז פינסק צעטיילט געוואָרען אין צוויי מחנות. די נאָכפאָלגער פון דרך הקבלה, די אָנגעגריפענע, האָבען געפאָדערט די מתנגד׳ישע אָנגרייפער צו א דין־תורה.

ר׳ אליהו האָט איצט צוזאמענגערופען זיינע נאָכפאָלגער אין פינסק און צו זיי אזוי געזאָגט:

— איך וואָלט ניט וועלען, אז איר זאָלט צאָלען די מתנגדים מיט דער זעלביגער מטבע, עס הייסט, זיי שלאָגען אויף צוריק, אָדער אפילו פירען מיט זיי מחלוקת דורך זידלערייען. איך בין געגען וועלכע עס איז מחלוקת׳ן. די שאלה איז, ווי אזוי וועט איר זיך קאָנען צוריקהאלטען פון ענטפערען אייערע אָנגרייפער, אויב זיי האלטען אָן די מחלוקה געגען אייך? האָב איך פאר אייך אן עצה: זאָלען די וואָס קאָנען ניט פארטראָגען די מתנגד׳ישע רדיפות, מיר נאָכפאָלגען קיין פראג. איך וועל זיי ארייננעמען דאָרט אין מיין ישיבה און זיי אויסהאלטען מיט זייערע הצטרכות׳ן.

אָט די ווערטער פון ר׳ אליהו בעל שם האָבען געמאכט א גרויסען רושם אין פינסק. וויפיל געגנער דער נייער דרך הקבלה האָט נאָך ניט געהאט אין פינסק — צום גרייז גרויען, הדרת פנימ׳דיגען און גאונ׳ישען בעל שם, האָבען די מערסטע תושבים פון שטאָט געפילט דעם גרעסטען דרך ארץ.

זיינע זעלטענע מדות טובות, זיין גוטסקייט, זיין בנעימות'דיגע האלטונג און זיין צדקה, האָבען אים ארייגעגעבען א גרויס נאָכפאָלגערשאַפט.

די וואָס האָבען זיך קוים געקענט פאנאנדערקלייבען אין דעם צי מען דאַרף יאָ לערנען קבלה צי ניט, האָבען פארעהרט ר' אליהו בעל שם פאַר זיינע סגולות און רפואות צו פארשידענע חלאת'ן. מ'האָט אים דערפאַר ניט געוואָלט אַוועקלאָזען פון שטאָט.

בקשות זיינען געקומען פון רעבטס און לינקס, אז ער זאָל דאָרט פארבלייבען, אָבער ר' אליהו בעל שם האָט זיך צו קיינעם נישט געוואָלט צוהערען און האָט פארלאָזען פינסק. מיט אים זיינען פון פינסק אַוועק ארום צוואנציג פון זיינע תלמידים.

א סך פון די לומד'ישע פינסקער תושבים און בעלי בתים, וואָס זיינען פאַר דער צייט געוואָרען זיינע נאָכפאָלגער, האָבען דעם בעל שם געגעבען א גאַר ווארימען צאתך לשלום ביים פארלאָזען די שטאָט. אויך די תלמידים, וואָס האָבען אים באגלייט, זיינען צוגעטיילט געוואָרען גרויס כבוד.

פארשטייט זיך, אז די מתנגדים זייערע זיינען געווען גראָד צופרידן, וואָס ר' אליהו פארלאָזט פינסק. זיי האָבען זיך אויך ניט געגומען צום הארצען, וואָס ער האָט מיטגענומען זיינע פאָר צענדליג תלמידים.

וואָס זיי האָט געערגערט איז, וואָס מיט דעם איז נאָך פינסק ניט אויסגעליידיגט געוואָרען פון די בעלי הקבלה. אין פינסק זיינען געבליבען א סך נאָכפאָלגער פון בעל שם און גראָד צווישען דעם אינגערען דור. אָט די יונגע־לייטלעך זיינען איצט אריין אין די דאָרטיגע ישיבות און אריינגע־בראכט דאָרט א נייעם גייסט — דעם גייסט פון די בעלי הקבלה.

צוערשט האָבען זיי זיך אָפּגעגעבען מיט קבלה אין געהיים. ביסלעכוויז האָבען זיי זיך פארמערט אין צאָל אזוי, אז דער דרך הקבלה איז נאָכ־געפאָלגט געוואָרן פון די ישיבה־לייט אפילו, ווען די ראשי ישיבה זיינען געווען געגען דעם.

אייניגע יאָר זיינען פארגאנגען און די בעלי הקבלה האָבען זיך אַלץ מער און מער פארשפרייט אין פינסק. דערווייל איז דער ראש־ישיבה ר' זונדעל נפטר געוואָרען און אויף זיין אָרט איז אויפגענומען געוואָרען דער גאון ר' גבריאל. אָט דער ר' גבריאל האָט נישט געוואָלט צוקוקען אין האלבען שטילשווייגען ווי די ישיבה־לייט גיבען זיך אָפּ מיט קבלה און ער האָט קעגען די בעלי־הקבלה אויפגעהויבען א ביטערען קאַמף.

ר' גבריאל האָט געהאט א געטרייען תלמיד און גרויסער עלוי און זיין נאָמען איז געווען ר' אברהם זאב. ער האָט נאָכגעפאָלגט זיין רבי'ן און אויך געפירט מלחמה קעגען די בעלי הקבלה.

ר' גבריאל האָט זיין תלמיד ר' אברהם זאב'ן חתונה געמאכט מיט דער טאָכטער פון א חשוב'ען בעל הבית אינ'ם שטעטעל בעשנעקאָוויץ. דאָרט האָט ר' אברהם זאב געעפענט א ישיבה, וועלכע האָט געזאָלט דערציען ביטערע געגנער פון דער קבלה. אָבער דאָס איז אים ניט אינגאנצען געלונגען, ווייל ביי יענער צייט זיינען שוין געווען א סך נאָכפאָלגער פון דער נייער שיטה און די אידישע מחנה איז געווען צעטיילט.

אָט דער ר' אברהם זאב איז שפּעטער געווען דער רבי פון ר' אברהמ'ן דער גערטנער, וועלכער איז געוואָרען דער שווער פון ברוכ'ן, דער פאָטער פון ר' שניאור זלמנ'ען, גרינדער פון חב"ד.

אָט דער „שלשלת היוחסין" איז, ווי מיר ווייסען פון פריער, טאַקע איבערגענעבען געוואָרען פון ר' אברהמ'ען אליין, ווען ער איז געקומען קיין וויטעבסק זיך באקאנען מיט ברוכ'ס משפחה. ר' אברהמ'ס פארגאנגענהייט וועט אָבער נישט זיין פארפולקאָמט אָן די פאָלגענדיגע פּרטים.

בעת ר' אברהמ'ס רבי איז געווען דער דערמאָנטער ר' אברהם זאב, א תלמיד פון ר' גבריאל'ן האָט ר' אברהם זאב געהאט א חבר, אויך א תלמיד פון זעלביגען ר' גבריאל'ן, וועמענס נאָמען איז געווען ר' ישראל יצחק.

אָט דער ר' ישראל יצחק, בטבע א חלוש, אָבער א גוטהארציגער מענש. דאָס איז געווען דערפאר, וואָס די קינדער, וואָס זיין ווייב רחל האָט אים געבראכט אויף דער וועלט האָבען זיך, פאר קיין אידען גערעכט, נישט געהאלטען. פון אלע קינדער איז זיי געבליבען נאָר א טאָכטער שרה.

אָט די שרה איז עס פון זיין רבי'ן אויסגעקליבען געוואָרען פאר ר' אברהמ'ען אלס כלה. כאָטש ר' אברהם האָט געזאָלט קריגען קעסט ביי זיין שווער, האָט ער אָבער באשלאָסען זיך אליין מפרנס צו זיין און דווקא דורך גערטנעריי. זיין ווייב שרה האָט אים דערביי שטארק ארויסגעהאָלפען.

שרה, די טאָכטער פון א גרויסען למדן, איז דערצויגען געוואָרען אזוי, אז זי האָט קוים געקענט זאָגען עברי אָדער לייענען א טייטש חומש. דערפאר האָט זי געהאט א גאָלדן הארץ. זי איז געווען א בעלת צדקה. און דאן האָט זי זיך געהאט איינגעגעבען אין איר מוטער.

איר מוטער האָט זי נאָך אַלס קינד איינגעוואוינט זיך אָפּצוגעבען מיט העלפען אָרימעלייט. זי איז אָבער, קענטיג, אוועק א סך ווייטער ווי איר מוטער.

רחל, איר מוטער, האָט שרה׳ן געהאט אוועקגעגעבען איר צירונג, כדי זי זאָל עס האָבען פאר נאָך דער חתונה, אָבער אָהן איר מוטער׳ס וויסען האָט זי די צירונג פאר׳משכנ׳ט און דאָס געלט צעטיילט צווישען אָרימע לייט.

ערשט שפּעטער נאָך דער חתונה, האָט זי די צירונג אויסגעלייזט.

באַלד ווי איר מאַן, ר׳ אברהם, האָט זיך גענומען צו גערטנעריי, האָט שרה אים מיטגעהאָלפען מיט אַלץ, וואָס זי האָט נאָר געקענט. אחוץ פירען די בעל הבית׳שקייט אין הויז און דערציען די קינדער, האָט זי אויך אריינגעלייגט ארבייט אין די גערטנער. אכטונג געגעבען אויף די גרינסען און אויף די סעדער, וואָס ר׳ אברהם פלעגט אָפּדינגען ביי די פּריצים.

ביידע, ר׳ אברהם און שרה, זיינען געווען גרויסע בעלי צדקה און אויך מכניסי אורחים. זיי זיינען מיט דער צייט אויך געוואָרען עשירים.

פאר זייער גרעסטער עשירות האָבען זיי באטראכט די קינדער, מיט וועלכע זיי זיינען געבענשט געוואָרן. דאָס זיינען געווען פיר זין און צוויי טעכטער.

די זין זיינען געווען: שמעון, דער בכור, דניאל, דאן די טאָכטער רבקה, א זון מאיר, א צווייטע טאָכטער רחל, און א פערטער זון, דער בן־זקונים, ישראל יצחק.

טראָץ אַלע באמיאונגען מצד זייער פאָטער זיינען די זין ניט אויס־געוואקסען קיין גרויסע לומדים ווי ר׳ אברהם וואָלט עס געוואָלט.

די טעכטער האָט ר׳ אברהם דערצויגען אין פּשוט׳ן, געוויינליכען דרך, פון די וואָס האָבען געהאלטען, אז פרויען דארפען ניט לערנען קיין תורה. אָנשטאָט תורה האָט ער די טעכטער געלערענט מדות טובות.

איז דערפאר רבקה אויסגעוואקסען א גאָר זעלטענע בעלת מדה. ר׳ אברהם און שרה זיינען געווען שטאָלץ מיט איר.

איצט האָט ר׳ אברהם געוואָלט האָבען נחת פון זיין גרעסטענער טאָכטער דורך דעם, וואָס ער וועט פאר איר אויסקלויבען דעם ריכטיגן מאַן. און ער האָט זיך ניט געקענט ווינשען קיין בעסערען און גרעסטענערען זיווג פאר איר ווי ברוכ׳ן.

ביי ברוכ'ן אליין וואָלט ער קוים געקענט פועל'ן צו באַשליסען אויפ'ן שידוך. פאר א צייט האָט ער זיך געהאלטען ווייט פון אזוינע פּראקטישע ענינים. ער האָט עס אַלץ דערפאר איבערגעלאָזט צו זיין שוועסטער דבורה לאה'ן און איר מאן ר' יוסף יצחק, דער עלוי פון שאריי. און שוועסטער און שוואָגער, ווי אויך די אנדערע פון דער משפחה האָבען שוין געהאט נעגעבען זייער ברכה צום שידוך, קוים חלומ'ענדיג דעמאָלט, אז פון אָט דעם שידוך וועט ארויסקומען אזוינס, וואָס וועט לייגען אויף אייביג א חותם אויפ'ן גאנג פון אידישען לעבען — די גרינדונג פון א נייער ריכטונג אין עבודת הבורא — די ריכטונג פון חב"ד, ווי דאָס איז אויסגעצייכענט געוואָרען פון „בעל התניא", דער אלטער רבי ר' שניאור זלמן פון לאדי — און פון ברוכ'ן און רבקה'ן.

# הוספות און באַמערקונגען*

●

צו זייט 9:

אַ תורה פון מורנו הבעל שם טוב וואָס שמואל נחום האָט איבערגעזאָגט, ווי עס איז פאַרצייכנט ביים רבי'ן מהוריי"צ נ"ע אין זיינע זכרונות:

פירוש המשנה שנים אוחזין בטלית כמו שלומדים אותה במתיבתא דרקיע:

בכל דבר שברא הקב"ה בעולם הזה יש בו ניצוץ דקדושה וכשאדם עושה מצוה בדבר ההוא, מעלה את הניצוץ דקדושה לשרשו לאותו העולם שמשם הורידו הקב"ה. ועל ידי זה שהאדם מעלה את הניצוץ — הוא זוכה לשכר טוב כפי פסק ההלכה שבתורה בזכות כל מצוה ומצוה. ואם מצוה אחת נעשית על ידי שני אנשים אז הנה שכר המצוה נחלק לשניהם.

ובפסק הלכה זו דמצוה שעשאוה שני אנשים ועל ידי שניהם נתעלה הניצוץ דקדושה שהי' בהדבר ההוא הנה בזה הוא הלימוד במתיבתא דרקיע: שנים, שני אנשים ואחד מהם, ראובן למשל, ידע כי שמעון נטה מדרך הישר וצריכים להחזירו למוטב, וסיפר ראובן ללוי על אודות שמעון והלך לוי והתעסק עם שמעון והחזירו למוטב, ונעשה בעל תשובה גמור ונתעלו ניצוצות הקדושה על ידי ראובן שסיפר ללוי ועל ידי לוי שהתעסק עם שמעון, והם שנים האוחזין בטלית, שהטלית הם ניצוצות הקדושה ושנים אוחזין בה זה אומר אני מצאתי', ראובן, על דרך משל, אומר אני הוא שספרתי על אדות שמעון שצריכים להחזירו למוטב וא"כ כולה, כל השכר, שלי הוא. וזה — לוי על דרך משל — אומר אני הוא שעסקתי עם שמעון להחזירו למוטב וכולה שלי, כל השכר שלי, הנה פסק ההלכה הוא ששניהם זוכים בשכר**.

---

*) אַ טייל פון די הוספות זיינען געבראַכט אין זייער אָריגינעלן טעקסט — אין לשון הקודש.

**) זע אויך ד"ה רבי אומר, הש"ת (ס' המאמרים הש"ת). קונטרס לימוד החסידות ע' 20.

צו זייט 27:

די תורה פון בעל שם טוב, ווי זי איז פערצייכנט ביים רבי'ן מהוריי"צ נ"ע אין זיינע זכרונות:

כתיב יורדי הים באניות עושי מלאכה במים רבים, בתיבת אני' יש ב' פירושים, אני' ספינה, אני' מספר. יורדי הים קאי על הנשמה היורדת להתלבש בגוף שהיא בדוגמת הים כמו מי הים מכסים על מה שבתוכם כן הגוף מכסה על הנשמה האלקית שבתוכו, וביורדי הים, היינו בנשמות היורדות יש ב' אופני ירידה, יש ירידה הגם שהיא ירידה בים, בכל זה יש לו ספינה והוא חינוך וסביבה, של בני תורה ושומרי מצוה, אבל ישנה ירידה של תאני' ואני', הנשמה היורדת בגוף של ישראל שאינו בסביבה של בני תורה ושומרי מצוה אבל ישנם העושי מלאכה במים רבים, והם אלו הנשמות שצריכות לרדת לים, לעשות מלאכה גם במים רבים להציל את אלו הנשמות אשר ירדו בתאני' ואני'.

צו זייט 38:

דעם ספור וועגן ר' ברוך וויאזנער — ביז זייט 62 — זע אויך קונטרס אבות החסידות, געדרוקט אין „התמים" חוברת ה', ו'.

צו זייט 59:

וועגן דעם מנהג אז אין חודש אלול איז מען מרבה אין ענינים פון יראת שמים און תשובה, אפילו אויב צוליב דעם דארפן אראפנעמען פון לערנען —

זע טור ברקת לשו"ע או"ח סי' תקפ"א. ברכי יוסף חלק או"ח סימן תקפ"א. אלף למטה — לרא"ז מרגלית — סימן תקפ"א ס"ק י"ג.

צו זייט 91:

וועגן מגידים מוסר זאָגערס — זע אויך לקוטי דבורים כרך ב' (ע' ריב סעי' טו און ווייטער).

צו זייט 96:

וועגן ר' אדם בעל שם און ר' ישראל בעל שם טוב — זע „התמים" חוברת א'. קונטרס ח"י אלול ה' תש"ג ע' 19 און ווייטער.

צו זייט 142:

(נאך דעם קטע ר' משה יצחק א. ז. וו. איז פערצייכנט אין די רשימות פון רבי'ן (מהוריי"צ) נ"ע דאָס פאָלגענדע):

אבל מתאוננים אנחנו על העונש הקשה שאבינו שבשמים מעניש אותנו, על אשר אין אנו שמים לב לשוב אל ה' באמת ובתום כאשר העיד בנו נביאנו הראשון משה רבינו ואחריו כל נביאנו בשם האל יתברך.

האמין לי אדוני כי אין אני ולא שאר היהודים דואגים לפרוסת לחמנו, חכמי התלמוד אמרו מאן דיהיב חיי יהיב מזוני, אותה פרוסת הלחם הזעומה שאנו אוכלים במדינה זו בחסדי השם יתברך נאכל גם במדינה אחרת, אבל מפני מה מגרשים עם חרוץ. הלב מתפלץ על עיוות הדין באופן גס ואכזרי כזה.

זה כשלשים שנה שהנני מכירך — אמר הארכידוכוס — ומעולם לא שמעתי ממך ביטוים חריפים כאלו.

אחרי הודעת המלך על דבר גירוש היהודים — השיב הרמ"י — החלטתי אשר בהזדמנות הראשונה אתך אדוני עלי לפקוח עיניך על מצב המוסרי של בני גילך וגם על מצבו המוסרי של הכהן המתימר בקדושתו ובאהבתו אליך ושבע תועבות בלבו.

חמשים שנות עבודתי באחוזת אדוני הנסיך הגדול הישר באדם, שקירב אותי ואת אחי היהודים ולא פעם ושתים הגין עלינו כלנו להציל אותנו נשינו וטפינו מידי היעזואיטים שואפי דם — מחייבות אותי לעשות כל אשר ביכלתי להציל את טוהר עדינת לב אדוני מלהתגאל במי הבצה של העדה הרעה מעדת האצילים והנסיכים שנלכדו בפח הנוכלים.

ובדברי אלה — מלאתי את חובתי המוסרית אל הנסיך אדוני השר הגדול, רב התשבחות, ותבדל לחיים טובים את חובתי המוסרית אליך אדוני, ואבן מעמסה אשר זה כחמש עשרה שנה, מעת היותך לאיש בן עשרים שנה, העיקה על לבבי פן ואולי גם אתה אדוני תם הלב תלכד חלילה בפח, נגולה מעלי ורוח לי, ואתה אדוני צלח ורכב על דבר אמת ויעזרך אל עולם.

צו זייט 144:

(פאר'ן קטע ביי דער ערשטער, איז פערצייכנט דאָס פאָלגענדע):

האם איש שיבה הוא ראש הרבנים — שאל הארכידוכוס — שתכבד עליו נסיעה של שלשים פרסאות במרכבה טובה.

לא — השיב הרמ"י — ראש הרבנים הוא במבחר שנותיו כבן ארבעים וחמש. בהיותו בן שתים עשרה כבר התהללו בו גדולי חכמי ישראל וכעשרים שנה למד בכל בתי לימוד היותר גדולים באשכנז ובפולין, וזה כעשר שנים אשר קהל עדת ישראל בפראג זכתה אשר הסכים לקבל משרת ראש הרבנים בפראג הביראה.

בודאי — אמר הארכידוכוס — הוא מקבל שכירות גדולה והכנסותיו מרובות.

ראש הרבנים — השיב רמ"י — נדב את שכירותו לטובת החזקת בית לימוד לבחורי היהודים הלומדים תורה תחת הנהלתו של אחד המורים הגדולים אשר מינה ראש הרבנים ורק את בית ועד ראש הרבנים מחזיק הקהל על הוצאותיו.

ובמה מתפרנס ראש הרבנים — שאל הארכידוכוס.

פרנסתו — השיב רמ"י — ממסחר השותפות עם אחד היהודים בחנות של מכולת ועם סוחר עורות אחד, ומשני העסקים הללו פרנסתו מצוי' לו בריוח ולילה כיום הוא שוקד בתורה, ועשרות עשרות אגרות הוא מקבל יום יום מגדולי הרבנים במדינות הקרובות והרחוקות הפונים אליו בשאלותיהם וספקותיהם בהלכות שונות.

הארכידוכוס התענין לדעת פרטי ארחות חיי היהודים וארחות חיי הרבנים וראש הרבנים, ורמ"י ספר לו דבר דבר על אופנו.

צו זייט 145 :

(פאר'ן קטע ווען די זומער חדשים, איז פארצייכנט דאס פאלגענדע) :

באחד הימים שאל הארכידוכוס את מהר"ל לאיזה סבה למד חכמת הטבע חכמת החשבון חכמת הצמחים וחכמת הנפש, ממי ומאיזה ספרים למדם ולאיזה צורך והמה לו הלא על דרך הרגיל הנה האדם בוחר בחכמה אחת או שתים ולומדם על בורין ומתחזק בהן לפתחן ולשכללן, וכשהדבר עולה בידו אם רב או מעט הוא קונה לו שם טוב ונוחל כבוד רב ונעשה מפורסם לבעל מקצוע במדע ההוא ומה היא חכמת התורה.

חכמת התורה — הסביר לו מהר"ל — היא הוראת וידיעת המצות אשר צוה הבורא עולם לבני אדם, מאדם הראשון אשר ברא האלקים עד מעמד הר סיני, שבע מצות ציוה האל לכל בני אדם ולעם ישראל צוה שש מאות ושלש עשרה מצות ושבע מצות מה שבאו בקבלה וביחד שש מאות ועשרים מצות.

מצות הבורא נחלקות לשני סוגים, א' מה שצוה לעשות, ב' מה שהזהיר שלא לעשות, ובשביל קיום המצות עלינו לדעת ולהיות בקי בחכמות שונות כמו חכמת החשבון לקביעות ראשי חדשים וזמני המועדים. חכמת הצמחים וחכמת הטבע לעניני כשרות האוכל, וידיעת חכמת הנפש הוא בשביל קנין המדות הנעלות.

וביותר, להבין — עד כמה שמוח האדם יכול להשיג — את הבורא ברוך הוא המחי' את כל היצירה כמו שהנפש מחי' את הגוף, (רק ההבדל הוא להיות שהנפש מחי' את הגוף ואינה בוראו, והבורא ב"ה הוא ברא הכל ומחי' אותם), אם כן איפה הנה ראשית האפשרות לגשת אל הידיעה השכלית בהמושגים הכי דקים בחקירה אלקית — געטליכקייט — היא ידיעת חכמת הנפש.

כל החכמות הללו והנוסף עליהם משארי החכמות ברפואה ועוד ישנם בחכמת התורה שהיא כליל המדעים ועטרת תפארתם, מהם מפורשים בסדר מסודר ומהם אמורים בתורה רק ברמז ובאות בקבלה איש מפי איש כגדולי חכמי ישראל שהם בעלי המסורה והמקבלים מדור לדור, ובכל דור ודור הנה ראשי החכמים כותבים ביאוריהם על ספר להסביר את דברי התורה וחכמתה לפי מהות כשרונות אנשי דורם, ומזרזים את האומה לקנין מדות טובות, וכבר יש לנו ספר מיוחד מפתגמי החכמים בכל דור ביחס הנהגת האדם בין אדם לבוראו וביחס הנהגת האדם בינו ובין חבריו.

לפי אשר הואלת לספר לי — אמר הארכידוכוס למהר"ל — תולדות ימי ישראל, הנה מיום אשר הבורא כרת את הברית עם אברהם, במשך הששה דורות עד מתן תורה על ידי משה עברו ארבע מאות ושלשים שנה, רובם ימים של עוני וגלות ומעת אשר יהושע יורש משה הביא את ישראל לארץ כנען עד גלות בבל עברו שמונה מאות ותשעים שנה וגם אז היו מלחמות שונות ומגלות הראשון עד השני עברו רק כחמש מאות שנה, וזה כאלף ארבע מאות שמונים ושבע שנה אשר עם ישראל עזב את ארצו ונודד בגולה במדינות שונות תחת עולם הקשה של מנגדי דת היהודים, איך לא שכח העם את תורתו.

אבינו הראשון — השיב מהר"ל — סמל המוסר נפשו בעד פרסום אל אחד בורא העולם ומלואה ומנהיגו, נגד דעת נמרוד הכופר באלקים, הנחילנו את האומץ לב ואת תוקף הדעת להאמין באמונה שלמה באל יחיד המשגיח על כל החי אשר ע"פ האדמה ובשמים, מחי' אותם ומנהיגם ואת המסירת נפש על קדושת השם יתברך.

וירושה קדושה הלזו, תוקף הדעת ואומץ הלב, מבלי התחשב עם

מי שהוא הבא עלינו להפריענו מאמונתינו ודתינו, בין אם הוא חכם הבא להסיתנו ולהדיחנו מארחות חיינו ע״פ התורה ובין אם הוא מלך ושר הבא עלינו בזרוע, אנחנו מתאמצים לעמוד חזק על עמדנו, ומוסרים את בשרינו בעד טוהר נשמתינו.

הישיבה — בית לימוד לצעירים — היא אם כל החי בישראל, אבותינו אברהם יצחק ויעקב החזיקו בתי לימוד ללמד את בני דעת לפרסם את הבורא עולם וברדת יעקב אבינו למצרים שלח את בנו יהודה להכין לו בית לימוד לרבים מבני משפחתו ולמי שרצה להקשיב לקחו בשיעורי הלימודים. משה רבינו יסד ישיבה שבה למד הוא אהרן אחיו ובניהם, יהושע והזקנים.

בכל דור ודור הנה מבלי התחשב עם מצב הכלכלי השתדלו היהודים לשמור את התקנה* שנתתקנה כאלף שש מאות וחמשים שנה מלפנים אשר בכל עדה קיבוץ וישוב מבני ישראל יהי׳ חדר של לימוד עם מורה מומחה לילדים מבני חמש ומעלה, נוסף על הישיבות בשביל בחורים ואברכים.

החדרים והישיבות הן המה שהגינו על האמונה והדת, והן המה שהעמידו ומעמידים אנשים בעלי מדע ויושר לומדי תורה ושומרי מצוה במסירות נפש.

צו זייט 161 :

(פאר׳ן קטע דער זוהן משה, איז פערצייכנט (איבערזעצונג דורך ארויסגעבער)) :

חברי הקהלה האבן אויסגעקליבן אלס ראש הקהל, דעם גאון ר׳ יהודה ליב, ער זאל פארנעמען דעם פלאץ און אמט פון זיין פאטער ר׳ שמואל. הגאון ר׳ יהודה ליב האט אבער צוריגעוויזען זייער בקשה, זאגענדיג דערביי אז אים פעלן די נויטיגע שלימות אויף צו פארנעמען אזא שטעלע.

א יאהר נאך זיין פאטער׳ס פטירה איז ר׳ יהודה ליב געווארען אן אלמן אויך פון זיין צווייטע פרוי.

פאר זיין פטירה, האט דער גאון און מקובל ר׳ אליהו געזאגט צו זיין תלמיד ר׳ יהודה ליב, אז ער זעט פאר אים א גוטע צוקונפט אין דער שטאט פויזען, און האט אים געבענטשט מיט אריכות ימים.

---

*) כנראה הכוונה לתקנת יהושע בן גמלא (ב״ב כא, א).

דריי יאהר נאך דעם, האט מען אים פארנעלייגט א שידוך מיט די טאכטער פון דעם גרויסן למדן און גביר ר׳ חיים פון פויזען, וועמענס נאמען איז געווען שרה. אין יאהר ת״כ האט ר׳ יהודה ליב זיך אריבער־געקליבן אין פויזען. און זיבען יאהר נאך זיין חתונה — אין יאהר תכ״ז — איז ביי זיי געבוירן געווארן זייער זון הגאון ר׳ משה.

צו זייט 162:

שורה המתחלת שרה, נדפס: ר׳ שלמה זלמנ׳ען, וצריך להיות: ר׳ שניאור זלמנ׳ען.

צו זייט 164:

שורה המתחלת אין יאהר, נדפס: ש״ך, וצריך להיות: ש״נ.

צו זייט 167:

(פאר׳ן קטע רחל האט אבער, איז פארצייכנט דאס פאלגענדע):

ועתה בתי — אמרה הרבנית רחל — כשאת יודעת את אופן חינוכו של אביך בסביבה של גאוני עולם ויראי אלקים אבל מנגדים בכל תוקף ללמד את בנותיהם תורה, ואנכי חונכתי בסביבה של גאונים בעלי הקבלה ובעלי מוסר המתבבים גם אנשים פשוטים ודעתם מוחלטת אשר גם הנשים רשאות ללמוד תורה *.

ובכן הנה שני אופני חינוך המה הבאים משתי שיטות מיוחדות שהן שתי דעות בגמרא, האחת מחייבת את האדם ללמד תורה גם את בתו והשני׳ חולקת, וגם הדעה השני׳ אינה אוסרת את הלימוד לנשים אלא סוברת שלא לבד שאינו חייב ללמוד את בתו תורה אלא שעוד עלול להזיק.

במה עלול ללמוד התורה לנשים להזיק — שאלה דבורה לאה את אמה — מפני מה הנערים חייבים בלימוד וכל המתמיד בלימוד הרי זה משובח ולנערות הלימוד עלול להזיק.

טבעי בני אדם — אמרה הרבנית רחל — שונים המה, וכך שנו רבותינו במשנה מפורשת במסכת סנהדרין שבני אדם חלוקים זה מזה בפרצופיהם תוארם ומראיהם.

כל הנבראים שברא הקב״ה בעולמו נחלקים לארבעה מינים כוללים, דומם כמו אבנים ועפר ומתכות וכדומה. צומח כמו אילנות

*) ראה הלכות ת״ת לרבנו הזקן סוף פ״א. וש״נ.

דשאים ועשבים וכדומה. חי כמו בהמות חיות ועופות שקצים ורמשים. ומדבר הוא מין האדם אשר לו יתרון בהיצירה על כל השלשה סוגים שקדמו לו.

ארבעה סוגים הללו, דומם צומח חי ומדבר, הנה כלם בעלי נפש הם, כי כל אשר ברא אלקים בארץ בין ברואים שביבשה בין ברואים שבמים ובין ברואים שבשמים כמו השמש הירח וכוכבים ומלאכים בראם הקב"ה בגוף ונפש. הנפש מחי' את הגוף ובכל נברא ונברא הנה נפשו לפי גופו ואין לדמות נפש הצומח לנפש הדומם ואין לדמות נפש המדבר לנפש החי, וכן נבדלים הם נפשות המלאכים מנפשות צבא הרקיע כשמש ירח וכוכבים.

נבדלים המה צבא הרקיע שמש ירח וכוכבים מצבא הארץ ומצבא השמים המלאכים בזה כי צבא הרקיע הוא מחומר דק יותר מכמו חומרם של צבא הארץ והצד השוה שבהם — בין ברואי הארץ וברואי הרקיע — הוא מה ששניהם מורכבים מארבעה יסודות אש רוח מים עפר, אבל צבא השמים שהם המלאכים הנה חומרם הוא רק משני יסודות היותר דקים והם רוח ואש, כאמור עושה מלאכיו רוחות משרתיו אש לוהט.

כאמור אשר ארבעה סוגי הנבראים דומם צומח חי ומדבר כולם בעלי נפש המה ובכל נברא הנה מעלת נפשו הוא לפי אופן חומרו, אם כן הרי בהכרח שיהיו ארבעה סוגי נפשות, נפש הדוממת, נפש הצומחת, נפש החיונית ונפש המדברת, ועם היות שבהכרח לומר שאינו דומה הבדל הנפשי — כלומר בין הארבע נפשות — להבדיל הגופני — שבין הארבעה סוגים דומם צומח חי ומדבר — אבל עם זה הנה מוכרח הדבר שיש הבדל ביניהם.

והנה כל אחד מהשלשה סוגים דומם צומח חי הנה כל אחד מהם יש בו כל השלש נפשות של דומם צומח וחי אלא שעיקרו הוא הנפש שהוא לפי ענינו כמו האבן הוא דומם הנה יש בו גם נפש הצומחת שצומח מקטנות לגדלות וכן יש בו נפש החיונית שהוא חי אלא ששתי נפשות אלו הן בו בהעלם ובלתי ניכרים כל כך כי הצמיחה שבאבן הוא במשך שנים רבות וכן חיותו הוא בלתי תנועה ועיקרו הוא נפש הדוממת, ובצומח הנה גופו הוא דומם ויש בו גם נפש החיונית ועיקרו נפש הצומחת וזה ניכר בנברא זה ביותר מכמו נפשות הדוממת והחיונית. והחי הנה גופו דומם וצומח מקטנות לגדלות ועיקרו הוא נפש החיונית הבאה בתנועת האברים כהכלל הידוע דכל חי מתנענע.

האדם הוא בחיר הנבראים ולא זו בלבד אשר קבע בו הקב"ה נפש השכלית נוסף על שלשת הנפשות הדוממת הצומחת והחיונית הנה

יתרונו הוא בנפש השכלית שתוצאותי' להשכיל ולהבין ולהעמיק בכל דבר מדע וחכמה ולגלותה ברבים בדבור בשפה ברורה, ועוד יותר בעצם מהות נפשו הוא מסוג גבוה יותר אפילו ממלאכי השרת.

האדם הוא בריאה התיכונית בכל היצירה כולה וחכמי הגמרא אמרו ששה דברים יש באדם, שלשה מהם כבעלי חיים ושלשה כמלאכים, וכלל ידוע הוא אשר חיבור שני דברים שונים זה מזה והרכבתם הוא על ידי כח עליון משניהם והיא הנשמה העליונה אשר היא היתרון האמיתי בעם הנבחר על כל העמים אשר על פני האדמה המתגלה רק ע"י לימוד התורה וקיום מצות האל ב"ה.

האדם עם היותו בעל כשרון בחכמה ומדע הנה עם זה הרי אין דעותיהם שוות, יש שכשרונותיו מתעלמים ויש שכשרונותיו מתפתחים, ושניהם — התעלמות הכשרונות והתפתחותם — באים על ידי סבות שונות בתולדה הדרכה וחינוך.

מין המדבר, המחונן בחסד אלקים להיות בריאה התיכונית בכל היצירה כולה — נחלק לשני מינים, אנשים ונשים, והחלוקה הלזו איננה רק חילוק גופני שגוף האיש חלוק מגוף האשה אלא שהיא גם חילוק רוחני ונפשי, בטבעם מדותיהם שכלם ומהלך נפשם.

האיש בראו הקב"ה טבעו קשה, והאשה בראה הקב"ה טבעה רך. הקשיות והרכות שתי מדות הן בטבעי בני אדם, וכמובן אשר בכל אחד מהם יש מעלה וחסרון, אבל בהנוגע אל רכישת המדע וידיעתה וההנהגה המסודרת הנה הקשיות יש לה יתרון על הרכות העלולה להשתנות, נוסף על חלישות הדעת לעומת טבע הקשה העומד חזק על דעתו.

האלקים כשנתן לנו את התורה הכוללת מצות המתיחסות אל האנשים והנשים אמר למשה רבינו כה תאמר לבית יעקב ותגיד לבני ישראל. הנשים שהם רכי הטבע צוה האלקים לדבר אליהם בלשון רכה שהיא האמירה והאנשים שהם קשי הטבע צוה האלקים לדבר אליהם בדבור הקשה כגידים.

ולהיות הנשים בטבע הרך, וטבע הרך עלול להשתנות, לכן הנה ישנם מן החכמים בחכמי הגמרא החושבים אשר לימוד התורה שעיקרה היא הוראה בהלכה במצות עשה ומצות לא תעשה אין ראוי ללמדה לנשים אשר מצד טבען טבע הרך לא יוכלו להתעמק בעמקי ההלכות ועלולות לטעות נוסף על מה שאין להם אותו התוקף בהנהגה מסודרת כמו לאנשים שהם בטבע הקשה.

דבורה לאה הנה מבלי התחשב עם שנותי' הצעירות הבינה בטוב

את דברי אמה, ובגודל שמחתה נשקה את ידי אמה על גודל חסדה עמה להסביר לה את יסודי טעמי מנגדי לימוד התורה לנשים, ותבקש את אמה שתואיל לספר לה על אודות חינוכה והדרכתה ואיך התנהגה בילדותה ובימי נערותה ואז הנה גם היא תתאמץ בכל כחה להתנהג ככה ותוסיף לנשק ידי אמה.

הרבנית רחל בראותה את תשוקת בתה דבורה לאה ללמוד תורה, והרושם העז שעשו עלי' הספורים שספרה לה בכל לילה במשך השבוע וטיב הבנתה בכל מה שהסבירה לה בטבעי בני אדם הבטיחה לבתה אשר בכל יום כשתהינה לבדן בבית תקבע לה זמן לספר לה מחינוכה הדרכתה והנהגתה בימי ילדותה ונערותה ומבואה בברית האירוסין ונשואין עם אבי', רק איש לא ידע מזה, וגם לאחי' ברוך לא תספר.

דבורה לאה, שבטבעה היתה מתונה ביותר והצנע לכת גם מאמה שלא ידעה כי כבר התלמדה את מעשה הכתב, כשראתה שבן שכנתה שמשון — נער כבן חמש עשרה מעיין בספר וכותב, חקרה ונודע לה שהוא ספר דקדוק ומורה דרך להתלמד לכתוב בלשון עבר צח ותשיג גם היא ספר כזה ובמשך כשנה התלמדה לכתוב לשון עבר צח ובכתב נאה — הנה כל אשר שמעה מאמה בכל לילה ולילה במשך השבוע — הספורים האמורים — כתבה על ספר ותחזור עליהם פעמים רבות ורוחה טובה עלי' במאד בתקוה טובה על עתיד מזהיר שאמה תתרצה לקבוע עמה שיעור בלימוד התורה.

צו זייט 168 :

(צו קטע „זי פלעגט" איז פארצייכנט) :

נאך איידער דאס קינד איז אלט געווארן א חודש האט מען זיך שוין געהיטן אויף צו וואשן מיט אים אדער איר נעגל־וואסער אויפ־באפענדיק זיך פון שלאף סיי באנאכט סיי באטאג.

די זהירות אין נעגל־וואסער סיי פאר די עלטערן סיי פאר די קינדער איז געווען לויט'ן אנווייזונג פון הצדיק ר' יואל בעל שם, זאגענדיג, אז אין צוגאב צו דער הלכה אז פאר נעגל וואסער טאר מען ניט טאן קיין זאך, איז דאס אפגיסן נעגעל־וואסער זייער נוגע צום געזונט פון קינד און אז מען דארף אפגיסן דריי מאל יעדער האנט איבער־היפענדיג.

צו זייט 169:

(פאר'ן קטע „רחל האט באזונדער" איז פארצייכנט דאס פאלגענדע):

כשהתחלתי לדבר — מספרת רחל לבתה דבורה לאה — למדתנו אימא לומר בכל בקר מודה אני, שמע ישראל, ברוך שם, תורה צוה, וכשהייתי בת שלש כבר ידעתי את הברכות דברכות הנהנין, הייתי נוטלת ידי לסעודה ומברכת על הנטילה ועל הלחם, ובסוף הסעודה ברכת בריך רחמנא וכשהייתי בת ארבע ואחי פחות מבן שלש הנה אנכי למדתיו את הברכות וגם הוריתי לו קריאת אותיות האלף בית עם הנקודות קמץ אלף אָ וכן כלם.

אבי הי' כליל המעלות, למדן מופלג, חכם גדול, מתון ובעל מזג טוב, ולכל לראש הצנע לכת וענו מאין כמוהו. מעולם לא מצא מי שהוא את אבי לומר כי הי' סגור בחדרו ומשים לילות כימים בלימוד התורה וכשדפק מי שהוא על פתחו הי' סוגר את הספר ומעמידו בארון הספרים ואח"כ הי' פותח את הדלת ומקבל כל אדם בסבר פנים יפות. מעולם לא התוכח עם מי שהוא באיזה ענין בלימוד להראות את גאונותו, הוא אהב לשמוע חידושי תורתם של אחרים אבל את חדושיו הוא — שנשארו אחריו מאות גליונות — לא גילה רק לפרקים ובקיצור נמרץ.

מרגלא הי' בפומי' דאבא מאמרו של חכם קדמון שאמר, טובה הפרישות עם הבריות והבדידות בתוך בני אדם, זאת אומרת אשר האדם הישר יתחזק ללכת בשביל האמצעי שהוא שביל הזהב לא יהי' פרוש מבני אדם ומתבודד ולא יהי' צוהל ומאבד זמנו בשיחות בטילות, ובהיותו עם הבריות ובין בני אדם יתענין בכל הדרוש אבל עם זה יהי' פרוש ומתבודד.

המאמר הזה הי' יסוד מוסד בארחות חיי אבי. בקטנותי אף גם בנערותי לא הבנתי את זאת אבל בבחרותי עמדתי על דבר זה וראיתי אשר גם מראה פני אבא ותנועותיו מראה לדעת אשר גם בהיותו עם הבריות ובין בני אדם הי' פרוש ומתבודד, פניו המאירות, החמלה הנסוכה עליהם, ובת הצחוק הטבעי המרחף על שפתיו ועיניו השחורות והעמוקות נתנו לו הדרת חן מיוחד. וירהיבו את עין הרואה אותו.

אבא סיפר אשר כשהי' בן עשר הי' עוסק בגמילות חסדים, כי הוריו נתנו לו סכום כסף והוא הי' מלוה לבעלי מסחר עניים וכשחזר מהישיבה ובא בברית האירוסין והפריש מעשר מהנדוניא שנתנו לו הפריש חלק ידוע לקופת גמ"ח שבעיר ואחרי נשואיו עם אמי יסד לו קופה גמילות חסד פרטי שהי' מלוה לסוחרים בלי שום הטבה עד כי עמדתי — סיפר לה אבי' — על בורי' של מצות גמ"ח בגופו נוסף על ממונו — לטרוח בשביל טובת הזולת.

אהוב הי' אבא לכל, בלי הבדל המעמד והמצב, אם גדולי התורה או המונים עשירים ועניים, הנה כלם כאחד היו אוהבים את אבא ומהדרים בכבודו, גם המנגדים לחכמת הקבלה ודרכיהם של הנסתרים — שכפי שידעת מסיפורים הקודמים שאבא הי' תלמיד ותיק של הצדיק ר' יואל בעל שם ומהעוסקים בלימוד תורת הקבלה ומחבב את הנסתרים ומחזיקם — הנה גם הם כיבדו את אבא במאד, ואנשי העיר כינו את אבא בשם ר' ברוך בטלן.

בהיותי ילדה שמעתי קוראים את אבא ר' ברוך בטלן, אותי קראו רחל בת ר' ברוך בטלן ואת אחי קראו בנימין בן ר' ברוך בטלן, דמיתי בתום לבבי אשר בטלן הוא כינוי משפחתינו כמו שקראו את חברותי הילדות בשמות ברנדים קלובר שפייער.

מודע הי' לנו ר' שמעון ארי' שמו והוא קרוב רחוק של אמי. הוא הי' איש צוהל ואהב להכעיסני, פעם הי' קורא אותי בשמי רחל־ע הילדה הקטנה שבקטנות ופעם הי' קורא אותי בשם כבוד וגדולה הגברת רחל פארטוגאלי ואנכי הייתי בורחת ממנו, פעם הכעיסני מאד לקרא אותי בשם רחל פארטוגאלי פעם שתים שלש ויותר ואבכה מקירות לבי, כשמוע אבא את בכייתי יצא מחדרו וישאלני מה אני בוכה אמרתי לו שר' שמעון ארי' מכעיסני לקראני בשם רחל פארטוגאלי הלא בטלן הוא שם משפחתינו ולמה הוא מכנה אותי בשם אחר, הלא בתך אני ואם שמך ר' ברוך בטלן הנה גם שמי רחל בטלן.

אבא הרגיעני ולא אמר לי מאומה ורק שחוק קל עבר על שפתיו, אבל כשנתגדלתי מעט נודע לי שכינוי משפחתינו הוא פארטוגאלי והכינוי בטלן הוא אשר אנשי העיר כינו את אבא בשם בטלן והוא אות כבוד לאמר, אשר מגודל עוצם מעלותיו הנשגבות הכל — הלמדנים והגבירים וכו' — מתבטלים לפניו.

אבא — אמרה הרבנית רחל — לא עשה דבר הן בעסקיו והן בארחות חייו והנהגת ביתו בלתי שאל את עצת מורו הצדיק ר' יואל בעל שם והוראתו.

אמי — שאלה דבורה לאה — את הזהרתני אשר אם לא אבין איזה דבר מאשר תספר לי לשאול אותך תיכף ולא לדחות על לאחר זמן שאוכל לשכוח את שאלתי ולהשאר בלתי יודעת, והנה זה איזה פעמים הזכרת בספוריך את הצדיק ר' יואל בעל שם מהו תואר בעל שם אם הוא תואר כללי ככינוי משפחה או תואר פרטי שרק האיש ההוא נקרא כן.

התואר בעל שם — השיבה הרבנית — הוא תואר כפול, כללי וגם פרטי.

כל דבר המעולה במינו או בבני גילו הוא מתואר בתואר בעל שם, וכך שנינו במשנה מפורשת במסכת פאה כל זית שיש לו שם בשדה, שהאילן ההוא הוא מופלא משאר האילנות בין שהוא עושה זתים יתר מהאילנות האחרים או שזתיו מלאים שמן יותר משארי הזתים או שמקום עמידתו הוא מקום מובחר, הנה ע"י סבות כאלו והדומה להן יש לאילן זה שם מפורסם, וכן הוא בכל דבר מארבעה הסוגים הדומם צומח חי ומדבר שיש לו איזה יתרון הנה היתרון ההוא עושה לו פרסום ונקרא בעל שם.

זהו כינוי כללי לכל דבר מארבעה הסוגים, אבל הצדיק ר' יואל נקרא בעל שם לטעם כפול, נוסף על סבת וטעם פרסום יתרונו לגבי שאר בני אדם, והוא לפי שהי' בקי בתורת הקבלה ובחכמת תורתו זאת הי' עושה מופתים כמו שספרתי לך אדות גירוש הלא טובים ורפואת החולים ולכן נקרא בעל שם.

אלקינו ית' אדון עולם יש לו כמה שמות, מהם שבעה שמות הגלוים לנו ואנו מזכירים אותם בנוסח תפלותינו ובקשותינו, פעם אנו קוראים לאבינו שבשמים בשם זה ופעם בשם אחר כפי אשר קבעו לנו אנשי כנסת הגדולה שהם ידעו ע"פ הקבלה המסורה להם מדור לדור טעמי השמות, וכל שם ושם פועל פעולה מיוחדת, וצריכים לדעת בכל שם ושם אופן פעולתו ואופן קריאתו במבטא המותר והצדיק ר' יואל ידע את תוארי השמות קריאתם ופעולתם ומשום זה נקרא בתואר בעל שם שידע לכוין בשמותיו של הקב"ה ולפעול על ידם מופתים.

האם גם אביך — שאלה דבורה לאה — עשה מופתים, מאחר שהי' תלמיד ותיק של הר"י בעל שם הלא בודאי גם הוא ידע את השמות ויכול לעשות מופתים כמורו.

בטח — השיבה הרבנית — גם אבי ידע איזה שמות כפי שהם כתובים בספרי הקבלה, אבל ודאי לא נשתמש בהם לעשות מופתים, כי בהשמוש בשמותיו של הקב"ה רשאי רק מי שניתן לו רשות או שנצטוה מבי"ד הגדול שבשמים, וגם הוא — מי שניתנה לו רשות מבי"ד הגדול שבשמים — אינו רשאי להשתמש בהם לצרכיו הפרטים אלא לטובת הרבים ולקידוש שם שמים.

הלקח הזה — בביאור ענין בעל שם ושמותיו של הקב"ה — עשה רושם עז על דבורה לאה אשר מעולם לא שמעה אודות זה, ואף כי זה כמה שנים שהיא מתפללת ובתפלתה מזכרת את שם הקב"ה בכינוים שונים אבל לא שמה לבה לזה, כן שמעה כמה פעמים אודות בי"ד הגדול של מעלה אבל הענין לא הי' ברור לה כל צרכו עד היום,

אבל עם זה נשארו לה דברים בלתי ברורים ותניח זאת לזמן אחר אבל דבר אחד לא יכלה לדחות ותפנה לאמה בשאלתה:

את אמרת לי, אמא, אשר הא־ל ית' פועל הפעולות על ידי קריאת שמות, ומבטא קריאת השמות הלא הוא רק ליחידי סגולה היודעים את מבטאם, אם כן מה ענין התפלה ופעולתה לאלו שאינם יודעים לכוין בהשמות.

שאלה גדולה שאלת בתי — אמרה הרבנית — ושאלתך זאת מראה לי שתים, שאת מקבלת בטוב מה שהנני מספרת לך ואשר את מקיימת מה שהוריתיך שתשאלי כל דבר המסופק לך אפילו ספק קל.

דעי בתי כי אין לך מעולה מן האמונה הפשוטה בבורא ב"ה, ואין לך משובח יותר מתום הלב. האמונה הפשוטה בתום לב בא־ל אחד שהוא הבורא ומנהיג את עולמו בחסד ובריותיו ברחמים הנה זהו מהותו ועצמו של היהודי, ומכיון שהיהודי מתפלל בתום לב לאבינו שבשמים הנה תפלתו נשמעת — גם אם אינו יודע לכוין בשם — להספיק הדרוש לו במחי' וכלכלת גופו ומזונות נפשו המוסרי' ורק הדברים היוצאים מגדר הרגיל באים ע"י קריאה בשם בכוונה על ידי הצדיקים.

ואמשול לך משל למה הדבר דומה, לאב המספיק מזונו הכלכלי והמוסרי של ילידו, ואין היליד צריך רק לקרא בשם אביו, אבא פרנסני, אבא החלימני. אבל כשיש לו להיליד בקשה מיוחדת היוצאת מדרך הרגיל, אז הנה הוא צריך לשדל את אביו לקרותו בכמה שמות להתרפס לפניו ולהתחנן לו עד אשר האב ממלא את בקשת בנו, ולפעמים הנה לסבה מן הסבות אין האב ממלא בקשת ילידו רק על ידי אמצעות אחר המבקש רחמים עבורו.

אבי שהי' תלמיד ותיק של הצדיק ר' יואל בעל שם הי' מחבב מאד את האנשים ההמונים יראי האלקים בפשטות, תמימים ומקיימי מצות בזריזות ובהידור מבלי דעת לא עניני וטעמי המצות ורק באשר שהיא מצות הא־ל, והוה מרגלא בפומי' דאבא שיש לו הדרת יראת הכבוד מפשטותו של ר' ליב שאול העגלון יותר מהפלאת חדושיו של ר' שלמה ליב העילוי מפראג.

וכך הוא דרכם של לומדי חכמת הקבלה ומתנהגים בדרכי הנסתרים לחבב את הפעולה הבאה מתום הלב מבלי הבדל מי הוא הפועל אם איש או אשה כי בסוד הנשמות הלא אב אחד לכלנו, ואבא בגודל חכמתו הסתכל במהלך נפשי ויבן כי עליו ללמדני תורה וישכור לי מורה שלמדני בסדר מסודר ורק נזהר שלא יתפרסם הדבר.

במשך חמש שנים הספקתי לרכוש לי ידיעה טובה בתנ"ך עם המפרשים ומשנה סדר זרעים עם פי' הר"ש והרמב"ם, וכשהייתי בת שתים עשרה התחלתי ללמוד גמרא לעיונא, ועם זה העמים עלי אבי את צרכי הבית בבישול אפי' וכביסה, וככה התנהגתי עד אשר באתי בברית הנשואין עם אביך ואני אז בת תשע עשרה, כי אביך קשיש ממני בארבע שנים.

צו זייט 170 :

וועגען דעם מנהג פון שבלי הלקט — זע דארט ענין שבת סימן קז.

צו זייט 171 :

וועגען דעם דין אין שלחן ערוך — זע שולחן ערוך אורח חיים סימן רסו. שג.

צו זייט 172 :

דער ירושלמי זאגט : כתובות פרק ה' הלכה ט'.

צו זייט 184 :

צום קטע „אין א געווסן טאג" איז אין די רשימות פון רבי'ן מהוריי"צ נ"ע פארצייכנט :

ר' הערש ליב מיט זיינע תלמידים זיינען געזעסן ביי דעם טיש וואס איז געשטאנען אין דרום זייט פון שוהל — עס איז א מנהג בכל תפוצות ישראל אז ביים דרום וואנט פון שוהל שטייט א לאנגער טיש מיט צוויי לאנגע בענק ביי די זייטן, און ביי דעם טיש לערנט מען די שיעורים.

צו זייט 187 :

וועגען מצות מעשר — איז פארצייכנט אין די רשימות פון רבי'ן מהוריי"צ נ"ע דאס פאלגענדע :

רגיל הוא ר' הערש ליב שכל מה שהוא לומד עם מי שהוא, הנה לבד זה שהוא מבאר לתלמידו את דבר הלימוד בשפה ברורה גם מסבירו במשל מתאים אל הלימוד ההוא בכדי שדבר הלימוד יצטייר יפה במוח התלמיד, ואם נמצא איזה ספור באגדה או מדרש השייך לענין ההוא הי' ר' הערש ליב מספר לתלמידו בידעו אשר על ידי זה יוקבע הענין ההוא בלב תלמידו.

כשסיפר ר' הערש ליב ליעקב קערפיל אודות מצות מעשר ביאר לו אשר ארבע הפרשות צריך האדם להפריש מפרי כרמו ויבול שדותיו. הפרשה ראשונה היא התרומה הניתנת לכהן והיא מצוה הנוהגת רק בארץ ישראל ולא בחוץ לארץ. אחרי' באות הפרשת מעשר ראשון, מעשר שני ומעשר עני. ויבאר לו את ההבדל שבין מעשר ראשון למעשר שני, שראשון שייך ללוים והשני שייך גם להבעלים אבל צריכים להעלותו לירושלים ולאכלו שם עם בני ביתו, ומעשר עני מתחלק לעניים, ומהא דכתיב עשר תעשר את כל תבואת זרעך כל הרוחים במשמע וסדר המעשר הוא שפעם הראשון צריכים להפריש חומש מן הקרן — שמכנים בעסקו — ואחר ניכוי ההוצאות שעלה לו — בעסקו — אז נותנים אחוז אחד מעשרה.

ר' הערש ליב סיפר ליעקב קערפיל את הסיפור המסופר בתוספות במסכת תענית דף ט' בשם המדרש, מעשה באדם אחד שהי' זהיר ומהדר במצות מעשר ועשתה שדהו אלף כורין — כור הוא שלשים סאה — והי' האיש ההוא מעשרת כדינה מאה כורין לשנה, ככה עשה כל ימי חייו, ויתעשר האיש ההוא עושר רב, וכשהגיעה עת פקודתו קרא לבנו ויאמר לו שדה פלונית שהוא מנחיל לו היא שדה גדולה וטובה ועושאת שנה שנה אלף כורין ויספר לו אודות המעשר ויצו עליו לשמור לעשרה כדין ונפטר לעולמו. בשנה הראשונה עשתה השדה אלף כור במו שהיתה עושה בחיי אביו והפריש הבן מאה כורין כפקודת אביו, לשנה האחרת צרה עיני הבן בהמעשר ויאמר כי רב הוא ויחליט שלא לעשרה ותעש השדה רק מאה כור — כרגיל בשדה כזו — ויצטער האיש על זה, וכששמעו קרוביו באו כלם לבקרו ויהיו מלובשים בגדים לבנים, שמחים ורוחם טובה עליהם. אמר להם האיש כמדומה לי שאתם שמחים בצרתי שהגיע לי היזק גדול כזה שאבדתי תשע מאות כורין תבואה טובה שהיתה השדה עושה תחלה אלף כור ועכשו רק מאה ומאה אלו הם זבורית לעומת האלף הקודמים שהיו עידית ויאמרו לו קרוביו אתה בעצמך גרמת לך היזק זה לפי שנתת עיניך בהמעשר בשעה ששמרת להפריש את המעשר הי' הקב"ה הכהן ואתה הבעל הבית ונתן לך הקב"ה חלקך וכשלא הפרשת מעשר נעשה הקב"ה בעה"ב ואתה הכהן ונתן לך את חלקך אחוז אחד מעשרה וזיבורית.

יעקב קערפיל סיפר לאשתו על אדות המעשר ויחליטו להפריש את המעשר כדינו ואשר יעשו זבח משפחה — זכר לחגיגה שהיו עושין בזמן שבית המקדש הי' קיים — מבלי להגיד סבת השמחה, ויאסוף יעקב קערפיל וציפא ברכה אשתו את כל רכושם, בכסף מזומן

ובשטרי חובות, ויספרו וימנו ויפרישו חלק חמישי לצדקה ויעשו סעודה גדולה, וכעבור שנה עשה יעקב קערפיל חשבון מדויק מהריוח שהרויח במשך השנה, וינכה את הוצאותיו על עסקו ויפריש הוא ואשתו את המעשר בשמחה רבה וכן עשה בשנה השני'.

צו זייט 193:

אין די רשימות פון רבי'ן מהוריי"צ נ"ע זיינען די איינצלהייטן פון דעם פרק צח און אָנהויבם פון פרק צט מער אויספירליך.

צו זייט 200:

וועגן ר' ישראל בעל שם טוב'ס אַרבעט אַלס צדיק נסתר — זע אויך ספר השיחות ה'תש"א ע' 152 און ווייטער. ח"י אלול ה'תש"ג ע' 18 און ווייטער. ע' 31 און ווייטער. ובכמה מקומות.

צו זייט 245:

וועגן ר' אליהו בעל שם פון ווירמייזע — זע אויך ספר השיחות ה'תש"א ע' 155. לקו"ד פערטער באַנד ע' תקד און ווייטער. ספר הזכרונות — ערשטער טייל פרק נו, נז, סא.

צו זייט 298:

וועגן שטאָט הארקי און דער רב ר' נחמן יצחק — זע ספר הזכרונות ערשטער טייל פרק נו, סא. צווייטער טייל פרק סה, סו, קיח.

צו זייט 288:

וועגן ר' משה'ס איבערקלייבן זיך פון פויזען א. א. וו. — מער אויספירליך וועגן דעם, מיט איינינע ענדערונגען, זע ווייטער ע' 376 און ווייטער.

# פערזאָנען-אינדעקס

(איינגערינגלט קומט געבורט־, אָדער וואוין־שטאָט.
נאָכדעם — דער קאַפּיטל).


אביגדור טוביה (פויזען). פ, פא.
אברהם אבינו. צ.
אברהם — ב"ר ברוך וויאזנער. עד, עו.
אברהם — בן ר' משה — (פויזען). קכה.
אברהם דער גערטנער (ליאזנע). קל—קלא, קלז.
אברהם סגל (וויטעבסק). קב, קד, קה.
אברהם אבא, דער בעקער (מינסק). קיד.
אברהם זאב (בעשענקאָוויץ). קלא, קלז.
אברהם חיים — בעל „תורת חיים" ו„צאן קדשים". קלא.
אברהם יאָסע, דער בעל עגלה (הארקי). קטז.
אברהם מענדל (הארקי). סד.
אברהם משה, דער שמש (דובראָוונע). סב, סג.
אברהם שאול (בריסק). סח.
אדם, בעל שם (ראָפּשיץ). עד, עה, עו, עז, עח, עט, צט, קז.
אדם, הראשון. קו.
אהרן, מלמד (פויזען). קכו־קכח.
אהרן דוד (בראד). צט.
אהרן יעקב, ב"ר יוסף (פינטשאוו). עו, עח.
אורי, מאנהיימער (לאָנדאָן). קיב.
אחיה השילוני. עח.
אלחנן (סלוצק). סז.
אלחנן, בראנדיס (פראג). פט.
אליהו, בעל שם (ווירמייזע). עב, עג, עה, פ, צא, קז, קכא, קלה־קלו.
אליהו, הנביא. קיט.
אליהו שלמה. סח.
אליהו שמואל (שאריי). צו.
אליעזר ראובן (דאבראמיסל). אריינפיר־ג, סב, סז, קיט.
אליעזר שמואל (פינסק). קלד.
אנטאָני — אברהם — יאסינאָווסקי (ווארשע). קיא.
אפרים — דער עוללות אפרים — (פראג). פו.
אריה ליב. קלא.
אשר יהונתן (פויזען). קכא־קכג.
אשר יהונתן — „דער אייזערנער קאָפּ" — (פויזען). קכא, קכג־קכד, קכו.
באשע רחל (מינסק). קיז, קיח.
בחיי. עו, קו.
בנימין — ב"ר ברוך בטלן — (פויזען). פג, צג, קכא, קכה־קכח.
בענעדיקט — פרינץ ראדזיוויל. סה, קד, קיא.
בצלאל, אבי המהר"ל. פג.

בצלאל, בן המהר"ל. פו, צא, צב.
ברוך, בטלן (פויזען). פ־פג, צב, צג, קז, קכ, קכא, קכד־קכח.
ברוך — דער פּאַטער פון אַלטען רבי'ן.
אריינפיר ב־ג, סב, סד, סז, עט־פ, צד, צט, קז, קטו, קיח־קכ, קכד, קל־קלא, קלז.
ברוך, וויאַזינער (איליא). סז־עט.
גאלדע לאה (פינסק). קלה.
גבריאל (פינסק). קלו, קלז.
גבריאל חיים (וויטעבסק). קג.
גדליה זלמן (וויטעבסק). קג.
גדליה משה, גאָרדאָן (ווילנע). קי־קיב, קיד.
געציל שלמה (הארקי). סד.
גרעגאָר, די פיראַנטא (ווענעציע). קיב.
גרעגאָר, דער דרייצענטער (רוים). קח.
גרשון יצחק. צז־צט.
דבורה לאה (וויטעבסק). עט, פ, פג, צב־צה, צט, ק, קב, קה־קח, קטו, קיט, קכ, קל־קלא, קלז.
דוד. צז־צט, ק.
דוד (ארץ החיים). קכ, קכא, קכה, קכו.
דוד, המלך. פג.
דוד, נעטאַ (לאָנדאָן). קיב.
דניאל — ב"ר אברהם — (ליאזנע). קלז.
דער „איין אויגיגער סטאָליער" (פויזען). קכג.
הערש לייב. צה־צט.
זאב וואָלף, עטינגער. קב, קד, קה.
זבולון בנימין (דאָבראָמיסל). קיט.
זונדעל (פינסק). קלה, קלז.
זונדעל משה (דובראָוונע). סג.
זיגמונד, דער ערשטער — קעניג פון פוילען. קא.
זלמן, דער שינדער (הארקי). קטז.
זלמן ברוך (פינסק). קלד.
זלמן הירש, דער שניידער (פינסק). קלה.
זלמן חיים שרגא. ע.
זלמן ליב. ע.
זלמן ליב (וויטעבסק). קב.
זעליג צבי, דער קצב (הארקי). קטז.
חוה דבורה (פינסק). קלא־קלד.
חיים (דובראָוונע). סב, סג.
חיים — אביו זקנו של המהר"ל. פג.
חיים — אחי המהר"ל. פג.
חיים אורי (בריסק). סח.
חיים ישראל. ע.
חיים משה (פינטשעוו). צה.
חיים שמואל (הארקי). סד.
טילע — בת המהר"ל. פו.
טעוועל. קד.
טעוועל (פינסק). קלא־קלד.
יאָהאַן, הערצאָג פון מעהרען. פז־פח.
יהודה זוסע. קכז־קכח.
יהודה ליווא (ווערמייזא). פג.
יהודה ליוואי — מהר"ל מפּראג. פג־פח, צ־צב, קז, קח, קיד.
יהודה לייב — ב"ר שמואל נכד המהר"ל. צא, צב, קח.
יהודה לייב, סגל (וויטעבסק). קד.
יהודה לייב, פּוכאָוויצער (ביכאָוו). קלב.
יואל, בעל שם (זאמאשטש). עב־עג, עד, עה, עז, עח, פ־פג, קז, קכ, קכד־קכח.
יום טוב, העליר — דער תוספות יום טוב. צה.

יונה שמואל (פויזען). קכו.
יונתן, דער שמש (מינסק). קיז, קיח.
יוסף (איליא). סז.
יוסף — ב"ר ברוך וויאזנער. עד, עו.
יוסף אברהם, דער אויוען־מאכער (סמילע). עב.
יוסף יצחק — דער ליובאוויטשער רבי נ"ע — אריינפיר, א־ב.
יוסף יצחק (וויטעבסק). סז, עט, פ, צד־צה, צט, ק, קב, קד־קח, קטו, קיט, קל־קלא, קלז.
יוסף יצחק (שאריי). צה.
יוסף ישראל, דער צימבלער (פויזען). קכג.
יחיאל, היילפערין — דער סדר הדורות — (מינסק). קא־קב.
יחיאל גרשון (בריסק). סט.
יעקב (פינסק). קלב.
יעקב, אבינו. צ.
יעקב — בן ר' משה — (פויזען). קכה.
יעקב, מרגלית (נירענבערג). פג.
יעקב, פאלאק (פרעמישלע). פג, קא.
יעקב, קערפיל (שאריי). צה־ק, קב.
יעקב, רייך (פראג). פג.
יעקב קאפעל (ארץ החיים). קכ.
יצחק (קראקע). פד־פה.
יצחק, אבינו. צ.
יצחק, כ"ץ — איידעם פון מהר"ל. צא.
יצחק, לוריא — אר"י. עו, קו, קז.
יצחק, קלובער (ווירמייזא). פג, פד, צא.
יצחק שאול (הארקי). אריינפיר־ג, סב, סד, עט, קטו, קיח, קיט, קכ, קל.
ירוחם פישל (דאבראמיסעל). קיט.
ישמעאל, דער תנא. עו.
ישראל (פינסק). קלד.
ישראל, איסערליש (קראקע). פה.
ישראל, בעל שם טוב. אריינפיר־ב, סב, סד, סה, עה, עח, עט, פ, צד, צט, קו, קז, קל.
ישראל אליי. ע.
ישראל חיים, דער קרעמער (פויזען). קכא־קכג.
ישראל יצחק. קלז.
ישראל יצחק — ב"ר אברהם — (ליאזנע). קלז.
כריסטיאן — אברהם — די לע־ציאטע (ווערא‍נא — איטאליע). קיב־קיד.
לודוויק (קראקע). קד.
לוי — רלב"ג. ע.
ליובאמירסקי. קד.
ליפט — בת ר' בצלאל בן המהר"ל. פו.
ליפע ברוך (הארקי). סו.
ליפע וואלף (וויאזין). סז.
לעמברעג, פראפעסאר (רוים). קי.
מאיר — ב"ר אברהם — (ליאזנע). קלז.
מאיר, דער תנא. עו.
מאיר, ז' גבאי. קו, קז.
מאיר, קאצענעלענבאגען — מהר"ם (פאדובא). פג.
מאיר נתן, דער קרעמער (מינסק). קיז.
מאקסימיליאן — פירשט. קח.
מאקסימיליאן — פרינץ. פח־צא.
מלכיאל (מינסק). קב, קד, קו, קז.
מנחם — ב"ר בצלאל בן המהר"ל. פו.
מנחם מענדל — דער ליובאוויטשער רבי שליט"א. אריינפיר־א.

מנשה — ב"ר שלמה משה (פויזען). פב, פג.
מנשה ישראל (סמילע). עג, עד, עו, עז, עח.
מרדכי. צט.
מרדכי דובין. אריינפיר־ב.
מרדכי, זאלצהיים (דייטשלאנד). פו.
מרדכי, מייזעל (פראג). פט, צ, צא.
מרדכי, צמח (פראג). פט, צא.
מרדכי אהרן, סגל. קד.
מרדכי לייב (פינסק). קלב.
משה (פויזען). פג, צא־צב, צד, קז, קח־קיב, קיד, קטו, קיח, קיט, קכא, קכד־קל.
משה — ב"ר יחיאל (מינסק). קא.
משה, בן ר' ישראל איסערליש — רמ"א (קראקע). פד.
משה — רמב"ם. עו.
משה — רמב"ן. עו, פד, קו.
משה, יפה (פינסק). קלב, קלג.
משה, קורדובירו — רמ"ק. עו, קו, קז.
משה אהרן, דער בעל עגלה (הארקי). קטז.
משה יצחק, סאבעל (פראג). פז־פט.
משה ניסן (מינסק). ק, קב, קד, קיד.
נח, דרדקי מלמד (וויטעבסק). פ.
נחום אהרן, דער שניידער (סמילע). עב.
נחום מאיר (סמארגאן). ק.
נחמן יצחק (הארקי). סד, סה, קטז־קיח.
ניסן (הארקי). אריינפיר־ג, סב, סה, עט.
נפתלי, דרדקי מלמד (ארץ החיים). קכ.
נפתלי הירץ. קלא.
נפתלי הערץ (פויזען). קלג.
נפתלי, כ"ץ (פראג). קלג, קלו.
נתן אריה (פינסק). קלג.
נתן דוב (וויטעבסק). קג.
סיני — אחי המהר"ל. פג.
סעמיאָן מאגגורקא (וויטעבסק). קג.
עזריאל יוסף (הארקי). סד.
עזריאל יעקב (וויטעבסק). קג.
פאול, דער פערטער (רוים). צא.
פיוס, דער פערטער (רוים). צא.
פיוס, דער פינפטער (רוים). קח.
פייוויש הענעך (דובראָוונע). סב.
פייווע זלמן (שארייי). צו.
פיער לואי. סה.
פנחס זעליג (שפייער). עה.
פסח, דער פראנצויז (הארקי). סה.
פסח צבי (הארקי). סה.
פערדינאנד, דער ערשטער (פראג). פו־פח.
פערדינאנד, פרינץ. פז־צא.
פערל — אשת המהר"ל (פראג). פג־פו, צא, צב.
פריידע (וויטעבסק). קב, קכה, קכח, קלא.
פרץ. קכ.
צבי (פאַלאַצק). עח.
צביה (ארץ החיים). קכ, קכה, קכו.
צדוק אליי, דער אגארנודניק (הארקי). קטז.
צדוק יחיאל (שווינציאן). עז־עח.
ציפע ברכה (שארייי). צה, צט, ק.
קדיש (וויטעבסק). צד, קב, קכ, קכא, קכה, קכו, קכח, קל־קלא.
קהת. צט, קד.
רבקה (ליאזנע). קל־קלא, קלז.
רודאָלף, דער צווייטער (פראג). צב.
רחל. קלז.

רחל (וויטעבסק). פ, פג, צב־צד, קב, קו, קז, קטו, קכא, קכד, קכה, קכח, קל.
רחל — בת ר' אברהם (ליאזנע). קלז.
רייכיל — בת המהר"ל. פו.
רייצע (פינסק). קלא.
רעאלינס — בת המהר"ל. פו.
רפאל (פינסק). קלב.
שאול (וויאזין). סז.
שבתי צבי. צא, קיד.
שלום שכנא (לובלין). סז, פג, פה, קא.
שלמה (בריסק). סח־עב.
שלמה — רשב"א. קו.
שלמה, זיגמונד זעליגמאן (קראקע). פד־פה.
שלמה, בן יחיאל לוריא — מהרש"ל (בריסק). פג, פד, צא, קלב, קלד.
שלמה אהרן (וויטעבסק). קג.
שלמה חיים (לעמבערג). צט.
שלמה משה (פויזען). פא־פג.
שלמה שמואל (פאלאצק). עה.
שמאי זונדעל — ב"ר פנחס זעליג. עה.
שמואל — ב"ר בצלאל בן המהר"ל. פו, צא, קח.
שמואל, דער לאנגער (וויטעבסק). קד.
שמואל, רייך (פראג). פג, פו־פז.
שמואל אליעזר הלוי, איידיל'ס — מהרש"א (אוסטרא). צא.
שמואל גדליה (פינסק). סט, ע.
שמואל נחום (דאבראמיסל). אריינפיר־ג, סב, סז, קיט.
שמואל עקיבא (שאריי). צה, צו.
שמחה (פויזען). קכא־קכב, קכג.
שמעון (פינסק). קלב.
שמעון, בעל האוצר (פינסק). קלא, קלד.
שמעון — ב"ר אברהם (ליאזנע). קלז.
שמעון, גמרא מלמד (ארץ החיים). קכ.
שמעון, דער קרעמער. קכ.
שמעון ליב, דער בעדער (מינסק). קטז, קיז.
שמערל אייזיק (וויטעבסק). קד.
שמריהו, גור אריה — איידעם פון ליובאוויטשער רבי'ן. אריינפיר־ב.
שמשון — אחי המהר"ל. פג.
שניאור זלמן — דער אלטער רבי. אריינפיר־ב, סב, פ, צא, קז, קיט, קלז.
שניאור זלמן (פויזען). פ, פג, צא, צב־צד, קב, קיד, קטו, קכא, קכד, קכה, קכח, קל.
שרה (ליאזנע). קלא, קלז.
שרה (פויזען). צא, קכה, קכו.
שרה גיטל (פויזען). פ, פא.
שרה רבקה (הארקי). קטז־קיח.

ספר זה נדפס על ידי

ר' שמואל שי' ב"ר נחום מאיר וחיי זעלדא ע"ה
קאראקאווסקי

שו"ב דמאנטרעאל, קאנאדא

•

לעילוי נשמות

הוריו, חותנו וחמותו

•

ולעילוי נשמת

זוגתו
מרת פייגא לאה בת ר' יצחק דוד ושרה פרומא ע"ה

נפטרה כ"ג אייר, ה'תשכ"ב